STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05596

YERIKHE

Shmuel Izban

Permanent preservation of this book was made possible
by Harry L. Frisch
in memory of
Jacob Frisch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל איזבאן

י ר י ח ו

בוך

59

שמואל איזבאַן

יריחו

היסטאָרישער ראָמאַן

ציכנונגען:

פון קינסטלער ב ע ן (פּאַריז)

פאַרלאַג "ייִדבוך"

ביי דער

"געזעלשאַפט פאַר ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"

בוענאָס-איירעס

1966

Printed in Argentina
Impreso en la Argentina
© by
S. ISBAN
New York

Hecho el depósito que marca la Ley

Industria Argentina

Este libro se terminó de imprimir en el mes de octubre de 1966 en los Talleres Gráficos "CULTURA" — Sarmiento 2157, Bs. Aires, República Argentina.

אינהאַלט:

קאַפּיטל איינס	זייט	7
" צוויי	"	21
" דריי	"	34
" פיר	"	46
" פינף	"	59
" זעקס	"	80
" זיבן	"	98
" אַכט	"	118
" ניין	"	134
" צען	"	150
" עלף	"	159
" צוועלף	"	177
" דרייצן	"	196
" פערצן	"	210
" פופצן	"	220
" זעכצן	"	241
" זיבעצן	"	254
" אַכצן	"	269
" ניינצן	"	280
" צוואַנציק	"	295
" איינאונצוואַנציק	"	305

קאַפּיטל איינס

א

אין אַלע טעג פון יאָר האָבן די אָדלערס געהיטן דאָס הויז פון מלכים אין יריחו, אַז וועלף זאָלן נישט לויערן ביי זייערע שוועלן. זינט די ערד איז פול געוואָרן מיט רויב און איין פאָלק אויף דעם אַנדערן האָט אויפגעהויבן די שווערד, זענען די טויערן פון שטעט געוואָרן באַוואַכט דורך שפּיזן־טרעגערס און בויגן־ציערס. אָבער אין יענעם טאָג, ווען די צוויי אויסשפּירערס פון יהושע בן נון זענען אָנגעקומען אין יריחו, איז די פעסטונג־שטאָט געווען אויפגעריגלט.

אין באַגינען האָבן די אויסשפּירערס אַריבערגעקלעטערט די דריי ערד־וואַלן הינטער דער טאָפּלטער מויער. דאָס ליכט פון דער וועלט איז ערשט אויפגעגאַנגען און די אויסקוקערס זענען געבליבן שטיין פאַרוואונדערטע אין דער שטאָט פון פעסטונגען, וואָרום אַזוינס איז נאָך נישט געשען ביז צו יענעם טאָג אין יריחו, אַז די וועכטערס איבער צען און די וועכטערס איבער הונדערט זאָלן פעלן ביי די טויערן. דער אַריינפאָר איז געווען פאַרלאָזן און פונעם טורעם איז פאַרשוואונדן דער אויסקוקער, האָבן די צוויי אויסשפּירערס פון ישראל זיך געלאָזט גיין צו דער גאַס פון די שפּינערס. דאָס פייער פון דער אויפגייענדיקער זון האָט פאַרגאָסן די בוידן פון די ליאַרמענדיקע הענדלערס, געפלאַקערט אויף די זיילן און ווענט און געצונדן די קעפּ און בייכער פון די בראָנזענע אָפּבילדער ביים ערשטן געצנהויז.

און ווי זיי זענען טיפער אַריין אין דער גאַס פון די שפּינערס, האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן דעם אָנזאָג פון זייער קריגסהאַר יהושע, אַז אומדערשראָקן און וואַכזאַם זאָלן זיי זיין אין דער פרעמדער שטאָט. אויס באַוואָרעניש האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט אַהין און אַהער און זייערע אויגן זענען געווען ווי ביי די וואַכטפייגל. דער ערשטער אויסשפּירער כלב בן יפונה, געוויקסיק אין געשטאַלט און אָנגעגאָסן אין די אַקסלען, האָט ענגער איינגעהילט דעם טונקעלען מאַנטל, אויסגעשטיקט פון וועבאַרבעט, אַז מען זאָל נישט אַרויסזען דאָס פּאַנצער־העמד אויפן לייב. ער איז געווען העכער פון אַ שפּיזן־וואַרפער און די באַלענס אויף

זיין נאַקן זענען געווען אָנגעשפּאַנט. ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע געפלאָכטענע באָרד. די לוסטיקע אויגן האָבן געבליצט און אין דער שאַרפער אויסגעזעגטער נאָז איז געווען די קראַפט פון אַן אָדלער. דער צווייטער אויסשפּירער פּנחס בן אלעזר איז געווען מאָגער אין גוף. זיינע אומרואיקע אויגן אונטער דעם פלאַך־געפורעמטן שטערן, האָבן פאַרווירטע געקוקט אויף דער פרעמדער וועלט. די העלע באָרד איז געווען קורץ, אָבער די לאַנגע האָר האָבן ווי לאָקן זיך גע־קרייזלט ביז צום נאַקן. ער האָט אַראָפּגענומען זיין רייכן דעקטוך און צעעפנט דעם בלויען אַקסלבאַנד נישט צו פאַרשטעלן די אויסגענייטע קליידער מיט די זילבערנע זוימען.

ביידע האָבן אויפגעהויבן די אויגן אויף רעכטס און אויף לינקס און שווייגנדיק זיך פאַרנומען צום שטיינערנעם אַראָפּלאָז, וואָס האָט געפירט צום גרויסן מאַרק.

אין מאַרק איז געווען שטיל. נישט קיין ענגשאַפט אַרום די אָנגעשטאָפּטע בוידן און נישט קיין געליאַרם ווי אין די טעג פון יאַרידן. די ווינציקע אויפ־קויפערס אין זייערע וואָלענע מאַנטלען און קליידער פון ליינענטוך, האָבן אויס־געמיטן די פּרייזלעכע הענדלערס, וועלכע האָבן אונטערשפּרינגענדיק געפּאַכעט מיט די לויזע דעקטיכער. טעכטער אין שלייערס און מאַמעס מיט אָפּגעדעקטע בריסטן, צוגעטוליעט צו די ליפּן פון זויגלינגען, זענען פאַרגליווערטע געזעסן אויף אויסגעשפּרייטע טעפּיכער. אויף ראַגאָזשעס זענען געווען אויסגעשטעלט ליימענע קרוגן, איילאָמפּן און איידעלע געוואַנדן. בעטלערס מיט אויסשלאָקן אויף די לייבער האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף די גוטע און באַרמהאַר־ציקע דורכגייערס, און באַבערדלטע צוויבערלייט האָבן נישט געהאַט פּאַר וועמען צו ווייזן זייערע וואונדער־צייכנס. פון הינטער אַ פאַרהאַנג האָט אַ זונה אַרויס־געטריבן אַ באַזויפענעם לוסטיונג און פּאַר אַ ברונים האָט אַ באַרוועסער ריז, אַ חיתי געשפּרייזט איבער זעק מיט אויפגעשטאָכענע שפּיזן, אָבער ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל באַוואונדערן זיינע גבורות. קעמלען אָן לאַדונג, אַנשטאָט רייכע הויבשטולן מיט פירשטן, האָבן גערוט פּאַר אַ שפּילהויז. דורכגייענדיק דעם מאַרק ביז צו די זיילן פון דעם ווייסן געצנהויז, האָבן די אויסשפּירערס אויפגעהויבן די אויגן אויף די הויכע מויערן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט און זיך געוואונדערט: ווער האָט אַרויסגעפירט אין דעם היינטיקן טאָג דעם המון פון דעם דאָזיקן וואוינאָרט?

און ווי גרויס ס'איז געווען זייער פאַרוואונדערונג אַזוי שטאַרק זענען זייערע הערצער אויפגערודערט געוואָרן. אָנגעזאָגט זענען זיי געוואָרן צו שפּרינ־גען איבער פלוינען, אַנשטאָט דורכצוגיין די אָפענע גאַסן, אָבער זיי האָבן גע־שפּרייזט אינמיטן שטאָט ווי שטאָלצע לאַנדבאַזיצערס פון מואב ווי זיי וואָלטן



וישלח יהושוע בן נון מן השטים שנים אנשים מרגלים... — און יהושוע דער זון פון נון
האָט אַרויסגעשיקט פון שיטים צוויי מענטשן אויסקוקערס...

פלוצים פארגעסן וואס דער ערשטער שלאכטמאן יהושוע בן נון האט זיי באַ־פוילן: אייערע טריט זאלן זיין זאכטע ווי ביי אומשולדיקע דורכפארערס. קיין פרויען זאלט איר נישט אנרירן אין דער פרעמדער שטאט. קיין אונטער־קויף־געלט זאלט איר נישט נעמען און דעם סוד פון ישראל זאלט איר האלטן פארבארגן אין אייערע הערצער! ווי אזוי האט דער קריגס־פירער געקענט חושד זיין, אז לויז ווערן וועלן די צינגער ביי די, וואס מיט זייער אייפער האבן זיי זיך אנגענומען פאר דעם כבוד פון ישראל און פאר דעם צארן פון גאט? צי האט יהושוע פארגעסן די שפיז, וואס פנחס האט אריינגעשטאכן אין לייב פון זמרי בן סלוא און כזבי, די טאכטער פון מדין, ווען זיי האבן זיך געפארט אין מדבר פאר די אויגן פון גאנץ ישראל? און צי האט דער האר פון הימל און ערד אליין נישט געזאגט: כלב מיין קנעכט, ער האט זיך אנגענומען פאר מיין נאמען קעגן דער ווידערשפעניקער עדה?

דער זילבערנער טורעם פון געצנהויז האט געפלאקערט קעגן דער ברענענ־דיקער זון. און דארט, אין ווייטן אויסבויג, וואו הימל און ערד זענען זיך צו־נויפגעקומען, האט א טשאטע פייגל ווי פארשפעטיקטע פלעדערמייז געוואנ־דערט נידעריק אונטער די וואלקנס. די אויסקוקערס האבן זיך פארנומען צום בארג־ארויפגאנג, וואס האט זיך געהויבן צום הויז פון די שטאט־הארן, וואו בייזע צינזן־אויפמאנערס האבן באשטראפט די פארשולדיקטע צום קעניג און פאלשע שופטים האבן געטון אומרעכט צו אלמנות און יתומים. זיי זענען דורכ־געגאנגען א בויגן־טויער. זיי זענען פארביי די שוועל פון א טונקעלען געביי ווי א קנאכיגער שווארצער קנעכט איז פלוצים ארויסגעשפרונגען פון א וואנט־עפענונג און זיך געשטעלט אויף די קניען פאר כלבן. זיינע ליפן האבן לייכט אנגערירט דעם זוים פון זיין מאנטל.

ביי כלבן האבן די נאזלעכער זיך פארצויגן. דער שווערער לייב־ריח פונעם קנעכט האט פארשלאגן זיין אטעם, א צערודערטער האט ער באפוילן:

— לאז פריי דעם וועג, קנעכט!

— דער וועג איז פריי צום הויז פון נמואל, דעם רייכסטן הענדלער אין יריחו.

און דער קנעכט האט אנגעשלאגן זיין שטערן אן דער ערד, א צייכן פון אונטערטעניקייט.

— האב איך דיך דען גערופן, אז דו זאלסט מיר ווייזן דאס הויז פון דעם רייכסטן הענדלער? — האט כלב צארנדיק געפרעגט.

— אלע דורכפארערס פון ווייטע שטעט טרעטן אפ אין הויז פון מיין האר.

— האט דער קנעכט געלאכט מיט די בליאסקענדיקע ציין — ווייל א וועג־ווייזער פאר פרעמדע איז ער. באווארנט אייך! א סכנה איז היינט צו גיין איבער

די גאַסן פון שטאָט. און נמואל מיין האַר האָט אַ באַהאַלטענע קאַמער פאַר אומגעבעטענע געסט.

די אויסשפּירערס זענען געוואָרן צעטומלט פון דעם קנעכט מיט דער הינטערליסטיקער צונג. זיי האָבן דערשראָקענע זיך איבערגעקוקט.

— פאַרוואָס זענען מיר אין דיינע אויגן פרעמדע אין יריחו? — האָט פנחס געפרעגט.

— דעם שטויב אויף אייערע שיך האָט איר געברענגט פון דעם לאַנד פון מואב אָדער פון לאַנד פון די אמורים און אַזעלכע גאָלד־באַצוימטע קליידער טראָגן נישט די הענדלערס אין יריחו. צי האָט איר נישט געהערט פון דעם גע־רודער אין דעם מלכס הויז? די צווייטע מלחמה האָט ער היינט פאַרלוירן און די פּריסטערס האָבן אַריינגעפירט דעם פיש־גאָט דגון אין טעמפּל פון בעל.

און ווי ביי די אויסשפּירערס זענען איינגעפאַלן די הערצער פון פחד, טאָמער האָט מען זיי דערקענט, האָט דער קנעכט געקוקט אויף זיי מיט אויגן, וואָס קענען זען דאָס אומגעזעענע.

און כלב האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם ווייטן טאָג, ווען ער און יהושוע בן נון פון די צוועלף אויסשפּירערס האָבן זיך אומגעקערט נאָכן אויסקוקן דאָס לאַנד כנען. צום סוף פון פערציק טעג זענען זיי צוריקגעקומען און האָבן זיך געשטעלט אין מדבר פאַר משה און אהרון און געוויזן די פּרוכט פון לאַנד. און ווי צען פון די אויסקוקערס האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף דער עדה און דערציילט, אַז די שטעט זענען באַפעסטיקט און אַ פאָלק פון ריזן, די קינדער פון ענק וואוינען דאָרט, האָט די גאַנצע עדה פון ישראל געוואָלט זיי פאַרוואַרפן מיט שטיינער. זענען משה און אהרון געפאַלן אויף די פּנימער, און ער און יהושוע האָבן צעריסן זייערע קליידער. אָבער דערנאָך האָט ער, דער אומדער־שראָקענער זיך אויפגעשטעלט און איינגעשטילט דאָס פאָלק פאַר די אויגן פון משה און געזאָגט: אַרויפגיין װעלן מיר אַרויפגיין און מיר וועלן ארבן דאָס לאַנד, וואָרום בייקומען וועלן מיר בייקומען דאָס פרעמדע פאָלק, וואָס האָט געירשנט די ערד פון אונדזערע אבות!

און די שליחים האָבן געדענקט דעם אָנזאָג פון יהושוען, אַז צוואַנציק טעג פאַר זייער שליחות און צוואַנציק טעג נאָך זייער שליחות זאָלן זיי זיין אָפּגע־שיידט פון זייערע פרויען און קינדער אַזוי ווי עס זענען אָפּגעשיידט די מענער פון זייערע ווייבער אין די טעג פון בלוטפליסונג. ווי הייליקע אין זייער אָפּגע־זונדערונג זאָלן זיי זיין, און איטליכער טאָר זיך נישט צורירן צו דעם לייב פון דער פרוי און נישט ליגן מיט איר.

כלב האָט זיך אַ קער געטון צו פּנחסן, וועלכער האָט אַ פאַרווירטער אַרויפגעקוקט צו די טורעמס און מויערן. די דאָזיקע פאַרזיגלטע און פאַר־

שלאָסענע שטאָט איז געווען פול מיט פּראַכט־הייזער און וואוינערטער פון פירשטן. די ווענט האָבן זיך געבאָדן אין ליכט. טייטלבוימער זענען געשטאַנען פאַר די שוועלן און אויסגעשטרעקטע צעדערן אַרום די וואַסער־באַסיינען. פון די רייפע צווייגן האָט גערונען דאָס פּעטס פון בליעכץ. און ווי די אויגן ביי פּנחסן האָבן געגאַפט און די נאַזלעכער האָבן געשניפט ווי ביי אַ לעמפּערט, וואָס אַרום אים לויערט אַ געפאַר, האָט ביי כלבן דאָס האַרץ אויפגעשטורעמט. אַ גבורה איז אין אים אויפגעגאַנגען, וואָרום ער האָט געזען ווי אַ גרויסע בהלה וועט באַפאַלן די שטאַרקע שטאָט אין טאָג פון רעכנשאַפט און די איינוואוינער וועלן זיך צעלויפן אין פּחד. דער אַלמעכטיקער אַליין וועט אַרויסציען די העך־שער פון יריחו ווי הערנער פון אַ ווילדטיר. די פיינט וועט ער פאַרצערן און די ביינער פון מלכים וועט ער צעקנאַקן. כלב איז געווען אומדערשראָקן. נישט רו האָט ער אַצינד געוואָלט זען אויף די גאַסן פון יריחו, נאָר אַ האַרמידער. אַנשטאָט צו בלייבן פאַרבאָרגן האָט ער געהאַט אַ באַגער אַרויפצושפּרינגען אויף די טרעפּ פון דעם ערשטן געצנהויז און מיט אויסגעשטרעקטע הענט רופן צו דעם אומוויסנדיקן המון: אויף די קניען, איר פאַרלאָזענע פון גאָט, וואָרום פאַלן וועט די דאָזיקע שטאָט!

כלב האָט איבערגעקוקט דעם בויגן־טויער און זיין לייב האָט מער נישט געציטערט. די צערודערטקייט איז אַוועק און אויפן אָרט פון שוואַכקייט איז געקומען אומדערשראָקנקייט. אין יענעם אויגנבליק איז ער זיכער געווען, אַז ער איז ווי אַ זיגער צוריקגעקומען אין דעם לאַנד, וואָס איז ווידער געוואָרן זיינס.

יריחו איז געווען די נידעריקסטע פון אַלע שטעט אויף דער ערד. זי איז געלעגן ניין הונדערט פוס אונטער דער ים־פלאַך אין דעם גרויסן אויסהויל ביים טאָל פון ירדן. די שטאָט האָט זיך אַרויסגעהויבן אויף יענעם לאַנדשטיק, וואו עס איז געפלאָסן דער טייך ירדן צווישן דעם ים גינוסר און דעם ים המלח. יענער אויסשפּרייט איז געווען לויטער און ווייס אַלע טעג פון יאָר. אויסער אין פרילינג נאָך די רעגנס פון ברכה. אַרומגערינגלט פון די אומענדליכע וויסטע שטרעקעס, האָבן די וואוינערטער פון יריחו אויסגעזען ווי די שלווהדיקע רו־פּלעצער ביים גאָרטן פון עדן אַזוי ווי דאָס איז באַשריבן אין די מגילות וועגן באַשאַף פון דער וועלט. די שטאָט וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום אָפענעם לאַנד, אָן צוימען, אָן גרעניצן און צו די בערג פון מואב און גלעד, איז געווען אַ בליענ־דיק וואוינאָרט און איר לופט איז געווען אָנגעטרונקען מיט די שמעקעוודיקע ריחות פון פלאַנצן און פרוכט־ביימער און פון די זאַטע פעלדער פון קאָרן.

די מלכים פון יריחו האָבן געפירט מלחמות מיט פעלקער שטאַרקערע פון זיי. אָבער די שטאָט פון פעסטונגען איז תמיד פאַרהיטן געוואָרן פון פאַרלענ־

דונג. די איינוואוינערס האָבן געלעבט אָן אנגסט, אָן פּאַרכט און די אומדער־שראָקענע קריגסלייט, זין פון ריזן, זענען אין די טעג פון באַלאַגערונג אַנגע־לאָפן פון די פּלוינען, וואָס אין נידעריקן לאַנד, צו שיצן די מויערן פון דער קרוינשטאָט. פאַר די אַרומיקע לענדער איז די פרייליכע שטאָט געווען דער רייכסטער מאַרק פון דער וועלט. אַדעלליים זענען געקומען אַהער געניסן פון איר פּראַכט. הענדלערס פון אַנדערע פעלקער פלעגן פירן אַהער זייערע סחורות און בוימיינסטערס פון דעם צפון־באַרגלאַנד האָבן אַראָפּגענידערט צו בויען דאָ פּאַלאַצן פאַר די פירשטן.

כלב האָט דערשפּירט א האַנט אויפן זוים פון זיין מאַנטל. דער קנעכט תובל איז געלעגן ביי זיינע פיס. זיין צונג האָט זיך געבעטן:

— קומט מיט מיר אין הויז פון מיין האַר נמואל. ווי א פריינט וועט ער צו אייך אויסשטרעקן די הענט.

— מיר זענען נישט אַריינגעקומען אין יריחו זוכן פריינט — האָט פּנחס געענטפערט מיט גרינגשעצונג.

— די פריינטשאַפט פון מיין האַר איז אַזוי ווי וויין. נאָך דעם ערשטן זופּ באַגערסטו מער. און נאָך איידער דו קוקסט אַהין און אַהער ביזטו שוין שיכור.

כלב האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג.

— צי זענען מיר דען שיכורן געקומען ביז אַהער?

תובל איז געבליבן אונטערטעניק אויף די קניען.

— נמואל מיין האַר האָט מיך באַשוואוירן אייך אַנטקעגן צו גיין. איך ברענג אייך זיין ברכה פון פרידן און זיין אָנבאָט פון פריינטשאַפט.

פּנחס האָט אויף אים געוואָרפן א שטרענגן בליק.

— מיר וועלן אָננעמען די ברכה פון פרידן און אָפּזאָגן די פריינטשאַפט.

און ווי ביידע אויסקוקערס האָבן אָנגעהויבן שטעלן טריט, איז דער קנעכט זיי פאַראויסגעלאָפן און געזאָגט:

— דער קעניג איז טרויעריק. אין פּאַלאַץ זענען פאַרזאַמלט די קריגס־פירער און די ראַטגעבערס. זיי טרינקען וויין און פאַרגיסן טרערן אויף די גע־פאַלענע. אָבער איך, תובל האָב פיינט דאָס געוויין פון די גרויזאַמע. זאָלן מיך אַלע געטער פון כנען פאַרהיטן פון א הויפטמאַן און פון א צינזהאַר, וואָס קומט מיך טרייסטן אין מיין אומגליק! — און ער האָט אַרויפגעלייגט צוויי פינגער אויף זיינע טונקעלע ליפּן — מיין צונג האָט גערעדט מער ווי זי מעג. דאָס הויז פון מיין האַר איז אָפן. נמואל, דער וועגווייזער פאַר פאַרבלאָנדזשעטע וואַרט אויף אייך.

ש. אײזבאַן

ב

אין דעם טונקעלען געבײ האָבן שאַרפֿע, דופּטיקע ריחות אױפֿגעריסן זײערע נאָזלעכער. דער קנעכט האָט אױפֿגעריגלט אַ טיר און אונטערגעהױבן אַ פֿאָרהאַנג פֿון לײַנענטוך. בײַ כּלב'ן און פּנחס'ן האָבן די אױגן געוואַנדערט איבער די פֿיר װינקלען. פֿאַר יעדער וואַנט איז געװען אַ פֿאָרהאַנג און בײַ יעדער שװעל איז געזעסן אַ טונקלהױטיקער װעכטער מיט אַ נאַקעטער שװערד אױף די קניען. דער קנעכט תּובל, לײַכט אױפֿן גוף און גרינג אױף די פֿיס, איז פֿאָראױסגעלאָפֿן און אױפֿגעריגלט די מיטלסטע קופּערנע טיר. די אױסשפּירערס זענען אַרײַן אין אַ קאַמער מיט ברענענדיקע פֿאַקעלן איבער די גזימסן. פֿון די אָפֿענע קאַסטנס בײַ די װענט האָבן אַרױסגעבליצט רובינען און טאַפּאַזן, יאַכצום און אַגאַטען, אַניקלען און יאַשפּיזן. דאָס צירונג האָט װי דאָס ליכט פֿון דער זון באַלױכטן די קאַמער. אין די װינקלען זענען געװען אױסגעשטעלט קרוגן מיט הױכע העלדזער און בראָנזענע װאַזעס מיט געװירצן און דופּטיקע װאַסערן. דאָס געבײ, װאָס די אױסקוקערס האָבן געמײנט, אַז ס'איז דאָס הױז פֿון אַ גאָלדהענדלער, איז אױך געװען אַ קאַמער מיט טײַערע זאַלבן און פּליסירקײטן פֿאַר די אײדעלע לײַבער פֿון שײנע פֿרױען. פֿון די באַלקן־ברעטער און פֿון די דיקע טעפּיכער אױף דער ערד האָבן געבלאָזן שװערע ריחות, װאָס האָבן אָנגעטרונקען די לופֿט מיט די פֿאַרבאָרגענישן פֿון כּישוף.

כּלב האָט געזוכט הינטער זיך דעם קנעכט תּובל, אָבער פֿון אַן אױסהױלעניש איז פּלוצים אַרױסגעקומען אַ הינקענדיקער זקן, אײַנגעהילט אין אַ געשטרײַפֿטן דעקטוך. די צװײ פֿאַלדן פֿון זײַן װײַסער באָרד זענען געװען טיף אַרײַנגעװאַקסן אין האַלדז. אין די גרינע אױגן האָבן געברענט פֿײַערן װי פֿאַקעלן. ער האָט זיך פֿאַרנײגט און די באָרד האָט זיך געשפּאָלטן אין אַ האָריקן שמײכל. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אױפֿן טעפּיך און אָנגעװיזן די געסט, זײ זאָלן אים נאָכטון.

— איך בין נמואל — האָט ער געזאָגט — נישט פֿאַרדריסן זאָל מײַנע געסט, װאָס כ'האָב זײ נישט אָפּגעװאַרט אין טױער פֿון שטאָט. די יאָרן און די קללה אין מײַנע פֿיס האָבן מיך באַרױבט פֿון דעם פֿאַרגעניגן.

— פֿונװאַנען װײסטו, נמואל, אַז אָנגעקומען זענען מיר הײַנט אין טױער פֿון שטאָט? — האָט כּלב געפֿרעגט.

דער זקן האָט צוגעלײגט זײַן װײַז־פֿינגער צו די ליפּן. די טיפֿע קאַרבן אױפֿן װאַקסענעם פּנים האָבן זיך צעעפֿנט.

— דער װאָס װײסט די סודות פֿון די געטער, פֿאַר אים זענען נישט פֿאַרהוילן די פֿאַרבאָרגענישן פֿון די קריגסמענער פֿון ישׂראל.

אָבער כלב׳ס צונג איז געבליבן אומדערשראָקן:

— טעותדיק זענען דיינע רייד, נמואל. דורכפּאָרערס פון אַ ווייט, פרידלעך לאַנד זענען מיר און אָנקוקן זענען מיר געקומען די פריילעכע שטאָט. מיר וועלן זיך נישט אַ קער טון פון רעכטס ביז לינקס. שפּייז וועלן מיר קויפן און פאַר די געטראַנקען וועלן מיר באַצאָלן. און ווייל דיין קנעכט האָט אונדז געפירט צו דיר, נמואל, פרעגן מיר דיך אַצינד: וואו איז דאָס אָרט אין שטאָט, וואו מיר קענען אָנוואָרעמען דאָס בלוט און אויפוועקן די כוחות פון לוסט? אין אַלע לענדער ווייסט מען, אַז יריחו שטייט אינמיטן דער וועלט. דאָס האַרץ פון מזרח איז די שיינע צווישן שטעט.

— דאָס האַרץ פון מזרח איז יריחו, אָבער פאַרדאָרבן איז דאָ דאָס הויז פון די הערשער. דאָס רויב ליגט אין די ביַיטלען פון די צינזהאַרן און פון אונטערקויף־געלט איז נישט פריי דער פירשט און דער פּריסטער.

כלב האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן:

— און זיי פאַרכטן נישט פאַר שטראָף?

— די אויסגעלאָסענע און פאַרדאָרבענע האָבן זיך באַזעצט אין דעם העכסטן הויז.

— און דעם קעניגס וועכטערס האָבן זיי נישט פאַרטריבן?

— די שפּין קענסטו מיט די הענט נישט אָננעמען, אָבער זי וואוינט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ.

— דאָס וואָס דו דערציילסט איז ערגער פון אַלץ, וואָס מיר האָבן געהערט וועגן די רויבער פון אשקלון. איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אויפוועקן די גענאַרטע און אויפשטורעמען די באַרויבטע?

— מיין פאָטער האָט מיך געלערנט: דריקן די נאָז ברענגט אַרויס בלוט און דריקן צאָרן ברענגט אַרויס קריג... די מלכים אין כנען האָבן אויף זייערע נאַקנס דעם צאָרן פון פאָלק, דעריבער וועלן זיי פאַלן פאַר אייערע ברידער, די קריגערס פון ישראל.

כלב האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט אַפּצולייקענען זיינע רייד:

— ווער האָט דיר דערציילט, אַז אונדזערע ברידער זענען זיי?

ביי נמואל׳ן האָבן די מידע אויגן־דעקלעך זיך געקלעבט. די קאָרבן אויף זיין פאַרמעטנער הויט האָבן זיך פאַרמאַכט ווי אויסגעטריקנטע גריבער. ער האָט אַרויפגעצויגן אַ שלויען שמייכל אויף די בלייכע ליפּן.

— איך בין אַלט און מיד — האָט ער געזאָגט — די טעג פון לעבן רינען אויס ווי טראָפּנס וואַסער פון אַן אָפענער רער. אָבער די צייט, ווען דער מענטש גייט אַרום אויף דער ערד, ווערט נישט געמאָסטן מיט טראָפּנס וואַסער נאָר מיט די געשעענישן אונטער דער זון. איין טאָג קען זיין רייכער פון אַ יאָר און

אײן שעה פֿולער פֿון אַ ברונעם. דעם דאָזיקן אמת האָב איך, נמואל, געלערנט אויף מײַנע װאַנדערונגען. דעריבער האָב איך אײַך גערופֿן אין מײַן הױז. זאָלן אײַערע הערצער זיך נישט שרעקן. איר שטײט פֿאַר אַ גערעכטן מאַן, װאָס װערט באַדריקט אין דער שטאָט פֿון רויב. רעדט און זאָלן אײַערע צינגער נישט בלײַבן געבונדן.

כלב איז געװען גרײט צו פֿאַרפֿירן אַ שטרײַט מיט דעם קלוגן זקן, װאָס איז געװען באַװאַקסן װי ער װאַלט אַרױסגעקומען פֿון אַן אור־װאַלד. אָבער פּנחס האָט מיט אַ צײַכן אים געהײסן שװײַגן. זײַנע קניען האָבן געציטערט און די צונג האָט צוגעטריקנט צום גומען. אין זײַן מוח איז דורכגעלאָפֿן אַ װירבלװינט און דער נעפּל, װאָס איז אױף אײן רגע געשטאַנען פֿאַר זײַנע אױגן װי אַ װאָלקן, איז אױסגערונען. אַ שטים האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס האָט דער באַשעפֿער אַלײן אַראָפּגענומען די האַנט פֿון זײַנע אױגן ער זאָל דערזען דעם צעקנײטשטן אַלטן מאַן אין זײַן שלױקײט. אױפֿגעמונטערט פֿון דער געטלעכער הילף האָט ער געזאָגט.

— אױב דערקענען האָסטו אונדז דערקענט נמואל, װעל איך רײדן צו דיר רײד, װאָס עס טאָרן נישט הערן מלכים און קריגספֿירערס פֿון דעם אָפֿענעם מדבר זענען מיר הײַנט אָנגעקומען. די אױסקוקערס פֿון ישׂראל זענען מיר. דאָס געשװאױרענע לאַנד, פֿונװאַנען עס זענען אַרױסגעגאַנגען אונדזערע שטאַם־פֿאָטערס, קומט מײַן פֿאָלק צוריקנעמען. דער האַר פֿון הימל און ערד אַלײן, װאָס האָט אַרױסגעפֿירט אברהמ׳ען פֿון אור־כשׂדים, װעט אונדז אַרײַנפֿירן אין די שטעט, װאָס פֿרעמדע הערשער האָבן פֿאַרנומען. אַרױס פֿון כנען זענען אונ־דזערע עלטערן אַ קלײנע משפּחה, װינציק אין צאָל, אָבער צוריק קומען מיר װי אַ גרױס פֿאָלק, געטריבן פֿון גאָטס אָטעם און געפֿירט פֿון אומדערשראָקענע קריגסלײַט.

נמואל האָט אױסגעשטרעקט צװײ האַרע הענט װי טױטע צװײַגן און מיט פֿרײד אױסגערופֿן:

— אױב װי אױסקוקערס זײַט איר געקומען, גײט אַרױס אין מאַרק פֿון די טעפּערס! דער המון איז דאָרט אײַנגעזאַמלט. פֿון זײַערע ביטערע מײַלער װעט איר הערן דאָס געשרײ פֿון דעם באַדריקטן פֿאָלק. אין יריחו איז מאַכט בלױז אַ שאָטן. אָבער װי נאָר אַ מלחמה װעט קומען, װעלן זײַלן פֿײַער אײַנהילן די שטאָט און איר װעט הערן אין די דונערן פֿון די אײַזערנע שטורים־הערנער אױף די מױערן און אין די פֿלאַמען פֿון די בראַנדהעלצער װי עס זידט דאָס בלוט פֿון די שװאַכע, װעלכע װאַרטן אױף דעם נקום פֿון די רעכטפֿאַרטיקע.

— אַזױ פֿײַנט האָבן די באַװאױנער זײַערע הערשער? — האָט כלב געפֿרעגט.

— די פיינטשאפט איז גרעסער פון זייער שרעק און די נקמה איז שטאַר־קער פאַרן פחד פון שטראָף. דערשראָקן האָבן זיך די פירשטן אין פּאַלאַץ ווען זיי האָבן געהערט, אַז אייערע קריגסלייט שטייען אויף יענער זייט פון טייך ירדן. עס ציטערן פאַר אייך איין און דרייסיק מלכים. ערשט נעכטן האָט דער קעניג געזאָגט צו זיינע עלטסטע: עס וואַנדערט אַרום דאָרט אין דעם גרויסן מדבר אַ פאָלק, וואָס אַזוינס האָבן מיר נישט געזען און נישט געפונען אין קיין אַנדער אָרט אונטער דער זון. לאָמיר זיך באַוואָרענען קעגן די קריגערס, וואָס ווערן געפירט פון אַ גאָט, וועלכער איז איינגעהילט אין וואָלקנס רויך בייטאָג און אין זיילן פייער ביינאַכט.

— נמואל — האָט פנחס זיך אָנגערופן — אויב אַזוי גרויס איז דער פחד פאַר די קריגסלייט פון ישראל, פאַרוואָס זאָל אַצינד נישט אויסגעמיטן ווערן די מלחמה פון די גערעכטע קעגן די פאַלשע? פאַרוואָס זאָל יריחו, די שטאָט פון פעסטונגען פאַרצערט ווערן פון פייער? אויב דיין צונג קען שטראָפן די הערשערס, נמואל, גיי היינט צו די אויבערהאַרן פון שטאָט און זאָלן זיי קויפן ביי אונדז דעם פרידן! אויסקויפן זאָלן די רעגירער דעם שלום פאַר כנען, אויב אפילו קאָסטן זאָל דער פרידן מוזן אַלדאָס אָנגערויבטע גאָלד אין קעניג־רייך. עס טאָר נישט פאַראָרעמט ווערן דאָס לאַנד! לייזט זיך אויס פון אונ־טערגאַנג איידער גאָטס צאָרן וועט אויף אייך זיך אויסגיסן אַזוי ווי דאָס שוועבל און דאָס פייער האָט זיך געגאָסן אויף סדום און עמורה!

אַ טיפער אומרו האָט באַדעקט דאָס איינגעפאַלענע פנים פון דעם אַלטן מאַן. ער האָט אויסגערופן:

— אויסקויפן פרידן? די ביטערע הערשערס וועלן בעסער פאַר דעם גאָלד קויפן שפּיזן און רייטוואָגנס, אַז כנען זאָל נישט דאַרפן ליגן אַ פאַרשעמטע אין שטויב פאַר די פיס פון די זיגערס.

כלב, דערזעענדיק זיין אומרו און פאַרווירונג, האָט געפרעגט:

— נמואל, דיין האַרץ איז ביטער און די פלוך אויף דיין צונג קען אומ־ברענגען די שטאָט, נאָך איידער עס וועט לאַגערן די מחנה פון ישראל. אויב מיט אונדז ביזטו און נישט מיט אונדזערע פיינט, וועסטו דאָך אונדז נישט אויסגעבן. זאָג אונדז דעריבער: ווי שטאַרק זענען די פעסטונגען און ווי גרויס איז די צאָל באַוואוינער אין יריחו? זענען אַלע קריגסלייט ריזן, וואָס פאַרכטן נישט פאַר די שווערדן פון די שטאַרקע?

נמואל האָט צעפירט די הענט. אויף זיינע טרוקענע ליפּן האָט זיך גע־בלעזלט אַ שמייכל.

— יריחו איז ווי אַ פרוי — האָט ער געזאָגט — שיין און פוסט און זי זיצט אין אַ הויכשטאָקיגן פּאַלאַץ און קוקט אַראָפּ אויף די פעסטונגען און

טורעמס. איר לייב איז באַגאָסן מיט דופּטיקע פּליסיקייטן. איר נאַקן איז באַ־דעקט מיט טייערע צירונג־שטיקער, אָבער זי זעט נישט ווי די זיילן פון הויז טרייסלען זיך און די שוועלן ביי די טירן ציטערן.

כלב האָט מיט אומצוטרוי געקוקט אויף דעם זקן און זיינע ליפּן האָבן געשוויגן. פּנחס האָט זיך געשראָקן, אַז די רייד זענען פאַלשע. דער פּחד פאַר באַטרוג האָט אויפגעשטורעמט זיין האַרץ און ער, דער מאַן, וואָס האָט מיט דער שפּיז פון נקמה אויסגעלאָשן גאַטס צאָרן אויף די קינדער פון ישראל אין מדבר, האָט אַצינד געפרעגט:

— פאַרוואָס ווילסטו אונדז פאַרבלענדן, נמואל? צי באַגערסטו אונדז אַריינצוכאַפּן אין אַ שטייג, אַז אומקומען זאָלן אונדזערע קריגערס צופוסנס די פעסטונגען? ווי מורא'דיק זענען די מעשיות, וואָס מיר האָבן געהערט אין מדבר וועגן דער שטאַרקייט פון יריחו! צי איז דען נישט געגליכן דיין שטאָט צו אַ הונגעריקן לעמפּערט, וואָס זיינע ציין קריצן קעגן דעם אמורי און זיינע לאַפּעס לויערן אויף די מלכים פון די מדינים און פון די חיתים?

נמואל האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין זיצאָרט און צוגעשפּרייזט צו די צוויי אויסשפּירערס. ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט איבער זייערע קעפּ ווי ער וואָלט זיי געוואָלט באַשיצן און געזאָגט:

— ווי אַ לאָם וועט דער הונגעריקער לעמפּערט זיך אויסציען פאַר אייערע פייל־וואַרפער און שפּיזן־טרעגער! ווער וויים עס נישט, אַז די קריגסלייט פון ישראל זענען ווי צאָרנדיקע אָדלערס, געשווינד אין פלי, פלינק אין גבורה. זיי זענען בייסיקער פון אַ האָרנשלאַנג אויפן וועג און שטאַרקער פון אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט.

— דו רעדסט ווי איינער, וואָס וויל דעם אונטערגאַנג פון יריחו, נמואל. אָבער דיין שנאה צו דיינע מלכים איז פון אונדז פאַרבאָרגן. וואָס איז דיין סוד?

— נקמה — האָט נמואל געזאָגט.

— ווי גרויס איז די מאָס שלעכטס, וואָס איז דיר געטון געוואָרן?

— גרעסער ווי די ביטערקייט, וואָס האָט פאַרסמט מיין האַרץ. פאַר מיינע אויגן האָבן דעם צינזהאַרס וועכטערס דערשטאָכן מיין ערשטן זון, ווען ער האָט זיי קיין אונטערקויף־געלט נישט געוואָלט געבן און זיין יונג ווייב נישט געלאָזט שענדן. און איך האָב פאַר מיין שטאַרבנדיקן זון געשוואוירן: דיין בלוט זאָל נישט אויפהערן צו זידן ביז איך וועל נישט זען יריחו אין שטויב! און איך האָב געבעטן ביי די געטער, זיי זאָלן שיקן אַ פרעמד פאָלק צו באַלאַ־גערן די שטאָט, אַז איך זאָל אין טאָג פון רעכנשאַפט קענען צוזען ווי אירע מויערן וועלן צעקרישלט ווערן פאַר זייערע פיס.

פּנחס און כלב האָבן געשוויגן און געשטאַנען פאַרווירטע פאַר דעם מאַן,

וואָס האָט ערשט זיין סוד אַנטפּלעקט. נמואל האָט זיי צוגעפירט צום אַרויס־גאַנג פון דער הינטערשטער טיר.

— אַצינד גייט אַרויס און קוקט אָן יריחו איידער זי וועט אונטערגיין — האָט ער געזאָגט — און ווען איר וועט וואַנדערן איבער דער שטאָט, היט זיך פאַר די לוסטיקע פרויען אין די אויבערשטע גאַסן. זייערע אָרעמס זענען וואַרעם און זייער הויט איז גלאַט ווי גלאָז. אָבער זייערע אויגן קענען חרוב מאַכן אַ מאַנס האַרץ. פאַרדאָרבן זענען אַלע לוסטווייבער אין יריחו אויסער איינע, וואָס איר האַרץ איז ביטער אַזוי ווי מיינס אויף די הערשערס פון רויב.

— ווער איז זי? — האָט כלב געפרעגט.

— ר ח ב, די וואָס האַלט אַ גאַסטהויז אין דער שטאָט־מויער. אין יריחו ווייס מען, אַז איר וואוינאָרט איז אַ הויז פון פאַרגעניגן. פירשטן און קריגס־לייט קומען אַהין שעפּן לוסט. זיי האָבן פאַרגעניגן פון ווייַן און יונגפרויען. די באַוואוינער רופן זי: ר ח ב ד י ז ו נ ה, די אויסגעלאַסענע. אָבער זי אַליין האָט אַ פּאַרכטיק האַרץ און איז ערלעך צו מענטשן. בייטאָג אַרבעט זי ביים שפּינראָד און ביינאַכט מישט זי געטראַנקען און גרייט צו די געלע־גערס פאַר אירע געסט.

— אויב אויסגעלאַסן איז רחב, ווי עס זאָגן די באַוואוינער — האָט כלב געפרעגט — ווי אַזוי קען איר האַרץ זיין ערלעך?

— דאָס הויז פון דער אויסגעלאַסענער אין יריחו איז דאָס הויז פון ערלעכקייט. נישט פאַרלאָשן ווערט ביינאַכט דאָס ליכט אין אירע שטיבער אַזוי ווי דער פלאַם פון נקמה אין איר האַרץ. פון די רייכע שינדט זי אָפּ די הויט, אָבער אירע אָרעמס שטרעקט זי אויס צו די געדריקטע, ווייל אויך איר האַרץ איז פאַרסמט פון האַס צו די פאַראומגליקער פון איר פאָטערס הויז.

נמואל איז אַנטשוויגן געוואָרן בלויז אויף איין רגע און דערנאָך געזאָגט:

— אין איר הויז וואוינען אויך איר פאָטער און מוטער און אירע ברידער און שוועסטער. טייערע געוואַנדן שפּרייט זי אויס אויף אירע בעטן. פון פיינ־זילבער און פורפור זענען אירע מלבושים. אָבער זי האָט נישט קיין מאַן, וואָס זאָל זיצן אין טויער מיט די עלטסטע פון לאַנד. איר לייב וויקלט זי אין רויטע לייַנענטיכער און פון אירע ליפּן פאַלן אַראָפּ קלוגע רייד. אַ ריינע איז זי אַרויס פון איר מוטערס לייב. ווען זען וועט איר זי דערזען, וועט איר צו איר מוזן אויסרופן: אַלע יונגפרויען זענען געבוירן געוואָרן אויף געפעלן צו ווערן די מאַנען, אָבער דו, רחב שטייגסט זיי אַלע אַריבער!

— פאַרוואָס רעדסטו, נמואל, אַזוי פיל לויב־רייד אויף רחב'ן? — האָט כלב געפרעגט — און פאַרוואָס דערציילסטו אונדז וועגן דער אויסגעלאַסענער?

— ווייל איר הויז קען זיין אייער שוצארט, אויב נאכיאגן וועט מען אייך אין דער פרעמדער שטאט.

ביי די דאזיקע רייד האט פנחס א ציטער געטון. א בלייכקייט האט אפגעגאסן דאס פנים פון דעם פארכטיקן מאן. און אזוי ווי די אומזיכערקייט איז געשטיגן אין זיין געמיט, אזוי האט די רואיקייט געשטארקט כלב׳ס הארץ. און נמואל דערזעענדיק איינעם צעטומלט און דעם צווייטן בארואיקט, האט ער נאך געזאגט:

— גייט ארויס אין מארק פון די טעפערס, וואס אנטקעגן דעם פאלאץ און פארשטעלט זיך דארט פאר ליים־קלעבערס, וואס קומען פארקויפן כלים צו די באוואוינער. טוט אן אלטע קליידער און רופט צו זיך קונים. וועט איר זיך דערוויסן ווער אייער פיינט איז. צי איז ער שטארק אדער שוואך? איז ער ווינציק אדער פיל? גייט, מיין קנעכט תובל וועט אייך באגלייטן.

דער אלטער מאן האט געקוקט אהין און אהער איידער ער האט געעפנט פאר זיי די קופערנע טיר.

— מיט דער ערלעכקייט פון מיין הארץ און מיט דער ריינקייט אויף מיין צונג האב איך צו אייך גערעדט, אויסקוקערס פון ישראל! — האט ער געזאגט — יריחו וועט אויפגעלייזט ווערן ווי וואקס אין פייער אונטער דעם רעגן פון אייערע פיילן און אירע מויערן וועלן זיך שמעלצן אין פלאקער פון אייערע בראנדהעלצער. אבער ווען אייערע קריגסלייט וועלן אריינגיין טיפער אין דעם אומבאקאנטן לאנד, וועט איר פארלירן גיין אין די לעבער פון פעלזן און פארשוואונדן ווערן אין די שפאלטן פון די בערג. איר וועט מלחמה האלטן מיט ריזן. איר וועט הונגעריק זיין נאך ברויט און דורשטיק נאך וואסער. פון די ווינטן ביינאכט וועט איר פרירן און אין דעם פלאקער פון דער זון בייטאג וועט איר פארברענט ווערן. אבער אפשטיין זאלט איר נישט אפשטיין. גייט אריין און דעראבערט! דערשלאגט און באזיגט!

קאפיטל צוויי

א

נמואל האָט פאַרשלאָסן די טיר פון זיין הויז און די צוויי אויסשפּירערס האָבן געהויבן די פיס און זיך געלאָזט צום מאַרק פון די טעפּערס. און תובל דער קנעכט איז זיי נאָכגעגאַנגען ווי אַ יונג אַ באַדינער גייט נאָך זיינע האַרן. ער האָט נאָכגעטראָגן אַ קופּערנעם בעקן און כלים מיט ליים פאַר טעפּעריי. און אַלטע קליידער האָט ער מיטגענומען, אַז זיי זאָלן זיך איבערטון אין מאַרק ווי אָרעמע ליים־קלעבערס.

צום מאַרק פון די טעפּערס האָט אַראָפּגעפירט אַ שטיינערנער טרעפּן־וועג פון דער אויבערשטער שטאָט. זיי האָבן געצויגן פאַרביי אַ טעמפּל מיט גאָל־דענע קופּאָלן, וואָס איז געווען דאָס הויז פון עשתורת. אין זייער געאייל האָבן זייערע אויגן אויסגעמיטן צו קוקן אויף דעם טורעם פון קופּער און אויף די געצן פון שטיין, וואָס זייערע הערנער־קעפּ האָבן זיך געשטרעקט צום הימל. דער טעמפּל איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל גראַניט־ווענט און פאַרפיר־זיילן ווי דאָס מעכטיקע געביי וואָלט געווען אַ פאַרשלאָסענע שטאָט אינמיטן אַ שטאָט. פון די שפּיצן האָבן אַראָפּגעקוקט דענקמעלער פון מלכים ווי פאַר־גליווערטע וועכטערס, וואָס היטן אַ קעניגרייך פון הייליקע.

כלב און פּנחס האָבן זיך געיאָגט, אָבער זיי זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אין דעם געדרענג קעגנאיבער אַ שלאַכטהויז. דאָרט האָט אַ פעטער פּריסטער אין ווייסע ליינענטיכער געקוילעט אַ הייליקן אָקס צווישן די הערנער און אַ פּאָר געוויקסיגע יונגע פּריסטערס זענען אונטערגעלאָפן מיט שאַרפע העק און צע־פערטלט די שטאַרבנדיקע בהמה פאַר די אויגן פון המון. די פּריסטערס זענען געווען שווערלייביקע און זייערע שאַרבנס האָבן געגלאַנצט ווי געשלאָגענער בוימאייל. פון דעם שלאַכטאָפּפער אינמיטן גאַס האָבן זיי געשניטן חלקים פלייש מיט בלוט און פאַרקויפט צו די דורכגייערס. די זילבער־שטיקער זענען אַריינגעפאַלן אין די בייטלען פון די כהנים.

די פעסטונגשטאָט יריחו, פאַרריגלט פונדרויסן, פאַרשלאָסן פון דער וועלט,

איז אינעווייניק געווען ווי אַ רווישיקער מאַרק. פאַר די, וועלכע האָבן ליב געהאַט רייכטום, איז זי געווען די פאַרמעגלעכסטע שטאָט אונטער דער זון. און פאַר יענע, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו קריג, איז זי געווען דאָס גרעסטע שלאַכטאָרט צווישן לענדער. די לוסטיקע באַוואוינער האָבן מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף די פּאַרכטיקע, וועלכע האָבן געוואָרנט, אַז די יעגערס נאָך רייכטום זענען אַזוי ווי גייציקע פוקסן און ווי צעטומלטע הירשן. די לעסטערער האָבן געוואוסט, אַז זינט דעם באַשאַף פון הימל און ערד זוכט דער מענטש עשירות אַזוי ווי ים־פייגל זוכן פיש. הענדלערס פון ווייטע לענדער האָבן דאָ אָפּגעלאָדן זייערע סחורות און דערשראָקענע הערשערס פון מזרח האָבן געשיקט אַהערצו זייערע קריגסלייט צו לערנען די גבורה פון פעכטן.

תובל איז געלאָפן הינטער זיינע האַרן ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער גאַס פון די פּלייטן. דאָרט האָט געצויגן אַ מידע מחנה קריגסלייט מיט פאַרשטויבטע פּאַנצערס און בויגנס. דער גליענדיקער קופּער פון זייערע שפּיזן האָט געפלאַקערט אַנטקעגן דער זון. זיי זענען געקומען פון די דרום־וועגן, געשלאָגענע נאָך אַ שלאַכט. אויף די פאַרשוויצטע פּנימער האָט געברענט צאָרן. די אויגן האָבן געבליצט מיט שנאה און פון די ליפּן זענען געפאַלן שטילע קללות. נייגעריקע באַוואוינער זענען אַרויסגעלאָפן פון די הייזער און צעטומלט געקוקט אויף דער ציענדיקער מחנה. זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז די מלחמה מיט דעם אמורי האָט יריחו ווידער פאַרשפּילט. און אַזוי ווי די הימלען ווערן טונקל פאַר אַ זאַמד־שטורעם אַזוי זענען די הערצער פון די מענטשן געוואָרן פינסטער פון פּחד.

דער קנעכט האָט זיך געשטעלט פאַר די אויסשפּירערס אַן אונטערטעניקער.

— אין טאָג פון גרויסן געדודער זייט איר אַריינגעקומען אין יריחו — האָט ער געזאָגט. — די געטרייע קריגסלייט זענען געשלאָגן געוואָרן אין די געבערג און די ווידערשפּעניקע פּריסטערס האָבן אַריינגעפירט דעם גאָט דגון אין קעניגס טעמפּל. לאָמיר פאַראויסגיין צום מאַרק און הערן פון די געשעענישן פון היינטיקן טאָג.

ער האָט אַרויפגעקוקט אויף כלב'ן, וואָס איז אין זיינע אויגן אַצינד געווען העכער אין וואוקס. זיינע אַקסלען זענען געווען אויסגעגאָסן און די אָנגעצויגענע באַלענס אויף די אָרעמס — אָנגעלאָדן מיט גבורה. דער קנעכט האָט דערזען ווי כלב'ס אויגן זענען מיטאַמאָל געוואָרן צערודערט איבער די סודות אין דער פעסטונגשטאָט.

כלב איז געווען צערודערט, ווייל זיין בלוט האָט אויפגעזאָטן ווען ער האָט אין איילעניש געקוקט אויף דער ליאַרמענדיקער שטאָט, וואָס איז פול מיט קריגסלייט. אַ רחמנות האָט אויפגעוואַכט אין אים אויף זיין פאַרוואָגלט פאָלק,

וואָס האָט אויפן וועג פון קנעכטשאַפט צו אויסלייזונג דורכגעוואַנדערט דעם מדבר און אַ דור איז פון אים פאַרלענדט געוואָרן. צי האָט דען דער אַלמעכטיקער נישט געשוואוירן צו באַצאָלן דעם פאַר׳יתומ׳טן פאָלק פאַר דעם פיין און צו פאַרגיטיקן פאַר די יסורים? צו יהושוען, זיין אויסדערוויילטן קנעכט, האָט דער האַר פון דער וועלט געזאָגט: צעשפּרייט איז מיין פאָלק אין מדבר אויפן באַראָט פון די חיות אויף דער ערד און פון די רויבפויגל אין הימל. אומבאַשיצט זענען זיי געווען ווען די פעלקער האָבן געלויערט אויף די וועגן זיי צו פאַרלענדן. דעריבער האָב איך, זייער פאָטער געזאָגט: איך וועל איינזאַמלען דאָס הויז פון ישראל פון צווישן די אומות, וואָס האָבן זיי פאַראַכט און זיי וועלן זיך אומקערן אין זייער לאַנד און וועלן ווידער זיצן אויף זייער ערד, וואָס איך האָב געגעבן צו מיין קנעכט יעקב!

אַרויס פון איין טומלדיקער גאַס און אַריין אין אַ צווייטער, האָבן די אויסשפּירערס פאַרקערט צו אַ דורכגאַנג מיט הויפן. זיי זענען דאָרט פאַרביי אַ טרונקהויז, פונוואַנען ס׳האָבן זיך געטראָגן ריחות פון האָניק־וויין און זויערע קרייטעכצער. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אַ שוסטער־בויד און אַ שמידעריי, וואו אַ האַריקער ריז, ענלעך צו איינעם פון די נפילים איז געשטאַנען פאַר אַ קלאָץ און מיט זיין אָטעם, ווי מיט אַ שטורעמווינט, צעבלאָזן קנוילן פייער.

אין אַריינפאָר פון טעפּער־מאַרק האָט דער קנעכט זיי אַריינגעפירט אין אַ ליידיקער בויד און ווי נאָר זיי האָבן אַרויפגעצויגן די אַלטע קליידער, איז זייער אויסזען געווען ווי פון אָרעמע טעפּערס. זיי האָבן געטראָגן דעם קופּערנעם בעקן און די כלים און דאָס ליים. תובל האָט פאַראויס לויפנדיק אויסגעשפּרייט אַ גרויען דעקטוך און כלב און פנחס האָבן זיך געזעצט קלעבן דאָס ליימענע געשיר.

דאָס גערויש אין מאַרק איז געוואָרן ליאַרעמדיקער. אַ הייפל אָקסןטרייבערס זענען אָנגעקומען און אַראָפּגעלאָדנט פון די שלעפּ־חיות קוישן מיט פּרוכטן און גרינצייג. זייערע נאַקעטע לייבער זענען געווען רויט ווי קופּער. אַרום די לענדן זענען געווען פאַרבונדן דינע גאַרטלען. די הויט אויף זייערע נאַקנס איז געווען האַרט ווי די פעל פון קראָקאָדילן און די פויסטן גראָב ווי די פיאַטעס פון לעמפּערטן. כלב האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזען ווי די רויטע ערד דאָ איז אַנדערש פון דער שוואַרצער ערד אין די לענדער פון מדין און עמון. קיין טייך פליסט נישט דורך דער שטאָט, ערשט די ווינטער־רעגנס טרינקען אָן דאָס דאַרשטיקע לאַנד. אויף יענער זייט פון די מויערן האָבן זיך געצויגן שטרעקעס ערד ביזן סוף פון דער וועלט. יעדער טאָל האָט געהאַט אַ באַרג און הינטער יעדן באַרג האָט געגנידערט אַ טאָל און דאָרט, אין די אויס־

געשפּריטע וואָרגעשטעלט איז געזעסן אַ פאָלק, אונטערטעניק צו די הערשערס, וואָס זענען פאַרמשפּט צו ליגן אין שטויב פאַר די יורשים פון דעם לאַנד.

כלב'ס מחשבות וועגן טאָג פון נצחון זענען באַלד אויסגערונען. אויפן שטומען צייכן פון פּנחס'ן האָט ער אויסגעשפּריט זיינע גרויסע אָרעמס צו די דורכגייערס און גערופן אין דער שפּראַך פון די כנענים:

— טעפּ און קרוגן פון רויטן ליים! ווער עס וויל, אַהער זאָל ער קומען! טעפּ ליימענע, טעפּ ערדענע. אַהער! אַהער! איר לייטזעליקע פון יריחו!

הענדלערס מיט בייטלען אויף די בויך־גאַרטלען האָבן פאַרבייגייענדיק זיך נישט פאַרהאַלטן. אויפקויפערס, וואָס האָבן געזוכט צווישן די בוידן מציאות, האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. כלב האָט געריסן די דורכגייערס ביי די זוימען פון זייערע קליידער און געשריען מיט באַנומענע קולות. פּנחס איז געווען פאַרטון מיט קנעטן דעם ליים. זיין האַרץ איז געווען רואיק און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט אַ ליוב צום האַר אין הימל: „ווי אַ פענצער ביזטו צו אונדז, גאָט אַלמעכטיקער! נישט זיי קויפן, נישט זיי פאַרדעכטיקן."

און ווי ער האָט פאַרענדיקט פליסטערן די דאַנק־רייד צום באַשעפער, האָט אַ טראַגשטול זיך אָפּגעשטעלט פאַר די פאַרשטעלטע טעפּערס. צוויי קנעכט האָבן אַראָפּגעלאָזט פון די אַקסלען די שטאַנגען און פון אינעווייניק איז אַרויס אַ צאַרנדיקער מאַן אין אַ רויטן מאַנטל מיט אַ גרויסן בייטל אָנגעשנאַלט אויף אַ רימען. ער איז געווען קנאַביק. זיין נאַקעטער קאָפּשיידל האָט געגליט אַנט־קעגן דער פלאַמענדיקער זון און די אויגן האָבן געקוקט מיט פאַראַכטונג ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו די אויסשפּירערס פון ישראל.

— רייניקט אָפּ דעם וועג, שלעפּערס! — האָט ער אַ געשריי געטון.

כלב איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און אָנגעוויזן צום דורכגאַנג צווישן די בוידן.

— אָפּן איז דער וועג פאַר יעדן גנעדיקן הענדלער אין יריחו — האָט ער אונטערטעניק געזאָגט.

— נישט קיין הענדלער! דער צינזהאַר איבער די מאַרק־פאַרקויפערס בין איך! מרון דעם קעניגס צינזהאַר! און דיך האָב איך פריער נישט געזען צווישן די טעפּערס. פונוואַנען קומסטו?

ביי פּנחס'ן האָבן די קניען געציטערט פון פּחד. אָבער כלב'ס האַרץ איז נישט איינגעפאַלן.

— פון דעם נידעריקן לאַנד קומען די אָרעמע טעפּערס האַנדלען אין דער רייכער שטאָט — האָט ער געזאָגט.

דער צינזהאַר האָט אַ שטויס געטון זיין פוס איבער כלב'ס קאָפּ.

— פרעמדע ארומשלעפּערס! דערוויטערט זיך איידער די שפּיז פון מיין קנעכט וועט דורכלעכערן אייערע אומריינע לייבער!

ער האָט מיט פאַרדאַכט אָפּגעמאָסטן ביידע אויסקוקערס און ווידער אַ געשריי געטון:

— היט זיך, איך זאָל אייך מער נישט טרעפן, וואָרום מיין אומגליק קענט איר ווערן!

די קנעכט האָבן געוואָרט אויף זייער האַרס צייכן זיך צו וואַרפן אויף די פרעמדע, אָבער כלב און פנחס האָבן אין איילעניש איינגעוויקלט די כלים אין טעפּיך און געהויבן די פיס. תובל איז זיי נאָכגעלאָפן ביז צום שערהויז פון די לעמער.

— פאַרכט נישט און אַנטלויפט נישט — האָט ער געזאָגט, — וואָרום נאָר די דערשראָקענע ווערן נאָכגעיאָגט. שפּרייט אויס דאָ דעם טעפּיך. פון דעם דאָזיקן אָרט וועט איר זען אַלץ וואָס געשעעט פאַר דעם קעניגס הויז, פון גוטס ביז שלעכטס.

זיי האָבן זיך געזעצט ביי דער שוועל פון שערהויז, אָבער דאָס ליימענע געשיר האָבן זיי נישט אויסגעוויקלט פונעם טעפּיך. דאָס גערויש פון מאַרק איז געוועזן הינטער זיי און איבער דעם אָפענעם פּלאַץ האָבן לעמער, באַלאָדנט מיט שווערן וואָל, געוואָרט אויף די שערער־יונגען. זיי האָבן געגאַפט צום הויכן זיילן־טויער פון קעניגס הויז. די גראַניט־שטיינער אויף די מויערן און גזימסן זענען געוועזן באַדעקט מיט קעפּ פון געצן און חיות. פאַר די פאַדערשטע אַרקאַדן איז געוועזן אַ געדרענג פון צאַרנדיקע מענער און פרויען, אָבער דער בייזער המון האָט געשוויגן. אין דער שטילקייט האָט געהויערט אַן אַנגעלאָדענער פּחד ווי דער דונער פאַר אַ שטורעם. און פּלוצים איז אַן אויסגעצערטע פרוי, איינגעהילט אין שוואַרצע טיכער, אַרויסגעלאָפן פון צווישן געדרענג. זי האָט זיך געשטעלט פאַר די זיילשטיינער פון פּאַלאַץ מיט אַן אויסגעשריי:

— מיין זון! ברענגט אים צוריק פונעם שלאַכטאָרט! אַ טויטן וועל איך אים אויף מיינע אָרעמס טראָגן...

און זי איז געפאַלן אויף די קניען און אַרויסגעלאָזט אַ קלאָגעריי. און ווי איר געיאָמער איז זיך העכער פאַרגאַנגען, זענען אָנגעקומען נאָך פרויען, איינגעוויקלט אין שוואַרצע טיכער און איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיי אַנידערגעקניט פאַר די טרעפּ. אַ ברומעריי ווי דער ווינבער פון אַ שטורעמווינט האָט זיך צעטראָגן. דער המון האָט זיך געוויגט אַהין און אַהער. באַפּאַנצערטע וועכטערס מיט שפּיזן זענען אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ צו שיצן דאָס העכסטע טויער, אָבער אין יענער רגע איז פון דאָרט אַרויסגעקומען אַ געוויקסיגער הויפּטמאַן. זיינע קריגס־קליידער זענען געוועזן פאַרשטויבט, זיין קופּערנע שפּיז

צעבויגן. ער האָט אויסגעזען ווי דער לעצטער לעבעדיקער קריגסמאַן, וואָס איז אַנטלאָפן פון פייער. ער האָט אויפגעהויבן זיינע מידע הענט און געזאָגט צום המון:

— געשלאָגן זענען מיר היינט געוואָרן אין דער גרויסער שלאַכט.

און מער האָבן זיינע ליפן נישט גערעדט. ער איז מיט איילענדיקע טריט צוריק אַריין אין העכסטן טויער. אויפגעבראַכטע קולות האָבן אים צוריקגערופן ער זאָל דערציילן ווי גרויס עס איז געווען דער שלאַק, וויפיל עס זענען פאַר־לענדט געוואָרן און ווער וועט שפייזן אַצינד די אלמנות און יתומים. דער המון האָט גערוישט. די אומדערשראָקענע האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאַלאַץ, אָבער נאָך באַוואָפנטע וועכטערס זענען מיט נאַקעטע שווערדן באַפאַלן דאָס ווידער־שפּעניקע פאָלק און דאָס געלויף פון די אומגליקלעכע האָט זיך אָנגעהויבן. דער צאָרנדיקער המון איז געטריבן געוואָרן מיט בייטשן און שווערדן צו דער צפון־מויער, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ טורעם איבער דער נידעריקער שטאָט.

דאָס גערויש איז נאָך נישט איינגעשטילט געוואָרן פאַרן קעניגס הויז, ערשט אַ גערודער האָט אויסגעבראָכן הינטער די אַרקאַדן פון דעם בעל־טעמפּל. עס איז געווען אין דעם זיבעטן טאָג אין פערטן חודש פון יאָר. די זון האָט אָנגעצונדן הימל און ערד און אַ הייסער שטורעמווינט האָט פּלוצים אָנגעהויבן בלאָזן פון דעם אָפענעם מדבר־לאַנד. די לופט איז געוואָרן ווי פייער און די בלויקייט אין די הויכקייטן איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ נעפּלדיקער גרויקייט. אַ גליענדיקער גליווער האָט אַרומגענומען די וועלט. עס איז געווען אין דעם טאָג, ווען די מעכטיקע און זאַטע האָבן גערוט אין זייערע קילע גאָרטן־הייזער, אָבער די געשרייען פון די אומגליקלעכע האָבן פאַרטויבט די גאַסן אין דער שטאָט פון פעסטונגען. הייפעלעך פאַרקריפּלטע קריגסלייט אויף וועגענער, אויף אָקסן און קעמלען זענען אָנגעקומען ביז צו די קופּערנע טויערן צו ווייזן פאַר די דינער פון בעל זייערע וואונדן. די דערשראָקענע פּריסטערס, דערזעענ־דיק דעם איבערבלייב פון דער שטאַרקער קריגס־מחנה, האָבן זיך פאַרשלאָסן הינטער די פענסטער פון דעם גאָלדענעם הויז און אַרויסגעשיקט די וועכטערס צו שוינען די פאַדערשטע זיילן.

די אומגליקלעכע האָבן אַרויסגעשטופּט פאַראויס זייערע געליימטע און פאַרקריפּלטע. יענע, וועלכע האָבן פאַרלוירן אין שלאַכט אַ האַנט, אַ פוס אָדער אָנגעוואָרן אַן אויג, האָבן זיך געשאַרט אויף די בייכער און געהויבן זייערע קעפּ צו די גאָלדענע פענסטער מיט אויסגעשרייען:

— קוקט אויף אונדזערע לייבער, איר אונטערגעקויפטע צום בעל! וואו זענען אונדזערע הענט?

י ר י ח ו

— וואוהין זאָלן מיר צוריקגיין, אַז אונדזערע הייזער זענען אויסגעפּלינדערט און אונדזערע ווייבער און טעכטער געשענדעט?

— זוכט נישט צווישן אונדז די הויפּטלייט, ווייל די אמורים האָבן זיי געפאַנגען און אָפּגעשניטן די דוימען פון זייערע הענט און זייערע קעפּ אויפגעהאָנגען אויף דער שטאָט־מויער!

די וועכטערס האָבן נישט געוואַגט אויפצוהויבן זייערע שפּיזן. פאַרשעמטע האָבן זיי איינגעגראָבן די פּנימער אין זייערע הענט, בעת די קולות פון די פאַראומגליקטע זענען געפאַלן ווי בייטשן איבער זייערע אויערן:

— ביי די גבורים האָבן זיי אויסגעשטאָכן די אויגן און ביי די אומדערשראָקענע האָבן זיי אויסגעשניטן די צינגער און אייער אונטערגעקויפטער בעל האָט אונדז נישט באַשיצט!

ביידע אויסשפּירערס פון ישראל האָבן געקוקט מיט גליקלעכער התפּעלות אויף דער בהלה אין שטאָט. פּנחס האָט באַנומען, אַז גאָטס האַנט האָט זיי אַריינגעפירט אין יריחו איז טאָג פון איר אומגליק און אין זיין דמיון האָט דער פּאָרכטיקער מאַן שוין געזען ווי דער געטלעכער אָרעם וועט באַלד צעברעכן די פאַלשע מזבחות און פאַרוויסטן די זיילשטיינער און צעשמעטערן די פעסטונגען פאַר זייערע פּיס און ביי כלב׳ן איז דאָס האַרץ געוואָרן דערפרייט. ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם הויז פון אונטערגאַנג. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער הבטחה פון אַלמעכטיקן, אַז די פיינט פון ישראל וועט ער מער נישט שוינען. ער וועט פאַרשניידן פון זיי אַ נאָמען און אָפּמעקן אַן איבערבלייב. אַזוי ווי ער האָט פאַרטראַכט, אַזוי וועט געשען און אַזוי ווי ער האָט באַראָטן, דאָס וועט באַשטיין. צי האָט דען דער באַשעפער נישט געשוואוירן: איך וועל צעברעכן כנען אין דיין לאַנד, ישראל. און אויף דיינע בערג וועל איך אים צעטרעטן!

און אויך כלב איז געווען באַגייסטערט פון אַלץ, וואָס ער האָט געזען. און ווי ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן פון אָרט, האָט ער דערהערט אַ גערויש, וואָס איז געקומען פון אַ ווײַנקאַמער אַנטקעגן. אַ הייפל מענער מיט בעכערס אין די הענט זענען פון דער ווײַנקאַמער אַרויסגעקומען. פון זייערע ליפּן זענען געפאַלן געשרייען פון פרייד און האַס. די אָנגעלאָפענע וועכטערס האָבן געהאַלטן גרייט זייערע שפּיזן, אָבער די שיכורע מענער זענען געבליבן אומדערשראָקן. אַ ריז, האָריק ווי נמרוד, האָט זיך גערוימט אַ וועג אין געדרענג. ער האָט אויסגעמיטן די שפּיזן־טרעגערס און פלינק געשפּרייזט פאָראויס. ער האָט דערזען די אויסשפּירערס פון ישראל און זיינע פלײשיקע ליפּן האָבן געלאַכט.

בײ פּנחס׳ן איז ווידער איינגעפאַלן דאָס האַרץ. דער ריז האָט געהאַט אַ באַוואַקסענעם נאַקן און אָנגעשוואָלענע אָרעמס. דער קורצער לייב־גאַרטל איז

געווען צעפּנט אונטערן האַריקן האַרץ. גייענדיק האָט ער זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ מויער איבער אַלעמען. זיינע פּריילעכע אויגן האָבן געוואונקען. די טונקעלע געקרייזלטע באָרד האָט זיך געטרייסלט פון געלעכטער ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו די אויסשפּירערס.

— מיינע עדות וועט איר זיין! — האָט ער געשריען — ערלעכע עדות זוך איך שטענדיק צווישן פרעמדע. און איר זעט אויס ווי פאַרבלאָנדזשעטע פון אַ ווייטער שטאָט. פונוואַנען? פון דעם נידעריקן לאַנד צי פון די געבערג?

נישט פּנחס, נישט כלב האָבן באַוויזן צו ענטפערן, ווי דער געוויקסיגער מאַן האָט ווידער גערעדט:

— אַ געשלעג צווישן צוויי פעכטערס פון די חיתים האָט אויסגעבראָכן אין דער ווײנקאַמער און איינער וואַלגערט זיך דאָרט אין בלוט. איך וועל די צעשלאָגענע נישט לאָזן פירן צו די ריכטערס, ווייל ביידע האָבן זיך געראַנגלט ווי פּחדנים. און וואָס ליאַרמען אַזוי די שפּיזן־טרעגערס? בלוט אין אַ טרונקשטוב איז ווי ווײן אין אַ לאָגל.

— דו ביזט געווען ביים געשלעג? — האָט כלב אַ צעטומלטער געפרעגט.

— דאָרט ווי ס'איז אַ געפּאַר, דאָרט וועט מען מיך געפינען — האָט דער ריז געלאַכט און מיט אַ פויסט זיך געשלאָגן אין האַרצן אַריין. — איך האָב דעם שטאַרקן אַרויסגעטראָגן און דעם צעבלוטיקטן אַריינגעלייגט אין אַ פּאַס האַניק. איך האָב די שלעגערס נישט אויפגעהעצט נאָר איינגעשטילט, אָבער די וועכטערס ווילן זיי ברענגען צו די ריכטערס. איך וועל שווערן, אַז איר זייט ערלעכע עדות, ווייל ערלעכע עדות זענען יענע, וועלכע האָבן גאָרנישט געזען — און ער האָט הינטערליסטיק געקוקט אַהין און אַהער — וואָס איז געשען היינט אין דעם מאַרק פון די שלעפּערס? איז נישטאָ קיינער וואָס דערקענט מיך?

תובל דער קנעכט, וועלכער האָט פריער אויס באַוואָרעניש אַרויסגעצויגן פון הינטער די קליידער אַ קורצע שווערד, האָט אַצינד אין אַנגסט זיך צוריקגעצויגן.

— גשוש דער חיות־פעכטער! גשוש דער שטאַרקער! — האָט ער אין פּחד אויסגערופן.

— עס איז דאָ נאָר איין גשוש! — האָט דער ריז ווידער זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין — און קיינער איז אים נאָך נישט אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ שווערד.

— איך האָב דיך געזען זיך ראַנגלען מיט לייבן! — האָט תובל מיט התפעלות אויסגערופן.

— און דו האָסט אויך געזען ווי איך האָב די לייבן צעריסן! — האָט ער

שטאָלץ געריעדט און געקוקט אויף אים מיט דעם בליק פון די זיכערע און צופרידענע.

און ער האָט אַ כאַפּ געטון דעם קנעכטס אָרעם מיט אַזאַ קראַפט, אַז תובל האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געשריי פון ווייטאָק און די שווערד איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. כלב און פּנחס האָבן געזען ווי אַ געזעמל נידערטרעכטיקע יונגען האָבן דעם ריז אַרומגערינגלט און אונטערטעניק געוואַרט אויף זיין באַפעל. די אויסשפּירערס זענען צוריקגעטראָטן. אין זייערע אויגן איז געווען מורא, אָבער אין דעם שטילן גערודער האָט כלב זיך געשטאַרקט און אויפגעהויבן פון דער ערד תובל׳ס שווערד. ער איז געווען גרייט צו אַ געראַנגל. דאָס לעבן פון דעם קנעכט איז געווען אין געפאַר און זיין דערשראָקענע צונג האָט געקענט אויסגעבן דעם סוד פון ישראל. כלב האָט געפאָכעט מיט דער שווערד אַנטקעגן דעם ריז.

דער ריז האָט געברומט ווי אַ צערייצטע חיה. ער האָט זיך גערוקט פאָראויס שפּאַן נאָך שפּאַן. ער האָט געוואַרט אויף אַן אַנגריף, אָבער פאַר אים איז די דרייסטקייט פון דעם פרעמדן געווען נישט ערגער ווי דער פאַרמעסט פון אַ צעקאָכטן לייב, וואָס איז פאַראורטיילט צו שטאַרבן פון זיין האַנט. ער האָט געזאָגט:

— מיט אָפענע הענט בין איך דיר אַנטקעגן געגאַנגען, פרעמדער. אָבער דו האָסט אויפגעהויבן דיין שווערד אויף דעם אומדערשראָקענעם גשוש. ווער האָט דיך געשיקט אַהער, הינטערליסטיקער? — און ער האָט זיך אַ קער געטון און אָנגעוויזן אויף דעם איינגעוויקלטן טעפּיך — עפן! וועמעס רויב האָסטו פאַרשטעקט?

דער געשטאַרקטער כלב האָט נישט געפאָלגט. ער האָט אַזוינע רייד פריער געהערט ביי די פעכטערס פון די חיתים און מדינים. פון זייער דרייסטער צונג שרייט אַראָפּ פּחד. ביים ראַנד פון אונטערגאַנג רימען די דערשראָקענע די אייגענע גבורה. כלב׳ס שווערד איז געווען גרייט אָפּצושניידן דעם קאָפּ פון דעם אכזר, אויב באַפאַלן וועט ער אים באַפאַלן. גשוש איז געבליבן שטיין ווי אַ פעלז.

— איך האָב אַצינד נישט קיין לוסט דיך צו דערשטיקן מיט מיינע פינגער — האָט ער געברומט און זיינע פלייְשיקע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט, — אָבער שפּיל זיך נישט מיט מיין ווייך האַרץ. עפן דעם טעפּיך. ווייז מיר דעם באַהאַלטענעם רויב!

און ער האָט זיך אַ קער געטון אויף רעכטס און אויף לינקס און אויפגעהויבן אַ פויסט צום געבויגענעם קנעכט.

— טרעט אָפּ, אומגליקלעכער!

פּנחס האָט אַ פּאַרציטערטער געקוקט אויף כלבֿ׳ן ווי ער דרייט מיט דער שווערד אַהין און אַהער. אויב פּעכטן וויל ער מיט דעם גרויזאַמען מאַן, האָט ער געטראַכט, וועט ער אַן אומגליק ברענגען אויףביידן. ווער האָט אים געגעבן די הבטחה, אַז ער וועט דעם ריז באַזיגן? ווי פּרעמדע אויסקוקערס האָט יהושוע, דער קריגס־פירער, זיי אַריינגעשיקט אין דער פּרעמדער שטאָט און ווי אונטערטעניקע מוזן זייריידן צו יעדן נידערטרעכטיקן יונג, אַז דערקענען זאָלן זיי נישט דערקענט ווערן.

און ווי פּנחס האָט געוואָלט אָפּציען כלבֿ׳ן פון דעם פּעכטער, האָט דער ריז פּלוצים זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיק געלעכטער. דער צאָרן איז אויסגערונען פון זיין צעפלאַמט פּנים. ער האָט אַריינגעפלאָכטן צוויי פינגער פון זיין קנאָכיקער האַנט אין דער געקרייזלטער באָרד און זיין קול איז געוואָרן געלאַסענער.

— ביזט אַ געשיקטער קריגסמאַן, פּרעמדער. ווער האָט דיך געלערנט פּעכטן?

אָבער כלב האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די שווערד און איז נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט געקענט די פאַלשע חניפה פון די כנענים. איטלעכער פּעכטער ווערט באַפאַלן פון פּחד ווען ער באַגעגנט אַן אומדערשראָקענעם. וואָלט דער ריז געשוש געהאַט אַ נאַקעטע שווערד אין זיין האַנט, וואָלט ער זיך נישט געקווינקלט איבערצושניידן זיין האַלדז. און כלב האָט אויס באַוואָרעניש ווידער זיך געדרייט אַרום און אַרום דעם אומרואיקן ריז און געזען, אַז די שאַרף פון דעם וואָפן זאָל זיין נאָענט צו זיין קאָפּ.

— ביזט פלינקער מיט דער שווערד ווי מיט דער צונג — האָט דער ריז ווידער געלאַכט און געקוקט אויף דעם געזעמל יונגען הינטער אים, וואָס האָבן אים געזען אין זיין געפאַלנקייט.

ער האָט אַרויסגעלאָזט ווילדע ברומענישן און מיט אַ האַנט־צייכן געהייסן דעם אָנלויף זיך פונאַנדערגיין, אָבער קיינער האָט אים נישט געפאָלגט. אַ דערצאָרנטער האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע אָרעמס ווי אַ וואָרנונג און די יונגען זענען זיך צעלאָפן אין בהלה.

— דו מעגסט אַריינלייגן דיין שווערד אין שייד — האָט ער געזאָגט צו כלבֿ׳ן — און איך וויל מער נישט קיין חלק פון דיין רויב. אין דער שטאָט פון אומערלעכע צינזהאַרן און פאַלשע ריכטערס מעג יעדער מאַן האָבן זיין אייגענעם רויבזאַק.

און כלב אַ באַרואיקטער האָט אַצינד אויפגעעפנט דעם טעפּיך און געוויזן די כלים, דאָס ליים און די קרוגן.ביידע האָבן זיך צעלאַכט. אויך פּנחס האָט זיך געשטאַרקט נאָכדעם ווי די סכנה איז פאַרביי און געפליסטערט דאַנק־

ווערטער צום האר פון דער וועלט. דער ריז האט אריינגענומען כלב'ן אין זיינע גרויסע ארעמס און געזאגט:

— מיין ברודער ביזטו! קום אין דער וויינקאמער פון די הירשן, וועסט מיט מיר טרינקען ווייַן, וואס וועט זיין ווי שטויב אויף דיין גומען און דערנאך וועלן מיר גיין צו די פרויען אין הויז פון פארגעניגן.

אבער כלב האט אויסגערופן:

— זאל מיין לייב פארלענדט ווערן אויב איך וועל נאכאמאל ארויפלייגן מיין האנט אויף א פרוי! ווארום וואס מער איך טראכט וועגן די לוסטווייבער, אלץ מער שרעק איך זיך פאר זיי. דאס לייב פון א פרוי איז א ווילדערניש און איר הארץ איז א שטייג.

דער ריז האט מיט באדויערונג געקוקט אויף דעם מאן, וואס אנטלויפט פון פרייד און פארגעניגן.

— אויב האסט קיינמאל נישט געטראפן א פרוי, וואס ווינטשט דיר גוטס, ווייס אז מיין ברודער ביזטו — האט ער געזאגט, — ווי א גלייכער צו א גלייכן רעדסטו. נישטא אזא פרוי אונטער דער זון, וואס עפנט איר הארץ פאר דעם געזעכטן און דרייסטן. און אויב טרינקען מיט מיר ווילסטו נישט אצינד, ווארט אויף מיר נאכן זון־אונטערגאנג דא, ביים שערהויז. איך וועל דיך ברענגען אין הויז פון די פעכטערס, וואו מאן און חיה פירן מלחמה.

און דער ריז איז לאנגזאם אפגעגאנגען מיט זיינע יונגען און זיין שווערער גוף האט זיך געטרייסלט פון זיין דונערנדיק געלעכטער. תובל דער קנעכט האט געכאפט דעם איינגעוויקלטן טעפיך אויפן אקסל און גערופן הינטער זיך די אויסשפירערס. ער האט זיי געפירט צוריקוועגס איבערן מארק און פאר זייערע אויגן האבן זיך אויסגעשפרייט די רוישיקע גאסן. אין דער אויבערשטער שטאט איז דאס געדרענג געווען גרעסער. אלע פערטלען זענען געווען געפאקט. אלע הויפן זענען געווען ענג. דא האבן הענדלערס זיך געשוואוירן אויף אלע לשונות און פארקויפט זיידענע געוואנדן, צירונג און אלערליי שפייזן פאר זילבערשטיקער. ביי הויכע מויערן זענען נאקעטע טענצערס פון מדין געשפרונגען אויף ברענענדיקע שטריק. דארפסלייט האבן אריינגעפירט אויף וועגענער, געשפאנט אין אקסן, גרינצייג און פליישן. פישערלייט האבן אויסגעשטעלט בעקנס מיט געבראטענע ים־שרצים. דער המון האט באלאגערט די געשטעלן מיט מציאות. שטאלצע קריגסהארן האבן פאר די שוועלן פון טרינקשטיבער געזופט ווייַן פון לאגלען און פירשטן אין קאלירטע קאפטיכער האבן זיך גע־לאזט פירן צו די פריילעכע הייזער.

דער קנעכט תובל איז געלאפן פאראויס און די צוויי אויסשפירערס הינ־טער אים. זיי האבן באנומען, אז אין די גאסן קענען זיי דערקענט ווערן, אבער



וילכו ויבואו בית אשה זונה ושמה רחב... — זענען זיי געגאַנגען און זענען געקומען אין
הויז פון אַ פרוי אַ זונה, וואָס איר נאָמען איז געווען רחב...

זייערע הערצער זענען נישט געווען פאַראומערט, וואָרום זיי האָבן געזען ווי די פאַרמשפּטע שטאָט ווימלט שוין אין אירע לעצטע טעג. פאַר אַ ברונים האָט כלב זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט תובל'ן:

— וואוהין לויפן מיר?

— צו רחב'ס גאַסטהויז.

— וואו וואוינט זי?

— אין דער ערשטער שטאָט־מויער.

ביידע האָבן דערזען דאָס טויער, דורכוואַנען זיי זענען אין פרימאָרגן אַריין אין שטאָט. זיי האָבן זיך געיאָגט גיכער צו רחב'ס גאַסטהויז, וואָס נמואל האָט אָנגערופן: דאָס אָרט פון אָנטרינונג. אין זייערע אויערן האָט שוין געקלונגען די שאַלונג פון מלחמה אין די טעג, וואָס וועלן קומען. זיי האָבן געהערט דאָס ווייטע דונערן פון די שטוים־הערנער אָן די מויערן פון יריחו. זיי האָבן געזען דאָס פייער פון די בראַנדהעלצער אויף די טורעמס און פאַר־נומען די געשרייען פון די דערשראָקענע הערשערס. זיי האָבן געהערט דאָס גע־יאָמער פון זקנים און דאָס קלאָגעריי פון פרויען. אָבער אין זייער אייפער צום האַר פון הימל און ערד זענען זייערע הערצער פאַרשטיינט געוואָרן אויף דעם אונטערגאַנג פון די גרויזאַמע און אויף דער בראַך פון די גאָלדגייציקע. ווייל צעברעכן וועט אין טאָג פון רעכנשאַפט דער גאָט פון יעקב די רוט פון די גע־וועלטיקערס, וואָס זענען אָנגעלאָפן ווי אַ היישעריק צו פאַרלענדן דאָס פאָלק, ווען עס איז פון קנעכטשאַפט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און זיי האָבן פאַר־שפאַרט פאַר די קינדער פון ישראל דאָס פרייע לאַנד אין געבערג און אין דער נידערונג.

קאַפּיטל דריי

א

רחב איז געבוירן געוואָרן ביי אַ רייכן ווײַנהענדלער עקוב אין דער אויבערשטער שטאָט. ער האָט געהאַט אַ טרונקשטוב צופוסנס דעם זון־טורעם און דאָרט זענען געקומען זויפן קאַראַוואַנען־טרייבערס און ים־פאָרערס. ער האָט פאַרמאָגט פעטע לאַנדשטיקער און זיינע ווײַנשטאָקן האָבן זיך געצויגן ביז צו די געבערג פון דעם אמורי. פון ווייטע שטעט זענען אָנגעפאָרן צו דער טרונקשטוב הענדלערס אָנצופולן זייערע ווײַנלאָגלען. שלאַכטמענער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין מלחמה, האָבן מיטגענומען פולע קרוגן און אײדעלע פרויען האָבן געבאָדן זייערע לייבער אין דעם בלוט פון די טרויבן. עקוב, לוסטיק פון ווײַנזיין, האָט אַלע טעג געטאַנצט אין טעמפל צו די געטער. אָבער בעל, דער גאָט פון רייכטום און אָרעמקייט, וואָס האָט פאַראַכט זיינע געטרייע קנעכט, האָט געהאַט אַ באַגער אָוועקצונעמען ביים ווײַנהענדלער זיין פאַרמעגן נאָכדעם ווי זיין ווייב צרורה האָט אים געבוירן דריי זין.

צרורה איז פון וואוילטאָג געוואָרן פאַרשייט און שטילערהייט געגלוסט צו איר געלעגער די אויסגעלאַסענע דורכפאָרערס. איינמאָל, ווען דער קעניג פון יריחו איז אַרויסגעגאַנגען אויף מלחמה קעגן די פריזים, האָט דער שונא אַראָפּגעשיקט פון די בערג זיין גרויס חייל. די קריגסלייט פון יריחו האָבן געוואָלט אָפּהאַלטן דעם פיינט ביי די געמאַרקן און מיט בראַנדהעלצער אונטערגעצונדן דאָס לאַנד, וואו עס האָבן זיך געצויגן עקוב׳ס ווײַנשטאָקן. דער אומגליקלעכער ווײַנהענדלער איז אַרויס לעשן די שרפה, אָבער אַ פייַלנוואַרפער האָט דורכגעלעכערט זיין אָרעם און פאַרקריפּלט זיין אויבערשטן טייל גוף. ער איז פאַראָרעמט געוואָרן און אָנגעהויבן לעסטערן דעם בעל. די בעטלערס אין שטאָטטויער האָבן זיך געפרייט וואָס דער רייכער ווײַנהענדלער איז געבליבן נאַקעט אַזוי ווי אין יענעם טאָג, ווען ער איז אַרויס פון זיין מוטערס לייב. אַ גאַנץ יאָר האָט עקוב געוויינט אויף זיינע פאַרוויסטע לאַנדשטיקער ביז ער איז פון טרויער האַלב דול געוואָרן.

י ר י ח ו

אָבער זיין ווייב צרורה איז נאָכן אומגליק נישט געבליבן פֿאַראומערט. איר הונגער נאָך זינד איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט נקמה גענומען אָן די געטער דורך פֿאַרפֿירן מאַרק־הענדלערס און קנעכט. זי האָט פֿאַראַכט די הערשערס און געשאָלטן די געטינס ת נ י ת און ע ש ת ו ר ת, זיי זאָלן מער נישט קענען פֿרוכטבאַר מאַכן דאָס לייב פֿון דער ערד און די טראַכטן פֿון די פֿרויען. אין יענעם יאָר האָט די ערד נישט אַרויסגעגעבן קיין פֿרוכט, די פֿעלדער קיין תבואה און אין דער אונטערשטער שטאָט האָט מען דערציילט, אַז צרורה איז באַהערשט פֿון אַזאַ קראַפֿט, וואָס איז העכער פֿון אַלע אָפּגעטער און זי האָט אַוועקגענומען ביי עשתורת איר רייץ און מאַכט. דעריבער האָבן פֿרויען אויפֿגעהערט צו געבערן קינדער.

די יונגע רחב האָט געוואוסט, אַז פֿאַלשע צינגער האָבן דאָס אויסגעטראַכט אויף איר מאַמען. זי האָט געטרייסט איר אומגליקלעכן פֿאָטער און אַכטונג געגעבן אויף אירע יונגערע ברידער. איינמאָל האָט דער פֿאַראָרעמטער עקוב גערופֿן זיין טאָכטער און איר פֿאַרטרויט, אַז ער איז דער זון פֿון אַ העלד אין גבעון. איר עלטער־פֿאָטער ע ז מ ו ת, אַן אומדערשראָקענער קריגסמאַן, איז אַרויס אין בונט קעגן די בייזע הערשערס. ער האָט געטריבן די שקלאַפֿן צום אויפֿשטאַנד, זיך געשלאָגן פֿאַר זייער באַפֿרייאונג און איז אַליין געפֿאַלן אין שלאַכט. זיינע וואָפֿנקליידער ליגן באַהאַלטן אין אַ פֿאַרשלאָסענער קאַמער. רחב האָט געשנאָרעט מטבעות ביי די קאַראַוואַנען־טרייבערס, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די שטאָט, און נישט געוואוסט דעם אונטערשייד צווישן אומשולד און זינד. זי האָט אין איר פֿריער קינדהייט באַנומען, אַז די וועלט איז פֿאַרטיילט צווישן נידערטרעכטיקע און רעכטפֿאַרטיקע.

זי איז געוואַקסן ווי אַ דופּטיקע פֿלאַנץ אין הויז פֿון אומעט און האָס צו די הערשערס. אירע גאָלדענע האָר האָבן געלויכטן ווי די שטראַלן פֿון דער זון און אירע בלויע אויגן האָבן דערטרונקען אַלעמענס בליקן ווי אין אָפּגרונט פֿון ים. וועגן איר שיינקייט האָבן געהערט נישט נאָר די איינוואוינער פֿון יריחו, נאָר אויך די מענטשן פֿון ע י און ג ב ע ו ן און פֿון די ווייטע שטעט אין דעם רויטן לאַנד. יונגע פֿרויען האָבן געליטן פֿון קנאה און ביי לוסטיקע מענער האָט אויפֿגעזאָטן דאָס בלוט, ווען זיי האָבן געקוקט אויף דעם ליכטיקן לייב פֿון דעם מיידל, וואָס האָט אַלעמען פֿאַרבלענדט מיט דער שיינקייט פֿון די אומשטערבלעכע. די ווילדע צרורה האָט געלערנט איר טאָכטער נישט אָפּצוגעבן זיך די מענער אין דער שטאָט פֿון פֿאַרדאָרבענע און איר פֿאַרזיכערט, אַז זי איז אַרויס פֿון איר מוטערלייב נקמה צו נעמען אין טאָג פֿון רעכנשאַפֿט אָן די, וועלכע האָבן פֿאַראומגליקט איר פֿאָטערס הויז.

ווען רחב איז שוין געווען אין איר ווייבלעכער רייפֿקייט, האָבן די טירן

פון די רייכע הייזער זיך געעפנט פאַר איר. זי האָט געפאָלגט איר בייזע מאַמע און געריייצט די, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך איר, אָבער צוגעלאָזט צו זיך האָט זי זיי נישט צוגעלאָזט.

איינמאָל איז אין יריחו דורכגעפאָרן פּ ר א ם, דער זון פונעם שטאָטהאַר פון ע י און דערזען אין טויער די שיינע רחב. ער האָט געהייסן די קנעכט אַראָפּלאָזן דעם הויבשטול און אַ פאַרבלענדטער פון איר רייץ האָט ער זיך גע־שטעלט פאַר איר אויף די קניען. און ווי ער האָט געקוקט אויף איר, האָט ער דערפילט ווי ער וואָלט אַריינגעשאָסן אַ פייל אין זיין אייגן האַרץ. רחב האָט מיט שפּאָט אָפּגעמאָסטן דעם שטאָלצן האַר, וואָס בוקט זיך פאַר איר. אירע אויגן האָבן שוין געהאַט דורכגעברענט זיין לייב און ער האָט ווי אַ שקלאַף געקושט דעם זוים פון איר אָרעם קלייד, וואָרום ס׳איז נישט געווען קיין אַנטרינונג פאַר דעם פייער, וואָס זי האָט אָנגעצונדן אין זיין האַרץ.

ער איז מער נישט אַוועק פון יריחו. ער האָט זיך דערוואוסט וואו זי וואוינט און יעדן פרימאָרגן האָט ער אויפגעהאָנגען אַ קראַנץ אויף איר טיר. רחב האָט געלאַכט פון דעם שטאָלצן זון, וואָס האָט געבעטלט ליבע. זיין שטרענגער פאָטער י פ י ע, דער שטאָטהאַר פון עי, האָט אַרויסגעשיקט שליחים נאָך אים און פאַרבאָטן אים צו דערנידעריקן זיך פאַר דער אָרעמער יונגפרוי. אָבער ליבע אין מזרח ווייס נישט פון פאַרבאָט. וואָס מער דער פלאַם איז צוגעדעקט, אַלץ הייסער ברענט ער. פּראַמ׳ס האַרץ איז געווען ווי אַ פליג אין פייער און רחב׳ס זעעל איז געבליבן קיל ווי דער טוי אין באַגינען.

ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר. ביי־טאָג האָט ער זי אָפּגעוואַרט ביי דער שטאָט־מויער פאַר איר פאָטערס הויז און אין אָוונט האָט ער זי געטראָפן ביי די שוועלן פון די טרונקשטובן. זי האָט געזען, אַז ער איז שיין און איידל, אָבער איר ביטער האַרץ האָט זיך געווערט. איין טאָג, ווען ער האָט גערעדט צו איר פלאַמיקע רייד, האָבן פּלוצים קאַלטע אַנגסטן באַדעקט איר שטערן. אַ נעפּל האָט פאַרשטעלט אירע אויגן און אין איר שוואַכקייט האָט זי זיך אָנ־געהויבן וואַקלען. אוים שרעק, אַז זי קען זיך אונטערגעבן דעם פרעמדן מאַן, האָט זי מיט ציטערניש זיך אָנגעלענט אָן דער וואַנט. פּראַם, אַ זיכערער אַז ער האָט זי באַצוואונגען, האָט זי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס. אָבער רחב׳ס האַרץ האָט ווידער אויפגעשטורעמט. דער באַגער אָפּצושפּעטן פון די מאַכט־האָבערס, וואָס האָבן פאַראומגליקט איר פאָטער, האָט אויפגעגליט ווי פייער און זי האָט מיט צאָרן אים אָפּגעשטויסן.

רחב האָט אַזוי לאַנג געטריבן פון זיך די מענער, אַז זי האָט די דרייסטע אָפּגעשראָקן. די רייכע זין האָבן ווייטער געגלוסט צו איר, אָבער פאַר זייערע ווייבער האָבן זיי גענומען שעמעוודיקע טעכטער. די צאָרנדיקע רחב איז גע־

בליבן טרויעריק און איינזאַם און אין יריחו האָט מען גערעדט, אַז די מענער פון לוסט האָבן פאַרלוירן דעם באַגער נאָך איר.

די מוטער צרורה האָט געקילט איר האַרץ מיט נקמה, אָבער דער פאָטער האָט מורא געקראָגן, אַז זיין טאָכטער וועט אַלט ווערן און נישט דערקענען קיין מאַן. ער איז אַוועק אין טעמפּל איבערצובעטן דעם אָפּגאָט ב ע ל. ער האָט געבערענגט שלאַכטאָפּפערס פון צוויי שעפּסן און א שווארצן באָק. אין יענעם יאָר איז אויסגעפאַלן א טריקעניש אין לאַנד. קיין פלאַנץ איז נישט געוואַקסן, קיין זאָמען האָט נישט ארויסגעלאָזט קיין שפּראָצונג. אומזיסט האָבן די אָקסן געשלעפּט די אַקעראייזנס איבער דעם אומקרויט. די פייערדיקע ווינטן האָבן פאַרצערט די ערד און אויסגעטריקנט די טייכן. פון פאַרצווייפלונג האָבן די אָרעמע פון פאָלק געזוכט שוץ ביי דעם האַר פון דער טונקעלער אונטערוועלט. די טעמפּלען זענען געווען פוסט. אויף די מזבחות איז געבליבן קאַלטער אַש. עס האָט אויסגעזען, אַז יענע, וועלכע האָבן געמיינט, אַז זיי זענען אומשטערבלעך, זענען אליין געווען פאַרמשפּט צו אונטערגאַנג.

א גאַנץ יאָר האָט רחב אויסגעמיטן דעם פאַר'עקשנ'טן פּראַם. אומצוטרוי און פּחד האָבן אָנגעפילט איר נשמה, טראָצדעם וואָס זי האָט אים געזען אין אירע חלומות. זי האָט געליטן און נישט געוואוסט פונוואַנען עס שטאַמט איר אומעט. איינמאָל ביינאַכט האָט זי דערהערט דאָס געשריי פון איר בלוט. זי האָט אויפגעוואַכט און ס'איז איר איינגעפאַלן, אַז דער רייכער און שטאַרקער פּראַם איז אַזוי עלנט ווי זי. אויף צומאָרגנס האָט זי נישט געקענט קילן איר שטורעמדיק האַרץ און פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אים ליב. דער שטרענגער שטאָטהאַר פון ע י האָט ווידער געוואָרנט, אַז ער וועט דעם ווידערשפּעניקן זון נישט אריינלאָזן אין זיין שטאָט און אויב בענקען וועט ער צוריקצוקומען אין זיין וואוינאָרט, וועט ער באַשטראָפט ווערן אינמיטן מאַרק, פאַר די אויגן פון המון. ער וועט מוזן זיך ראַנגלען ביז טויט מיט איינעם פון די ריזן, אַזוי ווי ס'איז געווען דאָס געזעץ אין יענע טעג אין ע י.

י פ י ע ' ס וואָרנונגען האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן. פּראַם האָט זיך נישט צוריקגעקערט אין זיין פאָטערס שטאָט. יעדן טאָג נאָכן זונאונטערגאַנג האָט ער אָפּגעוואַרט רחב'ן הינטער די ערדוואַלן פון יריחו. דאָרט האָבן די פאַרליבטע זיך צוגעהערט צום רוף פון זייער היציק בלוט. זיי האָבן געקוקט אויפן לעצטן זון־פלאַם, וואָס איז אַרונטער פון באַרג און אויפן בלויען קוואַל, וואָס האָט געריזלט צווישן די רויטע פעלזן. די פאַראומערטע רחב האָט מער נישט דערשטיקט אירע ווייבלעכע באַגערן און זיך אָפּגעגעבן דעם מאַן, וואָס פריער האָט זי אים פאַרשטויסן. דאָס גליק איז געווען אומענדלעך און זיי האָבן געמיינט, אַז זייער ליבע וועט דויערן ביזן סוף פון אַלע טעג.

אָבער עס איז געשען, אַז פינף געמיינע לייט פון ע״י זענען, אויפן באַפעל פון דעם בייזן שטאָטהאַר יפיע, אַרויס פאַנגען דעם זון, וואָס האָט פאַרשעמט דאָס הויז פון זיינע פאָטערס. די פינף יונגע זענען אַנגעזאָגט געוואָרן צו ברענגען פראַמ׳ן אַ לעבעדיקן אין טויער פון שטאָט, נאָכדעם ווי זיין געליבטע רחב וועט פאַרצוקט ווערן פון אַ דאָרשטיקער חיה... האָבן די נידערטרעכטיקע יונגע מיטגענומען אַ גרויסע לייביכע און זענען צוגעקומען ביז צו די ערדוואַלן וואָס הינטער יריחו, אַז די חיה זאָל לויערן אויף דער זינדיקער טאָכטער, וואָס האָט געפאַנגען דאָס האַרץ פון דעם איידלסטן זון אין דער שטאָט פון גיבורים.

און רחב האָט זיך באַוויזן נאָכן זונאונטערגאַנג צופוסנס די רויטע פעלזן, וואו ס׳האָט געריזלט דער בלויער קוואַל, אָבער זי האָט פראַמ׳ן דאָרט נישט געטראָפן, וואָרום ער האָט זיך פאַרזאַמט אין יענעם טאָג. זי האָט לאַנג געוואַרט. דאָס ליכט פון דער וועלט איז אויסגעגאַנגען, די נאַכט האָט אויסגעשפרייט אירע שאָטנס איבערן באַשאַף, אָבער דער ליבהאָבער איז נישט געקומען. ביי רחב׳ן האָט דאָס האַרץ געפלאַטערט, ווייל ווי אַן אָדלער האָט פראַם געדאַרפט אָנפליען און זי שיצן אונטער זיינע פליגלען. און ווי ער האָט זיך אַלץ נישט באַוויזן, איז רחב׳ס זעעל געוואָרן אַזוי ווי די זעעל פון אַ פרוי אין ווייען.

זי האָט אַרויפגעקוקט צו די פעלזן־שפיצן און זיך איינגעהאָרכט צום מורמל פון בלויען קוואַל, ווי זי האָט פלוצים דערזען אָנקומען די לייביכע. די חיה האָט אויפן וועג פריער פאַרצוקט אַ קרבן. און די נידערטרעכטיקע יונגען, וועלכע האָבן געלויערט הינטער די ערדוואַלן, האָבן נישט געוואוסט, אַז די לעפצן פון דער זאַטער חיה זענען געווען פאַרבלוטיקט פון דעם פאַרצוקטן רויב און זי איז אַצינד געגאַנגען לעשן איר דאָרשט אינעם קוואַל.

די לייביכע איז געווען גענוג ווייט, אַז די דערשראָקענע רחב זאָל אין צייט אַנטרינען. און ווי זי האָט געהאַלטן אין אַנטלויפן פון פחד, איז פון איר אַקסל אַראָפּגעפאַלן דער בלויער שלייער און די לייביכע איז אויף צוריקוועגס פונעם קוואַל אַרויפגעטראָטן אויף דעם איידעלן געוואַנד און דאָס אַריינגעכאַפּט אין איר פאַרבלוטיקט מויל און צעריסן ווי שפּינוועבס, איידער זי איז פאַרשוואונדן. און דאָס האָט פראַם דערזען ווען ער האָט זיך באַוויזן שפּעטער. פאַר זיינע פיס זענען געלעגן די פאַרבלוטיקטע רעשטלעך פונעם שלייער און אין דעם רויטן שטויב זענען געווען די פוסטריט פון דער חיה. האָט פראַם געמיינט, אַז פאַר אים איז נישט פאַרהוילן וואָס ס׳האָט אויף יענעם אָרט פּאַסירט. רחב איז טויט, האָט ער געזאָגט. ער האָט די יונגפרוי, וואָס האָט אים געליבט, די אומבאַשיצטע געלאָזט וואַרטן אַן איינזאַמע אויפן אָרט פון סכנה. „איך האָב

זי אומגעברענגט!״, האָט ער געוויינט און זיין געוויין האָט זיך געטראָגן איבער דעם אומענדלעכן רויטן לאַנד. ער האָט צוגעטראָגן צו די ליפּן די צעפּליקטע שטיקער שלייער, דורכגעווייקט פון בלוט, און גערעדט צו דעם שטויב ביי זיינע פיס: „אַצינד וועסטו אויך טרינקען מיין בלוט!״. דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגן די שווערד און זי אַריינגעשטאָכן אין זיין ריפּ און דאָס בלוט זיינס איז געפלאָסן און רויט געמאַכט די ערד אַרום אים.

און ווי דערשראָקן רחב איז געווען פון דער לייביכע, אַזוי איז זי נאָך מער באַוועלטיקט געוואָרן פון אַנגסט פאַר איר געליבטן. ווען דאָס פינסטערניש איז געוואָרן געדיכטער און די שטילקייט טיפער, ווי גאָט׳ס אָטעם וואָלט גערוט איבער דעם באַשאַף, איז זי אין איילעניש צוריקגעלאָפן צום קוואַל און אַ פאַר־ציטערטע דערזען דאָס פאַרגאָסענע בלוט. „ווי מורא׳דיק איז דאָס דאָזיקע אָרט! — האָט זי געזאָגט — און מיין געליבטער איז מער נישטאָ צו פאַר־טרייבן מיין פחד!״. פּלוצים האָט זי דערהערט אַ שאָרכעריי הינטער אַ שטיין. זי איז אַ צעטומלטע געלאָפן דורך די שאָטנס אַהין. דאָרט איז געלעגן פּראַם אין זיין בלוט. זי האָט אַנידערגעקניט און פאַרוואָרפן די אָרעמס אַרום דעם שטאַרבנדיקן מאַן. זי האָט געקושט זיינע קאַלטע ליפּן און געבעטן ער זאָל רייִדן צו איר. „דאָס בין איך, דיין רחב, דיין טייערסטע, די, וואָס דיין זעעל האָט ליב״ — האָט זי געוויינט. און ווי ער האָט דערהערט איר נאָמען, האָבן זיינע אויגן אויף איין אויגנבליק זיך געעפנט. דערנאָך האָט דער טויט זיי צוגעשלאָסן.

זי האָט געזען ווי די שווערד איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און די פאַרבלוטיקטע שטיקער שלייער ביי זיין זייט. דער סוד איז געווען פאַר איר אַנטפּלעקט. „דיין אייגענע האַנט האָט דיך דערשלאָגן אוים ליבע צו מיר — האָט זי געזאָגט — ווייל געמיינט האָסטו, אַז די שליחים פון דיין פאָטער אין ע י האָבן רחב׳ן געטויט. דעריבער הער, פּראַם: אויך איך, רחב, קען זיין אומדערשראָקן און פאַלן פון דער שווערד, וואָס איז נאָך וואַרעם פון דיין בלוט״. און ווי זי האָט צוגעשטעלט די שאַרף פון דער שווערד צו איר האַרץ, איז פּלוצים אַ שטורעמווינט פון מדבר אָנגעלאָפן און אַרויסגעוואָרפן די שווערד פון איר האַנט. רחב האָט דערין געזען אַ צייכן פון דעם אומגעזעענעם גאָט און זיך געשטאַרקט. שטייענדיק פאַר דעם טויטן פּראַם האָט זי געשוואָרן: „נאָר דער טויט האָט גענומען דעם כוח אונדז צו צעשיידן. איך וועל דעם דאָזיקן כוח פון אים נישט אָוועקנעמען, אָבער לעבן וועל איך בלייבן לעבן, געליבטער מיינער, אַז איך זאָל נקמה נעמען אָן די נידערטרעכטיקע פון דיין פאָטערס שטאָט און אָן די פאַרדאָרבענע פון יריחו, וואָס האָבן מיר געגעבן איינזאַמקייט אַנשטאָט פרייד און דיר טויט אַנשטאָט גליק״.

און רחב האָט אין דער פאַרדאַרבענער שטאָט געוואָלט ווערן גרויזאַמער פון די חיות־פּעכטערס און אומדערשראָקענער פון דעם קעניגס לייבוועכטערס. טאָג און נאַכט האָט דאָס געשריי נאָך נקמה געשטורעמט אין איר האַרץ. זי האָט געזאָגט: „כ׳וועל צוגרייטן אַ גרוב פאַר די נידערטרעכטיקע און פאַרלייגן אַ נעץ פאַר די הינטערליסטיקע". און די שבועה צו איר טויטן געליבטן האָט זי נישט געוואָלט לעסטערן.

ב

די זאָמען פון לוסט, וואָס זענען געווען איינגעפּלאַנצט אין רחב׳ס לייב, האָבן געבוירן תאווה נאָך מאַכט איבער מענער. זי האָט געוואוסט די ווערט פון איר קערפּער און געזוכט פּריינטשאַפט ביי די היטערס פון די קאַמערשוועלן אין רייכע הייזער. זי האָט געעפנט אַ גאַסטהויז אין דער פאַדערשטער שטאָט־מויער פאַר אַדלליים און פירשטן, וואָס זענען געקומען אין די הייזער פון פאַרגעניגן. זי האָט געקענט ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון מאַכטהאָבערס און ווייך מאַכן די הערצער פון קריגסמענער. פאַר איר איז גאַרנישט פרעמד געווען אין די הייזער פון לוסט. זי האָט אָפט געטראַכט פון איר העלדישן עלטער־פאָטער ע ז מ ו ת און ס׳איז איר נאָענט געוואָרן די וועלט פון די באַזיגטע, די, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרשריבן אויף פאַרמעט דעם נאָמען פון רחב די זונה און איר גאַסטהויז אין יריחו, האָבן נישט דערציילט, אַז זי איז געווען די שענסטע שפּילפרוי אין דער פעסטונגס־שטאָט, אָבער נישט פאַרדאָרבן צו גאָט און נישט פאַראַכט ביי די פאַרכטיקע. די זינדיקע מענער, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך איר ליבע, האָבן נישט געוואוסט, אַז פון דעם טורעם פון אירע גאָלדענע האָר ביז צו די שפּיצן פון אירע זילבער־באַזוימטע סאַנדאַלן האָט געבלאָזן די געפאַר פון פאַרלענדונג, וואָרום אין איר בלוט האָט געפּלאַקערט דער פייערדיקער צאָרן אויף די באַדריקער פון די אָרעמע, וועלכע זענען פאַרזען געוואָרן פון די פאַלשע געטער.

אין רחב׳ס גאַסטהויז, וואו עס זענען פאַרפאָרן הענדלערס און קריגסלייט פון די געבערג און פון דער נידערונג, האָט זי אויך אויפגענומען שלאַכטמענער, וועלכע האָבן געערדט ווי באַרימערס, אָבער שטילערהייט האָבן זיי געליטן פון שפלות. אונטער זייערע קופּערנע פאַנצערס האָבן געקלאַפּט וואַרעמע הערצער פון מענער, וועלכע האָבן געקאָנט ליבן און האַסן און נישט בלויז וואַרטן אויף די באַפעלן פון די פעלדהאַרן. זי, רחב, האָט זעלטן זיך אומגעקוקט אויף זיי. זי האָט אָבער געדענקט, אַז אין אַ טאָג פון נויט קענען זיי ווערן אַ נוצלעך געצייג אין אירע הענט, און טראָץ וואָס זיי זענען געטרייע מלחמה־לייט, טראָגן

זיי אָבער אַ שנאה צו יענע, וועלכע זענען שטאַרקער פון זיי און האָבן די מאַכט צו באַפעלן. און רחב האָט זיך געפרעגט: די דאָזיקע שלאַכטמענער, האָבן זיי גענוג פיינט דעם קעניג פון יריחו, אַז זיי זאָלן אויפהויבן אַ בונט קעגן אים?

איין טאָג האָט זיך באַוויזן אין גאַסטהויז אַ ריז פון גבעון. ער איז אַנטלאָפן פון זיין שטאָט, ווייל ער האָט ווידערשפעניקט אין זיין מלך. ער האָט געהייסן גומר און ווי ער איז אָנגעקומען, איז אַ פחד געפאַלן אויף אַלעמען אין גאַסטהויז. זיין רויטער גוף איז געווען ווי אַ מעכטיקער האָריקער פעלז און די באַלענס אויף די אָרעמס ווי קיזלשטיינער. ער האָט געהאַט אָנגעצויגענע אָדערן אויפן האַלדז ווי וויקלשטריק און די באָרד אַרום די קינבאַקן איז געווען ווי אַ געפלעכט פון דערנער. אַזאַ ריז האָט מען נאָך ביז יענעם טאָג נישט געזען אין יריחו. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט צעבראָכן אין טעמפל די געטער פון שטיין און פון בראָנדז, נאָכדעם ווי ער האָט געהערט פון די וואונדער פון דעם אומגעזעענעם גאָט, וועלכער האָט דורכגעפירט איבערן מדבר דאָס דערצאָרנטע שקלאַפן־פאָלק און ער גייט זיי ברענגען ביז צום ירדן. די פאַרציטערטע הענדלערס האָבן, הערנדיק זיינע רייד, געוואָלט אַנטלויפן, אָבער גומר האָט זיי געצוואונגען אויסצוהערן אַלץ, וואָס זיינע ליפן האָבן דערציילט.

רחב האָט דערקענט, אַז דער פרעמדער טראָגט אין זיך אַ גרויסן סוד און זי האָט פאַרלאַנגט, ער זאָל דעם סוד אויסגעבן. גומר האָט אויפגעדעקט די פאַרהוילעניש פון זיין האַרץ, אַז ער איז נישט פון די גאָטפאָרכטיקע, אָבער אין וואונדערצייכנס גלויבט ער, ווייל דורך אַ וואונדערצייכן האָט ער אין זיין וויג דערשטיקט אַ שלאַנג, וואָס איז געקומען אים טויטן. ער האָט נישט געקענט זיינע עלטערן און דער עלטסטער פריסטער אין גבעון האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ זון פון די געטער, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אויף דער ערד. אָבער ער אַליין האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַן עברי, איינער פון די געפייניקטע שקלאַפן פון מצרים.

ווי גומר האָט גערעדט, האָט אין אים אויפגעזאָטן דאָס בלוט, אַזוי ווי דער פלאַקער אין אַ פייערבאַרג. אַלע טעג האָט ער זיך געשלאָגן מיט האַרן און קנעכט. ביי זיינע ראַנגלעניש מיט דעם קעניגס וועכטערס איז ער תמיד אַרויס דער זיגער. אויס באַוואונדערונג פאַר זיין קראַפט, האָט דער קריגסהאַר פון גבעון אים געשיקט צו פאַרלענדן די רויבעריונגען פון מדבר, וועלכע זענען באַפאַלן די וואוינערטער ביי די גרעניץ־שטעט. גומר האָט געברענגט זייערע קעפ אין צוועלף קוישן. אויס דאַנקשאַפט האָבן די באַוואוינער געוואָלט אים באַצאָלן מיט גאָלדשטיקער און זילבערשטיקער, אָבער דער קריגסהאַר האָט פאַר גומר'ן געהאַט אַ העכערע באַלוינונג. ער האָט אים געגעבן אַ פאַר'יתומ'טע פרינצעסין ע ד ה פאַר אַ ווייב. זי האָט אים געבוירן אַ זון און ער האָט אים

געהיטן ווי דאָס אַפּל פון אויג. גומר האָט געפירט שלאַכטן מיט די פיינט פון גבעון סיי אין פרידן, סיי אין מלחמה. איין טאָג האָט אַן אויסשפירער פון שונא אים פאַרנאַרט אין אַ טרונקקאַמער. דאָרט האָט ער אים איינגעשלעפערט מיט אַ באַרוישנדיקן ווייַן, וואָס עס טרינקען די זיגערס נאָך אַ שלאַכט. ווען ער האָט אויפגעוואַכט, האָט ער פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד. ער איז אַוועק אין זיין הויז און מיט דער שווערד געטויט זיין ווייב און זון. אין איין אויגנבליק האָט דער שגעון אים פאַרלאָזט און ער האָט דערזען ווי זיינע געטרייע ווייקן זיך אין בלוט ביי זיינע פיס. ער האָט נישט געדענקט ווי אַזוי דאָס איז געשען. אָבער דער שטאַליונג אין הויף, וואָס האָט געהערט דאָס גוואַלדגעשריי פון די אומגליקלעכע, האָט נישט פאַרהוילן פון אים דעם אמת. ווי גומר האָט דאָס דערהערט, האָט ער אויסגעשפרייט די אָרעמס צום הימל און געזאָגט: „איך בין דער רוצח פון מיינע טייערסטע! אַזוי ווי קיין וועל איך אַצינד טראָגן דעם בראַנדצייכן אויף מיין שטערן און זיין נע ונד אויף דער ערד!". און ער האָט נישט אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פון זיינע הענט און איז אַנטלאָפן ביז דער שטאָט יריחו.

נאָכדעם ווי דער ריז האָט דאָס אַלץ דערציילט אין גאַסטהויז, איז רחב'ן באַפאַלן אַ שרעק און אַ רחמנות אויף דעם אומגליקלעכן מאַן. זי האָט גערופן איר פאָטער עקוב צו טרייסטן דעם געשטראָפטן גיבור, וואָס האָט געקניט ווי אַ געשלאָגענער קנעכט און געיאָמערט.

— זאָל איך דען שוינען מיין אייגן לעבן? איך וויל נקמה נעמען אַן זיך אַליין פאַר דעם טויט פון מיין ווייב און פון מיין ערשט־געבוירענעם זון.

ער האָט שוין געהאַט אויפגעהויבן זיין שווערד, אָבער עקוב האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט און געזאָגט:

— אויך איך בין געשטראָפט פון די געטער. שטויס מיך נישט אָפּ! לאָמיך אַריינעמען דיינע הענט, באַפלעקטע פון בלוט, אין מיינע, און איך וועל ווערן אַ שותף צו דיין שולד.

גומר האָט אויסגעשריען:

— פאַרשאָלטן בין איך פון הימל און פאַראַכט פון מענטשן!

און עקוב האָט אים געטרייסט:

— די חרטה וועט אָפּוואַשן דיין זינד.

— ווייסטו וואָס איך האָב געטון?

— איך ווייס. דיין פאַרברעכן שרייט צום הימל.

— דעריבער מוז איך שטאַרבן!

— קיין גיבור האָט נאָך אַזוינע רייד ביז אויפן היינטיקן טאָג נישט גערעדט.

— וואָס זאָל איך טון, אויב נישט פאַלן פון מיין אייגענער שווערד? לעבן, אַז אַלע מענטשן זאָלן אויף מיר טייטלען: זע, אָט גייט דער נידער־טרעכטיקער, וואָס האָט דערהרגעט זיין ווייב און זון. יעדער שפּאַן ערד וועט זיין מיין געפענקעניש און איטלעכע קללה אויף מיין קאָפּ וועט זיין ווי דער בים פון אַן עקדיש אין מיין נאַקן.

עקוב האָט אים אַרומגענומען ווי אַ ברודער:

— טראָג אויס דיין פּיין און בלייב שטאַרק — האָט ער געזאָגט, — פון היינט אָן וועסטו בלייבן אין מיין הויז. איך וועל טיילן מיט דיר מיין שפּייז און דו וועסט טראָגן מיינע קליידער. אָבער בלייבן זאָלסטו מיט מיר, וואָרום דיין אָרעם וועט זיין אַ שוץ קעגן די פאַלשע און מוטוויליקע, וואָס האָבן מיך פריער פון דיר באַשטראָפּט און באַרויבט. און דו וועסט מיר געבן מנוחה, וואָס עס קריגט אַ געליטענער אין זיין צער.

דער ריז האָט לאַנג געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— אַזוי זאָל זיין! איך וועל בלייבן שטאַרק און וואַרטן ביזן טאָג פון טויט!

רחב האָט זיך געפרייט וואָס אין איר גאַסטהויז וועט וואוינען אַ געטרייער באַשיצער. זי האָט באַגערט צו דערגיין אַלע סודות פון דעם מאַן, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ זון פון די עברים, איינער פון דעם שקלאַפן־פאָלק, וואָס שלאָגט שטאַרקע פעלקער אין מדבר און דערנענטערט זיך צום לאַנד פון ירדן. אָבער גומר איז לאַנג נישט געבליבן אין יריחו. אין איינעם אַ טאָג איז ער פאַרשוואונדן. ער האָט אויסגעוואַנדערט אין ווייטע לענדער צו נעמען אויף זיך הארבע שטראָפן, אַז ער זאָל גערייניקט ווערן פון די זינד.

רחב איז געבליבן אַ האַרינטע צו די דורכפאַרנדיקע הענדלערס און קריגס־מענער, אָבער זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן דעם געפייניקטן גיבור. דער אויסגעלאָשענער באַגער צו ליבן אַ מאַן נאָך פראַמ׳ס טויט, האָט ווידער אין איר זיך אָנגעצונדן און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר האַרץ בענקט נאָך גומר׳ן. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי די קאַראַוואַנען־טרייבערס, אָבער זיי האָבן פון דעם פאַרשוואונדענעם ריז נישט געהערט. זי איז אַוועק צו די מכשפות הינטערן שטאָט־טויער, אָבער זיי האָבן פאַר איר נישט געקענט אַנטפּלעקן דאָס רעטעניש. איינמאָל האָט אַ וואַנדערנדיקער פעלשינדער פון די אמורים אָפּגעטרעטן אין גאַסטהויז און דערציילט, אַז ער איז אין די געבערג פאַרבייגעגאַנגען דאָס אָרט פון גומר׳ס באַהעלטעניש און די פּאַסטוכער פון יענם לאַנדשטיק האָבן אויס־געזאָגט, אַז דער גיבור האָט זיך איבערגעגעבן צו די פּריסטערס פון דער אונ־טערשטער וועלט און זיי האָבן אים געהייסן נעמען אויף זיך דריי שטראָפן, וואָס וועלן רייניקן זיין נשמה און גוף.

די ערשטע שטראָף איז געווען צו דערהרגענען דעם לייב פון באַרג שעיר, די מוראדיקע חיה, וואָס האָט פאַרצוקט אַלע זויגלינגען ביי יונגע מאַמעס. אַ פחד איז געהאַנגען אויף אַלע איינוואוינער פון לאַנד. קיין פייל און קיין שפּיז האָט נישט געקענט פאַרוואונדן די האַרטע פעל פון דעם לייב. אָבער גומר האָט געוויזן אַ וואונדערצייכן. ער האָט אַריינגענומען דעם לייבס קאָפּ אין זיינע הענט און אַרויסגעבלאָזן פון אים דעם אָטעם פון לעבן. דערנאָך האָט ער געטראָגן אויף זיין אַקסל דעם טויטן לייב דורך דריי לענדער, ביז צום טויער פון ע ר ו ע ר, וואָס ביים טאָל אַרנון. די צווייטע שטראָף איז געווען אויס־צורייניקן אַלע שטאַלן אין לאַנד ב ש ן אין איין טאָג. די באַוואוינער פון בשן האָבן געהאַט קי און שאָף און רינדער אַזוי פיל ווי דאָס זאַמד אין מדבר. און די שטאַלן זענען נישט גערייניקט געוואָרן אַלע יאָרן. האָט גומר איז באַגינען פאַרקירעוועט די שטראָמען פון צוויי טייכן ז ר ד און י ב ו ק און דאָס וואַסער האָט אַריינגעפּלייצט אין אַלע שטאַלן אַזוי ווי אַ מבול און אויסגערייניקט דעם קויט נאָך פאַר זונאונטערגאַנג. און די דריטע שטראָף איז געווען צוריקצו־ברענגען צו סיחון, דעם קעניג פון אמורי דעם היילִיקן אָקס פון י ה ץ, וואָס איז געווען אַ פאַרזעעניש מיט דריי קערפּערס. די געשטראָפטע חיה איז אַנט־לאָפן צום ברעג פון גרויסן ים. ביים סוף פון דריי טעג איז גומר אין אַ רייט־וואָגן אָנגעקומען צום ים און ווי אַ צייכן, אַז ער האָט באַטרעטן דעם נידעריקן פּאַס לאַנד, האָט ער דאָרט אוועקגעשטעלט צוויי הויכע פעלזן, העכער פון דעם שטיינער־הויפן, וואָס יהושוע בן נון האָט שפּעטער געלאָזט אויפשטעלן אין גלגל. און גומר האָט די פעלזן אַ נאָמען געגעבן: די זיילן פון גבורה. דערנאָך האָט ער מיט אַ געטלעכער קראַפט אָנגעכאַפּט דעם מוראדיקן אָקס ביי די הערנער און אים צוריקגעפירט צום קעניג סיחון.

ווען רחב האָט געהערט פון די וואונדערצייכנס, וואָס גומר האָט געוויזן, איז איר האַרץ אויסגעגאַנגען נאָך דעם מאַן, וואָס האָט געהאַט די גבורה פון געטער, אָבער געגומען האָט ער אויף זיך די שטראָף פון די שטערבלעכע. זי האָט געשיקט אים רופן צו זיך דורך די וואַנדערנדיקע הענדלערס און קעמל־פירערס, אָבער זיי האָבן אים נישט געפונען אויף זייערע וועגן. רחב׳ס בענק־שאַפט איז נישט געשטילט געוואָרן. זי האָט געגאַרט נאָך דעם קוואַל פון וואַרעמקייט אין האַרץ פון יענעם אומדערשראָקענעם מאַן אַזוי ווי די פּלאַנץ גאַרט נאָך דער היץ פון דער זון. זי האָט געזוכט טרייסט פאַר איר באַטריבט געמיט און געזאָגט: „די מעכטיקע, וועלכע זיצן אין די הויכן, פאַראַכטן דעם טרויער פון די, וועלכע וואוינען אויף דער ערד. איך וועל דעריבער פון היינט אָן פאַרטרייבן פון זיך דעם אומעט". און זי האָט מיט מער לוסט גענאָסן פון די פאַרגעניגנס אין איר גאַסטהויז. זי אַליין האָט פיינט געקראָגן די אומגליק־

י ח י ח ו

לעבע און געשפּעט פון די דערנידעריקטע. זי האָט אָנגעטון קליידער פון זייד און פּורפּור און באַדעקט איר נאַקן און אָרעמס מיט צירונג פון גאָרפינקל און אַגאַטן. זי האָט געפלאַטערט אַרום די לוסטיונגען ווי אַ שמעטערלינג אַרום פייער, אָבער זי האָט נישט געקענט פאַריאָגן די שרעק, אַז אַזוי ווי אַ שמעטערלינג קען זי אָפּגעברענט ווערן אין דעם פלאַם און אויסגיין אין בלי פון אירע יאָרן.

קאַפּיטל פיר

א

רחב׳ס גאַסטהויז איז געהיטן געוואָרן מיט טויזנט פאַר אויגן דורך דעם שטאָטהאַרס אויפזעערס און דורך דעם קעניגס וועכטערס, וואָרום די גאַסטשטוב איז געווען אין דער העכסטער מויער איבערן ערשטן בויגן־טויער. זיי האָבן געלויערט ביי די טירן, דורך וואַנען הענדלערס און דורכפאָרערס פון פרעמדע לענדער זענען דורכגעגאַנגען טאָג און נאַכט. פאַר דעם וואַכזאַמען שטאָטהאַר איז דאָס הויז געווען די הינטער־טיר פון יריחו און פאַר דעם אומזיכערן קעניג — דאָס אָפענע פענסטער צום מדבר. ביידע, דער שטאָטהאַר און דער מלך האָבן זיך געשראָקן, אַז אַ זאַמלאָרט פאַר אויסשפּירערס, וואָס קומען פון די שייד־וועגן פון דער וועלט, קען רחב׳ס הויז ווערן און אין די רוישיקע מאַרק־טעג האָבן זיי באַפוילן צו פאַרדאָפּלען די צאָל וועכטערס.

אָבער אינעווייניק, צווישן די הויכע ווענט האָט רחב געהאַט איר אייגן קעניגרייך. פון דעם אויבערשטן שטאָק האָבן טרעפּן, דורך אַ געהיימער עפענונג, אַראָפּגעפירט צו אַ טיפער הייל פון גראַניט, וואָס זי האָט דורך ווערקמייסטערס פון צידון געלאָזט אויסהאַקן. די הייל איז פאַר רחב׳ן געווען אַן אַנטרינונגסאָרט, וואו זי האָט געזוכט רו פאַרן האַרץ און טרייסט פאַר דער נשמה. זי האָט דאָרט געהייסן פאַרפלאַנצןביימער, וואָס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון די רייכע גאָרטנס אין די צפון־לענדער. עס האָבן דאָרט געריזלט פרישע וואַסערן דורך קינסטלעכע עפענונגען פון ברוינע זיילן. ווילדע פעלזן האָבן זיך געשפּיגלט אין אַ בלויען קוואַל. אויף די ווענט זענען געווען אויסגעמאָלן מאַסקעס פון באַרמלאָזע קריגסלייט און גרויזאַמע חיות. אינמיטן באַלקן זענען געווען אַריינגעשטאָכן שפּיזן, וואָס גנעדיקע שלאַכטמענער האָבן איר געשאָנקען און ביים אַריינגאַנג זענען געהאָנגען ליימענע טאָוולען מיט אויפשריפטן פון אויסדערווײלטע געסט.

אין די נעכט איז די הייל אויך געווען אַן אָפּרו־אָרט פאַר די אָנגעזעענע און מעכטיקע, וואָס זענען פאַרשטעלטערהייט געקומען קיין יריחו פון די פיר

ווינקלען פון דער ערד און האָבן פאַר רחב'ן דערציילט די סודות פון זייערע לענדער. אין דעם ערשטן טאָג פון איטלעכן חודש האָט דאָרט זיך באַוויזן דער אַלטער נמואל און אַנטפּלעקט פאַר איר אַלץ, וואָס איז פאַר דעם געמיינעם פאָלק געווען פאַרהוילן.

אין יענעם טאָג, ווען די אויסשפּירערס פון יהושוע זענען אַריין אין שטאָט, האָט רחב גערוט צווישן די רייפע פלאַנצן אין דער הייל. זי האָט פריער געהערט וועגן דער פאַרלוירענער שלאַכט מיט די אמורים און וועגן דעם גערודער אין פּאַלאַץ און איר האַרץ האָט זיך געפרייט אויף דער מפּלה פון די פאַראומגלי־קערס פון איר פאָטער. זי האָט לייכט געשפּרייזט צווישן די געוויקסן און בלומען ביים קוואַל. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קליינעם בראָנדזענעם אָפּבילד פון אַ הירש, וואָס אַ געאַכפּערטער גאַסט האָט איר געבראַכט אַ געשאַנק. זי איז געווען אַנטציקט פון דעם געטאָקטן ביינער־געבוי ביי דער איידעלער חיה, וואָס האָט ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש געטראָגן אין אירע לענדן די ריינקייט און אומשולד פון גאָטס איידעלע געשטאַלטן.

ווען זי איז מיד געוואָרן פון אַרומגיין צווישן די פלאַנצן, האָט זי זיך אויפגעהויבן איבער די טרעפּ אַ שטאָק העכער און איז אַריין אין דער קאַמער פון די קופּערנע שפּיגלען. זי איז געווען איינגעהילט אין לויזע ווייסע געוואַנדן, ווייל זי האָט געוואַרט ביז זונאונטערגאַנג, ווען די דינסט וועט זי אויסבאָדן און איבערטון צום אָוונט־מאָלצייט פאַר אירע אָנגעזעענע געסט. און ווי זי האָט דערזען איר אָפּבילד אין רויטן שיין פון קופּער, האָט זי אַליין באַוואונ־דערט איר וויקלדיקע געשטאַלט און ס'איז איר קלאָר געוואָרן פאַרוואָס עס ברענט אין איר דער באַגער זיך אָנצוזען צווישן די מענער, וועלכע זיצן ביים קעניגס טיש. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די רייד פון דעם קלוגן נמואל, אַז די פרוי גייט נישט אַרויס פון דער מוטערס טראַכט, זי ווערט ערשט געבוירן ווען זי דערשפּירט די ערשטע לוסט צום מאַן. אַ פאַרלאַנג האָט איר פּלוצים באַ־צוואונגען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַלע קליידער און זיך זען אין איר נאַקעטקייט.

אַנטבלויזט ווי חוה פאַר דער ערשטער בושה האָט זי זיך געדרייט פאַר די שפּיגלען, און ווי יעדע איינזאַמע פרוי, עלנט אין טומל פון דער וועלט, האָט איר האַרץ געבענקט נאָך דעם פאַרלוירענעם מאַן. דער העכסטער פון אַלע פאַרלאַנגען איז געוואָרן אַ הונגער פאַר איר נשמה. אינעם גערויש אין איר גאַסטהויז, אַרומגערינגלט פון טומלדיקע געסט מיט קרוגן וויין, האָט זי זיך דערזען אין איר אָפּגעשיידקייט. זי האָט פיינט געהאַט די פאַרדאַרבענע, פאַר־אַכט די אויסגעלאַסענע און געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען ס'וועט זיך באַווייזן דער אומגעריכטער, וואָס וועט טראָגן זיין ערנהאַפטיקייט ווי דער קריגסמאַן

טראָגט זיין פאַנצער. פון אַזאַ אויסדערוויילטן האָט זי געוואָלט הערן, אַז זי ווערט געליבט. טייערע קליידער זענען אַ צירונג פאַרן לייב און טאָפּאַזן און רובינשטיינער אויף די אָרעמס גליען מיט דעם ליכט פון דער זון. אָבער דאָס פייער אין האַרצן, וואָס די קלוגע רופן ליבע, וועט אין איר קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן.

רחב איז נישט אָפּגעטראָטן פון שפּיגל. פּלוצים האָט איר אייגן אָפּבילד איר געוואָרנט וועגן דער עלטער, וואָס ברענגט גרויע האָר און פאַלדן אויף דער הויט. אַ שווייס פון פּחד האָט פייכט געמאַכט איר שטערן. די אומ־רחמנותדיקע וואָרנונג, אַז ליגן איז דער רייץ און אייטעל איז די שיינקייט, האָט ווי אַ בין געגרויזט אין אירע אויערן. זי האָט אויף איין אויגנבליק אָפּגע־קערט איר קאָפּ פון שפּיגל און צוגעשלאָסן די אויגן און דערנאָך האָט זי ווידער ווי אַ פאַרוואונדערט קינד באַטראַכט איר צאַרט לייב כדי זיך צו זען אין איר פריערדיקער שיינקייט.

יעדער וואונטש געבערט פרייד. און רחב׳ס אויגן האָבן אַצינד געזען, וואָס איר האַרץ האָט פאַרלאַנגט. זי האָט זיך געפרייט מיט דער אויפגעהיטענער פרישקייט פון אירע לענדן. זי האָט געקוקט מיט פאַרגעניגן אויף אירע גוט־געפורעמטע אָרעמס. די ראָזעווע הויט האָט געבלענדט; איר האַלדז, געשטרעקט ווי אַ טורעם פון ביין, און איר מויל ווי אַן אויפגעשניטענער וויינעפּל. אַ מונטערע שטים האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז זי איז די שיינע צווישן שטערב־לעכע, דעריבער איז זי ווערט געליבט צו ווערן פון אַדללייט און גיבורים. פּראַם, דער שיינער, צי איז ער דען נישט פאַר איר געשטאָרבן? און גומר דער ריז, צי האָט ער נישט אַוועקגעוואַנדערט אין ווייטע לענדער, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַרברענט צו ווערן אין אירע פייערדיקע אָרעמס?

שטייענדיק אַנטקעגן שפּיגל האָבן אירע בלויע אויגן אויפגעלויכטן און אירע ווייכע ליפּן האָבן געמורמלט: אין גאַנץ יריחו איז היינט נישטאָ אַ פרוי, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזעלכע צאַרטע לענדן און אַזעלכע פּראַכטפולע הענט. מיינע הענט! מיט זיי וועל איך מיינע געליבטע צערטלען און מיינע פיינט דערשטיקן!

פאַרטראָגן אין אָט די טראַכטונגען האָט רחב פּלוצים דערהערט אַ גערויש הינטער דער קופּערנער טיר. זי האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ געוואַנד און דערזען איר טונקלהויטיקע דינסט חגית אויף דער שוועל. די דינסט איז אַריין אין איילעניש. זי האָט געהאַלטן אויף אירע אָרעמס קליידער פון זייד און ווערמילרויט און אַ פּאָר זילבערנע סאַנדאַלן. זי איז געווען צערודערט. די גרויסע ווייסלען אין אירע אויגן האָבן געבליצט. די בליאַסקעדיקע ציין האָבן

צעשיידט די פולע ברוינע ליפּן. אָן אויסצורייידן אַ וואָרט האָט זי אָנגעהויבן אָנצוטון איר האַרינטע. און ווי רחב האָט געוואָלט אָפּשטויסן די אומגעהאַרכ־זאַמע באַדינערין, האָט חגית איר אָנגעזאָגט, אַז נמואל, דער אַלצווייסער, האָט געשיקט אַהער זיין קנעכט תובל מיט צוויי פּרעמדע הענדלערס, וואָס ברענגען איר אַ סוד פון דער פרעמד.

ביי רחב׳ן איז דער כעס אויסגערונען. אויפן אָרט פון אויפרעגונג איז געקומען נייגעריקייט.

— די הענדלערס, פון וואַנען קומען זיי?

— פון אַ לאַנגן וועג. דערשראָקן און מיד זעען זיי אויס.

— זענען זיי אָרעם?

— רייכע קליידער טראָגן זיי און שווערע בייטלען הענגען אויף זייערע בויך־גאַרטלען. איינער איז שיין און שטאַרק. דער צווייטער איז ענלעך צו אַ יאַכטהונט.

— ווער האָט די פרעמדע היינט אַריינגעלאָזט דורכן שטאָט־טויער? האָבן זיי אונטערגעקויפט די צינזהאַרן? האָבן זיי אָפּגענאַרט די וועכטערס?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן זייער סוד, מיין האַרינטע, אַז ביי תובל, דעם באַגלייטער זענען די ליפּן פאַרזיגלט?

אַ רויטקייט האָט באַדעקט די הויט פון רחב׳ס באַקן און אירע שלייפן האָבן אַ ציטער געטון.

— דער קלוגער נמואל — האָט זי געזאָגט — פאַרוואָס שיקט ער אַלע אומגליקלעכע צו מיר מיט זיין שווייגנדיקן קנעכט? צי איז מיין גאַסטהויז אַ קויטיקער קוואַל און אַ דומפּיקער ברונים פאַר אַלע געיאָגטע, וואָס אַנטלויפן פון די רויבעריונגען אָדער שטרייטן מיט די געזעצגעבערס פון שטאָט?

די דינסט האָט זאָרגפעלטיק אַרויפגעצויגן די קליידער אויף איר האַרינטע און איר דערלאַנגט צירונג פון עמאַראַלדן און טאַפּאַזן פאַר דעם נאַקן און אָרעמס. רחב האָט איבערגעקליבן די צירונגסשטיקער. שטייענדיק פאַרן שפּיגל האָט זי געדולדיק געלאָזט חגית׳ן פאַרשנורן די סאַנדאַלן און אַ פאַרטראַכטע געזאָגט.

— ווי שוואַלבן, וואָס פליען אַן און ווי שפּערלען וואָס וואַנדערן, אַזוי פאַלן די דערשראָקענע וואָגלערס ביי מיין טיר.

און זי האָט אַ שטרענגע זיך אַ קער געטון צו איר דינסט.

— פיר זיי אַריין!

ש. איזבאַן

ב

ווי כלב און פנחס, און הינטער זיי תובל, האָבן זיך באַוויזן אין איר קאַמער, איז רחב זיי נישט אַנטקעגן געגאַנגען. דורכן שפיגל האָט זי דערזען די צוויי געוויקסיקע מענער אין זייערע אויסגעניטע אויבערמאַנטלען. „זיי האָבן אָרעמס פון פעכטערס און אויגן פון שפּאַרבערס — האָט זי געפּלים־טערט, — קומען זיי אַנטפּלעקן אָדער אויסשפּירן?"

פנחס, ווי תמיד אין אומזיכערקייט, איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך ביי דער טיר און כלב האָט געשטעלט פאָראויס דרייסטע טריט מיט דער גע־ניטשאַפט פון איינעם, וואָס ווערט נישט נתפּעל פון שיינע קאַמערן און רייכע טישן. אָבער אויך ער האָט געשוויגן. רחב, נישט אויסדרייענדיק זיך, האָט געפרעגט.

— איר זוכט אַנטרינונג?

— דו האָסט באַהאַלטן דעם ריז גומר, האַרינטע און דו קענסט אויך אונדז העלפן — האָט כלב געזאָגט.

זי האָט לייכט אויפגעציטערט ביים דערהערן דעם נאָמען גומר, אָבער זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— ווער ביזטו, פרעמדער? — האָט זי געפרעגט — און פון וועלכן לאַנד קומסטו, וואָס דיין צונג רעדט מיט רעטענישן?

אַ צעפּלאַמטער האָט כלב אויסגערופן:

— רחב, גאַסטביטערין פון יריחו! מיר קומען פון אַ ווייט לאַנד. מיר זענען דורכגעגאַנגען מדבריות און דורכגעשוואומען ימ'ען, אָבער דער נאָמען פון דיין שיינקייט און מאַכט האָט זיך דערטראָגן צו אונדז פון די פיר ווינקלען פון דער ערד. דאָס, וואָס מען דערציילט וועגן דיר און דיין גאַסטהויז, קלינגט שענער פון אַלע וואונדערצייכנס, וואָס מיר האָבן געהערט פון די זקנים אין די שטאָט־טויערן. געהערט האָבן מיר אויך, אַז דאָס שלעכטס, וואָס די בייזע הערשער האָבן געטון צו דיר און דיין הויזגעזינד, האָט דיך נישט אָפּגעשוואַכט, נאָר פאַרקערט, דיך געשטאַרקט. דו שפּעטסט פון מלכים און האָסט נישט מורא פאַר קריגספירערס, דעם קעניגס געטרייע אין דיין אייגענער שטאָט ציטערן פאַר דיר. דו טוסט געוועלטיקן אין דיין אייגן קעניגרייך, אָבער ביז היינט ביזטו געבליבן אַ הערשערין אָן נצחונות. מיר זענען געקומען דיר ברענגען אַ זיג קעגן די מאַכטהאָבערס פון שלעכטס.

— דו רעדסט פאַרהוילענע רייד — האָט רחב געזאָגט און זיך אויסגע־דרייט אַנצוקוקן דעם מאַן, וואָס האָט אַזאַ פלאַמיקע צונג.

י ר י ח ו

זי האָט פאַרדעכטיק געפירט די אויגן פון כלב'ן אויף פנחס'ן און אויף דעם קנעכט, אָבער אויס באַוואָרעניש האָט זי געלאָזט פאַלן.

— איין מויל איז גענוג. צוויי האַלטן נישט קיין סוד.

און זי האָט אַ צייכן געגעבן איר דינסט צו לאָזן זי אַליין מיט דעם דרייסטן הענדלער.

נאָכדעם ווי חגית האָט אַרויסגעפירט פנחס'ן מיט תובל'ן, איז רחב גרייט געווען צו באַגריסן דעם פרעמדן מיט שפּאָט־רייד. קיינמאָל פריער האָט זי נישט פאַרטראָגן די דרייסטקייט ביי אַ מאַן, וואָס קומט זוכן אַ באַהעלטעניש אין איר גאַסטהויז. אָבער ווי נאָר זי האָט אויף כלב'ן אַ קוק געטון, איז זי שטאַרק פאַרוואונדערט געוואָרן פון דער לויטערקייט און שטאַרקייט אין זיין געשטאַלט. פון זיינע באַוואַקסענע קינבאַקן האָט געבלאָזן אַ גבורה פון אַן אָדלער. זיינע אויגן האָבן געשטאָכן ווי שפּיזן. רחב'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער דאָזיקער מאַן קאָן ווי אַ צויבערמאַכער אַריינקוקן אין איר נשמה. צום ערשטן מאָל האָט זי דערשפּירט אַ פאָרכט קעגנאיבער אַ מענטש, וועלכער איז קלענער אין שטאַנד פון איר.

— פיל וואַנדערער האָט דער אַלטער נמואל צו מיר געשיקט — האָט זי געזאָגט — און אַלע זענען זיי געקומען בעטן און נישט וואָרענען. איטלעכער אַנטלאָפענער זוכט אין מיין הויז ברויט און אַ נאָכטלעגער און ער שרעקט מיך נישט מיט מלחמה. פאַרוואָס רעדסטו פון אַ נצחון איבער מיינע פיינט? צי זענען מיינע פיינט אויך דיינע? ווי שטאַרק איז דיין מחנה הינטער דיר, פרעמדער, וואָס דו רעדסט אַזוי אומדערשראָקן? ביזטו איינער פון דעם באַ־פרייטן שקלאַפן־פאָלק, וואָס האָט דערשלאָגן שטאַרקע פעלקער אויף זיין וועג און וואָס דערנענטערט זיך אַזוי ווי אַ שטורמווינט פון מדבר צו באַלאַגערן אונדזער שטאָט?

ביי די רייד האָט כלב אָראָפּגעריסן דעם אויסגענייטן אויבערמאַנטל און באַוויזן זיינע פּראָסטע קליידער, וואָס ער האָט אָנגעטון אין מאַרק פון די טעפּערס.

— איך בין כלב, דער זון פון יפונה! — האָט ער אויסגערופן — איינער פון דעם פאָלק וואָס גאָט האָט אין ים־סוף אָפּגעוואַשן פון אים די חרפּה פון מצרים. די אויגן, וואָס האָבן געהיטן יעקב'ן אין חרן און משה'ן אין הויז פון פרעה'ן, האָבן מיך באַגלייט ביז אַהער, אַז איך זאָל זיך שטעלן פאַר דיר היינט און זאָגן: פיר הונדערט יאָר האָט מיין פאָלק געדינט אין קנעכטשאַפט אין אַ פרעמד לאַנד און אַצינד קומען מיר צוריק אַרבן די ערד פון אונדזערע אָפּ־שטאַמיקע, וואָס דער גאָט פון ישראל האָט געשוואוירן צו אונדזערע עלטערן. ווי נאָר מיר זענען אין פרימאָרגן אַריין אין טויער פון שטאָט, איז אונדזער

סוד אַנטפּלעקט געוואָרן. נמואל האָט צו אונדז געזאָגט: גייט צום הויז פון רחב און געפינט דאָרט אַנטרינונג, וואָרום עס פלאַקערט אַזאַ צאָרן אין איר האַרץ, וואָס קען פאַרברענען יריחו מיט אירע הערשערס! גאַסטביטערין פון יריחו! נישט אַנטרינונג זוכן מיר אונטער דיין דאַך. פיר אונדז אַרויס איבער דער שטאָט, אַז מיר זאָלן זען אירע פאַרבאַרגענישן. ווייז אונדז די פעסטונגען, אַז מיר זאָלן דערקענען די שטאַרקייט פון אירע באַוואוינער.

רחב האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון כלב׳ן. ווי אומדערשראָקן איז דער דאָזיקער מאַן און ווי שיין איז זיין געשטאַלט אונטער די אָרעמע קליידער! ווי אַן אויסגעגאָסענער פעלז אין די געבערג שטאַרצט ער אַרויס. ווי אַן אָדלער אין די וואָלקנס שוועבט ער. זיינע רייד האָבן געדאַרפט אָנוואַרפן אַ פחד, אָבער זיי זענען געווען אַנגענעם אין אירע אויערן. זי האָט זיך געהיטן אַרויסצואווייזן איר אַנטציקונג און נישט אָפּגעשטעלט זיין שטראָם רייד. און דער צעפלאַמטער כלב האָט נאָך געזאָגט:

— אויב געהערט האָסטו רחב, אַז די אימה איז געפאַלן אויף די פעלקער און אַז שטאַרקע חיילות זענען צעטראָטן געוואָרן אויף אונדזער וועג און אויב דערציילט האָט מען דיר ווי דער אַלמעכטיקער האָט אויסגעטריקנט די וואַסערן פון ים־סוף פאַר אונדז און ווי מיר האָבן פאַרלענדט די מלכים פון אמורי און סיחון׳ען און עוג׳ן, וואָס זיי זענען אונדז באַפאַלן און ס׳איז פון זיי קיין אָטעם נישט געבליבן — אויב געהערט האָסטו פון די אַלע וואונדער, זאָלסטו היינט שוינען דיין לעבן, רחב! גיב אונדז נישט אויס צו דיינע פיינט, דערפאַר וועלן מיר נאָכן נצחון טון גנאָד מיט דיר און מיט דיין הויזגעזינד און ראַטעווען אייערע נפשות פון טויט.

ביי רחב׳ן האָט אויפגעפלאַטערט דאָס האַרץ און פאַרשטאַנען האָט זי, אַז כלב רעדט אין נאָמען פון די גערעכטע און שטאַרקע, וועלכע קומען נקמה נעמען פאַר די אומרעכטן איבער די געדריקטע. איר געמיט איז געוואָרן מונטער. ווי גוט איז צו געפינען שוץ אין די אָרעמס פון דעם דאָזיקן מאַן — האָט זי געטראַכט — און ווי וואויל איז צו האָבן אים פאַר אַ ליבהאָבער! אָבער זי האָט פאַרבאָרגן איר פרייד און אירע ליפּן זענען געבליבן קיל.

— פרעמדער — האָט זי געזאָגט, — געקומען ביזטו ווי אַ געיאָגטער צו מיין טיר, אָבער דו רעדסט שוין ווי אַ זיגער נאָך דער שלאַכט. וואָס קען טון גנאָד צו מיר און צו מיין הויזגעזינד. צי האָסטו נישט געהערט פון דעם קעמל, וואָס איז געגאַנגען זוכן פאַר זיך הערנער און מען האָט ביי אים אָפּגעשניטן די אויערן? צי רימסטו נישט דיין גבורה צו פרי און צי ביזטו נישט צו דרייסט, ווען דו שטייסט צום ערשטן מאָל פאַר רחב׳ן, וואָס קען, ווי דו זאָגסט, דיר ווייזן די פעסטונגען און פאַרבאָרגענישן פון שטאָט?

י ר י ח ו

— איך זאָג די רייד, וואָס דער האַר פון דער וועלט האָט געלייגט אויף מיינע ליפּן — האָט ער געענטפערט. — אויב מיין צונג גליט מיט צאָרן, איז דאָס דער צאָרן פון די רעכטפאַרטיקע, וואָס זענען נעכטן געווען שקלאַפן און היינט זענען זיי אַ פריי פאָלק געוואָרן. איך בין געקומען וואָרענען, רחב און נישט טרייסטן. ווי נאָר אונדזערע חיילות וועלן אָנקומען אַהער, וועלן די פעלקער אין דעם דאָזיקן לאַנד קיין רו נישט האָבן און קיין מנוחה וועט נישט זיין פאַר זייערע פיסטריט. זייער לעבן וועט זיי הענגען אַנטקעגן און זיי וועלן אַנגסטן טאָג און נאַכט. די מלכים וועלן נישט זיכער זיין אין די פּאַלאַצן און די הויפּטלייט אין די טורעמס. אין פרימאָרגן וועלן זיי זאָגן: הלוואי וואָלט אָוונט! און אין אָוונט וועלן זיי בעטן: הלוואי וואָלט פרימאָרגן! צי ווילסטו דען זיין איינע פון זיי, מיט אַנגסט אין דיין האַרץ און פּחד אין דיין נשמה? וואַך אויף, רחב און שריי אויס: היינט האָב איך זיך דערוואוסט פון דעם פאָלק, וואָס איז דורך דער שבועה פון אַלמעכטיקן, געבליבן דער באַוואוינער פון דעם דאָזיקן לאַנד! היינט האָב איך דערזען דעם שלאַכטמאַן, וואָס וועט מיך באַשיצן פון אונטערגאַנג!

רחב האָט זיך דערנענטערט צו אים. זי האָט לוסטיק באַטראַכט דעם צאָרנדיקן מאַן, וועלכער האָט געקענט צו איר זיין אַ שטרענגער באַפעלער און בייזוויליקער שטראָפער. זי האָט זיך נישט געשראָקן פאַר זיינע באַרמלאָזע רייד, נאָר געזען דעם צויבער אין זיינע פייערדיקע אויגן. און ווי זי האָט זיך געדרייט פאַר די שפּיגלען און געקוקט אויף איר גוף, געוויקלט אין זייד, האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— דו וועסט גיך פאַרטראַגן ווי אַ ווינט פון דיין פלאַמיקער צונג, כלב. היט זיך, אַז מיינע בליקן זאָלן נישט אָנצינדן דיין לוסט.

אירע רייד זענען געווען וואָרע, וואָרום ביי כלב׳ן האָט, ווי ביי יעדן שוואַכן מאַן אויפגעוואַכט אַ באַגער צו דער דאָזיקער לוסטפרוי. ער האָט דעם באַגער דערשטיקט און די תאווה פאַרלאָשן. פונדעסטוועגן האָט ער נישט גע־קענט איינגאַנצן אויסברענען אין זיך דעם הייסן פאַרלאַנג צו לויבן די פרוי, וואָס וועט ווערן פאַר אים אַ הילף. ער האָט געזאָגט:

— רחב, דו ביזט געבענטשט מיט שיינקייט און חכמה. און דאָס, וואָס דער קלוגער נמואל האָט וועגן דיר דערציילט, איז ווינציקער פון דעם אמת, וואָס אַנטפּלעקט זיך אָציינד פאַר מיר. דו ביזט שענער פון די לוסטפרויען אין מואב און האָסט מער צויבער פון אַלע מ ד י נ י ש ע טעכטער. אָבער די כוחות זענען דיר נישט געשאָנקען געוואָרן צו דינען די פאַלשע. דיין געשטאַלט איז ווי אַ ריינער מזבח און דו טאָרסט נישט פאַרשווענדן דאָס טייערע געשאַנק, וואָס דער אַלמעכטיקער אַליין האָט דיר געגעבן אויף צו פאַרבלענדן די לעסטערערס

און געצנדינערס. איך קוק אויף דיין לויטערן גוף און איך וואַקל זיך ווי אַ שיכור פון די דופטן, וואָס בלאָזן אויף מיר ווי דער פרישער טוי אין פרימאָרגן. מיין צונג איז געוועז שטרענג, אָבער מיין האַרץ איז איינגעפאַלן ווי נאָר איך האָב דיך דערזען. אויב מיינע האַרבע רייד האָבן דיך צעטומלט און מיין פאַרלאַנג האָט דיך פאַרוואונדערט, בלייב פאַר מיר נישט שטיין אַצינד ווי אַ דערשראָקענע שאָף. שטאַרק זיך, רחב. שעפּ אָן כוח און זאָג צו מיר: כלב, מיין ברודער. ווייז מיר דעם וועג, וואָרום איך בין פאַרבלאָנדזשעט. פיר מיך, וואָרום איך ווייס נישט וואוהין צו גיין.

רחב האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט פאַרשנדיקע אויגן:

— צי ביזטו געקומען מיך אַזוי אָנצושרעקן, אַז מיין געזיכט זאָל פייכט ווערן פון געוויין? טרערן מאַכן רויט די אויגן און רויבן אַוועק די יונגשאַפט. צי ווילסטו דען, אַז איך זאָל אַנטקעגן גיין די זיגערס מיט טרויער און פחד? איך האָב געהערט דיינע שטרענגע רייד, אָבער איך וויל פריער פון דיר הערן אַ הבטחה פון נצחון. אין נאָמען פון וועלכן גאָט ברענגסטו די וואָרענונג, אַז דיין פאָלק וועט איינגעמען דאָס לאַנד?

כלב האָט זיך איינגעהילט צוריק אין זיין רייכן אויבערמאַנטל און אויסגערופן:

— דער גאָט פון יעקב, דער האַר פון דער וועלט, וואָס הימל און ערד זענען די ווערק פון זיינע הענט, ער האָט געזאָגט צו מיין קריגספירער יהושע: צי האָט דען מיין פאַרוואָגלט פאָלק קיין קינדער נישט, וואָס אַנדערע האָבן געירשנ׳ט ישראלס לאַנד און פרעמדע קריגערס האָבן באַזעצט יעקב׳ס שטעט? דעריבער וועל איך די פרעמדע פאַרכאַפּערס באַטויבן מיט אַ׳ שאַלונג פון מלחמה און זייער קרוינשטאָט וועט ווערן אַ וויסטער הויפן. און די טעכטערשטעט וועלן אין פייער פלאַקערן און ישראל וועט אַרבן די, וואָס האָבן פריער זיין ערד געירשנ׳ט.

רחב האָט זיך פאַרטראַכט. זי האָט געקוקט אין דער אומענדלעכקייט, וואָס האָט נישט קיין אָנהויב און האָט נישט קיין סוף. דער דאָזיקער שטרענגער מאַן האָט מער נישט אַרויסגערופן אין איר קיין צאָרן. אַזאַ מוראַדיקע קראַפט איז געוועזן אין זיין פאַרלאַנג, אַז ער האָט אָפּגעשוואַכט אַלע אירע באַגערן. זי איז געשטאַנען אַן אוממעכטיקע פאַר אים און גערעדט בעטנדיקע רייד.

— כלב, ווי שרעקלעך איז די שטראָף, וואָס וועט קומען אויף יריחו און ווי מוראַדיק איז די נקמה, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר! ווי קען איך מיט מיינע אייגענע הענט ברענגען אַן אומגליק אויף די באַוואוינער פון מיין שטאָט?

— דאָס אומגליק וועט פאַלן אויף די הערשער! — האָט כלב געזאָגט.

— עס איז אמת, אַז איך האָב פיינט די הערשער אין דער דאָזיקער שטאָט פון פאַרדאַרבנקייט. אָבער אויף אירע גאַסן און מערק בין איך אויפגעוואַקסן און היינט האָב איך דאָ די מאַכט פון אַ קעניגין. אָבער איך בין נישט גליקלעך. פרויען זענען מיך מקנא, אָבער איך אַליין טראָג אַן אייפערזוכט אויף מיין אָרעמער דינסט. ליגן און שפּאָט איז מיין צונג, אויב איך וועל לייקענען, אַז דיינע רייד זענען רעכטפאַרטיקע. נאָר די געדריקטע און געיאָגטע זענען די גערעכטע ביים אַלמעכטיקן. איך ווייס, אַז אייער פּחד איז געפאַלן אויף די באַוואוינער פון פרעמדע לענדער. איך האָב געהערט ווי אייער אומגעזעענער גאָט האָט אויסגעטריקנט די וואַסערן פון ים, ווען איר זייט אַרויס פון מצרים. דערציילט האָבן אונדז די עלטסטע וואָס איר האָט געטון צו די מלכים אויף יענער זייט ירדן. דו האָסט היינט אויפגעשטורעמט מיין האַרץ, כלב. דו האָסט אַריינגעטראָגן אין מיין הויז די קללה פון אונטערגאַנג. וואָס וועט ווערן פון מיר?

ביי די ווערטער האָט כלב געוואוסט, אַז זי איז זיין געפאַנגענע. ער האָט זי געקענט אויפהויבן אויף זיינע הענט ווי אַ ציטערדיקן פויגל, אָבער ער האָט נישט געמאַכט קיין שריט נענטער כדי זי צו באַרואיקן. איר שרעק איז געווען די באַלוינונג פאַר זיין אייפערדיקן צאָרן.

— שטאַרק זיך, רחב! — האָט ער געזאָגט — הלוואי וואָלט איך דיך געקענט פירן אין מדבר אריין, אַז דו זאָלסט זען די אָרעמקייט פון מיינע ברידער, וואָס זענען אַמאָל דורך גרויזאַמע הערשערס אונטעריאָכט געוואָרן, אָבער היינט זענען זיי אַליין אָנגעגורט מיט גבורה. אין זייערע אויערן קלינגט די שאַלונג פון אַלמעכטיקן: גיי פאָראויס, ישראל, וואָרום איך וועל איבער־געבן דעם פיינט אין דיין האַנט. וויי דיר, כנען, אויב דו וועסט ציען די שווערד קעגן מיינע קינדער! אויב באַפאַלן וועסטו מיין ריינע מחנה, וועט אונטערגיין דאָס פאָלק אין יריחו. די זין וועלן פאַלן אונטער די מויערן און די טעכטער וועלן גיין אין געפאַנגענשאַפט. און די קינדער פון ישראל וועלן ווידער זיך איינ־זאַמלען אין לאַנד פון זייער אָפּשטאַמונג!

רחב איז געפאַלן אויף אירע קניען און טרערן זענען גערונען איבער אירע באַקן, ווען זי האָט אַ פאַרלוירענע אַרויפגעקוקט צו אים.

— ווי לאַנג וועט דויערן די מלחמה פון די גערעכטע קעגן די בייזוויי־ליקע? — האָט זי געפרעגט. — וועל איך נאָך זיין יונג צו זען דעם נצחון? אַ, כלב! פלוך מיך נישט מיט טויט, ווייל איך האָב מורא צו שטאַרבן. וואָרן מיך נישט מיט עלטער, ווייל איך שרעק זיך אַזוי אַלט צו ווערן. אַלץ, וואָס איך האָב פון דיר געהערט קלינגט ווי די בייזע באַשווערונגען פון די הייליקע. זאָג, פאַרמאָגסטו די קראַפט מיך צו פאַרהיטן פון אַלטקייט? קאָנסטו תפילה

טון פאַר מיר, אַז איך זאָל אויפהיטן מיין יונגשאַפט ביז דו וועסט זיך אומקערן ווי אַ זיגער אין יריחו?

כלב האָט זי באַטראַכט אַ פאַרווירטער און אַ רחמנות האָט אין אים אויפגעוואַכט אויף דער דערשראָקענער פרוי. צי איז ער דען געקומען אַהער צו דער דאָזיקער אויסדערוויילטער, וואָס גאָט אַליין האָט זי אַנטקעגן געשיקט, כדי צו וואַרפן אויף איר חרפה און פחד, אַז זי זאָל ליגן אַצינד ווי אַ דינסט ביי זיינע פיס? פלוצים איז ער אַליין באַפאַלן געוואָרן פון אַ שוואַכקייט. זיינע קניען האָבן אָנגעהויבן ציטערן און ער האָט זיך אַ וואַקל געטון. אין קאָפּ האָט געדרוישט און פאַר די אויגן האָט זיך געשטעלט אַ נעפּל ווי אַ געדיכטער וואָלקן. אָבער באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— רחב, לעבן וועט די, וואָס וויל בלייבן לעבן און די יונגשאַפט וועט נישט פאַרשווינדן פון דער, וואָס האָט מורא פאַר דעם סוף פון די טעג. שרעק זיך נישט, רחב. די עלטער איז אַ פּרעכטיק קלייד, וואָס מען טאָר פון זיך נישט אַראָפּוואַרפן. אַנטלויף פון די פאַרגעניגנס, וואָס וועלן חרוב מאַכן דיין נשמה. רייס אויס פון זיך די גלוסטיקע כוחות, וואָס וועלן פאַרברענען דיין גוף. נאָענט איז די צייט, ווען דו וועסט פאַרזוכן די פרייד פון נצחון, וואָס וועט זיין אַזוי ריין ווי דאָס פרישע וואַסער פון באַרג־קוואַל. לאָז זיך פירן פון מיר היינט, אַז דו זאָלסט קאָנען זאָגן שפּעטער: איך האָב אַ חלק אין דעם רום פון ישראל!

רחב׳ס האַרץ איז געוואָרן רואיק. אַ שמייכל איז אויפגעגאַנגען אויף איר פאַרטרערט פּנים. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד.

— כלב — האָט זי געזאָגט — אויב איך וועל זיך אָפּזאָגן פון מיין לוסט נאָך פאַרגעניגנס און איך וועל פאָלגן דיין פאַרלאַנג און דיר ווייזן די פאַרבאָרגענישן פון דער דאָזיקער שטאָט, וועסטו טון שוינען נישט נאָר מיך, נאָר אויך מיין פאָטער און מוטער, מיינע ברידער און שוועסטער?

— שוינען וועל איך זיי שוינען! — האָט ער אויסגערופן.

— און מיין לייב וועט בלייבן יונג און מיין געזיכט אומפאַרענדערט? און מיין גאַסטהויז וועט נישט איינפאַלן אונטער די חורבות? און מיין נאָמען וועט נישט פאַרגעסן ווערן, נאָכדעם ווי איר וועט איינגעמען די דאָזיקע שטאָט?

— גאָט אין די הויכקייטן קעניגט איבער אַלדאָס לעבעדיקע אויף דער ערד. ווער עס טוט צו אים בעטן, אים דערהערט ער. און ווער עס רופט צו אים, אים טוט ער דערהויבן. אויב רום וועסטו ברענגען מיין פאָלק, וועט דיין נאָמען נישט פאַרהוילן ווערן אינאיינעם מיט די גבורים און רעכטפאַרטיקע, אין די מגילות פון די צייט־געשעענישן.

— און ווער קען מיר פאַרזיכערן, אַז אַלץ וואָס דו האָסט היינט געזאָגט, איז אמת?

— דער אַלמעכטיקער האַר פֿון ישׂראל, וואָס האָט אונדז געוויזן דעם וועג אין מדבר, ער, וואָס האָט אונדז געפֿירט דורך די געבערג און דורך די פּליינען, איבער טריקענישן און איבער וואַסערן, ביז צום ברעג פֿון ירדן — ער וועט באַלוינען די גערעכטע און פֿאַרלענדן די, וואָס לעבן אין שמאָך.

פֿון רחב׳ן האָט פּלוצים זיך אָפּגעטון דער פּחד. דער דאָזיקער מאַן האָט היינט גערעדט צו איר אַנדערש ווי אַלע מענער, וועלכע קומען פֿון די שיידוועגן פֿון דער וועלט קיין יריחו. זיין צונג איז ווי ביי אַ מכשף און אין פֿרעמדע לענדער ווערן אַזוינע רייד פֿאַרשריבן אויף ליימענע טאָוולען. איז ער ווירקלעך אַ צויבערמאַן, וואָס ווייס דעם סוד פֿון לעבן און טויט? קאָן ער מיט הייליקע שפּרוכן איר פֿאַרזיכערן דאָס אייביקע גליק?

זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי וועט ווערן זיין געטרייע, אָבער אין יענער רגע האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי געטרויט אים נישט. זי איז אָפּגעגאַנגען טיפֿער אין דער קאַמער און זיך געשטעלט צווישן צוויי קופּערנע לאָמפּן. פֿאַר אירע פֿיס איז געווען אויסגעשפּרייט אַ האָריקער טעפּיך, ווי אַן איבערגעצויגענע פֿעל פֿון אַ לייב, וואָס עס האָבן אויסגעוועבט די טונקל־פּנימדיקע איינוואוינער פֿון כוש.

זי האָט זיך געזעצט אויפֿן ראַנד פֿון אַ רו־בעט מיט גילדענע פֿיס, וואָס אַנטקעגן די שפּיגלען. אומבאַוועגלעך, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט זי געשוויגן און געוואַרט. איר אויסזען איז געווען סיי צאַרט, סיי פֿאַרשייט און אין די בלויע, לויטערע אויגן האָבן אויפֿגעבליצט פֿונקען פֿון לוסט. הינטער איר נאָקן האָט זי דערהערט כּלבֿ׳ס טריט. זיינע שפּרייזן זענען געווען זאַכטע אָבער זיכערע. פֿון אָנהויב האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זיינע ביינערנע פֿינגער, ווי שטאַרקע צווייגן, האָבן באַרירט די הויט פֿון איר אַקסל. דערנאָך האָט זי דערשפּירט, אַז ער שטייט אַזוי נאָענט נעבן איר, אַז זי קען הערן ווי זיין האַרץ שטורעמט און ווי זיין אָטעם גליט. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אַן אוממעכטיקע געבליבן שטיין אַנטקעגן אים.

ער האָט אָנגערירט די שפּיצן פֿון אירע פֿינגער און דערשפּירט אַ לייכטן פּחד. זי האָט נישט אויפֿגעציטערט, וואָרום עס איז נישט געווען קיין זאַך אין קעניגרייך פֿון לוסט, וואָס האָט אין רחב׳ן געוועקט פֿאַראַכטונג. אין יענעם אויגנבליק האָט זי געמאָסטן איר ווערט. דעם ווידערשטאַנד פֿון אַ פֿאַרכטיקן מאַן איז זי נאָר וואָס בייגעקומען. אָן רייד האָט זי איינגעשטילט אַ הייסן שטורעם. אָן צאָרן האָט זי אויסגעלאָשן אַ פֿייער־שפּייענדיקן באַרג. ווי גוט איז דער פֿרוי, פֿאַר וועמען שטאַרקע מענער בויגן זיך. ווי וואויל איז דער גאַסטגעבערין, וואָס קען מיט איר רייץ שטום מאַכן אַ קלוג מויל. רחב האָט דערפֿילט דאָס פֿאַרגעניגן פֿון זיג.

כלב האָט נישט באַפרייט אירע פינגער פון זיינע הענט. געשטויסן פון אומזעבאַרע כוחות איז ער געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צו איר. און פלוצים האָט ער דערנענטערט זיינע ליפן צום שטערן פון דער פרוי. אין זיין פאַרלוירנקייט האָט ער זיך אַ וואַקל געטון. אין דער רגע פון נסיון האָט ער געטראַכט, אַז אַצינד קען ער געשטאַרקט ווערן, ווען ער וועט דערהערן דאָס קול פון זיין קריגסהאַר יהושוע, וואָס משה אַליין האָט אויף אים אָנגעלעגט זיינע הענט. רחב האָט אַרויסגעוויקלט אירע פינגער פון זיינע און אין איילעניש זיך געשטעלט צווישן די שפּיגלען. די אויגן, וואָס האָבן פריער אונטער זיין דונערנדיקער שטים געוויינט, האָבן אַצינד אויפגעלויכטן ווי בלויע טייכן. פון גליק האָט זי אויפן קול באַוואונדערט איר אָפּבילד. דאָס בלוט אין איר לייב האָט געריזלט אַזוי ווי דער מורמל פונעם וואַסערקוואַל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער אונטערשטער הייל.

זי האָט אַ פּאַטש געטון אין די הענט און ס'איז אַריינגעקומען די דינסט חגית. פון די קליינע פּערלמוטערנע וואַזעס, וואָס אויף אירע הענט, האָבן געבלאָזן ריחות פון נאָרד און זאַפראַן און געווירצראָר. זי האָט מיט אַ שטומען צייכן אָנגעוויזן איר האַרינטע, אַז די באָד איז גרייט.

— עס איז נישט די צייט צו טרויערן — האָט רחב אַ פריילעכע געזאָגט צו כלב'ן, — שווערע געדאַנקען פאַראומערן די נשמה און מאַכן לוסטיק מיינע פיינט. איך וועל זיך היינט זעצן אין גאָרטן צום מאָלצייט מיט אָנגעזעענע געסט. עס וועלן דאָרט זיין דער שטאָטהאַר, דער ריכטער, דער עלטסטער פּריסטער און אַ צאָל יונגע קריגסלייט. זייערע קעפּסווייבער וואָלטן זיך געפרייט ווען זיי וואָלטן געזען, אַז מיין פּנים איז מיד און מיינע אויגן פאַרטרערט. וואַרט דאָ כלב, ביז איך וועל אַרויסקומען פון דער באָד. דו און דיין פריינט, איר וועט נעכטיקן היינט אין מיין גאַסטהויז. אָבער פריער וועט איר מיך באַגלייטן איבער דער שטאָט. איר וועט אינאיינעם מיט מיינע קנעכט נאָכטראָגן מיין הויבשטול.

און ווי כלב האָט אויפגעהויבן אויף איר זיינע פאַרוואונדערטע אויגן, האָט רחב גערופן הינטער זיך די דינסט, וואָס איז איר געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען, און אויך זי האָט נישט געוואוסט דעם סוד פון רחב'ס האַרץ.

קאפיטל פינף

א

ווי נאָר חגית, די דינסט, האָט אַריינגעפירט ר ח ב ׳ן אין דער טונקעלער קאַמער, האָט איר האַרינטע זיך אַרונטערגעלאָזט אין דער טיפער באָד־שיסל און גערוט אין דעם לויטערן וואַסער, וואָס האָט זיך געפּאַלדעוועט ווי אַ בלויער שלייער. איר לייב איז געווען איינגעטונקען ביז איבערן האַלדז. דער געטאָקטער, ווייסער נאַקן האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַן אינדזל איבער אַ שטילן ים. אונטער דעם טורעם גאָלדענע האָר, וואָס האָט אַרונטערגעוואָרפן אַ פּאָר לאָקן איבערן שטערן, האָבן אירע אויגן געבליצט אַזוי ווי דער בלויער מירמלשטיין אויף די צוויי זײַלן ביי דער בראָנדז־געשניצטער טיר. דאָס פאַרגעניגן, וואָס האָט גע־שטראָמט איבערן לייב, האָט געוואַרעמט איר בלוט מיט דער מנוחה, וואָס עס האָבן די רואיקע און גליקזעליגע. פון אונטער די האַלב־פאַרמאַכטע וויעס האָט זי געקענט זען ווי איר דינסט טראָגט אָן פרישע קרוגן וואַסער און דערנאָך באַשפּריצט זי די באָד־שיסל מיט דופטיקע געווירצן.

רחב האָט מיט אַ פוילן האַנט־צייכן געגעבן צו פאַרשטיין דער דינסט איר פאַרלאַנג און די געהאָרכזאַמע ח ג י ת האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און מיט די פינגער צערטלעך איינגעריבן אירע גלידער. פּלוצים האָט די האַרינטע זיך אַרויסגעהויבן ביז איבערן האַלבן קערפּער פון וואַסער. די טראָפּנס זענען ווי קילער טוי גערונען פון איר רייף לייב ביז אַראָפּ צו די לענדן און די ראָזעווע הויט האָט לייכט אויפגעציטערט. חגית האָט אין איילעניש געוואָלט ברענגען די ליינענטיכער, אָבער רחב האָט זי פאַרהאַלטן. זי האָט געלאַסן באַ־וואונדערט איר אייגענעם וויקלדיקן קערפּער און געפרעגט:

— וויפיל יאָרן ביזטו שוין מיט מיר, חגית מיין געטרייע? ‏ צי געדענקסטו, אַז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג היינט, האָב איך דערוואָרבן מיט דער קראַפט פון מיין ווילן און מיט דעם רייץ פון מיין לייב? ‏ זאָג מיר, ווי שטאַרק איז אַצינד מיין צויבער אויף מענער?

די טונקל־הויטיקע דינסט האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און געעפנט אַ מויל מיט בליציקע ציין.

— דו ביזט שיין, מיין הארינטע — האָט זי געזאָגט — אָבער וואָס פאַר אַן ערע איז דען צו זיין שיין אין די אויגן פון אַן אָרעמען הענדלער?

רחב האָט געלאַכט מיט אַ פאַרשטיקטן געלעכטער. פאַר איר דינסט איז כלב, דער אויסקוקער פון ישראל, געווען אַ הענדלער. דעריבער זענען זיינע אויגן נישט די אויגן פון אַ מאַן מיט לוסט און זיינע אָרעמס קענען נישט צערטלען אַ פרוי, וואָס איז הונגעריק נאָך ליבע. ווי גענאַרט זי איז! פאַרוואָס ווייס זי נישט, אַז דער דאָזיקער צאַרנדיקער מאַן איז היינט געוואָרן איר האַר? זיין צונג איז אַ פייערדיקע שווערד און זיינע אויגן זענען צוויי פלאַקערס, אָבער זי שרעקט זיך נישט פאַר אים. פון זיינע וואָרענונגען יאָגט אַ פּחד, וואָס באַשיצט. זיינע שטראָף־רייד זענען אַ טרייסט. מיט אַ האַסטיקן וויג פון אירע לענדן, האָט זי זיך אַרויסגעהויבן פון דער באָד־שיסל. חגית איז אונטערגעלאָפן מיט אַ פאָר בלויע ליינענטיכער.

און ווי רחב האָט זיך איינגעוויקלט אין די געוואַנדן, האָט זי שטיל געזאָגט:

— היינט איז דער טאָג פון רעכנשאַפט פאַר י ר י ח ו, חגית. מיין דאָרשט נאָך נקמה האָט קיינמאָל זיך נישט אויסגעלאָשן. איך וועל אָפּצאָלן די שטאָט־האַרן פאַר פאַראומגליקן מיין פאָטערס הויז און פאַר דעם טויט פון דעם ערשטן מאַן, וואָס האָט מיך געליבט. און דו, חגית, זאָלסט דעם סוד באַגראָבן אין דיין האַרץ. דיינע אויגן וועלן זיין בלינד און דיינע אויערן טויב צו אַלץ, וואָס דו וועסט היינט זען און הערן.

אין רחב׳ס שטילן געפליסטער האָט געגרימט אַ פריידיקער צאָרן. חגית האָט געדינט אין דעם הויז פון דעם טאָג ווען רחב איז געבוירן געוואָרן. זי איז פאַר איר געווען אַ מאַמע און באַשיצערין. איר געטריישאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט דאָס קינד קליינערהייט אויסבאַהאַלטן פון צויבער־שפּרעכערס און פאַרהיטן פון אַלערליי געפאַרן. אַצינד, שטייענדיק נאָענט צו איר, האָט זי געקענט הערן ווי רחב׳ס האַרץ קלאַפּט האַסטיקער און דאָס בלוט אין איר לייב פליסט אַזוי ווי אַ טייך מיט מילך. אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל איז זי — האָט די דינסט געטראַכט — זי פלאַטערט ווי אַ דערשראָקענע גאַזעל. חגית איז גרייט געווען צו ריידן ווידערשפּעניקע רייד. אָבער אונטער איר האַרינטעס שטרענגן בליק איז איר ווידערשטאַנד אויסגערונען. זי האָט רחב׳ן צוגעפירט צום ביינערנעם רו־בעט, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט קישנס און טעפּיכער, און זי אויסגעצויגן אויפן געלעגער. רחב האָט אַ פאַרטראַכטע אונטערגעלייגט אירע הענט אונטערן קאָפּ און דערפילט יענע רו, וואָס ברענגט

די העכסטע גליקזעליקייט. די דינסט האָט געהאַלטן גרייט דאָס געוועבטע קלייד, די זיידענע טיולן און גילדערנע סאַנדאַלן.

— דו וועסט בלייבן שיין און שטאַרק, רחב — האָט זי געזאָגט — אויב דיין פאַרשטאַנד וועט זיין העכער פון דיין האַרץ. פון דעם מאַן שעפּט די פרוי שטאַרקייט, אָבער נישט פון יענעם, וועלכער זעט אין איר אַן אָפּבילד פון זיין אייגענעם רום. די פאַרשטאַנדיקע פרוי קען ווערן די האַרינטע פון יעדן גיבור. זי קען באַהערשן דעם, וואָס מיינט, אַז ער באַהערשט אַנדערע.

רחב האָט געלאָזט אַרויפציען אויף זיך דאָס שאַרלאַך־קלייד פון געוועב־אַרבעט און געזאָגט:

— וואָס וועסטו טראַכטן וועגן מיר, חגית, אויב כ׳וועל דיר זאָגן, אַז איך האָב ליב געקראָגן דעם פרעמדן הענדלער, וואָס דו האָסט היינט אַריינגע־פירט צו מיר?

חגית האָט זיך צעלאַכט.

— ליבע איז אַ לוסטיק וואָרט — האָט זי געזאָגט — און מענער גלוסטן אין אַלע צייטן צו פּרוּוון. דעריבער האָבן די געטער געגעבן דער איידעלער פרוי אַ וואָפן. דאָס לייב פון דער פרוי איז שטאַרקער פון דער שווערד.

רחב האָט אַראָפּגעקוקט צו דער דינסט, וואָס האָט ליגנדיק אויף די קניען, פאַרבונדן די רימענס אויף אירע סאַנדאַלן. און ווי חגית האָט איר אָנגעטון די קני־גלעקעלעך און טריט־קייטעלעך, האָט זי נישט אַראָפּגענומען אירע פאַרשנ־דיקע אויגן פון דער פרוי, וואָס איז געבוירן געוואָרן צו זיין אונטערטעניק.

— דו אַליין שרעקסט זיך פאַר מיין שטאַרקן וואָפן, חגית — האָט זי געזאָגט.

די דינסט האָט איר דערלאַנגט אַ האַלדזשנור פון פּערל, אַ פּאָר אויער־רינגען און אַ גאָלדענעם אָרעמבאַנד. דערנאָך האָט זי אויף אַ דרייפוס אָוועק־געשטעלט אַ רונדיקן שפּיגל, גרויס ווי אַ קופּערנעם פּאַנצער.

— אַ מוטער האָט אַ רעכט צו וויסן וואָס ס׳ליגט פאַרבאָרגן אין האַרץ פון איר טאָכטער — האָט זי געפּליסטערט — און צי בין איך דען נישט אַלע טעג געווען אַזוי ווי אַ מוטער צו דיר?

— דיין האַרץ פּלאַטערט פאַר מיר, חגית. פאַרוואָס?

— ווייל פאַרהיטן וויל איך דיך פון אַ פאַלשן שריט אַזוי ווי כ׳האָב דיך געהיטן און געשיצט ווען כ׳האָב דיך אויף מיינע אָרעמס געטראָגן. ווי איבער אַ דערשראָקענעם פויגל ציטער איך היינט איבער דיר, רחב, און איך וואָרן דיך: מאַך נישט חרוב דיין הויז און לאָז דיך נישט איינוויקלען אין אַ נעץ. די פרעמדע, וועמען דו האָסט היינט גוטס געטון, קענען דיר מאָרגן אָפּצאָלן מיט שלעכטס. דו האָסט מאַכט אין דער דאָזיקער שטאָט. זע, אַז מען זאָל דיין

מאַכט נישט צונעמען. דו האָסט אויפגעהיטן דיין יונגשאַפט און שיינקייט, דערלאָז נישט, אַז דו זאָלסט די געטלעכע געשאַנקען פאַרלירן.

רחב׳ס האַרץ איז געוואָרן דערפרייט. עס איז איר געפעלן געוואָרן די גע־טריישאַפט פון איר דינסט, אָבער אַן אומרו האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך אָנגערופן:

— מען זאָגט, אַז יונגשאַפט איז אייטל און שיינקייט אַ פאַרבלענדעניש.

— דיינע ליפּן רײדן נישט דאָס וואָס דיין האַרץ ווייס, רחב. שיינקייט איז ווי דאָס ליכט פון דער זון, ווי די לבנה וואָס שפּיגלט זיך אין די טונקעלע וואַסערן און ווי דער זילבערנער קנויל איבערן קאָפּ פון עשתורת. קוק אַריין אין שפּיגל, רחב. היינט באַצויבערסטו די וועלט, דעריבער זאָלסטו שוינען דיין צויבער ווייל ווען עס וועט קומען דער טאָג, ווען דו וועסט דערזען קנייטשן אויף דיין הויט און דאָס פייער אויף דיינע ליפּן וועט ווערן קילער, דענסטמאָל וועסטו זיך דערמאָנען ווי טייער עס איז געווען דיין יונגשאַפט.

— דו האָסט קיינמאָל נישט גערעדט צו מיר אַזוינע רייד פון וואָרענונג, חגית. זאָג מיר, פאַר וועמען זאָל איך אויפהיטן דעם אוצר פון שיינקייט?

— פאַר די מענטשן פון דיין שטאָט, פאַר די, וועלכע קניען ווי קנעכט צו דיינע פיס און זענען נישט דרייסט אָנצורירן דעם זוים פון דיין קלייד. גיב נישט אַוועק דאָס געשאַנק צו דעם מאַן, וואָס האָט היינט זיך אַריינגעריסן ווי אַ רויבפויגל. וואַרף נישט אַיין די ווענט פון דיין הויז, רחב, און אַנטלויף נישט מיט דעם פרעמדן הענדלער, וואָרום ער טראָגט אַן אַ געפאַר. ווי נאָר איך האָב אים דערזען, איז אַ פּחד מיך באַפאַלן. וויפיל ווייסטו וועגן אים? ווער זענען די קינדער פון זיין פאָלק? איז ער געקומען מיט באַטרוג צי מיט ערלעכקייט? איז זיין האַרץ אומריין צי לויטער?

אין יענעם אויגנבליק איז רחב געוואָרן אויף די פיס און אַ שטרענגע זיך געשטעלט אַקעגן איר דינסט. ביידע פרויען זענען געשטאַנען ווי פאַרפרוירענע. אויגן קעגן אויגן. ליפּן קעגן ליפּן. ביי חגית׳ן איז דאָס האַרץ איינגעפאַלן, ווייל איר ווידערשפעניקייט איז צערונען ווי וואַקס אויפן פייער. רחב האָט אַ געשריי געטון:

— צי איז דען מיין דינסט היינט מיין האַרינטע געוואָרן?

חגית האָט נישט אָפּגענומען די בליקן פון רחב׳ן, וואָס האָט אַצינד ווי אַ שטורמווינט זיך געטראָגן הין און צוריק איבער דער באָד־קאַמער און זי האָט זיך דערמאָנט אַן אַ יונגער לייביכע, וואָס זי האָט אַמאָל געזען אויף דעם גרויסן שפּיל־פעלד הינטער יריחו, וואו עס האָבן זיך געראַנגלט מענטש און חיה פאַר דעם פאַרגעניגן פון המון. די לייביכע איז אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפן שפּיל־פעלד צו לויערן אויף אַ פאַרמשפּטן שקלאַף. די יונגע חיה איז

געוועזן שיין און איידל. איר לייב האָט מיט פּוילן רייץ זיך געוויקלט אונטער דער ברוינער, געפלעקלטער פעל, ביז דער פאַרמשפּטער האָט אַנטלויפנדיק פון פחד, אָנגעהויבן קלעטערן איבער דער שטיינערנער וואַנט. אין יענער רגע האָט די שיינע לייביצע אַ צערייצטע זיך אַ הויב געטון פון אָרט. דער דורשט נאָך בלוט האָט אויפגעוואַכט. איר ברומען און שניפן האָט זיך געטראָגן איבער די קעפּ פון דעם פרייליכן המון ווי די דונערן פון הימל. די חיה איז געוועזן שיין ווי פריער, אָבער זי האָט פאַרצוקט דעם קרבן.

חגית איז אָפּגעטראָטן. רחב איז געוועזן ענלעך צו יענער לייביצע, געפערלעך אין איר שיינקייט, מוראדיק אין איר לוסט צו פאַרצוקן. זי איז געשטאַנען איינגעוויקלט אין זייד. די צירונגס־שטיקער אויף איר קאָפּ האָבן געלויכטן ווי קרוינען. די נאָזלעכער האָבן געשניפּט. די בלויע אויגן האָבן געפלאַקערט. זי האָט באַפוילן:

— אַצינד וועסטו האָרכן דיין האַרינטע, חגית. דו וועסט לויפן צום טויער פון פּאַלאַץ און אַרויסרופן מרון דעם צינזהאַר. וועסט אים זאָגן, אַז רחב קומט אים זען. זאָל ער וואַרטן אין דער ווינקאַמער פון די הירשן.

— יאָ, מיין האַרינטע.

— און געדענק: אַלץ וואָס דו וועסט היינט אויף מיין באַפעל טון, איז אַ סוד. און דעם סוד זאָלסטו האַלטן פאַרבאָרגן אונטער זיבן שלעסער!

און ווי חגית איז גרייט געוועזן זיך צו בוקן, האָט רחב אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַ זילבערנע בייטש און אַ שמיץ געטון איבער דער ערד. דער שאַרפער פייף האָט דורכגעשניטן די לופט. די דערשראָקענע דינסט האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און איז געלאָפן צום אַרויסגאַנג. רחב האָט איר נאָכגעשריען:

— היים די קנעכט אַרויסשטעלן מיין טראָגשטול ביים טויער. און דו אַליין פיר אַרויף די צוויי הענדלערס אין דער אויבערשטער אויפנעם־קאַמער!

זי האָט לאַכעדיק נאָכגעקוקט די פאַרציטערטע דינסט. די לוסט אָנצוואַרפן אַ פחד אויף די, וועלכע זענען היינט צו איר אונטערטעניק, האָט איר פאַרשאַפט פרייד. דער באַגער אַרויסצורופן פיין ביי דער געהאַרכזאַמער שקלאַפין איז פאַר איר געוועזן ווי זיסער וויין, וואָרום עס איז געוועזן רחב׳ס פאַרגעניגן ווייַ צו טון אַנדערע, ווען זי האָט זיך אַליין נישט געקענט ווייַ טון.

ב

ווי נאָר חגית האָט אַרויפגעפירט כ ל ב ׳ ן און פ נ ח ס ׳ ן אין דער אויבערשטער קאַמער, האָט אַ שטרייט אויסגעבראָכן צווישן די צוויי אויסקערערס פון ישראל. אין פנחס׳ן האָט אויפגעפלאַמט אַ הייליקער צאָרן ווען ער

האָט געהערט די לויבררייד, וואָס כלב האָט גערעדט אויף רחבֿ, די אויסגעלאָ־סענע פּרוי אין יריחו. אויס מורא אַז דער גייסט פון לעסטערונג האָט באַ־צוואונגען כלבֿ'ן, ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם דאָזיקן גאַסטהויז, האָט דער פּאַרבטיקער פּנחס געוואָלט אים פּאַרהיטן, ער זאָל זיך נישט אַראָפּקייקלען אין אָפּגרונט פון זינד. אַזוי שטאַרק איז געווען זיין באַגער צו ראַטעווען אים פון שמאַך, איידער ער ברענגט אויף זיך אונטערגאַנג, אַז ער האָט אַזש געציטערט פון אייפערדיקן כעס.

— פון אַן אומריינער פּרוי ביזטו היינט געפאַנגען געוואָרן, כלב — האָט ער געזאָגט, — ווי אַזוי וועסטו פון איר זיך באַפרייען?

— רחב איז מער נישט אומריין — האָט כלב געענטפערט, — ווי אַ טויב אין מויל פון אַן אָדלער אַזוי לויטער איז זי געוואָרן, ווען כ'האָב זי אָנגערירט מיט מיינע הענט. נישט איך בין געוואָרן איר געפאַנגענער. זי אַליין איז אַ שקלאַפין ביי מיינע פיס.

— אומגליקלעכער! — האָט פּנחס אויסגערופן — דו האָסט זי געהאַלטן אין דיינע הענט? צי האָט דען אונדזער האַר יהושע אונדז געשיקט פון ש י ט י ם ביז אַהער, אַז מיר זאָלן אַריינגעכאַפּט ווערן אין אַ שטייג פון זינד? צי האָבן מיר נישט געזאָגט צום קריגספירער: אַלץ וואָס דו וועסט אונדז באַפעלן, וועלן מיר טון און אומעטום, וואו דו וועסט אונדז שיקן, וועלן מיר גיין?

— אַזוי האָבן מיר געזאָגט צו אונדזער קריגספירער.

— און צי האָבן מיר נישט געשוואוירן, אַז שטאַרק און אומדערשראָקן וועלן מיר זיין אין דעם פיינטס שטאָט? אין די ווינקאַמערן וועלן מיר נישט אָפּטרעטן און פון פרויען וועלן מיר זיך היטן און דער צווישן אונדז, וואָס וועט ווידערשפּעניקן יהושעס מויל, זאָל געטויט ווערן?

— געהאָרכזאַם צו אונדזער האַר יהושע בין איך געבליבן, פּנחס, און איך גיב דיר מיין הבטחה, אַז רחב אַליין וועט אונדז שיקן אויסקוקן די דאָזיקע שטאָט און זי וועט אונדז אויסהיטן, אַז מיר זאָלן נישט אומקומען דורך די וועכטערס מיט אַ טויט פון חרפּה.

— צי איז דען יריחו נישט פאַרזונקען אין שמאַך? און אירע איינוואוי־נער, זענען זיי דען נישט אַלע פאַרדאָרבן?

— רחב איז די ערלעכע צווישן די פאַרדאָרבענע.

— כלב, כלב, צי איז דען נישט די פרוכט, וואָס פאַלט אַראָפּ פון דעם פאַרדאָרבענעם בוים אַזוי פאַרוועמט ווי דער איינגעווייד פון בוים?

אין כלבֿ'ן האָט געברענט כעס און פאַראַכטונג. אָבער די צונג פון דעם שטראָפער איז נאָך נישט געווען איינגעשטילט.

— היט זיך פאַר דער דאָזיקער זינדיקער, וואָס איז דאָרשטיק נאָך זכרים! — האָט ער געוואָרנט.

— זי איז דאָרשטיק נאָך נקמה.

— נקמה? אין וועמען?

— אין די פאַרדאַרבענע הערשערס פון איר אייגן לאַנד.

— פאַרפירטער כלב! ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטן ברודער וואָרן איך דיך. טרעט אָפּ פון דער דאָזיקער פרוי, וואָס וועט ווי אַ שפּין דיך אַריינכאַפּן אין איר געוועב און ווי אַ שפּין וועט זי פון דיר אויסנאָגן דאָס בלוט.

ביי די רייד איז כלב אויפגעשפּרונגען.

— דערוועג זיך נישט אַרויסצורייסן די דאָזיקע טויב פון דעם אָדלערס מויל! — האָט ער געשריען, — זי איז טויזנט מאָל ריינער פון די טעכטער פון ישראל, וואָס האָבן אין מדבר אויסגעטון זייערע רינגען און האַלדזבענדער און אָפּגעגעבן דאָס צירונג צו די פּאַלשע, אַז זיי זאָלן שמעלצן דעם גאָלדענעם קאַלב. זי איז לויטערער פון די פאַרשייטע מאַמעס, וואָס האָבן אַנטבלויזטע געטאַנצט פאַר דעם אָפּגאָט, ווען אונדזער האַר משה איז אַראָפּגעקומען מיט די לוחות. הלוואי וואָלטן די טעכטער פון ישראל אַזוי ווי זי, רחב, אויסגעביטן זייער אומצוכט אויף ריינקייט און זייער זינד אויף בושה, אַז אונדזער מחנה זאָל בלייבן הייליק ווי פאַר דער לעסטערונג פון זמרי בן סלוא.

פּנחס איז אַ צעטומלטער אָפּגעטראָטן.

— דו רעדסט וועגן רחב'ן מיט מער אָפּשיי ווי וועגן די אמהות — האָט ער געזאָגט, — מיט וואָס ביזטו ערב, אַז די אויסגעלאָסענע האָט פאַרלוירן איר אומצוכט?

כלב האָט אַצינד אַ באַגייסטערטער אויסגערופן:

— היינט האָב איך אַרויסגעריסן רחב'ן ווי אַ ריינע פלאַנץ פון צווישן אומקרויט. זי האָט מיר דערציילט ווי עס ברענט אין איר די נקמה אויף די פאַראומגליקערס פון איר פאָטערס הויז. זי האָט געשוואוירן, אַז איר האָס וועט נישט אויסגעלאָשן ווערן פריער איידער די דאָזיקע שטאָט וועט נישט איינפאַלן. צי ביזטו געשלאָגן מיט בלינדקייט, פּנחס, אַז דו זעסט נישט ווי יעדער איינער וואָס האָט אונדז באַגעגנט אין דעם היינטיקן טאָג, איז פון הימל אַראָפּגעשיקט געוואָרן? נמואל, וואָס האָט אונדז געטריבן אַהער, איז אַ שליח פון אַלמעכ־טיקן. דער ריז ג ש ו ש, וואָס האָט אונדז פאַריאָגט פון מאַרק, איז געקומען ווי אַ געבענטשטער וועגווייזער. און גאָט אַליין האָט אונדז צוגעפירט צו רחב'ס טיר, ווייל זי וועט דערנענטערן דעם אונטערגאַנג פון יריחו. אַנשטאָט צו שפּעטן פון איר, בענטש זי, פּנחס מיין ברודער! לאָמיר זי נישט אָפּטרייבן און מיר

וועלן זיגן. לאָמיר איר נאָכגיין און מיר וועלן צוריקקומען צו יהושוע'ן מיט נצחון.

— דו רעדסט ווי אַ מאַן, וואָס איז פאַרבלענדט פון כישוף. דיין צונג פלאַמט ווי ביי אַ באַזויפענעם, וועלכער האָט דעם פאַרשטאַנד פאַרלוירן. מיין האַרץ גייט אוים פאַר דיר. ווי אַזוי ביזטו באַרוישט געוואָרן פון איר ערשטן אָנבליק? וואָך אויף, כלב, פון דער שכרות, וואָס איז מוראדיקער פון דעם זיסן סם, וואָס וועט דיך איינשלעפערן און אַריינשליידערן אין אָפּגרונט!

כלב האָט אַ פאַרוווירטער געקוקט אויף דעם אייפערדיקן מאַן, וועלכער וואַרפט אויף אים חרפה און שפּאָט. פּלוצים איז דער צאָרן פון אים אַוועק און אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען אויף דעם אומוויסנדיקן פּנחס, וואָס זעט נישט ווי די ערשטע שטראָף אויף יריחו איז שוין געפאַלן. די כנענים האָבן היינט פאַרלוירן די צווייטע מלחמה מיט די אמורים. דאָס דערצאָרנטע פאָלק איז אַרוים אין די גאַסן און געפלוכט די הערשער. אומגליקלעכע מאַמעס האָבן געקלאָגט אויף די געפאַלענע זין. און באַלד וועלן טריקעניש און מגפה זיך אַראָפּלאָזן אויפן לאַנד. די הונגעריקע וועלן אויסרויבן די שייערן, די קנעכט וועלן פאַרשטיינען זייערע האַרן, די זעלנער וועלן טויטן זייערע הויפּטלייט און די קריגער פון ישראל וועלן אַריינקומען און חרוב מאַכן די פאַרמשפּטע שטאָט.

און ווי כלב איז געווען פאַרזונקען אין זיינע טראַכטונגען, האָט אין דער קאַמער זיך באַוויזן רחב. פון די שאַרפע דופטן, וואָס האָבן געבלאָזן פון אירע קליידער איז זיין מוח קילער געוואָרן. זי איז געשטאַנען אַנטקעגן ביידע צערייגטע מענער, מעכטיק ווי אַ געזאַלבטע, שטאָלץ ווי אַ הערשערין. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ שלויקייט פון איינער, וואָס ווייסט די סודות פון יענעמס האַרץ. זי האָט זיך אַ קער געטון צו פּנחס'ן:

— ביזטו פון פלייש און בלוט, פרעמדער, צי פון קאַלטן שטיין? — האָט זי געפרעגט, — אויב בלוט רינט אין דיינע אָדערן, קוק מיך אָן פאַרכטיקער, און זאָג: בין איך פון די פאַרשטויסענע, וואָס דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דעם ליכט פון טאָג? רעד צו מיר רייד פון פאַראַכטונג אַזוי ווי דו האָסט גערעדט צו דיין פריינט. אויב אומדערשראָקן ביזטו, זאָל דיין צונג אַצינד נישט ווייך ווערן. פאַרשעם מיך, וואָרום אַלע רייד פון פאַרשעמונג זענען מיר נישט פרעמד. באַליידיק מיך, וויל איך האָב שוין געהערט די באַליידיקונגען פון לוסטיונגען און פון הייליקע. אָבער איל זיך! אַ סך רייד וועלן דיין לעבן שטעלן אין געפאַר.

אירע ליפּן האָבן אַצינד זיך געבלעזלט מיט שפּאָט. אַ שאַרפער קנייטש האָט איבערגעשניטן איר ווייסן שטערן.

— צוויי פרעמדע זענען היינט געקומען אין מיין גאַסטהויז — האָט זי

געזאָגט, — ביידע מענער פון צאָרן און איינעם האָב איך געמאַכט פאַר אַ פריינט. היט זיך, איינגעשפּאַרטער, אַז דו זאָלסט נישט בלייבן מיין שונא!

פּנחס איז אָפּגעטראָטן אַ דערשראָקענער און כלב האָט שוין געזוכט ווערטער פון איבערבעטונג פאַר דער באַליידיקטער רחב. אָבער זי האָט אים אויסגעמיטן. מיט האַסטיקע שריט האָט זי זיך דערנענטערט צו פּנחס'ן, וועלכער איז געשטאַנען אין קווינקעלניש, מיט שטומע ליפּן. פון איר אויסגעפלאַכטענער האָלדזשנור האָט אַראָפּגעלויכטן אַן עמעראַלד, גרויס ווי אַן איי פון אַ טויב. דאָס גרינע פייער פון דעם איידלשטיין האָט אַ בלענד געטון פאַר זיינע אויגן. זי האָט געקוקט אויף אים אַרויסרופעריש.

— נעם נישט אַראָפּ די אויגן פון מיר און זאָג: בין איך פון די אומגליקלעכע, וואָס דאַרפן באַקלאָגן דעם טאָג פון זייער געבוירן ווערן? בין איך אַ פאַרפוילטע פרוכט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ ווערעמדיקן בוים? אויב דיין צונג איז דרייסט, ענטפער מיר! אָבער פריער גיי אַרויס און פרעג די מענטשן אין שטאָט וועגן רחב'ן און זיי וועלן דיר דערציילן, אַז איך האָב פאַרשאַפט די דאַזיקע באַוואוינער מער פאַרגעניגן ווי טרויער, נאָכדעם ווי מיך אַליין האָט דאָס אומגליק נישט אויסגעמיטן. איך האָב דערפרייט די הערצער פון אומגליקלעכע און געבערענגט טרייסט צו די געשטראָפטע. און היינט ביזטו אַליין געקומען ווי אַ געיאָגטע חיה בעטן ביי רחב'ן אַ נאַכטלעגער אונטער מיין דאַך און ברויט ביי מיין טיש. האָסטו דען נישט דיין פאַרשטאַנד אָנגעוואָרן, אַז דו וואַרפסט אויף מיר חרפּה, ווען אַלע רעכטפאַרטיקע ליובן מיך?

אין אירע אויגן האָט געברענט אַ וואָרענונג, אָבער זי האָט ביי אים נישט געזען דעם ערשטן צייכן פון חרטה. פּלוצים האָט איר פאַרדרוס גענומען זיך לעשן. פון איר פאַרשעמונג איז געוואָרן פאַראַכטונג. עס איז אַ טאָג פון גרויסע געשעענישן — האָט זי צו זיך געזאָגט — און דער דאָזיקער איינגעשפּאַרטער וועט זיין אַן עדות פון אַלץ, וואָס וועט צווישן די מויערן פון שטאָט היינט פּאַסירן. נאָך אַזוי פיל טרעפונגען מיט הענדלערס, וואָס שטייען פאַר איר אויף די קניען, איז גוט געווען צו באַגעגענען איינעם, וואָס איז האַרט און גרויזאַם ווי די שאַרף פון אַ שווערד.

זי האָט אַראָפּגענומען פון אַ ביינערנעם דרייפוס אַ זילבערנע קרוג מיט וויין און אָנגעפולט עטלעכע בעכערס. דעם ערשטן בעכער האָט זי אויסגעצטרעקט צו פּנחס'ן.

— טרינק!

אָבער דער אייפערדיקער מאַן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— וויין פון דער האַנט פון דער זינדיקער פרוי אין יריחו! — האָט רחב

אויסגערופן מיט שפּאַט און זיך געשטעלט פאַר אים ווי אַ מאַנערין — טרינק, איידער מיר גייען ברענגען דעם ערשטן נצחון.

דער אומצוטרוי איז פון פנחס׳ן נאָך נישט אַוועק, ווען ער האָט געשטעלט איין שריט פאָראויס און זיך אָנגערופן:

— גנעדיק איז די גאַסטביטערין. אָבער איך האָב אַ שבועה געגעבן נישט איינצונעצן מיינע ליפּן אין וויין, ווי לאַנג כ׳וועל בלייבן אין דער דאָזיקער שטאָט.

— אַ שבועה? — האָט זי געלאַכט — ווי שטרענג איז דיין גאָט, אַז ער פאַרווערט דעם זיסן געטראַנק פאַר דיין גומען? טרינק, וואַנזיניקער! וואָרום דו וועסט באַלד זיין מיין באַגלייטער צום טויער פון פּאַלאַץ.

אַ לייכטע שרעק האָט פנחס׳ן אַרומגענומען ביי די רייד. ער האָט געפרעגט:

— אַ וואַנדערער וועט באַגלייטן די געאַכפּערטע גאַסטביטערין צום פּאַלאַץ? די הויפהאַרן וועלן לאַכן.

— לאַכן וועט די, וועלכע קען די פאַרדאַרבענע הויפהאַרן שטעלן אויף די קניען. נעם דעם בעכער פון מיין האַנט, פּאַרכטיקער! רייץ זיך נישט מיט מיר! צי מיינסטו דען, אַז דאָס רעטעניש פון דיין קומען איז פאַר מיר נאָך נישט אַנטפּלעקט? אייל זיך, וואָרום איך בין מיד צו הערן אַזוי פיל פאַרוואורפן. ליידיק אויס דעם בעכער, ווייל מיינע אויערן זענען טויב צו אַלע שטראָף־רייד.

און ווי פנחס איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, האָט ווידער אין איר אויפגעפלאַמט דער כעס. אירע אויגן זענען געווען היים. אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט האַסטיק אויסגעגאָסן דעם וויין אויף דער ערד און געטראָטן דעם בעכער מיט די פיס. זי האָט ווידער אויסגעמיטן די בליקן פון כלב׳ן, וועלכער איז געשטאַנען גרייט צו פאַרענטפערן זיין פאַרפירטן חבר. ווי גרויזאַם איז דער דאָזיקער מאַן! — האָבן אירע ליפּן געפליסטערט, — זיין האַרץ איז אַזוי ווי זיין אומגעזעענער גאָט, באַרמלאָז און פאַרכטיק, הייליק און ווידערשפּעניק צו דער האַנט, וואָס ברענגט אים הילף. זי איז שוין גרייט געווען אַרויסצוטרייבן דעם אומדאַנקבאַרן אכזר, אָבער פנחס, באַהערשט פון הייליקן צאָרן האָט אַ צינד אַ געשטאַרקטער אויסגעשריען:

— רחב, מאַך נישט צו שמאַך דאָס, וואָס איז הייליק ביי דיינע געסט. דער אַלמעכטיקער גאָט פון ישראל האָט צוגעזען אַלץ, וואָס דו האָסט היינט אָפּגעטון אין דעם דאָזיקן הויז!

— דער אַלמעכטיקער! — האָט זי נאָכגעזאָגט — פאַרוואָס מוז ער זיין וואַכזאַם איבער די הייזער פון די לעסטערער? אויב די שטערבלעכע פאַרלעצן זיינע געבאָטן, איז עס נישט זייער שולד, ווייל באַשאַפן האָט ער זיי מיט לוסט און באַגערן נאָך זינד. מיר טוען אַלץ, וואָס אונדזערע באַגערן הייסן אונדז טון.

ער, וואָס פאַרקוקט די אומגליקן ביי די עלנטע, פאַרוואָס פאַרגינט ער נישט די פרייד פון די גליקלעכע?

— רחב, לאָך נישט פון דער געטלעכער שטראָף, ווייל עס לויערט אויף דיר אַ געפאַר, וואָס פון איר האָסטו ביז היינט נישט געוואוסט.

— דו קומסט צו שפעט. איך ווייס פון אַלע געפאַרן.

— זאָל דיין שיינקייט דיך נישט פאַרפירן, רחב, און זאָל דיין מויל זיך נישט רימען קעגן דעם האר, וואָס הימל און ערד זענען די ווערק פון זיינע הענט.

— אָ, אומוויסנדיקער! פאַרוואָס בין איך אַזוי געדולדיק צו דיין בייזער צונג? ווי אַן אויסקוקער ביזטו אַריינגעקומען אין שטאָט און איך האָב דיך געקענט אָפּגעבן צו די גרויזאַמע וועכטערס. אָבער אַנשטאָט נקמה צו נעמען אָן דיר, בין איך גאָר גרייט צו העלפן דיר אויסשפּירן יריחו. איך האָב געקענט בלייבן געטריי די הערשערס פון מיין פאָלק, אָבער כ׳בין ווילִיג זיי צו באַטריגן. צי מיינסטו דען, אַז צוליב דיר וועל איך היינט באַגיין דעם באַטרוג?

ביי די ווערטער האָט פּנחס אויסגעשפּרייט זיינע הענט.

— דער גאָט פון ישראל איז מיין עדות, אַז צוליב דעם האָב איך געוואָלט זיך צונויפריידן מיט דיר, רחב. אַצינד הער אויס מיין וואָרענונג: אויב צוליב מיין חבר ווילסטו באַגיין דעם באַטרוג, טרעט אָפּ פון אים, וואָרום צו טייער איז דיין פּרייז. באַפריי כלב׳ן, וואָס איז צו מיר ווי אַ ברודער! פאַרפיר נישט דעם רעכטפאַרטיקן מאַן, אַז ער זאָל נישט פאַראומרייניקט ווערן, ווייל אַ הייליקע שליחות איז ער געקומען דורכפירן אין דעם דאָזיקן לאַנד.

רחב האָט אויפגעציטערט. זיין וואָרענונג אַוועקצורייסן פון איר כלב׳ן איז געווען שרעקלעכער פון אַלע ווערטער פון פאַראַכטונג. אין איין אויגנבליק איז זי גרייט געווען ווידערצושפעניקן איר צוזאָג צו העלפן אַנטפּלעקן פאַר זיי די סודות פון יריחו. גנאָד צו די גנעדיקע און אַכזריות צו די גרויזאַמע! — האָט אַ שטים אין איר געשריען — בלוט און אייזן! די שטיינער־וואַנט און דער טויט! אָט פאַרוואָס די האַרטנעקיקע שרעקן זיך. אָבער איר ברויזנדיק האַרץ האָט באַלד זיך געשטילט ווען אירע בליקן זענען געפאַלן אויף דעם צערודערטן כלב. ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דער קאַמער אַ פאַרשול־דיקטער. ווי שטאַרק ער איז אין זיין איינגעהאַלטנקייט! — האָט זי גע־טראַכט — ער האָט געהערט די פאַלשע רייד פון זיין באַגלייטער, אָבער נישט געווען אימשטאַנד זיי אָפּצולייקענען. ווי אַנדערש די דאָזיקע צוויי, דער ווידער־שפעניקער און דער געהאַרכזאַמער, זענען פון יענע מענער, וואָס פון זייערע לייבער יאָגט דער ריח פון שוויים און ביליקן ווייַן.

— אויך אין טאָג פון דער לעצטער שלאַכט וועלן די זיגער מיך פיינט האָבן — האָט זי געזאָגט טרויעריק, — ס׳איז אַזוי שרעקלעך וואָס דו און

אייערע קריגסלייט האָסן מיך, פאַרוואָס זאָל איך דיין שטאַרקער גאָט מיך פיינט האָבן?

— פיינט האָבן? — האָט פנחס אַ הייטערער אויסגערופן — צי האָט דען אַ פּוסגייער פיינט דאָס ווערעמל, וואָס ער צעטרעט אונטער זיינע טריט?

נאָך איינמאָל האָט רחב אָפּגעמאָסטן דעם אומדאַנקבאַרן מאַן. איר הייסער אָטעם האָט ווי אַ ווינט אויסגעלאָשן די לעצטע רייד פון פאַרשעמונג. אַ שמייכל האָט צעשיידט אירע ליפּן און דאָס בלויע פייער פון אירע אויגן איז אַצינד געווען שאַרפער ווי דער פלאַם פון דעם עמאַראַלד אויף איר האַלדזשנור. זי האָט אַריינגערופן איר דינסט חגית און באַפוילן:

— צו מרון דעם צינזהאַר גיי איך אַצינד, אָבער דו היים די קנעכט בלייבן אין הויף. די אויסקוקערס פון ישראל וועלן טראָגן מיין הויבשטול צו דער ווײנקאַמער פון די הירשן!

ג

צופוסנס דער מויער האָט רחב זיך אַריינגעזעצט אין הויבשטול, וואָס איז געווען פון אינעווייניק אויסגעבעט מיט קאָלירטע געוואַנדן און פונדרויסן פאַרדעקט מיט געהאָפטענע פאַרהאַנגען. כלב און פנחס, איבערגעטוענע ווי קנעכט, זענען געשטאַנען גרייט אויפצוהויבן די שטאַנגען אויף זייערע אַקסלען. אַ רו, וואָס פאַרוויגט אין אַ טיפער דעמערונג, האָט רחב׳ן באַצוואונגען ווען זי האָט איינגעהילט איר נאַקן אין דעם ווייכן שאַרלאַך־שלייער. דער סוד פון ישראל איז געווען פאַרבאָרגן אין איר האַרץ און דאָס פאַרגעניגן פון מאַכט האָט געגליט אונטער די טונקעלע, דינע וויעס. זי האָט צו זיי גערעדט שטרענג:

— געדענקט! אויפן וועג צו דער ווײנקאַמער בין איך אייער האַרינטע און איר מיינע קנעכט.

— דיינע קנעכט זענען מיר — האָבן ביידע געענטפערט.

— און קנעכט פאָלגן אַלץ, וואָס מען הייסט זיי. איר וועט טראָגן מיין הויבשטול אַזוי ווי די געהאָרכזאַמע טרעגער־יונגען אין יריחו!

— ווי געהאָרכזאַמע טרעגער־יונגען וועלן מיר זיין.

— אונטערטעניגע זאָלט איר בלייבן איבערן לאַנגן וועג, וואָרום אַ נבלה צו יריחו, וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון ישראל, גיי איך היינט טון!

די אויסשפּירערס האָבן געשוויגן און זי האָט אויף זיי אָנגעשטעלט אירע בלויע, לאַכעדיקע אויגן. די פרייד צו קענען באַפעלן איז אַצינד געווען העכער פון אַלע לוסטן. זי האָט אַ געשריי געטון:

— אין וועג אַריין, קנעכט!

מיט די שטאנגען אויף די אקסלען האבן זיי אויפגעהויבן די פיס. אויף דחב'ס ציכן האט זיך באוויזן דער קנעכט ת ו ב ל און ער איז פאראויס־געלאפן פאר זיי ווי א יונג א באדינער. תובל, וואס האט געקענט יעדן שטיין אין דער דאזיקער שטאט, האט זיי ארויפגעפירט צו די אויבערשטע גאסן. דער הויבשטול האט געדריקט ווי א שווערע משא אויף די אקסלען, אבער גע־שטארקט פון דער הייליקער שליחות, האבן זיי די לאסט נישט געפילט. פאר דעם טורעם פון די טרומייטן האבן זיי זיך אפגעשטעלט ווי פאר א שיידוועג און דערנאך, אויפן צייכן פון תובל'ן, אראפגענידערט צו דער גאס פון די טרונקשטובן מיט די קופערנע טירן, פונוואנען ס'האבן זיך געטראגן קולות פון לוסט און וויין. איבערן גאנצן וועג האבן די צוויי אויסקוקערס געשוויגן. זייערע מיילער זענען געווען שטום, אבער אין זייערע הערצער האט געהויערט א פארכטיקער פחד.

הינטער די פארהאנגען איז רחב געזעסן אויף די ווייכע געוואנדן אן אויפגעהייטערטע. ווי גיך דער הויבשטול האט זיך דערנענטערט צו דער וויינ־קאמער פון די הירשן, אזוי לוסטיק איז געווארן איר געמיט. אויב אפילו א געפאר וואלט אויף איר געלויערט אצינד, וואלט דאס נישט טרויעריק געמאכט איר הארץ. בארוישט פון דעם שטאלץ, וואס זי ווערט געטראגן ווי א מלכה איבער די גאסן, וואס זי האט פלוצים אזוי פיינט געקראגן, האט זי געטראכט וועגן דעם רייכן צינזהאר, וואס אים וועט זי באלד דערנידעריקן ווי א שקלאף. אין אירע אויערן האט ווי א גלאק אויסגעקלונגען דער נאמען מ ר ו ן, דער בייזער צינזהאר, וועלכער קען אויך באפעלן מיט די אויפזעערס פון די פעס־טונגען. ווי א רויבעריונג געכאפט ביים פארברעכן, וועט ער קושן אירע סאנדאלן און פאלגן וואס זי וועט אים הייסן טון. די פרייד פון נקמה האט באצייטנס געווארעמט איר הארץ.

זי האט אונטערגעהויבן א שפיץ פארהאנג און ארויסגעקוקט מיט פאר־וואונדערטע אויגן ווי זי וואלט געזען יריחו צום ערשטן מאל. די גאסן, וואס האבן זיך געקאלערט אראפ צום טאל זענען געווען אויסגעלייגט ווי צעבויגענע איידלשטיינער. רעכטס האט א שמאלער וועג געקלעטערט ארויף צום טורעם־הויז פון די עלטסטע און דארט זענען געווען פארפלאנצט מאנדלביימער, ציפרעסן און מירטע־פלאנצן. לינקס האבן זיך געצויגן ארקאדן און זיילן פון פארפיר און מירמלשטיין. עס איז נאך נישט געווען סוף זומער, אבער די בלעטער זענען שוין אראפגעהאנגען ווי בראנדז פון די צווייגן. די שטעגן זענען געווען אויסגעפלאסטערט מיט בלויע גלאנציגע שטיינדלעך, וואס האבן זיך געקרישלט אונטער די רעדער פון די פארביילויפנדיקע רייטוואגנס.

פאר א נידעריקן בויגן־טויער איז געזעסן א בעטלער מיט איין פוס און

געקלימפּערט מיט אַ טאַץ מטבעות. אַ שטאָלצער קריגסמאַן מיט אַ קיווער און פּאַנצער איז אין איילעניש פאַרבייגעגאַנגען. אויס באַוואָרעניש אין דער דאָזיקער אומרואיקער שטאָט האָט ער געהאַלטן זיין האַנט אויף דער שווערד. אַ געלער הונט איז מיט אַ בילעריי געשפּרונגען אַקעגן. צוויי אויפגערעגטע וועכטערס האָבן פּאַריאָגט אַ פּאָר אָקסן־טרייבערס, וועלכע האָבן זיך באַוויזן פון הינטער אַן אַרקאַדע. דער הויבשטול האָט זיך געוויגט איבער אַ שטעג, וואָס איז געווען טונקל ווי אַ הייל. ווען די טונקלקייט איז אויסגערונען, האָט פאַר רחב׳ס אויגן זיך אויסגעשפּרייט אַ גרינער טאָל, פאַרגאָסן פון זון־ליכט. די צווייגן אויף די ביימער און די פלאַנצן אויף דער ערד האָבן איינגעוויגט די וועלט אין אַן אומענדלעכער רו. פון דעם אָפענעם הימל האָט אַראָפּגעטריפט אַזוי פיל בלויקייט, אַז רחב׳ס האַרץ האָט אויפגעפלאַטערט ווי עס וואָלט פאַר איר אויפגעלויכטן דאָס ליכט פון די ערשטע טעג פון באַשאַף. אין אַלע צייטן זענען יענע, וועלכע זענען בייגעקומען פחד, געוואָרן גיבורים — האָט זי געטראַכט און אַ געשטאַרקטע ווידער צו זיך געזאָגט: אַ טאָג פון גרויסע געשעענישן וועט היינט זיין!

האַר פון דער וועלט, פאָטער אין הימל! צי וועסטו אונדז היינט געבן אַ טאָג פון גרויסע געשעענישן? — האָבן כלב און פּנחס געפרעגט אין זייערע הערצער, ווען זיי האָבן אונטערטעטיק געשלעפּט דעם הויבשטול — און צי זענען מיר ווערט צו זען דיינע וואונדערצייכנס? די זון איז געווען הויך אין הימל און דער שווייס איז גערונען פון זייערע גליענדיקע שטערנס. ווען זיי זענען אַרויס אויף די פּאָדערשטע גאַסן, זענען זייערע פּיס געווען מיד און זייערע אָרעמס דערשעפּט. די לאַסט איז געוואָרן ווי אַ יאָכשטאַנג און די העלצער ווי בינדשטריק.

קלעטערנדיק צו די אויפשטייגן, וואו עס האָבן זיך אַרויסגעהויבן די מירמלשטיינערנע הייזער פון די שטאָט־האַרן, האָבן זיי געזען ווי די געטרעפלטע מויערן טיילן אָפּ די אויבערשטע שטאָט פון דער אונטערשטער. און דער קנעכט תובל האָט נישט פאַרשפּעטיקט צו דערציילן, אַז דאָס האָבן די קריגספירער פון כנען צעטיילט יריחו מיט אַ סך צוימען ווי אַ שוץ קעגן יענע, וואָס וועלן קומען באַלאַגערן די שטאָט. אין יענער רגע האָט ווי פון אַ נעפּל זיך אַרויסגעשיילט פאַר כלב׳ן די געשטאַלט פון זיין האַר יהושוע, וועלכער האָט אינאיינעם מיט משה׳ן געפירט דאָס וואַנדערנדיקע פאָלק אין דעם אָפענעם מדבר פּארן. און ווי די עמלקים און פריזים האָבן אָפּגעשניטן די וועגן, האָט משה, דער מאַן וואָס גאָט האָט אים דורכגעפירט איבער דעם טרוקענעם לאַנד און געעפנט פאַר אים דעם ים, באַשוואוירן יהושוע׳ן: נישט אויפהערן זאָלסטו צו שלאָגן די פיינט, וואָס וועלן פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַר די קינדער פון ישראל צום לאַנד

כנען! כלב האָט אַצינד מיט שפּאָט געקוקט אויף די שטאַרקע מויערן און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט: דיינע פעסטונגען וועלן זיין ווי פייגנביימער מיט פריפייגן, וואָס אַז מען טרייסלט די צווייגן, פאַלן די פרוכטן אין די מיילער פון די עסערס! און די טויערן פון דיין לאַנד וועלן אויפגעבראָכן ווערן! און אַ פייער וועט פאַרצערן דיינע ריגלען און פלאַמען וועלן אויפעסן די שלעסער! דיינע ברונימער וועלן אויסגעשעפּט ווערן און דיינע טייכן וועלן אויסטריקענען און עס וועט אויספעלן אַ טראָפּן וואַסער פאַר די קריגערס, וואָס וועלן קומען זיך שלאָגן קעגן די באַלאַגערערס!

כלב האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף פּנחס'ן. ער האָט געוואָלט זיך איינהאָרכן צו די טראַכטונגען פון זיין שטרענגן חבר, וועלכער האָט אים היינט פאַרשעמט פאַר די אויגן פון רחב'ן. פּנחס'עס ליפּן האָבן אַצינד נישט געפלאַמט פון צאָרן, נאָר געפּליסטערט לויברייד: גאָט קערט אום דעם שטאָלץ פון יעקב און דעם כבוד פון ישראל ברענגט ער צוריק. אָנגעטון אין ווערמילפאַרב וועלן דיינע קריגסלייט אַריינקומען אין דער דאָזיקער שטאָט. אין פייערדיקן שטאָל וועלן די רייטער אָנלויפן און די פאַנצערס פון גיבורים וועלן זיין לויטער ווי גאָלד. ווי צעשפּרייטע שאָף איז ישראל ביז היינט געווען. לייבן האָבן אים פאַרשטויסן. דער ערשטער האָט אים געגעסן דער מלך פון מצרים, דערנאָך זענען אים באַפאַלן די רויבעריונגען פון עמלק און שפּעטער די הויפּטלייט פון מדין און די שלאַכטמענער פון מואב. ווי איין גרויס געזעמל זענען זיי אָנגעלאָפן צו פאַרלענדן דאָס פאָלק, וואָס קען נישט פאַרלענדט ווערן!

און אויך אויף כלב'ס צונג זענען געווען רייד פון פאַראַכטונג, ווען ער האָט געקוקט אויף דער באַרוישטער שטאָט: דיין אָפּשטאַם און דיין געבורט איז פון לאַנד פון דעם כנעני. אָבער הויל און נאַקעט ביזטו געבליבן, ווייל אין טאָג פון דיין געבוירן ווערן האָט מען נישט אָפּגעשווענקט דיין בלוט פון דיר. דו האָסט זיך געזאַלבט מיט אייל און זיך אָנגעקליידט אין געשטיקטן געוואַנד. דו האָסט זיך איינגעהילט אין ליינען און אין זייד און זיך באַשוכט מיט טייערן פעל. אָבער אין דיין רייכן אויסשטאַט וועסטו אונטערגיין, דו אומווירדיקע צווישן שטעט!

ד

פונדערווייטנס האָבן די אויסקוקערס דערזען דאָס הויז פון גערעכטיקייט — אַ געביי פון מירמלשטיין מיט זילבערנע קופּאָלן, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער מערב־וואַנט פון פּאַלאַץ. תובל, דער קנעכט, האָט געוואַרט ביז זיי זענען אַריין אין דער גאַס פון די ברוינע זיילן און אָנגעוויזן אויף דער וויינקאַמער פון

די הירשן. די שטאַנגען־טרעגער האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג. אַ שפּיץ פאַר־האַנג פון הויבשטול האָט זיך ווידער אונטערגעהויבן און רחב האָט אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ.

— בלייבט שטיין! — האָט זי געזאָגט — איך וועל גיין זען מרון דעם צינזהאַר.

זי איז אַרויס פון הויבשטול און געגעבן אַ צייכן, אַז קיינער זאָל איר נישט נאָכגיין. די וויינקאַמער איז געווען אַנדערש פון אַלע טרינקשטובן אין יריחו. די פאָדערשטע וואַנט, אויסגעפורעמט ווי אַ טורעם, איז אין דער הויך געווען באַ־שלאָגן מיט הירשן־הערנער און מיט קעפּ פון שטיינבעק, ווילדציגן און באַרג־שעפסן, אַזוי ווי אויף די טויערן פון די קלענערע געצנהייזער. אַ בלויע אַרקאַדע ווי אַ טיפער דורכגאַנג האָט צעטיילט דאָס געביי און אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן הויף, פאַרזייט מיט צעשויבערטע פאַלמעס, ציפּרעסן און ליליעס. פון פאָנטאַנען האָבן אַרויסגעשפּריצט קאָלירטע וואַסער־שטראָמען ווי רעגנבויגנס. עס זענען דאָרט געשטאַנען דענקמעלער פון שטיין און זיילן פון אייכענהאָלץ, אויף וועלכע געשיקטע הענט פון ווערקמייסטערס האָבן אויסגעשניצט געשטאַלטן פון נימפעס, פּיפּערנאָטערס און הערשערס פון דער אונטערשטער וועלט.

רחב איז אַריין אין דער רוישיקער וויינקאַמער, וואו עס זענען געקומען שעפן פאַרגעניגן די אַדלליַיט און די איינגייערס אין קעניגלעכן הויז. די טרונק־שטוב איז געווען באַזעצט מיט הויפּטלייט, פירשטן, צינזהאַרן, ריכטערס און מיט אַלע, וואָס ווישן דעם שטויב פון די זיילן אין פּאַלאַץ. טייל האָבן געצאַפּט דעם וויין פון פעלעכלעך און טייל האָבן געשלונגען דעם זיסן געטראַנק גלייך פון די לאָגלען אַרויס. די באַזויפּענע האָבן זיך געוואָרפן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס, זיך געבענטשט און זיך געשאָלטן. די ניכטערע זענען געזעסן אומעטיקע און געזיפצט אויף דער אָרעמער מלוכה. אין דעם געפּילדער האָבן זיך אַרויסגעזען אַ פּאָר עלטסטע פון מיוחסדיקע פּאַטערהייזער אין זייערע רייכע אויסגענייטע אויבער־בגדים. זיי האָבן געגלעט זייערע געקאַרבטע בערד און זיך איינגעהאָרכט צו אַ באַוואַקסענעם קריגסמאַן, וועלכער האָט דערציילט פון דעם אומגליק אין דער שלאַכט מיט די אמורים.

ווי רחב איז אַריבער די שוועל, האָבן די דופטן פון אירע קליידער זיך אויסגעמישט מיט די שווערע ריחות פון שוויים און וויין. זי האָט אויסגעמיטן די לוסטיקע בליקן פון די מענער, וועלכע האָבן אויפגערעגטע זיך געהויבן פון די ערטער. אירע אויגן האָבן געוואַנדערט צווישן דעם הייפל אַנגעזעענע און געאַכפּערטע, וואָס זענען געזעסן אין אויבן אָן אויף דער געפלאָכטענער באַנק. דאָרט איז אויך געווען מרון דער צינזהאַר. ווי אויף אַ שטומען רוף האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז איר אַקעגן געגאַנגען.

— פון דיין דינסט האָב איך געהערט, אַז דו קומסט מיך זען, רחב — האָט ער זיך אָנגערופן און זיינע ליפּן האָבן זיך צעשיידט אין אַ קאַלטן שמייכל, — אויף גרויסע געשעענישן מוז זיך ריכטן יריחו, אויב די ערשטע גאַסטביטערין אין שטאָט האָט זיך געאיילט אַהער אינמיטן טאָג.

זי האָט פאַרשנדיק געקוקט אויף דעם קנאָכיגן צינזהאַר, וואָס האָט געהאַט אייפער אין די אויגן און באַטרוג אין זיין האַרץ, און זי האָט געטראַכט: ער איז ריין אויפן לייב און פאַרדאַרבן אונטער דער הויט... מרון איז אַצינד געשטאַנען פאַר איר אין זיין לויזן רויטן מאַנטל מיט דעם גרויסן בייטל, אָנגעשנאַלט אויפן בויך־רימען. זיין נאַקעטער קאָפּ־שיידל, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די האַרטע קינבאַקן, האָט געגלאַנצט ווי געשלאָגענער בוימאייל.

מרון איז געווען אַ מאַן פון מאַכט, פרום צו די געטער, גרויזאַם צו די מענטשן, וואָס ביי זיי האָט ער אַרויסגעריסן צינזן פון קלענסטן אייגנטום. עס האָבן זיך געשראָקן פאַר אים רייכע און אָרעמע. די דורכפאַרנדיקע סוחרים פון די צידונים האָבן פאַר אים געציטערט. רייכע קאַראַוואַנען־טרייבערס פון אדום האָבן אים אונטערגעקויפט מיט צירונגס־שטיקער און געשטילט זיין צאָרן מיט זייערע שיינע ווייבער. וועגן די הענדלערס פון מואב האָט מרון אַליין זיך געריכמט, אַז ער האָט פון זיי אָפּגעשונדן די הויט און איבערגעלאָזט די ביינער. רחב האָט געוואוסט, אַז זיין הונגער נאָך גאָלד איז אַזוי גרויס, אַז ער האָט פאַראַרעמט דעם קעניגס שאַצקאַמער. דאָס וואָס ער נעמט אַוועק ביי די הענד־לערס, לייגט ער אַריין אין אייגענעם שייער. פון די וועכטערס אין פּאַלאַץ האָט זי געהערט, אַז ער האָט אָנגעהויבן טיילן זיין רויב מיט די אויפּזעערס פון די פעסטונגען, ווייל זייערע טורעם־אויסקוקערס ציילן יעדן טאָג אין שטאָט־טויער די פרעמדע סוחרים, וואָס מרון באַפרייט זיי פון די שווערע צינזן — פאַר אונטערקויף־געלט.

מרון האָט, ווי אַ סך מענער פון וואוילזיין, געגאַרט נאָך דער לוסט פון רחב׳ן, אָבער זי האָט אים מיט חרפּה פאַרטריבן. אַצינד, ווען זי האָט זיך באַוויזן צו אים, האָט דער צינזהאַר צו זיך געזאָגט: זי איז געקומען בעטן טובות און איך בין גרייט צו מאָנען מיין פּרייז... ער האָט אַ שווייגנדיקער געוואַרט אויפן גנאָד פון איר שמייכל. ער האָט געוואָלט הערן איר פאַרלאַנג. אָבער זי, וואָס אַלע זיינע פאַרהוילענישן זענען געווען פאַר איר אָפן, האָט שוין געהאַלטן דעם פאַנג פעסט אין אירע פויסטן. אָנשטאָט לוסט האָט אין אירע אויגן אויפגעגליט דער אַלטער פאַרלאַנג נאָך נקמה. מיט אַ שטומען צייכן האָט זי אים אַוועקגערופן צו דער קופּערנער טיר הינטערן לעצטן זייל. דאָרט זענען געהאַנגען לאַגלען מיט וויין. אַ ברענענדיקער פאַקל אין אַ וואַנט־אויסהויל האָט באַלויכטן די טונקלקייט.

רחבס רייד זענען געווען שטרענגע:

— איך האָב געהערט, אַז דו האָסט אָנגעשטאָפּט דיין בייטל מיט אונטער־קויף־געלט פון פרעמדע הענדלערס, וואָס דו באַפרייסט פון צינזן. דער קעניג צוען איז גנעדיק צו זיינע ערלעכע צינזהאַרן, אָבער ווי שרעקלעך מוז זיין די שטראָף זיינע פאַר די, וועלכע גנבענען פון זיין גאָלדקאַמער!

מרון האָט אויפגעציטערט און געבליבן שטיין אַ פאַרפרוירענער. זיינע ליפּן האָבן זיך געעפנט און זיך פאַרמאַכט, אָבער ער האָט געשוויגן. דערוואַרט האָט ער דעם צוזאָג פון פאַרגעניגן, אָבער געקומען איז איר ביטערע פאַראַכטונג. די שטייפע הויט אויף זיין נאַקעטן פּנים איז פּלוצים לויז געוואָרן.

— דיינע ליפּן זענען שטום, מרון — האָט רחב זיך געריצט, — צי ווילסטו לייקענען, אַז דו טיילסט דיין רויב מיט די הויפּלייט פון די פעסטונגען?

ער האָט זיך אַ וואַקל געטון. דאָס בלוט פון פּנים איז געווען אָפּגעצאַפּט און די קניען האָבן געציטערט. פּלוצים האָט ער אַ געשטאַרקטער אויסגעשריען:

— ליגן! אַלץ איז ליגן! בייזע צינגער האָבן דיך פאַרפירט, רחב.

— ביי עשתורת די באַרמהאַרציקע! און ביי בעל דעם גרויזאַמען! נישט ליגן, נאָר אמת האָסטו אַצינד געהערט. אַלע ווייסן, אַז דער הערשער פון יריחו קען פאַרגעבן זיינע קנעכט, וועלכע זענען זיך מודה אין באַטרוג. אָבער ער איז האַרט און דאָרשטיק נאָך נקמה צו יענע, וואָס ווילן אויסבאַהאַלטן זייער שולד.

זי האָט געזען דעם פּחד, וואָס האָט אויפגעפלאַמט אין זיינע הינטער־ליסטיקע אויגן אַזוי ווי בליצן, וואָס רייסן זיך דורך אָנגעלאָדענע כמאַרעס. זיין פּנים איז געווען אַזוי ווי אַש. ווי גוט איז וואָס זי האָט זיך געשטעלט פאַר אים ווי אַ שטרענגע אָנקלעגערין — האָט זי געטראַכט. — דער פעלז האָט זיך געבראָכן. דער שטאָלצער איז געוואָרן נידעריקער פון אַ קנעכט. זי האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס שטייט פאַר מיר אַצינד ווי אַ לאַם דער באַרמלאָזער צווישן אַלע צינזהאַרן?

מרון האָט האַסטיק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און געפליסטערט:

— רחמנות!

רחב האָט זיך צעלאַכט. זי איז אים אַרומגעגאַנגען אין אַ קרייז איינמאָל און נאָכאַמאָל אַזוי, אַז ער האָט קניענדיק זיך געמוזט דרייען אַהין און אַהער, אַרויפצוקוקן צו איר.

— רחמנות? — האָט זי געזאָגט — נישט קיין שלעכטס וויל איך דיר טון. אויף די פיס, מרון! אויב בייז טון דיר וואָלט איך היינט געקומען, צי וואָלט איך דען דיך גערופן אַהער אין דער וויינקאַמער?

זי האָט אָנגערירט די פייכטע פעל פון אַ הענגענדיקן וויינלאָגעל און אַ

טראָפּן ווייַן האָט באַנעצט איר פינגער. די רויטע פליסיקייט האָט ווי בלוט געגלאַנצט פאַר די אויגן פון דעם קניענדיקן מרון.

— דאָס לעבן איז זיס, מרון, און די פאַרגעניגנס פון לעבן ווערן געגעבן צו יענע, וואָס קענען געניסן דערפון — האָט זי געזאָגט, — פאַרלירן פאַרלירט דעם פאַרשטאַנד יענער מאַן, וועלכער וויל שטאַרבן אין פּיין.

אַן אייַנגעבויגענער האָט מרון פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. זייַן גוף האָט מער נישט געציטערט. ער האָט דרייסט זי אָנגעקוקט. מיט אַ גרויסן פאַרלאַנג איז רחב צו אים צוגעקומען, אַ פאַרלאַנג וואָס נאָר ער אַליין קען איר נאָכגעבן. ווי קאָסטבאַר קען זייַן איר באַגער?

— אַזוי ווי איך אַזוי דו, מרון, — האָט זי געצויגן די ווערטער, — דו ווילסט נישט געזעגענען זיך מיט דעם לעבן, וואָס גיט דיר מאַכט און רייכטום.

— אַזוי ווי דו זאָגסט, רחב. דאָס לעבן איז זיס.

ער האָט געוואַרט, וואָרום ער איז מער נישט געווען אין געפאַר, נישט אַזוי לאַנג ווי ער וועט איר קענען ברענגען נוצן. זייַנע הענט און פיס זענען מער נישט געווען פאַרגליווערט. וואַרעם בלוט האָט ווידער געשטראָמט אין זייַן גוף.

— דו ביזט אַ מאַן פון שטורעם, מרון. דו האָסט מער באַגערן און לוסטן פאַר איין האַרץ און פאַר איין פּאָר הענט — האָט רחב געזאָגט, — ביזט גע־בוירן געוואָרן מיט דעם בלוט, וואָס איז הונגעריק נאָך אָנזען און באַזיץ. פאַר־וואָס האָסטו נישט געקענט אויסברענען אין זיך דעם דאָזיקן גרויזאַמען הונגער?

אַן אונטערטעניקער שמייכל האָט געשוועבט אויף זייַנע ליפּן:

— ווי דו האָסט פריער געזאָגט, רחב. די פאַרגעניגנס פון לעבן געהערן צו יענע, וועלכע ווייסן צו געניסן דערפון.

— האָסט אַ קלוג מויל, מרון. און ווי אַ קלוגער צינזהאָר ווייסטו ווען צו מאָנען און ווען צו צאָלן. הייַנט וועסטו צאָלן! קוק מיך אָן. בין איך ווערט, אַז דו זאָלסט פאַר מיר טון דאָס, וואָס וועט פאַריאָגן פון דיר די געפאַר און דיך באַפרייַען פון שטראָף?

— דו דאַרפסט בלויז זאָגן דייַן וואונטש, רחב.

אירע שטראַלענדיקע אויגן זענען געווען אויף אים. איר אָטעם האָט ווי אַ גליענדיקער ווינט געבלאָזן אויף זייַנע אויערן. זי האָט אויס באַוואָרעניש זיך אַרומגעקוקט איבער די פיר ווינקלען פון דער קאַמער און געפליסטערט:

— צוויי הענדלערס זענען הייַנט אַרייַנגעקומען אין שטאָט. מייַנע פרייַנט זענען זיי. פרעג נישט פונוואַנען זיי קומען און וואו איז דאָס אָרט פון זייער אָפּשטאַם. האָרך בלויז מייַן פאַרלאַנג. דו וועסט זיי איבערגעבן צו די הויפּט־לייַט פון די פעסטונגען, אַז אַרומפירן זאָלן זיי די הענדלערס איבער די מויערן

און היילן און ווייזן זיי אַלע פאַרהוילענישן אונטער דער ערד און אויף די טורעמס.

מרון איז געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער און רחב האָט ווידער געזאָגט:

— ווי רייכע סוחרים האָבן זיי זיך באַוויזן צו מיר, אָבער איך האָב זיי פאַרשטעלט פאַר קנעכט, וואָס טראָגן מיין הויבשטול. זיי פאַרלאַנגען נישט אומזיסט פון גוטס ביז שלעכטס. אין מיין גאַסטהויז וועלן זיי נעכטיקן, שפּייז וועלן זיי קויפן און פאַר דעם וויין וועלן זיי באַצאָלן. אָבער די סודות פון די פעסטונגען אין יריחו מוזן זיי וויסן איידער זיי פאַרלאָזן די שטאָט.

מרון איז אויפגעשפּרונגען אַ פאַרציטערטער. זיינע דערשראָקענע אויגן האָבן געוואַנדערט איבער דער ווינקאַמער צי קיינער האָט נישט אונטערגע־הערט דעם מוראדיקן סוד. קאַלטע אַנגסטן האָבן באַגאָסן זיין שטערן.

— דאָס וואָס דו פאַרלאַנגסט, איז שרעקלעכער פון אַלע וואונטשן, וואָס איך האָב ביז היינט געהערט, רחב. ווי אַזוי וועל איך זיך דערוועגן אַזוינס צו טון?

— דו וועסט זיך דערוועגן, מרון! דו ביזט אַ זויג־וואָרעם, וואָס נאָגט אוים דאָס בלוט פון דעם קרבן און אַ ראָב, וואָס קען אויפעסן דאָס פלייש פון אַ טויטן גוף.

— און וואָס וועט מיט מיר געשען, ווען דער קעניג פון יריחו וועט דערפון הערן?

— שטאַרבן וועסטו שטאַרבען, מרון, אויב ער וועט דערפון הערן. מיט דעם טויט פון אַ נידערטרעכטיקן וועסטו אומקומען. אָבער איך ווייס, אַז דו וועסט היינט מיין פאַרלאַנג טון. צו שוואַך ביזטו מרון, אָפּצוזאָגן מיין וואונטש.

מרון האָט געשוויגן און רחב האָט מיט נצחון אָפּגעמאָסטן זיין געבויגענע געשטאַלט, וואָס איז אַצינד געווען אָן ווידערשטאַנד.

— דו האָסט קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַהעלטעניש פון מיר, מרון — האָט זי געזאָגט — איך האָב נאָר געוואַרט אויפן צייכן פון די געטער, אַז דער טאָג פון רעכנשאַפט איז געקומען. דו מוזט מיך פאָלגן, צינזהאַר, אויב שטאַרבן ווילסטו נישט פריער מיט אַ טויט פון חרפה. דיין בייטל איז אָנגעשטאָפּט מיט דעם אונטערקויף־געלט פון די פרעמדע הענדלערס! האָסט פאַרגעסן?

דער צינזהאַר האָט זיך געבויגן אַהין און אַהער. אין זיין וואַקלעניש איז געווען דער סוף פון ווידערשפעניקייט. זי האָט אים געזען אין זיין אונטערטע־ניקייט און באַפוילן:

— נאָכן זונאונטערגאַנג וועסטו די צוויי הענדלערס פירן צו די הויפּטלייט פון די פעסטונגען, אַז זיי זאָלן אויפדעקן פאַר זיי אַלע פאַרבאָרגענישן פון יריחו. און באַשווערן זאָלסטו די הויפּטלייט, אַז קיין האָר טאָר נישט פאַלן פון

זייערע קעפ, וואָרום מיט זייער בלוט וועלן די שולדיקע באַצאָלן! און אַצינד קער זיך נישט אום צו די זויפערס אין דער ווײנקאַמער, אַז די אַנגעזעענע זאָלן דיך נישט אויספרעגן וועגן סוד פון אונדזער טרעפונג. אַ מאָלצייט גרייט איך היינט אין גאָרטן פון מיין גאַסטהויז, אַ פייערטאָג פאַר דעם גאָט ד ג ו ן, וואָס איז אָנגעקומען אין גרויסן טעמפּל. עס וועלן דאָרט זיין דער שטאָטהאַר, דער ערשטער ריכטער און דער עלטסטער פּריסטער. עס וועלן נישט פעלן מיינע פריינט, די שיינע קריגסמענער און אויך דו וועסט זיצן צווישן מיינע געסט. און ווי מיר וועלן טרינקען ווײן און ריידן וועגן געטער און מלחמות, וועט קיינער נישט וויסן ווען די אויסקוקערס וועלן אַריינגיין אין די פעסטונגען.

מרון האָט זיך שוין דערנענטערט צום אַרויסגאַנג, אָבער רחב האָט אים פאַרהאַלטן.

— וואַרט! אין מיין טראָגשטול וועסטו זיך זעצן נעבן מיר. און די פאַרשטעלטע קנעכט וועלן אונדז צוריקפירן צו מיין הויז. דו וועסט בלייבן ביי מיין טיש ביז זונאונטערגאַנג, אַז דער סוד פון דער היינטיקער נאַכט זאָל פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקט ווערן.

זי האָט זיך צעלאַכט, טראַכטנדיק וועגן די נייגעריקע פאַרבייגייערס, וואָס וועלן נאָכקוקן דעם צינזהאַר ווען ער וועט זיך אַריינזעצן אין איר הויב־שטול. אַלעמענס אויגן וועלן זיין געווענדט צו איר און אַלעמענס מיילער וועלן פרעגן: איז ער דאָס דער נייער באַגלייטער פון רחב׳ן? צי איז דער רייכסטער פון אַלע צינזהאַרן היינט געוואָרן דער געליבטער פון דער שענסטער פרוי אין יריחו?

קאַפּיטל זעקס

א

ווען רחב האָט זיך באַוויזן ביים מאַלצייט אין גאָרטן הינטער איר גאַסט־הויז, זענען די געסט דאָרט שוין געווען פאַרזאַמלט. דריי אַדללייט, דער שטאָטהאַר, דער ריכטער און דער עלטסטער פּריסטער האָבן גערוט אויף אַן אַנלען־בעט אַרום אַ קיילעכדיקן טיש צווישן פּאַרפּיר־זיילן, און דערנעבן איז געזעסן דער צינזהאַר מרון. אַ הייפל געוויקסיקע קריגסמענער אין זייערע קופּערנע קיווערס און געפּאַנצערטע לייבגאַרטלען זענען געלעגן אויפן גראָז, אונטער אַ פּורפּורנעם באַדעקנס מיט גאָלדענע פראַנזן. זיי האָבן געטרונקען ווייַן פון זילבערנע בעכערס, געלויבט רחב׳ס שיינקייט און געזונגען מלחמה־לידער ווי צוריקגעקומענע זיגערס פון אַ שלאַכט.

די זון איז נאָך געווען הויך אין הימל, אָבער דורך די צווייגן פון די פייגנביימער און מילגרוימען האָבן שוין געבלאָזן קילע אָוונט־ווינטן. צוויי שוואַרצע קנעכט מיט בעקנס שפּייזן און קרוגן ווייַן זענען אַנגעלאָפן פון קיך און חגית, די דינסט, האָט נאָכגעטראָגן קוישן מיט פרוכטן. דאָס ליכט פון טאָג האָט באַלויכטן די וועלט, אָבער אויף די גזימסן פון דער בלויער אַרקאַדע הינטער די ציפּרעסן האָט אַ באַדינער באַצייטנס צורעכט געמאַכט די אייללאָמפּן. אונטער דעם לויטערן הימל האָט זיך פאַרטראָגן אַ געפּלאַטער פון דערשראָקענע וואַכטפייגל. ריחות פון ציטרינען האָבן זיך אויסגעמישט מיט די שאַרפע דופטן פון פּאָמעגראַנאַטן.

צווישן די טומלדיקע שטאָט־עלטסטע איז מרון געזעסן מיט פאַרזיגלטע ליפּן. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגליווערט און זיין פּנים איז געווען ווי אַש אין זיינע הענט. די בייזיצערס האָבן מיט היציקע רייד געמאָנט די געטרייַשאַפט פון די קריגסלייט, וואָס גרייטן זיך אַרויסצוגיין אין אַ נייער מלחמה קעגן דעם שונא פון מדבר. דער שטאָטהאַר האָט געשוואוירן אויסצוטיילן גרויזאַמע שטראָף צו די באַהאַלטענע פאַרעטער און דער עלטסטער פּריסטער האָט

געליאַרעמט, אַז נאָר דאָס דינען צום שטאַרקן פּיש־גאָט ד ג ו ן אַנשטאָט צום אומזעבטיקן ב ע ל וועט ברענגען נצחון דעם פֿאָלק.

ווי נאָר רחב האָט זיך דערנענטערט צום טיש פֿון די שטאָט־עלטסטע, האָבן די אָנגעזעענע און געאַכפּערטע זיך אויפגעהויבן פֿון די ערטער. די קריגס־מענער זענען אויפגעשפּרונגען מיט קרוגן ווײַן אין די הענט און אויסגערופֿן:

— דער ערשטער בעכער ווײַן פֿאַר דער שענסטער גאַסטגעבערין אין שטאָט!

— פֿאַר דער פֿרוי, וואָס איר הויז איז ווי אַ רואיקע נעסט אויף דער מויער פֿון מלחמה!

— זי האָט געבראַכט רום פֿאַר יריחו אין פֿרעמדע לענדער!

— זי לייזט אויס פֿאַרשולדיקטע פֿון געפֿענקעניש און מאַכט שלום מיט די גרענעץ־היטערס!

— רחב, די פּערלשנור פֿון כנען!

— די שיינע, וואָס פֿאַר איר קניען הערשער און ריכטער!

רחב האָט געוואַרט ביז די קולות האָבן זיך איינגעשטילט. דערנאָך האָבן אירע לאַכעדיקע אויגן געוואַנדערט איבער די קעפּ פֿון די באַרוישטע געסט. זי איז לאַנגזאַם זיי אַרומגעגאַנגען אין אַ קרייז. אירע האָר אויפגעראָלט אין אַ טורעם, איינגעקלעמט אין אַ גאָלדענער צוואַנג לויטן שטייגער פֿון די כנענישע טעכטער, האָט העכער געמאַכט איר וואוקס. זי איז געווען איינגעהילט אין אַ פּורפּורנעם אויבערמאַנטל, באַנייט מיט צאַרטע ליליעס. בייטשלעך פּערל האָבן זיך אַראָפּגעוויגט פֿון די שלייפֿן ביז צו די אויערן־לעפּעלעך. אויף אירע בריסטן איז געהאַנגען אַ בינטל רויטע איידלשטיינער ווי גליענדיקע רויזן. אירע קנעכלעך זענען געווען אַרומגעבונדן מיט טריט־קייטעלעך, וואָס האָבן ווי אַ גלעקל־קלינגערײַ באַגלייט אירע גלאַסענע שפּרייזן.

זי איז שטיין געבליבן און געקוקט אין דער גרינער טונקלקייט אונטער די פּאַלמען און עקאַליפּטוסן. אַלץ אין גאָרטן איז געווען ווי אין די רייפֿע טעג פֿון יאָר. די פֿייגנביימער האָבן געבליט. די מילגרוימען זענען געווען אָנגעלאָדן מיט זאַפֿטן און פֿון די איילבירטן האָט אַרויסגערונען דאָס פֿעטס. רחב איז געווען רואיק, אָבער איר האַרץ האָט געוואָלט אויסברעכן אין אַ שטורם קעגן די ערנהאַפֿטיקע מיט די פֿאַלשע צינגער. אין יענער רגע האָט איר וועלט מיט־אַמאָל זיך געענדערט ווי די בערג איבער דעם גאַנצן אויסשפּרייט וואָלטן זיך אַוועקגערוקט פֿון זייערע ערטער און די טאָלן וואָלטן איינגעזונקען אין אָפּגרונט. ווידערווילן און פֿאַראַכטונג איז געווען אין אירע בליקן, אָבער אין די אויגן פֿון די געסט האָט די שווייגנדיקע פֿרוי זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ לעבעדיקער דענק־מאָל. און ווי זי איז אַזוי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, האָט זי ביי די גלאַסענע

שטאָט-עלטסטע אַרויסגערופן באַוואונדערונג און ביי די היציקע קריגסמענער פאַרבאָטענע לוסטן.

רחב האָט אָפּגעוואַרט ביז די געסט האָבן אויפגעהויבן זייערע בעכערס. דערנאָך האָט זי צוגעטראָגן אַ פולע קרוג וויין צו מרון'ען, וועלכער איז געזעסן פאַראומערט און זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט געזאָגט:

— טרינק! צו דער געטריישאַפט פון די געטרייע!

מרון האָט אַ צערודערטער אָנגעפולט דעם בעכער און רחב, צוטראָגנדיק איר כוס וויין צו אירע ליפּן, האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם צינזהאַר, וואָס איז געווען איר געפאַנגענער. באַלד וועט זי אָן מורא פאַר די ערנהאַפטיקע אים איבערגעבן די צוויי שליחים פון ישראל, אַז ער זאָל ווי אַ געהאָרכזאַמער יונג זיי אַריינפירן אין די פעסטונגען. זי האָט לאַכנדיק אויסגערופן:

— צו דעם, וואָס שטעלט די ערע העכער פון רייכטום!

דער ערשטער איז געווען אויף די פיס דער עלטסטער פּריסטער חור. ער איז געווען דאַר און לאַנג און זיין ברייטער מאַנטל פון לייַנענטוך האָט נישט צוגעגעבן קיין וואָג זיין גוף. דער שפּיציקער קאָפּ איז געזעסן אויף אַ האַלדז מיט אָדערן. אין זיין רעכטן אויער איז געהאָנגען אַ רינג גרויס ווי אַ מילגרוים. די געלבע הויט איז געווען געריינצלט פון קאַרבן, אָבער די גרויע אויגן האָבן געברענט מיט אַן אומגעצווימטער לוסט. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דעם בויך-גאַרטל, באַהאַנגען מיט גאָלדענע גלעקער און געזאָגט:

— דערפאַר ווייל רחב'ס גאַסטהויז איז אַ רואיקע נעסט, זענען מיר געקומען אַהער אַרויסצוזאָגן וואונטשן, וואָס טאָרן נישט געהערט ווערן אין קעניגס הויז. אַ סוד אַנטפּלעק איך אַצינד פאַר אייך. דער גאָט דגון שטייט שוין אין גרויסן טעמפּל און דער ווידערשפּעניקער קעניג צ ו ע ן וועט מען נישט פאַרבאָטן דאָס פאָלק צו דינען צו אים. דער אַלטער בעל איז מיד און דגון איז אָנגעלאָדן מיט כוחות. ער ציט אַרויס תבואות פון די פעלדער און פולט אָן די טייכן מיט זיס וואַסער. ער איז דער האַר איבער די פיש און אַלע ים-באַשעפענישן. ער וועט זאַט מאַכן די הונגעריקע און ברענגען רייכטום צו יריחו. אַלע שלאַכטאָפּפערס האָט דער שוואַכער בעל צוגענומען, אָבער ער האָט אונדז נישט געקענט פאַרהיטן פון די מפּלות אין אַלע מלחמות.

דער פּריסטער חור האָט איינגענעצט זיינע טונקעלע ליפּן אין דעם בעכער וויין און זעענדיק ווי אַלע שווייגן, האָט ער ווידער געזאָגט:

— איך רייד צו די געטרייע פון שטאָט, וואָס טראָגן די זיילן פון טעמפּל אויף זייערע אַקסלען אַזוי ווי אַ קעמל טראָגט דעם יאָכשטאַנג. כ'רייד צום שטאָטהאַר און צום ריכטער! צום הויפּטמאַן און צום צינזהאַר! צי האָט איר

נישט געהערט היינט די געשרייען פון די געליימטע און פארקריפלטע קעגן דעם שוואכן בעל? לאמיר רופן דאס פאלק צו דינען הגונ'ען, וואס וועט אונדז באשיצן פון נייע אומגליקן. ווארום אין פאלאץ ציטערט שוין דער הערשער. א מוראדיקער שונא יאגט זיך ווי א שטורעם פון מדבר אהער און קומט באַ־לאגערן אונדזער שטאט.

ביי די רייד איז אויפגעשפרונגען דער ערשטער פון די קריגסמענער, ר ק ם דער שטארקסטער שפיזן־ווארפער אין כנען. ער איז געווען וואוקסיג ווי א פעכטער פון די פריזים, מיט קורץ־געוויקלטע קנוילן האר ביזן נאקן. מיט די עלנבויגנס האט ער געקלאפט אין טיש פון די אנגעזעענע און געאכפערטע בעת זיין שווערד האט זיך אנגעשלאגן אן די מעשענע רימענס אויף די קניען. ער האט געלאכט מיט א מויל געזונטע ציין.

— א מוראדיקער שונא? — האט ער געפרעגט — ווי קען זיין מוראדיק א פאלק פון שקלאפן און ווי קען זיך יאגן ווי א שטורעם א צעשאטענע מחנה וואנדערער פון מדבר? אלע געדענקען ווי די ווילדע כותים און ארמים זענען צוויי מאל אראפגעקומען באלאגערן אונדזערע מויערן, אבער מיינע קריגסלייט די ריזן, וואס בוקן זיך נישט צו קיין געטער נאר פון דער שפיז שעפן זיי גבורה און פון דער פייל — שטארקייט, זיי האבן דעם פיינט פארלענדט צופוסנס די פעסטונגען.

דער שטאטהאר י ח צ י א ל, שטענדיק שטרענג צו די ווייכהארציקע און אייפערזיכטיק אויף די אומגלויביקע קריגסלייט, האט מיט פאראכטונג אפגע־מאסטן דעם שלאכטמאן, וואס רעדט מיט לעסטערונג צו דעם פארכטיקן מאן. אויך ער אזוי ווי דער פריסטער חור איז געווען אנטוישט אין דעם זאטן, אומ־מעכטיקן בעל און געבענקט נאך נייע העכערע כוחות, וואס זאלן באשיצן יריחו פון אן אומגעריכטן שטורעם. פון אויפרעגונג האט ער צעשיידט זיין באָרד אין צוויי חלקים און א קלימפער געטון מיט דער בראנדזענער קייט, וואס איז גע־האנגען אויף זיין האלדז.

— היט זיך פאר די געטער פון צארן! — האט ער געווארנט דעם קריגס־מאן — זייער נקמה איז גרויזאם. דגון האט געברענגט נצחונות צו די פלישתים און זיין גבורה קען שטארקן אונדזער מאכט. אן זיין קראפט וועלן דיינע שפיזן־ווארפערס צעקנאקט ווערן אונטער די שטוים־הערנער פון שונא.

דער ריכטער ח פ ר האט געלאסן זיך איינגעהארכט צו די צוויי צארנ־דיקע מענער. זיין העלע געקארבטע באָרד איז געווען זארגפעלטיק צעקעמט. זיין ווייך פנים, געשמירט מיט דופטיקע זאלבן, האט געשיינט פון גליקזעליקייט. ביזן האלבן טאג האט ער אויסגעטיילט משפטים אין הויז פון גערעכטיקייט און געוואוסט, אז זיין צייט ווערט נישט פארשוועגדט צווישן זונאויפגאנג און

זונאונטערגאַנג. דעריבער האָט קיין האָפֿט נישט אַ שטרייט אָן געהאָרכזאַמקייט צום ריכטער. ווי גלייכגילטיק ער איז געווען צו די ביטערע רייד פֿון די, וואָס געוועלטיקן אין טעמפּל און יענע, וועלכע פֿאַרגיסן זייער בלוט אין מלחמה, האָט ער תמיד געהאַט גרייט אויף די ליפּן אַ פֿאָרוואורף צו די ווידערשפּעניקע.

— גלויבן אין דער קראַפֿט פֿון געטער איז אַ שטאַרקער געטראַנק פֿאַרן גוף — האָט ער געזאָגט — און דער פּחד פֿאַר אַ העכערער מאַכט צעפֿלאַקערט די לוסט צו זיגן. אָן אונטערטעניקייט צו די אומגעזעענע כוחות וועלן מיר אַלע אַראָפּזינקען אין אָפּגרונט. אויב דער שטערבלעכער קאָן זאָגן, אַז ער פֿאַרמאָגט דעם כוח פֿון דעם אייביקן, וואָס שליידערט אַראָפּ דונערן און טראָגט אָן פֿאַרפּלייצונגען, קען דאָך די מאָגערע פּלוי זיך בלאָזן און זיך פֿאַרגלייכן צו דעם לייב.

דער קריגסמאַן האָט געקלאַפּט מיט זיין זילבערנעם פינגער־רינג אין דעם דעקל פֿון אַ וויין־קרוג.

—אויב די פּלוי קען אַרויפשפּרינגען אויפֿן בויך פֿון דעם לייב און אויסזויגן בלויז איין טראָפּן בלוט, איז זי שטאַרקער פֿון דער חיה, וואָס צערייסט אַ לעבעדיקן גוף.

זיינע שפּאָט־רייד האָבן אַרויסגערופן אַ ביטערן שמייכל אויף די ליפּן פֿון דעם שטאָטהאַר און דאָס פּנים פֿון דעם פּריסטער חור האָט געפֿלאַמט פֿון צאָרן. נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן צו ענטפֿערן דעם לעסטערער האָט רחב זיך געשטעלט פֿאַר די אַדללייט:

— געסט מיינע — האָט זי געזאָגט, — ווער פֿון אייך, אַ ריכטער צי אַ קריגסמאַן, אַ פּריסטער צי אַ צינזהאַר וויל פֿון מיין גאַסטהויז אַ טומלדיקע ווינקאַמער מאַכן? מיר האָבן דאָ מענטשן, וואָס זענען ווערט מען זאָל זיי שעצן. לאָמיר די געטער לויבן אָדער פֿאַראַכטן, אָבער לאָמיר נישט פֿאַרפֿעלן צו געניסן פֿון זייער בענטשונג. קנעכט, מער וויין! מער שפּייזן!

אַ קנעכט איז אָנגעקומען מיט אַ גרויסן בעקן געבראָטענע פֿייגל, איינגעווייקט אין זאַפֿט פֿון איילבירטן. אַ צווייטער קנעכט האָט אין אַ געפֿלאָכטענעם קויש געטראָגן אויפֿגעשניטענע גאָלדענע עפּל און הענגלעך ווייַנטרויבן, שווערע ווי צווייגן. דער קריגסמאַן רקם האָט צעקנאַקט אויף די ציין אַ גאַנצן פֿויגל מיט די ביינער, באַלעקט די ליפּן און איינגערוימט דעם ריכטער:

— פֿאַראַן איין כוח, וואָס געוועלטיקט איבער אונדז. נאָר די שיינע פֿרוי האָט מאַכט איבער די שטערבלעכע מענער. דעריבער פֿאַרבאָט איך מיינע קריגסלייט צו גיין אין די הייזער פֿון פֿאַרגעניגן איידער זיי זיגן אין מלחמה. מיר האָבן פֿריער געלויבט די אויסדערוויילטע רחב. ווייסטו, ווער עס האָט מיך געבראַכט אַהער? נישט דער דערשראָקענער פּריסטער און נישט דער באַזאָרג־

טער שטאָטהאַר. זי, רחב! איר צאַרטע קראַפט האָט מיך געצוואונגען צו פאַר־לאָזן דעם קריגס־לאַגער און קומען זיך זעצן נעבן אייך. הור איז אַ פּאַרכטיקער מאַן. ער ציטערט פאַרן ים און ווערט פאַרגליווערט פון די בליצן. אויב אָבער ער וועט לייקענען, אַז די פרוי איז שטאַרקער פון אַלע געטער, וועט ער שפּעטער דערטרונקען ווערן אין זיין אייגענעם וואַנזין אָדער פאַרברענט ווערן אין דעם שיין פון איר פייער.

דער ריכטער האָט אים באַטראַכט מיט אַ דולן בליק, אָבער דער הויפּטמאַן האָט שוין געהאַט אַראָפּגעכאַפּט אַ קרוג וויין פון טיש און צוגעאײַלט צו רחב׳ן, וואָס האָט געקוקט מיט באַוואונדערונג אויף זיין האַרטן נאַקן און שטאַרקע אָרעמס. ער איז גרויזאַם אין זיין מענלעכקייט און געפערלעך ווי דער שפּיץ פון אַ וואורף־שפּיז — האָט זי געטראַכט — און צוגעטראָגן איר בעכער צו זיינע ליפּן.

— טרינק!

און ווי רקם האָט לאַכנדיק איינגענעצט דאָס מויל אין דעם וויין, האָט אַ יונגער הויפּטמאַן, ח צ י ר, זיך אַרויסגעהויבן פון אונטער דעם פּורפּורנעם באַדעקנס, ער האָט פון פרייד צעעפנט זיין געפּאַנצערטן לייבגאַרטל און אַראָפּ־געכאַפּט פון קאָפּ דעם קופּערנעם קיווער.

— רקם דער אויסדערוויילטער! — האָט ער געשריען — נישט מיט דער שווערד, נאָר מיט דיין פלינקער צונג האָסטו געוואונען די האַרינטע פון דעם הויז. ווען וועסטו זי אַריינפירן אין דיין קאַמער?

— וועמען? — האָט רקם געפרעגט.

— רחב׳ן! ציַ האָסטו פאַרגעסן, אַז ווען אַ גאַסטביטעריין גיט צו טרינקען אַ קריגסמאַן, פאַרבעט זי אים צו איר געלעגער?

די רייד זענען קוים אַראָפּ פון זיינע ליפּן ווי דער דערצאָרנטער שטאָטהאַר איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָנלען־בעט, אַרויסגעכאַפּט אַ קורצן וואורף־מעסער פון זיין בויך־רימען און אָנשפּאַרנדיק זיין פוס קעגן דעם עק פון טיש, האָט ער דאָס וואָפן אַ שליידער געטון אויף דעם הויפּטמאַן, וועלכער האָט געוואָגט צו ריידן פרעך ביים טיש פון זיין שפּייזערין. דאָס מעסער האָט דורכגעשטאָכן חציר׳ס אָרעם און אַ שטראָם בלוט האָט אַ פּלייץ געטון איבערן לייבגאַרטל.

רקם האָט גיך אַרויסגעצויגן דאָס מעסער פון זיין פריינטס וואונד, דערנאָך האָט ער מיט ביידע אָרעמס אויפגעהויבן דעם טיש פון די אַדלליים און ער האָט זיך געטראָגן ווי אַ מעכטיקער באַרג אַקעגן דעם שטאָטהאַר, וועלכער האָט אין זיין שרעק געזוכט אַ באַהעלטעניש אונטער אַ פייגנבוים. מיט אַרויסגעצויגענע שווערדן האָבן די היציקע קריגסלייט זיך געשטעלט הינטער רקמ׳ען, גרייט אָנצוהויבן אַ שלאַכט.

די צעטומלטע קנעכט זענען זיך צעלאָפן. חגית, די דינסט, האָט מיט אויסגעשטרעקטע הענט געבעטן איר האַרינטע זי זאָל זיך שיצן אין קיך. אָבער רחב האָט אַן אומדערשראָקענע אָפּגעשטויסן די אויפגערעגטע קריגסלייט, צוריקגערופן צום טיש די דריי אָנגעזעענע מענער און מיט פאָרוואורף געפרעגט:

— צי זייט איר אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרנומענער שטאָט פון שונא אָדער ווי פרידלעכע געסט זייט איר געקומען אין מיין גאָרטן? אייערע שווערדן, וואָס איר מוזט האַלטן גרייט קעגן די פיינט, ווע‌לן באַלד רויט ווערן פון אייער אייגן בלוט. צוריק אויף אייערע ערטער, ערנהאַפטיקע פון יריחו! אויב פאַר מיין ערע האָט איר זיך אָנגענומען, פאַרלאַנג איך: צוריק אויף אייערע ערטער, אָנגעזעענע פון יריחו! און איר היציקע וואַפנטרעגערס, באַרואיקט אייך! איר, וואָס מיט אייערע שפּיזן און פאַנצערס דאַרפט איר שיצן אונדזער לעבן.

און ווי חגית האָט מיט שטיקער ליינענטוך פאַרבונדן די וואונד ביים הויפּטמאַן און די קנעכט האָבן צורעכט געמאַכט דעם טיש מיט די שפּייזן, האָט דער פּריסטער גערופן די געסט זיי זאָלן זיך צוריקזעצן אויף זייערע ערטער. ער, וואָס האָט ערשט אַליין געברענט פון צאָרן, איז אַצינד געווען אין געמיט צו באַרואיקן אַנדערע. ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז דער מאָלצייט זאָל צעשטערט ווערן.

— דער שטרייט דאָ ביים טיש לערנט אונדז, אַז דער מידער בעל האָט נישט געקענט אַרויסרייסן פון די הערצער פון די אומגלויביקע די שנאה צו אַליץ, וואָס איז ערנהאַפטיק — האָט ער געזאָגט. — מאָרגן וועט דער אַלטער בעל פאַרשוועכט ווערן, ווייל אויף מיין רוף וועט דאָס פאָלק קומען קניען צו דגון, וועלכער וועט געבן די דערשראָקענע אַ לעבן פריי פון פחד.

ב

רקם איז נאָך נישט געווען באַרואיקט. דער קריגסמאַן, וועלכער האָט פאַרלייקנט אַלע היילי‌גטימער, האָט געקענט די הינטערליסטיקייט פון די פּריסטערס און געוואוסט, אַז חור האָט אַריינגעברענגט אין טעמפּל אַ נייעם געץ, ווייל צוליב דעם אַלטן גאָט האָט ער פאַרלוירן זיין מאַכט ביי די יונגע פּריסטערס און אין נאָמען פון דעם נייעם אָפּגאָט וועט ער פאַרלאַנגען מער זילבער־שטיקער פאַר די שלאַכטאָפּפערס.

— ווי קען זיין אַ לעבן אָן פחד? — האָט ער מיט שפּאָט געפרעגט — דער המון מוז שטענדיק באַהערשט ווערן פון פחד. אויב די געטער קענען נישט אָנוואַרפן אַ מורא אויף די שטערבלעכע, ווער דאַרף זיי? אַלע געטער זענען

שטום און אומבאַהאָלפן, די גרויזאַמע און די באַרמהאַרציקע. נאָר דער קעניג און דער שלאַכטמאַן קאָנען האַלטן אונטערטעניק דאָס פאָלק.

דער ריכטער חפר האָט געלאַסן צענומען זיינע הענט און געזאָגט:

— ווער קען לייקענען דעם סוד, אַז בעל איז פאַרהאַסט ביים פאָלק? די שלאַכטאָפּפערס מאַכן אים נישט זאַט און דאָס בלוט, וואָס שפּריצט אויפן מזבח, קען נישט שטילן זיין דאָרשט. ער פרעסט לעבעדיקע קינדער און פאַר די, וואָס באַוויינען די קרבנות, האָט ער נישט קיין טרייסט. אויב דגון קען אונדז אַרויסנעמען פון דער טונקלקייט צו דעם אָפענעם ליכט פון דער זון, אויב ער קען אונדז אַרויספירן פון די וואָלקנס ווייררויך צו די אַנגענעמע ריחות פון די בלומען און געוויקסן וואָס שפּראָצן פון דער ערד, לאָמיר אים אָננעמען!

חור איז אַריין אין התפעלות.

— דגון וועט זיך דערהויבן ווי אַ באַרמהאַרציקער פאָטער איבער אונדז! — האָט ער אויסגערופן — ער וועט פאַר אונדז אַנטפּלעקן דאָס פאַרבאָרגענע, וואָס איז מער ווערט פון רייכטום און פון ערדישע פאַרגעניגנס.

און חור איז שוין גרייט געווען צו פאָדערן, אַז די קריגסלייט פון פאַלאַץ זאָלן ביינאַכט באַפאַלן אַלע טעמפּלען אין לאַנד און צעהאַקן אויף שטויב די אָפּבילדער פון בעל און די איבערקערעניש זאָל געשען ווי אויפן באַפעל פון דעם גאָלדענעם הויז, אָן בלוטפאַרגיסונג צווישן פאָלק. אָבער רקם האָט מיט גרינג־שעצונג געשריען:

— מיט אייערע אייגענע מיילער האָט איר אָקאָרשט באַוויזן, אַז די געטער זענען אומנוצלעך. כ'שווער ביי מיין פאַנצער! אויף דעם ערשטן צייכן פון מיין האַר, דעם קעניג צוען, וואָלט איך נאָך היינט אַריינגעשיקט אין די טעמפּלען מיינע געטרייע מיט העק און בראַנדהעלצער, זיי זאָלן אונטערצינדן די אָפּבילדער פון האָלץ און צעהאַקן די געצן פון שטיין. אָבער דער הערשער אַליין איז בלינד און ער וויל זיך נישט שיידן מיט די טונקעלע וועלטן. ער האָט מער ליב די נאַכט ווי דעם טאָג און דער פלאַם פונעם פאַקל שיינט פאַר אים העלער ווי דאָס ליכט פון דער זון. כ'שווער ביי די דונערן און בליצן! די קאַלטע דענקמעלער זענען אַן אומגליק, ווייל זיי פאַרפּרירן די הערצער פון די אומדערשראָקענע. גיט מיר טויזנט קריגסלייט פון בלוט און פלייש! גיט מיר איין ריז מיט אָרעמס ווי פליגלען און מיט אַ מויל ווי אַ פייער־שפּייענדיקער באַרג און איך וועל אַוועקלייגן אין שטויב אַלע פיינט, וואָס וועלן קומען באַלאַגערן יריחו!

ביי די רייד האָבן ביי רחב'ן אויפגעלויכטן די אויגן ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן אַ ווייטן, גליקלעכן טאָג. זי האָט געזאָגט:

— עס האָט זיך באַוויזן אַזאַ ריז אין מיין גאַסטהויז, אָבער ער איז פאַר־

שוואונדן. גומר האָט ער געהייסן. ער איז געווען מעכטיק אָבער אומגליקלעך. זיין וואוינאָרט האָט געקענט זיין אין פּאַלאַץ, אָבער ער האָט אויסגעקליבן אַ לעבן פון אַ וואַנדערער. קיינער האָט נישט געהערט פון זיין אָפּשטאַם, אָבער ער אַליין האָט פאַר מיר אויסגעגעבן דעם סוד, אַז ער איז אַ זון פון אַ שקלאַפן־פאָלק. ווער פון אייך געדענקט אַזאַ ריז?

רקם איז אויפגעשפרונגען און אַ צעפלאַמטער זיך געפּאַטשט אין די האַנטפלאַכן.

— גומר דער ריז! — האָט ער אויסגעשריען — ווי אַזוי זאָל איך אים נישט געדענקען? ער האָט פיינט געהאַט די שטערנזעער און צויבערשפרעכער, אָבער אין די וואונדערצייכנס פון זיינע אָרעמס האָט ער געגלויבט. ער אַליין איז איינמאָל אַרויס צעברעכן די געטער פון שטיין און בראָנז און די פּריסטערס זענען פאַר אים אַנטלאָפן אין פּחד. איך האָב אים ליב געקראָגן, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער לעסטערער אין כנען. איך גלויב נישט, אַז ער שטאַמט פון דעם שקלאַפן־פאָלק. ווי קען אַזאַ איינער זיין אַ זון פון די עברים? וואו איז ער, דער גיבור? ווער האָט אים פאַרטריבן פון גבעון און פון יריחו? ווען איך זאָל אים היינט שטעלן אין שפּיץ פון מיין חייל, וואָלט ער פאַר מיר איינגענומען די וועלט!

די פרייד ביי רקמ'ען האָט באַלד זיך געלאָשן און ער האָט מיט באַדויערונג געערדט:

— איך האָב אים אויפגעהויבן פון שטויב און אים געלערנט צו ראַנגלען זיך מיט חיות. איך האָב אים באַקליידט און געשפּייזט און געגעבן אים פּרויען צום ערשטן מאָל. אָבער ער האָט מיר באַצאָלט מיט באַטרוג און איז אַנטלאָפן זיך שלאָגן פאַר די אונטערדריקטע אין דער פרעמד. און צוליב וואָס? פאַר אַ נאַרישער זאַך, וואָס ער רופט: פרייהייט פאַר קנעכט!

חור האָט אַ צערודערטער זיך אויפגעהויבן פון זיין אויסגעבעטן זיצאָרט.

— לעבט ער נאָך, גומר? — האָט ער געפרעגט — איך האָב געהערט פון זיינע אכזריותן ביי דעם שקלאַפן־אויפשטאַנד אין עי. ער האָט אונטערגעצונדן דריי טעמפּלען און געשענדעט די לייבער פון די געשאָכטענע פּריסטערס. די אַנטלאָפענע וועכטערס האָבן דערציילט, אַז ער וואַנדערט איבער ווייטע לענדער נקמה צו נעמען פאַר זיינע ברידער די עברים. אַן עברי צי אַן עמוני, ווער ער זאָל נישט זיין, טאָר זיין געדעכעניש נישט דערמאָנט ווערן. איך בין זיך מודה, אַז איך שרעק זיך פאַר אים. זיין נאָמען מוז פאַרגעסן ווערן. זיינע גבורות, זיינע מפּלות און אפילו זיין טויט זאָלן אויסגעמעקט ווערן פון אונדזערע מוחות. וואָרום אויב עס זאָל נאָר בלייבן אַ שפּור פון זיינע נצחונות, וועט

אונדזער לאַנד אונטערגיין נאָך איידער דער פיינט וועט קומען לאַגערן אויף יריחו.

רחב האָט טראַציק געקוקט אויף דעם דערשראָקענעם פּריסטער, וועלכער האָט געציטערט פאַר איינעם וואָס האָט געמאַכט פאַרכטן די שטאַרקע. אַ באַגער זיך צו רייצן מיט די באַהאַלטענע פיינט פון פּאַלאַץ האָט אין איר אויפגעוואַכט, אָבער די דערמאָנונג פון גומר'ן האָט אויך אַרויסגערופן בענקשאַפט.

— און איך האָב אים ליב געהאַט אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט פריי־הייט — האָט זי אַ פאַרטרוימטע געזאָגט — זיין האַנט האָט מיך קיינמאָל נישט באַרירט, אָבער איך בין גרייט געווען אים צו קושן אויף די ליפּן, וואָס האָבן געהאַט דעם ריח פון שטאַרקן וויין. זיינע גרויזאַמע רייד קענען אַנצונדן דאָס האַרץ פון יעדער צאַרטער פרוי. ער האָט געהאַט אַ ברענענדיקן באַגער אַראָפּצונעמען די קייטן פון געפאַנגענע, אַ פאַרלאַנג אויפצוהויבן פון שטויב געפאַלענע. דאָס איז אַ געשאַנק, וואָס קיין מאַן אויף דער ערד קען נישט אַוועקנעמען פון אים, אפילו נישט יענע, וועלכע האָבן אים אַמאָל פאַר אַ שקלאַף געמאַכט.

צווישן די, וואָס האָבן זיך דערמאָנט אָן דעם ריז, איז אויך געווען דער ריכטער חפר. ער האָט געדענקט ווי גומר איז ווי אַ שטורעמווינט פון מדבר אַרומגעלאָפן איבער די מערק פון יריחו. אויך ער האָט באַוואונדערט דעם מעכטיקן מאַן, וואָס פאַראַכט די האַרן. דער מעסטשטאַק פון דין מוז שטענדיק זיין אין די הענט פון דעם ריכטער, וואָס טיילט אויס גערעכטיקייט צום האַר און צום קנעכט. ער האָט פאַרצויגן די ברעמען און אויף זיין קלאָרן שטערן זענען אויפגעלאָפן געציילטע קנייטשן ווי ס'לויפן אָן שיטערע וואָלקענדלעך אויף אַ ריינעם הימל.

— דער אמת איז ביטער — האָט ער געזאָגט — און איך האָב זיך גע־לערנט נוצן דעם אמת ביים פאַרשטיין די שולדיקע און די גערעכטע. די גע־פאַנגענע, וואָס געדענקען גומר'ן פון בית חורון, האָבן דערציילט, אַז זיין נאָמען איז געווען ווי אַ טרומייטן־שאַל אין די העלדזער פון די טויזנטער, וואָס ער האָט גערופן צום אויפשטאַנד. פאַר מיר איז ער געבליבן אַ רעטעניש. נישט קיין שונא, נישט קיין פריינט. ווער קען מיר זאָגן וועלכער כוח האָט אים אויפגעהויבן איבער די קעפּ פון המון, אַז ער האָט מיט די נאַקעטע אָרעמס געמאַכט ציטערן די באַדריקערס? פאַרוואָס זענען זיינע געטרייע געשטאָרבן פאַר אים? מען האָט דערציילט, אַז צו די געשלאָגענע קנעכט איז זיין נאָמען געווען דער לעצטער קלאַנג, וואָס זיי האָבן געהערט פאַרן אויסגיין.

יחציאל, דער שטאָטהאַר, האָט פון כעס אַ רוק געגעבן פון זיך די שווערע קרוג, אַז דער שוימיקער וויין האָט זיך איבערגעגאָסן.

— צי זענען מיר געקומען דאַ אהער צו לויבן דעם כוח פון אַ ווידער־שפּעניקן שקלאַף, וואָס צו אים בוקט זיך אַ בלינדער המון? קיינער פון אונדז האָט נישט פיינט דעם המון. איך אַליין פיר אַרויס אין די פייערטעג די איינ־וואוינער צום טויער פון פּאַלאַץ, אָבער איך ווייס, אַז זיי זענען אומוויסנדיק, גרייט ווי שאָף נאָכצוגיין יעדן אַרומשלעפּער. ווען איך האָב געגעבן אַ פּאָר מאַלצייטן פאַר דעם פאָלק פון די נידעריקע גאַסן, האָבן די שטאָלצע פירשטן זיך באַקלאָגט, אַז איך האָב איבערגעגעבן די הערשאַפט צום נארישן המון. אָבער איך טאָר נישט לייקענען אין דעם כוח פון די אומוויסנדיקע. ווי דער האַר פון דער דאָזיקער שטאָט האָב איך געלערנט איינס: אַז יריחו איז דער המון און דער המון איז מאַכט. און דענסטמאָל ווען די דאָזיקע מאַכט וועט אַרויסגעפירט ווערן אויף דער מויער, אפילו אקעגן דעם ריז גומר און זיין שקלאַפן־פאָלק, וועט יריחו בלייבן געשווינט.

דער יונגער הויפּטמאַן חציר האָט פאַרגעסן אָן דער וואונד אויף זיין אָרעם. מיט וואַקלדיקע טריט האָט ער זיך דערנענטערט צום טיש פון די עלטסטע. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגלייזלט ווי ער וואָלט געווען באַ־רוישט פון ווייַן.

— פירט מיך צו גומר'ן און איך וועל קושן זיינע פיס — האָט ער גע־זאָגט, — מיין פאָטער איז געווען אַ שקלאַף ביי די פריזים און גומר האָט אים פריי געמאַכט. איך בין געווען אַ יינגל און ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מאַן. ער האָט מיך געלערנט, אַז אַ שקלאַף קאָן לעבן, פעכטן און שטאַרבן העלדישער פון יעדן קריגסמאַן אין אַ פאַנצער. ווען איך וואָלט אים היינט ווידער געזען אַ געפאַנגענעם, וואָלט איך נישט דערלאָזט אַז די חיות־פעכטערס זאָלן אים טויטן. איך אַליין וואָלט געשטאָרבן אָנשטאָט אים.

רקם האָט אַריינגענומען חציר'ן אין זיינע אָרעמס און אויסגערופן:

— לאָמיר אויפזוכן דעם פאַרלוירענעם ריז און אים ברענגען ווי אַ פעלד־האַר אין אונדזער לאַגער. אין בית און האָב איך געהערט, אַז ער האָט איינגעזאַמלט די בעסטע מחנה קריגסלייט הינטער גבעון. אויב זיי וועלן באַזיגן אונדזערע ערשטע הונדערט שווערדן־פעכטערס, וועל איך פאַרלאַנגען פון קעניג ער זאָל אָפּשטעלן דאָס געיעג נאָך אים און אויסרופן פרייהייט פאַר אים און זיינע געטרייע איבערן גאַנצן לאַנד. איך וויל בעסער ער זאָל זיך שלאָגן פאַר יריחו, אָנשטאָט קעגן איר.

ווי רקם האָט גערעדט מיט התפעלות וועגן דעם פאַרשוואונדענעם ריז, האָט רחב געלאָזן אַריינגעפירט אין גאָרטן כלב'ן און פנחס'ן. די צוויי אויס־שפּירערס האָבן באַהאַלטענערהייט אַרויסגעקוקט דורך אַן עפענונג פון דער

אויבערשטער מויער און דאָס וואָס זיי האָבן געהערט פון די שטאָט־עלטסטע, האָט געשטאַרקט זייערע הערצער. זיי זענען געווען אַנגעטון אין רייכע, אויס־געניייטע מאַנטלען מיט רויטע קאַפּטיכער. זייערע בערד זענען געווען געקאַרבט און געזאַלבט לויטן שטייגער פון די זייד־הענדלערס אין צידון. רחב האָט דרייסט זיי דערנענטערט צו די געסט.

— צוויי אָנגעזעענע הענדלערס האָב איך אייך געבראַכט — האָט זי פריילעך געזאָגט — זיי זענען אַריינגעקומען אין שטאָט מיט זיידענע געוואַנדן און טעפּיכער פון וועבאַרבעט. לאָמיר באַגריסן די, וועלכע וועלן בלייבן אַזוי געאַכפּערט אין יריחו ווי זיי זענען אין זייער לאַנד צידון.

דער עלטסטער פּריסטער האָט מיט צעטומלטע אויגן זיך איבערגעקוקט מיט דעם ריכטער. אָבער דער שטאָטהאַר האָט רואיק באַטראַכט די פרעמדע און געזאָגט:

— אויב זיי זענען געקומען ווי אומגעריכטע געסט, לאָמיר זיי אויסזעצן אין אויבן־אָן און זאָלן זיי דערציילן וואָס ס'איז זיך פאַרלאָפן אויף זייער וועג.

— צו שפּעט, יחציאל — האָט רחב געלאַכט — צום צינזהאַר מרון זענען זיי אַצינד געקומען צאָלן די צינזן פאַר זייערע סחורות.

זי האָט אָנגעשטעלט אירע לאַכנדיקע אויגן אויף די שטאָט־עלטסטע און ווידער געזאָגט:

— ווי געטריי מוזן זיין די הענדלערס, וואָס אַנטלויפן נישט פון דעם צינזהאַר, נאָר גייען אַרויס אים זוכן ביי פרעמדע מאַלציייטן.

מרון האָט אויפגעציטערט דערזעענדיק די פאַרשטעלטע אויסקוקערס פון ישראל. ער האָט דערקענט די צוויי טעפּערס, וואָס זיי האָט ער היינט געוואָלט פאַרטרייבן פון מאַרק. ווי גרויזאַם איז רחב אין איר באַטרוג! — האָט ער געטראַכט — די, וועמען ער האָט געקענט פאַרניכטן, וועלן אים אומברענגען. און ער אַליין וועט זיי דאַרפן באַלד פירן אויסשפּירן די פעסטונגען! דאָס בלוט האָט אין אים אויפגעזאָטן. ער האָט געוואָלט זיך אַ הויב טון פון אָרט און אויסשרייען צו די שטאָט־עלטסטע, אַז נאָך היינטיקע נאַכט וועט יריחו פאַר־ראַטן ווערן. אָבער זיין ווידערשטאַנד איז געווען ווי ביי אַ געבונדענער חיה. רחב, וואָס האָט געקענט דעם פּחד פון די געפּאַלענע, האָט נישט פאַרשפּעטיקט צו דערשטיקן זיין אויפגעוואַכטע דרייסטקייט. זי האָט זיך דערנענטערט צו אים און אים געבריט מיט די בליקן. דאָס בלויע פייער אין אירע אויגן האָט פאַר־ברענט זיין ווידערשטאַנד.

— איז דער צינזהאַר פון יריחו גרייט אויפצונעמען די זילבערשטיקער פאַר זיין קעניג? — האָט זי לאַכנדיק געפרעגט און אַ צייכן געגעבן ער זאָל איר נאָכגיין צו דער אויבערשטער קאַמער.

אויף דער העכסטער טרעפּ האָט רחב געהייסן די פאַרשטעלטע הענדלערס וואַרטן. אַליין איז זי אַריין מיט דעם צינזהאַר אין דער פאָדערשטער קאַמער. עס האָבן דאָרט געברענט אייללאַמפּן אויף די ווענט און פון א ווייררויך־פאַן זענען אויפגעגאַנגען דופטיקע ריחות, אָבער ביי מרונ׳ען איז געווען פינסטער אין האַרץ.

— איך האָב זיי דערקענט — האָט ער ביטער געפליסטערט — זיי זענען היינט געזעסן ווי פאַרשטעלטע טעפּערס אין מאַרק.

— אַצינד זענען זיי געאַכפּערטע הענדלערס פון צידון. און דו וועסט טון מיט זיי ווי דו האָסט צוגעזאָגט.

מרון האָט געקוקט אויף איר מיט בעטנדיקע אויגן. רחב׳ס רייד זענען געווען באַפעלעריש:

— פיר זיי אַוועק צו די הויפּטלייט פון די פעסטונגען נאָך פאַר זונ־אונטערגאַנג!

— באַפריי מיך פון מיין צוזאָג — האָט זיין קול געציטערט — אויב די שטאָט־עלטסטע וועלן זיין עדות פון מיין באַטרוג, איז היינט דער טאָג פון מיין אונטערגאַנג. איך קען נישט פאָלגן.

רחב׳ס ליפּן זענען געווען שטרענג:

— דו וועסט פאָלגן, מרון, ווי א געהאָרכזאַמער קנעכט.

באַהאַלטענע כוחות האָבן פּלוצים אין אים זיך געוועקט. ער האָט מער נישט געקענט צוימען זיין ווידערשפּעניקייט.

— ביים קעניג בין איך נאָך נישט פאַרמשפּט! — האָט ער זיך געוועדט — און איך קען קריגן שוץ אין פּאַלאַץ.

— ווער וועט באַשיצן א רויבער פון קעניגס שאַצקאַמער?

— איך בין נאָך גענוג שטאַרק צו בעטן גנאָד.

— עס איז נישט געבליבן אין דיר צומאָל גענוג אָטעם אויסצובלאָזן א ליכט.

מרונ׳ס ווידערשטאַנד איז געווען אויסגעלאָשן. פון רחב׳ן האָט זיך אָפּגעטון די פריערדיקע צאַרטקייט און געוועלטיקט האָט אַצינד אַן אכזריות. וואָס קומט פון אומזיכערקייט ביי יענע, וועלכע פעכטן דאָס לעצטע געפעכט. ווי א צערייצטע טיגערין האָט זי געהאַלטן די נעגל איבער איר קרבן. זי האָט צומאָל נישט געדאַרפט אָנווענדן אויף אים דעם כוח פון לוסט און נישט פאַר־שווענדן די שיינקייט פון איר לייב. נישט פאַר דעם געשלאָגענעם מרון וועט זי דערנידעריקן איר שטאָלץ. זי האָט נאָכגעקוקט ווי דער צינזהאַר איז מיט וואַקלדיקע טריט אַרויס פון דער קאַמער און גערופן הינטער זיך די אויסשפּירערס.

ג

פון גאָרטן האָבן זיך פאַרטראָגן די קולות פון די באַרוישטע געסט. די קרוגן וויין זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. די קנעכט האָבן געברענגט מער פליישן, מער פרוכטן. די פרייד־אויסרופן זענען געוואָרן הילכיקער און די שטרייטיקייטן געלאַסענער. און פאַר רחב׳ן איז דאָס געווען אַ צייכן, אַז ביי די זאַטע שטאָט־עלטסטע און באַזויפּענע קריגסלייט איז אויסגערונען דער כעס און זיי וואַרטן אומגעדולדיק אויף די טענצערינס און פלייטן.

זי האָט אַ מונטערע געעפנט די קאַמער אַרויסצוגיין און איז באַלד אַ פאַרציטערטע אָפּגעטראָטן. אויף יענער זייט טיר איז געשטאַנען דער ריכטער חפר. ער איז אַצינד נישט געווען אַזוי ערנהאַפטיק ווי אין הויז פון גערעכטיקייט, נאָר זיך געוואַקלט ווי אַ באַזויפענער יונג. זיין פּנים האָט געפלאַמט פון וויין, אָבער זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף רחב׳ן מיט דער קלוגשאַפט פון די, פאַר וועמען עס זענען נישט פאַרבאָרגן די סודות פון הימל און ערד.

— חפר, דער ריכטער! — האָט זי אויסגערופן — וואָס זוכט דער ערנהאַפטיקער אין מיין קאַמער?

זיין געשטאַלט האָט זיך אונטערגעוויגט. זיינע פייכטע ליפּן האָבן געלאַכט.

— זאָל עס נישט פאַרדריסן מיין גאַסטגיטערין — האָט ער זיך אָנגערופן — אָבער מיין צונג וועט אַצינד זיין אַזוי ערלעך ווי אויף דער באַנק פון משפט. אַ גרויסע סכנה איז אונטערצוקויפן דעם צינזהאַר, ווען דעם קעניגס געטרייע זיצן ביי איר טיש. דערצו זענען די אויערן פון קנעכט און וועכטערס אָפן הינטער יעדער וואַנט.

אַ בלייכע האָט רחב זיך אַ בויג געטון צו אים און געפּליסטערט:

— צי איז דער ריכטער מיר נאָכגעגאַנגען ביז אַהער מיך צו פאַרשעמען?

— איך האָב געזען ווי מרון זיצט ביים טיש אָפּגעגאָסן פון אַנגסטן און איך האָב צו זיך געזאָגט: ער איז צו שוואַך צו ווידערשפּעניקן דיין ווילן און צו דערשראָקן צו באַגיין דעם באַטרוג.

און אויף דעם ריכטערס לאַכנדיקע ליפּן האָבן זיך באַוויזן בלעזלעך שוים.

רחב האָט געוואָלט זיך שטאַרקן, אָבער דאָס בלוט אין יעדן אָדער האָט ביי איר געפרירט. נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו דערשטיקן איר פּחד, האָט חפר געלאָזן זיך אָנגערופן:

— דאָס, וואָס איך האָב היינט זיך דערוואוסט, וועט פאַרגעסן ווערן. קיינער אין פּאַלאַץ וועט דעם סוד נישט הערן פון מיינע ליפּן — און ער האָט צוגעלייגט אַ פּויסט צום האַרצן — אַ גנעדיקער ריכטער איז חפר!

רחב האָט אויסגעשריען:

— פאַרדאַרבן ביזטו אין דיין גנעדיקייט! ווי דערוועגסטו זיך אַזוי צו ריידן צו מיר?

אָבער דער אויסדערוויילטער, וואָס האָט געהאַלטן דעם מעסטשטאָק פון דין און שטראָף אין זיין האַנט, איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אָן מורא ווי אַ שטיינערנער געץ. אין איין אויגנבליק האָט רחב געהאַט אַ פאַרלאַנג אויסצו־ברעכן אין אַ געוויין. אָבער אירע טיפע אַנגסטן האָבן אויפגעוועקט אַ שנאה, וואָס קומט פון פאַרצווייפלונג. דער האַס האָט געגליט אונטער אירע דינע וויעס. זי האָט געקוקט אויף אים מיט ווידערווילן. מיטאַמאָל האָט זי אים אַ צי געטון פאַר דער האַנט און אים אַריינגעפירט אין דער קאַמער. פון אונטער דער ווייערויך־פאַן האָט זי אויפגעהויבן אַ קליינע פערלמוטערנע וואַזע. זי האָט געגאָסן דופטיקע טראָפּנס אויף די פינגער און באַנעצט אירע אויערן־לעפּעלעך. אַ שאַרפער ריח פון נאַרד ווי אַן אַנגענעמער ווינט האָט אויף אים אַ בלאָז געטון. זי איז ווידער געוואָרן פול מיט לוסט.

— דו ביזט געקומען צו מיר מיט די באַגערן פון אַלע אָנגעזעענע מענער — האָט זי געלאַכט — דיין וואָרנונג איז געווען אַן אויסרייד צו עפענען מיין קאַמער. אַצינד ביזטו אַליין מיט מיר.

חפר האָט נישט אָנגעוואָרן זיין שטאַרקייט.

— איך בין געקומען דיך פאַרהיטן פון אַ געפאַר — האָט ער געזאָגט — מיין צונג וועט זיין פאַלש, אויב איך וועל לייקענען אַז דיין שיינקייט האָט אָנגעצונדן מיין בלוט. דיין לייב קען מאַכן ציטערן אַן אָפּבילד פון שטיין. אָבער גלויב מיר, פאַרפירטע רחב. נאָר וואָרענען דיך בין איך געקומען.

זי האָט אים נישט געגלויבט. זי האָט אויסגעשפּרייט אירע אָרעמס. איר קערפּער האָט זיך אַ וויג געטון מיט דעם געטרייסל פון טאַנצענדיקע היפּטן. הינטער דעם פורפורנעם אויבערמאַנטל האָט איר געפורעמט לייב אויפגעצי־טערט. זי האָט אים לייכט געצויגן צו זיך.

— בלייב מיט מיר, ריכטער — האָט זי געפליסטערט — דיין לוסט וועט אַזוי ברענען, אַז דו וועסט וועלן שטאַרבן אין מיינע אָרעמס.

חפר האָט זיך באַפרייט פון אירע הענט. ער האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט קילע בליקן און לאַנגזאַם אָפּגעטראָטן צו דער טיר. די באַזיגטע רחב האָט גע־וואָלט זיך וואַרפן אויף אים ווי אַ לעמפּערט. לוסט און צאַרטקייט זענען פאַר־שוואונדן. פון מילדקייט איז געוואָרן צאָרן. אויפן אָרט פון ניכטערקייט איז געקומען וואַנזין. מוז זי דען אויס פּחד אַזוי פיל אָנבאָטן דעם מאַן, וועלכער פאַרדינט בלויז פאַראַכטונג? צי מוז זי דען באַגראָבן איר שטאָלץ, אַנידער־קניען פאַר אים ווי אַ בעטלערין און קריגן באַצאָלט מיט חרפּה?

— צי ביזטו א מאַן פון פלייש? צי רינט דען נישט קיין בלוט אין דיין לייב? — האָט זי מיט שפּאָט געפרעגט.

זי האָט אים נאָכגעקוקט ווי ער האָט אַן אויסגעגלייכטער אַריבערגע־שפּרייזט די קאַמער־שוועל. די פּריסטערס פון ע״י זענען יעוונוכן — האָט זי זיך דערמאָנט, — די שטאָטהאַרן פון גבעון זענען מידע זקנים, אָבער אַלע ווילן זיי עסן דעם סאָט מיט דעם האָניק. זייער לוסט דרימלט, אָבער זייערע הערצער זענען וואַך. נאָר שטאַרקער ווין קען באַרווישן די דערשטיקטע ליבשאַפט פון די קאַלטע מענער. זאָל זי חפר׳ן אַראָפּפירן אין גאָרטן און אים אַנטרינקען? אירע נעגל זענען נאָך געווען שאַרף, אָבער אויף דער צונג זענען אויסגעגאַנגען אַלע פלוך־ווערטער. א באַגער צו ווײַנען האָט מיטאַמאָל פאַרטריבן אין רחב׳ן די לוסט צו נעמען מיט כוח דאָס, וואָס ווערט איר נישט געגעבן גערנוויליק דורך די אָפּגעשוואַכטע.

זי האָט אים נישט פאַרהאַלטן ווען ער איז אַרונטער פון די טרעפּן אין גאָרטן אַריין. פון דער אָפענער קאַמער־טיר האָט זי אַראָפּגעקוקט. די זון האָט זיך געלאָשן אין ווייטן הימל־אויסבויג צו מערב און דאָס ליכט פון טאָג איז אויסגערונען צווישן די צווייגן פון די פייגנביימער. חגית, די דינסט, האָט גערופן דעם שטאַל־יונג, ער זאָל אָנצינדן די אייל־לאָמפּן און שטורקאַצן. דאָס פייער פון דעם ערשטן פאַקל האָט באַלויכטן די פאַרפלאָמטע פנימער פון די באַרוישטע שטאָטהאַרן און באַזויפענע קריגסמענער, וואָס זענען געשפּרונגען צווישן די ביימער ווי אויפגערעגטע יעגערס.

פון צווישן די זיילן פון אונטערשטן גאָרטן־הויז זענען אַרויסגעלאָפן צוויי מיידלעך אין געוואַנדן פון הייליקע בתולות און געטראָגן אויף די קעפ קוישן מיט שמעקעדיקע צווייגן. זייערע טאַנצנדיקע טריט זענען באַגלייט געוואָרן פון קלאַנגען פון א פלייט. ווי נאָר זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די קוישן אויפן טיש מיט שפּייזן, איז די פלייט אַנטשוויגן געוואָרן.

רחב איז אַראָפּ אין גאָרטן און זיך אַריינגעזעצט אין אַן אָנלען־בעט פאַר די זיילן. די שאָטנס פון דער נאַכט האָבן איינגעהילט דעם באַשאַף. דאָס ליכט אין די אייל־לאָמפּן האָט געברענט מיט די דופטן פון מירע. מרון איז אַוועק מיט די אויסקוקערס צו די פעסטונגען, אָבער דער סוד, וואָס איז געווען פאַר־באָרגן אין איר פלאַטערדיק האַרץ, איז אַצינד געווען אַנטפּלעקט פאַר דעם ריכטער. וועלכער כוח קען פאַרוויגן דעם מאַן, וואָס האָט אויגן פון א שעפּס און איז גוואַכזאַם ווי א פוקס? זי האָט געזען ווי רקם האָט אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמסביידע מיידלעך און אויסגעגאָסן אויף זייערע נאַקנס א פולע קרוג ווין. דער ריכטער האָט א פאַרטראַכטער געקעמט מיט די פינגער די ווייכע קאַרבן פון זיין באָרד. ביים שטאָטהאַר האָבן די פאַרלאָפענע אויגן

געזוכט דאָס וואורף־מעסער אַרום זיין בויך־רימען. דער עלטסטער פּריסטער איז געווען באַגייסטערט. ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע אָרעמס צום טונקעלן הימל און געבעטן:

— אַ לויב דיר הגון, וואָס צו דיר וועט דאָס פאָלק אַצינד אָנהויבן דינען! אַ לויב אייך גייסטער פון ליכט און פינסטערניש, וואָס איר וועט דגון'ען שטאַרקן! און צו דיר תּנית, די שיינע און גלוסטיקע, וואָס דו וועסט אַרויס פון די היילן אין דער אונטערשטער וועלט און בענטשן דגונ'ס טעכטער מיט פרוכטבאַרקייט!

רקם איז צוגעשפּרונגען צום פּריסטער, וועלכער איז אַ פאַרגליווערטער געשטאַנען מיט אויסגעשפּרייטע הענט צו די הויכקייטן.

— איך האָב נאָר וואָס געהערט דיינע לויב־רייד צו דער געטין תּנית — האָט ער געזאָגט, — זאָג מיר, גוטער חור, געטרייער דינער פון כנען'ס מזבחות: וועלכע פרוי קען היינט פאַרגליכן ווערן צו דער מוטער פון אַלדאָס לעבעדיקע, צו יענער, וועלכע קען בענטשן די טעכטער פון כנען מיט פרוכטבאַרקייט?

דער פּריסטער האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ לאָם און נישט אַרונטערגעלאָזט די אויסגעשפּרייטע הענט.

רקם האָט זיך אַ קער געטון צום שטאָטהאַר:

— איז קיינער נישטאָ צווישן אייך, וואָס ווייס אין וועלכן לאַנד, אונטער וועלכן נאָמען און אין וועמעס געשטאַלט עס לעבט היינט די ערדישע תּנית, די וואָס ווערט אין בלוט און פלייש ווידער געבוירן אין יעדן דור?

דער שטאָטהאַר האָט אויסגעטרונקען נישט ווינציקער ווין פון אַלע געסט, אָבער זיין מוח איז געבליבן קלאָר. ער האָט זיך צעלאַכט:

— אַנטפּלעקן דעם דאָזיקן סוד וואָלט נאָר געקענט דער ריכטער חפר. אָבער חכמה געהערט נישט צו די שופטים, וועלכע אַנטלויפן אין אַ טונקעלער וועלט פון שווערע געזעצן און שטראָף, וואָס זיי טיילן אויס צו די אומגליקלעכע.

אין יענער רגע זענען די צוויי מיידלעך מיט די פולע קוישן צווייגן אויף די קעפּ ווידער אַריינגעלאָפן אינמיטן גאָרטן און אונטער די פלייט־קלאַנגען זיך פאַרגאַנגען אין אַ לוסט־טאַנץ. די געסט זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער דער טומלדיקער קריגסמאַן האָט מיטביידע פויסטן זיך געקלאַפּט אין דעם קופּערנעם פּאַנצער און געשריען:

— איך וועל פאַר אייך אַנטפּלעקן אין וועלכן קערפּער די שיינע און גלוסטיקע תּנית לעבט היינט. די אומשטערבלעכע זיצט מיט אייך. זי זעט אונדז און מיר זעען זי. באַטראַכט די דאָזיקע פרוי, וואָס איז אָנגעלענט אַצינד אויף די קישנס פון איר אָנלען־בעט. קוקט ווי שיין און פאַרטרוימט זי איז. אירע

י ח י ח ו

אויגן זענען פייכט פון טרערן און אירע ליפן ווארטן אויף די קושן פון דעם אויסדערוויילטן צווישן אונדז. עלטסטע פון יריחו, דאס איז זי, רחב, די באַ־ליבטע ביי די שווערדן־פעכטערס! די פערלשנור פון כנען!

און ביי די ווערטער האט דער באַזויפענער שלאַכטמאַן זיך אַרונטער־געלאָזט צו רחב׳ס פיס און אַ שלוכצענדיקער איינגעשלאָפן אויף די קניען.

רחב האט געקוקט אויף דעם אַנטשוויגענעם רקם, וועלכער האט גערוט ביי איר צופוסנס און זי האט געהאַט איין באַגער: נישט ער, נאָר דער ריכטער, וועלכער וואַכט, ווען אַלע מידע דרימלען, זאָל אויפגעלייזט ווערן ווי אַ בלום אין וויין.

קאַפּיטל זיבן

א

מרון האָט איבערגעגעבן די צוויי אויסקוקערס אין די הענט פון אַן אונטערגעקויפטן הויפּטמאַן אין דער פעסטונג און אַליין איז ער אַוועק אין הויז פון שטאָטהאַר אים וואָרענען ער זאָל אַהין שיקן מער שפּיזן־טרעגערס צו דער פאָדערשטער מויער, וואָרום אַ גרויסע סכנה לויערט אין דער היינטיקער נאַכט אויף יריחו. דער שטאָטהאַר יחציאל איז געבליבן שפּעט ביי רחב׳ס מאָלצייט און דער צינזהאַר איז גרייט געווען צו וואַרטן אויף אים ביזן אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן. זיין האַרץ איז איינגעפאַלן און די קינבאַקן זענען געווען ווי וואַקס. אַ ציטערניש האָט אַרומגעכאַפּט זיינע קניען. דער פחד פאַר רחב׳ן און די אַנגסט פאַר שטראָף האָבן אין אים אָנגעצונדן צוויי באַגערן: אַריינפירן די אויסקוקערס אין די פעסטונגען און באַלד נאָכשיקן באַוואָפנטע וועכטערס זיי צו כאַפּן פאַרן אַנטלויפן. דער הינטערליסטיקער מרון האָט צו זיך געזאָגט: איך וועל אַרייננאַרן די פוקסן אין אַ נעץ און זיי וועלן דערשטיקט ווערן אין זייער אייגענעם געוועב.

עס איז געווען נאַכט ווען דער אונטערגעקויפטער הויפּטמאַן האָט אַריינגעשטופּט כלב׳ן און פּנחס׳ן אין אַן עפענונג צווישן צוויי מויערן און פאַרריגלט הינטער זיי אַ נידעריקן טויער. ער איז געווען הויך און טונקל און שפּיציק ווי אַ דאָרן. זיינע אויגן האָבן געבליצט און פון רעכטן אויער איז אַראָפּגעהאָנגען אַ גרויסע, פינקעלדיקע רייף. אַ שוואַרץ דעקטוך האָט איינגעהילט זיינע פאַנצער־קליידער. ער האָט פאַרדעכטיק געעפנט דאָס זעקל, וואָס מרון האָט אים געגעבן און איבערגעציילט די גאָלדשטיקער. דערנאָך האָט ער מיט געניט־שאַפט אָפּגעמאָסטןביידע אויסקוקערס און זיך אַ קער געטון צו כלב׳ן:

— אויב דו האָסט אַ שטאַרק האַרץ פרעמדער, וועל איך דיך פירן דורך אַלע פאַרהוילענישן אין דער פעסטונג. דו טאָרסט נישט מורא האָבן און נישט אַנגסטן, וואָרום דו וועסט מוזן דורכגיין היילן און אַריבערשווימען וואַסערן.

והמרגלים הובאו למערות בעיר המצודות יריחו... — און די אויסקוקערס זענען אריינגעפירט געוואָרן אין די היילן פון דער פעסטונגשטאָט יריחו...

ער האָט אָנגעהאָנגען דאָס זעקל אויף אַ קייט אַרום די לענדן און ווידער געזאָגט:

— דער צינזהאַר האָט געהייסן ווייזן נאָר די אויבערשטע ווענט. איך וועל פאַר אייך אַנטפּלעקן אַלע פאַרבאָרגענישן הינטער די טורעמס.

די פעסטונג איז געווען איינגעשלאָסן צווישן הויכע מויערן אַזוי ווי יריחו אַליין, פאַרשפּאַרט און פאַרריגלט, נישט אַריין און נישט אַרויס. אָבער אַן אונטערערדישער דורכגאַנג האָט פאַרבונדן די הויכע מויערן מיט דעם טעמפּל פון מולך, וואוהין דער קעניג צוען אַליין איז אין טעג פון געפאַר געקומען שלאַכטן בראַנדאָפּפערס און תפילה טון צו דער היליקער גאָלדענער שווערד, וואָס האָט אים באַשיצט אין אַלע מלחמות. הינטער די טעמפּל־מויערן האָט אַ הייל געפירט צו אַ וואַסער־באַסיין, טיף ווי אַ ים, וואו די פּריסטערס האָבן געבאָדן זייערע לייבער, איידער זיי האָבן זיך געשטעלט צום דינסט פון די מזבחות. דאָס ליכט פון טאָג איז נישט אַריינגעדרונגען אין די אויסהוילענישן און די שיין פון דער לבנה איז פאַרשטעלט געוואָרן פון די שווערע אַרקאַדן פאַר די אויבערשטע געבייען.

איין זילבערנער זייל, הויך ווי אַ טורעם, האָט אַזוי ווי אַ ווייסער פאַקל באַוואַכט דאָס אייגנטום פון די געטער און פון די שטערבלעכע. יענעם אָוונט האָט דער אויסקוקער אויפן שפּיץ זייל געפעלט, אָבער אין די נעכט פון אַ גאַנץ יאָר ווען ער איז דאָרט געשטאַנען, האָט ער געקענט זען צו מזרח די ליכטיקע, רוישיקע שטאָט און צו מערב דאָס אָפענע לאַנד פון מדבר, די בערג און די פלוינען, און די אומענדלעכקייט אויסער דער זון, וואו עס איז געווען פאַרהוילן יענע זייט פון דעם באַשאַף. אין דער ווייטער אויסשפּרייטונג, אָן צוימען, אָן גרענעצן, אויף יענער זייט ירדן, זענען מעכטיקע פעלזן און אויפגעשוואָלענע בערג געווען אַרויסגעשטרעקט צו די הימלען און גאָט אַליין האָט גערעדט דורך זיי.

די הויכע זיילן, דורך וואַנען כלב און פנחס זענען דורכגעגאַנגען, זענען געווען איינגעהילט אין די שאָטנס פון דער נאַכט. די לבנה, וואָס איז אַרויסגעשוואומען אונטער דעם טיפן, בלויען הימל־דעק, איז פאַר זיי געבליבן פאַרהוילן. פון ווייט האָט דער אָפּהילך פון רעדער ווי פון לויפנדיקע רייטוואָגנס זיך פאַרטראָגן. דער הויפּטמאַן האָט מיט שטומע צייכנס זיי גערופן הינטער זיך און די אויסקוקערס האָבן זיך געהויבן איבער געדרייטע, שטייענערנע טרעפּ ביז זיי זענען אַרויסגעקומען צום ערשטן וואַך־טורעם. פון דאָרט האָט כלב געקענט אַראָפּקוקן אויף דער אויבערשטער שטאָט. איבער די דעכער פון די פירשטלעכע הייזער און אויף די קופּאָלן פון די טעמפּלען האָט געלויכטן די ווייסע לבנה־שיין. די געדיכטע גאָרטנס אַרום די געביידעס זענען געווען

אַרומגעצאַרטלט מיט הויכע צוימען פון קלעטער־פּלאַנצן. ברייטע גראָז־פּלאַכן און קריך־געוויקסן האָבן זיך געשפּרייט ווי גרינע טעפּיכער איבער טעראַסעס און ווענט. דורך די גאַסן האָט זיך געטראָגן דער טרומייטן־געשאַל פון קריגס־לייט. אין די הויפן האָבן שטאַל־יונגען אויסגעשפּאַנט פערד. קעמלען האָבן גערוט ביי די שוועלן. פון די געצנהייזער איז אויפגעגאַנגען דער רויך פון די אָונט־אָפּפערס.

קוקנדיק אַראָפּ אויף די הייזער צופוסנס די פעסטונג־מויערן האָט כלב זיך דערמאָנט אָן די טעג, ווען ער, איינער פון די צוועלף אויסשפּירער, איז געקומען אויסקוקן דאָס לאַנד. ער איז געגאַנגען פאַר דעם שבט יהודה און גע־וואַנדערט פון מדבר צין ביז רחוב, וואו מען קומט קיין חמת. ער איז אָנגעקומען אין חברון און איז אַריין רייסן די פרוכטן אין טאָל און דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל געזען די קינדער פון ענק און אַ גרויסער פּחד איז אים באַפאַלן. אַצינד איז ער געשטאַנען אינעווייניק אין דער פעסטונג־שטאָט, פאַרכטיק צו גאָט און אומדערשראָקן צו די באַוואוינער. אויפגעמונטערט פון אייגענעם בטחון האָט ער געוואָלט שטאַרקן פּנחס'ן, אָבער די האַנט פון דעם הויפּטמאַן איז געווען אויף זיין אַקסל.

— אייל זיך — האָט ער שטיל געזאָגט — און זאָג מיר צו, אַז דו און דיין באַגלייטער, איר וועט מיר נאָכגיין ווי שטומע שאָטנס.

— מיר וועלן דיר נאָכגיין.

— די קללות פון די געטער שטאַרבן אין דער פינסטער — האָט דער הויפּטמאַן געלאַכט — דעריבער שרעק איך זיך נישט פאַר ב ע ל און פאַר ת נ י ת. צווישן די אָבער מוזן מיר פאַרלאָזן דאָס אָרט איידער דאָס ליכט פון טאָג וועט אויפגיין. גייט מיר נאָך צו דער בויגן־קאַמער, וואו עס הענגט די הייליקע שווערד. דערנאָך וועלן מיר אַראָפּנידערן אין דער הייל.

און ער האָט מיט די פויסטן זיך געקלאַפּט איבער דער ברוסטשילד.

— נישטאָ אַזאַ באַלוינונג אויף דער וועלט פאַר די אַלע זאַכן, וואָס איך וועל אייך היינט ווייזן!

כלב האָט פאַרשטאַנען, אַז מרונ'ס שליח וועט פאַר אַ פּעטער באַלוינונג פאָלגן אַלץ, וואָס ער וועט אים זאָגן און געפרעגט:

— ווי הייסטו, הויפּטמאַן?

— איך הייס עפרון. אָבער נישט דערוועגן זאָלט איר זיך אויסצוזאָגן אייערע נעמען. ווי פרעמדע זייט איר אַריין און ווי פרעמדע וועט איר אַרויס. אויב איר ווילט מיך באַלוינען, צאָלט מיר דעם לוין איידער איך וועל אייך אַרויספירן פון דעם דאָזיקן אָרט.

— דו וועסט קריגן דיין לוין אין טאָג פון נצחון — האָט כלב אים איינ־

גערוימט. — הער מיך אויס, עפרון. ווער דו ביזט פריער געווען, אַ קנעכט צי אַ האר, וועסטו טראָגן קליידער פון פורפור און דיין לייב וועט זיך באָדן אין דופטיקע וואסערן. דו וועסט האָבן שטאָל־יונגען און קנעכט וועלן דיך באַדינען, נאָכדעם ווי די חרובע שטאָט וועט ליגן ביי אונדזערע פיס. הלוואי וואָלטן אַלע קריגערס פון יריחו פאַרוואָרפן די שפּיזן און בויגנס און געשלאָסן אַ בונד פון שלום, איידער עס קומט דער טאָג פון שלאַכט!

און פנחס, הערנדיק כלב׳ס אומדערשראָקענע רייד, איז אויך נישט אָפּ־געשטאַנען פון אים און זיך אויסגעדרייט צום הויפּטמאַן:

— ביזטו דען נישט מיד צו אַנטלויפן פון פאַרשפּילטע מלחמות? — האָט ער געפרעגט — צו שלאָפן אויף דעם האַרטן שטיין אין דער דאָזיקער פעסטונג און צו פּאָלגן באַפעלן נאָך יעדן טרומייטן־געשאַל? נאָך דעם גנאָד, וואָס דו וועסט מיט אונדז טון אין דער הייינטיקער נאַכט, וועלן דיינע אויגן זיך עפענען און דו וועסט זאָגן: היינט האָב איך זיך דערוואוסט פון דער קראַפט פון ישראל און כ׳וועל זיך בייגן פאַר זייער אַלמעכטיקן גאָט! אָדער אפשר ווילסטו בלייבן בלינד און וואַרטן ביז דיינע געשלאָגענע הערשער וועלן, אויס נקמה, אַראָפּרייסן דיין פאַנצער און וואַרפן דיין לייב צו די רויבפייגל?

עפרון איז אַריבערגעשפּרונגען אַ שטיינערנעם צוים און געוואָרט אַז די אויסקוקערס זאָלן אים נאָכטון. ער האָט געזאָגט:

— אויסהיטן זאָלן מיך די געטער פון דעם טאָג פון חרטה, ווייל איך ווייס דעם פּיין פון די באַזיגטע. מיין פאָטער איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ בעטלער. ער איז געוואָרן בלינד און געליימט און געזונגען פאַר די באַרמ־הערציקע וועגן די אומגליקלעכע מלחמות. ער האָט זיך געשלאָגן ווי אַ לייב אין די שלאַכטן, אָבער די עלטסטע האָבן אים אפילו נישט אָנגעטון אַ פאַנצער פון ערע אַזוי ווי מען טוט אָן אויפן האַלדז פון אַן אייזל אַ קייט מיט גלעקער, אַז ער זאָל ווייטער שלעפּן די לאַסט. צי וויל איך דען שטאַרבן אַ נאַר אַזוי ווי מיין געשטראָפטער פאָטער? ניין! איך וויל פון די הערשער מיין לוין איידער מען וועט מיך אַראָפּלאָזן אין קבר.

— דער פעלשער קען נישט באַלוינען דעם געטרייען — האָט כלב זיך אָנגערופן.

— איך ווייס — האָט עפרון געזאָגט און געעפנט אַ טויער, באַצירט מיט הערנער פון אַ דאַמהירש און זיי דאָרט אַריינגעלאָזט — דעריבער וויל איך געניסן פון פרייד איידער עס קומט דער אונטערגאַנג. אַ מאַן, וועלכער קען אונטערשיידן צווישן ערלעכע און פאַלשע, צי קומט אים דען נישט אַלע פאַר־געניגנס פון די מעכטיקע? איך וויל וואוינען אין אַ הויז פון פירשטן און מיין

געלעגער זאָל זיין אויסגעבעט מיט ציפּרעסן. קנעכט זאָלן שמירן מיין לייב מיט זאַלבן און יונגפרויען זאָלן טאַנצן פאַר מיין בעט.

און ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ דונערנדיקן געלעכטער.

— אויב פאַלן וועט מוזן יריחו, וויל איך שטיין אויף איר באַרג אַש מיט אַ לאָגל ווייַן אין האַנט.

זיי זענען אַריין אין דער ערשטער קאַמער מיט ווענט, באַשלאָגענע מיט קופּער. דער געוועלבטער דאַך איז געווען דורכגעלעכערט מיט אומצייליקע עפענונגען, דורך וואַנען שטערן ווי גליענדיקע רובינען האָבן אַריינגעקוקט. אינמיטן, אויף אַ פּוס־געשטעל פון ביינהאָרן האָט זיך אַרויסגעהויבן די געשטאַלט פון אַ פרוי, אויסגעקנאָטן פון מירמלשטיין. איר קאַלט לייב איז געווען רונד און פול מיט דער רייפקייט פון די פרוכטבאַרע, וואָס געבערן יעדעס יאָר. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט אַן איבערערדישע לוסט. די פולע ליפּן זענען געווען האַלב צעעפנט און אירע הענט פאַרלייגט אויפן בויך, וואָס האָט געגלאַנצט פון די קושן פון די פּריסטערס.

פון דאָרט האָט עפרון זיי אַריינגעלאָזט אין אַ קליינעם פּירהויז, וואו אַ פאַרלאָשענער מזבח איז געשטאַנען צווישן צוויי זיילן פון פּאָרפיר, אָבער קיין דורכגאַנג איז דאָרט נישט געווען. כלב און פנחס האָבן זיך צוריקגעצויגן, ווען זיי האָבן זיך דערזען שטיין פאַר דער שוועל פון אַ געצנהויז. אָבער עפרון האָט פאַר זיי דעם וועג פאַרשטעלט. ער האָט באַטאַפּט די וואַנט און געזוכט אַ באַהאַלטענע עפענונג. זיין האַנט האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ האָרן פון אַ בראָנדזענעם הירשן־קאָפּ איבער אַ גזימס און אַ נידעריקע טיר האָט אויפגעפּראַלט.

די עפענונג האָט געפירט צו אַ טונקעלן געביי מיט אַ הימל־דאַך, אונטערגעשפּאַרט פון ברייטע קאָלאָנעס. פון די פיר ווינקלען זענען אויפגעגאַנגען ברענענדיקע דופטן פון ווייַרויך־פאַנען. די זיילן־קעפּ זענען געווען באַצירט מיט קנופּן גאָלדענע פרוכטן און דער באַלקן איז געווען באַהאַנגען מיט פּערלשנורן און געפלאָכטענע בענדער פון טאַפּאַזן און שמאַראַגדן.

פאַר די אויסקוקערס פון ישראל איז נישט געווען קיין צוריקוועגס און זיי זענען געהאַרכזאַם נאָכגעגאַנגען דעם וועגווייזער דורך צעדערזיילן. דאָס פּירהויז צום טעמפּל האָט געבליצט מיט ליכט און צירונג אַזוי ווי דער גרויסער פּאַלאַץ אין אַ פייערטאָג. שופרות, צימבאַלן און פלייטן זענען געהאַנגען אויף יעדער וואַנט. די שטיינערנע אָפּבילדער פון די שטאַרקע געטער און צאַרטע געטינס זענען געווען איינגעהילט אין איידעלע געוואַנדן פון ווערמילרויט, פּורפּור און שאַרלאַך־זייד. אַ קינסטלעכער טייטלבוים איז געשטאַנען אין אַן אויסהויל און זיינע צווייַגן זענען געווען פון גאָלד און די טייטלען פון קרישטאָל.

דאָס ליכט פון די בליציקע איידלשטיינער איז געפאַלן אויף די געזיכטער פון כלב'ן און פּנחס'ן, ווען זיי האָבן זיך דערזען שטיין ביים שטיינערנעם אַראָפּ־גאַנג צו אַ וואַסער־באַסיין.

עפרון האָט אַראָפּגעכאַפּט פון זיך דאָס דעקטוך און ווי מיט אַ וויקלשנור אַרומגעבונדן זיינע לענדן. ער האָט אויסגעשפּרייט די הענט ווי פליגלען, גרייט אַריבערצושווימען דאָס וואַסער. אַראָפּגייענדיק די שטיינערנע טרעפּן האָט ער אויסגערופן:

— הינטער מיר שווימט! אויף יענער זייט וואַסער וועלן מיר דורך אַ טיפער הייל אַרויפקלעטערן צו די פעסטונגען!

ב

כלב און פּנחס האָבן אויסגעטון די מאַנטלען און זיך נישט געקווייקלט אים צו פאָלגן, ווי פון הינטערווייליעכץ האָבן זיי פלוצים דערהערט אַ ליכט געררויש פון טריט־קייטעלעך. דערשראָקענע האָבן זיי אויסגעדרייט די קעפּ. אַ יונגפרוי, איינגעהילט אין שאַרלאַך־רויטע שלייערן, האָט זיך באַוויזן צווישן די זיילן.

עפרון האָט אַ פּאַכע געטון מיט די אָרעמס און אויסגערופן:

— ביי בעל, וואָס שיצט אונדז פון די דונערן און ביי תנית, וואָס פּאַרהיט אונדז פון ערדציטערניש! ס'איז זי, פּ ו ר ת די קדשה, די דינסט פון תנית! ווער האָט דיך איבערגעלאָזט דאָ אַליין צווישן די שאָטנס?

די באַדינערין פון תנית איז שטיין געבליבן מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל, ענלעך צו איינער פון די קאַלטע, שטיינערנע אָפּבילדער אין טעמפּל. די שלייערן אויף איר לייב זענען געווען אַזוי דורכזיכטיק, אַז עס האָבן זיך דורכגעזען אירע ראָזעווע לענדן און בריסטן. זי איז געווען דין און וויקלדיק. אירע ליפּן, אירע באַקן און ברעמען זענען געווען געפאַרבט מיט ווערמילאָן. זי האָט געקוקט אויף דעם הויפּטמאַן אַרויסרופעריש:

— האָסטו פאַרגעסן, אַז אין דער פערצנטער נאַכט פון חודש בלייבט פּורת אין טעמפּל צו וואַשן די פיס פון תנית?

זי האָט פאַרשנדיק געקוקט אויף די דריי מענער, אָבער איר בליק איז געבליבן הענגען אויף כלב'ן, וואָס איז אין אירע אויגן געווען געוויקסיגער און שענער פון זיינע באַגלייטער. זי האָט זיך דערנענטערט צו אים, אויסגעשטרעקט אַ האַנט, באַהאָנגען מיט רינגען און בראַנזלעטן און אָנגערירט זיין באָרד.

— ווי באַוואַקסן דו ביזט, שטאַרקער מאַן! אויב געקומען ביזטו אין דער היינטיקער נאַכט באָדן דיין לייב אין דעם לויטערן וואַסער און בעטן גנאָד

ביי תנית, פאַרוואָס האָסטו נישט אָפּגעשוירן דיין באָרד און דיינע האָר, אַז דיין קאָפּ זאָל גלאַנצן ווי זילבער אין דעם הויז פון לעבן?

ביי כלב׳ן איז דאָס האַרץ צעגאַנגען און דאָס בלוט אין די אָדערן איז געוואָרן פאַרקילט. צי בין איך אין אַ שטייג אַריינגעפאַלן — האָט ער זיך געפּרעגט און די דאַזיקע פּרוי איז מיט באַטרוג אויף די ליפּן געקומען מיך אַרויסצוגעבן צו די וועכטערס? פּאַטער אין הימל! פול מיט רעטעניש איז דער וועג, אויף וועלכן דו פירסט אונדז! די געצנדינער זענען בלינד, אָבער פּאַר זיי זענען נשמות אויפגעדעקט און סודות ליגן אַנטפּלעקטע.

ער האָט מער נישט געצווייפלט, אַז די קדשה איז געקומען מיט הינטער־ליסטיקייט און פאַרשטאַנען, אַז איבעריקע רייד וועלן אים אויסגעבן. דעריבער האָט ער געשוויגן. אָבער די בושה פאַר פנחס׳ן און דער כעס פאַר זיין דורכפאַל האָט געברענט זיין לייב. אין יענער רגע פון צעטומלטקייט האָט ער געוואָלט אוועקדרייען דעם קאָפּ פון דער געצנדינערין, אָבער דער כוח פון פאַראַכטונג האָט אים געצוואונגען צו קוקן אויף איר, כדי גאָט אַליין זאָל זי פאַרמיאוסן אין זיינע אויגן. ער האָט די פאַרשייטע דערזען אין איר שאַנד. די שלייערן האָבן צוגעדעקט איר לייב אַזוי ווי אַ קעניגלעך געוואַנד. זי איז געווען שיין און פאַרדאַרבן, פול מיט צויבער און זינדיק. איר נאַענטקייט האָט אָנגעצונדן זיין פלייש ווי פייער.

— דו ענטפערסט נישט — האָט זי צערטלעך גערעדט, — דיין שווייגן באַליידיקט מיך. דו מוזט זיין אַ פרעמדער פון אַ ווייט לאַנד, אויב דו ווייסט נישט, אַז דער, וועלכער קומט אַריין אין הויז פון לעבן, מוז פריער קושן די דינסט פון תנית און טרינקען מיט איר וויין איידער ער גייט זיך רייניקן אין דעם הייליקן וואַסער. רייכע פּריסטערס שעמען זיך נישט דאָס צו טון. די לוסטיקע קריגסלייט וויסן פון די געזעצן. זאָג מיר פרעמדער, ביזטו שטאָלץ אָדער אומוויסנדיק? שרעקסטו זיך פאַר מיר אָדער ברענט אין דיין האַרץ די זעלבע פאַראַכטונג, וואָס איך זע גליען אין דיינע אויגן?

אַ צעפלאַמטער איז כלב געשטאַנען צווישן איר און דעם הויפּטמאַן. פון שוואַכקייט האָבן זיינע קניען געציטערט. ער האָט געוואוסט, אַז פנחס, וועלכער זעט אים ווידער אין זיין ירידה, וועט באַלד אים שטראָפן מיט זיין ברענענ־דיקער צונג. מיטאַמאָל האָט אין אים אויפגעוואַכט אַ פאַרלאַנג אָפּצוטון אַ פאַלשקייט, כדי אַרויסצוראַטעווען זיך און זיין חבר פון דער סכנה. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און אַרומגענומען אירע באַזילבערטע סאַנדאַלן. ער האָט מיט גליענדיקן אָטעם אויסגערופן:

— גלויב מיר פורת, אַז איך בין נישט ווערט צו קושן דעם שטויב פון די פּריסטערס און קריגסלייט, וואָס באַטרעטן דאָ די ערד. כ׳בין זינדיקער פון

אַלע פֿאַרדאַרבענע, וואָס זענען ביז היינט געקומען בעטן פֿאַרגעבונג אין דעם דאָזיקן הויז. צו אומריין איז מיין מויל אַנצורירן דיינע ליפּן. לאָז מיך דעריבער פֿריער וואַשן מיין לייב אין דעם לויטערן וואַסער, איידער איך דערנענטער זיך צו דיר. וואָרום איך שרעק זיך אַרויסגעטריבן צו ווערן פֿון דעם הויז פֿון לעבן און איך ציטער ביי דער מחשבה, אַז איך וועל מער נישט טאָרן זיך אומקערן אַהער.

זיינע רייד זענען געווען פֿאַלשע, אָבער דער שטרענגער פּנחס איז נישט גרייט געווען צו פֿאַרגעבן אים זיין שוואַכקייט. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם הויפּטמאַן פֿאַר אַן אַרבל און אים צוגעפֿירט צום טונקעלן אויסהויל. ער האָט אים געטרייסלט ביי די אַקסלען.

— לאָמיר אַנטלויפֿן! — האָט ער געשריען — פֿיר אונדז אַרויס פֿון דאַנען, איידער מיר ווערן געפֿאַנגען.

דער כנעני האָט אָנגעקוקט דעם אויפֿגערעגטן מאַן, אָבער זיין פּנים איז געבליבן רואיק. דערנאָך האָט ער געלאָזן אַראָפּגענומען פֿון זיין נאַקן אַ קופּערנע קייט און געוויגט מיט איר אין דער לופֿט אַזוי לאַנג, ביז די יונגפֿרוי האָט לאַנגזאַם זיך אָפּגעקערט פֿון כלב'ן און אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף די רויטע קרייזן ליכט, וואָס האָבן געבלענדט פֿון דער קייט אין דער טונקלקייט.

— וואָס וועלן מיר טון? — האָט פּנחס פֿאַרצווייפֿלט געפֿרעגט.

עפֿרון האָט נישט געענטפֿערט. זיין האַנט האָט מיט אימפּעט געוויגט אין דער לופֿט די גראָבע קייט, וואָס איז אַצינד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לויפֿנדיק ראָד מיט דעם טונקעלן גלי פֿון זונאונטערגאַנג. פֿורת די קדשה איז געשטאַנען פֿאַרגליווערט און נישט געקענט אָפּרייסן די בליקן פֿון דעם ציטער־דיקן פֿלאַם.

— דו ביזט שולדיק! — האָט פּנחס מיט פֿאַרביטערונג גערעדט צום הויפּטמאַן — פֿאַרשלעפּט האָסטו אונדז אַהער און אַצינד גייסטו אונדז איבער־לאָזן אין דעם הויז פֿון פֿינסטערניש. צי האָבן מיר געמוזט דורכגיין דאָס געצנהויז צו זען די שטאַרקייט פֿון דער פֿעסטונג? אויב אַ הויפּטמאַן ביזטו, עפֿן אַ טיר! ברעך איין אַ וואַנט! איייל זיך. אָדער אפשר ביזטו נישט מער ווי אַן אומגליקלעכער קנעכט און אַ זון פֿון אַ קנעכט?

שפּאָט האָט אַרויסגעקוקט פֿון עפֿרונ'ס שפּיציקע אויגן. זיינע ציין זענען געווען פֿאַרקריצט. ער האָט אויפֿגעהויבן זיין שווערן אָרעם איבער פּנחס'עס קאָפּ און געשניפּט ווי אַ דערצערנטע חיה. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעקערט פֿון אים און אַריינגעכאַפּט די יונגפֿרוי אין זיינע הענט ווי אַ ציטערדיקן פֿויגל. ער האָט פֿאַרשטאָפּט איר מויל און מיט זיין אויסגעוויקלטן דעקטוך געבונדן אירע הענט און פֿיס. דערנאָך האָט ער זי אַ שליידער געטון הינטער דעם

גאָלדענעם טײטלבוים. אין געאײל האָט ער צוריקגעשטױסן פּנחס׳ן צום שטײ־נערנעם אַראָפּגאַנג בײם װאַסער און אָננעמענדיק כלב׳ן בײ אַן אַקסל, באַפוילן :

— אַצינד שװימט הינטער מיר !

— און די דינסט פון תנית ? — האָט כלב אָנװײזנדיק אויף דער געבונדענער פּורת, געפרעגט.

— זי װעט שװײגן ביזן זונאויפגאַנג. טויטן װאָלט איך זי געטויט, אויב זי װאָלט נישט שטום געװאָרן פון פּחד פאַר מײן קופּערנער קײט. און טאָמער װעט אויף יענער זײט װאַסער װער אַנטקעגן קומען, װעל איך אים צעטרעטן װי אַ קריך־װאָרעם !

ער האָט אַ פּאַכע געטון מיט די הענט און אַלע דרײ זענען אַרײנגעשפּרונגען אין װאַסער, װאָס האָט פון אָנהויב צוגעדעקט נאָר זײערע קניען. באַלד אָבער האָבן די װעלן זיך געהויבן ביז צו זײערע ריפּן און דערנאָך זענען זײ געצװאונגען געװען צו שװימען פאַראויס און װאָס װײטער זײ זענען געטראָגן געװאָרן אויף דער אויבערפלאַך, אַלץ בלײער און טיפער איז געװען דאָס װאַסער. כלב און פּנחס האָבן זיך אָנגעשטױסן מיט די לענדן אָן דער שטײ־נערנער װאַנט און ציענדיק זיך איבערן שמאָלן דורכלויף צװישן שפּיציקע פעלזן, איז בײ כלב׳ן צעקראַצט געװאָרן דער נאַקן. אַ שנירל בלוט איז אויפגעלײזט געװאָרן אין דער לויטערער בלויקײט. דערנאָך זענען זײ געשװאומען מיטן שטראָם, װאָס האָט געריזלט רױשיק װי אַ װאַסערפאַל. די לונגען האָבן געלעכצט נאָך לופט. אויסגעשטרעקטע, מיט די קעפּ צװישן די אָרעמס, מיט די קניען צוזאַמענגעדריקט, האָבן זײ דורכגעשניטן דעם װאַסער װי פײלן אין דער טונקלקײט. דער הויפּטמאַן עפרון איז געשװאומען פאַראויס. פּנחס, אַן אָפּגעשװאַכטער האָט געהוסט און זיך געשטיקט און אוממעכטיק עטלעכע מאָל אונטערגעטונקען דעם קאָפּ. כלב האָט מיט זײן אָרעם אים אונטערגעשפּאַרט. פּלוצים האָט אַ פינסטערניש זיך אװעקגעשטעלט פאַר זײערע אויגן און זײ זענען אַראָפּגעזונקען.

װען זײ זענען װידער אַרויף אויף דער אויבערפלאַך, איז דאָס װאַסער געפלאָסן רואיק. זײ זענען געשװאומען אויף זײערע רוקנס און אָפּגעפרישטע אײנגעאָטעמט די שאַרפע לופט. עס האָבן זיך פאַרבײגעטראָגן מאָכיקע װענט מיט אויסגעהאַקטע בױגן־טױערן, װאָס האָבן אָפּגעטײלט דעם גרױסן באַסײן פון די זײטיקע ציסטערנעס. פון אויבן, פון דעם אויסגעװעלבטן דאַך האָבן דורך שמאָלע שפּאַלטן אַרײנגעדרונגען פינטעלעך ליכט װי אָפּגעבראָכענע שטראַלן. אָבער דאָס פינסטערניש איז געװאָרן געדיכטער, װאָס נענטער זײ זענען צוגעשװאומען צו די װענט.

אין דעם געדריי פון די אויסגעהאַקטע בויגן־עפּענונגען, בריקן און אַרקאַדן האָבן זיי זיך פאַרלוירן. דער וואַכזאַמער עפרון איז געשוואומען אויף צוריק און זיי געשלעפּט הינטער זיך. זיי האָבן געזוכט דעם אַרויסגאַנג און זענען נאָכאַנאַנד צוריקגעפאַלן. זיי האָבן געפילט ווי זייערע גלידער ווערן אויפגעלייזט אין וואַסער. מיט צוגעשלאָסענע אויגן זענען זיי געשוואומען פאָראויס. זייערע פּנימער זענען געווען פאַרקרימט ווי ביי יענע, וועלכע דערשפּירן דעם פּיין פון אָנקומענדיקן טויט.

פלוצים האָט עפרון מיטן קאָפּ ווי מיט הערנער אָנגעהויבן צו שטויסן די שטאַנגען פון אַן אייזערנער צוים. כלב און פנחס האָבן צעפּירט זייערע אָרעמס און די צוים האָט נאָכגעלאָזט. זיי האָבן זיך דערזען שטיין אויף אַ פּעלזיקער טרעפּ, וואָס איז געווען פאַרצאַמט מיט אַ הילצערנער טיר. דער כנעני האָט מיט דער שפּיץ פון זיין וואורף־שווערד אַראָפּגעוואָרפן די שטאַבע פון דער טיר און אַלע דריי זענען אַריין אין אַ שוואַרצער הייל. עס איז נישט געווען די צייט צו רוען און זיי זענען ווי געיאָגטע חיות דורכגעלאָפן דעם קורצן טונקעלן וועג ביז זיי האָבן דערזען איבער זיך אַ שטיק אָפענעם הימל, פאַרזייט מיט שטערן. דער שיין פון דער לבנה איז געווען אויסגעשפּרייט ווי אַ ווייסע נעץ אויף דער ערשטער קלעטער־מויער, פון וואַנען ס'איז אַראָפּגעהאָנגען אַ געקנופּטער שטריק־לייטער. זיי זענען געווען דערשעפּט. פון די קליידער זענען אַראָפּגערונען שטראָמען וואַסער, אָבער די ריינע לופט האָט זיי דערקוויקט ווי אַ פרישער טרונק וויין.

עפרון איז פאַרשוואונדן הינטער אַ נידעריקן טויער און באַלד צוריקגעקומען מיט אַן אָנגעשטאָפּטן זאַק. ער האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט טרוקענע קליידער און געזאָגט:

— טוט אָן די קליידער פון די וועכטער און קלעטערט אַרויף איבערן לייטער.

אויבן, אויפן העכסטן גזימס פון דער מויער האָבן פנחס און כלב זיך דערפילט געשטאַרקטע. זיי זענען געווען פריי פון פּחד און די געפאַר איז געווען הינטער זיי. עפרון האָט אַרויפגעצויגן די שטריק־לייטער און די אויסשפּירערס האָבן אַראָפּגעקוקט אויף דער שטאָט ווי איבער אַן אָפּגרונט. פון די נידעריקע גאַסן און מערק, פון די טורעמס איבער די געצנהייזער, פון די גאָרטנס הינטער די געפּוצטע געביידען און פון די ציפּרעסן־אַלייען ביי די טייכן איז אויסגעגאַנגען דאָס לעצטע גערויש פון טאָג, איידער דאָס פינסטערניש פאַרלעשט די וועלט. פּריסטערס זענען געשטאַנען אויף די זיילן־גאַלעריעס פון די טעמפּלען מיט אויסגעשפּרייטע הענט צום הימל. דעם קעניגס וועכטערס האָבן געגאַלאָפּירט אויף פערד אָן אַ ציל. אַדליי זענען געלאַסן געפאָרן אין

רייטוואָגנס און געמיינע לייט זענען געריטן אָדער געפירט ביי די צאַמען זייערע קעמלען און אייזלען.

פּנחס, קוקנדיק מיט פאַראַכטונג אויף דער באַלויכטענער יריחו, האָט אַרויסגעלאָזט אַ צאָרנדיקן פלוך:

— אָ, איר הערשערס פון כנען! אַ קללה זאָל פאַלן אויף אייך, ווייל איר האָט פאַראומריייניקט די וואוינערטער פון מיינע אבות און זייערע הייזער האָט איר קויטיק געמאַכט! זאָל דער רויך פון די פאַלשע מזבחות אייך דערשטיקן און זאָלן די פלאַמען פון די אויוונס אייך פאַרצערן! געליייטערט אין פייער זאָל יריחו ווערן, איידער ישראל קומט ווידער זי באַזעצן!

עפרון האָט, דערהערנדיק די צאָרנדיקע רייד, אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער:

— די פעסטונג פון יריחו וועט נישט פאַלן פון דיינע פלוכן, ווען אפילו אייזערנע שטויס־הערנער קענען נישט איינוואַרפן אירע ווענט — האָט ער געזאָגט, — קום, איך וועל דיך אַריינפירן אין אַ קאַמער, וואו עס הענגט די הייליקע שווערד.

— די הייליקע שווערד?

— דערפאַר ווייל יריחו פאַרמאָגט די הייליקע שווערד, איז זי ביז היינט נישט באַזיגט געוואָרן. קיין וואָפנטרעגער טאָר די שווערד נישט אָנטון אויף זיינע לענדן. ב ע ל אַליין האָט דאָס וואָפן איבערגעגעבן דעם קעניג. די שווערד איז אויסגעגאָסן פון גאָלד און די שטול איז באַזעצט מיט עמאַראַלדן. זי לויכט העלער ווי די זון אין מיטן טאָג. אַ שרעקלעכער צויבער שטעקט אין דער שווערד!

כלב איז צוגעקומען און דער כנעני האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף ביידנס אַקסלען.

— קומט — האָט ער געזאָגט — איך וויל, אַז איר זאָלט פאַרשעלטן די דאָזיקע צויבער־שווערד. אויב געשיקט פון אַן אומגעזעענעם, מעכטיקן גאָט זייט איר, נעמט אַראָפּ דעם כישוף פון דעם גאָלדענעם וואָפן.

כלב האָט זיך אָנגערופן:

— אומזין איז דער צויבער און אייטל איז דער כישוף.

אָבער עפרון האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן ווי אַ וואָרנונג:

— די געטער וואוינען דאָרט, וואו זייערע אָפּבילדער שטייען. לאַכט נישט פון די אומשטערבלעכע איידער איר באַזיגט זיי. איך וועל אייך פירן דורך די זיילן, וואו די בוי־מייסטערס פון יריחו האָבן אוועקגעשטעלט די געשטאַלטן פון בעל און תנית. דערנאָך וועל איך אייך ווייזן די פאַרבאָרגענע עפענונגען אין די פעסטונגען.

פּנחס האָט זיך געקווייַנקלט, אָבער פּנחס איז געווען פריי פון שרעק, ווייל אין דער לבנה־נאַכט ווערן פארשוואונדן פון דאָרט די פּריסטערס. דער כנעני הינטער זיי האָט גערופן:

— פאַראויס!

דורכגייענדיק עטלעכע טונקעלע גראָטן, זענען זיי צוגעקומען צו אַ בויגן־טויער און עפרון האָט גיך אָפּגעבונדן די קייט פון אַ שטאַנג און זיי דאָרט אַרייַנגעפירט. זיי זענען געשטאַנען אונטער אַ באַדעקנס, אָנגעשפּאַרט אויף זילבערנע זייַלן. אין די פיר ווינקלען האָבן זיך געדעמפּט פאַנען מיט ברענענדיקן ווייַרויך. אינדערמיט האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ מעכטיקער צעדערבוים, וואָס די צווייַגן זייַנע זענען געווען באַהאַנגען מיט בראַנזלעטן פון עמאַראַלדן און רו־בינען. דאָס ליכט פון די איידלשטיינער האָט פאַרבלענדט זייערע אויגן. עפרון האָט אַרויסגענומען פון אַ וואַנט־אויסהויל אַ ברענענדיקן פאַקל און געוויזן דעם וועג פאַראויס. אויף ביידע זייטן זענען געשטאַנען בראָנדזענע קאַלאָנעס, באַ־צירט מיט קעפּ פון הירשן און שלאַנגען. ביים עק פון טונקעלן פירהויז האָט דער הויפּטמאַן אָנגעטאַפּט אַ וואַנט און ווידער אַנטפּלעקט אַן עפענונג. ער האָט אייַנגעקאָרטשעט דעם קערפּער און זיך דורכגעגליטשט דורך דעם לאָך. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשטרעקט זייַנע הענט און אַרייַנגעצויגן הינטער זיך כלב׳ן און פּנחס׳ן.

ג

זיי זענען געווען צופוסנס אַ הויכער מויער און זיך אויפגעהויבן אויף צען מירמלשטיין־טרעפּן. פאַר זייערע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ שטיינערנער דענקמאָל פון אַ ריזיקן קריגסמאַן אויף אַ פערד. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע לאָקן־באָרד און אַ נאַקעטן קאָפּ־שיידל, וואָס איז געווען באַשיצט פון אַ ברייטן פּעבער אין די הענט פון אַ נאָכלויפנדיקן קנעכט. זייַן האַלדז־קייט האָט גערוט אויף די בלומען פון זייַן לייבגאַרטל. צירונגס־שנורן זענען געהאַנגען אויף זייַנע אָרעמס. דאָס מויל איז געווען אָפן ווי פאַר אַ שאַלרוף צו מלחמה. אין דער רעכטער האַנט האָט געשטעקט אַ שפּיז, וואָס איר אייַנגעבויגענער שפּיץ איז געווען ענלעך צו אַן אָפּגעבראָכענעם שטערן.

— די גאָלדענע שווערד? וואו הענגט זי? — האָט כלב געפרעגט.

— אינעווייניק — האָט דער כנעני געוויזן מיט אַ פינגער אויף אַן עפע־נונג אין דער מויער.

זיי זענען ווידער געשטאַנען אין אַ קאַמער, פאַרגאָסן מיט ליכט. פון די ווענט האָבן אויסגעראַווירטע לעמפּערטן, לאַנדקראָקאָדילן און פייערדיקע אָדלערס, ווי לעבעדיקע חיות, געהאַלטן אין אַרונטערשפּרינגען. די באַשעפענישן האָבן

זיך געריסן צו אַ נאַקעטן געץ פון אַ פרוי אַנטקעגן. איר בויך איז געווען באַ־דעקט מיט בלומען, פייגל און פעדערן. אירע אויערינגען זענען געווען ווי בלי־ציקע רייפן, וואָס האָבן זיך געוויגט איבערן נאַקן. די פלאַקערדיקע אויגן האָבן געדרענגט מיט פונקען ליכט. אינמיטן שטערן איז געווען אַ דיסקוס, וואָס האָט געלויכטן ווי דער רויטער גלי פון די קופּערנע שפּיגלען אַרום.

— קוקט דאָרט! — האָט עפרון אויסגערופן.

די אויגן פון כלב'ן און פנחס'ן זענען געווען אויף זיין אויסגעשטרעקטער האַנט, וואָס האָט געטייטלט אויף אַ וואַנט קעגנאיבער. פון אַ נעפּל ווי פון אַ וואָלקן האָבן אַרויסגעשטראַלט געלע שטערן און זיי האָבן געקענט זען ווי פון דער אומקלאַרקייט שיילן זיך אַרויס קעפּ פון עקדישן און האַרנשלאַנגען, וואָס זענען פריער געווען פאַרהוילן. די קעפּ פון די חיות האָבן אַרומגערינגלט אַ רעגנבויגן־שלייער, צוגענאַגלט צו דער וואַנט. אויפן שלייער, אונטערגעבעט מיט פּורפּור־געוואַנד, איז געהאַנגען די פלאַקערדיקע שווערד ווי אַ גאַט פון פייער, צו וועמען דער ערשטער קריגסהאַר פון כנען האָט אויסגעשטרעקט זיין שפּיז און זיינע ליפּן איידער ער איז אַרויס אין מלחמה.

— נעם אַראָפּ די שווערד! דערלאַנג זי מיר! — האָט עפרון געשריען.

כלב האָט לאַנג זיך געקווינקלט און ווי ער האָט דערנאָך אַ געשטאַרקטער זיך דערנענטערט צו דער וואַנט און אַ ריס געטון דאָס אונטערגעבעטע געוואַנד, איז די שווערד אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. מיט ווילדער פרייד האָט עפרון דאָס וואָפן אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס און אויסגערופן:

— לאָמיר אַרויס פון דאַנען!

ער האָט געדריקט צום לייב־פּאַנצער די שווערד און געשריען:

— אַצינד האָב איך מער נישט קיין פּחד פאַר די געטער! איך וועל קענען דורכגיין פייערן און אַריבערשפּרייזן ים'ען. אַלע כוחות פון דער טונקעלער וועלט זענען מיט מיר. הערשער פון כנען, אייער האַר בין איך!

זיין קול האָט געדונערט דורך די אויסהוילעכישן און אים אַליין האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיין געשטאַלט איז אין יענער רגע געוואָרן העכער און זיין קראַפט מעכטיקער.

ווייכע טריט האָבן זיך פאַרטראָגן. אַ טיר האָט זיך געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען אַ דיקער פּריסטער אין ליינענקליידער. פון גרויס פאַרוואונדע־רונג האָט ער אויסגעבאָלט זיינע שעפּסענע אויגן און ווי ער האָט געוואָלט זיך אַ קער טון רעכטס אָדער לינקס, האָט עפרון זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים און אַריינגעשטאָכן די גאָלדענע שווערד אין זיינע ריפּן. הייסע שנורן בלוט זענען אַראָפּגערונען צו דער ערד, וואָס איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט ווייסן

מירמלשטיין. ער האָט אַרויסגעצויגן דאָס וואָפן פון זיין לייב און געאײלט צום אַרויסגאַנג.

כלב און פנחס האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. זיי האָבן זיך נישט גע־רירט פון אָרט און גאָרנישט געהערט אויסער דעם ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון אָפענעם טויער. ווען זיי זענען נאָכגעלאָפן דעם כנעני, האָבן זיי זיך אָנגע־שטויסן אויף אַ גראַניט־וואַנט. צוויי פאַרמשפטע מענער זענען געווען צוגע־שמידט צו דער וואַנט ביי די הענט־געלענקן און פיס־קנעכלעך מיט אייזערנע רינגען. זייערע בערד זענען געווען ווילד און זייערע נעגל לאַנג. זיי האָבן וויגנ־דיק מיט די קערפּערס, זיך געריסן פון דער מויער ווי געפאַנגענע חיות. דער־זעענדיק דעם פאַרביילויפנדיקן עפרון האָט איינער זיך צעיאָמערט:

— רחמנות! ביי בעל, שניידט אונדז אָפּ פון די קייטן! באַרמהאַר־ציקייט! צוויי יאָר האָבן מיר נישט געזען דאָס ליכט פון טאָג!

עפרון האָט זיך נישט אומגעקוקט. נישט באַפרייען, נישט הרג׳ענען — האָט ער געטראַכט. דאָס בלוט פון דעם פּריסטער איז נאָך געווען וואַרעם אויף זיינע הענט. אינדרויסן האָט ער איבערגעגעבן דעם פאַקל כלב׳ן און אויפגעזוכט אַ רינוווע מיט וואַסער. ער האָט געוואַשן דאָס בלוט פון זיינע פינגער און פון דער שווערד און געזאָגט:

— די שווערד! איך מוז זי צוריק אויפהענגען אויף דער וואַנט. גענוג! ווי נאָר איך האָב זי געהאַלטן אין האַנט, איז אַ העכערער כוח אריין אין מיר. איר דאַרפט מער נישט וואַרפן קיין קללה אויף איר. איך אַליין האָב דעם צויבער־אַראָפּגענומען. וואַרט, איך וועל צוריקקומען.

ער איז פאַרשוואונדן און די אויסקוקערס פון ישראל זענען געבליבן שטיין פאַר דער אָפענער מויער. צוקאָפּנס האָט זיך געשפּרייט אַ הימל און צופוסנס שטאָקן פון גראַניט און פעלזן. די שטערן האָבן געלויכטן, אָבער די לבנה איז אַרונטערגעשוואומען אונטער אַ שיטערן וואָלקן ווי דער אַלמעכטיקער אַליין וואָלט זיי געשיצט קעגן דעם ליכט.

אַליין זענען זיי געווען אין דעם פיינטלעכן לאַנד און פון דעם העכסטן שפּיץ האָבן זיי אַראָפּגעקוקט אויף דער פרעמדער וועלט. הינטער זיי איז גע־לעגן די געדיכטע באַוואוינטע שטאָט און פאַראויס דאָס אָפענע לאַנד אָן צוימען. די פעסטונגען האָבן אַרומגעבונדן דאָס רוישיקע וואוינאָרט ווי אַ גאַרטל פון אייזן און פייער און אירע גזימסן און דעכער זענען געווען באַפעסטיקט מיט פעלזיקע טורעמס. קיינמאָל פריער זענען די אויסקוקערס פון ישראל נישט געשטאַנען פאַר אַזעלכע מעכטיקע אָפּווער־ווענט און קיינמאָל פריער האָבן זיי נישט געזען אַזוי פיל באַוואָרענישן קעגן אַן אָנגריף. ווי מוראדיק איז דאָס דאָזיקע אָרט און ווי גרויזאַם מוזן זיין אירע באַשיצערס! — האָבן זיי גע־

טראכט. און כלב האָט אַ שלעפּ געטון פּנחס׳ן פאַראויס און ביידע זענען אַרומ־געגאַנגען לענג אויס אַ וואַנט, וואו עס זענען געווען אָנגעשטאָכן פיילן־בויגנס און שטיינער־שליידערערס. צווישן די גזימסן זענען געווען איינגעוויקלט געד־פלאָכטענע שנור־לייטערס ווי נעצן. „איר זאָלט נישט מורא האָבן פאַר זיי! — האָט כלב פלוצים דערהערט אַ קול פון טרייסט. דאָס קול פון יהושוע דעם קריגסהאַר, וואָס האָט גערעדט צו זיי אין מדבר — איר זאָלט נישט אַנגסטן און זיך נישט שרעקן, וואָרום רימער זענען די קריגסלייט, וואָס וואוינען צווישן שקאָרפּיאָנען! ווי אויף גליענדיקן אייזן זיצן זיי אין דער בלוטיקער שטאָט. איר וועט אָנצינדן אַ פייער אויף די גזימסן און דער קופּער וועט צעברענט ווערן און דאָס אייזן וועט צעשמאָלצן ווערן, ביז אַלע אומווערדיקייטן אין זייערע נעסטן וועלן אויסגערויכערט ווערן!״

געטרייסטע און געשטאַרקטע זענען די אויסקוקערס דורכגעגאַנגען אַן עפּענונג און דערזען צוועלף קופּערנע טויערן, איינער באַהאָפטן מיט דעם אַנדערן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער פּאַנצער מיט פאַלדן. נאָך אין לאַגער פון ישראל האָבן זיי געהערט פון דער גבורה פון די דאָזיקע שוץ־מויערן. אין טעג פון מלחמה זענען אַלע שפּיזן־וואַרפערס און בויגן־ציערס געוואָרן באַוואָפנט און די וואָפן־קאַמערן אויסגעליידיקט. די כנענים האָבן געלויערט אין דער נידערונג און אין די הויכקייטן. זיי זענען געלעגן הינטער די ערדוואַלן און זיך פאַרשטעקט אין די נישעס. געקנופּטע שטריק־לייטערס זענען אַראָפּגעהאָנ־גען פון יעדן גזימס און שטוים־הערנער פון יעדן טורעם. אין אַריינפאָר פון יריחו האָבן זיך אויפגעהויבן בערג מיט צעמאָלענע שטיינער און הויפנס מיט רויטן זאַמד ווי אַ שוץ קעגן די בראַנדהעלצער און שליידער־געוויכטער פונדרויסן.

כלב האָט זיך אַרומגעקוקט אַהין און אַהער און דערלאַנגט פּנחס׳ן דעם פּאַקל. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן לייבגאַרטל אַ פּאַרמעט און אים צעוויקלט. מיטן ווייז־פינגער האָט ער געפירט איבער די געבראָכענע שטריכן און האַלבע קרייזן, וואָס האָבן געוויזן דאָס באַרגיקע לאַנד אויף דער זייט ירדן מיט די שטעט ע י, ב י ת א ל און ג ב ע ו ן. ער האָט גערעדט מיט אייפער:

— מיר וועלן אָנקומען פון מזרח און איינגעמען די פאָדערשטע מויערן איידער אונדזער חייל־פירער וועט אַרויסשיקן די וואָפנטרעגערס צו די שטעט, וואָס ליגן אין דעם הינטערלאַנד, אין געבערג און אין דער נידערונג.

פּנחס איז געווען פאַרוואונדערט.

— אונדזערע קריגסלייט זענען נאָך נישט אַריינגעקומען אין יריחו און

דו זאָגסט שוין: מיר וועלן שיקן די וואָפנטרעגערס צו די שטעט אין הינטערלאַנד?

כלב׳ס פּנים האָט געפלאַמט. זיינע רייד זענען געוואָרן היציקער.

— פריער וועלן מיר זען, אַז יעדע הייל און יעדע נעסט אויפן וועג זאָל אויפגעלייזט ווערן ווי פלאַקס אין פייער. קיינער פון אונדז טאָר זיך נישט איילן. היטן וועלן מיר זיך אויסהיטן! יהושוע אַליין וועט נישט לאָזן באַפרוכפּערן די ערד מיט די לייבער פון אונדזערע טויטע קריגערס. דו האָסט געהערט, וואָס דער לעסטערער עפרון האָט דערציילט. די כנענים וועלן אונדז נישט אָפּשרעקן און נישט פאַרטרייבן.

די אויסקוקערס האָבן נישט געהערט ווי עפרון האָט דורכגעשלייכט די עפענונג און זיך געשטעלט הינטער זיי. מיט זיין דונערנדיק קול האָט ער ווידער זיך צעלאַכט און דער אָפּהילך האָט זיך געטראָגן דורך אַלע אויסהוילן.

— עס וועט זיין אַ לאַנגע מלחמה — האָט ער געזאָגט און אַרויסגעכאַפּט דעם פאַקל פון פּנחס׳עס האַנט — די כנענים זענען משוגע ווען זיי לויפן באַשיצן זייערע הייזער. זיי שרייען צו די געטער און ברענגען שלאַכטאָפּפערס אויף די מזבחות און מיינען, אַז זיי וועלן זיך אויסהיטן פון אומגליק. אָ, די פאַרפירטע לעמער! איר מוזט קענען אייערע פיינט. ווי וואַנזיניקע וועלן בעסער פאַלן אויף דער שווערד איידער זיך לאָזן טויטן פון די זיגערס. קומט צו די טורעמס!

דורך טונקעלע, געדרייטע טרעפּ, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַ הייל מיט לייטערס צום הימל, האָבן זיי אַרויפגעקלעטערט צו די העכסטע שפּיצן און פון דאָרט זענען זיי געקראָכן דורך שטיינערנע דורכהאַקן, וואו עס זענען געהאַנגען פאַרלאָשענע פאַקלען. פאַר דעם כנעני זענען די פינסטערע דורכגאַנגען געווען ווי אַן אויסגעפלאַסטערטער וועג, אָבער פאַר די אויסקוקערס פון ישראל איז דאָס געווען ווי אַ טויער צו אַ טויטער וועלט. דער פאַקל אין עפרונ׳ס האַנט האָט נישט געקענט פאַריאָגן די שאָטנס. אין יעדן אויסהויל איז געשטאַנען אַן אייזערנער שטיינער־שליידערער און אין איטלעכער עפענונג אַ באַרג מיט בראַנדהעלצער. זיי האָבן געבלאָנדזשעט צווישן ליכט און פינסטערניש. עס האָט זיך געעפנט איין קאַמער, וואו אויף די ווענט זענען געהאַנגען טראָמפּייטן און ווינלאָגלען און אַ צווייטע קאַמער איז געווען פול מיט בויגנס און פיילן און אין אַ דריטער קאַמער האָבן זיך אויפגעהויבן בערג מיט שפּיזן, פּיקעס און קורצע וואורף־שווערדן. דאָס אָנגעזאַמלטע וואָפן האָט געוואַרט אויף די אויסגעשטרעקטע הענט פון די קריגסלייט.

פאַר אַ זיילן־גאַלעריע, וואו צופוסנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט שמאָלע אויסגראָבונגען צו די אונטערשטע שטאָק, איז עפרון שטיין געבליבן. ער האָט

א זופּ געטון פון אַ ווינלאַגל, וואָס ער האָט מיטגעשלעפּט. דערנאָך האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּנים פון אַ שעפּס. ער האָט אויסגעשטרעקט אַן אָפענע האַנט און געשוויגן.

— די סודות פון מיין קעניג וועל איך אַצינד אויסזאָגן — האָט ער נאָך אַ ווײַלע אַ פליסטער געטון.

כלב האָט זיך איבערגעקוקט מיט פּנחס׳ן און דערנאָך אַרויסגענומען פון אונטערן לייבגאַרטל אַ זעקל מיט גאָלדשטיקער און אַריינגעלייגט אין עפרונ׳ס אויסגעשטרעקטער האַנט. דער כנעני האָט געעפנט דאָס מויל:

— אויב אַ מלחמה זאָל קומען מאָרגן, וועלן דריי טויזנט וואָפנטרעגערס לאַגערן אין די טורעמס אינעווייניק. צען טויזנט רייטערס אויף פערד און בויגנציערס אויף וועגענער וועלן לויערן ביי די אויסבראָבונגען אויף יענער זייט מויער. עס זענען דאָ צווישן דעם חייל געפאַנגענע שקלאַפן, וואָס פעכטן ווי אומדערשראָקענע קריגערס. אין פרידן זענען זיי גאָלדשמידן, קופּערגיסערס און שיפבויערס, אָבער אין טאָג פון שלאַכט זענען זיי גרויזאַמע פעכטערס.

— און די בויגנציערס און שפּיזן־וואַרפערס? און די יונגען מיט די בראַנדהעלצער? — האָט פּנחס געפרעגט.

— די בויגנציערס אויף דער אויבערשטער וואַנט און די שטיינער־וואַרפערס הינטער זיי וועלן וואַרטן אויף דער שאַלונג אָנצוהייבן דעם שטיינער־האָגל אויף די באַלאַגערער. דער האַרמידער וועט זיין גרויס און די עלטסטע איבער הונדערט און די עלטסטע איבער טויזנט וועלן זיי אונטערטרייבן מיט אַ וואָרנונג: פאַרלענדט זיי, וואָרום איר אַליין וועט פאַרלענדט ווערן!

עפרון האָט געמאַכט איין שריט פאָראויס. דער פאַקל אין זיין האַנט האָט באַלויכטן אַ דאַך־געלענדער, וואָס איז געווען ווי דער ראַנד ביי אַן אָפענעם אָפּגרונט. אין יענער רגע ווי זיי האָבן זיך איינגעבויגן אַראָפּצוקוקן, האָט פון די אונטערשטע טרעפּן זיך פאַרטראָגן אַ לייכט שאַרכעריי. און ווי דאָס גערויש איז געוואָרן העכער, האָבן זיי האַסטיק זיך צוריקגעצויגן צו די אָפענע אויס־גראָבונגען. צוויי שפּיזן־טרעגערס זענען אַרויסגעשפּרונגען. זייער איבעראַשונג איז איבערגעגאַנגען אין פּחד, ווען זיי האָבן דערזען די אויסגעשטרעקטע קורצע שווערד אין עפרונ׳ס האַנט. דער כנענישער הויפּטמאַן האָט מיט דעם זוים פון זיין דעקטוך פאַרשטעלט זיין פּנים און די וואָפנטרעגערס זענען צעטומלטע פאַרשוואונדן.

— לאָמיר אַנטלויפן! זיי קומען אָן! — האָט עפרון אויסגעשריען און אַריינגעשפּרונגען אין דער אויסגראָבונג.

מיט די צוויי אויסקוקערס הינטער זיך האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט נידעריקער און נידעריקער אין די טיפענישן. ער האָט פאַרלאָשן דעם פאַקל און

זיך געגליטשט אַראָפּ ווי אין אַ תהום. די באַגלייטערס זענען נישט געבליבן הינטערשטעליק. אַרונטערלאָזנדיק זיך ביז צום פוס פון אַ בלאַסן לייכט־טורעם, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ צוים פון שפּיציקע פעלזן. זיי האָבן זיך אויסגע־צויגן אויף די בייכער און זיך איינגעהאָרכט. די טיפע שטילקייט האָט אָפּגע־הילכט מיט דעם אומענדלעכן אָטעם פון שווייגן. פאַר עפרונ׳ען איז די געפאַר געווען אַריבער, אָבער ביי די אויסקוקערס האָבן זיך געטרייסלט רוק און לענד. דער כנעני האָט זיי געצויגן הינטער זיך.

— פאַרוואָס ציטערט איר? — האָט ער געפרעגט — לאָמיר לויפן פאָראויס! צי ווילט איר דען געכאַפּט ווערן און אַריינפאַלן אין די הענט פון דעם ווילדן המון? אין יענעם טאָג ווען איר וועט צוריקקומען אין שטאָט, וועט איר שאַלן אין די טרומייטן און דער המון וועט קושן אייערע פיס. הינטער מיר, איר דערשראָקענע!

ווען זיי האָבן אַראָפּגענידערט ביז צופוסנס פון אונטערשטן שטאָק, האָט אַן עפענונג געפירט צו אַ שמאָלער ענג־בריק צווישן דער פעסטונג און טעמפּל און פון דאָרט האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך טיפער און טיפער ביז זיי האָבן זיך דערזען שטיין הינטער דעם שטאָט־אַריינפאָר ביי אַ טונקעלן זייל, הויך ווי אַן אָבעליסק. דער הימל מיט שטערן איז געווען איבער זייערע קעפּ און די לבנה האָט זיך מער נישט פאַרבאָרגן הינטער וואָלקנס.

דאָס ליכט, וואָס וואַרפט אַ שיין אויף דער וועלט פון שאָטנס, האָט זיי אויסגעגעבן. אַ גרויס גערודער האָט זיך דערטראָגן צו זייערע אויערן. דאָס גערויש איז געקומען פון איין וואַנט־עפענונג און דערנאָך פון אַ צווייטער און פון אַ דריטער. פאַרשלאָפענע וועכטערס זענען אָנגעלאָפן ווי נאַכט־פייגל. אין דער ערשטער צעטומלטקייט האָט איינער געשריען, אַז די שאַצקאַמער אין דער פעסטונג איז אויסגערויבט געוואָרן, אַ צווייטער, אַז דאָס בלוט פון אַ פּריסטער איז פאַרגאָסן געוואָרן און אַ דריטער, אַז דער שונא פון מדבר איז אַריין אין שטאָט. פּלוצים האָט אַ שאַרפער פייל דורכגעשניטן די לופט און אַ פייל איז פאַרבייגעפלויגן עפרונ׳ס אויער. דער כנעני איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי:

— איך וועל מיטלויפן מיט אייך! נאָך היינט וועל איך פאַרשווינדן פון קעניגס הייל! מיט אייערע קריגסלייט וועל איך צוריקקומען ווי אַ זיגער און אָפּשניידן זייערע קעפּ. איילט זיך, לויפט צו רחב׳ס גאַסטהויז. נאָר דאָרט וועט איר געפינען אָנטרינונג. אָדער ווילט איר גאָר, אַז אייערע לייבער זאָלן צעלע־כערט ווערן פון זייערע פיילן?

זיי זענען געלאָפן אינאיינעם, נישט אָפּגעשיידט. די געשרייען הינטער זיי זענען געוואָרן העכער, אָבער די פיילן האָבן זיי מער נישט געקענט אָניאָגן. אַן איבערגעשראָקענער אויפזעער איז אַרויסגעלאָפן מיט פאַרבראָכענע הענט. אַ

פאַרשלאָפענער פריסטער האָט אָנגעהויבן קלינגען אין די גלעקער. אַ טרומייט אויף אַ טורעם האָט אויפגעשאַלט. כלב און פנחס זענען לויפנדיק געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן ביז זיי זענען שטיין געבליבן פאַר דעם לעצטן פאַרשלאָסענעם טויער. עפרון האָט געשטויסן מיט די פלייצעס אָן די קופּערנע שטאַנגען און אויפגעפּראַלט דאָס טויער. אינדרויסן האָבן זיי איינגעבויגענע זיך געשאַרט לענג אויס אַ וואַנט. די פעסטונג איז געווען הינטער זיי, אָבער די שטאָט פאַראויס האָט געשראָקן מיט די נישט פאַרלאָשענע ליכטער.

אַראָפּקוקנדיק אויף יריחו, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער נידערונג, האָט פנחס אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און מיט פחד געמורמלט: גאָט פון ישראל, נעם אונדז אַרויס פונדאַנען איידער מיר וועלן פאַרלענדט ווערן! אויב יריחו איז געגליכן צו סדום און עמורה און אירע מענטשן צו יענע פאַר־דאָרבענע איינוואוינערס, פאַרהיט אונדז, פאָטער אין הימל, אַז מיר זאָלן נישט פאַרטיליקט ווערן אין פייער און אין שוועבל, ווען די פלאַמען וועלן דאָ אויפגיין מיט דעם רויך פון קאַלכאויוונס... פנחס׳עס האַרץ איז איינגעפאַלן, אָבער אין כלב׳ס אויערן האָט געקלונגען די הבטחה, וואָס איז געקומען פון די העכסטע הייכן און אים געפירט דורך אַלע געפאַרן: אין דעם טאָג, ווען איר וועט חרוב מאַכן זייערע פעסטונגען, וועל איך זיך אָננעמען פאַר אייך, זין מיינע! ווייל די לעסטערערס האָבן געשפּעט פון מיינע הייליקייטן און די ערד פון ישראל האָבן זיי פאַראומריייניקט! די פאַרכאַפּערס האָבן די שיינע שטעט פאַר אַ פּיטערפּלאַץ פון קעמלען געמאַכט און די וואוינערטער פאַר אַ הויעראָרט פון שאָף. דעריבער וועל איך אייך אָפּצאָלן פאַר אייערע וואַנדערונגען אין מדבר און איר וועט ווידער זיך באַזעצן אין דעם פעטן לאַנד. אין געבערג און אין דער נידערונג וועט איר אייערע וואוינונגען מאַכן און די פרוכטן פון לאַנד וועט איר עסן און די מילך וועט איר טרינקען...

זיי זענען געשטאַנען צופוסנס פון דער פאָדערשטער שטאָט־מויער און אַרויפגעקוקט צו די פענסטער פון רחב׳ס גאַסטהויז. עפרון האָט געעפנט אַ נידעריקע טיר און די אויסקוקערס פון ישראל זענען פאַרשלונגען געוואָרן אין דער טונקלקייט.

קאַפּיטל אַכט

א

— צום דאַך־שטיבל אַרויף! אויבן זאָלט איר זיך אויסבאַהאַלטן! — האָט רחב געפליסטערט ווי זי האָט דערזען די צעטומלטע אויסקוקערס פון ישראל אַריינלויפן אין איר הויז.

אין דער פינסטער האָט זי זיי געטריבן איבער די טרעפּן ביי דער הינטער־טיר. זי האָט נישט אויפגעוועקט איר דינסט חגית, וואָרום עס איז נישט געווען קיינער אויף דער וועלט, וועמען זי זאָל מעגן אָנפאַרטרויען איר סוד און איר פחד. קלעטערנדיק הינטער זיי אַרויף צו דער העכסטער קאַמער, האָט איר האַרץ געשטורעמט. פון אירע ליפּן איז געפאַלן אַ געשריי:

— גענאַרט האָט מיך מרון! זיין נפש אָנשטאָט אייך צום טויט!

אויפן בוידעם־שטיבל האָט זי אָנגעצונדן אַ פאַקל און געהייסן זיי אין געאייל זיך איבערטון אין זייערע רייכע הענדלער־קליידער. און זי האָט אָנגעזאָגט: ווי זיי וועלן זיך אויסציען אויף דער ערד, זאָלן זיי זיך צודעקן מיט די פלאַקס־שטעקעלעך, וואָס זענען אויסגעלייגט איבערן דאַך. זי איז אַרויס און געבליבן שטיין ביי דער שוועל. נישט די שרעק פאַר דעם קעניגס וועכטערס איז אין איר געווען, נאָר די מורא, אַז זי גייט פאַרלירן דעם מאַן, וועלכער האָט היינט, אין טאָג פון זיין אָנקומען אָנגעצונדן איר בלוט. ווי אַ שטורעמפויגל איז ער אין פרימאָרגן אָנגעפלויגן און ווי אַ דערשראָקענער הירש וועט ער ביינאַכט אַנטלויפן. זי האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דער ברעטער־טיר. אויף יענער זייט פון דער הילצערנער וואַנט האָבן געציטערט צוויי מענער, וואָס אויף זייערע האַנטפלאַכן האָבן זיי געהאַלטן דאָס לעבן און טויט פון יריחו. איינער שטרענג און פאָרכטיק, אָפּגעשיידט פון דער וועלט. און דער צווייטער וואַרעם און שטאַרק, מיט אַ האַרץ וואָס פלאַטערט מיט אַלע געזונטע גלוסטונגען פון לעבן.

און רחב האָט פלוצים דערפילט אַן עלנטקייט אין דעם גרויסן גאַסטהויז. די הענדלערס און דורכפאָרערס אויף זייערע געלעגערס זענען געווען פאַרזונקען

אין שלאָף. דער קלענסטער גערודער פון די שטאָל־יונגען וואָלט אויפגעוועקט די נייגעריקע און אין הויף וואָלט אויפגעגאַנגען אַ האַרמידער פון אַ רוישיקן מאַרק. ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַ לייטער. זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף צוויי שטאַפּלען און געעפנט דאָס פענסטערל פון דאַך. דער הימל איז געווען אויסגעוואַשן. די שטערן מיט דער לבנה האָבן באַלויכטן די שלאָפנדיקע וועלט. רחב האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. צווישן די פעלזן אין איר גאָרטן איז גע־פלאָסן דער פרישער בלויער קוואַל. אויפן שמאָלן וועג צופוסנס דער מויער האָט מען נישט געזען קיין רייטוואָגן, קיין רייטער, קיין קעמל. דער אַרויסגאַנג איז געווען אָפן פאַר די, וואָס מוזן אַנטלויפן פון איר הויז. אָבער איר האַרץ איז איינגעפאַלן. די אויערן זענען געווען אָנגעשפּיצט צום אונטערשטן שטאָק, צום פאַרריגלטן טויער, דורך וואַנען דעם קעניגס וועכטערס וועלן באַלד זיך אַריינרייסן.

אַ באַגער אַרויסצורופן כלב'ן האָט אויפגעזאָטן איר בלוט. נאָר איינמאָל איז ער היינט געשטאַנען נאָענט נעבן איר. ער איז געווען צאָרנדיק און פול מיט פאַרבאָטענע באַגערן. ווי מוראדיק זיין צונג האָט געפלאַקערט! פון די ליפּן זענען געפאַלן פייערדיקע רייד און זי איז אָפּגעבריט געוואָרן פון זיין פייער. זי האָט אים אַריינגענומען אין איר בלוט מיט זיין גרויזאַמקייט און שיינקייט. זיין שטורעמדיקער אָטעם האָט געבלאָזן אויף איר מיט די טייערסטע דופטן.

רחב האָט זיך דערנענטערט אויף די שפּיץ פינגער. זי האָט אין דער פינסטער אויפגעהויבן פון דער ערד אַ פּאָר פאַרשטויבטע דעקטיכער ווי אַן אויסרייד אַריינצוגיין אין דאַך־שטיבל און איבערדעקן זייער געלעגער. זי האָט געוואָלט אויפקייטלען די הילצערנע טיר ווי זי האָט דערהערט פון יענער זייט וואַנט אַ לייכטן גערויש. כלב איז אַרויסגעקומען מיט שטילע טריט. ער איז געווען איינגעהילט אין זיין רייכן אויבער־בגד, מיט דעם קאָפּטוך אַראָפּגעלאָזט איבער די קינבאַקן. אַ פאַרוואונדערטער האָט ער אויפגעהויבן דעם פאַקל איבער איר קאָפּ. דאָס ליכט פון דעם פלאַם האָט אָפּגעגאָסן איר הויט מיט אַ טונקעלן גלי. אירע אויגן — די אויגן פון אַ דערשראָקענער גאַזעל — זענען געווען ברייט אָפן ווי זי וואָלט ערשט אויפגעוואַכט פון אַ פאַרבלענדעניש. איר האַרץ האָט אויפגעצאַפּלט. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט.

— אַז די וועכטערס וועלן אָנקלאַפּן אין טויער, וועל איך זיי אַריינפירן אין דער קאַמער פון ווײַן — האָט זי געזאָגט — דו זאָלסט זיך נישט רירן פון דאַנען ביז איך וועל די לוסטיונגען אָנזויפן, סיידן זיי וועלן פריער אַרויפקלע־טערן אַהער. דענסטמאָל זאָלסטו אַראָפּ אין גאָרטן און זיך באַהאַלטן הינטער

דעם מאַנדלבוים. אָבער דערווייטער זיך נישט פון דאָרט. הענג אויף דיין דעקטוך אויף אַ צווייג, אַז איך זאָל געפינען דיין באַהעלטעניש.

— און פנחס? — האָט כלב געפרעגט.

— זאָל דער פּאַרכטיקער מאַן בעטן צום שטאַרקן גאָט, ער זאָל ראַטעווען אייער לעבן.

זי האָט אים געזען אין זיין אומרו, אָבער ער איז געשטאַנען פאַר איר אָן פחד. ווי טורעמדיק זיין געשטאַלט איז! — האָט זי אים באַוואונדערט — ער איז העכער פון זיין באַגלייטער און ענלעך צו די ריזן, וואָס באַוואוינען דאָס באַרגיקע לאַנד. זיין גוף איז נישט אַריבערגעוואַקסן גומר'ן, אָבער זיינע אַקסלען זענען ווי פעלזן און זיינע אָרעמס אַ באַרג מיט אָנגעשפּאַנטע באַלענס. אויב אַ געראַנגל זאָל אויסברעכן צווישן אים און דעם קעניגס וועכטערס, וועט ער זיי צעקנאַקן מיט זיינע פויסטן. אָבער ער טאָר נישט היינט מיט קיינעם פעכטן. גאַנץ און אומבאַרירט מוז ער פאַרלאָזן יריחו. און זי וועט איבער אים פלאַטערן ווי אַ גוטער מלאך.

זי האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים ווי איינע, וואָס שרעקט זיך פאַר דער לעצטער געזעגענונג מיט איר געטרייען. זיין פּנים איז ווי קופּער — האָט זי געטראַכט, — זיין לייב אונטער די קליידער איז האַרט ווי די קאָרע פון אַ דאָרנבוים, אויסגעשטעלט צו שטורמווינטן און צום פלאַקער פון דער זון. אָבער אין זיין איידל האַרץ האָט ער שוין אויסגעבעט אַן אָרט פאַר איר, רחב'ן. „כ'וועל בעטן ביי דעם אומגעזעענעם גאָט, אַז איך זאָל אים ווערט זיין — האָט זי געפּליסטערט. — זיין געשטאַלט וועט תמיד שטיין פאַר מיר און זיין נאָמען וועט מער נישט אַראָפּ פון מיינע ליפּן".

אַ פאַרהוילענער כוח, שטאַרקער פון פחד, מעכטיקער פון אַלע באַוואָרעניש פאַרן אייגענעם לעבן האָט זי געשטויסן צו דעם פרעמדן מאַן. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך מיט דעם ברענענדיקן פאַקל איבער איר קאָפּ. זי האָט געשפּירט זיין הייסן אָטעם. אַ באַרוישטע האָט זי אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס און אירע ליפּן האָבן זיך דערנענטערט צו זיין מויל. אין יענער רגע האָט אַ רעש זיך פאַרטראָגן פון אונטערשטן שטאָק. דעם קעניגס וועכטערס האָבן געקלאַפּט אין טויער.

— רחב האָט אויפגעציטערט. זי האָט צוריקגעטריבן כלב'ן צום דאַך־שטיבל.

— לעש אויס דעם פאַקל און באַהאַלט זיך הינטער די פלאַקס־שטעקעלעך, דו און דיין חבר. לאָזט נישט אַרויס קיין וואָרט פון גוטס ביז שלעכטס. און וואַרטן זאָלט איר ביז איך וועל זיי אָוועקשיקן.

זי איז מיט אימפּעט אַראָפּגעלאָפן איבער די טרעפּ. לויפנדיק האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אַקסלטוך און איר ווייסער נאַקן און אָרעמס זענען

געבליבן איינגעהילט אין דינע, בלויע טיולן. אויפן וועג האָט אַ טיר פון אַ קאַמער זיך געעפנט און חגית, די דינסט, צעשויבערט, מיט שלאָף אין די אויגן איז איר אַקעגן געקומען.

— ברענג מיר צוויי קרוגן ווײַן — האָט זי געזאָגט — און גיי צוריק אויף דײַן געלעגער. איך אַליין וועל עפענען דאָס טויער.

מיט די קרוגן ווײַן אין די הענט איז זי אַרײַן אין דער אונטערשטער אויפנעם־קאַמער. די קולות פון דרויסן זענען געוואָרן העכער. און ווען די פויסטן און שפּיזן פון די וועכטערס זענען ווידער געפאַלן איבערן טויער ווי דאָס קלאַפּערײַ אויף פּויקן, האָט רחב אָנגעצונדן אַן אייל־לאָמפּ. זי האָט אין געאייל אָנגעשמירט איר הויט מיט ווערמילאָן. זי האָט באַנעצט אירע אויערן־לעפּעלעך מיט אַ דופּטיקער פּליסיקייט, אָנגעטון בראַנדזלעטן און אָרעמבענדער און מיט אַ פרייליך פּנים איז זי אַקעגן געגאַנגען דעם קעניגס וועכטערס.

דריי שפּיזן־טרעגערס מיט פּאַנצערס האָבן זיך אַרײַנגעריסן. דער עלטסטער מיט בארמלאָזע אויגן האָט אָראָפּגעכאַפּט דעם קיווער פון קאָפּ און געווישט דעם שווייס פון שטערן. זײַן בליק איז געהאָנגען אויף די טרעפּן, וואָס האָבן געפירט צו די אויבערשטע קאַמערן.

— די אויסשפּירערס פון מדבר! — האָט ער אַ געשריי געטון — וואו זענען זיי?

רחב האָט אונטערטעניק זיך פאַרנויגט.

— צי איז דען מיין גאַסטהויז אַ נעסט פאַר אַנלויפערס, וואָס קומען אויסשפּירן דאָס לאַנד?

דער עלטסטער האָט מיט צאָרן אַ שטויס געטון די צוויי וועכטערס נעבן זיך און באַפוילן:

— נישטערט דורך דאָס גאַנצע הויז. עפנט אַ קאַמער נאָך אַ קאַמער. איך וועל נישט אַראָפּלאָזן די אויגן פון איר.

און ווי די צוויי וועכטערס זענען פאַרשוואונדן אין דער טונקלקייט, האָט דער עלטסטער זיך דערנענטערט צו רחב'ן. זײַנע גרויע, גרויזאַמע אויגן האָבן אויפגעבליצט ווען ער האָט געקוקט אויף איר ווייכן, אַנטבלויזטן האַלדז. אָבער זײַן קול איז געבליבן שטרענג:

— גיב אַרויס די מענטשן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס בײַ דיר, ווײַל אויסצושפּירן דאָס גאַנצע לאַנד זענען זיי געקומען.

רחב האָט געשוויגן. דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט און די קניען האָבן געציטערט, אָבער די אויגן האָבן געלויכטן מיט דער פרייד פון די שוואַכע, וואָס זענען גרייט בייצוקומען די גרויזאַמע.

דער עלטסטער האָט זי אַ שלעפּ געטון פאַר אַן אָרעם.

— אין נאָמען פון מיין האַר, דעם קעניג פון יריחו! — האָט ער אויסגעשריען — די אויסשפּירערס, וואָס זענען געקומען אהער די נאַכט, פון די קינדער פון ישראל זענען זיי! גיב זיי אַרויס, אויב דיין לעבן איז דיר טייער!

רחב האָט זיך נישט גערירט. פון אירע באַקן איז דאָס בלוט אויסגערונען, אָבער זי האָט דערשטיקט איר שרעק. מרון האָט זי היינט גענאַרט. דעם קעניגס וועכטערס וועלן זי פאַנגען. שטאַרק מוז זי בלייבן בייצוקומען די געפאַר. פון אַלע מענער, וואָס זי האָט ביז היינט באַגעגנט, וועט זי נאָר פאַר איינעם זיך איינשטעלן. פאַר אים וועט זי פאַרראַטן. צוליב אים וועט זי ליידן פאַרשעמונג. זי האָט נישט געקענט באַפרייען איר אָרעם פון דעם וועכטערס בייניקער פויסט און געלאָזן געקוקט אין זיינע אויגן.

ער איז נישט געווען הויך און נישט ברייט. אָבער זיינע פעסטע שפּרייזן האָבן צוגעגעבן וואָג זיין מאָגערן גוף. פון דער שוואַרצער, קורצער באָרד און פון דעם קאָפּ מיט געקרויזטע האָר האָט געבלאָזן אַ פאַרבאָרגענע גבורה. די אומהיימלעכע, לויפנדיקע אויגן איבער זיין צעבויגענער נאָז האָבן אים געמאַכט ענלעך צו אַ רויבפויגל. רחב האָט מיט אַ וויג פון קאָפּ אָנגעוויזן אויפן טיש מיט די ווייַן־קרוגן.

— ביזט מיד פון וועג, וועכטער — האָט זי געזאָגט — טרינק מיט מיר אַ בעכער ווייַן און איך וועל דיר אויסזאָגן אַלץ וואָס איך ווייס וועגן די אויס־שפּירערס.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט, אַ קווינקעלדיקער זיך אַ וויג געטון און באַלעקט זיינע טרוקענע ליפּן. און רחב האָט געוואוסט, אַז דאָס איז דער ערשטער שפּור פון אונטערטעניקייט.

— צוערשט דעם קעניגס באַפעל — האָט ער געברומט, — די אויסשפּירערס, זענען זיי נאָך אין דיין הויז?

זי האָט געלאַכט.

— ביזט געטריי דעם קעניג, אָבער דיינע ליפּן זענען דאָרשטיק. מיט אַזעלכע געטרייע ווי דו זאָל דער פּאַלאַץ זיך נישט שרעקן פאַר צוויי אָרעמע וואַנדערערס. אַ בעכער צי אַ פולע קרוג?

דער וועכטער איז געווען צעטומלט. ער האָט געקוקט צו די טונקעלע טרעפּן, וואו זיינע צוויי באַגלייטערס זענען פאַרשוואונדן. דערנאָך האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם פּאַנצער ביי דער וואַנט. ער האָט ווידער געווישט דעם שוויים פון שטערן און זיך געלאָזט פירן צום טיש.

זי האָט צאַרט באַרירט זיין אָרעם.

— ווי הייסטו, וועכטער?

ער האָט זיך געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין האַרצן אַריין:

— איך בין תשרי, דער עלטסטער איבער פופציק אין דער אויבערשטער פעסטונג! — האָט ער אויסגעשריען און זיך צוגעבויגן צו איר אויער — זיי נישט געניאַרט ביי זיך, פרוי. נאָר צו כאַפּן די אויסשפּירערס בין איך גע־קומען אַהער.

זי האָט אָנגעפּולט אַ בעכער ווייַן און געלאָזט אַראָפּגליטשען דעם בלויען טיול פון איר האַלדז. דער נאַקן מיט די האַלבע אָרעמס זענען געבליבן אַנט־בלויזט פאַר די גלוסטיקע אויגן פון דעם קעניגס וועכטער. ער האָט אויסגע־טרונקען דעם ווייַן און איר דערלאַנגט דעם ליידיקן בעכער. רחב האָט אים צוגעטראָגן די פולע קרוג. זיינע ציין האָבן געבליאַסקעט אַזוי ווי די אויפגע־בליצטע אויגן, ווען ער האָט געזופּט פון דעם רויטן געדיכטן געטראַנק. דאָס בלוט איז אים אויפגעלאָפן צו די שליפן. דער זילבערנער קאַם איז אַרויסגע־פאַלן פון רחב׳ס האָר און די לאַנגע פלעכטן האָבן זיך צעשאָטן איבער איר ראַזעווען נאַקן. אָבער די ערשטע באַרוישטקייט האָט אים נישט געמאַכט אוממעכטיק. ער האָט האַסטיק אַוועקגעשטעלט די קרוג אויפן טיש און צוגעלאָפן צו די טרעפּן, פון וואַנען די צוויי וועכטערס האָבן געזאָלט אַראָפּקומען.

און רחב, וואָס האָט געוואוסט אַלץ וואָס ס׳טוט זיך אין זיין דערשראָקן האַרץ, האָט לאַכנדיק געזאָגט:

— שיק זיי אַוועק! צי דאַרפן דען די געהאַרכזאַמע זען זייער האַר אין זיין לוסט?

זי האָט געמיינט, אַז ער איז באַזויפן, אָבער זיין גוף האָט זיך קיין וואַקל נישט געטון. ער האָט אויסגעטרונקען אַ קרוג ווייַן, אָבער דאָס שווערע געטראַנק האָט אים נישט באַרוישט. אַן אומגעריכטע וואַכזאַמקייט האָט אים געטריבן פון אָרט. ער האָט זיך געגרייט אַרויפצולויפן ביז צום דאַך און זי האָט אים גערופן צו זיך. ווען ער האָט מיט כעס זי אָפּגעשטויסן, האָט זי אויפגעציטערט. צו האָבן אים אַזוי נאָענט און אים צו פאַרלירן, וועט ברענגען אַן אומגליק אויף איר הויז. ער איז געשטאַנען פאַר איר אַ שטאַרקער און גרויזאַמער און זי האָט מיט איר צאַרטקייט געמוזט בייקומען זיין אכזריות. זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אירע הענט.

— ביזט געקומען אין מיין הויז, תשרי — האָט זי געפּליסטערט.

— נישט צו ליגן אין דיינע אָרעמס — האָט ער געברומט.

— בלייב. איך וועל זיין מיט דיר אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט שטאַרבן פון פאַרגעניגן.

ער האָט זיך אָפּגעקערט מיט פאַראַכטונג.

רחב איז גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויף אים ווי אַ רויבפויגל. כוחות פון וואַנזין האָבן אין איר אויפגעוואַכט. אויפן אָרט פון צאַרטקייט איז געקומען אַ

באַגער נאָך גרויזאַמקייט. זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג אַריינצוּשטעכן אירע נעגל אין זיינע קינבאַקן. פאַר אַ נידערטרעכטיקן יונג האָט זי נאָר וואָס באַגראָבן איר שטאָלץ, פאַרשעמט איר שיינקייט און ער האָט זי פּרעך אָפּגעשטויסן. פאַרוואָס האָט זי אַזוי זיך דערנידעריקט, נאָר כּדי צו שיצן אַ פרעמדן מאַן, וואָס ער ווייסט אפילו נישט פון איר געטריישאַפט? די לוסט צו צערייסן די הויט אויף זיין פּנים, איינצובייסן אירע ציין אין זיין ווילדן פלייש האָט איר געגעבן געוואַגנג כּוח אָנצוכאַפּן דעם צעטומלטן וועכטער ביי די אַקסלען און אים טרייסלען. זי האָט געשריען:

— ביזטו אַ מאַן מיט געזונטע לוסטן, אָדער בלויז אַ ווייכער גוף אונטער אַ קופּערנעם פּאַנצער?

ער איז געוואָרן דול פון איר אויפגעוואַכטער שטאַרקייט און איין אויגנ־בליק געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער. דערנאָך האָט ער אַ טיפן שלוק געטון פון דער קרוג וויין און אָפּגעווישט די ליפּן. זיין פּנים האָט ווידער אויפגעפלאַמט און ער האָט זיך דערנענטערט צו איר.

— זאָג — האָט ער זיך געשטיקט פון געלעכטער — ביזט שוין אַמאָל געלעגן מיט איינעם פון דעם קעניגס וועכטערס?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש אויף זיין האַרטן קינבאַק און געשלאָגן מיט די פויסטן איבער זיין קאָפּ. ער האָט זיך נישט געוואָרט. ער האָט אוועק־געשטעלט די קרוג און געקוקט אויף דער האַלב אַנטבלויזטער פרוי, וואָס איז געווען שענער אין איר ווילדן צאָרן. ווען זי איז אַן אוממעכטיקע אָפּגעטראָטן האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון פּרוכטן־קאַרב אַ פּאָר טייטלען און פאַרביסן. מיט דער זיכערקייט פון אַ געזעץ־היטער האָט ער אַרויסגענומען פון אונטערן לייב־גאַרטל אַ פאַרמעט־בויגן. אַ פאַרשטיקט געלעכטער האָט ווידער זיך געריסן פון זיין האַלדז ווען ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן דאָ אויף איר און דאָ אויף דעם אויפגעוויקלטן פאַרמעט.

— האַרך אויס, רחב. דאָס איז דער באַפעל פון מיין האַר דעם קעניג, צו תשרי זיין געטרייען וועכטער: גיי אַריין אין דעם ערשטן גאַסטהויז אין שטאָט און ברענג רחב׳ן, די פרוי וואָס שפּרייזט מיט שטאָלץ ווי אַ פּרינצעסין און אירע אויגן לויכטן ווי בלויע איידלשטיינער. ברענג זי צו מיר, אויב אירע ליפּן וועלן שווייגן און זי וועט פאַרהוילן דאָס, וואָס זי ווייס וועגן די פרעמדע אויסשפּירערס. און אַז זי וועט זיך דיר קעגנשטעלן, שלאָג זי איבערן קאָפּ מיט דעם הענטל פון דיין שווערד! אָבער מער קיין שלעכטס זאָלסטו איר נישט טון, וואָרום די טאָכטער פון אַן אַדעלמאַן איז זי.

און תשרי האָט אַרויסגעצויגן זיין שווערד און אויפגעהויבן דאָס הענטל איבער איר קאָפּ און הינטערליסטיק געוואַרט. רחב האָט געקוקט אויף אים

אומדערשראָקן, אַרויסרופּעריש אַזוי לאַנג ביז ער האָט אַ פאַרשעמטער צוריק אַריינגעלייגט דאָס וואָפן אין זיין שייד.

— איך האָב דיך נישט אָנגערירט — האָט ער געזאָגט — אַצינד ווייז מיר דאָס באַהעלטעניש פון די אויסשפּירערס.

אַ רעש האָט זיך געטראָגן פון די אויבערשטע שטאָקן. טירן האָבן זיך פאַרקלאַפּט. דער אָפּהילך פון לויפנדיקע טריט איז געווען אין זיינע אויערן. די צוויי וועכטערס זענען אַרונטערגעקומען פון די טרעפּן מיט די שפּיזן אויסגעשטרעקט..

— קיינער איז אין דעם דאַזיקן הויז נישט באַהאַלטן — האָבן זיי געזאָגט.

— די קאַמערן פון די געסט, האָט איר זיי געעפנט? — האָט תשרי שטרענג געפרעגט.

— פון אַלע געלעגערס האָבן מיר אַראָפּגעטריבן די הענדלערס און דורכפאָרערס.

— און ביי קיינעם האָט איר נישט געזען באַטרוג אין די אויגן?

די וועכטערס האָבן געשוויגן און דאָס בלוט האָט אויפגעפלאַמט אין זיינע ציטערדיקע שלייפן. ער האָט אָנגעכאַפּט רחב'ן ביים האַנט-געלענק. פון כעס זענען בלויע אָדערן אויפגעלאָפן אויף זיין האַלדז.

— זענען זיי אַנטרינען? — האָט ער געשריען — רייד, גאַסטביטערין פון יריחו איידער איך שלעפּ דיך אויף אַ קייט צום פּאַלאַץ!

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט פאַראַכטונג. זיין כעס האָט נישט אָפּגעשוואַכט איר ווידערשטאַנד. אַנשטאָט פּיין האָט אין איר אויפגעוואַכט אַ גליקזעליקייט. דאָס געשטאַלט פון כלב'ן איז פּלוצים אויפגעשוואומען און זיינע אָרעמס האָבן ווי אַ פּאָר צאַרטע פליגלען געפלאַטערט איבער איר. זי האָט זיך באַפרייט פון דעם וועכטערס האַרטער פויסט און אָפּגעטראָטן. אַלע פאַרדאַכטן מוז זי פון דעם אכזר פאַרטרייבן. דער סוד וועט בלייבן פאַרזיגלט אין איר בלוט. אירע ציין האָבן געביסן די ליפּן. אירע אויגן האָבן נישט אַרויסגעלאָזט קיין טרער.

תשרי, מיד פון דער עקשנותדיקער פרוי, האָט אוממעכטיק צעשפּרייט די הענט. די אָנגעשוואָלענע בייטעלעך אונטער זיינע אויגן זענען געווען בלייך און זיין שטים נידעריק.

— צוויי מענער זענען היינט געקומען אין דיין הויז. גיב זיי אונדז אַרויס און קיין בייז וועט דיר נישט געשען.

און ווי רחב האָט געשוויגן, איז זיין קול ווידער געוואָרן הילכיק.

— אומגליקלעכע! צי זענען זייערע קעפּ דיר טייערער ווי דיין נפש?

ביי די ווערטער האָט רחב געוויזן אַ דערשראָקן פּנים, אָבער איר שרעק

איז געווען פאַלש. מיט דעם אָנשטעל פון צעטומלעניש און פאַרווירטקייט איז זי געשטאַנען פאַר אים. זי האָט געקוקט מיט אונטערטעניקע בליקן.

— יאָ — האָט זי שטיל געזאָגט — צוויי מענער זענען היינט געקומען צו מיר, אָבער איך האָב נישט געוואוסט פון וואַנען זיי זענען.

— וואָס האָבן זיי געטון?

— דעם מאַלצייט האָבן זיי געגעסן, אָבער קיין געלעגער האָבן זיי נישט געבעטן. און ווי ס'איז געוואָרן פינסטער און מען האָט געהאַלטן ביים פאַר־שליסן דעם שטאָט־טויער, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען.

— וואוהין?

— ווי אַזוי זאָל איך וויסן? צום באַרג הינטער די ערדוואַלן זענען זיי אוודאי אַנטלאָפן. יאָגט זיי נאָך! יאָגט זיי נאָך ביז צום באַרג, וואָרום כאַפּן וועט איר זיי נאָך כאַפּן!

אַ ווילדע פרייד האָט אָנגעצונדן זיינע אויגן. ער האָט אַ שטופּ געטון די צוויי וועכטערס און זיי געטריבן צו דער טיר.

— אויף די פערד! און הייסט אויפפּראַלן דאָס טויער!

דערנאָך האָט ער זיך אַ קער געטון צו רחב'ן מיט דער אויפגעהויבענער שווערד:

— שווינען וועל איך דיך, רחב. כ'שווער, אַז קיין האָר וועט נישט פאַלן פון דיין קאָפּ, אויב אמת רעדט דיין צונג. אָבער ווי איך וועל זיך דערוויסן, אַז נאַרן האָסטו מיך געגאַרט, וועל איך אַליין צוריקקומען און דורכלעכערן דיין שיינעם האַלדז.

ב

די וואָרנונג האָט נאָך געדרוישט אין אירע אויערן, ווען די וועכטערס האָבן פאַרקלאַפּט דאָס טויער און דער גאַלאָפּ פון זייערע פערד האָט דורכגעלעכערט די שטילקייט פון דער נאַכט. זיי זענען אַרויסגעריטן פון שטאָט נאָכצויאָגן די אויסשפּירערס אויפן וועג צום ירדן, ביז צו די איבערפאָרן. פאַרווירט און דער־שלאָגן איז רחב אַ רגע געשטאַנען אונטערן שיין פון דער אייללאָמפּ. איר האַרץ האָט געפלאַטערט ווי אַ פליגל־געדרויש און אויסגעדרוכט האָט זיך איר ווי נאָכן קלאַפּ אין טויער איז די גאַנצע וועלט פאַרזיגלט געוואָרן צווישן די ווענט פון איר גאַסטהויז. נישט אין איר ווירדע און שטאָלץ האָט דעם קעניגס וועכטער זי היינט געזען. פאַרוואָס האָט זי אים פאַרנאַרט אין איר קאַמער אַזוי ווי אַ שאַנדפרוי פאַרנאַרט אַ ים־פאָרער אין אַ האַפן־געסל? עס איז געווען צו שפּעט אויף חרטה און צו פרי פאַר פאַרוואורפן. זי האָט אין געאייל פאַרוואָרפן אויף

די אַקסלען דעם נאַכט־מאַנטל און געלאָפן אויפוועקן די געטרייע חגית. לויפנדיק איבער די טרעפּ צום אויבערשטן שטאָק, איז אין איר מוח שוין פאַרטיק געווען דער פּלאַן ווי אַרויסצופירן די אויסשפּירערס פון גאַסטהויז. זי וועט ראַטעווען די מענער פון ישראל און נקמה נעמען אָן דעם צינזהאַר מרון מיט די וועכטערס. ווי אַן אַדלפרוי וועט זי אַריינקומען אין פּאַלאַץ און פאַר דעם קעניג אַליין וועט זי פאַרקלאָגן די נידערטרעכטיקע און אונטערגעקויפטע.

זי האָט מיט כעס געקלאַפּט אויף דער קאַמער פון איר דינסט. חגית איז נישט געשלאָפן. פון איר באַהעלטעניש האָט זי זיך איינגעהאָרכט צום שמועס פון איר האַרינטע מיט די וועכטערס. ווען זי האָט אַ צעטומלטע זיך באַוויזן אין טיר, האָט רחב אַ געשריי געטון:

— וועק אויף די שטאַל־יונגען און הייס זיי גרייט מאַכן דעם טראָגשטול! צום קעניגס הויז וועלן זיי מיך פירן!

די צעמישטע דינסט האָט געווישט די פאַרשלאָפענע אויגן.

— אַצינד?

— נאָך איידער די נאַכט וועט אַריבער. דער קעניג איז היינט וואַך און די חונפים טרייסטן אים מיט באַטרוג.

— וואָס גייסטו פאַרלאַנגען פון קעניג?

— דעם קאָפּ פון דעם צינזהאַר און די שווערד פון דעם עלטסטן וועכטער!

חגית איז אומגערן געלאָפן טון וואָס איר האַרינטע האָט איר געהייסן און רחב האָט אָן אָטעם געאיילט צום דאַך־שטיבל. נאָך איידער זי איז אַרויסגע־קומען צום לעצטן טרעפּ, האָט זי דערזען כלב'ן און פּנחס'ן שטיין מיט די בינטלעך קליידער אויף די אַקסלען ווי וואַנדערערס אין וועג.

— אַנטלויפט — האָט זי געפּליסטערט — די האַרנשלאַנגען יאָגן זיך נאָך אייך.

פאַרשולדיקטע האָבן זיי געקוקט אויף איר. די אונטערטעניקייט פון פאַר־צווייפלטע איז געווען אין זייערע אויגן. רחב האָט אין געאייל זיי באַטראַכט. ווידער איז געווען צו שפּעט אויף רחמנות און צו פרי פאַר חרטה. די סודות פון יריחו זענען פאַר זיי היינט אַנטפּלעקט געוואָרן. זייער לעבן איז אין אירע הענט, אָבער זי וועט נישט פעלשן איר צוזאָג ווי לאַנג זיי וועלן אָפּהיטן זייער שבועה. אין איר שטורעמדיק האַרץ איז אויפגעגאַנגען אַ פאַרדאַכט, ווען זי האָט געקוקט אויף די צוויי דערשראָקענע מענער, וועלכע זענען געווען אַנדערש אין זייער אויסזען און אַנדערש אין זייערע הערצער. איינער איז צו איר געווען ווידערשפּעניק און דער צווייטער געהאָרכזאַם. זאָל זי דעריבער ביידן באַ־שטראָפן? ניין! — האָט אַ שטים איר באַפוילן — אכזריות צו די גרויזאַמע! גנאָד צו די גנעדיקע!

— איך וועל אייך אַראָפּלאָזן מיט אַ שטריק דורכן פענסטער — האָט זי האַסטיק געדעדט — מיין הויז איז אין דער פאָדערשטער וואַנט פון דער שטאָט־טויער. און ווי איר וועט בלייבן אויף יענער זייט מויער, לויפט צום באַרג, אַז די נאָכיאָגערס זאָלן אייך נישט אָנטרעפן!

זיי זענען געשטאַנען פאַרגליווערטע. רחב האָט אָנגעוויזן אויף דעם דאַך־לייטער:

— ברענגט די רויטע שטריק, וואָס הינטער די פלאַקס־שטעקעלעך. אָבער איידער איר גייט דאָס טון, שווערט פאַר מיר נאָכאַמאָל, אַז אין טאָג פון אייער נצחון וועט איר שוינען מיין הויז. מיין פאָטער און מוטער, מיינע ברידער און שוועסטער וואוינען אין דער אונטערשטער שטאָט און איך וועל זיי דאָ איינזאַמלען אין טאָג פון מלחמה. אַ צייכן מוזט איר מיר געבן, אַז איר וועט לאָזן לעבן זיי און אַלע וואָס געהערן צו זיי. אַ שבועה פאַרלאַנג איך פון אייך, אַז איר וועט ראַטעווען אונדזערע נפשות פון טויט.

אַ ציטער איז דורך איבער פנחס'עס לייב ווען ער האָט דערהערט די שטרענגע רייד פון דער פרוי. אָבער כלב האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרצן און געזאָגט:

— אונדזער נפש אָנשטאָט אייך אַלעמען זאָל זיין צום טויט, אויב אונדזער שבועה וועט געבראָכן ווערן! אָבער קיינער פון אייך טאָר נישט אַנטפּלעקן אונדזער היינטיקן סוד. און עס וועט זיין ווי גאָט פון ישראל וועט אונדז געבן דאָס לאַנד, וועלן מיר פאַרהיטן דיך און דיין הויזגעזינד פאַר דיין געטריישאַפט.

אַ באַרואיקטע האָט רחב געקוקט אויף כלב'ן. אין זיינע אויגן האָט געלויכטן אַ לויטערע ערלעכקייט. זיינע ליפּן האָבן גערעדט אמת.

— אַז איר וועט צוקומען צום באַרג — האָט זי געזאָגט — זאָלט איר דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן דריי טעג ביז די נאָכיאָגערס וועלן זיך אומקערן. דערנאָך וועט איר ווייטער גיין אייער וועג און צוריקקומען אין פרידן אין אייער לאַגער.

אַ גליקזעליגער שמייכל האָט געשוועבט אויף כלב'ס ליפּן. אָבער פנחס איז ווידער געווען באַהערשט פון עקשנות און אייפער. די זיכערקייט פון די פּאַרכטיקע האָט אים נישט אָפּגעשוואַכט אַנטקעגן דער דאָזיקער שטאַרקער פרוי. ער האָט אויסגערופן:

— ריין וועלן מיר זיין פון דער דאָזיקער שבועה, אויב אויסמישן וועט איר זיך, דו און דיין הויזגעזינד מיט די קריגסלייט פון אונדזער פיינט. אַ וואָרנונג זאָל דאָס זיין פאַר דיר, פרוי! און אַז מיר וועלן ווידער אַריינקומען אין יריחו, זאָלסטו ווי אַ צייכן אָנבינדן אַ רויטן פאָדים פון דער שטריק אין דעם פענסטער, פון וואַנען מיר וועלן אַצינד זיך אַראָפּלאָזן. און דיין גאַנץ הויז־

געזינד זאָל זיין איינגעזאַמלט אונטער דיין דאַך און קיינער זאָל נישט אַרויס־טרעטן. אָבער ווען איינער וועט אַרויסגיין דורך אַ טיר אין דרויסן, וועט זיין בלוט פאַלן אויף זיין קאָפּ און מיר וועלן זיין ריין פון דער שבועה! נאָר דער, וואָס וועט בלייבן אין הויז, וועט זיין בלוט פאַלן אויף אונדזער קאָפּ, אויב אונדזער האַנט וועט זיין אויף אים! און גדענק! אויב אויסזאָגן וועסטו דעם דאָזיקן סוד, וועלן מיר אויך ריין זיין פון דער באַשווערונג, וואָס דו האָסט אונדז באַשוואוירן!

זיין וואָרנונג האָט געוועקט איר כעס, אָבער די רייד זענען געווען גע־רעכטע. זי האָט געזאָגט:

— ווי אייערע ווערטער, אַזוי זאָל זיין!

ביידע אויסקוקערס האָבן זיך אַ קער געטון צום דאַך־לייטער אַראָפּצו־ברענגען די שטריק, אָבער רחב האָט מיט אַ צייכן גערופן כלב׳ן צו זיך.

— וואַרט! זאָל ער אַראָפּברענגען די שטריק. און דו קום אַריין אין מיין קאַמער.

זי האָט געמאַכט איין טריט פאָראויס און זיך אויסגעדרייט.

— דו אַליין קום.

אונטן, אין דער אויפנעם־קאַמער האָט אַ גליענדיקער שיין באַלויכטן די ווענט און אויף דער ווייַרויך־פאַן אין ווינקל האָבן בלויע וואָלקנדלעך זיך געדרעדלט. זי האָט געלאָזט פאַלן דעם מאַנטל פון די אַקסלען. אונטערן פלאַם פון דער אייללאָמפּ זענען אירע באַקן געוואָרן אָפּגעגאָסן מיט אַ ראָזלעכן שימער און כלב האָט געקענט זען ווי אירע שלייפן האָבן לייכט אויפגעציטערט און די הויט אויף איר אַנטבלויזטן נאַקן האָט ווי געפלאַטערט. זיין אייגן האַרץ האָט געשטורעמט, אָבער ער איז געשטאַנען פאַר איר אַ שווייַגנדיקער. זי האָט געקוקט אויף אים מיט שטומען אויסדרויער.

— איך וועל וואַרטן ביז דו וועסט זיך אומקערן ווי אַ זיגער — האָט זי שטיל געזאָגט.

— דו וועסט זיך דערוואַרטן אויף דעם טאָג, רחב. גאָט, דער אַלמעכטי־קער, וועט אונדז ביידן געבן דעם טאָג.

זיינע רייד האָבן איר צוריקגעגעבן די זיכערקייט, אָבער איר פאַרלאַנג איז נישט געווען געשטילט.

זי האָט געוואַרט ער זאָל זי אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס, אָבער זיינע הענט זענען געווען אַראָפּגעלאָזן. ער איז געווען אַזוי געניט ביים באַהערשן די מענערישע לוסט צו פרויען, אַז זיין בלוט איז אַצינד געבליבן קיל. דאָס פייער, וואָס האָט געשפּריצט פון אירע אויגן, האָט אים נישט געקענט אָנצינדן. רחב איז געשטאַנען ווי אַ מאַנעקין, אָבער כלב איז נישט געוואָרן אונטערטעניק.

ווען זייערע בליקן האָבן ווידער זיך באַגעגנט, איז דאָס געווען אַ פּאַרמעסט פון כוחות: גבורה קעגן אַנגריף.

— אין דער היינטיקער נאַכט וועסטו אַרויסגיין דיין וועג און איך וועל גיין מיין וועג — האָט זי געזאָגט, — זיי נישט פאַרשעמט וואָס איך וועל פאַר דיינע אויגן זיך איבערטון. איך איַיל זיך צום פּאַלאַץ און איך מוז טראָגן די קליידער פון אַן אַדלפרוי. איך וועל בעטן ביים קעניג, ער זאָל פאַרטרייבן דעם נידערטרעכטיקן צינזהאַר, וואָס האָט אונדז אויסגעגעבן.

— און דיין קעניג? וועט ער דעם צינזהאַר באַשטראָפן?

— דער פּחדן וועט אונטערגיין. ער וועט שטאַרבן אַזוי ווי ער איז געבוירן געוואָרן, מיט געוויין.

אויף דעם רו־בעט הינטערן וויין־טיש זענען געלעגן די קליידער, וואָס חגית האָט אָנגעגרייט. רחב האָט אויסגעטון די סאַנדאַלן און זיך אויסגעוויקלט פון די טיולן און זי האָט געמיינט, אַז ער טרינקט די דופטן פון איר לייב אַזוי ווי שטאַרקן וויין. זי האָט געוואוסט פון דער אויפגעוואַכטער לוסט ביי מענער, ווען זיי זעען ווי אַ ווייבלעכער קערפּער ווערט לאַנגזאַם אַנטבלויזט און נאָך לאַנגזאַמער אָנגעטון. מיט אַ פאַרלאַנג אויפצורייצן זיין בלוט האָט זי אַרויפגעצויגן אויף זיך איינציקווייז די איידעלע געוואַנדן פון וועב־אַרבעט. באַזאַכט האָט זי דאָס געטון, כדי נישט אויסצולעשן אין כלב׳ן די דרימלדיקע באַגערן. און ווי זי האָט באַנעצט אירע אויערן־לעפּעלעך מיט שמעקעדיקע טראָפּנס, האָט זי אים גערופן מיט שטומע צייכנס.

ער האָט זיך דערנענטערט און באַלד אָפּגעטראָטן. זי איז געשטאַנען פאַר אים אומבאַוועגלעך ווי אַ דענקמאָל. אַן אומגעזעענע האַנט האָט אים געשטויסן פאָראויס. זיינע קניען האָבן געציטערט. מיטאַמאָל האָט ער זי לייכט באַרירט און ווידער זיך צוריקגעצויגן. צי האָט דאָס בלוט אין זיינע אָדערן אויפגעזאָטן, אָדער האָט זי אַליין דערפילט אַ וואַרעמקייט פון זיין באַריר? זי האָט דערנענטערט אירע ליפּן און ער האָט געשפּירט ווי זיי ווערן ווייך אונטער זיין מויל. ער האָט אָנגערירט אירע אָרעמס און נאַקן און די שטייפקייט האָט נאָכגעלאָזט. איר לייב איז געווען אין זיינע אויגן ווי וואַקס, וואָס צעגייט אויף דער זון.

ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— דו ציטערסט כלב, דו האָסט מורא — האָבן אירע ליפּן געפּליםטערט, — פאַרוואָס שרעקסטו זיך?

ער האָט זיך באַפרייט פון אירע הענט.

— איך מוז גיין. די וועכטערס יאָגן זיך נאָך אונדז.

— ווארט כלב, ביז זיי וועלן דערלויפן צום ירדן. דערנאך וועסטו א זיכערער ארוים פון שטאט.

— רחב — האט ער געזאגט — דער אלמעכטיקער זעט אלץ, וואס עס טוט זיך אפ אין דער דאזיקער קאמער. אונדזערע כהנים זענען צארנדיקע מענער און גאט אליין באשטראפט איטלעכן מאן פון ישראל, וואס טוט אפ שמאך צו א פרעמדער פרוי.

זי האט אריינגעקוקט אין זיינע אומרואיקע אויגן און געפרעגט:

— צי האסטו דען מורא פאר דער שטראף, וואס וועגן איר ווארענען דיינע כהנים?

— איך האב מורא פאר דעם אלמעכטיקן גאט און דעריבער שרעקט מיך מיין אייגן הארץ. פארוואס זאל איך שפעטער געפייניקט ווערן פון חרטה און בושה?

— צי ביזטו דען מיר גארנישט שולדיק, כלב, פאר דעם גנאד וואס כ'האב מיט דיר היינט געטון? פארוואס זאל דער אלמעכטיקער גאט דיר באצאלן מיט שטראף? מיר, די זינדיקע, זענען נישט אנדערש ווי גאט האט געוואלט, אז מיר זאלן זיין.

זיין פנים, באגאסן פון אנגסטן, איז אונטערן פלאם פון דער איילאמפ געווארן נאך דערשראקענער. אונטער איר בריענדיקן אטעם האט זיין באָרד געציטערט ווי א צווייגן־געפלעכט אין ווינט. זי האט געוואוסט, אז ווען א מאן רעדט געגנוג לאנג שרעקעוודיקע רייד און ער פייניקט זיך מיט ספקות, קען ער דערשטיקן זיינע פלאמיקע פארלאנגען. זי האט אויסגעשטרעקט צו אים אירע הענט.

— כלב, דו טארסט אליין זיך נישט בארויבן פון באגערן, וואס ברענען אין דיין בלוט. קוק אויף מיר. צי קענסטו טראכטן, אז איך וועל דערלאזן אז בייז זאל דיר געשען? צי וואלסטו דען אצינד דא מיט מיר געשטאנען, אויב דיין צארנדיקער גאט וואלט אנדערש באגערט?

אין זיין צעטומלטקייט און קווינקעלניש איז ער גרייט געווען מודה צו זיין, אז אירע רייד זענען ווארע ווייל ביי אים האט ווי ביי יעדן שוואכן מאן ווידער אויפגעוואכט א פארלאנג צו דער דאזיקער לוסטפרוי. די תאווה האט זיך געצונדן, אבער זיין אייפער איז נאך נישט געווען פארלאשן. ער האט גע־קוקט אויף איר ווייסן נאקן, וואס האט דורך די בלויע שלייערן געלויכטן ווי פארפיר. זיינע אויגן האבן געוואנדערט איבער איר לייב, פון די געפורעמטע ארעמס ביז אראפ צו די לענדן. די נאזלעכער האבן אויפגעציטערט פון די דופטן פון מירע. ער איז געווען בארוישט ווי א שיכור. אבער אין דער דאזיקער

רגע פון פּרוּוואוּנג זענען נייע כּוחות אין אים אויפגעגאַנגען און ער איז גרייט געווען צו וואַרפן אויף איר צאַרנדיקע רייד.

זי האָט זיך איינגעקלאַמערט אין אים.

— כּלב, איידער דו פאַרלאָזט דאָס דאָזיקע הויז, נעם מיך נאָך איינמאָל אַריין אין דיינע אָרעמס.

און ווי זי האָט זיך געדריקט צו זיין שטאַרקן גוף, האָט זי דערפילט אויף זיך אַ באַריר ווי פון פייערדיקע פינגער. כּלב איז מער נישט געווען קיין מאַן. ער איז געווען אַ שטורמפויגל, אַן אָדלער וואָס האָט אַראָפּגענידערט פון די הויכקייטן און איר ליבע האָט געלעכצט צו אים מיט אַ דערשטיקט געוויין.

פון די אויבערשטע טרעפּן האָבן זיך געטראָגן לויפנדיקע טריט. דאָס קול פון פּנחס'ן האָט גערופן:

— כּלב, כּלב, פאַרוואָס פאַרזוימסטו זיך?

כּלב איז אויפגעשפּרונגען און זיך געלאָזט צו די טרעפּן. רחב איז אים נאָכגעגאַנגען.

— דו גייסט אַוועק — האָט זי מיט טרויער געזאָגט — ווער וועט מיך באַשיצן?

— ווען איך וועל דאָ נישט זיין און די שטאָט וועט באַלאַגערט ווערן, וועט ער, וואָס זיצט אין די הויכקייטן, אַראָפּשיקן וועכטערס דיך צו באַשיצן.

זי האָט זיך פאַרטראַכט און פּלוצים האָבן אירע אויגן אויפגעלויכטן. זי האָט אויסגערופן:

— גומר! דער ריז גומר! ער וועט קומען מיך באַשיצן!

אירע פאַרבענקטע בליקן האָבן געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין.

— וואו איז ער פאַרשוואונדן, דער וואָס האָט די גבורה פון אַ לייב און די צאַרטקייט פון אַ לאַם?

— ער וועט צוריקקומען. אַלע אונטעריאָכטע און געיאָגטע וועלן צוריקקומען אין יענעם טאָג, ווען יריחו וועט זיין אין אונדזערע הענט.

ער האָט האַסטיק זיך געהויבן איבער די טרעפּן און רחב איז געווען הינטער אים.

— אַ שבועה האָסטו מיר היינט געגעבן, כּלב.

— און הייליק וועט די שבועה ביי מיר זיין.

— אין נאָמען פון דעם צאַרנדיקן גאָט האָסטו פאַר מיר געשוואוירן.

— אין זיין נאָמען וועל איך די שבועה היטן.

און מער האָבן זיי נישט גערעדט. זיי זענען אַרויפגעגאַנגען צום דאַך־שטיבל. דאָרט איז פּנחס אַנטקעגן געקומען מיט די געפלאָכטענע רויטע שטריק.

און רחב האָט שווייגנדיק ביידן אַראָפּגעפירט אַ שטאָק נידעריקער און זיי אַריינגעלאָזט אין אַ קאַמער מיט אַ פענסטער אין דער מיטלסטער וואַנט. און ווי זיי האָבן אָנגעבונדן די שטריק אין דעם האָקן פון פענסטער און זיך אַרונטערגעלאָזט אויף יענער זייט מויער, איז די וועלט געווען איינגעהילט אין פינסטערניש. אויף איין אויגנבליק האָט אין רחב׳ס אויגן אויפגעשטראַלט אַ פרייד פון נצחון. זי האָט זיך אַרויסגעבויגן פון פענסטער און געפליסטערט.

— צום באַרג אַנטלויפט. דאָרט זאָלט איר זיך אויסבאַהאַלטן דריי טעג, ביז די נאָכיאָגערס וועלן זיך אומקערן אין שטאָט.

קאַפּיטל נײַן

א

איבערן טויער פון פּאַלאַץ זענען די פאַקעלן געווען פאַרלאָשן, אָבער אין לאַנגן פּירהויז הינטער דעם קרוינזאַל האָבן געברענט אַלע אייללאָמפּן. טומל־דיקע הויפּטלייט מיט וואָפן און ראַטגעבערס מיט איינגעוויקלטע פּאַרמעטן האָבן דאָרט זיך געטראָגן אַהין און אַהער. ווען רחב איז אַרויס פון איר טראָג־שטול און זיך געלאָזט צו די פּאָדערשטע טרעפּ פון אַרייַנגאַנג, זענען צוויי וועכטערס אַקעגן געלאָפן צו פאַרשפּאַרן פאַר איר דעם וועג. אָבער די ערשטע גאַסטביטערין פון יריחו, פאַר וועמען טירן פון מאַכטהאָבערס זענען געשטאַנען אָפן, האָט מיט פאַראַכטונג אויסגעמיטן דעם קעניגס קנעכט און דרייסט גע־שפּרייזט פאָראויס.

ביים אַרייַנגאַנג האָט זי דערזען דעם שלאַכטמאַן רקם. אומגעריכט האָט ער פאַר איר זיך באַוויזן און אומדערוואַרט איז פאַר אים געווען איר אָנקום. זיין וואוקסיגער גוף, זיינע האַרטע, געוויקלטע לאָקן און זיין שווערד ביים לענד האָט געשטאַרקט איר זיכערקייט. און ער, אַ פאַרבליפטער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אירע רייכע קליידער. זי איז געווען אויסגעצירט ווי אַן אַדלפרוי און געשטעלט טריט ווי אַ הערשערין. ער האָט געעפנט די ליפּן, אָבער זי האָט מיט אַ האַנט־צייכן אים באַפוילן צו שווייגן. אויפגעמונטערט וואָס זי האָט באַגעגנט איינעם פון אירע געטרייע, האָט איר האַרץ אַצינד געפלאַטערט ווי אַ פלאַנץ אין ווינט. „ס׳איז דער צייכן פון די שטערן, אַז מלאכים האָבן מיך באַגלייט אַהער — האָט זי צו זיך געזאָגט — און רקם, וועלכער האָט מיך ליב, וועט מיר היינט אַ הילף זיין״.

אָבער פאַר דעם צעשטראַלטן קריגסמאַן האָט זי מיט אַ כיוון אונטער־דריקט איר פרייד. זי האָט אים איינגערוימט, אַז זי איילט זיך צום קעניג און ער האָט אַ געהאָרכזאַמער זי געפירט פאַרביי די ווענט פון מירמלשטיין און

זיילן פון פּאָרפיר. אינמיטן גאַנג איז די נייגעריקייט פון אים נישט אָפּגעטראָטן און די שטענדיקע לוסט צו שפּאַסן האָט אין אים אויפגעוואַכט.

— צו וואָס גיין זען דעם צאָרנדיקן קעניג, שיינע רחב, אַז אַלע עלטסטע ליגן אויף די קניען פאַר דיר? — האָט ער געזאָגט — כ׳האָב נאָך נישט פאַרגעסן ווי דער שטאָטהאַר און דער הויפּטמאַן זענען היינט ביים מאַלצייט גרייט געווען צו פאַרגיסן זייער בלוט צוליב דיר.

— פיר מיר צום קעניג — האָט זי שטרענג געזאָגט — די געטער זענען עדות, אַז איך מוז אים אַצינד זען.

— די געטער זענען שטום און די לוסט שרייט ביי אַלע שטערבלעכע. דו קענסט מיך נישט נאַרן, רחב. דו באַגערסט מענער, וועלכע בוקן זיך צו דיר און פלוידערן אייטעלע רייד אין דיינע אויערן. זאָג אויס דעם סוד. וואָס האָט דיך געטריבן אַהער אינמיטן נאַכט צו זען דעם קעניג?

— כ׳וויל אים ברענגען דעם קאָפּ פון איינעם פון זיינע געטרייע.

ביי רקמ׳ען האָבן אויפגעבליצט די אויגן.

— אַ באַטריגער?

— אַ רויבעריונג.

— אַ קריגסמאַן?

— אַ צינזהאַר.

דער שלאַכטמאַן האָט פון איבעראַשונג זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט אַריין:

— מרון! דער, וועלכער שינדט אָפּ די מאַרק־הענדלערס! ווי אַזוי האָב איך אים נישט דערקענט ביז אַהער? איך האָב אים פאַרדעכטיקט היינט ביים מאַלצייט. ער האָט געשוויגן ווען אַלע געסט זענען הייזעריק געוואָרן פון שרייען. די, וועלכע שוויגן אין טומל, ביי זיי זענען די הענט אומריין און די הערצער פול מיט באַטרוג.

נצחון האָט געלויכטן אין אירע אויגן ווען ער האָט אַ צעפּלאָמטער אויסגערופן:

— איך אַליין וועל אים פירן צו דער שטיינער־וואַנט! זאָג, ווי גרויס איז דאָס בייז, וואָס ער האָט דיר געטון?

ביי דער שוועל פון קרוינזאַל איז אַ שווייגנדיקער וועכטער אָפּגעטראָטן און רקם מיט רחב׳ן זענען אַריין אינעווייניק. זיי זענען געבליבן שטיין אויף אַ טעפּיך פון לייבן־פעל. דענקמעלער פון בראָנדז, מירמלשטיין און אַלאַבאַסטער זענען געווען אויסגעשטעלט אונטער דעם דאַך־באַלקן, וואָס איז געווען אויס־געוועלבט ווי אַ הימל. צופוסנס פון אַ ריזיקן אָפּבילד פון בעל האָט אַ יונגער פּריסטער געלאָסן אַריינגעשטעקט בשמים־רערן אין אַ וויירויך־פּאַן. ער האָט

מיט אַ דינער מעשענער צוואַנג אַרויסגעהויבן אַ ברענענדיקע קויל פון דעם פייער־בעקן און צוגעלייגט צו איטלעכער רער. די בלויע רויך־וואָלקענדלעך, וואָס האָבן זיך געדרעלט אין דער לופט, האָבן געקרעלט מיט רייצנדע דופטן.

אינמיטן זאָל איז געשטאַנען דעם קעניגס רו־בעט, אויסגעפורעמט ווי אַ שוואַן צווישן בלויע זיילן, וואָס זענען געווען איינגעהילט אין דורכזיכטיקע פאָרהאַנגען. די גאָלד־געליישטע פיגורן אויף די פיס פונעם בעט זענען געווען אַ דערמאָנונג, אַז די איינוואוינער פון יריחו זענען גענוג רייך צו פאַרגינען דעם הערשער אויסצוצירן זיין הויז מיט זייער עשירות. שמעקעדיקע ריחות האָבן אַרויסגעשלאָגן פון דעם צעדערהאָלץ און אייכענהאָלץ פון די געשניצטע שטולן און טישן, צעשטעלטע איבערן זאָל.

דער הערשער פון יריחו איז געלעגן אויף די ווייכע געוואַנדן מיט אַ בעכער ווין אין האַנט און זיך געטרייסלט פון געלעכטער. אַ יונגע שקלאַפין האָט גע־רייניקט די נעגל פון זיינע פיס און אַ האַרעם־ווייב ביי זיין צוקאָפּנס האָט צערטלעך געריבן זיינע שלייפן, צו האַלטן דעם קעניגס מוח וואַך. דער קעניג איז געווען באַרוישט פון פאַרגעניגן. רקם האָט זיך צוגעבויגן צו רחב'ן און איינגערוימט:

— ער האָט היינט מלחמה געפירט מיט די פּריסטערס און אַרויסגעטריבן אַלע הויפּטלייט. אָבער אַצינד איז ער פריילעך ווי אַ פרעכער לוסטיונג. ביזט מזלדיקער אַפילו פון זיינע געטרייע ראַטגעבערס, וועלכע האָבן מורא זיך צו ווייזן פאַר אים.

קעניג צוען, ווי ער וואָלט דערהערט דעם געפּליסטער, האָט האַסטיק זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און מיט אַ פוס אָפּגעשטויסן די שקלאַפין. ער האָט דערזען רחב'ן ווי זי שטייט אַ פאַרווירטע און מיט אַ צייכן אוועקגעשיקט דאָס האַרעם־ווייב. ער האָט גיך איינגעהילט זיין הויכן גוף אין דעם שאַרלאַך־רויטן מאַנטל.

— גענוג! — האָט ער אַ געשריי געטון — און אין איין אויגנבליק שוין געווען אויף די פיס — צי ווילט איר מיך ווייזן ווי אַ באַזויפענעם יונג פאַר דער האַרינטע פון שענסטן גאַסטהויז?

די פרויען זענען אַרויסגעלאָפן און ער איז רחב'ן אַקעגן געגאַנגען און געגעבן דעם קריגסמאַן אַ צייכן ער זאָל אָפּטרעטן. אַ ווילדער שמייכל האָט צעשיידט זיינע פולע ליפּן און די ליכטיקע שיטערע באָרד מיט דעם אָפּגלאַנץ פון בראַנדז, האָט זיך צעשפּרייט אַרום די קינבאַקן.

— ביזט געקומען אַליין, אָן וועכטערס, רחב — האָט ער הינטערליסטיק געערדט — אויב דו שרעקסט זיך נישט, ביזטו אומשולדיקער פון אַ לאַם.

זי האָט זיך געבוקט. די אונטערטעניקייט פון די שטאָלצע האָט אים

שטענדיק פאַרשאַפט פאַרגעניגן. ער האָט געוואָרט אויף איר פאַרענטפערונג.

— דער קעניג איז ערלעכער פון אַלע ריכטערס — האָט זי שטיל געזאָגט — ער דערקענט די אָרנטלעכע און פאַר אים זענען נישט פאַרהוילן די פאַלשע.

ער האָט געלאַכט און זיינע ציין האָבן געבליאַסקעט.

— דיינע ליפּן, רחב זענען באַשמירט מיט האָניק און פון דיינע קליידער בלאָזן אָנגענעמע דופטן. איך בין הונגעריק נאָך זיסע רייד. וויפיל נאָך לויב־ווערטער ביזטו גרייט צו זאָגן וועגן דיין קעניג צוען?

זי האָט נידעריקער זיך איינגעבויגן.

— צופיל ערע פאַרשאַפט מיר דער קעניג צוען. דער גרעסטער פון אַלע געלערזאַמע איז מיין קעניג. ער איז העכער פון אַלע שטערבלעכע און מעכטיקער פון די פאַלשע פּריסטערס, וואָס ווילן אַריינברענגען אין לאַנד פרעמדע געטער. דאָס לעבן און טויט פון אַלע באַוואוינער איז אין זיינע הענט.

זי האָט בוקענדיק זיך אַ קער געטון איר קערפּער אין אַ האַלבן קרייז, כדי צו בלייבן שטיין אַ געבויגענע אויף פאַר דעם גרויסן אָפּבילד, וואָס האָט זיך ארויסגעהויבן פון אַ נידעריקן זייל ביי דער וואַנט אַנטקעגן. דאָס אָפּבילד איז געווען פון קעניג צוען אַליין, אויסגעגאָסן אין גאָלד, אויסגעפורעמט אין זיין געשטאַלט און אין זיין וואוקס. אויף דעם מאַכטהאָבערס פאַרלאַנג האָבן די קנעכט אַריינגעשטעלט דעם גאָלדענעם דענקמאָל אין זיין טרקלין און אים אָנגעטון יעדן טאָג אין די זעלבע געוואַנדן, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין לייב כדי צו וואָרענען דעם פאָלק, אַז אַזוי ווי די מאַכט פון די געטער איז זיין כוח און אַזוי ווי זייער קלוגשאַפט איז זיין חכמה.

— איך האָב דיך היינט אין באַטרוג פאַרדעכטיקט — האָט קעניג צוען געזאָגט — אָנגעזאָגט האָט מען מיר, אַז דו האָסט אויסבאַהאַלטן צוויי אויס־שפּירערס פון ישראל. אָבער דו שטייסט אַצינד פאַר מיר אומדערשראָקן. דיינע הענט זענען אָן קייטן און מיינע וועכטערס יאָגן זיך נאָך די אַנטלאָפענע אויף יענער זייט מויער. זאָג מיר, האָט תשרי, מיין הויפּטמאַן, דיך פאַרשעמט?

— דעם קעניגס גנעדיקייט האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן מיין שאַנדע. מיין לעבן איז אַצינד אין זיינע הענט.

— די גאַנצע וועלט איז אין מיינע הענט! — האָט ער אויסגערופן און אין זיינע אויגן האָט אויפגעבליצט דער אומצוטרוי פון די הינטערליסטיקע.

די גאווה האָט פון אים אַרויסגערעדט, אָבער קיין צאָרן האָט אין אים נישט געברענט. ווי גוט איז איר געווען צו שטיין אַ זיכערע קעגנאיבער דעם הערשער און פאַרלאַנגען פון אים דאָס, וואָס עס וואָגן נישט צו פאָדערן די אויסדערוויילטע מיט פאַלשע צינגער. די טרעפּן פון פּאַלאַץ זענען איר נישט

געווען פרעמד. זי איז אָפט געטראַכט צווישן די ווילן פון דעם קעניגלעכן הויז, אָבער קיינמאָל פריער האָט זי נישט געהאַט קיין אויסרייד צו שטיין אַזוי נאָענט פאַר דעם הערשער, וואָס זיין גורל און דער גורל פון ירחו איז היינט פאַרזיגלט געוואָרן. ווי נאָענט ס׳איז זיין אונטערגאַנג! — האָט זי זיך דער־מאָנט כלב׳ס וואָרנונג — אָבער ער פאַרמאָגט נאָך די מאַכט צו באַשטראָפן און צו פאַרגעבן, צו האַסן און צו ליבן. איר נקמה וועט נישט זיין געשטילט איידער זי וועט זען מרונ׳ס צעריסענעם לייב הינטער דער שטיינער־וואַנט. איר היינטיקער סוד וועט אַרויסגעגעבן ווערן, אויב דעם צינזהאַרס צונג וועט נישט שטום ווערן אויף אייביק.

דאָס אָפענע אויער פון צוענ׳ען האָט זי פריער פאַרלאַנגט. אָבער אַצינד האָט אין איר אויפגעפלאַמט אַ באַגער נאָך זיין גלעטנדיקער האַנט. ער האָט זי געזען אין איר ווירדע און שטאָלץ. אָבער אויף ווי לאַנג? אירע בליקן האָבן געשאַצט זיין מענלעכע ווערט. ער האָט געהאַט ברייטע אַקסלען, אַ האַריקן האַלדז און קרעפטיקע קינבאַקן, אָבער זיין לייב אונטער דעם טוניק איז אוודאי געווען האַרט און אומגעלומפערט. זיין פעלזיקער גוף איז אַ פאַנצער קעגן די, וואָס לויערן ביי זיין צוקאָפּנס. און רחב׳ן איז אויפן זינען געקומען, אַז כלב׳ס אַקסלען זענען אויך אויסגעהאַקט ווי פון פעלזן. זיינע אָרעמס קופערנע שטאַנגען, אָבער זיין באַריר איז צערטלעך ווי זייד. אויף דעם שטרענגן פּנים פון דעם אויסשפּירער איז געווען אויסגעגאָסן גבורה און שיינקייט און אין צוענ׳ס שמייכלדיקע אויגן האָט געגליט די שלויקייט פון אַ פוקס. נישט צוליב קיין אַנדערן ווי צוליב דעם אומדערשראָקענעם כלב האָט זי נאָר וואָס אַזוי נידעריק זיך געבוקט פאַר דעם אַכזר.

צוענ׳ס געמיט האָט זיך פאַרענדערט אין וואָרנונג. מיט שפּיזיקע אויגן האָט ער זי דורכגעשטאָכן. די לוסטיקע און פאַרשייטע רחב איז נישט געקומען צו אים אינמיטן נאַכט בלויז מיט חניפה, אָן צו פאַרלאַנגען גנאָד אין אויס־טויש. וואָס איז איר באַגער? ער האָט אויפגעהויבן זיין בייניקע האַנט, באַצירט מיט רינגען און געלענק־בענדער און דורכגעקעמט מיט די פינגער זיין שיטערע באָרד. דערנאָך האָט ער פאַרזיכטיק אויסגעגלעט דעם רויטן זייד אויף זיין אַקסלבאַנד איבערן מאַנטל. אַזוי ווי ער האָט אָפּגעשפּעט פון אַלע געזעצן, האָט ער אויך געמאַכט צו שמאָך דאָס געזעץ פון ירחו, וואָס האָט דערלויבט נאָר די לוסטפרויען אין טעמפּל צו טראָגן רויטן זייד.

— וואָס ברענגט דיך אַהער אַזוי שפּעט אין פּאַלאַץ? — האָט ער שטרענג געפרעגט.

זי האָט זיך געריכט אויף זיין נייגעריקייט און דעריבער זיך נישט גע־קווינקלט מיט איר ענטפער.

— איבער דיין צינזהאַר מרון שטיי איך פאַר דיר אַצינד, מיין קעניג. איך וואָלט נישט געאײַלט ביז אַהער אינמיטן נאַכט ווען כ'טראָג נישט קיין וואָרנונג אויף מיינע ליפּן.

— אַ וואָרנונג?

— ווי אַ האָרנשלאַנג אונטער דיינע פיס איז מרון. דיין אונטערגאַנג וויל ער.

צוען האָט געמאַכט אַ שריט נענטער צו איר.

— מיין האַרץ איז אַצינד פרייליך, רחב — האָט ער געזאָגט — און אַ פרייליכער הערשער וויל נישט, אַז די אונטערטעניקע זאָלן זיך שרעקן פאַר דעם לעבן פון זייער האַר.

ער האָט גערעדט אָן מורא. אָבער זיינע קינבאַקן האָבן ביי רחב'ס וואָרנונג אַ ליכטן ציטער געטון. צוען איז געשטאַנען מיט איין האַנט אָנגעלענט אויף דעם נאַקן פון דער הילצערנער שוואַן איבער דעם רו־בעט. און די צווייטע האַנט האָט גערוט אויף זיין האַרץ אַזוי ווי ביי אַ פּעכטעה אײדער ער הויבט זיך אָן ראַנגלען מיט דער חיה פאַר די אויגן פון המון. אַזאַ געשטעל האָט אים צוגעגעבן אומגעריכטע כוחות און וואַכזאַמקייט. די אָנגעצויגענע הויט אויף זיין האַרט פּנים האָט ביסלעכווייז נאָכגעלאָזט און לויזע בייטעלעך האָבן זיך באַוויזן אונטער די אויגן. און ווי ער האָט געמאַכט נאָך איין שריט פאָראויס צו איר, האָט זי זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער צעמישעניש, וואָס האָט פאַרקילט איר בלוט. זיין אָטעם האָט געבריט.

— מרון איז אַ נאַר — האָט ער האַסטיק גערעדט — אָבער ער איז דער בעסטער צינזנמאַנער אין יריחו. די הענדלערס ציטערן פאַר אים. אין דעם טאָג ווען ער גייט דורך דעם מאַרק, מאַכט ער רייך דעם אוצר אין פּאַלאַץ.

ער האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרשייטן שמייכל.

— וועגן זיין לוסט צו דיר רעדט מען אין די גאַסן פון שטאָט. אָבער ווער פון מיינע רייכע קנעכט איז נישט דאָרשטיק נאָך וויין און הונגעריק נאָך פאַרגעניגנס? די פאַרדאָרבנקייט פון מענער איז נישט קיין באַטרוג צו דער מלוכה און מרון איז נישט קיין סרים. דורך אַלע יאָרן האָט ער נישט געפעלשט די וואָג פון גאָלד און נישט געגנבעט פון מיינע קאַמערן. פון וואַנען ווייסטו, אַז מיין אונטערגאַנג וויל ער?

רחב האָט זיך אָפּגערוקט ביז זי איז צוגעקומען צום זיילשטיין, וואו ס'האָט גערוט אַ קליינע אַלאַבאַסטער־פיגור פון בעל, דער אָפּגאָט פון אַכזריות, וואָס איז היינט געוואָרן אוממעכטיק. צוען איז איר לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען. דאָס גאָלד אויף איר האַלדזשנור האָט געלויכטן אַנטקעגן דעם פלאַם פון דער ברע־נענדיקער רערן־לאָמפּ. זי האָט זיך אָנגערופן:

— דער קעניג איז גנעדיק צו זיינע ערלעכע. אבער ווי מוראדיק מוז זיין די שטראף זיינע פאר די, וואס גנבענען פון זיין גאלדקאמער!

ביי צוענ׳ען זענען די הארטע קינבאקן אויפגעשוואלן. די שטייפע ברעמען האבן זיך געהויבן. ער איז געשטאנען א שטרענגער און שווייגנדיקער.

רחב איז געווארן דרייסטער:

— א געטרייער צינזהאר, וואס בארויבט זיין האר, קען ער אפוואשן זיין שולד?

— נאר מיט זיין בלוט קען ער זיין שולד אפוואשן! — האט ער א געשריי געטון.

אירע אויגן האבן אויפגעשטראלט.

— וואס וועסטו טון, קעניג פון יריחו, מיט א צינזהאר וואס נעמט אונ־טערקויף־געלט פון פרעמדע הענדלערס און ער טיילט זיין רויב מיט די אויפ־זעערס פון די פעסטונגען?

— טויטן וועט ער געטויט ווערן! — איז זיין געשריי געווארן הילכיקער.

— דאס ווארט פון קעניג איז דאס ווארט פון די געטער. לויב פאר די ערלעכע. שטראף פאר די פאלשע.

— אזוי איז דאס געזעץ אין מיין שטאט יריחו!

זי האט געזען ווי אין זיינע אויגן צינדן זיך בליצן. דער הערשער פון יריחו איז גרייט געווען צו טרייבן דעם פארמשפטן צום טויט.

— באשטראף דיין צינזהאר מרון! — האט זי אויסגערופן — יעדן טאג פון יאר רויבט ער פון דיין גאלדקאמער!

די רייד זענען געפאלן אויף אים ווי הייסע פיילן. אין איין רגע איז די זיכערקייט ביי דעם מאכטהאבער אויסגערונען. ער האט אריינגעקוקט אין אירע אויגן מיט דער וואקלעניש פון די גענארטע און געזאגט:

— ביזט געקומען פאנגען א גרויסע פיש, רחב. ווי שטארק איז דיין נעץ?

רחב׳ס אויגן האבן זיך פארמאסטן מיט זיין בליק. ער איז געווען קליגער ווי זי האט געמיינט. זיין נאז האט געשניפט. זיין מוח איז געווען וואכזאם צו אלע געפארן. אצינד וועלן פאר אים נישט זיין פארהוילן די פאלשקייטן פון זיינע קנעכט. זי האט געוואוסט, אז ער האט מרון׳ען געשעצט, אבער נישט געטרויט. נאך דער פארלוירענער מלחמה און אינמיטן שטרייט מיט די ווידער־שפעניקע פריסטערס, וועט צוען זיך נישט פארגינען אויפצורייצן דאס פאלק, ווי שטארק ער האט דעם המון פאראכט. ער וועט מוזן ווארפן א קרבן צו זייערע פיס, צו שטילן זייער צארן.

— איך בין געקומען נאר בעטן די גערעכטיקייט פון מיין קעניג — האט זי ווייך גערעדט.

ביי צוען'ען האָבן די בלויע אָדערלעך אויף דער רעכטער שלייף אַ צאַפּל געטון. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום שלאַכטמאַן רקם, וועלכער איז ביז אַצינד געשטאַנען פונדערווייטנס אַ שווייגנדיקער.

— רוף עוצ'ן! רוף מיין ראַטגעבער! — האָט ער געזאָגט — אויב ער קען קוקן צו די טויטע שטערן, טאָר ער אויך נישט בלינד זיין צו די לעבעדיקע פעלשערס אונטער מיין דאַך!

ב

ווי נאָר רקם איז אַרויס, האָט פון הינטער אַ בלויער פאָרהאַנג אַרויסגע־שלייכט מיט דריבנע טריט אַ נידעריקער פעטער מאַן, איינגעהילט אין אַ רייכן, לויזן בגד. זיין נאַקעט פּנים האָט געשמייכלט. זיינע הענט זענען געווען פאַר־לייגט אין אַ געפלעכט אויפן האַרצן.

— באַטרוג! — האָט צוען מיט כעס אַ געשריי געטון — איך האָב אָקאָרשט געהערט, אַז מרון, מיין געטרייער, האָט אומריינע הענט.

דער ראַטגעבער איז נישט געווען פאַרוואונדערט. קיין וואָרט פון קעניגס ליפּן האָבן אים נישט געקענט איבערראַשן. ער האָט געוואָרפן אַ קילן בליק אויף רחב'ן און קוים זיך פאַרנויגט.

— מרון איז אַ צינזהאַר און דאָס לעבן פון אַ צינזהאַר איז ערנהאַפטיק — האָט ער געזאָגט און הכנעהדיק אַרויפגעקוקט צו זיין האַר — מיין קעניג צוען אַליין איז גענוג קלוג צו וויסן, אַז יעדע מעשה קען דערציילט ווערן פון צוויי פּאָר ליפּן. צי איז דען נישט בעסער אויסצוהערן אויך דעם, וואָס דאַרף זיך פאַרענטפערן און דערנאָך משפּטן?

— האָסט געפרעגט און געענטפערט, עוץ! אָבער אויך דאָס לעבן פון רחב'ן איז ערנהאַפטיק. צי וועט דען די ערשטע גאַסטביטערין אויפשטיין אינמיטן נאַכט און לויפן צום פּאַלאַץ מיט אַ בלבול אויף מיין געטרייען צינזהאַר?

עוץ איז געבליבן שטיין געלאַסן, אומבאַוועגלעך. די אויפגעלאָפענע פעלדלעך אויף זיין אויסגעבעטע געזיכט האָבן עדות געזאָגט, אַז ס'איז אים אומבאַקוועם אויסצורייזן אויף דער פרוי פון לוסט, וואָס האָט אַלע טעג געפונען גנאָד אין די אויגן פון זיין האַר. בלויז איין הינטערליסטיקן בליק האָט ער געוואָרפן אין איר זייט. דערנאָך האָט ער ווידער געפירט אַ פּאָר שמייכל־דיקע אויגן פון קעניג צו רחב'ן און געזאָגט:

— נישט פאַר מיר איז אַצינד די צייט צו ענטפערן פאַרוואָס די ערשטע גאַסטביטערין אין שטאָט האָט זיך געאיילט אינמיטן נאַכט אַהער אין פּאַלאַץ.

און ער האָט ווי אַ קעמל איינגעבויגן זיין אונטערטעטיקן האַלדז און אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— מרון האָט דיך געטריי געדינט, מיין קעניג — האָט ער געזאָגט — ביז היינט האָט קיינער נישט געפונען קיין פלעק אויף זיין בגד. און דער בגד פון אַ צינזהאָר איז ווי די הויט אויף זיין לייב. צי איז רעכט אין די אויגן פון מיין האַר, אַז דער געאַכפּערטער פון אַלע מענער זאָל אַליין באַדראָען זיין לעבן צוליב דער תאווה נאָך אַ זאַק גאָלדענע שקלים?

צוען האָט געוואָרט אויף מער רייד און עוץ האָט נאָך נידעריקער זיך איינגעבויגן, אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף רחב׳ן.

— פאַרגיב, מיין קעניג, אירע פאַרדאַכטן. רחב׳ס האַרץ איז ביטער, ווייל דיינע וועכטערס האָבן זיך אַריינגעריסן אין איר הויז מיט דעם שטורעם פון רויבעריונגען.

צוען האָט געלאַכט:

— שווייג! זאָל זי אַליין ריידן. איך גלויב די רייד פון די פאַרביטערטע.

רחב האָט אויסגעמיטן דעם ראַטגעבערס אויגן און רואיק געקוקט צום קעניג.

— ווידער וועל איך איבערזאָגן: דאָס וואָרט פון קעניג איז דאָס וואָרט פון די געטער. לוין פאַר די ערלעכע, שטראָף פאַר די פאַלשע.

דעם קעניגס בליקן זענען געווען ווי שפּיזן.

— און דו רחב, וועסטו אויך איבערזאָגן פאַר מיין ראַטגעבער, אַז מרון נעמט אונטערקויף־געלט פון פרעמדע הענדלערס?

— מרון נעמט אונטערקויף־געלט און זיין רויב טיילט ער מיט די אויפזעער פון די פעסטונגען.

דער געלאַסענער עוץ האָט פלוצים זיך אַ ריס געטון פון אָרט. ער האָט געערדט ווייך ווי אַ לאַם ווען ער איז געשטאַנען פאַר זיין האַר, אָבער זיין שטים איז געוואָרן שאַרף און שניידיק ווען ער האָט פאַרלאַנגט אונטערטעניקייט פון די, וואָס זענען געווען נידעריקער פון אים אין שטאַנד. ער האָט ווי אַ תם פאַרגלאָצט די אויגן צו דער אויסגעוועלבטער סטעליע און געמורמלט האַלב צו זיך, האַלב צו די אַרומיקע:

— קאָן אַ מענטש שאַרן קוילן אין זיין בוזים און זיינע קליידער זאָלן זיך נישט אָנצינדן? קאָן אַ מענטש גיין אויף גליענדיקע העלצער און זיינע פיס זאָלן נישט אָנגעברענט ווערן?

ביי צוען׳ען זענען די אויגן געווען אויסגעבאַלט.

— צו ווּעמען ברומסטו?

דאָס פּנים ביי עוץ׳ן איז געבליבן ווי ביי אַ תם.

— אַ פרוי קען זיין פאַרפירעריש פאַר שוואַכזיניקע מענער, אָבער אומ־מעכטיק איז זי קעגן איינעם, וועלכער האָט די גבורה פון אַ פעלז. אַלע אין יריחו ווייסן אַז רחב איז אַ שפילווייב און איר הויז איז אַן אָרט פון לוסט.

— שווייג! — האָט צוען אַ געשריי געטון.

אָבער עוץ, נישט ווי זיין שטייגער, איז געבליבן אומדערשראָקן. ער האָט זיך געשטעלט פאַר רחב׳ן ווי אַ מאַנער.

— צי איז דען נישט אמת, אַז די שטראָף פאַר מרונ׳ען ביזטו געקומען פאַרלאַנגען נאָכדעם ווי דעם קעניגס וועכטערס זענען געלאָפן זוכן די אויס־שפירער פון ישראל?

זיינע רייד האָבן רחב׳ן צעטומלט, אָבער איר האַרץ איז נישט איינ־געפאַלן.

— געזוכט האָבן די וועכטערס — האָט זי געזאָגט — און נישט געפונען. אין אַלע טעג פון יאָר קומען אָן אין מיין גאַסטהויז דורכפאָרערס פון ווייטע לענדער. די צוויי, וואָס זענען היינט געקומען, זענען אין מיינע אויגן געווען אַנדערש פון אַלע הענדלערס, אָבער איך האָב מיט זיי נישט גערעדט פון גוטס ביז שלעכטס.

עוץ איז צוגעשפרונגען צו איר:

— און אויב אַנדערש זענען זיי געווען אין דיינע אויגן און אַ פאַרדאַכט איז אויפגעגאַנגען אין דיין האַרץ, פאַרוואָס האָסטו, רחב, די ערשטע גאַסט־ביטערין, געטריי צום פאַלאַץ, געאַכפערט ביי די איינוואוינער, פאַרוואָס האָסטו נישט גערופן דעם קעניגס וועכטערס?

— צי האָב איך דען געזאָגט, אַז פאַרדעכטיקט האָב איך די פרעמדע? — האָט רחב געווענדעט איר בליק צום קעניג — מיין האַר, מיט רעטענישן רעדט דיין ראַטגעבער.

די אויפגעלאָפענע אויגן ביי עוץ׳ן זענען געוואָרן שפיזלדיקער. ער האָט געמאַכט איין שריט פאַראויס.

— רעטענישן? — האָט ער געשריען — צי איז דען נישט אַ רעטעניש, אַז וועגן מרונ׳ס אומטרייהייט ביזטו געקומען אָנזאָגן דעם קעניג ערשט נאָכדעם ווי די אויסשפירערס פון ישראל זענען אַנטלאָפן פון שטאָט?

איר האַרץ איז געזונקען, אָבער זי האָט נישט געעפנט די ליפן. דעם ראַט־געבערס קול איז געוואָרן הילכיקער.

— און אַ רעטעניש איז דען נישט וואָס די וועכטערס האָבן פאַרשפעטיקט צו כאַפן די פאַרדעכטיקע אין דיין הויז?

ווי אַ רויבפויגל איז ער אַציינד געשטאַנען איבער איר. ער האָט מער נישט פאַרענטפערט מרונ׳ען, נאָר אָנגעקלאָגט רחב׳ן. זי האָט זיך געוואונדערט:

וואָס בינדט דעם געלאָסענעם ראַטגעבער מיט דעם פאַרדאַרבענעם צינזהאַר, אַז ער שטעלט זיך איין פאַר זיין כבוד? אין דער רגע פון אוממעכטיקייט האָט זי ווידער שטומערהייט געזוכט שוץ ביי צוען׳ען. אין דעם הערשערס אויגן האָבן אויפגעפלעמלט פייערלעך. אין זיינע אויפגעהויבענע ברעמען איז געווען פאַרווירטקייט און קווינקעלניש. אין דעם צאַרנדיקן פנים האָט געברענט דאָס פייער פון נקמה, וואָס מען טרעפט ביי די ווילדע קעמל־רייטערס אין מדבר. אָבער זי האָט געוואוסט: נאָר פון זיין האַרץ קאָן קומען דער משפט און פון זיין גלאַטער צונג דער אורטייל.

מיט בעטנדיקע ליפּן האָט זי זיך דערנענטערט צו צוען׳ען און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו קושן די גאָלדענע סאַנדאַלן פון זיינע פיס.

— מיין קעניג — האָט זי געזאָגט — איך פאַרלאַנג נאָר דיין גערעכטיקייט. צעמישט איז מיין מוח און צערודערט מיין האַרץ. אויב אומפאַרשעמטע רייד האָב איך היינט גערעדט, פאַרגיב מיר, מיין האַר, מיין אומוויסנקייט.

אירע רייד זענען געווען פאַלשע, אָבער זי האָט מיט אַ כיוון געוואַרט און נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אירע צערטלעכע ווערטער האָבן דורכגעשטאָכן צוען׳ס פאַרפאַנצערט האַרץ. זיין קול איז געווען מילד:

— זיי נישט געפאַלן, רחב. עוץ מעג אויפקניפּן זיין צונג. איטלעכער ראַטגעבער און הימלזעער מעג ריידן מיט משלים. אָבער בלויז צוען, דער הערשער פון יריחו, מעג משפטן!

ער האָט געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין האַרצן און געלאַכט. דער בוח פון אַ מאַכטהאָבער, ביי וועמען אַן אומבאַהאָלפענע פרוי בעט שוץ, האָט אים פאַרגינינען צו זיין גנעדיק. ער האָט איידל זי אונטערגעהויבן ביי די אָרעמס און זי געשטעלט אויף די פיס.

— שרעק זיך נישט, רחב. פאַרוואָס זאָלסטו צעטומלט ווערן פון אַ שאַרפער צונג? אַכטן זאָלסטו דעם הערשער, אָבער נישט ציטערן פאַר אים. אויב אמת האָט דיין צונג היינט גערעדט, וועט מרון געמשפּט ווערן דורך מיר אַליין. אָבער פריער וועל איך אויסטון פון אים אַלע צינזן־בייטלען און כ׳וועל אים דערוויטערן פון פּאַלאַץ.

און ער האָט זיך אַ קער געטון אַריבער איר אַקסל, צו רקמ׳ען:

— דו האָסט זיך געשלאָגן אין מלחמות אין פרעמדע לענדער, שלאַכטמאַן. וואו געפינט זיך דער וויטסטער ווינקל אויף דער ערד?

ביי רקמ׳ען האָט דאָס פנים אויפגעלויכטן. ער האָט געענטפערט:

— פאַראַן אַ קליינע פעסטונג, קעניג, אין עק פון רויטן מדבר, וואָס פירט קיין צין. אונדזערע קריגסלייט רופן דאָס אָרט: דער סוף פון דער וועלט.

— ווי איינזאַם איז דאָס אָרט? וואַקסן דאָרט פּרוכטן? רינט דאָרט וואַסער פון אַ קוואַל?

— וויסט און אויסגעצערט איז דאָס לאַנדשטיק, אָן פּלאַנצן, אָן וואַסער. אַ ברענענדיקע ערד שפּרייט זיך אונטער די פיס און אַ פייערדיקער הימל איבער די קעפּ.

— און מיינע וועכטערס אין דעם ברענענדיקן מדבר, ווי לעבן זיי?

— די וועכטערס אין דער פעסטונג קלאָגן, אַז זיי וועלן אויפגעלייזט ווערן ווי וואַקס אונטער דער זון.

פון פרייד זענען די אויגן ביי צוענ'ען אַרויס פון די אויסהוילענישן.

— דער סוף פון דער וועלט! — האָט ער אויסגערופן — ווי שיין איז דער נאָמען! אַהינצו וועט מרון פאַרטריבן ווערן, וואָרום ער האָט פון מיין פּאַלאַץ אַ רויבהויז געמאַכט.

ביי די רייד איז דער ראַטגעבער עוץ אויפגעשפּרונגען ווי אַ געביסענער. מיט אַ קעצישער פלינקייט האָט ער זיך צוגעשאַרט צום הערשער און זיינע ווייכע, אויסגעשפּרייטע הענט זענען אַרויס פון די אַרבל.

— רחמנות, מיין האַר קעניג! ער וועט דאָרט אויסגיין פון דאָרשט און זיין לייב וועט זיין אַ שפּייז פאַר די פייגל פון הימל.

— אויב אויסגיין וועט ער איידער איך וועל אים צוריקרופן צום משפּט, וועט דאָס זיין די שטראָף פון די צאָרנדיקע געטער. שטאַרבן זאָל דער נידער־טרעכטיקער, וואָס איז אַרויס אַ רויבעריונג פון מוטערלייב!

ער האָט גיך צוגעשפּרייזט צו אַ קאָרב מיט פּאַרמעטן, וואָס איז געשטאַנען צוקאָפּנס זיין אָנלען־בעט, אַרויסגעכאַפּט אַ שמאָלן פּאַרמעט־בויגן און דאָס געשטופּט עוצ'ן אין פּנים אַריין:

— צום סוף פון דער וועלט וועט ער פאַרטריבן ווערן! אַזוי זאָל זיין פאַרשריבן! אַזוי זאָל געשען!

זיינע אויגן האָבן מיט קילער שלויקייט גערוט אויף רחב'ן.

— דו האָסט אָנגעקלאָגט און איך האָב געמשפּט — האָט ער געזאָגט, — זאָל איך באַלד אויסטיילן די שטראָף?

רחב האָט זיך געבוקט.

— דו רעגירסט און דו באַפעלסט, מיין האַר קעניג!

ער האָט זיך צעלאַכט אַזוי הילכיק, אַז זיין שיטערע באָרד האָט זיך גע־טרייסלט ווי אַ צעשויבערטער בלעטער־צווייג אין אַ שטורעם.

— עוץ, מיין ראַטגעבער — האָט ער געזאָגט — צי האָסטו נישט גע־לערנט מיט מיינע קנעכט, אַז יעדער נידערטרעכטיקער יונג זאָל מיט דעם

נאָמען וואָס ער פאַרדינט, אָנגערופן ווערן און אויף דעם אָרט וואָס אים קומט, זאָל מען אים אָוועקזעצן?

עוץ האָט שווייגנדיק איינגעוויקלט דעם פּאַרמעט און זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל. ער האָט פון דער זייט זיך אַ קער געטון צום קריגסמאַן און בייז געמורמלט:

— ער וועט אומברענגען אַלע געטרייע. מיט וועמען וועט ער בלייבן?

רקם׳ס פּריילעכע אויגן האָבן געפּלאָקערט מיט וואַנזין. אויף אַזאַ גיכער נקמה האָט ער זיך נישט גערעכנט. צוען׳ס אורטייל האָט געשניטן ווי די שאַרף פון אַ שווערד. דער צעטומלטער ראַטגעבער האָט זיך געדרייט מיט זיינע דריבנע טריט אין אַ ראָד. ער האָט צעעפנט דעם לויזן מאַנטל, מיט די פינגער־נעגל געצופּט זיין לייבגאַרטל און ווידער געמורמלט:

— ווען אַ פּאַסטוך ווערט אין כעס אויף די שאָף, מאַכט ער אַ בלינדן באָק פאַר אַ פירער און ער פירט די שאָף אין גרוב אַריין...

— בענטשסטו אָדער שעלטסטו? — האָט צוען מיט אַ געשריי זיך אויסגעדרייט צו עוץ׳ן און דעם ראַטגעבערס נידעריקער גוף איז איינגעשרומפּן אונטערן ברייטן בגד.

צוען׳ס כעס איז געווען געשטילט. ער האָט געקענט אין דעם זעלבן אויגנבליק פאַראַכטן דעם המון און דערנידעריקן די אַדלליים פון יריחו. זיין האַרץ האָט אַצינד אָנגעקוואָלן. פון זיין לויזער האַנט האָט ער אַראָפּגענומען אַן עמעראַלד־רינג און דאָס אָנגעטון אויף רחב׳ס פינגער.

— נעם, אַ באַלוינונג פאַר דיין געטריישאַפט — האָט ער ווייך גערעדט — טראָג דאָס ווי אַ דערמאָנונג פון דיין קעניגס קלוגשאַפט און גנאָד.

זיינע רייד זענען געווען אומערלעך און זיין אורטייל אַ באַטרוג. אָבער ער האָט מער נישט אַרויסגערופן קיין שפּאָט אין רחב׳ס אויגן. די מאַכט פון אַ הערשער איז ביי איר קיינמאָל נישט געווען צו שמאַך ווען דאָס האָט זי באַפרייט פון אַנגסטן. זי איז געווען ריין פון אַלע פאַרדאַכטן, אויסגעהיטן פון אַלע שטראָפן. איר האַרץ האָט געפלאַטערט פון גליק.

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן אַ קוש צו טון דעם זוים פון זיין מאַנטל. צוען האָט גנעדיק אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר קאָפּ און געזאָגט:

— אַצינד לאָז מיך אַליין מיט מיין באַרמהאַרציקן הימלזעער. און דו רקם, מיין געטרייער, פיר רחב׳ן אַרויס מיט ערע. ווי אַ דערשראָקענע דינסט איז זי אַריינגעקומען און ווי אַ שטאָלצע פּרינצעסין גייט זי אַרויס.

י ר י ח ו

ג

זי האָט זיך געלאָזט באַגלייטן פון רקמ׳ען ביז צו די פּאַרפיר־זיילן. אָבער דער שלאַכטמאַן איז נישט אָפּגעטראָטן און איר נאָכגעגאַנגען איבער דעם לאַנגן פּירהויז. די איילאָמפּן אויף די ווענט האָבן נאָך געברענט. די וועכטערס זענען אָפּגעטראָטן. אַ קנעכט איז פאַראויסגעלאָפן מיט אַ פאַקל אין האַנט. אַרויסקומענדיק אויף די טרעפּ פון פּאַלאַץ־טויער, האָט די קאָליר אויף רקמ׳ס פּנים זיך געביטן. פון פריידיקער אויפרעגונג האָט ער מיט די פינגער דורכגע־קעמט זיינע געוויקלטע קנוילן האָר. אַ פרעכקייט האָט געברענט אין די אויגן. צוויי בליאַסקעדיקע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין דער אונטערשטער ליפּ. ער האָט מיט היציקן אָטעם איר איינגערוימט:

— ביזט מזלדיקער פון אַלע שטערנזעער און מכשפים, וואָס נאַרן אים אָפּ מיט די צייכנס פון הימל. דיינע קלוגע ליפּן, רחב, האָבן שוואַך געמאַכט דעם גרויזאַמען פון אַלע מענער. קיינער אין פּאַלאַץ קאָן נישט אָפּקילן זיין צאָרן, אָבער דו האָסט אים היינט אַנגעצונדן און פאַרלאָשן ווי אַ קנויט.

רחב האָט מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף זיין האַרט, בייניק פּנים און אונטער דעם נאַכטיקן הימל נישט געקענט זען צי זיינע אויגן ברענען מיט באַוואונ־דערונג אָדער הינטערליסטיקייט.

— ער איז געבליבן דער גרויזאַמער הערשער — האָט זי שטיל געזאָגט. רקם האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקט געלעכטער.

— דאָרט וואו ער טרעפט אָן ווידערשטאַנד, שפּרינגט ער אויף ווי אַ צערייצטער לייב, און דו האָסט אים היינט פאַר אַ וויילכן לאָם געמאַכט. נישט צוען דער קעניג, נאָר דו רעגירסט אין פּאַלאַץ. די שטאַרקע צווישן פרויען ביזטו, רחב.

זי האָט אים געשאָנקען אַ בליק, פול מיט צווזאָגן און ער האָט צוגעבויגן זיין קאָפּ צו איר האַלדז. די איידעלע ריחות פון מירע און לויטערן אייל האָבן אויף אים געבלאָזן מיט יענע באַרוישנדיקע דופטן, גלייך די נאַכטיקע לופט וואָלט געוועזן אָנגעטרונקען מיט שטאַרקע וויינען. וואָס פאַר אַ כוח שטעקט אין דער דאָזיקער פרוי? — האָט ער געפרעגט — דער פּחד האָט זי געטריבן אַהער. זי איז אָנגעקומען ווי אַן אַנגעקלאָגטע און אַרויסגעגאַנגען ווי אַ ריכ־טערין. די דופטן אויף איר לייב פאַרדעקן דעם באַטרוג אין איר האַרץ. ער האָט שאַרף אַריינגעקוקט אין אירע אויגן.

— דו האָסט מורא פאַר מרונ׳ען, רחב. פאַרוואָס?

זי איז אים פאַרבייגעגאַנגען און ער איז ווידער געווען הינטער איר.

— דו האָסט היינט פאַרטיליגט דעם צינזהאַר מרון. פאַרוואָס?

זי האָט געשוויגן. דאָס נאַכטיקע מילדע ווינטל, וואָס האָט פאַרבייגעבלאָזן, האָט אַ ריס געטון דעם טיולענעם שלייער אַרום איר אַקסל און אָפּגעדעקט איר ראָזעווען נאַקן. דער אומדערשראָקענער רקם, שטאַרק קעגן בויגנציערס, אומ־בויגזאַם קעגן שפּיזן־וואַרפערס, האָט אַצינד נישט געטאָרט אוממעכטיק ווערן אונטער אירע שטראַלענדיקע אויגן. ער האָט זיך אָנגערופן:

— עס איז ווינציק פאַר צוענ׳ען אומצוברענגען מרונ׳ען. ער וועט מוזן זיך פאַרענטפערן פאַר די פּריסטערס און פעלדהאַרן.

רחב האָט לאַכנדיק זיך געשפּילט מיט די רינגען פון איר האַלדזבאַנד.

— דו אַליין האָסט ערשט געזאָגט, אַז די שטאַרקע צווישן פרויען בין איך. פאַרוואָס געטרויסטו מיר נישט?

— די קריגסמענער אין יריחו האָבן נישט ליב קיין שטאַרקע פרויען. זיי מאַכן אוממעכטיק די מענער אין וואָפנקליידער. ווייסטו וואָס עס וועט ווערן פון דעם הערשער צוען, וועלכער איז באַרמלאָז אין פּאַלאַץ און שוואַך אויפן שלאַכטפעלד, ווען דער טאָג פון פּרואוואונג וועט קומען?

אירע אויגן האָבן אויפגעגליט. עס איז געווען די צייט צו ריידן צו אים פאַרשטעלטע רייד.

— ווען דער טאָג פון פּרואוואונג וועט קומען, וועט ער ווי אַ טיגער זיך אויפהויבן איבער דעם פיינט און אים פאַרצוקן. און אויב פאַלן וועט ער פאַלן, וועסטו, רקם און אַזוינע געטרייע ווי דו בלייבן. און איר וועט אָנטון די קרוין אויפן קאָפּ פון זיין יורש. צוען האָט גרויס געמאַכט יריחו און זיינע אונטער־טעניקע וועלן נישט לאָזן מינערן איר מאַכט.

איר שטים איז געווען פעסט. און רקם, וועלכער האָט מער נישט גע־צווייפלט אין איר געטריישאַפט, האָט געשוויגן.

— ער איז דער האַר פון יריחו — האָט זי געזאָגט — דו מוזט אַכפּערן דעם געזאַלבטן הערשער!

זי איז אַראָפּ פון דער לעצטער טרעפּ. דער ווינט האָט צעשויבערט די קעפּ פון די עקאַליפּטוס־ביימער, וואָס זענען ווי שטייפע וועכטערס געשטאַנען ביים פּאַלאַץ־אַריינגאַנג. איר האַרץ האָט געפלאַטערט און אירע טריט זענען געוואָרן איילענדיקער. מיטאַמאָל האָט איר לייב אויפגעציטערט. די וועלט איז געווען איינגעהילט אין פינסטערניש און דער לויף פון דער צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווען פון דער אומגעזעענער ווייטקייט אויף יענער זייט פון יריחו, פון דעם אָפענעם מדבר־לאַנד האָט זיך אַרויסגעשיילט די געשטאַלט פון דעם באַפרייטן בלב.

רקם איז געווען הינטער איר און זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל.

די נאַכט האָט זיך געבאָדן אין דער טיפער טונקעלער בלויקייט. אַ בויגן

מיט שטערן ווי אַ פֿייערדיקע בייטש איז געהאָנגען איבער דער שטאָט און אַראָפּגעטריפֿט טראָפּנס ליכט ווי צעשמאָלצענע איידלשטיינער. די לופֿט איז געווען קיל און אַזוי איז געווען איר האַרץ. זי האָט זיך איינגעהילט אין איר דופּטיקן מאַנטל און מיט אַ האַנט־צייכן געהייסן דעם שלאַכטמאַן צוריקגיין. פֿון אַ באַהעלטעניש זענען אירע קנעכט אַרויסגעקומען און פֿאַרשאַרט די פֿאַר־האַנגען פֿונעם הויבשטול. זי האָט געלאָזן זיך אַריינגעזעצט אין די ווייכע געוואַנדן. ווייט אין דעם הימל־אויסבויג האָבן אויפֿגעטויכט די ערשטע בלייכע פֿלעקן פֿון באַגינען.

קאפיטל צען

א

די צוויי אויסשפּירערס האָבן זיך אומגעקערט אין לאַגער פון ישראל, וואָס אין שיטים און דערציילט פאַר דעם קריגספירער יהושוע אַלץ, וואָס האָט מיט זיי געטראָפן אין יריחו. זיי האָבן געזען די באַוואוינער פון כנען, אַ פאָלק שטאַרק ווי די זין פון ריזן און זיי האָבן אויסגעשפּירט די פאַרבאָרגענישן פון דער פעסטונגשטאָט. אין דער נאַכט פון דער גרויסער געפאַר האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין גאַסטהויז פון רחב׳ן און געגעבן איר אַ שבועה, אַז שוינען וועט איר לעבן געשוינט ווערן אין טאָג פון ישראלס נצחון. דריי טעג זענען זיי געווען פאַרשטעקט אין די פעלזן־שפּאַלטן פון אַ באַרג. אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט האָבן זיי געפּירט פון די מדבר־ווינטן און אין ליכט פון טאָג זענען זיי פאַרצערט געוואָרן פון דער ברענענדיקער זון. קיין וואַסער האָבן זיי נישט געטרונקען און קיין שפּייז איז אויף זייער גומען נישט געקומען און זיי זענען שיעור נישט אויסגעגאַנגען פון הונגער און דאָרשט. אָבער דער אייביקער גאָט פון ישראל, דער האַר פון הימל און ערד, וואָס מיט זיין באַרמהאַרציקייט פאַרהיט ער די וועלט פון אונטערגאַנג, האָט צו זיי אַראָפּגעשיקט אַ פאַר־בלאָנדזשעטן פויגל פאַר אַ מאַכל און האָט אויפגעשלאָגן אַ קוואַל פון אַ פעלז, אַז פון דעם וואַסער זאָלן זיי טרינקען. דריי טעג און דריי טעכט זענען כלב און פנחס געבליבן אין באַהעלטעניש. אויפן פערטן טאָג פאַר זונאויפגאַנג זענען זיי אַריבערגעשוואומען דעם ירדן. די נאָכיאָגערס האָבן צאָרנדיקע זיך אומגע־קערט פון די וועגן און צוריקגעריטן ביז יריחו.

יהושוע, דער קריגספירער, אויף וועמען משה אַליין האָט אָנגעלענט זיינע הענט, האָט אויסגעהערט אַלץ וואָס די שליחים האָבן דערציילט און צו זיי געזאָגט: אַ פאָלק, שטאַרק אַזוי ווי די זין פון ריזן, וואוינט אין יריחו. זענען זיי אומדערשראָקן אָדער פאַרכטן זיי פאַר אונדז? וועלן מיר איינגעמען די באַפעסטיקטע שטאָט? האָבן די שליחים געענטפערט: גאָט וועט געבן אין

אונדזער האַנט דאָס גאַנצע לאַנד און די באַוואוינער וועלן צעגיין פון פּחד פאַר אונדז! האָט יהושוע ווידער געזאָגט: איר האָט געשטאַרקט מיינע הענט, כּלב און פּנחס! אַצינד גייט צוריק אין אייערע געצעלטן און רוט. בלייבט ווייטער אָפּגעשיידט פון אייערע פרויען און קינדער און האַלט גרייט אייערע וואָפן־קליידער. אין דריי טעג אַרום וועט דאָס גאַנצע פאָלק פאַרלאָזן שיטים און פאַראויסגיין ביז צום ירדן.

די שליחים האָבן געפאָלגט און יהושוע האָט אַרויסגעשיקט די עלטסטע פון די שבטים און די אויפזעערס איבער הונדערט און איבער טויזנט דורכצוגיין דעם גאַנצן לאַגער.

כּלב האָט זיך פאַרשפּאַרט אין זיין געצעלט און געוואָלט אָפּשלאָפן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אָבער ביים זונאונטערגאַנג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. דאָס ליכט פון דער וועלט האָט זיך געלאָשן, אָבער דער געפילדער אין דעם לאַגער אין דרויסן האָט אויפגעהילכט אין זיינע אויערן. ווען דער שיין פון די אָנגעצונדענע פאַקעלן האָט אַריינגעלויכטן דורך די שפּאַלטן פון געצעלט־לייוונט, איז זיין האַרץ געוואָרן טריב און זיין נשמה אומרואיק. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער זייןביידל און געזאָגט:

— איך בין ווידער צוריק אין דעם אָרט פון מיין רו. גאָטס האַנט האָט מיך דורכגעפירט דורך אַלע געפאַרן און מיך צוריקגעברענגט בשלום צו מיין פאָלק. אָט איז מיין וואָפן און מיין וואַסער־קרוג. אָט איז מיין געלעגער, אָבער מיין מידער גוף בענקט נישט נאָך קיין רו. אויף מיין וואַנדער־וועג האָט מיר אויסגעפעלט ברויט און וואַסער, אָבער מיין מאָגן באַגערט אַצינד נישט קיין שפּייז. איך האָב געברענגט צו מיין קריגסהאַר אַ בשורה פון נצחון, אָבער מיין אייגן האַרץ איז אומעטיק. פאַרוואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרענדערט? איז מיין גבורה אויסגעוועפּט און מיין ווילן אָפּגעשוואַכט?

דערשלאָגן פון די ערשטע ספקות האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און אָפּגעזאָגט אַ קורץ געבעט צום באַשעפער. און ווי נאָר זיינע ליפּן זענען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט פּלוצים די געשטאַלט פון רחב'ן זיך באַוויזן פאַר זיינע אויגן.

— פאַרוואָס ווייזט זיך פאַר מיר די דאָזיקע פרוי? — האָט ער געפרעגט אַ פאַרוואונדערטער — צי שיקט זי דער באַשעפער צו מיר, אַז איך זאָל נישט פאַרגעסן איר איידלקייט און געטריישאַפט ווען זי האָט איינגעשטעלט איר לעבן צוליב מיר? זי האָט געראַטעוועט מיין קאָפּ און פאַרשוינט דעם כבוד פון ישראל! ווי אַ באַרמהאַרציקער מלאך האָט זי זיך באַוויזן אין טאָג פון מיין נויט און מיך אַרויסגעפירט פון דער סכנה, וואו איך וואָלט איינגעזונקען ווי אין אַ טיפן אָפּגרונט.

די רייד האָבן עטוואָס באַרואיקט זיין האַרץ. אָבער די זעאונג פון רחב'ן איז נישט אָפּגעטראָטן. זי האָט זיך באַוויזן אַן אומשולדיקע און לויטערע. אָבער דער שמייכל אויף אירע צאַרטע ליפּן איז געווען פאַרשייט און פון אירע שטראַלענדיקע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ באַהאַלטענע לוסט. אַ דערשראָקענער האָט ער פּרובירט זיך טרייסטן:

— גאָט פון ישראל אַליין האָט מיך געפירט צו באַגעגענען די דאָזיקע פרוי!

נאָך האַלבער נאַכט האָט ער ווידער זיך געלייגט אויפן געלעגער, אָבער דער שלאָף איז צו אים נישט געקומען. רחב'ס געשטאַלט האָט נאָכאַמאָל זיך באַוויזן. דאָס מאָל איז זי געשטאַנען פאַר אים אַ ליידנדיקע מיט אויסגעשטרעקטע הענט. צוויי לויטערע טרערן זענען אַראָפּגערונען פון אירע באַקן. דורך די דורכזיכטיקע שטאָפן האָבן זיך אַרויסגעזען בלאַסע בלוט־פלעקן אויף איר צאַרטער הויט און כלב האָט דערהערט ווי אַ שטילער זיפץ רייסט זיך אַרויס פון איר ברוסט. עס איז פאַר אים מער קיין צווייפל נישט געווען, אַז דעם קעניגס וועכטערס האָבן רחב'ן געפייניקט. ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון געיעג. אַ רחמנות האָט אין אים אויפגעוואַכט אויף דער דאָזיקער מוטיקער פרוי, אָבער אין זיין האַרץ האָט נישט געטאָרט זיין קיין אָרט פאַר באַרמהאַרציקייט, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט אין דער שעה פון פרואוואונג זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס און נישט געקענט דערשטיקן דעם באַגער פון לוסט. אַ באַגאָסענער פון אַנגסטן איז ער אַראָפּגעשפרונגען פון געלעגער און אויסגערופן:

— אומריין און פאַרדאָרבן בין איך געוואָרן ווי נאָר כ'בין אַריינגעגאַנגען אין דער זינדיקער שטאָט!

ער איז איינגעשלאָפן ווי אין אַ שלומער, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך געוואונדערט וואָס פנחס איז נישט געקומען אים זען. אָפּגעזונדערט פון ווייב, דערווייטערט פון די תענוגים פון לעבן, האָט ער געמוזט בלייבן, אויף יהושוע'ס באַפעל, אַזוי ווי אין די טעג פון אָפּשיידונג. אָבער פאַרוואָס מיידט אים אויס זיין חבר? ער איז ווידער אַראָפּ פון געלעגער, געוואַשן די הענט און די פּיס און איז אַרויס פון געצעלט.

ב

דער לאַגער איז געווען באַלויכטן פון פאַקעלן און ברענענדיקע שווערדן.

אַרום ראָד־פייערן האָבן געטאַנצט באַגייסטערטע פרויען, איינגעהילט אין פאַרביקע שלייערן און יונגע קריגסלייט האָבן אייפערדיק געפאָכטן מיט וואורף־שפּיזן און שטיינער־שליידערערס. עס איז געווען אַ פייערטאָג אין דער מחנה.

די בשורה, אַז די אויסקוקערס זענען צוריקגעקומען פון יריחו האָט זיך פאַר־שפּרייט צווישן די מענער אין לאַגער און די עלטסטע איבער הונדערט און די אויפזעערס איבער טויזנט האָבן באַפוילן צו שאַלן אַ גרויס געשאַל פאַר דעם כבוד פון די אומדערשראָקענע שלאַכטמענער.

די כהנים, געהאַרכזאַם צום באַפעל פון דעם קריגסהאַר, האָבן סודותדיק געשוויגן און די הויפּטלייט פון די שבטים האָבן געהאַט פאַרזיגלטע ליפּן. אָבער די זקנים, וואָס זענען געזעסן ביי די שוועלן פון זייערע געצעלטן, האָבן איבער־געגעבן פון מויל צו אויער, אַז יהושוע אַליין האָט אָקאָרשט איינגעזאַמלט די זיבעציק עלטסטע פון פאָלק און גערופן צו זיך זיינע געטרייע אין וואָפנקליידער און אויסגעגעבן פאַר זיי אַלע פאַרהוילעניש: שלאַכטמענער פון ישראל! — האָט יהושוע געזאָגט — פון היינט איבער דריי טעג וועט איר אַריבערגיין דעם ירדן צו אַרבן פעלקער גרעסערע און שטאַרקערע פון אייך. שטעט גרויסע און באַפעסטיקטע ביז אין הימל וועט איר איינגעמען. און מיט אַ פאָלק, וואָס באַ־שטייט פון ריזן, וועט איר פעכטן. אָבער זאָלן אייערע הערצער נישט איינפאַלן, וואָרום זיי וועלן אונטערטעניק ווערן צו אייך. וויל גאָט אַליין האָט געזאָגט: געפירט האָב איך אייך דורך דעם לאַנגן וועג ביז אַהער, אַז איר זאָלט אַרבן דאָס דאָזיקע לאַנד!

ווי כלב איז אַריין טיפער אין לאַגער און געזען די גרויסע פרייד ביים פאָלק און געהערט די רייד פון די גליקלעכע, איז ער געווען אויסער זיך וואָס ישראלס סוד איז באַצייטנס אַרויסגעגעבן געוואָרן און די פאַרבאָרגענישן זענען געוואָרן אַנטפּלעקט. ער האָט געזוכט פּנחס'ן און אים נישט געפונען. ער האָט אַראָפּגערוקט דעם קאַפּטוך איבער די אויגן, אַז דער המון זאָל אים נישט דער־קענען און זיך געלאָזט צו די געצעלטן פון די פירשטן, אָבער דער וועג איז געווען פאַרשפּאַרט ביז צום געבערגלטן שטעג, וואָס פירט צום אוהל מועד. דאָס געפּילדער איז געווען אַזוי גרויס און די פרייד אַזוי ווילד ווי אין די טעג, ווען די פאַרשייטע און זינדיקע האָבן זיך געפרייט מיט דעם גאָלדענעם קאַלב.

אויף אויסגעשפּרייטע טעפּיכער האָבן באַזויפענע קריגסלייט באַפוילן זייערע קנעכט — די געפאַנגענע פון מלחמות מיט פרעמדע פעלקער — זיך צו ראַנגלען פאַר זייער פאַרגעניגן. די יונגען האָבן געפאָכטן מיט שטויס־הערנער און אָקס־שטעקנס. עס זענען דאָ געווען צוזאַמענגעמישט די פאַרביקע קליידער פון די חיתים, די גרויע בורנוסן פון די פריזים, די רויטע זשופּאַנען פון די עמונים און די קורצע לייבגאַרטלען פון די כותים. זיי אַלע האָבן געדינט ווי לויף־יונגען און וועכטערס אין דער מחנה. עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן דורך די געזעץ־היטערס פון ישראל, אַז קיין מכשפה זאָל נישט לעבן בלייבן, אָבער געצנדינערישע פריזן, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט פון מדין, האָבן פאַרקויפט



הנה ארון הברית אדון כל הארץ עובר לפניכם בירדן... — אָט גייט דער ארון פון בונד פון דעם האַר פון דער גאַנצער ערד אַריבער אייך פאָראויס איבערן ירדן...

אין לאַגער קמיעות קעגן צרעת, און פרעמדע אָפּשפּרעכערס מיט צעשויבערטע בערד האָבן אַרויסגעשלעפּט פון זייערע בוזימס פאַרכישופטע שלאַנגען. יונגען מיט בראַנדהעלצער האָבן געלאָשן זייער דורשט מיט וויינלאָגלען. פאַרשייטע שפּילווייבער האָבן אָפּגעדעקט זייערע שענקלען פאַר אויסגעלאַסענע מענער. דאָס געזאַנג פון די פּריילעכע שווערדנציערס, די פּרעפּלערייען פון די באַגייסטערטע בעטלערס און די טענץ פון די יונגפרויען אַרום די פלאַקערדיקע שייטערס — האָבן געפּילדערט מיט דעם מוראדיקן גערויש, וואָס מען הערט נאָר אין אַ באַזיגטער שטאָט ווען זי גייט אויף אין פלאַמען.

כלב האָט דעם לאַגער נישט דערקענט. די פרייד איז געווען צו פרי און דאָס געשאַל צו הילכיק. פונדערווייטנס, אויף דעם באַלויכטענעם בערגל האָט זיך אַרויסגעהויבן דער משכן, דאָס געצעלט פון געזעץ, וואָס בייטאָג איז עס געווען צוגעדעקט מיט אַ וואָלקן רויך און ביינאַכט איינגעהילט אין אַ זייל פייער. אָבער דער ברענענדיקער זייל, וואָס האָט ווי אַ לייכט־טורעם זיך געטראָגן פאַראויס פאַרן פאָלק, איז אַצינד פאַרבלאַסט געוואָרן אַקעגן די פלאַמיקע ליכטער פון די פאַקעלן.

כלב האָט זיך פאַרנומען צו די געצעלטן פון די פעלדהאַרן, אָבער פּלוצים האָט ער דערהערט הינטער זיך געשרייען פון קלאָג־ווייבער און ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן ביי אַ טומלדיקן געזעמל. דאָרט האָט אַן אויסגעצוואָגענער כהן אין ווייסע קליידער זיך געגרייט צו פאַרגעבן די זינד פון אַ צעלאָזענער פרוי, וואָס איז פאַראומרייניקט געוואָרן הינטער די אויגן פון איר מאַן. עס איז נישט געווען קיין עדות, וואָס האָט זי געזען ליגן מיט אַ פרעמדן זכר. עס האָט זיך נישט באַוויזן קיין צוקוקער, וואָס האָט זי געכאַפּט ביי דער זינד, אָבער איר צאָרנדיקער מאַן האָט געקאָכט פון אייפערזוכט און געשריען, אַז זי איז פאַראומרייניקט געוואָרן. דעריבער האָט ער פאַר די האָר זי געשלעפּט צום כהן, אַז ער זאָל זי רייניקן פאַר די אויגן פון פאָלק. דער כהן האָט געבראַכט אַ ליימענע כלי מיט וואַסער און דאָרט אַריינגעטון שטויב, וואָס ער האָט אָפּגעקראַצט פון דער ערד אין משכן. ער האָט צעשויבערט די האָר אויפן קאָפּ פון דער פרוי און אַראָפּגעריסן פון איר האַלדז די גאָלדשטיינער און פון אירע אָרעמס די יאַשפיזן און רובינען און דערנאָך איר געהייסן טרינקען פון דעם ביטערן וואַסער: אויב דו ביזט נישט פאַראומרייניקט געוואָרן הינטער די אויגן פון דיין מאַן — האָט דער כהן געזאָגט — זאָלסטו בלייבן אומבאַשעדיקט פון דעם דאָזיקן וואַסער. און אויב דו ביזט יאָ פאַראומרייניקט געוואָרן און אַ מאַן איז געלעגן מיט דיר, זאָל דאָס וואַסער דיך מאַכן פאַרשאָלטן און דיין בויך זאָל געשוואָלן ווערן און דיין דיך זאָל אַוועקפאַלן און דיין טראַכט זאָל נישט געבערן, אַז דו זאָלסט ווערן אַ קללה צווישן פאָלק!

דערהערנדיק די שעלטונג פון דעם כהן האָט אַ געפּילדער זיך אויפגעהויבן אין דעם געזעמל. די קלאָג־ווייבער האָבן געוואָיעט ווי חיות און די מענער האָבן געליאַרעמט אַז אַן אומווערדיקייט איז אָפּגעטון געוואָרן אין דער מחנה אין די טעג, ווען דאָס פאָלק דאַרף זיך הייליקן צו דער מלחמה.

כלב׳ס פּנים האָט געפלאַמט פון חרפּה און ער האָט מיט עקל זיך אָפּגע־קערט פון דעם געזעמל. ער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס די צעלאָזענע מענער און פרויען פאַרלאַנגען אַז אַ קללה פון שאַנד זאָל פאַלן אויף דער פרוי, וואָס איר שולד איז נישט באַוויזן געוואָרן. ער האָט פאַרדעקט די אויגן מיט די הענט צו בלייבן פאַרבאָרגן פון דעם בלענדענדיקן שיין און זיך געלאָזט צוריק צו זיין געצעלט. איבער דעם גאַנצן וועג איז דער אומרו פון אים נישט אָפּגע־טראָטן. ווען ער האָט ווידער זיך אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער, איז זיין גוף געווען מיד, אָבער דער שלאָף איז אַלץ נישט געקומען. אַזוי איז ער אָפּגעלעגן אַ לאַנגע צייט. דורך די שפּאַלטן פון דעם געצעלט־לייוונט האָט ער געקענט זען ווי אין דרויסן האָבן די פייערן איינגעציקווייזט זיך געלאָשן און די פּילדערנ־דיקע קולות זענען אָפּגעשטאָרבן, אָבער זיינע חושים זענען געבליבן וואַך. די וועלט איז געווען איינגעזונקען אין שטילקייט און כלב האָט צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן דערפילט, אַז אַלע זיינע געזעכטע מעשים ביז היינט זענען פאַרגעסן געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אַליין מיט זיינע ספקות אונטער דער זון. אין יענער רגע פון יאוש האָט ווידער פאַר אים זיך באַוויזן רחב׳ס געשטאַלט. איר אָפּבילד האָט אים דערפרייט, אָבער איר דערשיינונג איז גע־בליבן אַ רעטעניש. די זעאונג האָט אים פאַרשאַפט סיי פּחד, סיי פּיינלעכן פאַרגעניגן און ער האָט צו זיך געזאָגט: אויב רחב איז געשיקט צו מיר פון גאָט, דאַרף איך זי אויפנעמען ווי אַן אומגעריכטן גוטן מלאך. אויב אָבער זי ווערט אַרויסגערופן דורך מיין פאַרבאָרגענער לוסט, איז מיין נשמה פאַרדאָרבן און שולדיק בין איך אַליין וואָס גאָטס גנאָד אין יריחו האָט מיך פאַרפירט.

די לאַסט פון שולד האָט אים געמאַכט אונטערטעניק און שפּלדיק. ווען ער האָט ווידער זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטויב פאַר דעם באַשעפער, האָט זיין שטים געשלוכצט מיט אַנגסטן:

— מיין האַרץ איז פול מיט פּחד ווען איך ווענד זיך צו דיר אין מיין נויט, גאָט פון ישראל! אָבער ווער, אויב נישט דו אַלמעכטיקער, האָסט מיר געגעבן דאָס דאָזיקע האַרץ אַז עס זאָל ציטערן פאַר דיר און ווער, אויב נישט דו האָסט מיר די ליפּן געשאָנקען, זיי זאָלן בעטן אין פאַרכט? אין אַנגסט רוף איך צו דיר אַצינד ווי אַ פאַרלוירענע שאָף: פיר מיך אַרויס פון דער קלעם! דו האָסט מיר נישט געגעבן גענוג חכמה, האַר פון דער וועלט, אַז איך זאָל קענען שטילן דיין צאָרן, אויב צאָרן איז דיין בייטש פון שטראָף. צי האָב

איך דען נישט געטון דיין שליחות אזוי ווי עס האט באפוילן יהושע דיין קנעכט? צי בין איך דען נישט אריין אין יריחו ווי א גנב אין פארבארגעניש און אויסגעשפירט די פעסטונגשטאט? צי איז דען רחב נישט געשיקט געווארן דורך דיר אלמעכטיקער, מיך צו ראטעווען פון געפאר? אבער אין מיין שוואכקייט האט אויפגעוואכט אין מיר די פארשייטע לוסט. און אויב איבער מיין לוסט ווערט אצינד מיין נשמה געפייניקט, רייס פון מיר ארויס די דאזיקע לוסט אזוי ווי א געשוויר פון אן אייטערדיקן גוף, אז איך זאל ווידער דיך קענען דינען מיט א לויטער הארץ.

אין אים האט אויפגעוואכט א נייער באגער זיך אפצושיידן פון דעם רוישיקן קריגס־לאגער און דינען גאט אין אפגעזונדערטקייט. ער האט נישט געוואלט הערן דאס קלינגעריי פון די שווערדן און פאנצערס ביי די שלאכטמענער. זיין פארלאנג איז געווען צו בלייבן טויב צום געשאל פון די שופרות, אז די שטים פון אלמעכטיקן זאל פון דער שטילקייט ארויס זיך לאזן הערן צו אים. אבער דער אלמעכטיקער, וואס זיין ווילן און אומווילן זענען פארהוילן פאר יעדן שטערבלעכן, איז נישט גרייט געווען צו אנטפלעקן פאר זיין קנעכט כלב זיין צארן אדער זיין חסד. בעת גאט הארכט זיך איין צו דעם געבעט פון זיינע געטרייע און אויסדערוויילטע, ווערט שטיל אין אלע רוימען. די ווינטן ווייען נישט און די דונערן באהאלטן זיך. די ווערים אויף דער ערד קריכן נישט און די פייגל אונטערן הימל הערן אויף צו פליען. די ימען בלייבן פארגליווערט און די טייכן שטעלן זיך אפ. און די צייט האלט איין דעם אטעם, ווייל נישט אין שטורעם איז גאט. נאר פאר זיין קנעכט משה, דעם אויסדערוויילטן פון אלע געטרייע, האט דער אלמעכטיקער גערעדט פון דעם ברענענדיקן דארן ארויס.

און כלב, וואס איז נישט ראוי געווען צו וואשן די פיס פון דעם נביא משה, האט א פארזונקענער אין ספקות, געשוואוירן אויסצוררייסן פון זיין הארץ דאס גדעכעניש פון רחב. אבער זיין שבועה איז אויפגעלייזט געווארן פון די נייע פלאקערדיקע באגערן. ווי ער איז אזוי געלעגן אויסגעצויגן צופוסנס זיין געלעגער, איז רחב ווידעראמאל געווען מיט אים. זי האט זיך באוויזן אין פארשיידענע געשטאלטן, איינמאל אין די קליידער וואס זי האט געטראגן ביים מאלצייט אין איר גארטן, ווען זי האט געשפרייזט א שטאלצע מיט די אויפגעטורעמטע האר, איינגעקלעמט אין גאלדענע קאמען און דאס בינטל רויטע איידלשטיינער אויף די בריסטן האט געלויכטן ווי גליענדיקע רויזן. א צווייט מאל איז זי געקומען איינגעהילט אין א גרויען דעקטוך ווי דענסטמאל, ווען זי האט אים און פנחס'ן אויסבאהאלטן אין דעם דאך־שטיבל. און ווידעראמאל האט זי זיך באוויזן א רייפע און רייצנדיקע אין לייכטע דורכזיכטיקע שלייערן.

ש. איזבאַן

די שיינע געפֿורעמטע אָרעמס זענען געווען פֿאַרלייגט אויפֿן האַרצן, אירע לויטערע אויגן האָבן געקוקט אויף אים דרייסט און די דופּטן פֿון מירע, וואָס האָבן געבלאָזן פֿון איר לייב, האָבן אים באַרוישט ווי אַ שיכור. כלב האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און אַזוי געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד ביז דער מאָרגנשטערן איז אויפֿגעגאַנגען.

ער איז געווען אין אַ שלומער, אָבער די קלאָרע זעאונגען זענען פֿון אים נישט אַוועק. אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער געפּרואווט אויפֿוועקן אין זיך אַ ווידערשטאַנד. ווען די ערשטע גרויע פּאַסן פֿון הימל האָבן זיך אַריינגעריסן אין געצעלט האָט ער אַ געשטאַרקטער זיך געשטעלט אויף די פֿיס. ער האָט געהאַט גרייט אַ פֿאַרלאַנג צו גיין זעען דעם קריגסהאַר יהושוע און פֿאַר אים אויסגיסן זיין האַרץ.

קאפיטל עלף

א

יהושוע האָט זיך געפּעדערט ביים ערשטן ליכט פון טאָג און איז אַרויסגעגאַנגען אין לאַגער צו מעסטן די גבורה פון ישראל. די גרויסע מחנה איז נאָך געשלאָפן. אַ רויטע רייף זון האָט זיך אַרויסגעהויבן אויפן ראַנד פון הימל און אָנגעצונדן דעם באַשאַף מיט די ערשטע פייערן פון בראשית. יהושוע האָט פריער געוואַשן די פיס און איינגענעצט דעם שטערן מיט די קינבאַקן. ער האָט אָפּגעזאָגט אַ לויב צום באַשעפער, וואָס האָט געלייגט דעם מאָרגנטוי אויף דער ערד אַזוי ווי די לויטערקייט אין זיין האַרץ און ער האָט זיך געלאָזט גיין פאָראויס צו די פאָדערשטע געצעלטן, וואָס האָבן באַוואַכט דעם אָפענעם מדבר. ער איז אָנגעקומען צום באַרג פון די אויסקוקערס.

די ערד איז געווען פייכט און קיל, ווען ער האָט געקלעטערט אַרויף איבער דער זאַמדיקער באַרג־וואַנט. די שפּיצן פון די הויכע פעלזן אַנטקעגן האָבן זיך געצונדן אונטער דער זון ווי פלאַקערדיקע טורעמס. מיט אַ טאָג פריער האָט ער אַרויסגעשיקט די אויפזעערס און עלטסטע פון די שבטים אָנצוזאָגן דעם פאָלק: זייט גרייט צו מלחמה אויף אַ גרויסן פיינט! יהושוע׳ס אָנזאָג האָט געזאָלט שטאַרקן די מוטיקע און וואָרענען די שרעקעוודיקע און ווייכהאַרציקע, אַז בלייבן זאָלן זיי הינטער דעם חייל ווי אַ פעלזן־וואַנט. דער אָנזאָג איז אים נאָכגעגאַנגען אין פרימאָרגן ווי אַ טרייסט צו גאַנץ ישראל: איר זאָלט זיך נישט שרעקן און נישט אַנגסטן און אייערע הערצער זאָלן נישט שלאַף ווערן, וואָרום דער אייביקער גאָט פון ישראל, וואָס האָט אייך אַרויפגעבראַכט פון לאַנד מצרים, גייט מיט אייך אַרויס אין דער דאָזיקער מלחמה!

יהושוע איז געווען הויך און ביייניק, מיט אַראָפּהענגענדיקע אַקסלען. אויף דעם אויבערשטן טייל פונעם קנאָכיקן גוף האָט ער געטראָגן אַ געוואַנד פון שאָפּן־פעל, צוגעדעקט מיט אַ ברוסטשילד ווי אַ קופּערנער שפּיגל. די האָריקע פיס זענען געווען ווי איינגעפלאַנצט אין דער ערד און די רימענס פון די סאַנ־

דאַלן האָבן זיך געוויקלט אַרויף ביז צו די אָפּגעבערענטע קניען. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע שוואַרצע באָרד, געקרייזלט אין פלעכטן. דער קיווער אויפן קאָפּ ווי אַ שווערע קרוין איז געווען אַראָפּגעלאָזט איבערן שטערן. שטענדיק גרייט צו מלחמה, קיינמאָל נישט אָן וואָפנקליידער, איז דער פעלדהאַר פון ישראל געשטאַנען אומבאַוועגלעך אין דעם קילן פרימאָרגן און איינגעאָטעמט די פרישע דופטן פון גאָטס באַשאַף. פון זיינע האַרטע קינבאַקן און פון די פולע, פליישיקע ליפּן האָט געשפּאַרט אַ גבורה, וואָס האָט געקענט אָוועקבלאָזן שטורמווינטן. נאָר די העלע, ליוטערע אויגן, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט צום ווייטן הימל־אויסבויג, האָבן ווייכער געמאַכט דעם האַרטנעקיגן אויסזען פון דעם אייפער־דיקן קריגסמאַן.

פונעם שפּיץ באַרג האָט ער אַראָפּגעקוקט אויף דעם פלאַכלאַנד, וואו די רויטע ערד האָט זיך געשפּרייט ביזן סוף פון דער וועלט. דאָרט, וואו די אומ־ענדלעכקייט איז אַריינגעשוואומען אין די ווייטע נעפּלען, צו מערב פון דער זייט ירדן, איז געזעסן דאָס פאָלק פון די אמורים און לענג־אויס דעם גרויסן ים האָבן רעגירט די מלכים פון די כנענים, אַ פאָלק גרויס אין צאָל און מעכטיק אין מלחמה. און ווי יהושוע'ס אויגן האָבן געוואַנדערט אין דער נידער איבער דעם שלאָפנדיקן לאַגער, וואו עס האָט גערוט זיין אומבאַוואָפנט פאָלק, האָבן זיינע שלייפן לייכט אַ ציטער געטון אַזוי ווי דער ציטער ביי אַ פאָטער, ווען ער קוקט אויף זיינע אומבאַשיצטע קינדער. אין יענער רגע האָט אויפגעלויכטן אין זכרון דער טאָג, ווען משה האָט פאַר זיין לעצטן גאַנג צום באַרג נבו, געזאָגט צו אים פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל: זיי שטאַרק און פעסט, יהושוע! דו וועסט קומען מיט דעם דאָזיקן פאָלק אין דעם לאַנד אַריין און וועסט עס אַרבן אַזוי ווי גאָט האָט געשוואוירן צו אונדזערע עלטערן. דער אַלמעכטיקער אַליין וועט גיין פאַראויס פאַר דיר. ער וועט זיין מיט דיר פון פאַרנט ווי אַ פּאַנצער און הינטער דיר ווי אַ ברוסטשילד. ער וועט דיך נישט אָפּלאָזן און דיך נישט פאַרבייגיין.

באַרואיקט פון דעם געטלעכן צוזאָג האָט יהושוע אַריבערגעקוקט צו די פעלזיקע הויכקייטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשיילט פון די בלייכע נעפּלען. יענע מוראדיקע בערג, פאַרלאָזן פון גאָט און פאַרהאַסט פון מענטשן, ווייל זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די פעלקער פון פלאַכלאַנד, זענען פאַר יהושוע'ן געווען טונקעלע באַהעלטענישן אונטער די וואָלקנס, פון וואַנען ער וועט אַראָפּוואַרפן זיין חייל אין דעם אָפענעם מדבר, די בויגן־שיסערס פון מזרח און די שפּיזן־שלידערערס פון מערב און זיי וועלן איינעמען די וואוינערטער און די פעסטונגשטעט פון דעם יבוסי און חיתי און פריזי און גרגזי. כנען איז געווען אויסגעשפּרייט אויףביידע זייטן ירדן און דער קריגסהאַר האָט געהאַט אַ חלום

אויסצוליייזן די לאַנד־שטיקער, וואָס האָבן זיך געשוואָנקען אַרום די גלויטערע וואַסערן פון דעם גרויסן טייך. אין די ערשטע טעג נאָך משה׳ס טויט, ווען ער איז דורכגעגאַנגען דאָס אָפענע לאַנד אָן צוימען, פון די פלוינען פון מואב ביז צום באַרג נבו, האָט ער אויף די וואַנדערונגען געלערנט די פירונגען פון די פעלקער און דאָס לעבן פון די ח׳יות און רמשים. אָבער זיין האַרץ איז נישט געוואָרן פאַרשטענדיקער און זיין מוח האָט נישט געוואונען מער חכמה. ערשט דער אַלמעכטיקער, וואָס טרייסט די הערצער פון זיינע אונטערטעניקע, איז פאַר אים געוואָרן אַן אָנלען און זיין הבטחה איז געוואָרן אַ פאַנצער און אַזוי ווי אַ בין, וואָס לעבט איבער דעם ווינטער אויף דעם האָניק, וואָס זי האָט אָנגעזאַמלט אויף איר שטאָק, אַזוי האָט ער אָנגעזאמלט ויסן ווי זיך צו באַפרייען פון דעם פחד פון געפאַר.

אָבער ווי ער האָט אַצינד אַראָפּגעקוקט אויף דער שלאָפנדיקער מחנה, איז דער פחד נישט אינגאַנצן אָפגעטראָטן און דער צווייפל האָט נאָך גענאָגט זיין האַרץ. ווי קענסטו געטרויען דעם דאָזיקן ווידערשפעניקן פאָלק? — האָט אַ קול פלוצים אים געוואָרנט — צי האָט דען נישט דאָס זעלבע פאָלק נאָך דער אויסלייזונג פון קנעכטשאַפט, געוויינט פאַר משה׳ן אין מדבר: גיב אונדז פלייש צו עסן! מיר געדענקען די פיש פון מצרים, די פלוצערן און די קירבעס און דאָס גרינס. און היינט איז אונדזער זעל פאַרטריקנט, וואָרום בלויז אויף דעם טרוקענעם מן טוען מיר זיך שפייזן! און דער מן, וואָס דערויף האָט דאָס פאָלק זיך באַקלאָגט, איז געווען אַזוי געשמאַק ווי קאַריאַנדערזאָמען און אַזוי דופטיק ווי בוימפעך און עס האָט געלויכטן ווי איידלשטיינער. יהושוע! יהושוע! — האָט דאָס קול ווידער גערופן — ווי אַזוי וועסטו אויסטראָגן די דאָזיקע שווערע לאַסט? דו וועסט אַוועקשטעלן דאָס פאָלק פאַר הויכע טורעמס און פאַר אייזערנע מויערן, אָבער ווער וועט דיר ערב זיין אַז אומדערשראָקן וועלן זיי בלייבן און ווי גבורים וועלן זיי שפרינגען אויפן שונא? צי וועלן זיי נישט אין טאָג פון פרואוואונג זיך צעלויפן ווי די אינדן אין פעלד און דיך איבערלאָזן אין דיין שמאַך, ווייל דו וועסט זיי נישט קענען געבן פלייש צום עסן און וויין צום זויפן. און דו אַליין, אין דיין געפאַלנקייט, וועסט אַזוי ווי משה פאַר דיר, פרעגן ביים אַלמעכטיקן: צי האָב איך דען געבוירן דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס איך מוז עס טראָגן אין מיין בוזים אַזוי ווי אַ דערציערין טראָגט איר זויג־קינד? הרגע מיך אין דיין לייטזעליקייט גאָט, און לאָמיך נישט צוזען דאָס אומגליק פון ישראל!

יהושוע האָט געדענקט: יונג און איידל איז געווען זיין גוף און דערשראָקן זיין האַרץ, ווען ער איז אינאיינעם מיט נאָך עלף פון די שבטים געשיקט געוואָרן אויסצוקוקן דאָס לאַנד, אָבער ווי פייער איז געוואָרן זיין בלוט

און ווי קופּער זיין הויט, ווען ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען. צען פון די פירשטן פון ישראל האָבן אויסגערעדט שלעכטס אויף דער געבענטשטער ערד. אַ לאַנד, וואָס עסט אויף אירע באַוואוינער איז כנען, האָבן זיי געזאָגט, און אירע מענטשן זענען מוראדיקע ריזן! און נאָך האָבן זיי געזאָגט: ווי הייד־שעריקן זענען מיר געווען אין אונדזערע אויגן נאָכן אָנקומען אַהין און אַזוי זענען מיר געווען אין זייערע אויגן. האָט דאָס איבערגעשראָקענע פאָלק זיך צעוויינט און באַגערט צו שטאַרבן אין מדבר. און די פאַרדאַרבענע האָבן גע־וואָלט פאַרוואַרפן מיט שטיינער די עלטסטע פון ישראל. אין יענעם טאָג איז אַ קללה געפאַלן אויף די לעסטערערס און זיי זענען אומגעקומען אין מדבר. נאָר ער, יהושוע, דער זון פון נון, פון שבט אפרים און כלב, דער זון פון יפונה, פון שבט יהודה, זענען געבליבן לעבן, כדי ווייטער צו פירן דאָס אומגליקלעכע פאָלק. געבליבן זענען זיי ווי די לעצטע פון דעם דור פון קנעכטשאַפט און די ערשטע פון דעם דור פון אויסלייזונג.

יהושוע האָט געקוקט פאָראויס. דאָס ברייטע אָפענע לאַנד, דער אויס־שפּרייט אָן גרעניצן איז געווען אומענדלעך. די וואַנדערונגען און מלחמות האָבן האַרט געמאַכט דאָס געפּרואווטע פאָלק און עס פאַרמערט אין צאָל אַזוי ווי דאָס זאַמד אין מדבר. פון משה'ן האָט יהושוע געשעפּט חכמה און פון אהרונ'ען פאַרכט צום אַלמעכטיקן און דורך די לאַנגע וואַנדערונגען איז זיין צונג געוואָרן אַזוי פלאַמענדיק, אַז ווען ער האָט גערעדט צום ווידערשפעניקן פאָלק, איז דאָס געווען ווי דער געשאַל פון שופרות. ער האָט געקענט פונאַנדערוויגן דעם המון אַזוי ווי דער ווינט וויגט פונאַנדער דאָס גראָז, ביז עס איז אונטערטעניק גע־פאַלן אויף די קניען.

יהושוע האָט געהאַט גבורה אין זיין גוף און פייער אין זיין נשמה, ווייל משה אַליין האָט אויף אים אָנגעלענט זיינע הענט. אָנשטאָט אַראָפּצולייענען פון די ליימענע טאָוולען וועגן די גבורות פון די מלכים אין די געבערג און אין דעם נידעריקן לאַנד און וועגן די גרויזאַמע פעלקער, וואָס זענען געזעסן ביים ירדן און אויפן ברעג פון גרויסן ים אַקעגן לבנון, האָט יהושוע אויפגעהיטן אין זכרון די נצחונות פון זיין לערער משה און אַלע זיינע וואונדער און צייכנס, וואָס ער האָט באַוויזן אין לאַנד מצרים צו פרעה'ן און זיינע קנעכט. יענע נצחונות האָבן פאַרטריבן זיינע צווייפלעניש. אין דער מלחמה מיט עמלק אין רפידים האָט ער אָנגעטון דעם פאַנצער פון אַ קריגספירער. ער איז שטענדיק געגאַנגען פאָראויס פאַר דער מחנה און ביי די שווערע שלאַכטן האָט ער אונ־טערגעהאַלטן משה'ס אָפּגעשוואַכטע הענט. צי ווי אַ פּראָסטער וואַפּנטרעגער, צי ווי אַ הויפּטמאַן האָט יהושוע קיינמאָל נישט געענדערט זיינע געוואוינהייטן. ער האָט געטראָגן אַ מאַנטל פון ציגנהאָר און נישט געזאַלבט זיין לייב. פרויען

י ר י ח ו

האָבן באַוואונדערט זיין שיינקייט און גבורה און די שלאַכטמענער האָבן מקנא געווען זיין אומדערשראָקנקייט בעת די געפעכטן. ער האָט נישט געטרונקען קיין ווייַן און נישט געגלוסט צו פעטע שפּייזן. די יאָרן פון וואַנדערונגען האָבן אויסגעשמידט זיין גוף אין אַ פעלז און זיין נשמה אין אַ פייערזייל.

יהושע האָט צוגעלייגט די האַנטפלאַך צום שטערן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום מזרח־אויסבויג. די זון האָט זיך געהויבן העכער און פאַרגאָסן דעם הימל ווי אַ פייערדיקן טייַך מיט בלוטיקע וואַסערן. פון יענעם עק לאַגער איז אויפגעגאַנגען דער ערשטער געפּילדער פון טאָג. פאַרשלאָפענע טרייבערס האָבן אַרויסגעפירט די שלעפּ־חיות. שמידן האָבן געפיילט דאָס כלי־זין. האַנטווערקערס האָבן געזעגט ברעטער פאַר בוידן און וועגענער. און יעגערס האָבן אויסגעשפּרייט נעצן אין זאַמד צו פאַנגען פוקסן און פאַרבלאָנדזשעטע פייגל. פון די געצעלטן זענען אַרויסגעקומען פרויען מיט קרוגן אויף די קעפּ. מאַמעס מיט זויג־קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דעקטיכער אָנצואוואַרעמען די לייבער פון די עופהלעך אונטערן ליכט פון הימל. דער רויך פון אָנגעצונדענע פייערן האָט זיך געקרייזלט אין דער לופט און דאָרט האָבן ווייבער געקאָכט אין גרויסע טעפּ די ערשטע געקעכצן. פונעם טאָל הינטער די ערדוואַלן האָט זיך געטראָגן דאָס קלאַפּעריי פון האַמערס און דאָס קלינגעריי פון שווערדן און שפּיזן. אַ געשאַל פון שופרות איז אויפגעגאַנגען און די עלטסטע איבער הונדערט און די עלטסטע איבער טויזנט האָבן אַרויסגעטריבן די יונגע קריגסלייט צו די פרי־מאָרגן־געפעכטן.

דערזעענדיק דעם אויפגעוואַכטן לאַגער האָט דאָס האַרץ ביי יהושע׳ן געפלאַטערט. און כדי צו געפינען טרייסט פאַר דער נשמה האָט ער געווענדט זיינע בליקן צום אוהל מועד, וואָס איז געשטאַנען פונדערווייטנס אָפּגעשיידט ווי אַ לויטערע הייליקייט. דאָס געצעלט מיט דעם ארון פון געזעץ איז געווען די פעסטונג פאַר ישראל אין דעם אָפענעם טרוקענעם לאַנד. דער וואָלקנזייל ביי טאָג און דער פייערזייל ביינאַכט האָבן איינגעהילט דעם הייליקן ארון און דאָרט זענען געווען פאַרשריבן די געבאָטן און חוקים, וואָס משה, דער לוחות־טרעגער האָט פון הימל אַראָפּגעברענגט. אַ אינגל איז יהושע געווען, ווען ער איז אַרויס פון מצרים און דער לאַנגער גאַנג אין מדבר האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די משא פון שווערע פערציק יאָר. די צייט איז געווען אומענדלעך און דער מדבר אָן אַ סוף. און אין אַלע טעג האָט משה׳ס לערנונג געטריפט ווי פרישער זאַפט און זיין וואָרט איז געגרונען ווי טוי. דאָס ווידערשפעניקע פאָלק האָט געהערט זיינע געטלעכע רייד און זיך געשטאַרקט, ווייל די רייד זענען געווען ווי אַ גוסרעגן אויף גראָז און ווי אַ שפּריירעגן אויף קרייטעכצער.

יהושע האָט שוין געוואָלט אַראָפּגיין פון באַרג צו באַפעלן די אויפזעער

און די הויפּטלייט זיי זאָלן איבערציילן די קעפּ פון ישראל, אָבער זיינע פּיס זענען געבליבן ווי איינגעגראָבן אין זאַמד. ער האָט דערזען ווי אַ קראָ איז אַרונטערגעפאַלן פון הימל און זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ יעגער־נעץ אין זאַמד. ער איז געוואָרן פאַרבלייפט און זיך געפרעגט: צי האָט גאָט אַליין אים געגעבן אַ צייכן, אַז די קראָ איז כנען, וואָס ליגט שוין אַ געפאַנגענע אין זיין שטייג? אין יענעם אויגנבליק האָט דאָס ליכט פון דער זון פלוצים בלינד געמאַכט זיינע אויגן און זיין גוף איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. דער לאַגער צופוסנס איז פאַרשוואונדן און עס האָט אויפגעפלאַקערט די מוראדיקע שלאַכט פאַר כנען. אין זיין פאַרכטיקייט האָט יהושע דערזען ווי די ערד האָט אויפגעציטערט, די טייכן זענען צערונען געוואָרן און די ימען האָבן אויסגעטריקנט. די בערג האָבן זיך געוואַקלט און די פעלזן האָבן געקניט אונטערטעניק. טויטע זענען די פייגל אַרונטערגעפאַלן פון הימל און אויך די פייערדיקע מלאכים, וואָס ווייסן נישט פון גרויזאַמקייט און זענען טויב צו באַרמהאַרציקייט, האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם צאָרנדיקן שטורעם און דעם מבול פון פייער, וואָס האָט פאַרצערט די מויערן פון די פעסטונגשטעט ווי וואַקס און צעבראָכן די צעדערביימער ווי שטרוי־זאַנגען און אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון דער וועלט, ווען די מלחמה אויף כנען איז געפירט געוואָרן פון דעם גערעכטן און צאָרנדיקן גאָט.

יהושע האָט אויפגעוואַכט ווי פון אַ טיפן שלאָף. ער האָט ווידעראַמאָל אויפגעהויבן די אויגן צום אומזעבאַרן אין די הויכן. דאָס גערויש פון לאַגער האָט אַצינד שטאַרקער געהילכט אין זיינע אויערן. צופוסנס איז נישט געזעסן אַ דערשראָקענע עדה, נאָר אַ פאָלק פון גבורים, פאַרכטיק צו גאָט, האַרטנעקיק צום שונא. די קנעכטשאַפט פון פיר הונדערט יאָר האָט זיי אויסגעשמידט אין אַ באַרמלאָזער מחנה. מיט זיבעציק נפשות האָבן זייערע עלטערן אַראָפּגענידערט קיין מצרים און דער אַלמעכטיקער האָט זיי פאַרמערט אַזוי ווי די שטערן אין הימל אין צאָל. יהושע! יהושע! די פאַרמשפּטע יריחו וואַרט אויף דיר! — האָט אַ דונערנדיקע שטים אים גערופן — גיי אַרויף און וואַרף איין אירע מויערן! אַ געהאַרכזאַמער צום רוף איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג, גרייט צו טרעפן די זיבעציק עלטסטע און די הויפּטלייט, וואָס האָבן געגרייט דאָס חייל צו מלחמה.

ער האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצוגיין עטלעכע טריט ווי ער האָט דערזען כלב'ן, ווי ער קומט אים אַנטקעגן. כלב איז געגאַנגען אַ וואַקלדיקער. זיינע קינבאַקן זענען געווען בלייך און זיינע אויגן רויט פון ווינציק שלאָף. כדי אָפּצומעקן די זינדיקע זעאונגען אין חלום ביינאַכט און זיך באַפרייען פון די אומריינע געדאַנקען וועגן רחב'ן, איז כלב גרייט געווען אַצינד צו אַנטפּלעקן פאַר זיין קריגסהאַר אַלע פאַרבאָרגענישן פון זיין האַרץ. ער, יהושע, וועלכער

האָט געשטאַרקט זיין האַר משה אין זיין אָנמאַכט, וועט אויך קענען טרייסטן אים, זיין קנעכט, אין זיין פאַרלוירנקייט. כלב איז געבליבן שטיין אין קווייקעלניש און יהושע האָט מיט איילנדיקע טריט זיך דערנענטערט צו אים.

— פרידן צו דיר, כלב — האָט ער אויסגערופן — פאַרוואָס איז דיין פּנים היינט פאַראומערט?

כלב האָט געשוויגן און יהושע האָט געהאַט גרייט פאַר זיין געטרייען מונטערע רייד.

— דער אַלמעכטיקער איז מיט אונדז, כלב. זעסט אָט דעם גרויסן מדבר אַרום? צי איז דאָס נישט דער לויטערסטער וועג, וואָס איבער אים האָט גאָט אַליין געפירט דאָס פאָלק ביז אַהער? הויב אויף די אויגן, כלב. איבער דעם גאַנצן באַשאַף איז אויסגעגאָסן רו און פרייד, אָבער דו, דער אומדערשראָקענער, ביזט היינט באַטריבט. פאַרוואָס? צי האָסטו אַליין מיר דען נישט געברענגט פון דער פרעמד דעם אָנזאָג פון ישראל׳ס נצחון? און צי האָסטו פאַרגעסן ווען מיר אינאיינעם מיט נאָך צען הויפּטלייט פון די שבטים זענען אַוועק אויסקוקן כנען? וואָס איז געשען צו דעם מוטיקסטן פון מיינע קריגסלייט, אַז זיין האַרץ איז היינט איינגעפאַלן?

כלב האָט געקוקט אויף יהושע׳ס שטראַלנדיקן פּנים און זיך דערפילט נידעריק אונטער זיין רואיקן בליק. די זון, הויך אין הימל, האָט מיט אַ בלענדענדיק ליכט אָפּגעגאָסן די רויטע זאַמדן, וואָס האָבן זיך געשפּרייט ווי אַן אומענדלעכער גאָלדענער טעפּיך. ער איז געפאַלן אויף די קניען. זיין האַרץ האָט אים פאַרקלעמט.

— העלף מיר, יהושע, מיין ברודער און האַר — האָט ער געמורמלט — אַ דערשראָקענער שטיי איך פאַר דיר!

יהושע האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שווערן, שטרענגן בליק.

— אויף די פיס, כלב! די מוטיקע אין מיין מחנה ווייסן נישט פון קיין פּחד.

אָבער כלב איז געבליבן ליגן אַן אונטערטעניקער אין זאַמד.

— ערשט היינט ביינאַכט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך ווער געיאָגט פון אַנגסט — האָט ער געזאָגט — אומרוייקע זעאונגען האָבן מיך געמאַטערט ביזן זון־אויפגאַנג און אַצינד זע איך, אַז די לוסטיקע פרוי רחב, וואָס האָט מיך באַשיצט אין דער פרעמדער שטאָט, איז מיין גרעסטער פיינט. איר לוסט איז אומריין, וואָרום זי וועקט אין מיר זינדיקע פאַרלאַנגען. אַ שטאַרקער בין איך אַריינגעקומען אין יריחו און אַ פאַרפירטער בין איך פון דאָרט אַרויס. וואו זאָל איך זוכן פון איר אַנטרינונג, יהושע מיין האַר? ווער וועט מיך

באַפרייען פון מיינע ספקות? דער אַלמעכטיקער, וואָס איז מיין אַנלען, וואו זאָל איך אים געפינען אין מיין בלאָנדזשעניש?

— גאָט וואוינט דאָרט, וואו די פּאָרכטיקע וואָרטן אויף אים — האָט יהושע רואיק געענטפערט — אָבער דיין צונג רעדט אַצינד פאַרהוילענע רייד. פאַרוואָס שרעקסטו זיך פאַר רחב'ן? צי האָסטו נישט דערציילט, אַז זי האָט דיך אַרויסגעפירט פון דער געפאַר אין יריחו און אַנטפלעקט פאַר דיר די פאַר־באָרגענישן פון די פעסטונגען? דער אַלמעכטיקער, וואָס לעשט דעם דורשט ביי די דאָרשטיקע און זעטיקט דעם הונגער ביי די הונגעריקע, וועט אויך לעשן דיין פאַלשע לוסט, וואָס איז נאָר אַ שאָטן פון צווייפל.

די רייד האָבן געדאַרפט כלב'ן אויפמונטערן, אָבער זיינע ליפּן האָבן נאָך אַלץ געבעטן.

— העלף מיר, מיין האַר יהושע! די אומזיכערקייט שוואַכט אָפּ מיינע כוחות. ווי וועל איך קענען אינאיינעם מיט דער מחנה אַרויסגיין ווי אַן אומ־דערשראָקענער קריגער און שטורעמען די מויערן פון יריחו?

— שטאַרק זיך, כלב. די, וועלכע קענען בייקומען די שרעק, בלייבן גיבורים. אַ טאָג פון גרויסע געשעענישן וואַרט אויף אונדז היינט. גיי אַריין אין לאַגער צו די הויפּטלייט. העלף שטאַרקן די מענער פון ישראל און לערן זיי אָנגורטן דאָס וואָפן פאַר דער גרויסער שלאַכט.

כלב האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, אָבער זיינע קניען האָבן זיך גע־וואַקלט. יהושע האָט פאַרצויגן די ברעמען און זיין לויטערער שטערן איז געוואָרן צעאַקערט פון קנייטשן. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם געבויגענעם כלב.

— מיט דערשראָקענע פעלדהאַרן וועלן מיר חרוב מאַכן אונדזער חייל — האָט ער געזאָגט — נישטאָ אַזאַ פאָלק אין דעם גרויסן מדבר אַרום, וואָס וועט קומען אונדז העלפן אין טאָג פון נויט. קיין אומה וועט נישט שאַלן אויף אונדזער נצחון און קיין פאָלק וועט נישט קלאָגן אויף אונדזער בראָך. אַליין איז ישראל געבליבן אויף גאָטס באַראָט. קוק אויף פּנחס'ן, דיין באַגלייטער. צי איז ער נישט צוזאַמען מיט דיר דורכגעגאַנגען אַלע געפאַרן אין יריחו? אָבער ווי אַ פעלז איז ער געשטאַנען פאַר מיר, ווען אירביידע האָט דערציילט וואָס עס איז מיט אייך געשען אין דער מוראדיקער שטאָט. צי איז ער נישט אַזוי ווי דו אַרויס פון זיין מוטערס טראַכט, פאָרכטיק צום אייביקן גאָט און אומדערשראָקן צו די שטערבלעכע? און צי האָט דען נישט גאָטס האַנט אייך אויסגעקליבן פון צווישן פאָלק, אַז פעלדהאַרן זאָלט איר היינט זיין אין דעם לאַגער פון ישראל?

דערהויבן פון דער שליחות, וואָס דער אַלמעכטיקער אַליין האָט פאַר אים אָנגעצייכנט, האָט כלב אַצינד איינגעבויגן דעם קאָפּ.

— וואָס זאָל איך טון?

— גיי נישט אַריין אין דער מחנה אַ פּאַראומערטער, אַז דער המון זאָל טייטלען אויף דיר און זאָגן: ווי קענען מיר זיין דרייסט, אַז אונדזער הויפּטמאַן צעגייט פון פּחד? צי ווילסטו דען דערנידעריקט ווערן אונטער דעם שפּאָט פון דעם דערצאָרנטן פאָלק און וואַרטן אויף דיין טאָג פון אונטערגאַנג, איידער איך וועל אַרויספירן דאָס פאָלק ביז צו די וואַסערן פון ירדן? זיי מונטער, וואָרום דו וועסט געגרויסט ווערן פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל. ביזט געבוירן געוואָרן אַ זיגער צו זיין און ווען דו וועסט אַריינקומען אין דער געפאַנגענער פעסטונגשטאָט, וועלן די אונטערטעניקע קושן דיינע פיס.

כלב האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט.

— צו קליין בין איך פאַר דער לאַסט, וואָס דו לייגסט אויף מיר אַרויף, מיין האַר יהושוע!

— דער אַלמעכטיקער אַליין ווייס די מאָס פון גבורה ביי זיינע געטרייע און ער אַליין טיילט אויס מאַכט צו זיינע געהאָרכזאַמע. צי וועט אַ פאַסטוך פאַרלאָזן זיין שאָף ווען וועלף לויערן אויף זיי? און צי וועט אַן אָדלער אַנט־לויפן אינמיטן שטורעם פון זיין נעסט אין די פעלזן? נאָך היינט וועל איך איינזאַמלען די עלטסטע פון די שבטים און דו גיי צוריק צו די הויפּטלייט און האַלט גרייט, אַזוי ווי זיי, די וואָפנקליידער. הייליק זיך. אין צוויי טעג אַרום וועסטו גיין פאַראויס פאַר דער מחנה.

יהושוע איז אַוועק און כלב איז געבליבן שטיין צופוסנס דעם באַרג. ער האָט אַ פאַרגליווערטער געקוקט צום ווייטן הימל־אויסבויג, אָבער דאָס גערויש, וואָס איז געקומען פון די געצעלטן, האָט אים אַרויסגענומען פון זיין פאַר־זונקענקייט. אונטן, אין טאָל, איז דאָס קלאַפּעריי פון האָלץ־העקער און דאָס קלינגעריי פון וואָפן־שמידער אויפגעגאַנגען ווי אַ פריידיק געשאַל. אַ פאָלק האָט געשמידט וואָפן צו מלחמה און דער הויפּטמאַן, וואָס איז געווען דער שליח פון דעם קריגספירער אַליין, איז געשטאַנען אַ קוויינקלדיקער און שווערע ספקות האָבן גענאָגט זיין האַרץ. יהושוע׳ס רייד האָבן געטרייסט, אָבער זיין נשמה איז געבליבן פאַרווירט. זיינע בליקן זענען געפאַלן אויף די איינצלנע צעשויבערטע פאַלמענביימער, וואָס זייערע צווייגן האָבן רוישיק זיך געוויגט אין ווינט. ער איז אַרומגעגאַנגען די פאַרצוימונגען, די איינפאַר־פּלעצער און אויסגעמיטן די יונגע כהנים, וועלכע האָבן ווי בינען געהאָוועט אַרום די גע־צעלטן פון די לאַגער־עלטסטע. ווען ער איז צוגעקומען צום טאָל, וואו די

קריגסלייט האָבן געמאָסטן זייערע כוחות אין די וואָפן־געפעכטן, האָבן די אויפזועערס איבער הונדערט אים באַגריסט מיט פרייד. אַ הייפל יונגע שווערדן־פעכטערס האָבן אים אַרומגערינגלט און באַגייסטערט אויסגערופן:

— כלב איז צוריקגעקומען צו אונדז ווי אַ זיגער. נעבן אים וועלן מיר געשטאַרקט ווערן!

ער איז געבליבן מיט זיי און געלערנט די קריגס־פירונגען מיט די בויגן־ציערס און שפיזן־שליידערערס. נאָכן זונאונטערגאַנג איז ער צוריק געקומען אין זיין געצעלט, אָבער אַ גאַנצע נאַכט האָט ער נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט געזיפצט:

— פאַרוואָס איז מיין האַרץ געבליבן אומרואיק און מיין נשמה באַטריבט?

און זיין נשמה איז געבליבן באַטריבט ביזן באַגינען. דאָס געשטאַלט פון רחב׳ן האָט אים נישט פאַרלאָזט. זי האָט זיך באַוויזן צו אים אין פאַרשיידענע זעאונגען און ער איז געווען אוממעכטיק זי צו פאַרטרייבן. פאַרטאָגס איז זי געשטאַנען ביי זיין צוקאָפּנס, איינגעהילט אין דינע בלויע שלייערן. זי האָט שטיל אָנגערופן זיין נאָמען און זיך אַריבערגעבויגן איבער אים. די דורכזיכטיקע שלייערן זענען אַראָפּגעפאַלן פון איר לייב. ער האָט דערשפּירט איר וואַרעמען אָטעם און זי האָט באַרירט זיין מויל מיט אירע פייכטע ליפּן. כלב האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון אירע צאַרטע גלידער. ער איז געוואָרן אַזוי דער־שראָקן, אַז ער האָט זיך אויפגעריסן פון געלעגער מיט אַ געשריי.

עס איז ווידער אויפגעגאַנגען אַ נייער טאָג. די גליענדיקע זון־שטראַלן זענען אַריינגעפלאָסן דורך דער געצעלט־עפענונג. אַ געפלאַטער פון אַ וואַנ־דערנדיקן פויגל האָט פאַרבייגערוישט אין דרויסן, אָבער זיין האַרץ איז געבליבן קאַלט צו די שיינקייטן פון גאָטס באַשאַף. ער האָט זיך באַקלאָגט:

— איך בין אַ געשטראָפטער און מיין גוף האָט ווי אַ תהום אַריינגענומען אַלע אומווירדיקייטן פון דער וועלט.

ער האָט גערעדט אַזוי, ווייל אין אים האָט אויפגעוואַכט אַ פאַרלאַנג צו האָבן רחב׳ן נעבן זיך. ער איז אַרויס פון געצעלט און געווענדט די אויגן צו די הויכן. ביי דעם אַלצוויסנדיקן און אומעטום פאַרהאַנענעם האָט ער געזוכט הילף.

ער האָט געזען ווי אַ שיטערער וואָלקן איז אָנגעשוואָומען און פאַרשטעלט די זון. און פּלוצים האָט אַ פאַרגליווערטע שטילקייט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דעם גרויסן מדבר. און דאָס איז פאַר אים געווען אַ צייכן, אַז ער, וואָס רוט אין די הויכקייטן, האָט אַראָפּגעקוקט צו דעם געפאַלענעם כלב און איינגע־האַלטן אויף איין אויגנבליק זיין גרימצאָרן, וואָס האָט פאַרשאַפט אומזיסטע יסורים זיין קנעכט. און ווען דער אַלמעכטיקער האָרכט אין די העכסטע הויכן,

שווייגט דער גאַנצער באַשאַף. די צייט בלייבט שטיין און די וועלט וועט פאַרגליווערט. דער רעש אין הימל ווערט פאַרטויבט און די זון הערט אויף צו וואַרעמען די ערד. די פלאַנצן וואַקסן נישט און די וואַסערן אין די ימען פאַר־האַלטן דעם שטראָם. מיט אַזאַ גלויבן אין דער באַרמהאַרציקייט פון דעם באַשעפער האָט כלב ווידער תפילה געטון.

— ווי אַזוי וועל איך דיך איבערבעטן, האַר פון דער וועלט? און ווי אַזוי וועל איך אויפוועקן דיין לייטזעליקייט צו דיין אומגליקלעכן קנעכט? איך וועל דיך דערהויבן, מיין גאָט, און רימען דיין נאָמען צווישן דעם פרעמדן פאָלק, וואָס איך וועל קומען באַזיגן, אָבער באַפריי מיך פון דער נעץ, וואָס די זינדיקע פרוי האָט פאַר מיר פאַרוואָרפן. ביז היינט בין איך געווען אַזוי האַרט ווי די פעלזן אין די בערג, וואָס איך בין אויף מיינע וואַנדערונגען דורכגע־גאַנגען, אַזוי האַרט ווי די הערנער פון די אָקסן, וואָס איך האָב אַמאָל געטריבן אונטער די יאָך־שטאַנגען. נאָר אַצינד איז מיין לייב ווייך ווי די הויט פון אַ לאַם און מיין ווילן צעגייט אַזוי ווי וואַקס אויפן פייער, ווען דו שיקסט צו מיר דאָס געשטאַלט פון רחב'ן. דער אייפערדיקער פנחס האָט מיך געשטראָפט און דער באַרמהאַרציקער יהושוע האָט מיך געטרייסט, אָבער זייערע רייד האָבן נישט פאַרטריבן מיין צעטומלעניש. אויב איך האָב אָנגעטראָפן רחב'ן אין מיין געלויף פון די געפאַרן אין יריחו, צי האָסטו דען נישט אַליין, האַר פון הימל און ערד, זי געשיקט צו מיר ווי אַ באַשיצערין? און אַזוי ווי אַ באַשיצערין איז זי געווען צו מיר אין איר הויז, אָבער ווי אַ לייביכע, וואָס וויל פאַרצוקן, גייט זי מיר נאָך אין מדבר.

און ווי זיין צאָרן אויף רחב'ן האָט שטאַרקער זיך צעפלאַקערט, האָט ער געבעטן:

— די דאָזיקע צאַרטע פרוי איז שטאַרקער פון אַלע שלאַכטמענער, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט מיר אין מלחמות. אירע לענדן זענען אָנגעגורט מיט קראַפט און אירע אָרעמס אָנגעגאָסן מיט גבורה. צו וואָס צווינגסטו מיך צו קוקן אויף אָט דער פאַרשייטער, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך די תאוותם פון אַלע געצנדינער? צי ביזטו דען נישט נאָענט צו אַלע, וועלכע רופן דיך, אַ גאָט, און צי טוסטו נישט דעם ווילן פון די, וועלכע פאַרכטן פאַר דיר? הער מיך אויס, באַשעפער! פאַרטיליק אין מיר די פחדנות, וואָס צעפרעסט מיין נשמה ווי אַ געשוויר פרעסט אויף אַן אייטערדיקן גוף. דו, וואָס בינדסט אָפּ קייטן פון געפאַנגענע און מאַכסט זעעוודיק די בלינדע, אַ אַלמעכטיקער, דו, וואָס גלייכסט אויס געבויגענע און פירסט ביי דער האַנט פאַרבלאַנדזשעטע, נעם מיך אַרויס פון דער קלעם, איידער איך ווער צעדריקט ווי אין אַ פייער־דיקער צוואַנג.

ש. איזבאַן

ב

נאָכן אָפּזאָגן דאָס געבעט האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צו פּנחס'ן, וועלכער איז געווען אַן עדות פון זיין שמאַך אין יריחו. ער האָט אים געטראָפן זיצן ביים אריינגאַנג פון געצעלט ווי ער רייניקט אַ דעקטוך פון וועבאַרבעט. זיין שיטערע באָרד איז געווען צעקעמט און אויף זיין פּנים האָט גערוט די לייטזעליקייט פון די גערעכטע, וואָס האָבן הנאה פון גאָטס באַשאַף. כלב האָט פאַר אים דערציילט ווי ער ווערט געפּייניקט פון די זעאונגען ביי טאָג און ביינאַכט און געבעטן אַן עצה ביי דעם, וואָס איז געווען שטאַרקער פון אים אין טאָג פון נסיון.

פּנחס האָט נישט אַרויסגעלייגט דאָס דעקטוך פון האַנט און שווייגנדיק אים אָנגעקוקט מיט באַדויערונג. און קיינער פון זיי האָט נישט געוואוסט צי די באַדויערונג קומט פון רחמנות אָדער פון שפּאָט.

— פאַרפירטער כלב — האָט פּנחס זיך אָנגערופן — איך קוק אויף דיר ווי אויף אַ פאַרלוירענעם לאָם, וואָס שרעקט זיך נאָכצוגיין דעם פּאַסטוך. ווי לייבן זענען מיר אריינגעקומען אין יריחו, ווי האָזן זענען מיר פון דאָרט אַנט־לאָפן און זע וואָס פון אונדזביידן איז געוואָרן. ווען איך פאַרגלייך מיינע פּירונגען מיט דיינע, באַפאַלט מיך אַ מורא, אַז דו ווערסט איינגעזונקען אין תהום פון די פאַרשייטע. אָט באַלד וועל איך אריינגיין צו די כהנים פון שבט לוי, וואָס וועלן טראָגן דעם ארון פון בונד פאַראויס פאַר דער מחנה. כ'וועל זען ווי זיי רייניקן זיך צו דער הייליקער שליחות. דערנאָך וועל איך באַגלייטן די הויפּטלייט, ווען זיי וועלן אָנטון דאָס וואָפן אויף די לענדן פון די פוסגייערס. און דו כלב, וועסט צוריקגיין אין דיין באַהעלטעניש. דו וועסט פאַרשטעלן די אויגן פאַר דעם שיין פון דער זון. דו וועסט נישט פאַרזוכן קיין שפּייז און וועסט קניען ווי אַ קעמל און זאָגן אַ געבעט, וואָס דו אַליין וועסט אין דיין צעטומלעניש נישט פאַרשטיין. צי האָב איך דיך נישט געוואָרנט, אַז דו זאָלסט זיך נישט דערנענטערן צו דער פאַרשייטער פרוי? אָבער דו, ווי וועגן אַ הייליקער געשיקט פון גאָט, האָסטו וועגן איר גערעדט און אָצינד צאַפּלסטו ווי אַ געפאַנגענער אין איר נעץ. וואַך אויף פון דיין פאַרזונקענקייט, כלב מיין ברודער! רייס אויס פון דיין נשמה איר געדעכעניש ווי מען רייסט אויס פון פעלד אַ פאַרגיפטעטע פלאַנץ! פאַרהאַס די געצנדינערישע פרוי און פאַרשעלט זי ביזן סוף פון די טעג! וועסטו דערנאָך אַ געלייטערטער ווידער עסן צו דער זעט און שלאָפן אין רו און דו וועסט ווערן איינער פון אונדזער מחנה.

— פּנחס מיין ברודער, איך ווייס, אַז דיין אייפער קומט פון גערעכטן צאָרן. אָבער דו האָסט מיר נישט פאַרענטפערט פאַרוואָס איך ווער געמאַטערט

פון זעאונגען, וואָס גאָט אַליין שיקט זיי צו מיר. דער אַלמעכטיקער האָט מיר נישט געגעבן צו וויסן דורך אַ פאַרשטענדלעכן צייכן דעם זין פון דער רעטעניש. עס וואָלט געווען אַן אומרעכט, אַז איך זאָל ליידן דערפאַר ווייל איך בין געהאָרכזאַם געגאַנגען אין שליחות פון אונדזער קריגספירער, לויט דעם ווילן פון גאָט זיין באַפעלער. ער, דער באַשעפער, וואָס זיינע כוונות זענען פאַר אונדז פאַרהוילן, טאָר נישט דערלאָזן, אַז דער שאָטן פון דער פרוי זאָל אָפּטון אַזוינס, וואָס איר לייב האָט נישט באַוויזן אָפּצוטון. איך בין בייגעקומען די לוסטן פון איר קערפּער, פאַרוואָס זאָל איר אָפּבילד מיך מאַטערן? איך ווייס פּנחס, אַז איך שטיי אַצינד פאַר אַ געפאַר, וואָס פון איר האָב איך קיינמאָל פריער נישט געוואוסט. רחב איז שטענדיק מיט מיר. זי קומט ווען איך בין וואַך און זי שלייכט אַריין אין מיין געצעלט ווען איך שלאָף. זי באַווייזט זיך אין פאַרשיידענע געשטאַלטן, איינמאָל אַ געלייטערטע, אַ ריינע, אַ צווייט מאָל אַ פאַרשייטע, באַרוישט פון לוסט. טו נישט צאָרענען אויף מיר, פּנחס, פאַר מיינע רייד. אָבער איך זע זי אַזוי אָפט, אַז כ׳האָב שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז קיין כוח אונטערן הימל וועט זי מער נישט קענען אָוועקנעמען פון מיר.

בעת ער האָט אַזוי גערעדט, האָבן פלאַמען געשפּריצט פון פּנחס׳עס אויגן און ער האָט אויסגעשריען:

— אוועק אומווירדיקער! אוועק, אויב דו ווילסט נישט, אַז איך זאָל דיך האַסן און פאַראַכטן! דו ביזט פאַרדאַרבענער פון דער גרויסער אומווייסנדיקער עדה, וואָס האָט אַמאָל געברענגט אַזוי פיל יסורים אויף דעם געטלעכן מאַן משה און געוואָלט פאַרוואַרפן מיט שטיינער אונדזער קריגסהאַר יהושוע. זיי האָבן אין זייער בלינדקייט נישט געוואוסט וואָס זיי טוען און גאָטס פאַרכט האָט געפעלט זייערע אויגן. אָבער דו, זינדיקער כלב, דיין צונג ברענט מיט אַ גיפט, וואָס פאַרסמט אויף טויט. דיין האַרץ איז געוואָרן אַ גרוב פון יאוש. דיינע ליפּן לעסטערן דעם באַשעפער מער ווי אַלע פאַרפירטע געצנדינער. דערווייטער זיך, אומגליקלעכער! אוועק לעסטערער!

כלב האָט געוואָרפן אויף אים דערשראָקענע בליקן און איז פאַלגעוודיק אוועק פון דעם מאַן, וואָס האָט אַצינד געפלאַקערט פון אַ מוראדיקן האַס. ער האָט זיך דערוויטערט, אָבער זיינע רייד זענען נאָך נישט געווען אויסגעשעפּט. אַ באַגער האָט ער געהאַט צו זאָגן צו דעם צאָרנדיקן מאַן, וואָס איז פּלוצים אים געוואָרן אַזוי פרעמד: איך וויל זיך נישט אונטערגעבן דער דאָזיקער פרוי, פּנחס. אָבער אַ כוח, וואָס איז העכער פון אונדז ביידן, שטרויכלט מיך. כ׳האָב זיך פאַרשוואוירן צו בלייבן גרויזאַם צו רחב׳ן, אָבער איך בין באַצוואונגען פון אָנמאַכט.

די רייד זענען געבליבן דערשטיקט ווי אַ פאַרהוילענער וואונטש. און וואָס

טיפער ער איז אַריין אין לאַגער פון די געצעלטן, אַלץ פאַראומערטער איז ער געוואָרן. ער האָט זיך פאַרנומען אויף אַ זייטיקן וועג כדי אויסצומיידן די שפּאַטישע בליקן פון דעם געזעמל אַרום.

ביים ראַנד פון אָפּענעם מדבר האָט ער דערזען ווי אַן אָנלויף יאָגט זיך נאָך אַ דערשראָקענער פרוי אין צעריסענע קליידער. די לאַנגע שוואַרצע צעשויבערטע האָר זענען געפאַלן איבער איר נאַקן. אירע בריסטן זענען געווען אַנטבלויזט. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ בליציקן מעסער. זי איז געלאָפן אין פּחד און געשריען:

— גיט מיר דעם, וועמען איך האָב ליב און איך וועל אים דריקן צו מיין בוזים. גיט מיר אַ ווייבע לאָם און איך וועל אָנוואַרעמען מיין לייב אין איר וואָל.

כלב איז פאַרלאָפן דעם וועג פאַר דעם המון צו באַפרייען די געיאָגטע פרוי און געהערט הינטער זיך קולות פון וואָרנונג.

— לויף נישט נאָך די דאָזיקע פאַרדאָרבענע! אַ שקלאַפין פון די כותים איז זי!

— איר בויך איז פול מיט ווייַן און זי וואַרט אויף די אויסגעלאַסענע!

— לאָמיר זי נעמען געפאַנגען און אָפּשיידן פון לאַגער!

— היט זיך פאַר דער אויסגעלאַסענער. זי וועט דיך פאַרצוקן ווי אַ בייזע חיה!

כלב האָט אָפּגעשטעלט דעם המון און נאָכגעקוקט די פרוי ביז זי איז אַריינגעלאָפן אין אַ טונקעלער בויד ביים עק לאַגער. ביי דער עפענונג האָט זי זיך פאַרהאַלטן און געפאָכעט מיט דעם מעסער אַהין און אַהער. ער האָט געדולדיק געקוקט אויף איר. אין דעם צעריסענעם געוואַנד האָט זי אויסגעזען ווי אַן אומגליקלעכע בעטלערין, אָבער דורך די ריסן און לעכער האָט איר לייב אַרויסגעלויכטן מיט שטראַלנדיקער שיינקייט. דער האַס געמישט מיט טרויער, וואָס האָט געבליצט אין אירע אויגן, האָט געוועקט אין אים רחמנות.

— אַוועק גייט! — האָט כלב געשריען הינטער זיך צום המון — איך וויל ריידן צו איר איידער זי גייט אָפּטון אַ גוואַלדטאַט.

אַ צעטומלטער איז ער געבליבן שטיין ביי דער שוועל. זי האָט אַרויפגעגאָסן אויף זיך אַ קרוג וואַסער, וואָס זי האָט אויפגעהויבן פון דער ערד און די קאַלטע שטראָמען זענען אַראָפּגערונען איבער אירע האָר און לייב. זי האָט געלאַכט און געזונגען אין אַ פרעמדער שפּראַך. זי האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד מיטן קאָפּ אויף הינטערוויילעכץ. אירע אויגן זענען געווען גרין ווי ביי אַ קאַץ. די באַקן האָבן געפלאַמט מיט דעם פיין פון ווילדן פאַרגעניגן, אָבער דאָס מעסער האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט.

— אויף די פיס, אומגליקלעכע! — האָט ער באַפוילן — און וואַרף אַוועק דאָס מעסער!

און אין האַרצן האָט ער געזאָגט: ביזט שיין און צאַרט, פרוי. אָבער אין דיין צאָרן האָסטו דעם אויסזען פון אַ לעמפערט.

זי האָט לאַנגזאַם זיך אויפגעהויבן מיט דעם אויסגעשטרעקטן מעסער.

— דערוויטער זיך, גרויזאַמער! — האָט זי געזאָגט — אויב דו ווילסט נישט, אַז דאָס בלוט פון דיינע גערדערים זאָל איך אויסגיסן.

ער איז אַריין אינעווייניק און געמאַכט אַ פּאָר שריט פאַראויס. זיין קול איז געווען ווייך:

— איך וועל דיר נישט טון קיין בייז.

— אַנדערע מענער האָבן אַזוי גערעדט און זיי האָבן ליגן געזאָגט. איך וועל זיך נישט דערנענטערן צו קיין מאַן, אויב אַפילו כ׳וועל גלוסטן צו אים. איך בין געבוירן געוואָרן צו דינען מיין גאָט און טאַנצן פאַר אים. דעריבער וועל איך ליבערשט לאָזן דאָס מעסער טרינקען מיין אייגן בלוט, איידער דיין האַנט זאָל מיך באַרירן. אַוועק! דיינע רייד זענען אַזוי פאַלש ווי דיין באַגער מיר צו העלפן.

— היט זיך! דער המון אין דרויסן וועט דיך צערייסן ווי ס׳איז זייער שטייגער צו טון מיט אַ פרעמדער שקלאַפין.

זי איז אויפגעשפרונגען מיט אַ ווילד געשריי:

— איך בין נישט קיין שקלאַפין! אַרויסגעגנבעט האָט מען מיך פון מיין פאָטערס געצעלט. אויב דיינע אויגן זענען נישט בלינד, קענסטו דערקענען אויף מיין איידעלער הויט, אַז כ׳בין די טאָכטער פון אַ געאַכפּערטן הענדלער צווישן די כותים. און אויב באַשיצן מיך ביזטו געקומען ביז אַהער, ריר אָן מיין לייב. אָדער אפשר שרעקסטו זיך פאַר מיר אַזוי ווי די אומגליקלעכע יעוונוכן, וואָס האָבן מיך נאָכגעיאָגט?

און ווי זי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט און צוגעדריקט צו איר בויך, האָט כלב אויפגעציטערט. ער האָט געוואָלט צו איר ריידן האַרבע רייד און נישט געקענט רירן מיט די ליפּן. ער האָט אין קווינקלעניש זיך צוריקגעצויגן.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען. דער האַס אין אירע אויגן האָט פּלוצים זיך פאַרלאָשן. אירע טונקעלע דאַרשטיקע ליפּן האָבן זיך געעפנט און די ווייסע ציין זענען געווען גרייט זיך איינצובייסן אין זיין פלייש. זי האָט מיטאַמאָל זיך צעלאַכט. די ברוינע הויט אויף אירע באַקן האָט אויפגעלויכטן מיט דעם קאָליר פון בורשטין.

— אויב באַשיצן מיך פון דעם ווילדן המון ביזטו געקומען, פרעמדער — האָט זי געפּליסטערט — נעם מיך אַרויס פון דאַנען און פיר מיך אַוועק צום

טאָל פון די חורבות, אַז כ'זאָל קענען צוריקרייטן צו מיין פאָלק. דאָרט אין דער נידער וואַרטן אונדזערע קעמל־טרייבערס. זיי שרעקן זיך צו קומער אַהער, ווייל מען וועט אויף זיי אָנטון קייטן.

— ווער ביזטו, פרוי? — האָט ער געפרעגט.

— מיין נאָמען איז אַ ד מ ה. כ'בין די טאָכטער פון אַ ס ת ר ו ב ע ל, דעם רייכסטן אייל־הענדלער אין לאַנד פון די כותים.

— ווי אַזוי ביזטו אַריינגעקומען אין לאַגער?

— צוויי קריגסמענער פון ישראל האָבן מיך פאַרשלעפּט אַהער, אַז איך זאָל האָבן פאַרגעניגן מיט זיי. הונגעריק נאָך די טעכטער פון די כותים זענען די שטאָלצע שלאַכטמענער. זיי האָבן געזאָגט: „מיר וועלן צאָלן זילבער־שטיקער אָנשטאָט קופער פאַר דיין ליב, שיינע יונגפרוי". זיי האָבן אַריינגעגאָסן אַ פולן לאָגל וויין אין מיין האַלדז.

ביי כלב'ן האָט אויפגעפלאַמט דאָס פנים פון בושה.

— און זיי האָבן דיך פאַראומרייניקט?

— פאַראומרייניקט און געלאָזט ליגן אונטערן אָפענעם הימל, פאַר דעם ווילדן המון, וואָס וויל מיך פאַרשטיינען. איך האָב אַרויסגעריסן ביי איינעם פון גאַרטל אַ מעסער און בין אַנטלאָפן פון די נאַכיאָגערס.

— זאָג מיר זייערע נעמען. געדענקסטו זייער אויסזען? זייער בלוט וועט פאַלן אויף זייערע קעפּ!

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ צאַרטן בליק, דערנאָך פאַרוואָרפן אירע אָרעמס אויף זיין האַלדז און שטיל געזאָגט:

— זוך זיי נישט, גוטער האַר. פאַרוואָס זאָלסטו באַשטראָפן די שולדיקע אָנשטאָט צו באַשיצן די געפּייניקטע? נעם מיך אַרויס פון דעם לאַגער. פיר מיך אַראָפּ אין טאָל פון די חורבות.

כלב האָט זיך באַפרייט פון אירע הענט. ער האָט געליטן פון די פאַר־שייטע ווערטער וואָס זענען — ווי אים האָט זיך געדוכט — אַראָפּגעקומען פון אירע ליפּן צאַרט און אומשולדיק. ער האָט תמיד געהאַסט די אויסגע־לאַסנקייט, אָבער קיינמאָל פריער האָט דער פרעכער רייץ פון אַ פרוי אים אַזוי ווינציק נישט געקימערט ווי אַצינד. ער האָט געוואָלט די פאַרשעמטע פרוי מציל זיין, אָבער ער האָט זיך געשראָקן, אַז ער וועט דערפאַר נישט ווערט זיין די חסדים, וואָס ער בעט ביי גאָט. עס האָט אים געגעסן סיי דער צאָרן פון די אייפערדיקע, סיי דער טרויער פון די פאַרכטיקע.

ער האָט געקוקט אויף איר האַלב דערשראָקן, האַלב באַרויקט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטון פון אָרט און האַסטיק אָפּגעבונדן פון אונטערן גאַרטל אַ בייטל, וואָס איז געווען אָנגעפולט מיט קופערשטיקער און זילבערמינץ. ער

איז אַרויס פֿון געצעלט. אין דרויסן איז דער המון געשטאַנען מיט אויפֿגעהוי־בענע דראָענדיקע הענט. ער האָט אָנגעשעפּט אַ פֿולע האַנט מטבעות און אַ וואָרף געטון צו זייערע פֿיס. די ערשטע צען גייציקע זענען אונטערגעלאָפֿן אויפֿצוקלייבן דאָס קופּער און זילבער. זיי זענען געקראָכן אויף די קניען און זיך געשאַרט אויף די בייכער. באַלד האָבן דאָס זעלבע נאָכגעטון די איבעריקע פֿון אָנלויף און אין דער מהומה, וואָס האָט אויסגעבראָכן, האָבן די אויפֿגע־רעגטע פֿאַרגעסן זייער צאָרן. אין דער הייסער לופֿט האָבן זיך געטראָגן ביטערע קללות און איינער איז געטרעטן איבערן אַנדערן. קנעכט און הארן, געמיינע לייט און געאַכפּערטע האָבן זיך געוואַלגערט אין זאַמד. ביי דער זייט זענען געשטאַנען פּריילעכע וועבֿטערס און זיך געטרייסלט פֿון געלעכטער, קוקנדיק אויף דעם קריכנדיקן המון.

כלב איז אַריינגעלאָפֿן אין דער בויד, אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ דעקטוך אויף דער פֿרוי און זי אַ כאַפּ געטון אויף די הענט. ער האָט אין איילעניש זיך געטראָגן מיט איר דורך אַ הינטער־וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט צופֿוסנס אַ באַרג־אָפּרים. דריקנדיק זי צו זיין ברוסט האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האַלט פּעסט אין זיינע אָרעמס אַ שוצלאָז קינד, וואָס אַ רויבפֿויגל וויל פֿון אים אַרויסרייסן. זי האָט אומבאַהאָלפֿן זיך געקלאַמערט אָן אים. די וואַרעמקייט פֿון איר לייב האָט געבריט זיין בלוט און אַ שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין שטערן.

ער איז אָפּגעלאָפֿן אַ לאַנגן וועג. דער לאַגער איז שוין געווען הינטער אים. די זון איבערן קאָפּ האָט געפֿלאַקערט און די גליענדיקע זאַמדן האָבן געברענט די פֿיס. צוקומענדיק צו אַ הויפֿן פֿעלזנשטיינער האָט ער דערזען ווי אַ קליינע ברוינע שלאַנג שלייכט אַקעגן. כלב האָט אַ רגע געקוקט אויף דער קריכנדיקער חיה און מיט אַ זעץ פֿון זיין קורצער גאַרטל־שווערד אָפּגעהאַקט איר קאָפּ. ער איז געווען באַגאָסן פֿון שווייס, אָבער די פֿרוי אין זיינע אָרעמס איז מער נישט געווען קיין לאַסט. אָן אָטעם האָט ער אַרויפֿגעקלעטערט אויף דעם שפּיץ פֿון העכסטן פֿעלז און אַראָפּגעקוקט אויף דעם אָפֿענעם רויטן לאַנד. אונטן,ביים ראַנד פֿון אַ ברייטן טאָל, באַדעקט מיט ווילדע פּלאַנצן, האָט ער דערזען ווי אַ טונקעלע געשטאַלט פּאַכעט מיט אַ געלן געוואַנד. אַ טוך אין אַ פּאָר הענט האָט אין הייסן ווינט געפֿלאַטערט ווי אַ פֿאָן. כלב איז אַרונטער פֿון פֿעלז. די געשטאַלט, וואָס האָט געפֿירט אַ קעמל, האָט געקלעטערט באַרג־אַרויף אים אַנטקעגן. אין האַלבן וועג האָבן ביידע זיך באַגעגנט. פֿאַר כלב׳ן איז געשטאַנען אַ הויכער קאַראַוואַנען־טרייבער, אַ ברוין־הויטיקער כותי, קרעפּ־טיק ווי אַ ריז מיט אַ טונקעלער, קויטיקער באָרד. ער האָט געלאָזט הינטער זיך די לאַסט־חיה און אויסגעשפּרייט זיינע הענט צו וויזן, אַז ער טראָגט

נישט קיין וואָפן. ער האָט אונטערטעניק זיך געבוקט און אַרויסנעמענדיק די געפאַנגענע פרוי פון כלב׳ס הענט, האָט ער שטומערהייט אים געוויזן דעם וועג פאָראויס. זיי האָבן אַראָפּגענידערט אין טאָל.

די אויסגעהוילטע ערד איז געווען פול מיט חורבות פון אַ טעמפּל, וואָס געצנדינער האָבן אַמאָל דאָרט אויפגעבויט און וואַנדערנדיקע שבטים האָבן חרוב געמאַכט. ווילדע פלאַנצן האָבן אַרויסגעשפּראָצט צווישן די ברוכשטיקער, וואו עס זענען אַרומגעקראָכן שקאַרפּיאָנען און אַלערליי שרצים. די איינגעפאַ־לענע ווענט זענען נאָך געווען באַדעקט מיט כישוף־צייכנס, אָפּבילדער פון געצן און קעפּ פון הייליקע אָקסן. ביי דער עפענונג פון טעמפּל איז אַן איינציקער זייל געבליבן שטיין אַ גאַנצער ווי אַן עדות פון אַמאָליקן רום. אויפן שפּיץ זייל האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ דאַרער פרויען־קאָפּ, אויסגעקנאָטן פון ליים, מיט אַ פּאָר הערנער ווי דערנער איבערן שטערן. ווי נאָר דער קעמל־טרייבער האָט אַראָפּגעלאָזט פון זיינע הענט די פרוי, האָט זי אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס דעקטוך, אַנידערגעקניט פאַר דעם זייל און אָפּגעזאָגט אַ קורץ געבעט. דערנאָך האָט זי זיך געוואָרפן צו כלב׳ס פיס און געקושט זיינע סאַנדאַלן.

— מיין האַרץ איז היינט געפאַנגען פון די געטער — האָט זי געזאָגט — און זיי זענען אייפערזיכטיק ווי אַ פאַרלאָזענע געליבטע. זיי זענען אויך גרויזאַם און ליידן פון קנאה. איך שרעק זיך פאַר זייער נקמה, דעריבער טאָר איך נישט באַלוינען מיט מיין לייב דעם מאַן, וואָס האָט מיך געראַטעוועט פון טויט.

זי איז געבליבן ליגן ביי זיינע פיס און אַרויפקוקנדיק מיט שטומער דאַנק־באַרקייט צו איר רעטער, זענען הייסע טרערן גערונען איבער איר ברוין, שטראַלנדיק געזיכט.

ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ ברענענדיקן דאָרשט, בעת דער קעמל־טרייבער האָט אויסגעבעט דעם זאָטל אויף דער רייט־חיה, גרייט אָפּצופירן זיין האַרינטע צו איר שטאַם.

כלב איז אַרויס פון טאָל און געטראַכט: די לוסט פון גוף איז דער אָנהויב פון אַלע זינד. אַלע אַנדערע עבירות ווי לעסטערונג, קנאה און נקמה זענען קינדער פון דער תאווה פון בלוט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, אָפּגעזיפצט און זיך פאַרנומען אויפן וועג צום לאַגער.

קאַפּיטל צוועלף

א

צומאָרגנס איז דאָס פאָלק געווען איינגעזאַמלט אַרויסצוגיין פון שיטים. די זון איז געווען הויך איבער די קעפּ פון די שבטים פון ישראל, אַ שבט הינטער אַ שבט, מיט די שפּיזן־טרעגערס, בויגן־שפּאַנערס און הערנער־שטויסערס. נאָכדעם ווי די אויפזעערס איבער הונדערט און די אויפזעערס איבער טויזנט האָבן איבערגעציילט די קעפּ פון די קריגסמענער, האָבן די הויפּטלייט זיך געשטעלט פאָראויס פאַרן חייל. די פירשטן האָבן געוואַרט אויף באַפעלן. זייערע קיוועס האָבן געגליט און די ברוסטשילדן האָבן געלויכטן ווי קופּערנע שפּיגלען. ווייט פאָראויס פאַר זיי האָבן די כהנים געטראָגן דעם ארון פון בונד, וואו אינעווייניק איז געווען פאַרבאָרגן די פּראַכט פון גאָט, פאַרהוילן פאַר די אויגן פון די שטערבלעכע.

ביז צום סוף פון מדבר איז דאָס חייל געווען אויסגעשפּרייט. די געצעלטן און ביידלעך זענען געווען צונויפגעלייגט און געוואַרט אויפגעלאָדנט צו ווערן. אַן אומענדלעכע רו האָט אַראָפּגענידערט אויף דער מחנה. דער הייסער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון די בערג, האָט זיך אָפּגעשטעלט. די דאָרנביימער זענען געווען פאַרגליווערט. די ווילדע פלאַנצן האָבן נישט גערוישט און די רמשים זענען נישט געקראָכן. די מנוחה פון אַ וועלט אָן אָטעם האָט געהויערט צווישן הימל און ערד, ווען אַ צעשאָטענע אומה, איינגעזאַמלט אין איין פאָלק, האָט געענדיקט דעם לאַנגן וואַנדער־וועג.

ווייט הינטער דער מחנה איז אויפגעגאַנגען אַ רויך פון פייערן. דאָרט האָבן וועכטערס פאַרברענט דעם איבערבלייב פון לאַגער. האָלצהעקערס האָבן אַרויפגעלאָדנט אויף אָקסן און וועגענער די בראַנדהעלצער, לייטערס און געפלאָכטענע שטריק. פּאַסטוכער האָבן צונויפגעטריבן די טשערעדעס שאָף. די, וועלכע האָבן צונויפגעזאַמלט די שלעפּ־חיות און לויף־חיות לויט זייערע מינים: אָקסן און קעמלען, דאַמהירשן און שטיינבעק, ווילדציגן און באַרגשעפּסן, זיי

האָבן מיט שטרוי אויסגעבעט די רוקנס פון קעמלען אַרויפצוזעצן אויף זיי פרויען און קינדער. פּלוצים האָט די לופט אויפגעציטערט פון אַ טרומייטן־אויפבלאָז. צוויי הויפּטלייט זענען אין גאַאייל אַרויסגעריטן אין שפּיץ פון דער מחנה. מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזן האָבן זיי אָנגעוויזן צום באַרג פון די אויס־קוקערס אַנטקעגן. דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויפגעהויבן די אויגן צום באַרג־שפּיץ, וואו ס׳איז געשטאַנען דער קריגסהאַר יהושוע.

יהושוע׳ס געשטאַלט איז געוואָרן העכער און דינער ווען ער האָט אויס־געשפּרייט די הענט איבער די קעפּ פון דער גאַנצער עדה צופוסנס דעם באַרג און געזאָגט:

— הער ישראל! איר שטייט היינט אַלע פאַר יהוה אייער גאָט. אייערע הויפּטלייט, אייערע שבטים, אייערע עלטסטע און אייערע אויפזעערס. אין טאָג פון גרויסע געשעעניש גייט איר היינט אַרויס פון מדבר, מענער פון ישראל. איר און אייערע ווייבער, אייערע קינדער מיט די פרעמדע וואָס אין אייער לאַגער, פון אַ האָלצהעקער ביז אַ וואַסערשעפּער. מיט דעם וואָפן אויף אייערע לענדן וועט איר ציען צום ירדן איינצונעמען דאָס לאַנד, וואָס דער אַלמעכטי־קער האָט געשוואוירן צו אייערע עלטערן. איר וועט באַזיגן די פרעמדע פעלקער, אויב דעם בונד און די שבועה מיט גאָט וועט איר נישט צעשטערן.

יהושוע האָט צעפירט די הענט אין די פיר זייטן פון לאַגער.

— ווי אַ צעשטויבטע אומה פיר איך אייך אַרויס פון דאַנען — האָט ער געזאָגט — און דאָרט אין דעם געאַרבטן לאַנד וועל איך אייך אויפזאַמלען אין איין פאָלק. איר, אַ דור געבוירן אין מדבר, האָט געהערט פון אייערע עלטערן ווי זיי זענען אַרויס פון לאַנד מצרים און דורכגעגאַנגען צווישן פעלקער, וואָס זענען זיי באַפאַלן. איר אַליין האָט געזען די אומווערדיקייטן פון פרעמדע אומות און איר האָט געשפּעט פון זייערע אָפּגעטער פון האָלץ און שטיין, פון גאָלד און זילבער. טאָמער איז דאָ צווישן אייך אַ מאַן, וואָס זיין האַרץ קערט זיך אָפּ און ער וויל גיין דינען פרעמדע אָפּגעטער, טאָמער איז פאַראַן צווישן אייך אַ וואָרצל, וואָס פרוכפּערט ביטערקייט און ווערמוט, וויסן זאָלט איר, אַז דער צאָרן פון גאָט וועט פלאַקערן אויף אים. ער וועט פאַרטיליקט ווערן נאָך איידער ער וועט אַרויסגיין אין מלחמה, און זיין נאָמען וועט אָפּגעמעקט ווערן פון אונטערן הימל!

יהושוע איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע הענט זענען געווען אויסגעשפּרייט, איבער די קעפּ פון דער מחנה פון ישראל און זיינע אויגן געווענדט צו די הויכקייטן, ווען ער האָט ווידער געזאָגט:

— ריינע און הייליקע זאָלט איר אַרויסגיין פון דער וויסטעניש. קוקט פאָראויס צום אָרון פון בונד, אָבער דערנענטערן זאָלט איר זיך נישט צו אים.

אַז אָפּגעשיידקייט זאָל זיין צווישן אייך און צווישן דער הייליקייט, וואָס וועט באַלויכטן פאַר אייך דעם וועג. צי זענען דען שטרויכלונגען אייך פרעמד? צי ווייסט אין דען נישט ווי צו גיין איבער וויסטע שטרעקעס? נישט פון נעכטן און אייערנעכטן וואַנדערט איר איבער מדבריות. שטאַרקט אייך! דער אייבי־קער גאָט פון ישראל וועט מאָרגן טון וואונדער מיט אונדז, און די גיבורים צווישן אייך וועט ער גרויסן פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק!

יהושוע׳ס אויגן האָבן נאָך אַלץ גערוט אויף די שבטים פון ישראל. צוועלף באַזונדערע שבטים, וואָס אויסגעשמידט וועלן זיי ווערן אין איין שטאַרק פאָלק, זענען געשטאַנען ביי זיין צופוסנס. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין די פּאַנצערס און אין די אויסגעשטרעקטע שפּיזן און זיין האַרץ האָט זיך דערפרייט. פּלוצים איז אויפגעגאַנגען אין זכרון די פּאַראויסזאָגונג פון יעקב וואָס עס וועט געשען מיט זיינע צוועלף זין אין סוף פון די טעג, און אַ פּיין האָט פאַרקרימט יהושוע׳ס ליפּן. ער האָט זיך דערמאָנט יעקב׳ס רייד פון לויב און די רייד פון פאַראַכטונג. הלוואי זאָלן זיי בלייבן ביי דער גבורה און פריי ווערן פון דער שמאַך — האָט ער אין האַרצן געזאָגט. — ראובן דער בכור, די פּער פון גרויסקייט און די פּער פון מאַכט זאָל ער בלייבן... שמעון און לוי, וואָפן זענען זייערע לייב־קרובים... יהודה, זיין האַנט זאָל זיין אויפן נאַקן פון זיינע פיינט... זבולון, ביים באָרטן פון ים זאָל ער וואוינען און זיין לענד זאָל זיין איבער צידון... יששכר זאָל הויערן צווישן די שאָפּגעהעפטן... דן זאָל מיט אייפער זיך אָננעמען פאַר זיין פאָלק... גד זאָל צוריקשטויסן די מחנה, וואָס וועט אים באַפאַלן... ביי אשר׳ן זאָל פעט זיין דאָס ברויט... נפתלי, ווי אַ הינדין אַ פלינקע זאָל ער בלייבן... יוסף, אַ פרוכטיקביימל ביי אַ קוואַל זאָל ער וואַקסן... און בנימין, אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט. אינדערפרי עסט ער פאַנג און אין אָוונט טיילט ער רויב...

יהושוע איז אַראָפּ פון באַרג און דאָס פאָלק איז געבליבן שטיין איינגע־הילט אין פאַרכטיקייט. ער האָט נאָך איינמאָל אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל, וואָס איז געווען אַן עדות צו דער באַהעפטונג פון דער מחנה מיט גאָט. ער איז געווען גרייט צו רופן זיינע צוויי געטרייע: כלב, דער זון פון יפונה און גדיאל, דער זון פון מכין. די אומדערשראָקענע הויפּטלייט וועלן פון היינט אָן זיינע ערשטע באַגלייטער זיין. דער ערשטער פון שבט יהודה, דער צווייטער פון שבט בנימין. אויף זיי וועט ער אָנלענען די הענט אין דער מוראדיקסטער פון אַלע מלחמות. אַלע רייד זענען שוין געזאָגט געוואָרן, אַלע באַפעלן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן. ער דאַרף נאָר אויפהויבן די האַנט און אונטער דעם געשאַל פון די שופרות וועט די געהאַרכזאַמע עדה אַרויסציען פון דעם דאָזיקן אָרט.

ווי אויף אַ שטומען רוף האָט כלב זיך געשטעלט פאַר יהושוע׳ן. ער איז געווען שטאַרק אין זיינע וואָפנקליידער, באַוועגלעך מיט דער ברוסטשילד אין האַנט און מיט דער שווערד אויף דער לענד. די קינבאַקן פאַרשפּיצט, די באָרד אַ שטראַלנדיקע אין זון־ליכט. אין די אויגן איז נישט געווען קיין שפּור פון דער פאַראומערטקייט מיט אַ טאָג פריער. ער איז נאָכגעגאַנגען יהושוע׳ן הינטער אַ פּאָר דאַרנביימלעך, וואו ס׳איז געווען אָנגעצויגן די אָפענע בויד — אַ גרוי באַדעקנס אויף פיר שטאַנגען.

נעבן אים איז געווען גדיאל, יונג און ברייטאַקסלדיק, אַזוי ווי ס׳איז די מאָס פון די דרייסיסטע שלאַכטמענער. זיין פאַרשפּיצטער קאָפּ איז געווען איינ־געראַמט אין דעם טיפן קופּערנעם קיווער. בלויז די וואַכזאַמע אויגן האָבן געפלאַקערט פון אונטערן ברוינעם שטערן. ער איז געווען אַ קריגסמאַן און אַ ראַטגעבער מיט איין באַגער: נישט צו האַרבן, נאָר צו לאָזן הערן. זיין פאָטער, איינער פון די צוועלף אויסשפּירער אין כנען, איז געשטאָרבן פאַר זיין לעב־טערונג. און צוליב זיין פאָטערס שמאַך האָט דער זון זיך פאַרשוואוירן אויפ־צוהויבן דעם רום פון ישראל צווישן פעלקער.

כלב האָט אומזיכער געקוקט אויף גדיאל׳ן. דער יונגער שלאַכטמאַן האָט שטענדיק געפונען אַן אָפן אויער ביי יהושוע׳ן. פאַר אים איז נישט געווען קיין צאָם פאַר געפאַרן. דער פּרייז פון בלוט איז קיינמאָל נישט געווען צו טייער. אינאיינעם מיט אים איז גדיאל געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פון חייל. כלב האָט געוואוסט, אַז גדיאל וועט באַפאַלן אין וועג די וואַנדערנדיקע שבטים און פאַרצוימען דעם דורכגאַנג פאַר די הענדלערס. ער וועט אָפּשינדן די טויטע און באַרויבן די פאַרוואונדעטע און די געפאַנגענע וועט ער פאַר שקלאַפן מאַכן. נישט דער וואָס ווערט ניצול אין אַ שלאַכט איז פאַר גדיאל׳ן אַ גיבור. בלויז יענע, וועלכע פאַלן אין אַ שווערדן־געפעכט, פאַרדינען רום.

הינטער דער בויד האָט יהושוע געלאָזט וואַרטן די צוויי באַגלייטערס. ער האָט לאַנג געקוקט אויף זיי מיט געניטשאַפט, גרייט צו לאָזן הערן דעם לעצטן אָנזאָג. אָבער זייערע קלוגע בליקן האָבן צו אים גערעדט: יעדע באַוואָרעניש איז איבעריק.

— איר זאָלט אַרויספירן דאָס פאָלק — האָט יהושוע שטרענג געזאָגט — אָבער איר טאָרט זיך נישט אַ קער טון אין וועג פון רעכטס ביז לינקס. גייט פאָראויס ביז צום ירדן, און די פעלקער וואָס איר וועט אין גאַנג טרעפן, זאָלט איר אויסמיידן.

ביי גדיאל׳ן האָבן די אויגן זיך אָנגעצונדן.

— די פלוינען אין מדבר זענען פול מיט פיינט, וואָס לויערן ווי עקדישן — האָט ער געזאָגט — פאַרוואָס זאָלן מיר וואַרטן ביז זיי וועלן אונדז באַפאַלן?

יהושוע׳ס קול איז געוואָרן העכער:

— פאַראויס צום ירדן וועלן מיר גיין, אַן אָפּשטעל! נישט רעכטס און נישט לינקס וועלן מיר זיך אָפּקערן.

גדיאל האָט נישט דערשטיקט דעם כעס, שטייענדיק פאַר זיין קריגסהאַר.

— אַ פרידלעך פאָלק ווערט אַלע טאָג באַפאַלן פון רויבעריוננגען אין מדבר — האָט ער געזאָגט — און יענע וואָס וועלן אצינד אונדז אָפּוואַרטן אין וועג, וועלן זיין אויסשפּירערס פון די חיווים און פון די כותים און פון די אמורים. דאָס וואָסער וועלן זיי אונדז נישט פאַרקויפן און דאָס ברויט וועלן זיי פון אונדז אויסבאַהאַלטן. און אויף אַ וועג אַ פאַלשן וועלן זיי אונדז פירן.

— פאַרוועגט איז דיר אָנצוהייבן אַ מלחמה אויף דעם דאָזיקן וועג, גדיאל! און ווען דו וועסט ווי אַ זיגער אַריינקומען אין יריחו, זאָלסטו צו די באַוואוינער אזוי זאָגן: ווער עס וויל אַנטלויפן, זאָל אַנטרינען. צו די, וואָס ווילן שלום, מיין אויסגעשטרעקטע האַנט. נאָר יענע, וועלכע ווילן מלחמה, צו זיי וועל איך אַרויסציען די שווערד!

יהושוע האָט נישט אַראָפּגענומען זיין שטרענגן בליק פון גדיאל׳ן.

— אזוי ווי כ׳האָב געזאָגט. דו וועסט אויסמיידן אין וועג פרעמדע פעל־קער און וועסט שוינען זייער נפש און פאַרמעגן. דער, וואָס שעכט אומזיסט אַן אָקס, דערשלאָגט אַן אונטערטעניקן מענטש. דער, וואָס שלאַכט אַ שעפּס, האַקט אָפּ דעם גניק פון אַ געפאַלענעם.

גדיאל האָט געשוויגן און יהושוע האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט:

— אצינד גיי אַריין אין דער מחנה, גדיאל און שטעל זיך פאַראויס פאַר די עלטסטע פון די שבטים.

ב

יהושוע האָט געציילט גדיאל׳ס טריט ווען ער איז אָפּגעגאַנגען. דערנאָך האָט ער זיך אַ קער געטון צו כלב׳ן.

— ער איז אומדערשראָקן אין מלחמה און ווידערשפּעניק אין פרידן.

— ער איז ווידערשפּעניק אין מלחמה און אין פרידן — האָט כלב זיך אָנגערופן, — אויף וואָס באַקלאָגט זיך גדיאל? ער האָט שטענדיק גענוג ברויט און פלייש און וויין אין זיין געצעלט. אין די טעג פון טריקעניש האָבן זיינע געפאַנגענע שקלאַפן אים געברענגט פעטע רינדער פון מואב. און די יעגערס האָט ער אַרויסגעשיקט צו פאַנגען פאַר אים פייגל אין די בערג.

— ער איז געטריי צו ישראל.

— ער איז געטריי צו ישראל. אָבער צי שטייט ער אצינד אין אַ באַלאַ־



והמאסף הולך אחרי ארון ה׳ הלוך ותקוע בשופרות... — און דאָס הינטער־חיל איז געגאַנגען
נאָך דעם ארון פון גאָט, געגאַנגען און געבלאָזן אין די שופרות...

געראָטער שטאָט, וואו די איינוואוינער ברענען זיינע טריט? דער אכזר וועט נישט שטילן זיין הונגער נאָך פארלענדונג. ער וועט נישט אָפּווישן די שווערד נאָך אַ שלאַכט און וועט נישט צוריקרופן זיינע פעכטערס ווען דער שונא איז פאַרטיליקט. ווי אַזוי וועט דאָס פאָלק האָרכן דעם קריגספירער, אַז די הויפּט־לייט פון די שבטים וועלן צו אים ווערן ווידערשפּעניק?

כלב׳ס פּנים האָט געפלאַמט און זיינע נאָזלעכער האָבן געציטערט פון כעס. און ביי יהושוע׳ן האָט דאָס האַרץ אַ פּלאַטער געטון פון פרייד: מיינע געטרייע זענען גיבורים — האָט ער געזאָגט — דער דאָזיקער קריגער, כלב, וואָס נעכטן איז ער געשטאַנען פאַר מיר אַ געפאַלענער, פלאַמט היינט פון אייפער!

און ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף כלב׳ס אַקסל:

— שטאַרק זיך, כלב. היט אויף דיין צאָרן פאַר דער שלאַכט פון יריחו!

דאָס פאָלק איז אָפּגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג פון פרימאָרגן ביז זונאונטער־גאַנג. דער ארון פון בונד פאַראויס איז געווען ווי אַ לייכטזייל פאַר זיי און דער שטויב ווי אַ וואָלקנזייל הינטער זיי. דאָס אָפענע לאַנד איז געווען טרוקן, אָן וואַסער און דאָס חייל האָט געשמאַכט פון דאָרשט. די רויטע ערד אונטער די פיס האָט געברענט אַזוי ווי דער הימל איבער די קעפּ. די מחנה האָט זיך געטראָגן אַ שבט הינטער אַ שבט און הינטער זיי האָט געצויגן דאָס געמישטע פאָלק מיט די פערמדע און אונטערגעגעבענע פון צווישן די כותים און גרגזים, פון צווישן די חיוים און מדינים.

די געפאַנגענע פון די מלחמות אונטערוועגס זענען נאָכגעגאַנגען אָן וואָפן אויף זייערע לענדן. די, וואָס זענען געווען געטריי, האָט מען אויסגעמישט מיט די שבטים און יענע, וואָס די פעלדהאַרן האָבן נישט געטרויט, זיי האָט מען אויסגעטיילט זילבערמינץ און קופערשטיקער און צו זיי געזאָגט: די שטעט וואָס איר וועט דורכגיין זאָלט איר שוינען און אין די וואוינערטער, וואו איר וועט מוזן בלייבן, זאָלט איר נישט ברענגען קיין הונגער און קיין דאָרשט אויף די באַוואוינער. היט זיך נישט צו פּלינדערן און נישט צו הרגענען, וואָרום איר באַגלייט היינט אַ פאָלק פון ריינע און הייליקע פאַר גאָט!

קעגן אָוונט איז דאָס חייל צוגעקומען צו אַ טאָל, וואָס מען האָט גערופן צובויים. ווייט פאַראויס האָט דער טאָג זיך געשפּרייט צופוסנס די ווענט פון אַ חרובער שטאָט אויף אַ באַרג־אַפּריס. דאָרט זענען געלעגן ברוכשטיקער פון חרובע טעמפּלען און צעקרישלטע אָפּגעטער. דאָס וואוינאָרט, וואָס האָט אַמאָל גערוישט מיט הענדלערס און קאַראַוואַנען־טרייבערס פון ווייטע לענדער, איז אַצינד געווען איינגעפאַלן אין אַ הויפן אַש, פאַרגעסן פון גאָט, פאַרלאָזן פון מענטשן.

דער שטויב האָט זיך געזעצט און די קילע אָוונט־ווינטן האָבן געבלאָזן פון די בערג. אויפן באַפעל פון די הויפּטלייט האָט די מחנה זיך אַראָפּגעלאָזט רוען ביים טאָל. די קריגסלייט האָבן אויסגעטון דאָס וואָפן. די יונגען מיט די בראַנדהעלצער האָבן אָנגעצונדן פייערן און די אויסקוקערס זענען אַרויס נאָכ־שפּירן, צי עס לויערן נישט קיין פיינט אין די גריבער פון דער ערד און אין די שפּאַלטן פון די בערג. און דאָס וואָס זיי האָבן געזען, האָבן זיי נישט געגלויבט זייערע אויגן. אויף יענער זייט טאָל, פונעם שפּיץ פון אַ פעלזנבאַרג האָט אַרויסגעפּליוצט אַ קוואַל ווי אַ בלויער שטראָם, וואָס האָט געבלענדט אַנט־קעגן די גליענדיקע שטערן. און ווי זיי זענען צוריקגעקומען מיט דער בשורה צום דאָרשטיקן פאָלק, האָבן הונדערטער פון דער מחנה זיך אויפגעהויבן מיט ליידיקע לאָגלען און געלאָפן צום קוואַל. זייער פריידיקער געפילדער איז געווען אַזוי ווי דאָס געשאַל פון מלחמה. די הויפּטלייט האָבן געוואָלט איינהאַלטן דעם המון, אָבער דער באַגער פון די דאָרשטיקע איז געווען שטאַרקער פון אַלע באַפעלן.

אין דער מהומה האָט אַ באַפרייטער שקלאַף, אַ גרגזי מיט געפלאָכטענע האָר און מיט רינגען אויף די אָרעמס, זיך דערנענטערט צו כלב׳ן. ער איז גע־פאַלן אויף די קניען און אָנגעוויזן אויף די לויפנדיקע מענער מיט די לאָגלען.

— דאָס וואַסער וועט נאָר לעשן דעם דאָרשט, אָבער נישט זעטיקן דאָס לייב — האָט ער געזאָגט — איך קאָן געפינען פעטע שפייזן אין יעדן חרובן אָרט. לאָמיך דיך פירן אַהינצו אין דער פאַרלאָזענער שטאָט, מיין האַר. דו האָסט מיך באַפרייט פון די קייטן, וועל איך פאַר דיר אַנטפּלעקן באַהאַלטענע אוצרות. איך וועל פון היילן אַרויסשלעפּן פליישן און זיסע וויינען. איך בין פלינק ווי אַן אינד. כ׳קאָן קריכן ווי אַ שלאַנג אין די לעכער אונטער דער ערד.

כלב האָט דעם שקלאַף אָפּגעטריבן, אָבער באַלד האָבן הינטער אים זיך געשטעלט נאָך געפאַנגענע. זיי זענען געווען באַוואַקסן און קויטיק. דורך די ריסן פון זייערע קליידער האָט מען אַרויסגעזען די טונקעלע לענדן. זיי האָבן געליאַרעמט:

— אַן אָפענע שטאָט וואַרט אויף אונדז! דער מלך און די פּריסטער זענען אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט דאָס רייכטום צו די אָרעמע און געפייניקטע. לאָמיר נעמען דאָס, וואָס איז אונדזערס!

כלב האָט אויפגעהויבן די שווערד ווי אַ וואָרנונג. אין יענער רגע האָט זיך באַוויזן גדיאל אַ צעפלאַמטער, מיט אַ בייטש אין האַנט. ער איז געשפּרונגען איבער די קניענדיקע שקלאַפן און געשריען:

— שטאַרבן וועלן זיי אַלע! אין דער ערשטער פאַרנומענער שטאָט וועל איך קיין איינעם פון זיי נישט פאַרקויפן אויפן שקלאַפן־מאַרק. מיט מיין שפּיז

וועל איך זייערע לייבער דורכשטעכן. אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט געענג׳ קייטן זיי צו בינדן אינמיטן מדבר.

די געפאַנגענע זענען זיך צעלאָפן אונטער די שמיץ פון גדיאל׳ס בייטש. כלב האָט געקוקט אויף די פייערן. די שייטערס האָבן געקנאַקט און די פלאַמען האָבן באַלויכטן די קעפּ פון דעם לויפנדיקן המון, וואָס האָט געשטראָמט צום באַרג נאָך וואַסער. די צוריקגעקומענע האָבן געוואַרעמט זייערע לייבער ביי די פייערן און געגעסן פרוכטן און געוויקסן, וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן פון די ווילדע פלאַנצן. די אויפגערעגטע האָבן געשריען מיט הייזעריקע קולות און זיך דורכגעוואָרפן מיט הילצערנע שפּיזן. די מידע האָבן אונטערגעלייגט צוקאָפּנס די קופּערנע קיווערס און איינגעשלאָפן. נאָך האַלבער נאַכט האָט די אויסגע־שפּרייטע מחנה גערוט, נאָר די אויפזעערס זענען ווי שטרענגע וועכטערס גע־בליבן היטן דאָס אָפענע לאַנד אָן צוימען און זייערע אויגן זענען געווען אָנגע־שטעלט צו דער חרובער שטאָט.

כלב האָט אַריבערגעקוקט די פייערן און זיך איינגעהאָרכט צו דעם אָפּ־שטאַרבענדיקן גערויש. די לעצטע דאָרשטיקע, וואָס האָבן אויסגעלייִדיקט די וואַסער־לאָגלען, זענען געווען באַרוישט ווי פון ווייַן. צווישן די פרעמדע קריגס־לייט האָבן זיך געטראָגן קולות פון אַן אַלט געזאַנג פון נצחון: „מיט מיין שפּיז און מיט מיין שווערד אַקער איך די ערד און פאַרלענד דעם פיינט... איך בין דער האַר פון די באַזיגטע שטעט... די שוואַכע אָן וואָפן פאַלן צו מיינע פיס און רופן: מיין הערשער! מיין אַלמעכטיקער קעניג!.." כלב איז געווען מיטגעריסן פון דער פרייד פון המון, אָבער אַ פאַרבאָרגענער אומרו האָט גע־נאָגט זיין האַרץ. האָט דער אומרו אויפגעוואַכט צוליב דער זאָרג פאַר רחב׳ן אָדער איבער דער שרעק פאַר דעם מאָרגן? דער טאָג איז פאַרביי און די נאַכט גייט אַוועק אָן איבערפאַל. ווער קאָן ערב זיין, אַז באַהאַלטענע פיינט לויערן נישט אין די נעסטן פון די מוראַדיקע בערג?

ער האָט דערזען אויף אַ בערגל זיצן יהושוע׳ן. אין דער הויכקייט, אין דעם שיין פון די ברענענדיקע שייטערס איז דער קריגסהאַר געזעסן ווי אונטער אַ פייערדיקן וואָלקן, שטאָלץ ווי אַן אָדלער, מעכטיק ווי אַ ריכטער. כלב האָט נישט געוואוסט וואָס יהושוע טראַכט, קוקנדיק אויף דער רוענדיקער מחנה צופוסנס. אויף איין רגע האָבן זיינע אויגן, אַזוי ווי די אויגן פון זיין האַר, זיך אַ קער געטון פאַראויס, צו דער ווייטקייט, צו דער לויכטעניש פון דעם אָרון פון בונד, וואָס איז פּלוצים געוואָרן העלער פון דער אויפגייענדיקער לבנה און גליענדיקער פון די שטערן. אַ פלאַמיקייט ווי פון האָסטיקע בליצן איז אויפגעגאַנגען איבערן נאַכטיקן הימל און די אויסשטראַלונג האָט פאַר־בלענדט מיט דער רויטער העלקייט פון פרימאָרגן־שטראַלן. באַלד איז דאָס

פלאַמענדיקע בליצעניש פאַרלאָשן געוואָרן. כלב האָט מיט פאָרכט זיך געהויבן איבערן בערגל. ער האָט געהאַט אַ באַגער צוצוקומען צו יהושוע׳ן און אַרויפ־קלעטערנדיק צום העכסטן שפּיציקן שטיין, האָט ער דערזען אַ מאַן שטיין נעבן דעם קריגספירער. ער האָט זיך געוואָלט אומקערן צו זיין אָרט ווי ער האָט דערהערט יהושוע׳ס רוף:

— כלב!

ער האָט זיך געשטעלט פאַר יהושוע׳ן און געקוקט אויף דעם פרעמדן מאַן, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ שוואַרצן דעקטוך. זיין ווייסער קאָפּטוך האָט דערגרייכט דעם נאַקן און אַ שוואַרצער באַנד האָט פאַרבונדן דאָס רעכטע אויג. אַ קורצע איינגעבויגענע שווערד איז געהאַנגען אויף זיין לענד. ער איז געווען ריזיג אין וואוקס, מוראדיק אין געשטאַלט און זיין אויסזען איז געווען ווי פון אַ האר איבער די טונקעלע כוחות, וואָס איז נאָר וואָס אַרויסגעשפּרונגען פון תהום. הינטער אים איז געשטאַנען גדיאל. ער האָט געפלאַמט פון צאָרן.

— אַ שליח פון די וואַנדער־שבטים — האָט יהושוע געזאָגט און אָנגעוויזן אויף דעם פרעמדן — ער איז געקומען פון די בערג הינטער צוביים.

— אין פרידן צי אין מלחמה? — האָט כלב געפרעגט.

— קוק אים אָן. איז ער אַ מאַן פון פרידן צי אַ מאַן פון מלחמה?

כלב האָט פאַרשנדיק געקוקט אויף דעם מוראדיקן מאַן, וועלכער האָט אונטערטעניק זיך געבויגן און געזאָגט:

— איר מעגט באַהאַלטן אייער וואָפן און גיין פאַראויס אייער וועג אָן שרעק. מיין פאָלק וועט נישט שטרייטן מיט אייך. מיר ווייסן, אַז איר גייט נישט אונטערוואַכן נאָר באַפרייען אַ ווייט לאַנד. היט אויף אייער גבורה פאַר דער פאַרוויסטונג פון בנען.

גדיאל האָט אים אָפּגעמאָסטן פון דעם נאַקן ביז די פיס־קנעכלעך. ער האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו און דיין פאָלק פיינט די כנענים?

— מיר האָבן באַוואוינט דאָס לאַנד הינטער עי און די כנענים האָבן אונדז פאַרשקלאַפט. אונדזערע עלטערן, די ערשטע אמורים, האָבן באַאַרבעט די ערד מיט דער שווערד. מיר האָבן געאַקערט די פעלדער און געצאָלט צינזן און וואָס איז געווען אונדזער לוין? די בייזע הערשער האָבן חרוב געמאַכט אונדזערע לאַנדשטיקער, אונדזערע הייזער צוגערויבט און אונדז אַליין פאַר־טריבן אין מדבר. היינט וואַנדערן מיר ווי בלאָנדזשענדיקע שטורעם־פייגל אין דעם ליידיקן לאַנד, פאַרלאָזן פון די געטער. דער צאָרן פון אַ סך פעלקער ברענט היינט אויף די כנענים. איר זייט נישט אַליין אין מלחמה מיט די פאַרדאָרבענע

מלכים. לאָזט אונדז מיטגיין מיט אייער מחנה און נקמה נעמען פאַר אונדזער שמאָך.

כלב האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום ריזיקן מאַן:

— דו רעדסט ווי אַ קריגער, וואָס איז דאָרשטיק נאָך נקמה — האָט ער געזאָגט — ווי אַזוי ווייס איך, אַז דיין צונג איז ריין פון באַטרוג?

גדיאל האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף דעם מדבר־מענטש און געזאָגט:

— אַנדערע מדבר־וואַנדערערס האָבן אונדז אַנגעבאָטן זייער וואָפן. זיי האָבן צו אונדז געזאָגט: לאָזט אונדז און מיר וועלן אייך העלפן! אָבער אונדזערע שווערדנציערס זענען גענוג שטאַרק און אונדזערע בויגנשפּאַנערס זענען אַ סך אין צאָל. קער זיך אום צו דיין המון, אומגליקלעכער!

דער פרעמדער איז געפאַלן אויף זיין פּנים. זיין איינציק אָפן אויג האָט געבליצט אין דער פינסטער.

— מיינע געטרייע וועלן אייך פירן אויף דעם לאַנגן וועג צום ירדן — האָט ער געזאָגט — איר וועט אויסמיידן געפאַרן און געפינען וואַסער־קוואַלן. מיין נאָמען איז ת ח ש. איך האָב אויסגעמאָסטן דאָס מוראַדיקע לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט.

כלב האָט געפרעגט:

— פון וואַנען ווייסטו, אַז עס לויערן אויף אונדז געפאַרן?

דאָס אָפענע אויג ביים פרעמדן האָט אויפגעגליט ווי דער זשאַר אויף אַ ברענענדיקער קויל. די שלויע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט.

— שלאַנגען קריכן אויף דער ערד און מיט עקדישן זענען פול די לעכער אין די שטיינער. איך בין נאָר וואָרענען געקומען, נישט באַטריגן.

כלב איז אויפגעשפּרונגען און אַרויסכאַפּנדיק די שווערד פון זיין לענד, האָט ער אויסגערופן:

— וואָרענען? צי מעג אַן אַרומשלעפּער קומען וואָרענען דאָס חייל פון ישראל? מיין געפאַנגענער ביזטו, וואָרום דיין צונג האָט דיך אויסגעגעבן.

תחש האָט נישט אויפגעהויבן דאָס פּנים פון דער ערד און געמורמלט:

— מיינע געטרייע וועלן באַצאָלן מיט זייער לעבן פאַר דעם קאָפּ פון זייער האַר.

יהושוע האָט געשוויגן. די זיכערקייט אין זיינע הויפּטלייט האָט פאַרזיגלט זיין מויל. זיין פּנים האָט געשטראַלט, ווען ער האָט געהערט פון כלב׳ן רייד פון באַוואָרעניש און פון גדיאל׳ן רייד פון פאַראַכט. גדיאל האָט אַ פאַנג אין זיין נעץ און ער וועט דעם פאַנג נישט אַרויסלאָזן. איטלעכער שלאַכטמאַן וויל מאַכט און גדיאל איז נישט אַנדערש. זאָלן זיך מערן אַזוינע פעלדהאַרן ווי ער

אין ישראל! אַזוינע ווי ער גייען דורך פייערן און בלייבן אומדערשראָקן. אַזוינע ווי ער פעכטן און זיגן.

כלב האָט געגעבן אַ צייכן תחש'ן, ער זאָל אויפשטיין און געזאָגט:

— קיינער האָט דיך נישט גערופן. ווער האָט דיך געטריבן פון אַזאַ ווייטן וועג ביז אַהער?

— פון מיין אייגענעם ווילן בין איך געקומען.

— דו ווייסט די געזעצן פון מלחמה. אַ פאַלשן עדות שענקט מען נישט זיין באַטרוג און אַ צונג פון ליגן ווערט שטום אויף אייביק.

תחש האָט געוואָלט זיך אויסציען אין שטויב. אָבער גדיאל האָט אים אָנגעכאַפּט ביי זיינע שטאַרקע אָרעמס און אים אויפגעהויבן. זיינע אויגן האָבן געפלאַקערט, ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט צו יהושוע'ן און געזאָגט:

— זאָל אויף מיר פאַלן אַ קללה פון הימל, אויב איך וועל מיט אומרעכט באַשטראָפן דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן יונג!

און ווי דער קריגספירער האָט איבערגעלאָזט דעם געפאַנגענעם תחש אויף זיין באַראָט, האָט גדיאל צוגערופן צוויי וועכטערס פון חייל און אַ געשריי געטון:

— בינדט אים אין קייטן און פירט אים אַוועק אין דער מחנה. איך וויל זען וואָס פאַר אַ פּרייז זיינע געטרייע וועלן באַצאָלן פאַר זיין קאָפּ.

ג

ביים אויפגאַנג פון טאָג האָט די מחנה געצויגן טיפער אין מדבר. דאָס פרימאָרגן־ליכט האָט צעריסן דעם דינעם נעפל איבערן הימל־אויסשפרייט און אַ בלענדנדיקע העלקייט האָט פאַרגאָסן דאָס אומענדלעכע לאַנד פון שטויב. צו מזרח, צו דער נידערונג, פאַרביי די טאָלן פון חרושה איז דאָס פאָלק גע־גאַנגען. יהושוע איז געזעסן אויף אַ דעק־אויסשפּרייט, וואָס איז געהאָנגען צווישן צוויי קעמלען. פיר אויפגעהויבענע שטאַנגען האָבן דעם קריגספירער אַרומגעהילט מיט פאָרהאַנגען פון געוועבאַרבעט. ער איז געווען העכער פון דער מחנה און נידעריקער פון דעם ארון פון בונד, וואָס איז געגאַנגען פאַראויס פאַר זיי. דאָס הענגענדיקע זיצאָרט האָט זיך געוויגט אַהין און אַהער איבער דעם זאַמדיקן וועג, וואָס האָט שוין געברוט אונטער דער אויפגייענדיקער זון.

און ווי די מחנה האָט זיך דערנענטערט צום מזרח־אויסבויג, וואו מען קומט צום אָרט, וואָס פאַרנעמט זיך צום טאָל ע כ ו ר, האָט יהושוע דערהערט אַ ווילד געוויש. ער האָט זיך אונטערגעהויבן פון אָרט. ער האָט פאַרשאַרט דעם פאָרהאַנג און דערזען ווי וועכטערס מיט שפּיזן און בויגנשפּאַנערס לויפן אין

אַ קרייז אַרום די קעמלען און הינטער זיי איילן שטיינערוואַרפערס מיט אָנגע־צויגענע שטריק־שליידערערס. ער האָט צוגערופן איינעם פון זיי און געפרעגט פון וואַנען דאָס גערויש קומט.

— די אמורים! — האָט ער אין איילעניש געענטפערט און גע־לאָפן פאַראויס.

כלב איז שוין געווען הינטער די וועכטערס. גדיאל האָט זיך געשטעלט פאַר יהושוע׳ן.

— באַטרוג! — האָט ער געשריען.

— ווער האָט געזען די אמורים? — האָט יהושוע געפרעגט.

— די אויסקוקערס. נעכטן האָב איך זייער אָנפירער אין קייטן געבונדן. ווי אונטערטעניק דער דאָזיקער האַרנשלאַנג האָט גערעדט וועגן פרידן!

— ווי גרויס איז זייער מחנה?

— אַ הייפל איז אַרויסגעקומען פון טאָל. אָבער די מחנה זייערע לויערט הינטער דעם באַרג־אֶפרים.

— זענען זיי דורכגייערס אָדער אָנפאַלערס? פון וואַנען קומען זיי?

— דאָרט! פון די באַרג־אֶפריסן! — האָט גדיאל אָנגעוויזן מיט אַ האַנט צו מזרח, וואו עס האָבן זיך געוויגט פאַרנעפּלטע געשטאַלטן — נישט אויסצוליידן זייער עלטסטן האָבן זיי אָנגעזאַמלט אַזאַ גרויסע מחנה. פאַר־שפּאַרן פאַר אונדז דעם וועג ווילן זיי.

יהושוע האָט צוגעלייגט די האַנטפלאַך צום שטערן און געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין. כלב האָט אים נאָכגעטון און זיי ביידן האָט זיך אויסגעדוכט ווי אַ שטויביקער וואָלקן וואָלט זיך גערוקט פון הינטער אַ באַרג נענטער און נענטער. גדיאל, וואָס האָט זיך געטרייסלט פון כעס, האָט אַרויפגעקוקט צו יהושוע׳ן:

— זאָל איך באַפעלן?

— באַפעל! שטעל אויס די בויגנשפּאַנערס און די שטיינער־שליידערערס פאַראויס פאַר דער מחנה. און די שפּיזן־וואַרפערס זאָלן זיך זאַמלען הינטער זיי!

און צו כלב׳ן האָט יהושוע געזאָגט:

— האַלט גרייט די שופר־בלאָזערס אויפצושאַלן אַ גרויס געשאַל. באַפעל די פאַנצער־טרעגערס צו קריכן אויף די בייכער אין אַ ראָד און אַרומרינגלען דעם באַרג איידער זייער מחנה קומט אַרויס.

כלב׳ס אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף די ווייטע גרויע געשטאַלטן, וואָס זענען געוואָרן אַלץ מער אין צאָל. איין רגע בלויז האָבן זיינע קניען געציטערט און דאָס בלוט האָט געפּרירט. באַלד האָט ער אויפגעוואַכט. דער המון אַרום איז געווען צערודערט. די עלטסטע איבער הונדערט זענען אַליין

צעטומלטע אַרומגעלאָפן און צוריקגעטריבן צו זייערע רייען די דערשראָקענע שווערדן־טרעגערס.

כלב האָט אָפּגעמאָסטן די ציטערדיקע קריגסמענער פון קאָפּ ביז פיס. איידער ער האָט זיי אַרויסגעטריבן אין שלאַכט, האָט ער געוואָלט סיי אָנוואַרפן אַ פחד אויף זיי, סיי וועקן אין זיי גבורה. זיין קול האָט געוואָרנט:

— אויב איר וועט אַנטלויפן פון דאַנען, וועט איר ברענגען אַ חורבן אין דער מחנה. און פאַרגעסט נישט וואָס עס קען געשען צו אייערע פרויען און קינדער. צי ווייסט איר דען נישט ווי עס פירן זיך די אמורים מיט געפאַנגענע פרויען?

די שווערדן־טרעגערס האָבן געשוויגן. און כלב האָט געזען ווי זיי שטייען פאַר אים איינגעבויגענע און דערשלאָגענע. ער האָט נישט פאַרטראָגן זייער פחד און זייער שפלות. ער האָט געשריען:

— איר טאָרט נישט וואַרטן ביז זיי וועלן קומען אַהער! לויפט זיי אַנטקעגן! פאַראויס, קריגער פון ישראל!

אין דער בהלה איז גדיאל געשטאַנען קאַלט און פאַרגליווערט ווי אַ פעלז. ער האָט גערופן צו די עלטסטע פון די בויגנציערס:

— אָפּמעקן ביז צום לעצטן זאָלט איר זיי! לעכערט דורך זייערע בייכער, אַז זיי זאָלן ווערן אַ שפּייז פאַר די קראָען און עקדישן!

די מהומה איז נישט קלענער געוואָרן. אין טומל האָבן די קולות ווי אַ דונער געשפּאָלטן די לופט. די פאַנצער־טרעגערס זענען ווי זאמד־ווערים געקראָכן אויף זייערע בייכער. די פלינקע בויגנשפּאַנערס זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די רוקנס פון אָקסן, אויף די האָרבן פון קעמלען און אָנגעצילט זייערע פיילן. די שטיינער־שליידערערס האָבן פאַרפלאָכטן די געוויקלטע שטריק. די מחנה איז געווען גרייט צו פאַרלענדן דעם אָנלויפנדיקן שונא.

דער וואָלקן, וואָס האָט זיך גערוקט נענטער, איז אונטער דער אויפפלאַמענדיקער זון אויסגערונען און ס'האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ צעשאָטענער המון. עס זענען אַרויסגעשפּרונגען ווילדע רייטערס אויף לויף־פערד אַזוי ווי אַ האָרדע חיות פון אַ ריזיקער שטייג, און זיי האָבן מיט אימפּעט זיך געיאָגט צום חייל פון ישראל. דער צוזאַמענשטויס איז געקומען גיכער ווי די הויפּט־לייט האָבן זיך גערעכנט. אין דעם האַסטיקן געפעכט האָבן פיילן געהוזשעט, שטיינער האָבן געפייפט, שווערדן האָבן געקלונגען. די אָנגעלאָפענע אמורים האָבן זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ צעלאָזענע סטאַדע. זייערע צעבלאָזענע גרויע געוואַנדן האָבן זיך געוויגט אויף זייערע אַקסלען, די קאָפּטיכער האָבן געפלאַטערט אין ווינט. אונטער דעם רעגן פון די פיילן זענען די ערשטע אמורים

געפאַלן. געשרייען פון פּיין האָבן זיך געטראָגן און בלוט האָט באַפלעקט דעם ווייסן זאַמד. גדיאל איז מיט פרייד געשפּרונגען איבער די געפאַלענע, וואָס האָבן נאָך געזיפּצט און איבער די טויטע, וואָס זענען פאַרשטומט געוואָרן. זיינע ליפּן האָבן ביטער זיך פאַרקרימט ווען ער האָט דערזען אַ הייפל הרוגים צווישן זיינע קריגסמענער. נעבן די געפאַלענע זענען געלעגן פירשטן פון די אמורים אין וואָפנקליידער און מדבר־לויפערס אין לויזע רייטער־מאַנטלען. דאָס איז דער פּרייז פאַר דעם באַטרוג פון די האָרנשלאַנגען! — האָט גדיאל געזאָגט און אַריינגעשפּרונגען אין אַ זאָטל פון אַ פערד. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעמישט מיט די שלאַכטמענער.

ווי יהושוע האָט דערזען די געפאַלענע אין שונאס מחנה, האָבן זיינע ליפּן געמורמלט: שטאַרק אונדזער מחנה, גאָט פון ישראל! צום וואוינאָרט פון די לייבן זענען די פאַרצוקערס געקומען, זאָלן זיי צעריסן ווערן פון אונדזערע גיבורים!

כלב איז געשטאַנען מיט דער אויסגעצויגענער שווערד און גערופן צו די קריכנדיקע פאַנצער־טרעגערס:

— פאַראויס! פאַראויס! רינגלט זיי אַרום און צעטרעט זיי ווי ווערים אונטער די פיס!

און ווען דער באַרג איז שוין געווען אַרומגערינגלט, האָט כלב באַפוילן צו בלאָזן אין די שופרות. דער אייפער פאַר ישראל, דער באַגער צו פאַרהיטן זיין חייל פון פאַרלענדונג האָט אים אָצינד פאַראייניקט מיט דעם באַרמלאָזן גדיאל. זיינע אויגן האָבן אויפגעשטראַלט ווען די מחנה פון גיבורים האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ גרויסער שטורמווינט און באַפאַלן די, וואָס זענען אָנגעלאָפן צו באַפאַלן און פאַרלענדט יענע, וואָס זענען געקומען פאַרלענדן. די צעטומלטע אמורים האָבן געוואָרפן די שפּיזן, אוועקגעשליידערט די קורצע שווערדן און געוואָלט צוריקלויפן צו זייערע באַהעלטענישן אונטערן באַרג. אָבער דאָס אָפענע נאַקעטע לאַנד איז פּלוצים געוואָרן פאַרצוימט. ווי אין אַן אייזערנעם ראָד זענען זיי אַריינגענומען געוואָרן, פאַרשלאָסן פון פאָרנט, פאַרזיגלט פון הינטן און דאָס גרויסע גערודער איז געווען אַזוי ווי די צעמישעניש ביי פּרעה מיט זיינע רייטוואָגנס, ווען זיי האָבן נאָכגעיאָגט ביזן ים־סוף די קינדער פון ישראל.

דאָס דערצאָרנטע פאָלק, דערזעענדיק ווי די אמורים זענען שוואַך, האָבן זיי געשניטן די מענער פון זייער מחנה ווי מען שניידט זאַנגען אין פעלד. וואָס די שווערד האָט נישט פאַרלענדט, האָבן די פייַלן פאַרטיליקט. און די מוראדיקע הריגה איז געווען אונטער דעם געשאַל פון די שופרות.

ש. איזבאַן

ד

קיינער האָט נישט געזען יהושוע׳ן ווען ער איז פּלוצים פאַרהוילן געוואָרן פון פאָלק, אָבער די שלאַכטמענער האָבן געפילט דעם באַריר פון זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם אַזוי ווי דעם באַריר פון אַ פייערדיקן מלאך. זיינע באַפעלן, וואָס ער האָט געגעבן דורך די עלטסטע און הויפּטלייט, האָבן אויפגעהיטן דעם צאָרן פון די גיבורים און געשטאַרקט די פאָרכט ביי די שוואַכזיניקע. פון אַ קינד ביז אַ זקן זענען זיי אַרויס פאַרשניידן די, וואָס זענען געקומען, ווי פריער עמלק אונטערוועגס, צו פאַראומגליקן דאָס פאָלק, וואָס איז געווען ביים סוף פון זיין וואַנדער־וועג.

הינטער די געשלאָגענע אמורים איז געשטאַנען כלב אויף אַ בערגל צווישן די פּלוינען און געהערט ווי דאָס געפילדער ווערט איינגעשטילט און די בהלה רינט אויס. זיינע חושים זענען געווען וואַך, אָבער אַ נעפּל ווי אַ דורכזיכטיקער רויך האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר די אויגן. אין דער אומקלאָרער זעאונג האָט ער נישט געדענקט צי דאָס געפעכט האָט געדויערט בלויז אַן אויגנבליק אָדער אַן אייביקייט.

אַ גליענדיקער זון־שטראַל אויף זיין ברעם האָט אים אויפגעוועקט פון דער פאַרגליווערטקייט. ער האָט געזען פונדערווייטנס ווי גדיאל אויף זיין רייטפערד יאָגט זיך נאָך דעם איבערבלייב פון שונא און שרייט:

— יאָגט זיי נאָך! פאַרלענדט זיי ביזן לעצטן מאַן! קיין איינעם זאָלט איר נישט לאָזן לעבן!

די זון האָט פאַרגאָסן מיט ליכט די באַרג־שפּיצן אויף יענער זייט מדבר. די בריענדיקע שטראַלן האָבן געצונדן דעם קופּער פון די פּאַנצערס. כלב׳ס אויגן האָבן געוואַנדערט צווישן די דורכגעשטאָכענע לייבער פון די טויטע און ווי ער האָט דערזען די געפאַלענע פון ישראל, האָבן די אָדערן אָרום זיינע שלייפן אויפגעציטערט: זיי זענען געפאַלן ביי דער שוועל פון נצחון — האָט ער געזיפצט — אַצינד וועלן זיי ווערן אַ מאכל פאַר די הונגעריקע רויבפייגל.

אַן אויסטערלישע רו איז געהאָנגען איבער דעם ברייטן, אָפענעם לאַנד. די גיבורים, וואָס האָבן געזיגט, האָבן מער נישט נאָכגעיאָגט דעם איבערבלייב פון די געשלאָגענע. מענטשן, פערד, קעמלען, לאַסט־חיות האָבן זיך אויסגעמישט אין דעם גליווער פון די וואָלקנס שטויב. גדיאל איז האַסטיק אָנגעריטן.

— זיי האָבן די רויבעריונגען געלאָזט אַנטלויפן — האָט ער מיט פאַרוואורף געזאָגט.

כלב האָט געשוויגן און גדיאל׳ס אויגן האָבן געפלאַמט. זיין צונג איז געווען ביטער.

— ווען דיינע דערשראָקענע מענער וואָלטן אויסגעפאָלגט דעם באַפעל און זיי צעקוועטשט אין דעם ראָד, וואָלט קיין איינער נישט געבליבן לעבן.

— צי איז דען די צאָל טויטע ווינציק? — האָט כלב אָנגעוויזן אויף די הייפלעך הרוגים

— הויפּטמאַן פון ישראל! צי ווייסטו ווי גרויס ס'איז די חרפּה? יענע, וואָס זענען אַנטרינען, וועלן לויפן אָנזאָגן די פעלקער אין די טאָלן, אַז באַזיגט האָבן זיי דאָס חייל פון ישראל. ביז צו די איינוואוינער פון ירדן וועלן זיי אָנקומען און דערציילן: עס בלוטיקט שוין אונטערוועגס דאָס פאָלק, וואָס קומט אַרבן דאָס לאַנד.

פּלוצים האָט גדיאל אַ שטויס געטון זיין פערד צו דער מחנה און אויסגעשטרעקט זיין שווערד.

— דער געפאַנגענער אמורי! — האָט ער אויסגערופן — אויף דעם דאָזיקן אָרט פון שלאַכט וועט ער זיין שטראָף קריגן!

ער איז אָפּגעריטן און צוריקגעקומען מיט דעם געבונדענעם תחש. דער אמורי אין קייטן איז דורך צוויי וועכטערס אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ ראָד. זיין מעכטיקע געשטאַלט איז געווען איינגעבויגן צו דער ערד. דאָס שוואַרצע דעקטוך אַראָפּגעריסן פון דעם ברוינעם לייב, וואָס האָט געגלאַנצט קעגן דער זון ווי אָפּגעפּוצטער קופּער. די שיטערע קרייזלעך האָר אויף דעם אָפּגעדעקטן שאַרבן האָבן אויסגעזען ווי צעריסענע שטיקלעך פעל ביי אַ שוואַרצן באָק. איין אויג פאַרבונדן און דאָס צווייטע האָט אומגליקלעך געקוקט אויף דעם המון, וואָס איז נאָכגעלאָפן די וועכטערס. ער האָט זיך געבעטן:

— איך וועל אייך געבן גאָלד. איך בין רייך. נעמט אַראָפּ פון מיר די קייטן פון חרפּה.

גדיאל האָט געגעבן אַ צייכן, אַז די וועכטערס זאָלן אים לאָזן ליגן אין זאַמד. ער האָט געשיקט רופן צוועלף הויפּטן פון די שבטים ווי עדות פון דער פאַרלענדונג. אָבער די עלטסטע און די ריכטערס האָט ער נישט צוגעלאָזט. כלב האָט געפרעגט:

— און יהושוע דער קריגסהאַר?

— פאַר דעם כבוד פון ישראל טאָר יהושוע נישט אָנקוקן דעם נידערטרעכטיקן אין זיין אונטערגאַנג.

אַ פעלז איז אַראָפּגעקייקלט געוואָרן פון אַ באַרג און דער געבונדענער איז געשלעפּט געוואָרן צום שטיין. ווי שווער זיין גוף איז געווען, האָבן זיינע פיס נישט אָנגערירט די ערד. דער המון אַרום איז געוואָרן געדיכטער. די קריגסלייט האָבן אים געדראַט מיט די שפּיזן. די אומבאַוואָפנטע האָבן אויסגעשריען זייער צאָרן. דער דערשראָקענער תחש האָט געציטערט.

— איר האָט מיך באַזיגט — האָט ער געזאָגט — אייער געפאַנגענער בין איך. איך וויל זיך אויסלייזן. האַרגט מיך, ברידער מיינע!

און ווי גדיאל האָט מיט אַ פוס אַ שטויס געטון זיין קאָפּ, האָט ער אין פּחד אויסגעשריען:

— וואָס גייט איר טון מיט מיר? איך האָב זיך אונטערגעגעבן. מיין לעבן שענקט מיר!

דער המון האָט געהויבן די פויסטן, אָנגעוויזן אויף דעם פעלז און געשריען:

— דאָרט! דאָרט!

תּחש האָט אויפגעהויבן זיין קול און הילכיק גערופן צו זיינע געטער, צום בעל פּעור, צום בעל שמים און צום באַרג פון בענטשונג און צום באַרג פון פלוך. דערנאָך האָט ער זיך געהייסן פירן צום ערשטן קריגסהאַר, וואָרום ער וועט אים אָנפּאַרטויען אַזוינס, וואָס פעלקער אין מדבר האָבן נאָך נישט געהערט זינט דעם וועלט־באַשאַף ביז צו יענעם טאָג. און דאָס וואָס ער וועט דערציילן, וועט זיין פאַר דער שוץ פון זיינע קריגסמענער.

כלב האָט זיך געעצהט מיט גדיאל'ן צי ער זאָל שיקן נאָך יהושוע'ן. אָבער דער שלאַכטמאַן, קאַלט ווי דער פעלז ביי זיינע פיס, האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס זאָל דער אומווירדיקער פאַראומרייניקן מיט זיינע ליפּן די פיס פון אונדזער קריגספירער?

און ער האָט זיך אַ קער געטון צו תּחש'ן:

— רייד!

דער געבונדענער איז אַראָפּגעזונקען אין זאַמד און דערנאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיין איינציק אָפן אויג האָט געקוקט מיט דעם גלימער פון אַן אויס־גייענדיקער לאָמפּ.

— טרעט מיך מיט דיינע פיס. שינד אָפּ די הויט פון מיין לייב, אָבער איך וועל דיר נאָכקריכן אויפן בויך ווי די פאַרשאָלטענע שלאַנג. מיר וועלן ביידע אַריינקומען אין כנען. דאָס פאָלק דאָרט געדענקט נאָך מיין פאָטער, דעם פירער פון די געפייניקטע אמורים. מיר ביידע וועלן אַריינרייטן ווי זיגערס און רעגירן ווי מלכים.

גדיאל האָט אונטערגעזאָגט די וועכטערס זיי זאָלן פון דעם געפאַנגענעם אַראָפּרייסן די קליידער און אים אויסציען אויפן שטיין איידער די בויגנציערס וועלן מיט פיילן דורכלעכערן זיין לייב. דער פאַרמשפּטער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז שטאַרבן און זיך צעוויינט. זיינע ליפּן האָבן נישט אויפגעהערט צו בעטן רחמנות.

ווען די וועכטערס האָבן אַראָפּגעפליקט שטיקערווייז די געוואַנדן פון זיין גוף, האָבן די צוקוקערס מיט עקל אָפּגעקערט זייערע קעפּ. טייל זענען אין

בהלה זיך צעלאָפן און געשריען: אַ מצורע! אַ מצורע! די מאַסע פלייש אויף זיין שווערן לייב איז געווען באַדעקט מיט רויטע געשווירן און די נעגל פון זיינע פיס־פינגער זענען געווען פאַרוואַקסן מיט שוואַרצן פעטס. די האָר אויף דעם נאַקן און אָרעמס האָבן אַראָפּגעהאַנגען ווי די אָפּגעשונדענע פעל פון פון אַ קראַנקער חיה. אַ באַפרייטער, אָן קייטן, איז ער געלעגן אויסגעצויגן אויף דעם שטיין און געיאָמערט.

גדיאל האָט געזען ווי הייסע טרערן רינען איבער זיינע שוואַרצע באַקן, אָבער דאָס געוויין האָט נישט ווייך געמאַכט זיין האַרץ.

— דיין בלוט אויף דיין קאָפּ! — האָט ער הויך געזאָגט — ביזט געקומען פאַרלענדן און וועסט אַליין פאַרלענדט ווערן.

אויף זיין צייכן האָבן זיבן בויגנציערס אין אַ ראָד זיך אויסגעשטעלט אַרום דעם פאַרמשפּטן. גדיאל האָט אויפגעהויבן די שווערד און פאַר די אויגן פון די עלטסטע און ריכטערס באַפוילן צו פאַרשניידן דעם, וואָס איז געקומען פאַראומגליקן ישראל. זיבן פיילן האָבן דורכגעשטאָכן זיין האַרץ. קיינער האָט נישט געהערט זיינע אויסגעשרייען פון פחד און נישט געזען דעם אויפצאַפּל פון זיין גוף. כלב האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער דעם פאַרשטומטן תחש. דער לעצטער פאַרגליווערטער פיין אויף דעם צעקרימטן פנים האָט פאַרזיגלט זיין טויט.

דער המון האָט זיך אומגעקערט צו דער מחנה. און פלוצים האָט אַ זאַמד־שטורעם זיך אויפגעהויבן און שטאַרקע ווינטן פון אַן אויפגייענדיקן געוויטער האָבן געבלאָזן פון די בערג. די ערשטע שיטערע וואָלקנס האָבן ראַשיק פאַרצויגן דעם הימל ווי דער באַשעפער אַליין וואָלט אָנגעזאָגט דעם מידן פאָלק, אַז נאָענט שטייען שוין די וואַנדערערס ביים פרוכטבאַרן לאַנד. די זון איז פאַרטונקלט געוואָרן און באַלד האָבן פון די פיר עקן וועלט אָנגעיאָגט נאָך וואָלקנס, געדיכטע און שוואַרצע, וואָס האָבן ווי אַ פינסטערער אויסשפּרייט זיך געטראָגן איבער דעם באַשאַף. בליצן האָבן אויפגעלויכטן, דונערן האָבן זיך געקייקלט און אַרויס פון די שטורמווינטן האָט אַן איינציקער רויבפויגל זיך באַוויזן, אַ רגע געבליבן הענגען צווישן הימל און ערד און זיך אַרונטערגעלאָזט צום אויסגעשפּרייטן מת.

כלב און גדיאל האָבן אויפגעהויבן די אויגן און פאָרכטיק אַרויפגעקוקט צו די הויכקייטן, ווי זיי וואָלטן געזען אַ גרויסן נס. זיי האָבן דערפילט אויף זייערע שטערנס די ערשטע טראָפּנס. דער רעגן פון בענטשונג האָט געפּליוצט איבער דער דורשטיקער ערד.

קאַפּיטל דרייצן

א

נאָך איידער דאָס ליכט פֿון באַגינען האָט זיך אַריינגעריסן דורך די פֿענסטער פֿון העכסטן גאַסטהויז אין יריחו, איז רחב אַרויס פֿון איר אויבער־שטער שלאָפֿקאַמער און אַראָפּגעגאַנגען צום אונטערשטן שטאָק, וואו ס'איז געווען דאָס פֿאַרשלאָסענע חדר פֿון איר עלטער־פֿאָטער עזמות דער שטאַרקער. זי איז געגאַנגען תּפֿילה טון צו דעם באַרמלאָזן שלאַכטמאַן, דעם גיבור, וועלכער איז געפֿאַלן אין דער מלחמה פֿון די שקלאַפֿן אין גבעון.

דער קנעכט, וואָס האָט געוואַשן די שוועל ביים אַריינגאַנג, האָט דער־הערנדיק אַ לייכטן גערויש, אַריבערגעקוקט איבער זיין נאַקעטער פּלייצע. ער האָט קיינעם נישט געזען און אין איילעניש געגאָסן וואַסער פֿון דעם קופּערנעם בעקן. ער האָט געשייערט און געריייניקט מיט אַ בינטל פֿלאַנצן די מירמל־שטיין־טרעפּן, וואָס האָבן געפֿירט צו דעם לאַנגן פּירהויז. היינט ווי אַלע טעג, האָט ער געוואוסט, וועלן פֿרעמדע פֿאַרשטויבטע פֿיס דאָ טרעטן און פֿאַרשמוצן זיין אַרבעט נאָך איידער די נאַכט וועט צופֿאַלן. אָבער די טראַכטונגען פֿון די אונטערטעניקע זענען נישט איינס מיט זייערע טואונגען. און ליגנדיק אויף די קניען האָט ער נאָך מיט מער פֿליים געפּוצט די שטיינערנע ערד, ווייל באַפֿוילן האָט מען אים, אַז דאָס הויז מוז שיינען און גלאַנצן. געאַכפּערטע הענדלערס פֿון דרום און פֿון צפֿון וועלן היינט אָפּטרעטן אין גאַסטהויז, אויף זייער וועג צום געבערג־לאַנד פֿון לבנון.

פּלוצים האָט דער קנעכט האַסטיק אַ הויב אויף געטון דעם קאָפּ צו די טרעפּן פֿון דער אויבערשטער קאַמער, וואָס איז פֿאַרגאָסן געוואָרן פֿון אַ רויטן אָפּשיין. אין איין אויגנבליק איז ער געשטאַנען אויף די פֿיס, געמיינט אַז איינער פֿון די הענדלערס האָט באַצייטנס זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און גייט פֿאַרלאָזן דאָס גאַסטהויז. אָבער זיין האַרץ האָט אים גענאַרט. פֿון די טרעפּ איז אַראָפּגעקומען זיין האַרינטע רחב. זי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קופּערנעם

לייכטער מיט א ברענענדיקן ליכט. אירע טריט זענען געווען געלאַסענע און שטאָלצע אַזוי ווי ביי אַ הערשערין, וואָס האָט גרייט אַ באַפעל אויף די ליפּן.

אַ צערודערטער האָט ער צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, פאַר־שעמט וואָס זיין האַרינטע וועט אַצינד זען זיין אומגעוואַשן לייב. פון שרעק טאָמער וועט רחב זיך אויסגליטשן ביים דורכשפּרייזן דעם נאַסן מירמלשטיין, האָט ער אויפגעהויבן אַ האַנט ווי אַ צייכן זי צו וואָרענען. באַלד האָט ער איינ־געגראָבן דעם קאָפּ און נישט געוואַגט צו עפענען די ליפּן, איידער זי וועט אים עפּעס פרעגן.

רחב האָט זיך דערנענטערט צו דער פאַרשלאָסענער קאַמער. אירע פיס, אין די באַזילבערטע סאַנדאַלן, זענען געטראָטן איבער דעם גליטשיקן מירמל־שטיין, אָבער זי האָט דעם קנעכט נישט געזען. ער איז געלעגן איינגעקאָרטשעט און מיט פאַרגלאָצטע אויגן געגאַפט אויף דעם רויטן גלימער פון דעם ליכט־קנויטל. קיינמאָל פריער איז ער אַזוי נאָענט נישט געווען צו רחב'ן ווי אַצינד. איטלעכעס מאָל ווען ער האָט זי געזען פונדערווייטנס, האָט דאָס קיינמאָל נישט געדויערט גענוג לאַנג, אַז ער זאָל קענען זען איר שיינקייט מער ווי איין אויגנבליק. אַצינד האָט ער געוואָרפן פאַרבאַטענע בליקן אויף זיין האַרינטע. ער האָט באַטראַכט די, וועלכע מ'רופט: די שלויע שפּילוויב. ער האָט זי געזען אין בלוט און פלייש, אין איר לוסט און רייץ. דורך דעם דינעם שאַרלאַך־רויטן מאַנטל האָבן דורכגעלויכטן די ליניעס פון איר רייפן געשניצטן קערפּער. זי האָט געהאַט די געשטאַלט פון דער געטין פון פרוכטבאַרקייט אין טעמפּל פון תניתֿ. אירע האָר, אָן אַ קרוין און אָן אַ שלייער, זענען געווען בלויל־שוואַרץ און אַראָפּגעהאַנגען אין לויזע פלעכטן איבערן נאַקן. אונטערן שיין פון ליכט האָט איר ווייס געזיכט געגליט ווי עס וואָלט געווען באַלויכטן מיט דעם שוואַרצן פייער פון אירע גרויסע אויגן. און דער קנעכט האָט מער זיך נישט געוואונדערט פאַרוואָס די קלוגע וואַנדערערס און הענדלערס זאָגן, אַז זי איז די שענסטע פרוי אין די מזרח־לענדער. עס זענען אויך געווען צווישן די דורכ־פאָרערס אַזוינע לוסטיונגען וואָס האָבן געמורמלט, אַז רחב איז אַ צויבער־מאַכערין. זי קען וואַרפן די קללה פון טויט אויף די פאַרשטויסענע, וואָס קומען בעטלען ביי איר ליבע.

ביי דער דאָזיקער מחשבה האָט דער מאָגערער גוף פון דעם שעמעוודיקן קנעכט אויפגעציטערט, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט איר נאָכצוקוקן. זיין האַרינטע איז געווען אויפן וועג צו דער קאַמער פון איר טויטן עלטער־פאָטער און זיין נייגעריקייט איז געוואָרן גרעסער. באַלד האָט ער זיך באַרואיקט טראַכטנדיק, אַז ס'איז נישט זיין זאָרג אַכטונג צו געבן אויף דער קאַמער פון דעם פאַרשטאָרבענעם קריגסמאַן. דער אונטערטעניקער קנעכט האָט צו זיך

געזאָגט: דער שלאַכטמאַן איז דאָך שוין טויט אַכצן יאָר און באַערדיקט הינטער גבעון. ווער לעבט דען אין יענער פאַרשלאָסענער קאַמער? פון די שטאָל־יונגען האָט ער געהערט, אַז רחב איז מיט דריי טעג פריער אַ פּאָר מאָל אַריינגעגאַנגען זיך אָפּזונדערן מיט איר טויטן זיידן. זי איז געגאַנגען צו אים אַליין און אַזוי ווי אַצינד פאַר זונאויפגאַנג. נאָך איין בליק האָט דער קנעכט געוואָרפן אויף זיין האַרינטע. דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אַרויסגאַנג. די נאַכט איז שוין געווען אויסגערונען און ער האָט געטראַכט: ווען ער וואָלט געבוירן געוואָרן איינער פון די שטאַרקע און רייכע, וואָלט ער אַצינד נישט אַרומגעגאַנגען צווישן די ווענט פון דעם הויז אַזוי ווי די פאַר־אומערטע רחב. ער וואָלט געשלאָפן, ווען די וועלט איז איינגעזונקען אין פינס־טערניש און ער וואָלט אויפגעוואַכט, ווען דאָס ליכט פון דער זון פאַרגיסט אַלע ווינקלען פון דעם גרויסן גאַסטהויז.

און ווי רחב איז אַריין אין דער פאַרשלאָסענער קאַמער, וואו זי איז אַלס קינד אָפט געזעסן מיט איר זיידן, דעם קריגסמאַן, איז זי שטיין געבליבן אַ שווייגנדיקע. זי האָט אָוועקגעשטעלט דעם לייכטער אויף אַ שטענדער און מיט פאַרכט געקוקט אויף דער וואַנט אַנטקעגן. דאָרט זענען געהאַנגען די וואָפן־קליידער פון עזמות דעם גרויסן, דעם קריגער און באַפרייער פון שקלאַפן. זי האָט געזען די פּאַנצערס, שווערדן, לייבגאַרטלען און די צוויי פירשטלעכע מאַנטלען, וואָס ער האָט געטראָגן אין די טעג פון נצחונות. איין מאַנטל שאַרלאַך־רויט און דער צווייטער פון שיינענדיקן פורפור. די צירונגשטיקער, וואָס האָבן באַפּוצט די טייערע געוואַנדן, האָבן געלויכטן אַזוי ווי דענסטמאָל, ווען דער גיבור האָט די מאַנטלען מיט שטאָלץ געטראָגן אויף זיינע ברייטע אַקסלען. איר האַרץ האָט געפלאַטערט, אירע אויגן האָבן אויפגעשטראַלט ווען זי האָט אַריינגענומען אין אירע הענט דעם ערשטן פּאַנצער, וואָס האָט באַשיצט דעם אומדערשראָקענעם מאַן קעגן פיילן און שטורמווינטן.

— בענטש מיך, שטאַרקער עזמות — האָט זי שטיל געבעטן — גיב מיר דיין ברכה פאַר אַלץ, וואָס איך האָב געטון פאַר די שליחים, וועלכע קומען באַפרייען יריחו. ווען דו, עלטער־פאָטער וואָלסט געלעבט, וואָלסטו דען נישט געטון אַזוי ווי איך, די ווידערשפּעניקע רחב? וואָס וואָלסטו געטון, דו, דער באַפרייער פון די אונטערדריקטע?

זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דעם אַקסלבאַנד פון דעם גליענדיקן שאַרלאַך־מאַנטל און געזאָגט:

— ניין, עלטער־פאָטער עזמות, וואָרן מיך נישט! זאָג נישט, אַז איך זאָל זיין אָפּגעהיטן. דו ווייסט דאָך, אַז איך שרעק זיך נישט פאַר די פאַר־דאַרבענע, וואָס האָבן פאַראומגליקט מיין פאָטער און דערהרגעט מיין ערשטן

געליבטן פֿראָם. איך האָב איינעם פֿון זיי געשיקט צום טויט און ביים קעניג פֿון יריחו האָב איך דערפֿאַר געפֿונען מער לייטזעליקייט ווי זיינע געטרייע. מיין צונג האָט גערעדט פֿאַלשע חניפֿה צו אים, נישט דערפֿאַר ווייל איך האָב מורא פֿאַר די גרויזאַמע הערשערס. איך קען זיי צוימען מיט מיין רייץ אַזוי ווי דו האָסט דיינע פֿיינט געצוימט מיט דיין שווערד. אויב איך שרעק זיך, איז דאָס פֿאַר די שוואַכע פֿון אונדזער שטאָט אין גבעון, וואָס זענען אויסגעוואַקסן צו בוקן זיך פֿאַר דער מאַכט פֿון יריחו.

זי האָט איין אויגנבליק געשוויגן און באַלד ווידער גערעדט צו דער אומגעזעענער געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען אַזוי לעבעדיק און מעכטיק צווישן די טונקעלע שאָטנס אין דער קאַמער.

— אין גבעון זענען אַלע פֿון אונדזער שטאַמהויז באַצוואונגען געוואָרן נאָך דיין טויט. אונטער דער בייטש פֿון די זיגערס האָבן זיי זיך געשטעלט אויף די קניען, פֿאַרשעמטע, אונטערדריקטע און עס איז נישט אויפֿגעשטאַנען נאָך אַזאַ צאָרנדיקער פֿירער ווי דו, וועלכער זאָל פֿון די לעמער מאַכן לייבן. דעריבער האָב איך זיך פֿאַרשוואוירן: איך וועל העלפֿן דאָס פֿאָלק ישראל אַריינקומען אין יריחו. איך האָב פֿאַר זייערע אויסשפּירערס געעפֿנט די פֿעסטונגען פֿון שטאָט, ווייל ווי באַפֿרייער וועלן זיי קומען וואוינען אין לאַנד. אויב די געשלאָגענע אין גבעון וועלן שטיין הינטער מיר, וועל איך צוזאַמען מיט די פֿירשטן פֿון ישראל זיי באַפֿרייען פֿון דעם יאָך פֿון יריחו. איך וועל פֿאַרגעסן, אַז איך בין אַ פֿרוי, עלטער־פֿאָטער עזמות. איך וועל זיין אַ הערשערין! איך וועל אויפֿהויבן דעם כבוד פֿון די גבעונים און באַפֿרייען זיי פֿון שמאַך. און גבעון מיט אירע שטעט וועלן ווידער זיין רייך און שטאַרק!

איר שטים איז געוואָרן העכער און פֿאַרכטיק אָפּגעהילכט אין די פֿיר ווינקלען פֿון דער קאַמער. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעשפּיצט די אויערן ווי זי אַליין וואָלט זיך צוגעהערט צום אומעטיקן ווידערקול פֿון אירע רייד.

— איך ווייס, אַז דו גלויבסט אין מיין דרייסטקייט, שטאַרקער עזמות. הלוואַי וואָלט איך געבוירן געוואָרן אַ מאַן, אַזוי ווי דו, שטאָלץ און מעכטיק. הלוואַי וואָלט איך געווען אַ פּרינץ אָנשטאָט אַ שיינע פֿרוי, וואָס צו אירע פֿיס בוקן זיך רייכע הענדלער און קריגסמענער. אין דעם היינטיקן טאָג פֿון געבעט צו דיר, בין איך זיך מודה: אַלע שלאַכטמענער זענען געווען גליקלעך צו קושן מיינע סאַנדאַלן, אָבער נאָר איינער האָט זיך באַוויזן, וואָס פֿאַר אים בין איך גרייט אַליין זיך אַראָפּצולאָזן ווי אַ דינסט אויף די קניען. ער איז אַ פֿירשט פֿון ישראל, איינער פֿון די אויסשפּירערס אין יריחו.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך דערווייטערט פֿון דער וואַנט. דערנאָך

איז זי ווידער צוריקגעקומען צו די שיינע וואַפנקליידער. זי האָט געפירט מיט דער האַנט איבער דער שאַרף פון דער שווערד, וואָס איז געהאַנגען ביי דער זייט. די שווערד איז געווען אַ געשאַנק פון דעם יורש פונעם הערשער אין גבעון, דער שיינער תענך, וואָס מיט אים האָט עזמות יונגערהייט געטרונקען וויין, געריטן אויף יאַגד און זיך געיאָגט נאָך לוסטפּרויען. תענך האָט געלעבט פּאַרדאַרבן און געוואַרט אויפן טויט פון זיין פאָטער און דער יונגער עזמות האָט געטיילט מיט אים אַלע פאַלשקייטן און זינד.

רחב האָט געהערט וועגן אַלע סכנות אין לעבן פון איר עלטער־פאָטער. ווען עזמות וואָלט נישט אַנטלאָפן קיין יריחו, וואָלט ער אומגעקומען דורך אכשף, דעם אייפערזיכטיקן מלך פון גבעון, אַזוי ווי עס זענען פאַרלענדט געוואָרן דורך זיין האַנט זיין ווייב און זיינע צוויי זין. אָבער עזמות האָט אויסגעמיטן דעם טויט און געלעבט ווי אַ געאַכפּערטער קריגסמאַן אין דער פעסטונגשטאָט יריחו. אין יענע טעג האָט ער זיך פאַרנומען אויף זינדיקע וועגן. ער איז געפאָרן אין קעניגלעכע רייטוואָגנס און פאַרפירט די קעפּסווייבער פון די פירשטן. ער איז געוואָרן אַ צעלאָזענער מאַן און געלעכצט נאָך די פאַרגעניגנס פון די מאַכטהאָבערס. אָבער אין זיין האַרץ האָט אויך געברענט אַ שטאַרקע לוסט אַראָפּצונעמען די קייטן פון שקלאַפן. צוליב דעם האָט ער אָפט אויפגעהויבן די שווערד אויף די, וואָס האָבן אים געשאַנקען גנאָד און געגעבן כבוד.

עזמות האָט געגאַסן פון דער ערנהאַפטיקייט, וואָס עס קריגן הויכע מלוכה־לייט, אָבער ער האָט געבראַכט חרפה אויפן פּאַלאַץ. דער מלך פון יריחו דביר האָט באַוואונדערט זיין שטאַרקן אָרעם. איינמאָל ווען ער האָט זיך געגרייט אויף מלחמה מיט לבנון, האָט ער מיטגענומען עזמות'ן, אינאיינעם מיט זיינע הויפּטלייט, צום מלך פון גבעון ער זאָל אים געבן צען טויזנט פוסגייערס און רייטערס. ווען קעניג אכשף האָט דערזען עזמות'ן אין זיין ראַטקאַמער, האָט ער אים געוואָלט אַריינוואַרפן אין געפענקעניש, אָבער דער מלך דביר האָט פאַר אים ערב געווען מיט זיין קרוין. עזמות האָט ווידער זיך גערפרייט מיט זיין פריינט תענך.ביידע לוסטיונגען האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפן טויט פון דעם גרויזאַמען אכשף. אין איינעם אַ טאָג האָט עזמות אַרויסגעזאָגט זיין וואונטש פאַר אים: „אָה, ווען דער דאָזיקער אכזר וואָלט היינט געשטאָרבן און איבערגעלאָזט די קרוין צו דעם, וואָס איז זי ווערט, צו דיר תענך...” אַ שקלאַף, וואָס האָט אונטערגעהערט, איז געלאָפן דערציילן די נייעס אין פּאַלאַץ. עזמות איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. אָבער אין דעמזעלבן יאָר איז דער אַלטער אכשף געשטאָרבן און זיין זון תענך האָט רעגירט אין גבעון.

תענך האָט געעפנט דאָס טויער פון געפענקעניש מיט אַ גאָלדענעם שליסל,

אים באפרייט און אים געמאכט פאר דעם פירער פון זיין חייל. און ווי עזמות האט געזען אז תענך רעגירט איבער די גבעונים אזוי ווי זיין פאטער, מיט אן אייזערנער רוט, האט ער אויפגעהויבן א בונט פון די שקלאפן. דער אפגע־נארטער תענך האט געשוואוירן נקמה צו נעמען פאר דעם באטרוג און איז ארויס פארלענדן די שקלאפן מיט זייער פירער. אין יענער מלחמה צווישן דעם קעניגס חייל און די אויפשטענדלערס, האט עזמות, וואס איז געווען אנגעזען ווי א פרינץ, מעכטיק ווי א הערשער, זיך געשלאגן פאר די באדריקטע און ער איז געפאלן אין שלאכט.

רחב האט פארגעסן אז זיין שמאך און געדענקט זיינע גבורות. אין איר הארץ האט ער געלעבט ווי אן אומדערשראקענער שלאכטמאן, א פעכטער פון ווינציקע קעגן פיל, א קריגספירער פון גערעכטע קעגן פארדארבענע. אבער ער האט פארלוירן דעם לעצטן נצחון. אצינד, שטייענדיק פאר זיינע קעניגלעכע מאנטלען, האבן אירע צארטע, געפלעגטע פינגער זיך געשפילט מיט די פאלדן פון די טייערע געוואנדן אויף דער וואנט.

— געטרוי מיר, שטארקער עזמות — האט זי געזאגט — גלויב אין מיין געטריישאפט אזוי ווי איך האב געגלויבט אין דיין שטארקייט, און בענטש מיין ליבע וואס איך טראג אין מיין הארץ צו דעם פירשט פון ישראל. ווי א שליח פון א פרעמד פאלק איז ער געקומען. אומגעריכט האט ער זיך באוויזן אין מיין הויז און ווי נאר מיר האבן איינער דעם אנדערן דערזען, האבן אונדזערע אויגן אויפגעפלאמט און אונדזערע הערצער זענען פול געווארן מיט בענקשאפט. זיין מויל איז געווען דארשטיק נאך מיינע ליפן, אבער ער האט מורא געהאט צו ריידן וועגן זיין לוסט. און ווען ער איז אנטלאפן דורכן שטאט־טויער, בין איך יענע נאכט געלעגן וואך, פול מיט גלוסטונג צו אים. איך שעם זיך נישט מיט מיין אויפגעזאטן בלוט, עלטער־פאטער עזמות, ווארום ווער אויב נישט די געטער האבן מיך באשאפן אזוי, אז מיין הארץ זאל ווערן א ברענענדיקער דארן פון ליבע? עס איז דער ווילן פון די געטער, אז די יונגפרוי זאל דעם מאן זיך איבערגעבן, אז איר נשמה זאל בענקען נאך זיין נשמה און איר לייב זאל לעכצן נאך זיין לייב. דעריבער האב איך נישט פאר־לאשן דאס פייער אין מיין הארץ. זאלן די פלאמען ברענען, ביז ער וועט צוריק־קומען, ער, דער פירשט פון ישראל, וואס זיין נאמען איז כלב.

איר הילכיגע שטים איז איבערגעגאנגען אין א פליסטערנדיק געבעט:

— זאג מיר צו, אז ער וועט צוריקקומען. גיב מיר א צייכן, אז ער וועט ווידער זיך באווייזן. דו האסט דאך שטענדיק אנטפלעקט די סודות פון פרעמדע הערצער. א שבועה האט ער מיר פארשוואוירן, אז ער וועט שוינען מיין לעבן און דאס לעבן פון מיין הויזגעזינד, ווען זיין פאלק וועט קומען ארבן דאס

לאַנד. פּאַר כנען איז ער אַ פּיינט, אָבער מיר האָט ער געברענגט טרייסט. ווי שווער זענען די דאָזיקע טעג פון וואַרטן. איך שטיי יעדן פרימאָרגן מיט אויס־געשטרעקטע הענט און וואַרט מיין געליבטן אַרומצונעמען, אָבער ער באַווייזט זיך נישט. ווי אַזוי זאָל איך זיך אויסלערנען וואַרטן, אַז די צייט וועט מיך אַלט מאַכן? ווי אַזוי זאָל איך זיך נישט איילן, אַז מיין לייב וועט ווערן פאַרוועלקט? דער טאָג איז אומענדלעך און די נאַכט איז אַן אייביקייט און איך ווער פאַרצערט אין די דאַרשטיקע פלאַמען פון מיין האַרץ. פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאַנג וויל איך איבערוועלטיקן מיינע באַגערן, אָבער איך גיי אויס פון בענקשאַפט נאָך אים.

רחב האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און די לעצטע ווערטער זענען אַראָפּ פון אירע ליפּן מיט אַ פיינלעכן זיפץ. זי האָט מיט אירע פינגער ווידער באַרירט דעם פאַנצער, די גאָלדענע קייט. זי האָט צוגעלייגט איר מויל צו די זילבערנע שנורן, וואָס האָבן אַמאָל באַצירט דעם מאַנטל, וואָס איז אַזוי שטאָלץ גע־האַנגען אויף דעם קריגסמאַנס אַקסלען.

— פרידן זאָל זיין מיט דיר, שטאַרקער עזמות — האָט זי אָפּגייענדיק געזאָגט — איך נעם מיט אין זיך דיין בענטשונג. דו, וואָס האָסט אין גבעון מיט דיין פוס צעטרעטן די פיניקערס און מיט דיין האַנט האָסטו אויפגעהויבן די אונטעריאָכטע, פלאַנץ איין אין מיין האַרץ דיין אומדערשראָקענעם ווילן.

ב

ווען זי האָט אַראָפּגענומען פון שטענדער דעם לייכטער מיט דעם ברענענדיקן ליכט, האָט זי דערזען ווי די קאַמער איז שוין פאַרגאָסן מיט דער העלקייט פון דעם אויפגעגאַנגענעם טאָג. מיט אַ בלאָז פון אירע ליפּן האָט זי פאַרלאָשן דאָס פלעמל.

— איך בין הונגעריק — האָט זי צו זיך געזאָגט הויך און מיט האַסטיקע טריט צוגעשפּרייזט צום אַרויסגאַנג. אָבער אַ האַנט פון יענער זייט וואַנט האָט שוין פריער געעפנט די שווערע קופּער־געשמידטע טיר.

— אָ, חגית. דו ברענגסט מיינע טריט.

רחב האָט לייכט אויפגעציטערט. זי האָט געקוקט אויף דעם גלאַנציקן שוואַרצן געזיכט פון איר דינסט. חגית, אין אַ ווייסן לויזן געוואַנד, האָט אַ הויב געטון די רעכטע האַנט און די קופּערנע רינגען אויף איר געלענק האָבן זיך צעקלונגען. די ווייסלען פון די אויגן האָבן געגליט און די געזעגטע ציין האָבן געבליאַסקעט. מיט אַ פינגער אויף די ליפּן האָט זי שטום געוואָרנט איר האַרינטע:

— אַ שליח פון פּאַלאַץ וואַרט אין דער אויפנעם־קאַמער.
— ווער?
— דער הויפּטמאַן רקם.
— רקם! — האָט רחב אַ פאַרוואונדערטע זיך אַ וויג געטון — אַן אומ־געבעטענער גאַסט פאַר זונאויפגאַנג?
— ער זאָגט, ער איז געקומען צורייטן מיט די נאַכט־וועכטערס.
— איך וועל זיך נישט זעצן מיט די באַזויפענע יונגען!
— ער אַליין וואַרט אין דער קאַמער. די וועכטערס האָט ער אַוועקגעשיקט.
— אַליין?
און ווי רחב איז געבליבן שטיין אין קווינקעלניש, האָט די דינסט זיך אָנגערופן:
— אומגעבעטענע געסט קאָנען וואַרטן. איך וועל ברענגען ברויט און אייל־בירטן פאַר מיין האַרינטע.
און נישט וואַרטנדיק אויף רחב׳ס צושטימונג, האָט זי זיך געלאָזט פאַר־אויס איבערן טונקעלן פירהויז.
— וואַרט — האָט די האַרינטע זי אָפּגעשטעלט — ברענג מיר מיינע קליידער און מיינע שענסטע צירונג.
רחב איז געווען אומרואיק. ווי קען זי געטרויען אַ שפּיזן־וואַרפער, וואָס שטייט צוקאַפּנס פון קעניג? אַ שלאַנג וואַרעמט ער אין זיין בוזים. ווען חגית איז צוריקגעקומען, האָט זי געטראָגן אויף די הענט קאָלירטע געוואַנדן, אַ גרויען מאַנטל פון וועבאַרבעט און אַ באַגילדט קעסטל מיט צירונג־שטיקער.
— ניין! — האָט רחב אַ געשריי געטון נאָכן איבערקלייבן די געוואַנדן און אַלץ אַראָפּגעשליידערט אויף דער ערד — צי האָסטו נישט געפונען שע־נערע קליידער?
— ווינטן בלאָזן אין די פענסטער — האָט חגית געוואָרנט — דער גע־וועבטער מאַנטל וועט וואַרעמען דיין לייב.
— טו ווי איך הייס דיך! — איז איר שטים געווען שטרענג — אייל זיך און ברענג מיר דעם בלויען מאַנטל מיט די גאָלדענע זוימען און בייט איבער דאָס צירונג. און געדענק: דעם האַלדזבאַנד מיט פּערלשנורן!
רחב׳ס באַפעל האָט אַרויסגעטריבן חגית׳ן. אין דער אייל־עניש האָט זי נישט געקענט טראַכטן פאַרוואָס איר האַרינטע וויל זיך באַווייזן פאַר דעם הויפּטמאַן ווי אַ לוסטפּרוי. זי איז צוריקגעקומען מיט יענע קליידער, וואָס עס טראָגן אַדעליגע פרויען אין פייערטעג. און בעת רחב האָט זיך איבערגעטון, איז זי ווידער אַרויסגעלאָפן ברענגען דעם פרימאָרגן־מאָלצייט. אָבער רחב האָט איר נאָכגעשריען:

— בלייב אין דיין קאמער ביז איך וועל דיך רופן.

רקם איז געלעגן אויף דעם ברייטן אַנלען־בעט מיט ביינערנע פיס. זיינע אויגן זענען געווען צוגעשלאָסן ווי אין דרימל, אָבער ווי נאָר רחב האָט זיך באוויזן, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען אויפן וואָלענעם טעפּיך. ער האָט לוסטיק זיך געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין האַרצן.

— ביי אַלע אונטערגעקויפטע געטער, וואָס איך האָב פיינט! — האָט ער אויסגערופן — איך האָב דיך קיינמאָל נישט געפונען אַ שלאָפנדיקע. וועלכע בייזע כוחות צווינגען דיך אַרומצוּוואַנדערן אין דעם גרויסן הויז פאַר זונאויפגאַנג?

זי האָט געוואָלט זיין מונטער אַזוי ווי ער, אָבער איר שמייכל איז געווען קאַלט.

— דו אַליין, רקם, ביזט אויך נישט אין דיין בעט אין צייט פון שלאָף.

—אַ קריגסמאַן אין יריחו איז אַנדערש — האָט ער גערעדט מיט היציקן אָטעם — איך בין היינטיקע נאַכט געווען ביי אַ מאַלצייט אין דער ווײַנקאַמער פון די הירשן. מיר האָבן געהאַט יונגע לוסטיקע פרויען און ווייַנלאָגלען פון הצור. אַ פאַר פירשטן, מיינע באַגלייטער, זענען דאָרט געבליבן. גליקלעכע יונגען! איך האָב געמוזט אין איילעניש קומען אַהער מיט אַ סוד אויף די ליפּן.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט, ווייל זיינע רייד זענען געווען הינטערליסטיקע. ער האָט זיך דערנענטערט צו איר מיט אומגעריכטער דרייסטקייט און רחב האָט זיך געוואונדערט, וואָרום איידל און וואַקלדיק האָט דער דאָזיקער האַרטער קריגסמאַן תמיד גענענט צו איר. אַצינד איז ער געשטאַנען פאַר איר, ער, דער שטאַרקסטער שפּיזן־וואַרפער אין כנען, מוראדיק אין זיין וואוקס. זיין געפּאַנצערטער לייבגאַרטל ווי צוגעוואַקסן צו דער הויט, די שווערצוגעבונדן צו די מעשענע רימענס. זי האָט געזען ווי די אַדערלעך אַרום זיינע ברוינע שלייפן האָבן געציטערט פון אויפרעגונג. די שטייפע קינבאַקן זענען געווען אָנגעשפּאַנט. עס איז געווען שפּאַט אין זיינע שאַרפע בליקן, דער שפּאָט פון די שטאַרקע און זיכערע.

אַ מורמל, ווי דער לייכטער זיפץ פון פאַרגעניגן, האָט פון אים זיך אַרויסגעריסן ווען ער האָט זי אַ צי געטון פאַר די הענט. זיין אָטעם האָט געבלאָזן אויף אירע האָר.

— אַפילו אין דעם היינטיקן קילן פרימאָרגן, ווי דו שטייסט אָנגעטון מיט דיין צירונג פאַר מיר, ביזטו נישט נאָר די שענסטע לוסטפרוי אין שטאָט. דו ביזט שלויער פון אַ מדבר־פוקס. ווי מזלדיק דו ביזט געבוירן געוואָרן, רחב. ווער נאָך ווי דו קען אָנשמירן די ליפּן מיט באַטרוג ווי מיט דופטיקן זאַלב?

ער האָט נישט געזען ווי אירע מויל־ווינקלען קנייטשן זיך אין פּיין. זיינע

פינגער זענען געווען אויף איר געלענק און דער גרויסער זילבערנער רינג האָט געדריקט איר צאַרטע הויט ביז ווייטאָק. אין יענעם אויגנבליק האָט זי זיך דערמאָנט אָן כלב׳ן. אויך ער האָט אין דער רגע פון געפאַר געדריקט איר געלענק.

— לאָז אָפּ, רקם — האָט זי שטיל אַ זאָג געטון — אויב אַ סוד טראָגסטו אויף דיינע ליפּן, רייד!

זי האָט זיך באַפרייט פון זיינע הענט. ער האָט פאַרוואָרפן הינטערוויי־לעכץ זיין קאָפּ און זיך צעלאַכט. אין דעם געלעכטער דאָס מאָל איז געווען די פרייד פון נקמה.

— דער פּחד פאַר דיין באַטרוג רעדט פון דיר אַרויס — האָט ער גע־פּליסטערט. — שטוים מיך נישט אָפּ, ווייל דיינע פיינט לויערן אויף דיר. אַ באַשיצער מוזטו היינט האָבן, רחב. אָדער אפשר שרעקסטו זיך, אַז נאָך אַזוי פיל מענער אין דיינע אָרעמס, וועט מען דיך חושד זיין, אַז נאָר צו שוינען דיין קאָפּ האָסטו דעם בעסטן שלאַכטמאַן אין יריחו פאַר אַ געליבטן גענומען?

אירע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ גליענדיקן פייער.

— איך האָב דיך פיינט! — האָט זי אַ געשריי געטון — דו ביזט נישט בעסער פון די אַלע פאַרדאָרבענע פירשטן, וואָס פאַרשווערן זייער רום פאַר איין אויגנבליק פון אויסגעדוכטן פאַרגעניגן!

און זי האָט ווי אַ שטורעמווינט זיך פאַרבייגעטראָגן פאַר אים און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

— רחב, קום צוריק. די געפאַר איז אַזוי גרויס, אַז דו וועסט זיך נישט קאָנען אויסקויפן מיט דעם פּרייז פון דיין שיינקייט. דער קעניג אַליין ווייס אַז דו האָסט אויסבאַהאַלטן די אויסשפּירערס פון ישראל. זיי האָבן דיך פאַר־ראַטן, רחב.

אַ געשריי פון אַנגסט האָט פון איר זיך אַרויסגעריסן.

— ווער?

— די אַלע, וואָס זיי האָסטו געטרויט. זיי, וואָס זענען געזעסן ביי דיין מאָלצייט און זייערע פאַלשע ליפּן האָבן דיך געלויבט. דער פּריסטער חור און דער שטאָטהאַר יחציאל און דער ריכטער חפר. מער פון אַלעמען איז שולדיק דער געאַכפּערטער ריכטער, וואָס חנפעט די געטער און באַשטראָפט די שטערב־לעכע. ער האָט דער ערשטער אָנגעצונדן ביים קעניג דעם פאַרדאַכט וועגן דעם פאַרמשפּטן מרון.

זי האָט אָנגעכאַפּט אַ קליינע וויין־קרוג, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טישל צוקאָפּנס דעם אַנלען־בעט און אירע פינגער האָבן פון אויפרעגונג געצופּט

אַ פאַלד פון איר מאַנטל. אין אויגנבליק פון כעס איז זי גרייט געווען די קרוג צו וואַרפן אין זיין קאָפּ אַריין.

— וואַרף נישט — האָט ער געזאָגט — וואַרף נישט, רחב. קום און לעג אַן דיין קאָפּ אויף מיין פאַנצער. נעכטן האָט דאָס קופּער זיך געוויקט אין בלוט. היינט וועט עס באַנעצט ווערן פון טרערן.

ער האָט געוואָלט זי אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס, אָבער זי האָט מיט כוח אים אָפּגעשטופּט און געפרעגט:

— אויב דער סוד איז אַרויס, פאַרוואָס פירסטו מיך נישט אין קייטן צו דיין קעניג?

זיינע אָרעמס האָבן שוין געדריקט איר וואַרעם לייב. זיינע ליפּן האָבן געפליסטערט:

— יעדער שלאַכטמאַן גלויבט אין צוויי כוחות: אין דער באַרמלאַזער שווערד פאַר דער שלאַכט און אין דער צאַרטער קראַפט פון דער פרוי נאָכן נצחון. געדענקסטו, רחב, ווי איך האָב ביי יענעם מאָלצייט אין דיין גאָרטן געערדט צו דעם דערשראָקענעם עלטסטן פּריסטער און באַזאָרגטן שטאָטהאַר: ווער עס לייקנט, אַז די שענסטע פרוי אין יריחו איז שטאַרקער פון אַלע געטער, דער וועט דערטרונקען ווערן אין זיין אייגענעם וואַנזין, אָדער פאַרברענט ווערן אין דעם שיין פון איר פייער?

זיינע רייד זענען געווען באַרוישטע, ווייל ער איז אַריין אין התפּעלות נאָכדעם ווי ער איז אַזוי לייכט בייגעקומען דעם ווידערשטאַנד פון דער פרוי, וואָס האָט נישט געוואוסט פון נאָכגעביקייט. זי האָט ווי אַ ציטערדיקע לאָם זיך געשיצט ביי זיין פאַנצער.

— אויב דו וועסט באַגראָבן דעם סוד אין דיין האַרץ, רקם, וועלן זיי מיך נישט פאַנגען.

זיינע נאָזלעכער האָבן איינגעאָטעמט דעם דופט פון אירע האָר.

— ווי שטאַרק דו מוזט זיין, רחב, אויב דו קענסט לייקענען אַז די שווערד איז מעכטיקער פון דיין שלויקייט.

— וועמעס שווערד?

— די שווערדן פון דעם קעניגס וועכטערס. זיי גרייט. זיי וועלן באַלד קלאַפּן אין דיין טויער.

זי האָט אויפגעציטערט און אַ פאַרווירטע אַראָפּגעקוקט צו דער ערד. אָבער באַלד האָט איר פּנים אויפגעלויכטן און אירע דרייסטע בליקן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף אים. אויך זיינע האַרטע קינבאַקן האָבן נאָכגעלאָזט און די שטרענגע אויגן האָבן מילד געשטראַלט. און ווי זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים

און ווידער זיך דערנענטערט, האָט זי אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע אַקסלען. זי האָט גערעדט מיט אַ סודותדיקן שעפּטש:

— אין פּאַלאַץ ביזטו מעכטיקער פון אַלע פירשטן. דו שטייסט ביים קעניג צוען צוקאָפּנס.

— מיינע אויערן גלויבן וואָס דיינע ליפּןריידן — האָט ער געלאַכט.

— רקם, איך האָב היינט אויסגעבעטן די בענטשונג ביי מיין טויטן עלטער־פאָטער עזמות. און ווי איך האָב גערעדט צו אים, איז פאַר מיינע אויגן אויפגעגאַנגען זיין אָפּבילד. איך האָב אים געזען אין זיין אומדערשראָקנקייט און ערלעכקייט. אַצינד ווי איך האַלט מיינע אויגן אויף דיר, ווייס איך, אַז דיין אויסזען איז אַזוי ווי זיינער איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן.

רקב איז אַ מונטערער צוגעגאַנגען צום קופּערנעם שפּיגל הינטער דער פאָרהאַנג און באַטראַכט זיין אָפּבילד.

— עזמות דער שרעקלעכער! — האָט ער אויסגערופן — עזמות דער גרויזאַמער! איז מיין גוף און מיין פּנים אַזוי ווי זיינער?

ער האָט מיט די פינגער געקעמט זיינע געוויקלטע קנוילן האָר, אויסגעגלעט די ברוינע קינבאַקן און אויפגעראָלט די דיקע הערעלעך פון זיינע ברעמען. און ווי ער האָט אַזוי זיך געפּוצט אַרויסצוברענגען די באַהאַלטענע מענלעכע שיינקייט, האָט ער מיטאַמאָל האַסטיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען הינטער זיך די לאַבעדיקע אויגן פון רחב'ן, וואָס האָבן ווי קילע בלויע פלאַמען אַרויסגעקוקט פון אונטער די איידעלע בויגן־ברעמען.

— גענוג צו שטיין ווי אַ באַרימער פאַרן שפּיגל — האָט זי לוסטיק געזאָגט — דו ביזט שענער פון די אַלע שוואַכזיניקע וואָפּנטרעגערס, וואָס קושן דעם שטויב פון קעניג צוען'ס פיס.

— נישט שיין, אָבער שטאַרק — האָט ער געקלאַפּט די פויסט אין פאַנצער — אוממעכטיק אין אויסזען, אָבער העלדיש אין שלאַכט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און מיט איין אָרעם זי אַרומגענומען. איר אָטעם האָט געגליט אויף זיין מויל.

— איך האָב קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז דו ביזט נישט העלדיש. דו ביזט פויל, רקם.

— איך בין פויל? דו וואָלסט געדאַרפט מיר נאָכרייטן נעכטן אויף יאָגד אין די רויטע פליינען און זען ווי כ'האָב געפאַנגען אַ לייב. ס'איז געווען אַ פאַנג פלינק ווי אַ בליץ. און ווי די שטאַרקע חיה איז געלעגן אַ דורכגעשטאָכענע פון פיילן, האָט זי זיך אויסגעצויגן פאַר מיר און געלעקט מיינע פיס־פינגער.

אָבער רחב, אַנשטאָט צו ענטפערן אויף זיין באַרימעריי, האָט אים געקוקט טיף אין די אויגן אַריין און געפּליסטערט:

— וואָלסט דו נישט פויל געווען, אַרויסגעלאָפן וואָלסטו אַצינד און פאַר־האַלטן די וועכטערס אין וועג, איידער זיי דערגרעכטערן זיך צו מיין טיר. אַנט־לויף מיט מיר, רקם! טראָג מיך אַוועק אין אַ ווייט באַהעלטעניש, ביז די קריגסמענער פון ישראל וועלן מיך באַפרייען.

איר פּחד האָט געוועקט אין אים באַדויער. ער האָט מיט די פינגער לייכט געגלעט איר קאָפּ.

— דיין שטערן איז קאַלט פון אַנגסטן — האָט ער געזאָגט — און דיינע האָר זענען אַזוי ווייך ווי זיי וואָלטן געוואַשן געוואָרן מיט טרערן פון מלאכים.

דערנאָך האָט ער אָפּגעווישט איר ערשטע טרער, וואָס איז אַ פינקלדיקע געבליבן הענגען אויף דער בלייכער באַק.

— צו שפּעט, רחב. קעניג צוען ווייסט, אַז דו האָסט אויסגעגעבן אַלץ צו די פיינט פון יריחו, די עברים, וועלכע וועלן צומאָל נישט דערגיין ביז צו די מויערן פון שטאָט.

אירע פאַרטרערטע אויגן האָבן פּלוצים אויפגעפלאַקערט. זי האָט אים אָפּגעשטויסן:

— זיי וועלן קומען ווי אַ מעכטיקער שטורמווינט פון מדבר! — האָט זי אויסגערופן — זיי וועלן זיגן און פאַרלענדן די גרויזאַמע הערשערס און פאַר־וויסטן יריחו, אַז פון דער שטאָלצער שטאָט וועט אַ שטיין אויף אַ שטיין נישט בלייבן!

ביי די רייד האָט רקם אָפּגעבונדן זיין שווערד פון די רימענס און זי אַ שליידער געטון אויף דעם אַנלען־בעט. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעריסן זיין אַקסלבאַנד און געלאָזט פאַלן צו דער ערד. ער האָט געקוקט אויף איר אַזוי לאַנג ביז זיין אויפגעוואַכטער כעס איז דערשטיקט געוואָרן אין דעם הילכיקן געלעכטער.

— דו ווייסט, אַז מיינע ריזן, וואָס בוקן זיך נישט צו די געטער נאָר פון דער שפּיז שעפּן זיי גבורה, זיי וועלן פאַרלענדן די פרעמדע באַלאַגערערס צו־פוסנס דער ערשטער מויער. און דו, שטאָלצע רחב, ווער וועט דיין שיינעם האַלדז פאַרהיטן פון דער שווערד?

— גומר! — האָט אַ געשריי זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלדז.

— דער ווידערשפּעניקער שקלאַף, וואָס זיין געביין איז אַנטרינען פון דער יבשה און פון די ימען?

— ער וועט ווידער זיך באַווייזן! דו אַליין האָסט ערשט דערמאָנט די דריי אַנגעזועענע געסט ביי מיין מאָלצייט. געדענקסטו ווי זיי אַלע, דער פּרינס־

טער, דער שטאָטהאַר און דער ריכטער האָבן אויפגעציטערט ביים דערהערן דעם נאָמען גומר, וואָס לויערט אַן אומגעזעענער און וואַרט אויפן טאָג פון נקמה? אויך זיי האָבן אים גערופן: דער ווידערשפעניקער שקלאַף! אָבער דער המון בוקט זיך צו אים ווי צו אַ הערשער. ער גייט דורך טיפע וואַסערן און טרעט איבער פייער. ער וועט זיך באַווייזן אין טאָג פון דער מוראדיקער בהלה און וועט מיך אַרויסנעמען פון די ברענענדיקע זיילן.

אויף רקמ׳ס ליפן איז די לוסט איבערגעגאַנגען אין פאַראַכטונג.

— ווער נאָך וועט זיך באַווייזן אין יענעם טאָג? — האָט ער מיט שפּאָט געפרעגט — די אויסשפירערס פון ישראל, וואָס זענען דורך דיין באַטרוג אַנטרינען?

רחב איז געווען פאַרווירט. איר ווידערשטאַנד האָט נישט צעפלאַקערט דעם כעס פון דעם אָפּגענאַרטן הויפּטמאַן. דער צאָרן איז אַוועק און געקומען איז רחמנות. זיין קול איז געווען ווי אַ שטילער געפליסטער:

— איך האָב אַלע טעג דיר געוואָלט העלפן, אָבער דו האָסט מיך אָפּגע־שטויסן. איך האָב באַגערט צו אַנטפּלעקן דיין גרויסן סוד, אָבער דו האָסט אים דערטרונקען אין דיין בלוט. איך בין געלאָפן דיך שיצן ביי יעדער געפאַר, אָבער דו האָסט מיר נישט געטרויט. ביי אַלע שטורעמס און דונערן! פאַרוואָס האָסטו געגלויבט די פאַלשע, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר פאַרכטיקע און אויף מיר, דעם לעסטערער האָסטו געוואָרפן אַלע פאַרדאַכטן? אַצינד איז שפּעט, רחב. זיי וועלן דיך באַלד אַרויספירן, אַז דו זאָלסט זען ווי מען פאַרפייניקט די אַלע, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן די סודות פון די פעסטונגען. הערסט די קלעפּ אין טויער? די וועכטערס פון צוען קומען!

קאַפּיטל פֿערצן

ב

די קלעפּ אין טויער זענען געפֿאַלן ווי קורצע דונערן און באַלד דערנאָך האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער קאַמער אַ הייפֿל געוויקסיגע שפּיזן־טרעגערס, איטלעכער אָנגעגורט פֿונעם קאַרק ביז צו די פֿיס־קנעכלעך. דער עלטסטער צווישן זיי האָט געוואָלט אָנכאַפּן רחבֿ׳ן ביי די הענט־געלענקען, אָבער די שטומע וואָרנונג אין רקמ׳ס אויגן האָבן אים געצוימט. דער שלאַכטמאַן האָט אין קווינקעלניש געקוקט אויף רחבֿ׳ן. טרערן פֿון בושה זענען גערונען פֿון אירע אויגן. צווישן קווינקעלניש און באַדויער האָט ער אַראָפּגענומען אַ ווייַן־קרוג פֿון טיש און אָנגעפֿולט אַ בעכער. ער האָט מיט שפּאָט זיך אַ קער געטון צום ערשטן שפּיזן־טרעגער:

— האָסט דו דען פֿאַרגעסן, אַז אומגעבעטן ביזטו אַריינגעקומען אין רחבֿ׳ס גאַסטהויז?

ער האָט מיט איין שלוק אויסגעטרונקען דעם וויין, ווי ס׳איז דער שטייגער פֿון אַ קריגסמאַן איידער ער גייט אָפּטון אַ טאַט פֿון חרפּה, און לאַנגזאַם זיך געדרייט אין אַ ראָד אַרום רחבֿ׳ן, וועלכע איז גרייט געווען אויפֿצושפּרינגען, צעקראַצן זיינע קינבאַקן ביז בלוט אָבער געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך ווי אַ חיה, וואָס צוימט איר לוסט צו פֿאַרצוקן. ער האָט מיט אַ האַנט־צייכן צוגערופֿן דעם שפּיזן־טרעגער.

— זי איז די האַרינטע פֿון הויז — האָט ער געזאָגט — און ווי אַ האַרינטע פֿיר זי אַרוים מיט ערע אין גאָרטן.

די שפּיזן־טרעגערס האָבן גערוימט דעם וועג פֿאַראויס פֿאַר רחבֿ׳ן און רקמ׳ען. אין גאָרטן זענען זיי דורכגעגאַנגען שטעגן מיט פֿלאַנצן. די צווייגן פֿון פֿאַלמען און עקאַליפּטוסן האָבן געפֿינקלט מיט דעם פֿרישן מאָרגנטוי און איבער דעם ווייטן הימל־אויסבויג האָט אויפֿגעגליט די בלייכע רויטקייט פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון. די וועכטערס האָבן אין געאייל געשפּרייזט ווי אויף

אַ קריגס־שאַלונג. רקם איז געגאַנגען ביי רחב׳ס רעכטער זייט און הינטער זיי איז נאָכגעלאָפן די דערשראָקענע דינסט חגית מיט פאַרבראָכענע הענט. צוקר־מענדיק צו דער בלויער אַרקאַדע הינטער די ציפּרעסן, איז רקם שטיין געבליבן. ער האָט אָנגעוויזן צום אָפענעם גאָרטן־טויער.

— דאָרט!

די באַגלייטערס אין וואַפנקליידער האָבן זיך געשטעלט הינטער אים. רחב אָן אומרואיקע איז אַרויפגעגאַנגען די ערשטע דריי טרעפּ פון אַ קליינער הילצערנער בימה און אויסבויגנדיק זיך, געקוקט פאָראויס צום טויער דורך וואַנען טומלדיקע הויפּטלייט האָבן אַריינגעשטופּט אַ הייפל געפאַנגענע אין קייטן. דאָס זענען געווען די אומגעטרייע הויפּטלייט פון די פעסטונגען, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער שטראָף. הינטער די הויפּטלייט האָט רחב דערזען דעם שטאָטהאַר יחציאל מיט דעם יונגן הויפּטמאַן ח צ י ר, וואָס האָט מיט זיין חוצפה אַרויסגערופן אַ געשלעג צווישן די שטאָט־עלטסטע ביי איר מאָל־צייט. זיין רויט פּנים איז אַצינד געווען פרעך און זיינע אויגן הינטער דעם הויכן קופּערנעם קיווער האָבן געברענט. ער האָט מיט אַ בייטש געטריבן די געפאַנגענע און פון פאַרגעניגן געביסן די נעגל פון זיינע פינגער.

— דער שטאָטהאַר און חציר דיין פריינט! — האָט רחב אויסגערופן — וואָס טוען זיי דאָ?

— זיי קומען אויסטיילן שטראָף צו די אומגעטרייע.

חגית האָט אויפגעהויבן די הענט.

— אַ המון דערנענטערט זיך — האָט זי געזאָגט — פון דער אונטער־שטער שטאָט קומען זיי אָן.

— אַהער? — האָט רחב געפרעגט.

— זיי קומען זען די נידערטרעכטיקע אין זייער חרפּה — האָט רקם געלאַכט.

ער האָט זיך דערנענטערט צו רחב׳ן ווי ער וואָלט גרייט געווען איר צו פאַרטרויען אַ סוד, וואָס איז געווען פאַרזיגלט אונטער זיין פאַנצער.

— אַ פייערטאָג פאַר דעם פאָלק אין יריחו וועט היינט זיין.

— אַ טאָג פון פאַרלענדונג — האָט רחב טרויעריק געזאָגט.

חגית האָט אַרומגענומען איר האַרינטע מיט אירע ברייטע אָרעמס:

— אונדזער גאָרטן וועט זיך וויקן אין בלוט!

רחב האָט אויפגעציטערט פון שוידער קוקנדיק אויף רקמ׳ס פאַרגלי־ווערטן פּנים.

— אויב פייניקן ווילן זיי די אומבאַשיצטע — האָט זי געפרעגט — פאַרוואָס ביי מיין טיר?

— דאָס אָרט פון פאַרברעכן איז דאָס אָרט פון שטראָף.

ווען דער המון האָט באַלאַגערט דעם גאָרטן, האָט דער הויפּטמאַן חציר באַפוילן צו פאַרמאַכן דאָס טויער און גערופן זיינע קריגערס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט אין אַ געשלאָסן ראָד. איינער האָט צוגעקייקלט אַ קלאָץ צווישן צוויי פייגנביימער און חציר האָט זיך דאָרט זיך אַרויפגעשטעלט. ער האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ ריכטער אויף אַ בימה. און ווי ער האָט געהייסן ברענגען צו זיך די געבונדענע, האָבן צווישן המון זיך געטראָגן צוערשט ווילדע ברומעדיקע געשרייען, דערנאָך צאָרנדיקע קולות. די איבערגעשראָקענע האָבן געקריצט מיט די ציין און די דרייסטע האָבן געבײַלט פויסטן און אַרויסגעלאָזט צאָרנדיקע געשרייען, פלוכנדיק די קריגסמענער וואָס ווערן אַליין פאַרלענדט אויפן שלאַכטאָרט און נעמען דעריבער נקמה אין פאָלק דורך פאַרגיסן דאָס בלוט פון אומבאַשיצטע מענער. דער באַרמלאָזער חציר האָט געהאַט בלויז עקל פאַרן המון און באַפוילן אַראָפּצורייסן די קליידער פון די געפאַנגענע, וואָס זענען שוין געלעגן אין שטויב ביי זיינע פיס.

רחב האָט אָנגעכאַפּט רקמ׳ס אָרעם.

— חציר אַ באַשטראָפער?

— דער ווייכער, לוסטיקער חציר — האָט רקם שטיל געלאַכט — וועסט באַלד זען ווי גרויזאַם ער קען זיין, ווען ער ווערט אַ באַפעלער.

און ער האָט צוגעלייגט די ליפּן צו איר אויער:

— ער איז געווען נעכטן מיין געהאַרכזאַמער. היינט וועט אים דער קעניג מאַכן פאַר אַ האַר איבער מיר.

רחב האָט געשלונגען טרערן ווען זי האָט געקוקט אויף דעם קאַלטן רקם. דאָס דאָזיקע פאַרגליווערטע מויל האָט ערשט געפלאַמט מיט רייד פון לוסט צו איר. ווי באַטריגעריש זענען זיינע אויגן. אין אַ שטייג האָט ער זי אַריינגענומען, אַז זי זאָל דאָ אויסגיין אין אַנגסטן. זי האָט טיף געאָטעמט, דערנאָך געעפנט דאָס מויל אַרויסצולאָזן אַ מוראדיקן געשריי, אָבער געבליבן זענען די ליפּן שטום. זי האָט זיך אויפגעהויבן דריי טרעפּ העכער אויף דער בימה, אַריבערצוקוקן אויף יענער זייט גאָרטן, וואו פון טאַל־אַראָפּלאָז זענען אַרויפגעקומען פּופציק קריגסלייט, באַוואָפנט ווי דאָס חיל אין איילעניש צו מלחמה. זי האָט געקענט זען ווי געוועלבער, בוידן און מאַרק־שטעלן פון דער נידעריקער שטאָט שטייען אָפן און די הענדלערס זענען אַנטלאָפן אין בהלה. אַרומשלעפּערס, גייציקע נאָך רויב, זענען באַפאַלן די בוידן אין מאַרק, גענישטערט צווישן די קליידער, טיכער און טעפּיכער. פרויען האָבן אָנגעשטאָפּט זייערע קוישן מיט שפּייזן און פרוכטן. לוסטיונגען האָבן געכאַפּט וויין־לאָגלען. אָבער פּלוצים זענען וועכטערס אויף פערד אַריינגעריטן אין מאַרק און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס

געלויף פון דעם דערשראָקענעם המון, וואָס האָט אוועקגעוואָרפן אַלץ, וואָס ער האָט אויסגעפלינדערט.

די וועכטערס האָבן אַרומגערינגלט דעם מאַרק און זיך צעשפּרייט אין אַלע זייטן. זיי האָבן מיט די שווערדן געשטויסן די אומגליקלעכע. אין געדרענג האָט דער המון געטראָטן איינער אויפן אַנדערן. די רייטערס האָבן באַזעצט יעדע מויער ווי אַ פעסטונג, יעדן הויף ווי אַ שטייג. אין דער מהומה, אונטערן גע־פילדער פון די קולות האָבן יונגען מיט בראַנדהעלצער אַרויפגעקלעטערט אויף די דעכער און געוואָרפן פלאַמענדיקע שטורקאַצן אויף אַ הויכער מויער אַנט־קעגן, און איידער מען האָט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען, האָט איין הויז זיך אָנגעצונדן, דערנאָך אַ צווייטס און אַ דריטס. די פלאַמען האָבן זיך געהויבן אין די הויכקייטן און דער רויך האָט שוואַרץ געמאַכט דעם הימל. אין יענער רגע האָבן די איבערגעשראָקענע באַוואוינערס אויפגעהערט צו לויפן. קעגנאיבער די פייערן פון די ברענענדיקע הייזער זענען זיי געבליבן שטיין פאַרגליווערטע, ווי זיי וואָלטן פאַרלוירן דעם פּחד פאַר די גרויזאַמע פייניקערס.

רקם איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער העכסטער טרעפּ פון דער בימה, וואו רחב איז געשטאַנען. אויך ער האָט געקענט זען די פייערן אין דער נידע־ריקער שטאָט. זיין פּנים האָט אויפגעשטראַלט מיט אַ ווילדער פרייד:

— דאָס ברענען נמואל'ס הייזער! — האָט ער אויסגערופן — די אויס־קוקערס פון ישראל זענען די ערשטע אַריבערגעטראָטן זיין שוועל!

חגית איז אָנגעלאָפן מיט פאַרבראָכענע הענט און געשריען:

— דער אַלטער נמואל וועט אויסגיין אין די פלאַמען! אַש וועט פון זיינע ביינער ווערן!

רחב האָט אויפגעצאַפּלט:

— גרויזאַמער, ראַטעווע דעם זקן!

אָבער רקם האָט מיט אַ באַפעלערישן בליק זי אַראָפּגעפירט פון די טרעפּ. ער האָט אָנגעוויזן אויפן קלאָץ, וואו דערנעבן איז חציר געשטאַנען ווי אַ באַרמלאָזער הענקער איבער די געבונדענע.

— קום!

— פיר מיך נישט צום תליון — האָט זי זיך געוועדט.

דער הויפּטמאַן האָט לאַכנדיק זיך געבוקט פאַר איר.

— זאָל די שיינע גאַסטגעבערין פון יריחו זיין גליקלעך וואָס זי וועט בלויז צוזען די שטראָף פון אַנדערע.

— זיי ווערן געפייניקט.

— פאַר דיין באַטרוג, רחב.

ש. איזבאַן

זיין האַנט האָט פעסט געדריקט איר געלענק ביז ווייטאָג. זי איז געווען צו שוואַך אויף ווידערשטאַנד און איז געהאָרכזאַם אים נאָכגעגאַנגען.

ב

צווישן די פייגנביימער, וואו חציר׳ס קריגסלייט האָבן מיט בייטשן געשונדן די לייבער פון די געפאַנגענע, איז אויך געשטאַנען דער שטאָטהאַר יחציאל. ער איז גערופן געוואָרן צו זען ווי דעם קעניגס געטרייער באַשטראָפט די נידערטרעכטיקע, אַז ער זאָל פאַראַכטן רחמנות און אויסרייסן פון זיין האַרץ די חרפה פאַרן המון. אָבער זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט שוידער ווען די פייניקערס האָבן אויסגעריסן צווייגן פון דיביימער, אָנגעצונדן אַ שייטער און אָנגעגליט זייערע שפּיזן אויסצוברענען שטיקער לייב פון די אומבאַשיצטע. זיין אייגן האַרץ באַרמלאָז צו פאַרברעכערס, קאַלט צו יענעמס פּיין, איז אַצינד איינגעפאַלן. צי איז נישט פאַראַן אַ גרינגערער טויט פאַר די שולדיקע? — האָט ער זיך געפרעגט. — ווינציקער יסורים פאַר די פאַרדאָרבענע, אַז די קללה פון פאָלק זאָל נישט פאַלן אויף אים? נישט דער קריגסמאַן, נאָר דער שטאָטהאַר איז דער ריכטער פון זיינע באַוואוינערס. אָבער ער איז געווען אוממעכטיק אָפּצושטעלן די האַנט פון חציר׳ן. זיין צונג איז געווען פאַרפרוירן און די שווערע הענט פאַרגליווערט. ער האָט געהערט די קולות פון המון אויף יענער זייט גאָרטן־טויער.

— יחציאל! יחציאל! צי ביזטו דער האַר פון דיין שטאָט?

— פאַרוואָס לאָזטו פאַרלענדן די היטערס פון די פעסטונגען?

— די בעסטע זין וועלן זיי אומברענגען. ווער וועט באַשיצן די שטאָט?

חציר איז געווען בלינד צום המון, טויב צו די צאָרנדיקע געשרייען. ער איז געווען ריכטער און תליון. זיינע אויגן האָבן געטרונקען דאָס בלוט, וואָס איז גערונען פון די פאַרפייניקטע לייבער. אַ וועכטער האָט אַ שטויס געטון פאַראויס דעם ערשטן פאַרמשפּטן. חציר האָט געוואָרפן בלויז איין בליק אויף אים און אַ פאָך געטון מיט דער האַנט. דער געהאָרכזאַמער וועכטער האָט דעם געפאַנגענעם אַוועקגעשלעפּט הינטער די ציפּרעסן. רחב האָט געזען דעם קרבן אין זיין אונטערגאַנג. די אָנגעגליטע שפּיזן אין די הענט פון די קריגסמענער האָבן דורכגעלעכערט זיין האַרץ.

אַ מעכטיק געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם צערודערטן המון ווי דאָס וואָיען פון אַ סטאַדע וועלף. אָבער דער כנענישער תליון, דאָרשטיקער נאָך נקמה ווי בעל אַליין, האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף אַ צווייטן פאַרמשפּטן. ער האָט ווידער אַ פאָך געטון מיט דער האַנט און דער צווייטער קרבן איז גע־

שלעפּט געוואָרן צום טויט. אַזוי האָט דער וועכטער אַרויסגעשטופּט איין געפאַנגענעם נאָכן אַנדערן. ווען די צאָל פאַרלענדטע איז געווען צען, זענען זיי געבליבן ליגן אונטערן אָפענעם הימל פאַר די ראָבן פון מדבר. די פלאַמען פון שייטער האָבן באַלויכטן די אָפּגעשוונדענע מתים.

דערנאָך האָבן צוויי קריגסמענער דורכן טויער אַריינגעשלעפּט אַ ריזיקן מאַן אין קייטן. דאָס איז געווען עפרון, דער הויפּטמאַן וואָס האָט געוויזן די פאַרבאָרגענישן פון די פעסטונגען צו די אויסקוקערס פון ישראל. זיין הויכער, שטאַרקער גוף איז אַצינד געווען אַ חורבה. די האַלב־פאַרלאָשענע אויגן האָבן נאָך געגלימערט און פונעם לינקן אויער האָט אַראָפּגעהאָנגען די קופּערנע רייף, וואָס עס טראָגן די געטרייע היטערס פון די קאַמער־שוועלן. אָבער זיין ברוין לייב איז געווען באַדעקט מיט אייטערדיקע וואונדן. ער איז אַנידערגעוואָרפן געוואָרן פאַר די פיס פון חציר׳ן און באַלד האָבן די אָנגעגליטע שפּיזן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיינע צעשונדענע גלידער. חציר האָט פריילעך אויסגערופן:

— דער ערשטער צום באַטרוג, דער לעצטער צום טויט!

רחב האָט מער נישט פאַרשטעלט אירע אויגן. דער עקל, דער פּחד און די פאַרצווייפלונג האָבן זיך אָפּגעטון פון איר. מיט אַן אומגעריכטער קראַפט האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך רקמ׳ען. זי איז צוגעלאָפן צום שטאָטהאַר און אָנגעכאַפּט זיין אָרעם.

— שטעל אָפּ די האַנט פון רוצח!

— וואָס קען איך טון? — האָט יחזיאל געזאָגט — דער קעניג אַליין האָט אים היינט פאַר אַ ריכטער געמאַכט. ער האָט דעם פאַרשטאַנד פאַרלוירן. ווער קען אים אָפּשטעלן?

אַ וואַקלדיקער איז ער אָפּגעטראָטן און צוגעגאַנגען צום ערשטן זייל אונטער דער בלויער אַרקאַדע. זיינע קניען האָבן געציטערט. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטיינערנער באַנק און צוגעדעקט דאָס פּנים מיט די האַנטפלאַכן, אַז דער המון אויף יענער זייט פּלויט זאָל אים נישט זען אין זיין אָנמאַכט. ערשט אַצינד האָט ער דערפילט זיין אייגענע פּחדנות. זיין ווילן איז געווען שוואַך, זיין צונג שטום. אַ שטאָטהאַר אָן מאַכט בין איך — האָט ער געזאָגט — די וועכטערס פון מיין שטאָט פירט מען צום טויט און איך האָב נישט די העזה זיך צו שטעלן קעגן רוצח.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די הויכקייטן. אונטער דער שאַרפער בלויקייט פון הימל־אויסשפּרייט האָבן די שייטער־פלאַמען זיך געלאָשן ווי צאַנקענדיקע ליכט. די ערשטע זונשטראַלן האָבן שוין געברענט מיט לויטערער וואַרעמקייט. אַ גילדענער שיין האָט אָנגערירט די שפּיצן טויערן און די ליכט־טראָפּנס האָבן זיך געוויגט צווישן די הויכעביימער־צווייגן. פּלוצים האָט אַ האָפענונג אין אים אויפגעוואַכט. זיינע אויגן האָבן געזוכט רחב׳ן, אָבער זי

איז דאָרט נישט געווען. וואו איז זי פאַרשוואונדן אין דעם לעצטן אויגנבליק פון סכנה? זי, די שטאַרקע, די אומדערשראָקענע פאַרמאָגט אַזאַ כוח, וואָס קאָן אוועקנעמען די פאַרמשפּטע פון די טרעפּן פון טויטן־הויז. איר לייב איז אַ וואָפן, וואָס קאָן דורכלעכערן דעם פאַנצער פון דעם שטאַרקסטן שלאַכטמאַן.

און ווי דער באַגער פון זיין האַרץ וואָלט געענטפערט געוואָרן, האָט ער פּלוצים דערהערט ווי אַ גרויס גערודער הויבט זיך אויף אונטן צווישן המון. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. פון דעם געדרענג האָבן זיך געטראָגן קולות:

— זעט, רחב די האַרינטע פון גאַסטהויז!

— זי גייט ראַטעווען די פאַרמשפּטע!

— נאָר זי קאָן אָפּשטעלן די בלוט־פאַרגיסונג!

— רחב, די נאָענטע צום קעניג! די באַליבטע ביי די איינוואוינער פון שטאָט!

— האַרינטע רחב, בעט רחמנות פאַר די אומגליקלעכע!

דער שטאָטהאַר האָט זיך אַ הויב אויף געטון פון דער שטיינערנער באַנק און געקוקט צום גאַרטן־טויער. ער האָט נישט געגלויבט וואָס זיינע אויגן האָבן געזען. פון די ברייטע פעלזן־טרעפּ, וואָס האָבן אַראָפּגעפירט פון הויז צו דער נידעריקער גראָזפלאַך, איז אַראָפּגעקומען רחב. איר אויסזען איז אַצינד געווען אַנדערש. נישט יאוש, נישט צאָרן, נאָר אַ פאַרגליווערטע מאַטקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן. זי איז געווען אָנגעטון אין טרויער־קליידער. די פאַלדן פון די לויזע טונקעלע געוואַנדן זענען געפאַלן ביז איבער די פיס־קנעכלען. זי האָט געשטעלט לאַנגזאַמע טריט, אָן וואַקלעניש, אָן אָפּשטעל אין דער ריכטונג, וואו חציר האָט געוואַרט אומגעדולדיק זיינע וועכטערס זאָלן אויסקלייבן נייע קרבנות צווישן המון.

אַ פאַרגאַפטער איז רקם האַסטיק איר אַקעגן געלאָפן. די דערשראָקענע דינסט חגית, דערזעענדיק איר האַרינטע, איז געבליבן שטיין ווי געליימט. רחב איז זיי פאַרביי־געגאַנגען שווייגנדיק. זי האָט זיך דערנענטערט צום קלאָץ, אירע מאָנענדיקע אויגן אָנגעהאָנגען אויף דעם הויפּטמאַן חציר, וועלכער האָט מיט אַ ווינק פון אויג, מיט אַ צייכן פון דער האַנט געשיקט נאָך קרבנות צום טויט. ער האָט געשפּירט אויף זיך אירע בריענדיקע בליקן, וואָרום ביים נייעם קרבן איז זיין אויפגעהויבענע האַנט ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אין דער רגע פון זיין קווייקלעניש האָבן די וועכטערס נישט פאַרזוימט צו טרייבן די פאַראורטיילטע הינטער די ביימער. יענע, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט אַ ווידערשטאַנד, זענען אויפן אָרט דערשטאָכן געוואָרן. דאָס געיאָמער פון די געפּייניקטע האָט אויפגעציטערט די לופט.

די אויפגעהויבענע האַנט פון דעם הויפּטמאַן איז געבליבן הענגען אין דער

הויך, אזוי לאנג, אַז ער האָט פאַרפעלט אַרויסצוזאָגן דעם אורטייל אויף דעם מאַן, וועלכער איז געפאַלן אויף די קניען פאַר אים. פאַר די איבערראַשטע וועכטערס איז דאָס געווען אַ צייכן מער נישט אַרויסצופירן קיין מענער פון צווישן המון.

רחב האָט זיך געראַמט אַ וועג צווישן די באַפּאַנצערטע הויפּטלייט, וועלכע זענען געשטאַנען צונויפגעשלאָסן אין אַ רייע ווי אַ לאַנגע קופּערנע וואַנט. דערזעענדיק זי, האָבן די צערודערטע קריגסמענער געבראָכן זייער רייע, פריי צו מאַכן דעם וועג. אויך די שפּיאָן־טרעגערס, וועלכע האָבן געטריבן די פאַר־משפּטע צום אונטערגאַנג, זענען געבליבן פאַרגאַפט און אויסגעדרייט די קעפּ. חציר׳ס פאַרפלאָמטע קינבאַקן זענען בלייך געוואָרן. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון קלאָץ. רחב איז געשטאַנען אים אַקעגן.

דער שטאָטהאַר איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך אויף דער שטיינערנער באַנק. ער האָט געקוקט פאַראויס און געמורמלט:

— דער באַפעלער, וועט ער איר אַרויסווייזן גנאָד? וועט זי פאַרלעשן זיין צאָרן?

הינטער אים איז אויסגעוואַקסן רקם מיט לוסט אין די אויגן. ער האָט געזאָגט:

— דער, וואָס ווערט פאַרברענט פון נקמה, ווער קאָן לעשן זיין צאָרן?

— צי איז דען נישט די ערשטע אונטערטעניקע אויך די ערשטע צום גנאָד? — האָט יחציאל געפרעגט.

— אַ גנאָד פון חרפּה.

— בעסער די חרפּה ווי אַ בלוטבאָד און פאַרוויסטונג.

רקם האָט אָפּגעמאָסטן דעם שטאָטהאַר מיט שפּאָט.

— האַר פון שטאָט! איך זע, אַז דיינע קניען וואַקלען זיך און דיינע לענדן הויבן אָן ציטערן.

יחציאל האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— הויפּטמאַן פון חייל! און איך הער ווי דיין דערשראָקן האַרץ צאַפּלט ווי אַ פויגל אין שטייג.

רקם האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקט געלעכטער:

— פאַר וועמען זאָל זיך שרעקן אַ הויפּטמאַן?

— פאַר דער אומדערשראָקענער רחב. זי איז די ערשטע ווידערשפּעניקע צווישן אַ פאָלק פון פּחדנים.

ביידע האָבן שווייגנדיק זיך איבערגעקוקט און דערנאָך אויפגעהויבן די אויגן צום אָרט, וואו רחב איז געשטאַנען אַרויסרופעריש קעגנאיבער חציר׳ן. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס ווי צו אַ געבעט צום אומגעזעענעם

גאַט. אַ רגע איז זי געשטאַנען אַ שווייגנדיקע פאַר דעם תּליון און דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען אין גראָז און פאַרשעמט געבויגן איר קאָפּ צו דער ערד. די שפּיזן־טרעגערס האָבן זיך אָפּגערוקט. ביים המון זענען איינגע־פאַלן די הערצער. קיינמאָל פריער האָבן די איינוואוינערס נישט געזען רחב׳ן קניען פאַר אַ הויפּטמאַן.

פּלוצים איז אויף די טרעפּ פון דער בימה אַרויפגעשפּרונגען די דינסט חגית. אַן אויפגעהייטערטע, אַ שטראַלענדיקע פון דעם, וואָס זי האָט אַצינד געזען, האָט זי צעשפּרייט די הענט און אויסגערופן:

— רחב, מיין האַרינטע! זי האָט אָפּגעשטעלט די האַנט פון דעם הויפּט־מאַן! זי האָט פאַרטריבן דעם טויט!

די טראָפּנס שוויים, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף איר שטערן און באַקן, זענען אַראָפּגערונען ביז איבערן שווארצן, גלאַנציקן האַלדז.

איר אויסגעשריי האָט נישט אויפגערודערט די פאַרזונקענע שטילקייט. דער המון האָט געשוויגן. די מענער מיט דעם קריגס־געצייג זענען געשטאַנען אומבאַ־וועגלעך. חציר, דער ריכטער און תּליון, וועלכער האָט אַראָפּגעקוקט צו דער שטאָלצער פרוי, איינגעהילט אין טרויער־געוואַנדן, אַ קניענדיקע צו זיינע פיס, איז אַליין געווען אַ פאַרגליווערטע געשטאַלט.

אָבער דאָס שטילשווייגן איז אומגעריכט געבראָכן געוואָרן. אַ קול האָט זיך אַרויסגעריסן פון המון אויף יענער זייט גאָרטן־טויער. דאָס איז געווען אַ צאָרנדיקע קללה פאַר דעם גרויזאַמען חציר. דער הויפּטמאַן האָט זיך אַ קער געטון אין דער זייט, פון וואַנען די פלוך איז געפאַלן און פון דער אויפגייענ־דיקער מילדקייט אין זיינע ברענענדיקע אויגן איז געוואָרן אַ נעפּל ווי אַ וואָלקן פאַר אַ שטורעם. ער איז צוריק אַרויפגעשפּרונגען אויפן קלאָץ און אויפ־געהויבן ביידע הענט, אַ צייכן צו די וועכטערס צו באַנייען די הריגה. די צע־רייצטע שפּיזן־טרעגערס האָבן מיט מער אכזריות געטריבן די קרבנות צום אָרט פון פאַרלענדונג.

צוויי הויפּטלייט זענען צוגעקומען צום קלאָץ, וואו רחב האָט געקניט פאַר זייער האַר. זיי האָבן איידל זי אָנגענומען ביי די אָרעמס און לאַנגזאַם זי אויפ־געהויבן און צוריקגעפירט צו די טרעפּ פון הויז.

אַ טומל האָט זיך געטראָגן צווישן המון. דער שטאָטהאַר, וועלכער האָט צוגעזען אַלץ וואָס איז געשען, האָט אַ צעהיצטער זיך אַ קער געטון צו רקמ׳ען:

— דער דאַזיקער נאַר! ער האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט! פאַרוואָס האָט ער געשאָלטן דעם שטראָפער אין דער רגע פון זיין שוואַכקייט? ער האָט שוין געוואָלט זיך אונטערגעבן צו רחב׳ס פאַרלאַנג, איז געקומען די קללה פון דעם משוגענעם.

רקם האָט פון אויפרעגונג געריבן מיט דער פויסט זיין באַק.

— יאָ. אויך איך האָב געמיינט, אַז זי האָט ווידער באַזיגט אַ הערשער.

מיט אַ ברומעניש אויף די ליפּן איז ער אָפּגעטראָטן הינטערוויילעכץ. ער האָט נאָכגעקוקט רחב׳ן ווי זי גייט צוריק אַריין אין איר גאַסטהויז און די נאָכלויפנדיקע דינסט הויבט אונטער די פאַלדן פון אירע טרויער־קליידער.

— זי האָט פארשפילט — האָט ער געזאָגט צום שטאָטהאַר — אָבער דאָס פאָלק וועט זי ליב האָבן דערפאַר. זי האָט געוואָלט ראַטעווען און האָט פאַרלוירן. נישט צוליב איר שולד.

דער שטאָטהאַר האָט אָנגעכאַפּט רקמ׳ען פאַר אַן אָרעם:

— ווייסטו, אַז רחב האָט אַצינד באַזיגט דעם הויפּטמאַן? די איינוואוינערס פון מיין שטאָט וועלן זי נאָך מער אַכטן.

— די איינוואוינערס אַכטן זי און ליבן זי פון שטענדיק אָן — האָט רקם אויסגערופן און זיינע אויגן האָבן געפלאַמט — ווי אַ רעטערין באַווייזט זי זיך אין טאָג פון אומגליק. ווער זייט איר דען אַלע, די שטאָט־עלטסטע, די פּריסטערס, די ריכטערס? נידעריקע קנעכט ביי די פיס פון אַ וואַנזיניקן הערשער, וואָס וואַרט אויף דעם אונטערגאַנג פון יריחו.

די זון איבער זייערע קעפּ האָט שוין געבריט מיט דער גליעניש פון אַ לויטערן הייסן טאָג. אַ מילדער ווינט האָט קוים אונטערגעוויגט די קרוינען פון די ביימער.

יחציאל האָט זיך געלאָזט צום גאָרטן־טויער און רקם האָט שווייגנדיק אָפּגעמאָסטן דעם פאַרשעמטן שטאָטהאַר. ער האָט מער ווי באַדויערונג נישט געהאַט פאַר דעם מאַן, וואָס איז צו שוואַך צו טראָגן די לאַסט פון אַ מאַכט־האָבער. דער קופּערנער קאָפּ־באַנד מיט דעם דיסקוס אינמיטן שטערן האָט אים אַרויסגעהויבן איבערן המון. דער שאַרלאַך־מאַנטל מיטן גאָלדענעם גאַרטל האָט צוגעגעבן אָנזען זיין געוויקסיקן גוף. אָבער אונטער דעם טייערן געוואַנד האָט געפעלט דער כוח און דער ווידערשטאַנד פון אַ האַר צו די אומברעגנערס פון זיין שטאָט.

ק אַ פּ י ט ל פ ו פ צ ן

א

יענעם אָוונט, ווען קעניג צוען האָט גערופן זיינע פירשטן און הויפהאַרן צו אַ מאָלצייט אין זיין קרוינהויז, איז רחב געווען די ערשטע צווישן די געסט. דער מלך האָט נישט איינגעלאַדן נאָר באַפוילן און נאָכן זונאונטערגאַנג זענען אין פּאַלאַץ געווען פאַרזאַמלט אַלע אָנגעזעענע פון יריחו. עס האָבן נישט געפעלט די ריכטערס און די צינזהאַרן, די פּריסטערס און די הויפּטלייט. אין איילעניש זענען זיי אָנגעקומען צום פעסט לכבוד דעם נצחון איבער די מענער פון באַטרוג, וואָס צוען האָט באַפוילן צו פאַרלענדן. דער הערשער פון כנען האָט געוואוסט, אַז צוויי כוחות האָבן אים אויפגעהויבן העכער פון די געטער: מאַכט און גאָלד. די מאַכט האָט ער געהאַלטן אויף דער שפּיץ שפּיז און פון דעם גאָלד האָט ער געהייסן זיינע גאָלדשמידן אויסגיסן נייע אָפּבילדער פון זיין געשטאַלט און זיי אַרויפשטעלן אויף די זיבן טורעמס פון די פעסטונגען. זאָלן די געטער היטן די טעמפּלען. דער מלך וועט באַוואַכן די מויער פון זיין קעניגרייך.

צוען, וואָס איז געווען באַרוישט פון וויין, איז שטענדיק געבליבן ניכטער צו פרויען. ער האָט געוואוסט, אַז די שיינע פרוי איז אַ זיסער סוד, וואָס איז נאָר פאַרדעקט, נישט פאַרזיגלט. רחב׳ס באַטרוג איז פאַר אים געווען אַ זיג. די פאַלשע זענען אומגעקומען ביי איר טיר פאַר די אויגן פון אַ דערשראָקענעם המון. ווי אייטל עס איז די דאָזיקע האַרינטע פון גאַסטהויז, וואָס האָט געגנבעט זיין צוטרוי. איר הינטערליסטיקייט האָט זי אַריינגעטריבן אין אַ שטייג. יעדע לוסטפרוי מיינט, אַז מיט איין פוס קען זי שטיין אין זומפ און מיט דעם צווייטן קען זי קלעטערן צו די שטערן. ער האָט רחב׳ן גערופן צום טיש, אַז זיינע געטרייע זאָלן זי זען אין איר פאַרשעמונג.

אָבער רחב איז נישט געווען פאַרשעמט צווישן די אויסדערוויילטע און געאַכפּערטע. דער פיין אין איר האַרץ איז געווען אָפּגעקילט, ווייל איר נקמה

איז געווען רייף. און זי איז נישט געווען פֿאַרשטויסן, נישט איינזאַם. ביי נאָך איינעם איז פֿלוצים רייף געוואָרן די נקמה און דער צאָרן און דער אייפֿער — ביי דעם אָפּגענאַרטן ר ק ם , וואָס געקומען צו איר איז ער אין באַגינען ווי אַ האַר און געוואָרן איז ער איר קנעכט. דער ערשטער הויפּטמאַן איז געווען דערנידעריקט, זיין כבוד פֿאַרשוועכט. פֿאַר די אויגן פֿון זיינע קריגסמענער איז ער געווען אומבאַמעכטיק צו באַפֿעלן, שוואַך צו העלפֿן רחב'ן ווען זי האָט געוויינט ביי די פֿיס פֿון דעם תּליון חציר. זיין בלוט האָט געפֿלאַמט און זיין האַרץ האָט געשטורעמט, אָבער אין זיין געפֿאַלנקייט איז ער נאָך נישט גרייט געווען אַריינצולייגן זיין קאָפּ אין מויל פֿון אַ לייב. שטאַרקער פֿון אים איז געווען רחב. די דרייסטע און שיינע האָט נישט געוואוסט פֿון קיין צוריקטריט און זיך פֿאַרשוואוירן בייצוקומען נייע סכּנות. דער אונטערגאַנג פֿון יריחו האָט היינט אַרויסגעשריען פֿון דעם גערשמער פֿון המון און רחב האָט געזאָגט: אומקומען וועט דער הערשער, פֿאַרלענדט ווערן וועט דאָס חייל, שטויב וועט ווערן פֿון די פֿעסטונגען אין דער שטאַרקסטער שטאָט פֿון אַלע שטעט. בלייבן וועט אַ פֿאַרלאָזן פֿאָלק ווי אַ פֿאַרלוירענע סטאַדע, אויסגעשטעלט צום גנאָד פֿון די זיגערס. ווער וועט זיך אָננעמען פֿאַר די אומבאַשיצטע, אויב נישט די לעצטע ווידערשפּעניקע צו די אַלטע הערשערס? אונטערטעניקע וועלן זיי אַקעגן גיין דעם פֿאָלק פֿון באַפֿרייערס, וואָס קומט אָן פֿון מדבר.

אַ גאַנצן טאָג איז דער אומרו פֿון איר נישט אַוועק. זי האָט געדרימלט אין איר רו־קאַמער און אין איר שלומער האָט זי נאָך איינמאָל זיך געזען אַ קניענדיקע פֿאַר דעם אומדערבאַרעמדיקן תּליון. אירע ליפּן האָבן געבעטן און אירע הענט האָבן געציטערט און פֿון די אויגן איז נישט אָפּגעטראָטן דער קלוגער זקן נמואל ווי ער פֿלאַטערט אַן איינגעהילטער אין פֿלאַמען. אַ לעבעדיקן האָבן זיי אים פֿאַרברענט אין זיין אייגן הויז, אים, דעם לעצטן פֿון די רעכטפֿאַרטיקע אין דער שטאָט פֿון די פֿאַרדאָרבענע.

רחב האָט נישט פֿאַרזוכט קיין שפּייז און קיין געטראַנק יענעם טאָג. איר לייב האָט זיך באַפֿרייט פֿון אַלע ערדישע גלוסטענישן. בלויז איין לוסט האָט געפֿלאַקערט אין איר, די זעלבע לוסט ווי אין יענעם טאָג ווען מען האָט אומגעברענגט איר געליבטן פֿראַם — די לוסט צו דערהרגענען דעם הערשער צוזען דורך דער האַנט פֿון דעם ערשטן הויפּטמאַן אין פּאַלאַץ. ווען זי איז אויפֿגעשטאַנען ביים זונאונטערגאַנג, האָט חגית איר אָנגעזאָגט, אַז זי איז פֿאַרבעטן צום קעניגס טיש אינאיינעם מיט אַלע הויפֿהאַרן. רחב האָט אָנגעטון די שענסטע קליידער און געשיקט רופֿן רקם'ען. איר וואונטש איז געווען קורץ: צוען'ס טויט פֿאַר די אומגעקומענע אין איר גאָרטן. דער צעפֿלאַמטער הויפּטמאַן האָט זי דערזען אין איר רייץ און פֿאַרלאַנגט די העכסטע באַלוינונג: געטריישאַפֿט

צו אים אַליין און אַן אָרט אויף איר געלעגער בייננאַכט. אַזוי הויך איז דער פּרייז פאַר צוען'ס קאָפּ ביי אירע פיס! — האָט ער געמאָנט. אָבער רחב האָט געענטפערט, אַז דער לויין פון די געליבטע קומט ווי דער לויין פון די געפּיי־ניקטע. מיט ברענענדיקע דערנער איז אויסגעבעט דער לאַנגער וועג, וואָס פירט צום טאָג פון שכר.

רקם איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן. דעם סוד פון אַ פאַרשווערונג האָט ער היינט געברענגט, האָט ער איר געזאָגט, ווארום דאָס וואָס איז געשען אין יענעם טאָג, איז נישט געווען ענלעך צו די געשעענישן אין אַלע פריערדיקע טעג. פון די איין און דרייסיק מלכים אין כנען, פון די שטעט וואו זיי האָבן רעגירט, זענען אָנגעקומען לויף־יונגען קיין יריחו צו וואָרענען צוען'ען, אַז נאָר ווען ער וועט שליסן אַ בונד מיט די אָפּגעשיידטע שטעט, וועלן דענסטמאָל אַלע הערשערס אינאיינעם אַרויספירן זייער חיל צו באַשיצן יריחו. צי האָט דען דער קרוינטרעגער פון יריחו נישט געהערט, אַז מוראדיק איז דאָס פאָלק פון די עברים, וואָס קומט פון מדבר אַראָפּ צום ירדן? ווי אַ שטורעמווינט אויף פייערדיקע וואָלקנס טראָגן זיך זייערע פירשטן און ווי אַ שוואַרצער היישעריק פאַרדעקט זייער מחנה די אויבערפלאַך פון דער ערד. זייערע רייטערס זענען ווי אָדלערס און זייערע פוסגייערס ווי לייבן. די פאַרלענדטע פעלקער אויף זייער וועג זענען עדות, אַז עס איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען אַזאַ קריגספּירער, וועל־כער קאָן די עברים בייקומען און ס'איז נישטאָ אַזאַ חייל, וואָס קאָן זייביישטיין, סיידן אַלע פעלקער פון כנען אינאיינעם וועלן אַרויסגיין מלחמה האַלטן מיט זיי. און נאָך האָבן די איין און דרייסיק מלכים געלאָזט זאָגן: אויב פאַלן וועט די פעסטונגשטאָט, וועלן אויך צעטרעטן ווערן די טעכטערשטעט פון יריחו, וואָס זענען אויסגעשפּרייט אין געבערג און אין דער נידערונג.

דער הערשער פון יריחו האָט געלאַכט פון די דערשראָקענע מלכים. ער האָט צוריקגעשיקט די לויף־יונגען מיט אַן אָנזאָג צו זייערע הארן: „אין העל־דישקייט דערקען איך מיינע פריינט און אין פחד מיינע שונאים. איך אַליין וועל פעכטן די עברים פון מיינע מויערן, ווארום דער שטאַרקער וועט נישט טיילן זיין נצחון און רום מיט די שוואַכע”.

דערנאָך האָט צוען פאַרזאַמלט זיינע פירשטן און הויפּטלייט און צו זיי געזאָגט: אָט איז אַ שקלאַפן־פאָלק אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. זעט, ער האָט פאַרדעקט דאָס פּנים פון דער ערד. און אַצינד קומט ער אונדז אַנטקעגן. גורט אָן! ווארום צו פאַרלענדונג קומט ער!

און אַז רקם האָט דאָס אַלץ דערציילט פאַר רחב'ן, האָט זי פון פרייד אַראָפּגעכאַפּט פון טיש אַ קרוג ווייַן און אָנגעגאָסן פאַר אים אַ בעכער. ער האָט אַ דאָרשטיקער געטרונקען דאָס שווערע געטראַנק און געזאָגט:

— וואַנזיניק איז צוען געוואָרן אויב ער וויל נישט אָננעמען די הילף פון די קלוגע מלכים. ער וועט פאַלן אינאיינעם מיט זיינע פעסטונגען. אָבער צי מעג איך דען דערלאָזן דעם אונטערגאַנג פון מיין חייל?

רחב האָט אָנגעגאָסן אַ צווייטן בעכער און אַ דריטן. פלאַמען זענען אויפ־געגאַנגען אויף זיינע קינבאַקן ווען ער האָט אויסגעליידיקט די קרוג. טראָפנס ווייַן ווי פלעקן בלוט זענען געבליבן הענגען אויף זיינע ליפּן. רחב׳ס רייד זענען געווען שלויע:

— דו ביזט געבוירן אַ קריגסמאַן — האָט זי געזאָגט — און דו קענסט ווערן דער מאַן פון אויפשטאַנד.

רקם האָט אַ באַרוישטער אויסגערופן:

— איך בין געוואָרן אַ קריגסמאַן אוים נויט און נישט פון מיין פרייען ווילן. דעריבער וועל איך זיין באַרמלאָז צו מיינע מלחמה־לייט. צופיל דער־שראָקענע און מוטוויליקע האָב איך צווישן מיינע שלאַכטמענער און נאָר ווינ־ציקע וועלן זיין שטאַרק אויפצוהויבן די שווערד פון בונט. אָבער די ווינציקע וועלן מיר נאָכגיין. מער ווייַן, רחב!

ב

רחב האָט געגעבן אַ צייכן צו חגית׳ן און די דינסט האָט אַריינגעברענגט אַ פולן וויינלאָגל. דער הויפּטמאַן האָט געטרונקען ביז שכרות און ווען דאָס בלוט האָט אויפגעבריט אין זיינע אָדערן, האָט ער אַ צעפּלאָמטער זיך דערנענ־טערט צו איר. זי האָט געלאַכט אין זיין פּנים אַריין. דער ווייַן האָט אויפגעוועקט אין אים אַלע פאַרבאָטענע לוסטן און ער האָט געוואָלט אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס די פרוי, וואָס ער האָט אַלע טעג באַגערט. ער האָט אויסגעשפּרייט די הענט און געשריען:

— דאָס געלעגער פון אַ פּרינצעסין פאַר דעם קריגסמאַן, וואָס וועט אויפ־הויבן די שווערד קעגן זיין מלך!

זיינע פינגער אויף איר נאַקן זענען געווען ווי פייערדיקע צוואַנגען, אָבער די אָנגעצונדענע אויגן זענען שוין געווען פאַרגלייזלט און ער האָט פון שוואַכ־קייט זיך געוואַקלט. ווען זי האָט אים אָפּגעשטויסן, האָט דער ווייַן פון בעכער זיך אויסגעגאָסן. ער האָט אוממעכטיק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און באַלעקט זיינע פייכטע ליפּן.

— נאָך דיין באַטרוג האָב איך געגלוסט דיך צו הרגענען, רחב — האָט ער געזאָגט — דיך און דיינע אויסשפּירערס, וואָס דו האָסט אין דיין דאַך־

שטיבל באַהאַלטן. נעכטן בין איך געווען אונטערטעניק צום וואַנזיניקן קעניג.
היינט בין איך צו אים ווידערשפּעניק.

און ער האָט ווידער אויסגעשטרעקט זיינע הענט:

— דיין וואָרעם לייב, רחב, איידער איך ברענג דיר דעם נצחון.

זי האָט דאָס מאָל נישט אָפּגעשטויסן זיין האַנט ווען ער האָט זי באַרירט. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים. זיינע אויגן זענען געווען האַלב פאַרלאָשן. פון מויל איז גערונען גאַוואַר. אַ העלדישער קריגסמאַן האָט אַצינד ווי אַ בעטלער געקניט צו אירע פיס. זי האָט געפליסטערט אין זיין אויער:

— זאָג מיר צו, אַז דו וועסט ברענגען דעם קאָפּ פון צוען.

— אויף דער ערשטער מויער וועל איך זיין קאָפּ אָנשטעכן!

— שווער מיר צו ביי די געטער.

— ווי קאָן אַ לעסטערער שווערן ביי די געטער, וואָס זענען ביי אים פאַראַכט?

ער איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען ווי ער וואָלט אָנגעשעפּט פרישע כוחות. אין די אויגן האָבן געטאַנצט פאַרנעפּלטע שאָטנס. די אָדערלעך אויף די שלייפן זענען אויפגעלאָפן פון ווילדן כעס. ער האָט איינגעגראָבן זיינע פינגער אין איר האַלדז און זי אַ ציי געטון צו זיך אַזוי נאָענט, אַז זיין אָטעם האָט ווי אַ רווישיקער ווינט געבלאָזן אויף איר מויל. אין יענעם אויגנבליק האָט פאַר רחב'ס אויגן ווי פון אַן אויסהוילעניש אַרויסגעשוועבט דאָס געשטאַלט פון כלב'ן און טרערן האָבן באַנעצט איר געזיכט. זי האָט נישט באַנומען פאַרוואָס זי וויינט: פון בענקשאַפט נאָך איר אַנטלאָפענעם באַשיצער, צי דערפאַר ווייל דאָס, וואָס איז מיט אַ רגע פריער געווען לויטער און טייער וואַלגערט זיך אַצינד אין קויט?

רקם האָט זי געהאַלטן מיט זיינע פויסטן. דאָס מאָל האָט ער געוואָלט נעמען מיט כוח וואָס אַנדערע פרויען האָבן אים געגעבן גערנוויליק. זי האָט זיך געוועהרט. ער איז געווען באַזויפן, אָבער אַן אומגלויבלעכע קראַפט האָט געשטורעמט אין אים. ער האָט זי געקלאַמערט צו זיך, וועלנדיק אַראָפּרייסן די געוואַנדן פון איר לייב. אַ ציטערדיקע איז זי געהאַנגען אין זיינע אָרעמס און דער שלאַכטמאַן איז געווען גרייט אָנצוגרייפן דאָרט, וואו ער האָט נישט אָנגעטראָפן קיין ווידערשטאַנד. פּלוצים האָט זי אומגעריכט פאַרוואָרפן די הענט אַרום זיין האַלדז און אַריינגעשטאָכן אירע פינגער-נעגל אין דעם האַרטן פלייש פון זיין נאַקן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ צאַרנדיק געברום. זי האָט זיך באַפרייט.

אַ רגע איז ער געשטאַנען אַן אָפּגעשטויסענער. דערנאָך האָט דער כעס אין זיינע אויגן זיך געלאָשן. צוריקטרעטנדיק האָט ער מיט חרטה געזאָגט:

— געדענקסט מיין באַהאַלטענע לוסט ביי דיין מאָלצייט, רחב? איך בין געשטאַנען פאַר דיר ווי אַ שטאָלצער קריגסמאַן און גערעדט באַרימערישע רייד,

אָבער איך האָב דיך גענאַרט. אין אונדזערע הערצער איז אויפגעגאַנגען אַ פאַרבאָרגן פייער, וואָס האָט אונדזביידן געוואַרעמט. דאָס דאָזיקע פייער האָט זיך צעפלאַקערט אין מיר טראָץ דעם צאָרן און האַס, וואָס האָט אונדז נעכטן און אייערנעכטן צעשיידט. וואָלט איך נישט געלעסטערט די געטער, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַזאַ פייער ברענט שטענדיק אויף די מזבחות אין טעמפּל. דערנענטער זיך, רחב. דער פלאַם וואָס האָט אויפגעלויכטן אין אונדז, טאָר קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן.

ער האָט זיך נענטער צוגעבויגן און אַריינגעקוקט טיף אין אירע אויגן.

— מיין צונג איז ערלעך, רחב. פאַרטרייב מיך נישט.

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט פאַראַכטונג.

— דו האָסט מורא, קריגסמאַן. פאַרוואָס וויל דיין מויל נישט זאָגן הויך וואָס דיין קויטיק האַרץ פאַרלאַנגט? פאַרוואָס זאָגסטו נישט: די גאַסטביטערין פון יריחו איז אַ גאַסנפרוי, וואָס גיט אָפּ איר גוף צו יעדן מאַן פון הויכן שטאַנד! געאַכפּערטע פירשטן האָבן נאָך פריער מיך גערופן: די זונה פון פאַלאַץ. און זיי האָבן מיט כוח געוואָלט נעמען ביי רחב'ן דאָס, וואָס ביי אַנדערע לוסטפרויען האָבן זיי געקראָגן אָן ווידערשטאַנד. קוק אויף מיר רקם, דו, דעם קעניגס געטרייען! פאַרוואָס בעטלסטו און באַצווינגסט נישט? איז דער פחד ביי דיר אַזוי גרויס, אַז דו ציטערסט פאַר דער שטראָף פון צוען'ען? אָדער האָסטו מורא געקראָגן פאַר דער אויסגעלאַסענער פרוי, וואָס האָט זיך דערוואוסט דעם סוד אויך פון דיין באַטרוג?

— איך האָב מורא פאַר ביידע — האָט ער אַ דערשלאָגענער געזאָגט — אָבער דו טאָרסט מיר נישט גלויבן, רחב, אויב כ'וועל לייקענען, אַז מיין באַגער צו דיר איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער רגע ווען דו האָסט מיך אָפּגעשטויסן.

— און פאַר די געזעצן פון פאַלאַץ האָסטו נישט מורא?

— געזעצן! וואָס זענען ווערט געזעצן, אויב זיי באַרויבן דעם שלאַכטמאַן פון דעם ווילן צו נעמען דאָס, וואָס ער פאַרלאַנגט?

— דאָס וואָס דער שלאַכטמאַן נעמט, מאַכט ער חרוב.

רקם האָט געמאַכט איין שריט אויף צוריק. זיין בליק איז געווען הינטערליסטיק און זיין קול נידעריק:

— איך קען אַ מאַן פון פרידן, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן אַ שווערד אין האַנט. אָבער דאָרט וואו עס טרעט זיין פוס, ווערט אַלץ פאַרוויסט.

— ווער איז ער?

— אַ געאַכפּערטער ריכטער.

— ח פ ר! — האָט זי אויסגעשריען — וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— ער האָט מיר דערציילט וועגן דיר און וועגן דעם צינזהאַר מרון.

— און וועגן די אויסשפּירערס אין די פעסטונגען?

— שרעק זיך נישט רחב, איך האָב פאַר אים דעם סוד נישט אַנטפּלעקט. אָבער ער אַליין האָט דערציילט מער ווי ער האָט געמעגט און נאָך מער ווי ס'איז פאַר מיר געווען פאַרהוילן. איינס ווייסן מיר היינט ביידע. דאָס וואָס דו רירסט אָן מיט דיינע הענט, שיינע רחב, שטאַרבט פאַר דער צייט.

און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקט, הייזעריק געלעכטער.

— נאָר פּחדנים שטאַרבן פאַר דער צייט — האָט זי געזאָגט — און אויב צו די אָפּגעשראָקענע געהערסטו, רקם, גיי אַצינד אַרויס פון דאַנען מיט ערע. ביים קעניג ביזטו אַ מאַן פון שלאַכט. פאַרגעס נישט די געזעצן פון פּאַלאַץ.

ער האָט אַ וואַקעלדיקער זיך צוגעשאַרט צו איר.

— די געזעצן זענען געבראָכן און ס'איז מיר גוט דאָ צווישן דיינע ווענט. איך האָב דיך אַריינגענומען אין מיין בלוט, רחב, אָבער דו האָסט מיין בלוט פאַרסמט מיט וויין.

זיינע אויגן זענען געווען פאַרנעפּלט און די פיס האָבן אים מער נישט געטראָגן. ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע אוממעכטיקע הענט און אַ פאַל געטון צו דער ערד. זי האָט אַראָפּגעקוקט צו אים מיט באַדויער. דער שטאָלצער איז געווען אונטערטעניק. דער שטאַרקער האָט געבעטלט. זי איז נישט אָפּגעטראָטן ווען זיינע אָרעמס האָבן לאַנגזאַם אַרומגענומען אירע פיס. זי האָט געקענט הערן דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ און דאָס שווערע ברומעניש צווישן די פאַר־קריצטע ציין. וואָלט ער נישט געווען באַזויפן, וואָלט ער זי ווי אַ הונגעריקער לעמפּערט פאַרצוקט. אָבער אין יענעם אויגנבליק זענען די כוחות אין אים אויסגעגאַנגען. זי איז געווען די האַרינטע און ער דער שקלאַף. ווי גוט זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט זי פאָלגן אויך נאָכדעם ווי ער וועט איבערשלאָפן די שכרות.

פון פריידיקער אויפרעגונג האָט זי איינגעביסן איר ליפּ ביז אַ טראָפּן בלוט האָט אַרויסגעשפּריצט אויף איר רויט מויל. דערנאָך האָט זי ראַשיק אַריינגערופן די דינסט חגית.

— הייס די קנעכט אַריינזעצן דעם הויפּטמאַן אין מיין הויבשטול — האָט זי געזאָגט — און זאָלן זיי אים צוריקפירן אין זיין הויז. ער וועט דאָרט בלייבן ביז דער וויין וועט אויפגעלייזט ווערן אין זיין בלוט.

י ר י ח ו

ג

רחבֿ'ס רייטוואָגן איז אָנגעקומען צום פּאַלאַץ שפּעט, אָבער די קנעכט האָבן אין איילעניש געראַמט פּאַר איר אַ וועג צום אויבן־אָן. קעניג צוען'ס שטול איז נאָך געווען ליידיק, אָבער זי האָט דאָרט שוין געטראָפֿן די געטרייע און די פּאַלשע. אַרום דעם מלכ'ס טיש זענען געווען אויסגעמישט די דערהויבענע און די פּאַרזוענע. אויפֿן ערשטן אָנלען־בעט האָט גערוט חציר מיט נצחון אין די אויגן. נעבן אים איז געזעסן יחציאל, דער פֿאַרשעמטער שטאָטהאַר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ביי דעם ריכטער חפר האָבן פֿון דער ווייכער באָרד געבלאָזן די שמעקעוודיקע זאַלבן. זיינע ליפּן האָבן געשוויגן, אָבער זיין געלאַסן פּנים איז געווען פֿרעך. ער האָט מיט שלויקייט געקוקט אויף דעם דאַרן, בלייכן פּריסטער חור, וועלכער איז געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט אויפֿן האַרץ גלייך ער וואָלט געהאַט פֿאַרשטעקט דעם געגנבֿעטן גאָט דגון אין זיין בוזים. רחבֿ האָט מיט פֿאַראַכטונג אויסגעמיטן די גייציקע בליקן פֿון די אַלע, וועלכע האָבן באַהאַלטענערהייט גענאַרט דעם הערשער און אין די אויגן אים געחנפֿהעט, אַז זיי טראָגן די זיילן פֿון פּאַלאַץ אויף זייערע אַקסלען.

דאָס ליכט פֿון די אייללאָמפּן האָט זיך געשפּיגלט אין די צירונגשטיקער אויף איר האַלדז און אויף אירע געטורעמטע האָר. די דאָזיקע אויסדערוויילטע און געאַכפּערטע — האָט זי געטראַכט — ווען זיי זאָלן קענען זיין האַרן איבער איר, וואָלט זי היינט געצוואונגען געוואָרן צו ווערן איינע פֿון זייערע שפּילווייבער. דער היינטיקער פּעסט איז נישט אַנדערש ווי אין אַלע פֿריערדיקע פּייערטעג. די פּאַרזוענע מלכּה עדולה וועט זיצן ביי צוען'ס רעכטער האַנט. זי וועט זיין באַדעקט מיט איידלשטיינער, אָבער בלייבן וועט זי העסלעך אַזוי ווי פֿריער. די מענער, וואָס וועלן זי היינט חנפֿענען, וועלן חנפֿענען אַ קעניגין, נישט קיין פֿרוי. אָבער עדולה באַזיצט מאַכט, וואָס וועגן איר קען רחבֿ נאָר חלומען.

און ווי רחבֿ'ס אויגן האָבן געזוכט רקמ'ען צווישן די הויפּטלייט אויף דער אונטערשטער באַנק, האָט זי דערזען אַרויסקומען פֿון הינטער די זיילן דעם ערשטן ראַטגעבער ע ו ץ. זיין קיילעכדיקער גוף, נידעריק און פֿעט, איינגעהילט אין אַ שאַרלאַך־רויטן אויבער־בגד האָט לאַנגזאַם זיך געוויגט אויף די קורצע פֿיס. זיין נאַקעט פּנים האָט ווי תּמיד געשמייכלט. אויף די הענט האָט ער געהאַלטן אַ פּאָר פֿאַרוויקלטע פּאַרמעטן און די פֿאַרגלאָצטע אויגן האָבן תּמעוואַטע געקוקט צו דער געוועלבטער סטעליע. אַ וואָלף אין דער פֿעל פֿון אַ לאַם — איז רחבֿ'ן איינגעפֿאַלן, ווען ער האָט בגנבֿה אָנגעהאָנגען אויף איר

זיינע בליקן — אָבער ר׳איז דער איינציקער אין דעם קרוינהויז, וואָס וועט היטן צוענ׳ס קאָפּ ביז זיין לעצטער אָטעם וועט אויסגיין.

קנעכט זענען אַריינגעלאָפן מיט בעקנס שפּייז און קרוגן ווייַן און זי האָט דערהערט אַ גערודער ביי דער ערשטער גאָלדענער טיר. דאָרט האָבן אַריינגעשפּרייזט צוואַנציק ריזיקע לייבוועכטערס מיט פּאַנצערס און קיווערס. זיי האָבן געהאַט קורצע שווערדן אויף די לענדן און לייכטע וואורף־נעצן זענען געווען צוגעבונדן צו זייערע רעכטע אָרעמס. די קאָפּ־היטערס פון צוען — האָט רחב קוים אַ מורמל געטון — און אירע שלייפן האָבן אויפגעציטערט. פאַרוואָס האָט רקם זיך פאַרזוימט? — האָט זי געפרעגט — שלומערט ער נאָך אין זיין שכרות? אָבער פּלוצים האָט זי דערזען הינטער די לייבוועכטערס דעם הויפּט־מאַן. ער האָט זיך געיאָגט צו איר זיצאָרט. ער איז געווען ניכטער און צעטומלט. אויף זיין שיינעם ברוינעם שטערן זענען געשטאַנען קנייטשן. זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט, ווי ס׳איז דער שטייגער ביי אַ קריגסמאַן אין דער רגע פון פאַרלוירנקייט.

— אַ בונט — האָט ער אַריינגעפּליסטערט אין איר אויער — זיי זענען געקומען נאָך צוענ׳ס קאָפּ.

רחב׳ס אויגן האָבן אויפגעלויכטן.

— אין פּאַלאַץ?

— היינט ביים מאָלצייט.

— ווער וועט זיך דערוועגן?

— די שליחים פון די איין און דרייסיק מלכים.

רקם איז אַנטשוויגן געוואָרן און רחב האָט אין קוויינקעלניש אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די לייבוועכטערס.

— זיי וועלן אים היטן.

רקמ׳ס קול איז געוואָרן נאָך נידעריקער.

— מענער פון אויפשטאַנד זענען זיי, פאַרשטעלט אין קליידער פון געטרייע.

— פרעמדע?

— די מורדים פון גבעון. זיי זענען אַריינגעקומען אין שטאָט מיט זייער הערשער ב ר נ ע.

— ברנע, דער אונטערטעניקער צינזן־צאָלער?

— ער וועט זיין צוענ׳ס גאַסט ביים טיש. ביידע מלכים פאָרן אָהער אין איין רייטוואָגן.

רחב׳ס אויגן האָבן אויפגעלויכטן.

— אויך ער צווישן די ווידערשפּעניקע?

— איינער פון די איין און דרייסיק מלכים.

איר האַרץ האָט געפּלאַטערט און איר בלוט האָט געשטורעמט. גבעון, די שטאָט וואו עזמות איז אומגעקומען אין אויפשטאַנד פון די שקלאַפן, האָט ווידער אויפגעהויבן אַ בונט. די בשורה פון טויט קען זיין די בשורה פון פרייד. אָבער אויף דעם הויפּטמאַנס שטערן איז געווען דער פּיין פון די אומזיכערע. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, וואָרום דער קעניג איז אין זאַל נאָך נישט געווען, אַז פון זיין כבוד וועגן זאָל זי בלייבן זיצן. רקם איז איר נאָכגע־גאַנגען הינטער די קופּערנע זיילן. פון דאָרט האָבן אירע פאַרדעכטיקע בליקן אָפּגעמאָסטן די קעפּ פון די אַנגעזעענע און געאַכפּערטע: ווער איז דער שוואַרצער באַק צווישן די ווייסע, לויטערע שעפּסן?

און ווי זי האָט מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף דעם ריכטער חפר, וועלכער האָט אומרואיק זיך געוויגט אין זיין געזעס, האָט רקם אויפגעכאַפּט איר בליק און געזאָגט:

— דער ריכטער הייסט אונדז פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ. אויב פאַלן וועט היינט צוענ׳ס קאָפּ, וועט די שווערד נישט אויסמיידן די אַלע, וועלכע זיצן ביי זיין טיש.

— דער ריכטער! פונוואַנען ווייסט ער דעם סוד?

— ער ווייסט אַלע סודות.

די פלאַמען אין אירע בלויע אויגן האָבן אַצינד געגליט.

— ח פ ר, דער אויסטיילער פון גערעכטיקייט אין יריחו! פאַרוואָס האָט דיין שווערד ביז היינט אים געשוינט?

— מיט אונדז איז ער — האָט רקם געזאָגט — דער ריכטער וועט דער ערשטער זיך שטעלן אויף די קניען פאַר דעם פאַרכאַפּער פון דער קרוין. אָבער צי זאָלן מיר אים פאָלגן?

ער האָט זיך געקווייקלט און רחב האָט געקוקט אויף אים אַרויסרופעריש:

— וועסטו אים פאָלגן?

— אויב אָנקומען וועט צוען און אונדז נישט טרעפן, וועט ער פלאַקערן פון פאַרדאַכט. אויב בלייבן וועלן מיר, וואָס וועט מיט אונדז געשען?

זי האָט צוגעלייגט אירע ליפּן צו זיין אויער:

— אַנטפלעק אַלץ וואָס דו ווייסט. ווער נאָך אין יריחו, אויסער רחב׳ן, וויל צוענ׳ס קאָפּ?

רקם האָט זי אַריינגעפירט טיפער צווישן די זיילן און אין איילעניש דער־ציילט, אַז דער געדריקטער הערשער פון גבעון, ברנע, פלאַמט פון נקמה דורך אַלע יאָרן, וואָס זיין פאָלק צאָלט שווערע צינזן דעם מלך פון יריחו. ער, ברנע אַליין וואָלט מיט פאַרגעניגן אויסגעשניטן צוענ׳ס האַרץ. דער דאָזיקער פוקס

האָט פאַרפירט זיין הערשער מיט אַ צוזאָג, אַז ווען ער וועט אים דערהויבן פאַר דעם ערשטן צינזהאַר אין גבעון וועט דאָס פאָלק געהאָרכזאַם צאָלן די צינזן, וואָס ער וועט אָנשטאָפּן אין צוען׳ס שאַצקאַמער. דער אָפּגעגאַרטער צוען האָט זיך געלאָזט כאַפּן אין דער נעץ און געזאָגט צו זיינע ראַטגעבערס: „דער אויס־דערוויילטער צווישן אַלע אונטעריאָכטע הערשערס איז ברנע! רופט אים צום מאַלצייט, אַז אַלע זאָלן הערן ווי איך וועל דעם אונטערטעניקן רימען פאַר מיינע דערשראָקענע שלאַכטמענער״. ברנע איז אָנגעקומען מיט קנעכט און מיט טייערע מתנות. די ווינציקע וועבטערס פון די פעסטונגען, וואָס זענען געבליבן לעבן נאָך דער היינטיקער הריגה, האָבן איבערגעטון די פרעמדע קנעכט אין קליידער פון לייבוועבטערס און זיי געהייסן זיין גרייט פאַר דעם צייכן פון נקמה.

און רקם האָט צוגעגעבן:

— חפר, די קרא, וועט היינט ביים מאַלצייט וואורקען ווי אַ טויב. ער וועט וואַרטן און זען אין וועמעס געריכטהויז ער וועט מאָרגן זיצן און משפטן.

פון פרייד האָט רחב געוואָלט אַרויסלאָזן אַ געשריי, אָבער זי האָט מיט אַ פויסט פאַרשטעלט איר מויל.

— דער טאָג פון בונט! — האָט זי געשעפּטשעט — און דיינע געטרייע הויפּטלייט, שטייען זיי הינטער די מענער פון אויפשטאַנד?

— קיינער טאָר נישט וויסן זייערע נעמען, אָבער זיי וועלן אויפהויבן די שווערד פון בונט — האָט רקם געברומט. — איך וואָלט דאָס געוואוסט, אויב אַפילו דער ריכטער חפר וואָלט געשוויגן, ווייל גרויס איז היינט געווען די בהלה אין מאַרק. די שטערנזעערס האָבן ביינאַכט איבערגעציילט אַלע צייכנס אין הימל. די פּריסטערס האָבן געשוואוירן, אַז דער אַלטער בעל אין קעניגס קליינעם טעמפּל האָט זיך אַ וואַקל געטון. און ווען עס וואַקלט זיך דער גאָט, פאַלט דער מלך. די פרומע נאַראָנים האָבן צעטומלט דעם המון. די אונטערגעקויפטע וואַר־זאָגערס האָבן אויסגערופן אין די גאַסן, אַז חור האָט געזיגט. דער פישגאָט דגון האָט פאַרטריבן דעם מלחמה־גאָט בעל פעור. דאָס פאָלק, וואָס דינט אַ נייעם גאָט, דינט אויך אַ נייעם קעניג. זע, רחב!

רקם האָט זי אַ שלעפּ געטון פאַראויס צום קעניגס טיש. די פאַרזאַמלטע געסט זענען געווען אויף די פיס און אַ גערויש האָט זיך געטראָגן איבערן קרוינזאַל. די קאַמער־דינערס האָבן אויסגעשפּרייט אַ פורפור־באַדעקנס איבער דעם קעניגס היסב־בעט און אויסגעגאָסן זאַפראַן אַרום די ביינערנע פיס. אַ הייטערע, מיט ווילדער פרייד אין די אויגן האָט דער מאַכטהאָבער זיך דער־נענטערט צום זיצאָרט, אונטער שאַלנדיקע טראָמפּייטן. ער איז געווען באַגלייט פון אַ נידעריקן, באַבערדעלטן מאַן, איינגעהילט אין רויטע זיידענע געוואַנדן, וועלכער האָט זיך געוואַקלט ביים גיין, גלייך זיינע פיס וואָלטן מורא געהאַט

צו באַפֿלעקן די מירמלשטיינערנע טרעפּן. ער האָט געטראָגן אויפֿן קאָפּ אַ הויכן וויקלטוך מיט זילבערנע שטערן און אַ גאָלדענע רייף האָט געשטעקט אין זיין נאָז. דער מאַן איז געווען ברנע, דער הערשער פֿון גבעון. אָבער רחב׳ס אויגן זענען געהאָנגען אויף צוען׳ען און זיינע באַגלייטערס. הינטער זיי איז נאָכגעגאַנגען דער שטאָטהאַר יחציאל און חציר, דעם קעניגס תליון.

שווייגנדיק האָבן רחב און רקם פֿאַרנומען זייערע ערטער אין אויבן־אָן. זי האָט נאָך נישט באַוויזן אַ פֿליסטער צו טון אין רקמ׳ס אויער ווי דער ריכטער חפר, אַפּגערוקט מיט איין שטול ווייטער, האָט זיך צוגעבויגן צו איר נאָקן.

— קיין בייז וועט אונדז היינט נישט געשען, רחב.

ער האָט אַריינגעקוקט טיף אין אירע אויגן ווי ער וואָלט געלייענט דעם סוד פֿון איר האַרץ.

— ווער וועט דען אונדז שלעכטס טון? צוען איז דער פֿאַרהאַסטער מאַן אין יריחו. אויב אַ בונט זאָל אויסברעכן ווי עס זאָגט דער המון אין שטאָט, וועלן די אויפֿשטענדלער די ערשטע פֿאַרלענדט ווערן.

רחב׳ס קלאָרע אויגן זענען געוואָרן שלויער. ס׳האָט אין זיי אויפֿגעוואַכט אַ לוסט צו שפּעטן.

— דער וואָס דערבליקט דעם פֿונק, פֿאַרפֿעלט נישט צו זען דעם פֿלאַם — האָט זי געזאָגט — און דער וואָס לאָזט פֿאַלן איין וואָרט וועגן בונט, ווייסט מער ווי זיין פֿאַרהוילענע צונג דערציילט.

און זי האָט צאַרט באַרירט זיין האַרטע, אָדערדיקע האַנט.

— ריכטער חפר, ווייסטו די נעמען פֿון די מענער, וואָס וועלן אַרויספֿירן די אויפֿשטענדלער? פֿאַרוואָס זאָלן מיר זיי באַשיצן? אויב מיר וועלן די פֿאַלשע אַרויסגעבן צום קעניג, וועט ער דען אונדז נישט באַלוינען פֿאַר דער געטריישאַפֿט?

ביים ריכטער האָט די רעכטע ברעם אַ ציטער געטון, אָבער זיין אומרו איז געבליבן פֿאַרגליווערט אין די באַקן־פֿאַלדן.

— ניין — האָט ער גערעדט מיט אַ פֿאַרשטיקט קול — אויב אַ בונט וועט אויסברעכן, וועלן די פֿאַרצווייפֿלטע מענער אים פֿירן. און דער, וואָס וועט זייערע נעמען אַנטפּלעקן, וועט דעם טאָג נישט אויסלעבן.

רחב׳ן איז וואוילגעפֿעלן דעם ריכטערס צעטומלטקייט. איר האַרץ האָט זיך געקילט אין זיין פּחד.

— צי ווילסטו דען, אַז זיי זאָלן דיך טויטן אין דיין שלאָף, ריכטער חפר? און דיינע געטרייע, זאָלן זיי אומגעברענגט ווערן פֿאַר דיינע אויגן? צי האָסטו נישט אָקאָרשט געזאָגט, אַז פֿאַרצווייפֿלטע מענער וועלן פֿירן דעם בונט? פֿאַרוואָס באַשיצסטו זיי? איז דיין לוסט צו שטאַרבן אַזוי גרויס?

— נײן! נײן! — האָט ער דערװאָרגן אין זיך אַ געשרײ — איך װײס נישט װער עס װעט פירן דעם אױפשטאַנד! איך װיל נישט װיסן װער זײ זענען!

זי האָט געקוקט אױף אים מיט עקל. זײנע אױגן זענען געװען שפּיזן, זײנע באַקצײנער שװערדן. און רחב, די דערבאַרעמדיקע װאָס זי איז געװען, איז גרײט געװען צו דערטרינקען דעם ריכטער אין איר אױפגעװעקטער שנאה.

— צװײ זאַכן זענען פאַר מיר שטענדיק געװען פאַרהוילן — האָט זי געזאָגט — דער װעג פון אַדלער אין הימל און דער װעג פון דער שלאַנג אױף דער ערד. הײנט װײס איך, אַז די שלאַנג אַנטפּלעקט איר סוד װי נאָר אַ פוס טרעט אָן אױף איר נאַקן. בלײב זיצן ריכטער חפר, און בעט רחמנות אױף דײן לעבן.

זי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און ער איז געבליבן אָנגעלענט בײם טיש אַ פאַרציטערטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, װי ער װאָלט שױן געפילט די שפּיז צװישן זײנע ריפּן. פּלוצים האָט ער אױפגעהױבן די אױגן צו רקמ׳ען און אַ ברומעניש האָט זיך אַרױסגעריסן פון אים:

— אַ מבול פון בלוט װעט אױף אונדז קומען! יריחו װעט דערטרונקען װערן אין בלוט!

רחב האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג.

— דערשראָקענע לאַם, בלױז אײן װאָרט צום קעניג!

זײן האַנט האָט זיך געקלאַמערט אָן רקמ׳ס אָרעם.

— קײן אײן װאָרט. קײן אײן שעפּטש. װי שטומע שעפּסן מוזן מיר בלײבן זיצן.

ד

קעניג צוען איז שױן געזעסן אױף זײן היסב־שטול, שטאַרק װי אַ לײב, זיכער װי אַן אָדלער. רחב האָט אױפגעכאַפּט זײנע רואיקע בליקן, װאָס זענען געהאָנגען אױף די פאַרזאַמלטע געסט װי קײן געפאַר װאָלט נישט געלױערט אױף זײן לעבן. ער שטראַלט פון גבורה — האָט זי געטראַכט — די קאַמער־דינערס באַװאַכן אים און ער טוט שפּעטן פון דעם אומבאַהאָלפענעם פאָלק. צי האָט ער פאַרגעסן אַז ס׳איז נישטאָ קײן מלך בײ די הײשעריקן, אָבער זײ פליען אָן אין מחנות?

דער הערשער האָט האַסטיק זיך אַרױסגעהױבן פון זײן זיצאָרט. זײנע אױגן, װאָס זענען אַקאָרשט געװען רואיק, האָבן געברענט מיט שנאה און פאַר־

אַכטונג. ער איז געווען אויף די פיס. ער האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט ווי אַ בייטש איבער אַלעמענס קעפּ און זיין קול האָט געדונערט:

— איר זענט אַצינד פאַר מיינע אויגן ווי נאַקעטע דערנער אין מדבר און איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב אייך אויסגעזעצט ביי מיין טיש. ווי שלאַכטמענער זענט איר געבוירן געוואָרן, אָבער דער לאַנגער פרידן אין יריחו און מיין לייטזעליקייט האָט אייך פאַר שוואַכלינגען געמאַכט. עס איז נישטאָ קיין איין שווערדנציער אין שטאָט, וואָס זאָל זיך פרייען מיט מיר אין טאָג, ווען כ׳גיי אַרויס ציילן די קעפּ פון מיינע הויפּטלייט פאַר דער גרויסער מלחמה. איר אַלע האָט געזען ווי איך האָב היינט באַפוילן צו פאַרלענדן די מענער פון באַטרוג. אַזוי וועל איך באַפעלן צו פאַרשניידן די שרעקעוודיקע, וואָס אין זייערע אָדערן רינט וואַסער אָנשטאָט בלוט!

ער האָט מיט עקל געקוקט אויף די אונטערטעניקע אַרום. דער כעס האָט צעשיידט די פולע ליפּן און די ליכטיקע שיטערע באָרד האָט זיך צעשפּרייט איבער די קינבאַקן.

— וואָס איז געשען צו די קריגערס פון דער שטאַרקער שטאָט, אַז זיי זענען אין טאָג פון נויט פּחדנים געוואָרן? — האָט ער געפרעגט — אַ ווילד פאָלק פון מדבר קומט באַלאַגערן יריחו און די וועכטערס ביי די טויערן וואַרטן אָפּצורוימען דעם וועג. אַ הונגעריקע אומה לויפט אָן אויפצועסן די תבואה פון דעם לאַנד און די באַוואוינערס איילן זיך צו פאַרלאָזן די פעלדער. צי זענען אַלע ערלעכע אין מיין שטאָט אַזוי פאַרדאָרבן געוואָרן, אַז זיי קענען מער נישט שטאַרקן דאָס דערשראָקענע פאָלק? ווי צו די געטרייע, וועלכע היטן מיין קרוינהויז! ביי דעם ריכטער האָט אויסגעוועפּט די חכמה. ביים קריגסמאַן איז איינגעפאַלן דאָס האַרץ און דער פּריסטער ציטערט פאַר דעם צאָרן פון די געטער.

ער האָט זיך אַ קער געטון צו זיין גאַסט ברנע, דער רעגירער פון גבעון, וועלכער איז געזעסן ביי זיין לינקער האַנט און מיט די פינגער געגלעט די זילבערנע שטערן אויף זיין קאָפּטוך.

— דו, ברנע, הערשער פון גבעון, וואָס ביזט אַליין אַן אונטערטעניקער געקומען אַהער, דו ביזט אַן עדות פון מיין שבועה! איך שווער ביי מיין מעכטיקן אָרעם, אַז קיין פרעמד־געבוירענע וועלן נישט עסן די תבואה פון דעם לאַנד און זיי וועלן נישט טרינקען דעם ווייַן פון די קעלטערס. צופוסנס מיינע מויערן וועל איך זיי פאַרלענדן. איך וועל צעברעכן זייערע שטוים־הערנער און זייערע שפּיזן וועלן פאַרצערט ווערן פון מיינע פלאַמען־וואַרפערס. איך וועל צעטרעטן זייערע געצעלטן און צונעמען זייער שאָף. זייערע פרויען און טעכטער וועל איך פאַר דינסטן מאַכן און די צעשאָטענע אומה וועל איך אין קייטן אָנטון און זיי ווידער פאַר שקלאַפן פאַרקויפן צו דעם לאַנד, פון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפן.

דער מלך האָט אַרויסגעצויגן די שווערד פֿון זיין זילבערנער שייד. האַלטנ־דיק די בליציקע שאַרף אַנטקעגן דעם גליענדיקן פֿייער פֿון אַ וואַנט־פֿאַקל צוקאַפּנס, האָט ער געזאָגט:

— אויב אַ הייפֿל שוואַכע און אָפּטריניקע האָבן אַצינד געגעסן פֿון מיינע פֿלייש־בעקנס און געטרונקען פֿון מיינע וויינלאָגלען, זאָלן זיי זיך אויפֿהויבן פֿון טיש און איך אַליין וועל זיי פֿאַרשניידן מיט דער שווערד. וואָרום די שוואַכע און אָפּטריניקע טאָרן נישט לעבן אונטער דער זון, נאָר צעטראָטן מוזן זיי ווערן פֿון די שטאַרקע. אַזוי איז דאָס געזעץ אין פֿרעמדע לענדער און אַזוי וועט געשען אין יריחו, מיין שטאָט.

און ווי דער צעפּלאָמטער קעניג האָט געוואָרפֿן זיין אימה אויף די שוואַכע, האָט אַ קאָמערדינער זיך דערנענטערט צו אַ הויפּטמאַן, צוקאַפּנס פֿון הערשער און אים איינגערוימט שטילע רייד. האָט דער הויפּטמאַן זיך צוגעבויגן צום מאַכטהאָבער און אויך אַריינגעפּליסטערט אין זיין אויער קוים הערבאַרע רייד.

דאָס פּנים ביי צוענ׳ען האָט אויפֿגעלויכטן. ער האָט אַ וואָרף געטון די שווערד צום הויפּטמאַן און אויסגערופֿן:

— נאָך איין אונטערטעניקער הערשער איז געקומען לייגן זיין שווערד צו מיינע פֿיס. דער מלך פֿון עי! זאָל דער אומדערשראָקענער וואַרטן אין טויער! איך אַליין וועל אים אַנטקעגן גיין!

און ער האָט מיט ראַשיקע טריט פֿאַרלאָזט דעם טיש און ווי אַ שטורעם זיך געטראָגן צום אַרויסגאַנג. די קאָמערדינערס זענען אים נאָכגעלאָפֿן, אָבער ער האָט זיי אָפּגעשטעלט מיט אַ האַנט־הויב און איז פֿאַראויס געגאַנגען אומ־באַשיצט ביז ער איז פֿאַרשוואונדן צווישן די בראַנדזענע זיילן. אין יענער רגע האָט אַ געשריי אויפֿגעציטערט אין דער לופֿט און דער אָפּהילך פֿון דעם געשריי איז נישט געווען ווי אַ לייבן־געברום פֿון אַ הערשער, נאָר ווי אַ געוויין פֿון אַ דערשראָקן קינד. די צעטומלטע געסט זענען אויפֿגעשפּרונגען פֿון זייערע ערטער. די בהלה פֿון אומגליק און דער פּחד פֿון טויט איז באַפֿאַלן די געסט. די הויפּטלייט זענען געווען אויף די פֿיס. צוויי וועכטערס מיט ברענענדיקע פֿאַקלען זענען געלאָפֿן צו די בראַנדזענע זיילן.

דער סוד איז נאָך געווען פֿאַרהוילן פֿאַר די געאַכפּערטע געסט, אָבער רחב האָט זיך שוין געטראָגן צום אַרויסגאַנג אַ צערודערטע, מיט שטורעם אין האַרצן, מיט אייפֿער אין די אויגן. פֿאַר איר איז דאָס רעטעניש געווען אַנטפּלעקט. דאָס בלוט פֿון דעם אומדערשראָקענעם קעניג איז נאָר וואָס פֿאַרגאָסן געוואָרן. זי האָט געזוכט אַרום זיך רקמ׳ען, אָבער ער האָט דורך אַ הינטער־וועג זיך געאיילט צום טויער. עס איז אים נאָכגעלאָפֿן דער צעמישטער ריכטער חפר, אָפּגעגאָסן פֿון קאַלטן שוויים. רחב האָט מער נישט געזען דעם שטאָטהאַר

יחציאל. עס איז אויסגערונען דער עלטסטער פּריסטער חור. די זיכערע און שטאָלצע — איז איר דורכגעלאָפן אין מוח — ווי מייז זענען זיי זיך צעלאָפן.

אין די קולות פון המון איז געווען דער שוידער פון אַנגסט. פון יעדער אָפענער טיר, פון יעדן אויסהויל, פון יעדן ווינקל האָבן זיך באַוויזן באַוואָפנטע קריגסלייט און מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזן זיך גערוימט אַ וועג אַהין, צום טונקעלן אָרט פון טומל. רחב האָט זיך געטראָגן מיטן שטראָם. זי איז געשטויסן געוואָרן פון אַקסלען, עלנבויגנס, פויסטן און באַלד האָט זי זיך דערזען אין אַ קרייז פון ברענענדיקע פאַקעלן. זי האָט געוואָלט צוריקלויפן און איז אַריינגעשטופּט געוואָרן אין אַ פינסטערן פירהויז מיט אַ געהיימער טיר. דאָרט האָבן אַ פּאָר געטרייע הויפּטלייט מיט די שווערדן געשניטן די קעפּ פון צוויי אַנטלויפנדיקע לייבוועכטערס. הינטער זיי איז אויסגעוואַקסן דער שטאָטהאַר יחציאל. זיינע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן מיט בלוט. ער האָט מיט אויפגעהויבענע הענט געשריען:

— דער קעניג איז טויט!

זיין אויסגעשריי האָט אָפּגעהילכט אין דער טיפקייט פון דעם פינסטערן פירהויז און אָפּגעענטפערט מיט אַ ווידערקול. אין דער בהלה איז רחב אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דער געהיימער טיר און איז אַריינגעפאַלן אין אַן אויסהויל, טיף און לאַנג ווי אַן אונטערערדישער דורכהאַק. אַ קריגער מיט אַ קופּערנעם קיווער אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן, האָט פאַרביילויפנדיק אָנגעכאַפּט רחב׳ן פאַר אַ האַנט. אַ צווייטער האָט זי געצויגן ביים קאָפּ און זי איז מיטגעשלעפּט געוואָרן ביז צו אַ נידעריקן טויער, וואו עס זענען געשטאַנען ברנע׳ס פאַרשטעלטע לייבוועכטערס און געשריען:

— צוען צום קבר! ברנע צום פּאַלאַץ!

אין איין אויגנבליק האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי ווערט געשיצט פון די פאַלשע, וואָס ווילן מאָרגן זיין די געטרייע. דער קעניג צוען איז געפאַלן אַ קרבן פון באַטרוג. אויך פאַר אים זענען געבורט און טויט געווען די צוויי טויערן פון לעבן. דער, וואָס האָט זיך גערימט, איז אַוועק מיט זיין מאַכט אין לאַנד פון די שאָטנס.

רחב האָט איינגעאָטעמט די נאַכטיקע לופט ווי פריש קוואַל־וואַסער און אַרויפגעקוקט צו די הויכקייטן. איבערן טונקעלן הימל זענען געווען אויסגעשאָטן בלאַסע שטערן. דאָס ליכט פון די פאַקעלן אַרום האָט פאַרבלענדט אירע אויגן אויף איין רגע. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דער שטיינער־וואַנט אין דעם אויסהויל און איז פאַרציטערט געוואָרן. אין אַ ווינקל איז געלעגן דער טויטער צוען מיט אויסגעשפּרייטע הענט. זיין קעניגלעכער מאַנטל און לייב־

גאַרטל איינגעטונקען אין בלוט, וואָס איז נאָך געפּלאָסן פון די אָפענע וואונדן אין האַרץ און אין נאַקן.

— פינף זענען זיי געווען, די אומדערשראָקענע — האָט איינער פון די וועכטערס געזאָגט — מיין פריינט יעוש האָט דער ערשטער אים געשטאָכן.

— ניין, קיינער ווייסט נישט דעם נאָמען פון דעם גיבור — האָט אַ צווייטער געפּליסטערט — מער ווי צוועלף זענען זיי געווען, די אַנפאַלערס. איינער איז געווען דער קלוגער, וואָס האָט דעם מלך אַרויסגענאַרט צו די זיילן.

רחב האָט די נעמען פון די אַנפאַלערס נישט געהערט, אָבער צוענ׳ס פאַר־בלוטיקט לייב, וואָס האָט געזאָלט קילן איר פלאַמענדיק האַרץ, האָט געשריען מיט אימה און שוידער. ווי צעטראָטן עס ליגט דער הערשער פון יריחו — האָט זי געזאָגט, — דער דערהויבענער איז דערנידעריקט. דער אויסדערוויילטער איז באַדעקט מיט חרפּה. טויזנט געפּאַנצערטע וועכטערס האָבן אים נישט געקענט באַשיצן. אַצינד ליגט ער אין שטויב, גרייט ווי אַ מאכל פאַר די ראָבן פון הימל.

פון יענער זייט טונקעלן אויסהויל זענען אַנגעלאָפן צעטומלטע קריגסלייט אַנצוקוקן דעם טויטן קעניג. מיט קללות אויף די ליפּן האָבן זיי געהויבן די שווערדן, גרייט אָפּצושניידן דעם קאָפּ פון ברנע, אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט וואו עס איז אַנטרינען דער פוקס פון גבעון. ווי אין אַ תהום איז ער פאַרשלונגען געוואָרן. הינטער רחב׳ן האָט זיך פאַרבייגעשאַרט אַ נידעריקער, פעטער מאַן. דער שיין פון אַ ברענענדיקן פאַקל איז געפאַלן אויף זיין נאַקעט פּנים. עס איז געווען עוץ, דער ערשטער געטרייער ראַטגעבער, איינגעהילט אין דעם לויזן אויבער־בגד. אין זיינע טעמפּע אויגן האָט געגליווערט טרויער. ער האָט זיך צוגעשאַרט מיט דריבנע טריט צום טויטן גוף. ער האָט מיט פאַרכט באַטראַכט זיין באַפעלער, וואָס זיין הילכיק מויל איז געווען פאַרשטומט און ער האָט פאַרשטעלט מיט די פינגער זיינע אויגן. דערנאָך האָט ער דערזען רחב׳ן. זיינע ליפּן האָבן זיך געבלעזלט מיט שנאה, וואָס האָט דורכגעברענט איר ציטעריק לייב. ער האָט געמורמלט:

— דער טויט פון צוען איז דער טויט פון יריחו.

און ער האָט אַראָפּגענומען דעם מאַנטל פון זיין אַקסל און אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף די קניען, האָט ער צוגעדעקט דעם קאַלטן גוף פון זיין טויטן האַר.

ה

די אַנגעלאָפענע קריגסלייט האָבן זיך דערווייטערט און ביי די צאָרנדיקע וועכטערס האָט זיך אויסגעלאָשן די לוסט נאָך בלוט. זיי האָבן אַרונטערגעלאָזט די שווערדן און אַרויסגעגאַנגען פון דעם אויסהייל, וואָס האָט זיך געצויגן ווי

א הייל. די פּאַקל־טרעגערס זענען פאַרשוואונדן. טויט האָט געגלאָצט פון דער אומהיימלעכער פינסטערניש. אין איין אויגנבליק האָט רחב באַנומען, אַז אויב בלייבן וועט זי דאָ, וועט קומען איר אונטערגאַנג. ביי די שווערדנציערס איז געבליבן גענוג שנאה צו טויטן יעדן מאַן און פרוי, וואָס זיי וועלן טרעפן אויף זייער וועג. דער געמורמל פון עוצ'ן „דער טויט פון צוען איז דער טויט פון יריחו", איז געהאַנגען אין דער לופט ווי אַ באַרמלאָזע וואָרנונג.

רחב איז אַנטלאָפן מיט די לעצטע דערשראָקענע. אירע אויערן זענען טויב געוואָרן פון די פיין־געשרייען פון יענע, וועלכע האָבן פאַרשפּעטיקט אויסצו־מיידן די שווערד. אַ געשטויסענע און געטריבענע איז זי דערלאָפן ביז צו די מעכטיקע פּאַרפיר־זיילן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעהויבן ווי טורעמס. אין געלויף האָט זי זיך אַ וואַקל געטון און שיער נישט אומגעפאַלן. זי איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון אַ באַוואָפנטן מאַן, וועלכער האָט געקוקט אויף איר אַ צערודערטער, מיט אַן אָפן מויל ווי אַ קבר.

עס איז געווען חציר, מעכטיק ווי אַ פעלז, האַרט ווי דער קופּער פון זיין ברוסטשילד. אַ פאַרווירטע האָט זי אַרויפגעקוקט אויף אים און געבליבן אַנגעלענט אויף זיין אָרעם. אין דער רגע פון צעטומלטקייט איז ער געוואָרן איר אַנשפּאַר, אַ רעטונג־ברעט אויף אַ צעשטורעמטן ים. הינטער אים, אונטערן טונקעלן הימל האָט זי געקענט זען ווי זיינע קריגסלייט מיט פאַנצערס און שפּיזן לויפן און צעטרייבן דעם המון, וואָס דערנענטערט זיך.

חציר האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון רחב'ן.

— מיין קעניג ליגט אַ געשאָכטענער — האָט ער געזאָגט.

זי האָט געשוויגן און ער האָט איינגעגעסן זיינע בליקן אין איר געזיכט און געפרעגט:

— ברנע, וועמעס שליח' איז ער געווען?

פון זיינע קריגסלייט הינטער אים האָבן זיך געטראָגן קולות:

— וואו איז ברנע, דער מאַן פון באַטרוג?

— דער מיטן פּנים פון אַ לאָם און ציין פון אַ לעמפּערט!

חציר האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי און באַפוילן:

— כאַפּט זיינע קנעכט און פאַרלענדט זיי ביז איינעם!

און ער האָט ווידער אַנגעהאַנגען זיינע שטעכיקע אויגן אויף דער גאַסט־ביטעריין פון יריחו. זיינע קינבאַקן האָבן אַצינד געציטערט און זיינע ליפּן האָבן געפלאַטערט. רחב'ס האַרץ איז נישט איינגעפאַלן. אַן שרעק האָט זי געוואָלט אויסרופן: „יריחו וועט ווערן פריי!", אָבער געזאָגט האָט זי:

— דו האָסט געוואוסט וואָס עס וועט היינט געשען, חציר. פאַרוואָס האָסטו נישט געשוינט דעם קאָפּ פון דיין האַר?

ער איז אָפּגעשפּרונגען אויף איין טריט צוריק ווי איינער, וואָס וויל זיך באַוואָרענען קעגן דעם ביס פון אַ האָרנשלאַנג. ער האָט אַרויסגעצויגן די שווערד פון דער שייד. זיינע אויגן האָבן געברענט פון האַס.

— ברנע איז איינגעטונקען אין דעם בלוט פון צוען, אָבער אויך דיינע הענט זענען נישט ריין, רחב! — האָט ער געשריען — מיינע געטרייע וועלן היינט חרוב מאַכן יעדעס הויז פון לוסט אין דער דאָזיקער שטאָט פון באַטרוג. און יעדן נפש דאָרט וועלן זיי פאַרלענדן! גיי צוריק אין דיין פרייליכע גאַסט־הויז, רחב, איידער דאָס פייער וועט דיינע ווענט פאַרצערן ווי שטרוי. מיט מיין אייגענער שווערד וועל איך דערהרגענען יעדן מאַן פון פאַרברעך!

— מען וועט מער נישט הרגענען היינט אין יריחו!

דאָס קול, וואָס איז געקומען הינטער רחב׳ס נאַקן, איז געווען רואיק, אָבער מיט אַ שטילן ציטער אַזוי ווי דער ערשטער ווינט־פלאַטער פאַר אַ שטורעם. איר פאַרוואונדערונג איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף אירע ליפּן. אַזוי געפּלעפט איז זי געווען ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט, אַז ס׳האָט איר אָטעם פאַרפעלט.

רקם, איר באַשיצער, איז געשטאַנען בלויז צוויי שריט דערווייטערט. זיינע קינבאַקן זענען געווען אָנגעבלאָזן ווי אויפגעלאָפענע ביילן און די בלויע אָדערלעך אַרום די שלייפן האָבן געציטערט ווי גרעזלעך אין ווינט. רקם אַליין וואָלט נישט אַרויסגערופן איר שוידער און אַנגסט. אָבער דער הויפּטמאַן איז נישט געקומען אַליין. איינגעקאָרטשעט ווי אַ קראַנק קינד, איז אויף זיינע אָרעמס געלעגן דער טויטער צוען. דאָס פאַרטריקנטע בלוט פון זיינע וואונדן האָט באַפלעקט דעם פּורפּור פון זיין אַרבל.

— מען וועט מער נישט הרגענען היינט אין יריחו — האָט רקם איבער־געזאָגט — די וואָס דאָרשטן נאָך בלוט, זענען אַוועקגעפלויגן ווי פלעדערמייז. דער טויט פון צוען׳ען איז געקומען דורך די הענט פון וואַנזיניקע. דו האָסט דאָס געזען, חציר. ווי אומזיניק וועט זיין צו באַשטראָפן די אומשולדיקע פאַר דעם פאַרברעך פון די וואַנזיניקע. די מערדערס זענען אַנטלאָפן, אָבער זיי קענען צוריקקומען. היט זיך פאַר זיי, חציר!

ביידע הויפּטלייט האָבן זיך איבערגעקוקט. אין דעם פאַרמעסט איז געווען צאָרן געמישט מיט הכנעה. דער געשלאָגענער חציר האָט דער ערשטער אַרונ־טערגעלאָזט די אויגן.

— איך וועל דעם מלכ׳ס קערפּער צוריק אַריינטראָגן אין פּאַלאַץ — האָט רקם געזאָגט — איך וויל נישט זען ווי זיין לייב וועט ווערן אַ שפּייז פאַר די ראָבן און הינט. די חרפּה פון יריחו וועט דאָס זיין. לאָז מיך דורכגיין דאָס טויער, חציר. און זאָל רחב מיך באַגלייטן, אויב זי וויל.

און ווי חציר האָט נישט אָפּגעטראָטן פאַר אים דעם וועג, איז רקמ׳ס האַרט פּנים פּלוצים געוואָרן ווייכער. אַ קוואַל פון רחמנות צום טויטן הערשער האָט זיך געעפנט אין זיין האַרץ. ער האָט תמיד אַרויפגעקוקט צו זיין באַפעלער, טראָץ אַלע וואַנזיניקייטן פון דעם גרויזאַמען מאַכטהאָבער.

חציר איז געבליבן שטיין אַ פאַרעקשנטער. ער האָט פאַרשנדיק אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן און דערנאָך אָפּגעטראָטן.

— וואַרט — האָט ער געזאָגט — איך וועל מיטשיקן צוויי פון מיינע וועכטערס.

—האַלט זיי ביי זיך. אויב דער המון וועט צוריקקומען, וועסטו איטלעכן באַוואָפנטן מאַן מוזן האָבן ביי דיין זייט. צי האָסטו פאַרגעסן חציר, די איינזאַמקייט פון אַ באַזיגטן?

ער האָט געוואַרט ווי ער וואָלט געגעבן צייט דעם אומגליקלעכן תליון צו פאַרשטיין די געפאַר. חציר האָט זיך צוריקגעצויגן אויף נאָך עטלעכע שריט.

— פאָראויס, רקם! — האָט ער מונטער געזאָגט — ווי אומזיניק איז אַצינד זיך צו שרעקן פאַר צוענ׳ס טויטן גוף.

ער האָט פריי געמאַכט דעם וועג. רקם האָט מיט לאַנגזאַמע טריט געשפּרייזט צום טויער פון פּאַלאַץ, טראָגנדיק אויף זיינע הענט צוענ׳ען מיט אַזאַ לייכטקייט ווי דאָס וואָלט געווען אַ צאַרט פריש געשאָכטן לעמעלע. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט צי רחב גייט אים נאָך און ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו די ברייטע, ווייסע טרעפּ, האָט ער געמורמלט: ווען איך אַליין וואָלט אים געהיטן, וואָלט דאָס אומגליק פאַרמיטן געוואָרן. ער האָט געקראָגן אַ טויט פון שמאָך. ווער וועט אַצינד הערשן אין יריחו?

ער איז געשטיגן אַרויף צום אַריינגאַנג. צוויי וועכטערס מיט פאַקעלן האָבן אין איילעניש געעפנט דאָס טויער. די שאָטנס אונטער די פלאַמען האָבן געטענצלט אויף דער וואַנט מיט אַזאַ שעלמישקייט, ווי זיי וואָלטן אָפּגעשפּעט פון צוענ׳ס נאָכהענגענדיקע הענט און פיס.

רחב איז געבליבן אומבאַוועגלעך אויף איר אָרט. זי האָט געטון דעם לעצטן קוק אויף דעם איבערבלייב פון דעם הערשער. צוען האָט אָנגעוואָרפן שרעק ביים לעבן, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געלאָזט נאָך זיך אַזאַ אימה ווי אַצינד. אין דער אומהיימלעכער שטילקייט פון טויט האָט זיין פאַרגליווערטער גוף געוועקט אין איר נישט פאַראַכטונג נאָר אומפאַרשטענדלעכן פּחד.

פאַר איר איז געשטאַנען חציר, נישט דערשראָקן אַנטקעגן זיין האַרט אונטערגאַנג, נאָר האַרט, אומבויגזאַם אָבער אָן דער אכזריות פון אַן אומברענגער. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַן אויסגעצויגענעם בליק ווי זי וואָלט געווען בלינד צו די פאַרהוילעניש, וואָס ער אַליין האָט געקענט זען

קלאָר. אין דעם בליק איז געווען די עקשנות, וואָס איז גובר די פאַרצווייפלונג.

— צי איז דען פאַר דיר, רחב, אַזוי שווער צו בלייבן אַ פרוי? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט שפּאָט.

— אויב נישט אַ פרוי איז רחב, וואָס דען איז זי?

— אַ וואָלפיכע וואָס וויל פאַרצוקן דעם קרבן אין פרימאָרגן און עסן דאָס רויב אין אָוונט. וואָס וועט היינט ווערן פון דעם קרוינהויז אין יריחו און ווער וועט זיצן אין דעם העכסטן וואוינאָרט?

דער אומדערבאַרעמדיקער תליון, וואָס צו זיינע פיס איז זי פריער געפאַלן, איז איצינד געוואָרן אוממעכטיק. ער האָט געזאָגט:

— צי האָסטו אַמאָל געזען, רחב, ווי אַ גרויסער טייך פליסט? דער טייך הויבט זיך אָן מיט אַ קליינעם שטראָם, קיל און רואיק און ווי דאָס וואַסער ריזלט אַראָפּ פון די בערג, צעגיסט עס זיך ברייטער און מעכטיקער און פלייצט אַריבער אַלע צוימען, פאַרשווענקט אַלע שפּאַלטן און קיין כוח קאָן מער דעם שטראָם נישט אָפּשטעלן. דו, רחב, ביזט אַזוי ווי אַ טייך. אָבער אויך גרויסע טייכן קומען צו אַ סוף.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך געהויבן איבער דער געטרעפּלטער גאַס, וואָס האָט געפירט צום הויז פון די שטאָט־עלטסטע. זיין געשטאַלט איז פאַרשוואונדן אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט. ער האָט זי געוואָרנט, אָבער זי איז געבליבן אומדערשראָקן. פּלוצים איז זי באַפאַלן געוואָרן פון אַ מורא פאַר אומקום. דאָס האָט געדויערט נאָר איין רגע. איר האַרץ האָט זיך גע־שטאַרקט. חציר וועט נישט וועלן זי פאַרלענדן נאָך די געשעעניש פון דער היינטיקער נאַכט, אַזוי ווי זי אַליין וועט אים נישט וועלן אומברענגען.

איין באַגער האָט אין איר אויפגעפלאַמט: צו לעבן, צו זען ווי רקם וועט בינדן אַלע שטאָט־עלטסטע אין קייטן און ביידע וועלן זיי וואַרטן אויף דעם טאָג פון נצחון.

קאַפּיטל זעכצן

א

— צי איז מיין פאָלק אַ פאַריתומטע סטאַדע, אויסגעשטעלט צו בייזע וועלף, וואָס איר שטייט היינט ווי ציטערדיקע לעמער? צום גרויסן טאָג פון פּרואוואונג זייט איר היינט אויסדערוויילט געוואָרן פון צווישן אַלע דורות פאַר אייך! ביז צו די וואַסערן פון ירדן האָב איך אייך געבראַכט, אַז איר זאָלט אָן פּחד אַריבערגיין דעם גרויסן טייך און פאַרנעמען דאָס לאַנד, וואָס דאָס הויז־געזינד פון יעקב האָט פאַרלאָזט און איז אַוועק צו שקלאַפעריי אין מצרים. און צי האָט מיין האַר משה פאַר מיר, און איך נאָך אים אייך דורכגעפירט דעם לאַנגן מדבר, אַז אייערע הערצער זאָלן דאָ איינפאַלן? איר זייט דורכגעגאַנגען פייער־זיילן און זייט נישט אָפּגעטראָטן. איר האָט דורכגעשפּרייזט דערנער־וועגן און זיך נישט אָפּגעשטעלט. דער ים־סוף האָט אייך נישט פאַרהאַלטן און וואַנדערנדיקע רויבער־פעלקער האָבן אייך נישט פאַרצוימט. איר האָט געטראָטן אויף עקדישן און צעקוועטשט זייערע קעפּ. שקאָרפּיאָנען זענען צעריבן געוואָרן אונטער אייערע פיס. און עמלק, דער מוראַדיקסטער פון אַלע פיינט, וואָס איז אונדז אַקעגן געגאַנגען מיט באַטרוג, צי איז ער נישט פאַרלענדט געוואָרן פאַר אייערע אויגן? אָ, פאָלק פון פּחדנים, עדה פון דערשראָקענע! איך רוף צום אייביקן גאָט פון ישראל, דעם באַשעפער פון הימל און ערד, אַז פאַרוויסטן זאָל ער אייך ביי דער שוועל פון דעם לאַנד, וואָס איר קומט אַרבן, אויב פאָרכטן וועט איר אויפצוהויבן אייער וואָפן פאַר דער רעטונג פון פאָלק און פאַר דעם כבוד פון ישראל!

דאָס צאָרנדיקע קול איז געווען יהושוע'ס. רייד פון אייפער און פאַראַכ־טונג זענען געפאַלן פון זיינע ליפּן, ווען ער האָט געקוקט אויף דער אויסגע־שפּרייטער מחנה פאַר אים. הינטער יהושוע'ן זענען געשטאַנען די שלאַכטמענער כלב און גדיאל, געשווינד צו דער שלאַכט, גרייט צום נצחון. פאָראויס האָט זיך אַרויסגעהויבן דער ארון פון בונד ווי אַ וועגווייזער פאַר דעם פאָלק, וואָס

איז געוואָרן מוטוויליק ביי דער ערשטער געפאַר. יהושוע האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די הויכן: גאָט פון ישראל, פאַרוואָס שטייט פאַר מיר די מחנה אַזוי שוצלאָז און דערשראָקן?

דאָס פאָלק איז געשטאַנען דערשראָקן ביים ברעג, ווען עס האָט דערזען אַ גרויסע מחנה כנענים אָנלויפן אויף יענער זייט ירדן. די כנענים זענען אָנגעקומען ווי ריזן און זיך אַוועקגעשטעלט ווי פעלזן. עס זענען צווישן זיי געווען רייטערס און פוסגייערס, שווערדן־טרעגערס און שפּיזן־וואַרפערס, פייער־שלייַדערערס און יעגערס מיט געפלאָכטענע נעצן און עס האָבן אויך נישט געפעלט שקלאַפן־הענדלערס מיט קייטן. די מחנה פון ישראל האָט ערשט גערדאַרפט אַריבערגיין דעם טייך און ציען צו דער באַלאַגערונג פון יריחו, אָבער דער שונא איז אומגעריכט אויסגעוואַקסן כדי זיי צו פאַנגען פאַר דער ערשטער שלאַכט. די, וועלכע האָבן געדענקט די מלחמות אין מדבר, ביי זיי זענען די הערצער איינגעזונקען, דערזעענדיק די מוראדיקע מחנה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ היישעריק פון די היגלען. זיי האָבן געזאָגט: „אויף יענער זייט וואַסער וואַרטן אונדזערע קברים”. בלויז די שטאַרקע און די געהאָרכזאַמע הינטער גדיאל׳ן און כלב׳ן זענען נישט געוואָרן מוטוויליק און געוואַרט אויף דעם באַפעל פון זייערע פעלדהאַרן.

די זון איז אַרויס פון מזרח און אָנגעצונדן דעם הימל מיט אַ פלאַקער, וואָס האָט געקענט פאַרברענען דעם גאַנצן אויסשפרייט. די קיווערס און פאַנצערס ביי די הויפּטלייט האָבן געגליט ווי פלאַמענדיקע קעסלען. די מחנה האָט געשוויגן, אָבער אין דער שווייגעניש האָבן באַהאַלטענע רמשים אונטער די שיטערע פלאַנצן ביים ברעג געזונגען ווי אין דער שעה פון שקיעה. יהושוע׳ס האַרץ האָט זיך נישט געקילט. זיינע אויגן זענען געווען געווענדט צום הימל און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט: און איך האָב געוואַרט, אַז אין דעם טאָג ווען כ׳וועל ברענגען דאָס דאָזיקע פאָלק צום ירדן, וועלן די פעלקער דערזען דיין גערעכטיקייט און אַלע מלכים דיין כבוד, און די הייליקע מחנה וועט זיין אַ קרוין פון שיינקייט אין דער האַנט פון באַשעפער און אַ מלכותדיקע הויב אויף דער האַנטפלאַך פון אַלמעכטיקן.

ער האָט געקוקט אַריבער דעם ירדן. די דאָזיקע כנענים, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע געצנהייזער, אַראָפּגעקראָכן פון די מויערן, אויסגעליידיקט די הייזער און אַראָפּגענידערט ביז אַהער, זיי זענען צו זייער אונטערגאַנג געלאָפן. ווי פרעה׳ס נאָכיאָגערס וועלן זיי פאַרגאָסן ווערן פון די וואַסערן און ווי ווערים וועלן זיי צעטראָטן ווערן אונטער די פיס פון ישראל, ווען דאָס פאָלק וועט אַריבערגיין דעם ירדן. געגענט אַהער — האָט זיין שטום קול געוואָלט ריידן צום טויבן פאָלק — און איר וועט הערן די ווערטער פון דעם אַלמעכטיקן, וואָס

גליען אין מיין הארץ. און איר וועט וויסן, אַז דער לעבעדיקער גאָט איז צווישן אייך. ער אַליין וועט פאַרטרייבן פון פאַר אייך די אָנגעלאָפענע פעלקער, דעם כנעני, דעם חתי, דעם חיוי, דעם פריזי, דעם גרגשי, דעם אמורי און דעם יבוסי. הער ישראל! ווי נאָר די פוסטריט פון די כהנים, וואָס טראָגן דעם ארון פון בונד, וועלן רוען אין די וואַסערן פון ירדן, אַזוי וועלן די וואַסערן, וואָס נידערן אַראָפּ פון אויבן, פאַרשניטן ווערן און בלייבן שטיין אין איין הויפן. אַ גרויסע יבשה וועט זיך אויסשפּרייטן, אַז דער וועג פאָראויס זאָל זיין פריי פאַר אייך!

ביי זיין רעכטער האַנט איז געשטאַנען גדיאל, שטייף און אומבויגזאַם ווי אַריינגעוואַקסן אין זיין קופּערנער ברוסטשילד. ער האָט געהאַלטן די הענט אויף די לענדן און מיט שפּאָט געקוקט אַריבער דעם ירדן, וואו דער שווייגנדיקער המון כנענים איז געווען איינגעזאַמלט. די פרייד פון זיג האָט געוואַרעמט זיין בלוט, ווען ער האָט געזאָגט: איבער זייערע לייבער וועלן מיר טרעטן צום נצחון. די, וואָס דאָס וואַסער וועט זיי נישט דערטרונקען, וועט די ערד זיי באַגראָבן! קוקנדיק אויף יהושוע'ן, זיין האַר, זענען די אויגן פון דעם אומדערשראָקענעם קריגסמאַן פלוצים געוואָרן אַזוי מילד און פרידלעך ווי די אויגן פון אַ שעפּס.

און ביי יהושוע'ס לינקער האַנט איז געשטאַנען כלב, אַ פאַרגאַפטער און אומזיכערער. דער פאַנצער האָט אים אַצינד נישט געשטאַרקט, נאָר פאַרקערט, אָפּגעשוואַכט ווי ער וואָלט אַריינגענומען אין זיך די ספקות פון זיין קריגספירער. זיינע אַקסלען האָבן אַרונטערגעהאָנגען. די געדיכטע שוואַרצע באָרד האָט פאַרשטעלט זיינע פולע ליפּן און די אויגן זענען געווען פאַרווירט. פלוצים האָט ער דערפילט ווי אַ טרער איז געפאַלן אויף זיין האַנטפלאַך. איז דאָס געווען אַ טרער פון זיין האַר יהושוע? ער האָט זיך שוין געהאַט איינגעבויגן צו קושן די טרער ווי די האַנט פון קריגספירער האָט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל אים נאָכגיין.

ער איז קוים נאָכגעגאַנגען עטלעכע שריט ווי גדיאל האָט זיך באַוויזן הינטער אים. כלב האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון יהושוע'ן, וועלכער איז פאַרביי־געגאַנגען די מחנה און אָנגעפירט די וואָפנקליידער פון די עלטסטע פון די שבטים. דער העכסטער קריגסמאַן פון ישראל איז געווען אויפגעלייגט. דער טרויער איז אויסגערונען פון שטערן און די ליפּן האָבן זיך צעשיידט אין אַ שמייכל. ער האָט שפּרייזנדיק פאָראויס ביי איינעם פאַרריכט די שווערד, ביי אַ צווייטן באַפעסטיקט דעם בויך־באַנד און ביי אַ דריטן ענגער צוגעבונדן דעם שטיינער־שליידערער. ער, וואָס דער אַלמעכטיקער האָט אים געגעבן חכמה צו פאַרשטיין די הערצער און מוחות פון אַלע מענער פון ישראל, צו באַנעמען די אומזיכערקייט פון די הויפּטלייט, דעם צווייפל פון די פירשטן, די פאָרכט

פון די כהנים און דעם פּחד פון המון — ער האָט ווי אַ הימלזעער אַצינד געהאַט אויף זיין האַנטפלאַך דעם גאַנצן אויסשפּרייט אויפן וואַסער און אויף דער יבשה. צווישן פאַרלענדונג און נצחון פּליסט דער רואיקער ירדן — האָט ער געזאָגט — און היינט וועט דאָס פאָלק אריבערשפּרייזן דעם גרויסן טייך ווי איבער די גאָלדענע זאַמדן פון מדבר. זיינע ליפּן האָבן תפילה געטון: גאָט פון ישראל! נישט מער ווי דאָס איבערבלייב פון דעם פאָלק, וואָס האָט אויסגעמיטן די פאַרלענדונג אונטערוועגס, האָב איך געבערענגט ביז צו דער שוועל פון דעם לאַנד. רייס אַרויס פון מיין האַרץ דאָס רחמנות און מאַך מיך באַרמלאָז אין טאָג פון פּרוואוואונג!

מיט אַ האַנט־הויב האָט ער ווידער גערופן הינטער זיך די באַגלייטערס. פון דער מחנה איז אַרויסגעקומען פּנחס און געשטעלט איילענדיקע טריט ווי אַ פאַרשפּעטיקטער. יהושע האָט זיי אָנגעוויזן אויף אַ שטיין ביי אַ געבויגענער ווערבע. ער האָט מער נישט געקוקט, ווי זיין שטייגער, אַרויסרופעריש אויף זיינע געטרייע. אַלע רייד זענען שוין געזאָגט געוואָרן. די אומזיכערקייט און שרעק האָבן די מוטיקע באַגראָבן אין מדבר. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן שטיין און געזאָגט:

— ווי נאָר דאָס חייל וועט שטיין אויף יענער זייט ירדן, מוזן אָפּגעווישט ווערן די קליינע פעסטונגען הינטער די פליינען פון יריחו. איך וויס, אַז שפּיזן־וואַרפערס און בויגן־ציערס לויערן דאָרט אויף אונדז, אָבער זייערע שוץ־הייזער זענען געמאַכט פון האָלץ. מיט בראַנדהעלצער וועלן מיר די פעסטונגען אונטערצונדן און די כנענים וועלן אַרויסלויפן מלחמה האַלטן מיט דער שווערד.

ביי יהושע'ן, וואָס איז געווען צאַרט צו מענטשן אין פרידן און גרויזאַם אין מלחמה, האָבן די אויגן אויפגעפלאַמט. זיינע קינבאַקן האָבן געציטערט.

— קיין ווייכהאַרציקייט מיט די, וואָס וואַרטן אויף אונדז ווי אומבערענגערס. קיין איינזונעניש מיט יענע, וואָס וועלן פאַר אונדז פאַרשפּאַרן די יבשה. פאַרטיליקט זיי און גייט פאָראויס. זייערע לייבער וועלן זיין די טרעפּ צום ערשטן נצחון.

זיינע שאַרפע ברעמען האָבן זיך אונטערגעהויבן ווען ער האָט געקוקט אויף די דריי צוהערערס, גלייך ער וואָלט זיי איינגעטיילט: איינער ווייכהאַרציק, צוויי אומבויגזאַם. פון נסיון האָט יהושע געוואוסט, אַז ס'איז אומזיניק פאַר זיי זיך קעגנצושטעלן זיין ווילן.

— פאַרלענדט די קריגסלייט אין יעדער שטאָט, וואָרום אויף דעם בלוט פון ישראל וואַרטן זיי — האָט ער געזאָגט, — שוינען זאָלט איר אויך נישט שוינען יענע באַוואוינערס, וואָס וועלן אייך אַקעגן קומען מיט פלוך־רייד אויף די ליפּן, ווייל ווי האַרנשלאַנגען וועלן זיי לויערן אויף אייערע טריט. נאָר צו

איין מאַן אין יעדער פאַרנומענער שטאָט זאָלט איר האָבן איינזען, צום שטאָט־האַר. אויב נעמען וועט איר אַזאַ איינעם אין געפאַנגענשאַפט, ברענגט אים צו מיר מיט דעם כבוד, וואָס מען גיט אָפּ אַ הערשער. געפאַנגענע שטאָטהאַרן וועלן אונדזערע געטרייע ווערן.

כלב, דערהערנדיק די רייד, האָט פּלוצים אַ צעפּלאַמטער זיך אַ ריס געטון פון אָרט און אויסגערופן:

— פאַראַן איין פרוי אין יריחו, וואָס איז שוין היינט די געטרייע פון ישראל, רחב! זי האָט געשוואוירן געטריישאַפט צו אונדזער חייל און אַזוי זאָל מען זי רופן: די געטרייע, וואָס האָט געשלאָסן אַ בונד מיט ישראל.

יהושוע האָט שטרענג אַ קוק געטון אויף כלב'ן.

— איך אַליין וועל שענקען דאָס לעבן צו די רעכטפאַרטיקע און נישט לאָזן פאַרלענדן די ערלעכע — האָט ער געזאָגט — אָבער געדענקט, לייטזעליקייט אין מלחמה קאָנען אויסטיילן די, וועלכע שניידן דעם נצחון.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל־אויסבויג, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ביזן סוף פון דער וועלט.

— אויב אַ פאַרצויגענע מלחמה וואַרט אויף אונדז, וועט אונדזער חייל אָפּגיין אין בלוט — האָט ער געזאָגט, — עס זענען נאָך נישט פאַרשניטן די מלכים פון אמורי אויף דער זייט ירדן צו מערב און ס'איז נאָך אויסגעשטרעקט דער אָרעם פון די הערשערס, די כנענים ביים ים. ווי אַ סטאַדע, אַרומגערינגלט פון וועלף, איז ביז אַהער ישראל געווען. אָבער ווי אַ לעמפּערט איז ער היינט ווידערגעבוירן געוואָרן. דער פיינט לענט נישט אונטער די געבויגענע און הויבט נישט אויף די געפאַלענע. שטאַרקט זיך, אין אייערע הענט האָב איך היינט איבערגעגעבן די שלאַכטמענער פון ישראל!

דאָס איז געווען דאָס לעצטע וואָרט פון יהושוע צו זיינע געטרייע. ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט פאַראויס צום ארון פון בונד. גדיאל האָט נישט געענטפערט. זיין ענטפער וועט ער אָנשרייבן מיט זיין שווערד אויף דער מויער פון יריחו. און פנחס מיט כלב'ן? וועלן זיי האָרכן אָדער ווידערשפעניקן, ווען זיי וועלן שטיין אַנטקעגן אַ ים פון פייער און אַנטקעגן אַ מבול פון בלוט?

כלב איז געבליבן שטיין אַ פאַרווירטער. זיינע אויגן האָבן געגאַפט צו דער ווייטקייט, אַריבער די גליענדיקע פאַנצערס און שפּיזן ווי ער וואָלט נישט געשטאַנען הינטער דער קריגס־מחנה, נאָר אויף אַ מאַרק פון מציאות און אין זיין מוח איז אויפגעגאַנגען אַ מחשבה: וואו געפין איך אַ צירונג־הענדלער? זיין האַרץ האָט געהאַט איין באַגער: קויפן אַ טייער געשאַנק פאַר דער גאַסט־ביטערין פון יריחו. ער וועט די מתנה לייגן צו רחב'ס פיס ווי נאָר ער וועט ווידער אַריינקומען אין דער פעסטונגשטאָט.

פנחס, אייפערדיק ווי שטענדיק, האָט מיט שפּאָט געקוקט אויף כלב'ן וואָס איז געשטאַנען אַ דולער. דערנאָך האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון זיין בויך־רימען אַ פּאַרמעט און דאָס אויסגעשפּרייט פאַר גדיאל'ן. זיין צונג איז געווען פלינק ווען זיין וויזפינגער איז געשפּרונגען איבער די צייכנס, פּאַסן און פינטעלעך אויף דער צעוויקלטער מגילה.

— שטעל אַן די אויגן, גדיאל — האָט ער געזאָגט — גאַנץ כנען איז דאָ אויסגעשפּרייט ווי אַ שיף אויפן ים־פּלאַך. מיר קומען אריין אין לאַנד נאָך די ווינטער־רעגנס. די ערד איז ליימיק און האַרט, אָבער יריחו הויבט זיך אַרויס ווי אַ נאַקעטער טורעם אַקעגן די בערג פון מואב און גלעד. מיר וועלן ציען פאַרביי די שטעט אָדם און צרתן. דאָס חייל וועט גיין אָן אָפּשטעל צו דער פעסטונגשטאָט, אָבער אויף די וועגן וועלן מיר אויסרויכערן יעדע הייל פון זייערע פלאַמען־וואַרפערס און יעדע נעסט פון זייערע בויגן־ציערס. מיר טאָרן נישט באַפּרוכפּערן די ערד מיט די טויטע לייבער פון ישראל'ס זין. מיר וועלן נישט ציטערן און נישט אַנגסטן פאַר די כנענים אַזוי ווי זיי האָבן געציטערט פאַר די אמורים. האָסט געהערט, אַז זייער מלך צוען איז טויט?

— זייער מלך איז טויט? — האָט גדיאל געפרעגט.

— פון די הענט פון זיינע פאַרבינדעטע איז ער געפאַלן.

ביי כלב'ן האָבן די שלייפן אַ ציטער געטון דערהערנדיק אַז דער רעגירער פון יריחו איז טויט. פנחס האָט דערציילט, אַז הענדלערס און קאַראַוואַנען־טרייבערס, וואָס זענען אָנגעקומען פון כנען, האָבן זיך געשוואוירן אַז זיי האָבן געזען דאָס בלוט פון דעם מלך ביי דער שוועל פון פּאַלאַץ. גדיאל האָט אויס־געהערט פנחס'ן מיט דער זיכערקייט פון אַ קריגסמאַן, וואָס אַלע מלחמות זענען שוין הינטער אים אויסער די לעצטע שלאַכט. פנחס האָט געקוקט מיט אָפּשיי אויף דעם דרייסטן שלאַכטמאַן, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע פייער־פּרו־וואונגען, ווייל ער האָט געוואָלט אָפּווישן די חרפּה פון זיין פאָטער דעם לעצטערער אין מדבר.

— ווי לאַנג וועט דויערן די מלחמה אין יריחו? — האָט ער געפרעגט. — אָן אַ מלך וועט דאָס צעטומלטע פאָלק זיך צעלויפן ווי אַ פאַרלוירענע סטאַדע.

גדיאל'ן איז געפעלן געוואָרן די פראַגע. ער האָט לאַכנדיק געקוקט אויף פנחס'עס שווערע געקרייזלטע לאָקן ביז צום נאַקן, וואָס האָבן אַצינד געלויכטן אַנטקעגן דער זון. זיינע אויגן האָבן געשטראַלט.

— אַ לאַנגע מלחמה וואַרט אויף אונדז — האָט גדיאל געזאָגט — און די כנענים האָבן אַנדערע לעבעדיקע מלכים. זייערע חיילות זענען משוגע ווען זיי לויפן שיצן זייערע טעמפּלען און הייזער. אין איטלעכן טעמפּל זייערן זיצט אַ

צויבער־גאָט, וואָס איז שטום און טויב. אָבער יעדער כנעני וועט בעסער זיך לאָזן טויטן איידער אַריינצולאָזן אַ פרעמדן אין טויער פון טעמפּל.

ער האָט שטאַרקער זיך צעלאַכט. זיין ברוסטשילד האָט לייכט זיך גע־טרייסלט אונטער דעם הילכיקן געלעכטער. ער האָט אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ אין דער ריכטונג צום ארון פון בונד, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער מחנה.

— קיינער קאָן נישט זען אונדזער גאָט, ווייל ער איז אומזעבאַר צו די שטערבלעכע — האָט ער געזאָגט, — מיר טאָרן נישט האָבן קיין אַנדערע געטער, ווייל ער פלאַקערט פון אייפער און גרימצאָרן. גערעכט צי אומגערעכט, אָבער ער איז דער האַר פון מלחמה און שלום, דער באַרמהאַרציקער וואָס שטאַרקט פּחדנים און דער גרויזאַמער וואָס מאַכט פאַלן גיבורים. איין תפילה האָב איך אַצינד אויף מיינע ליפּן צו דעם שטרענגן גאָט פון ישראל: די מוטיקע זאָל ער לאָזן לעבן און די שוואַכע זאָל ער דערטרינקען, ווען מיר וועלן אַרי־בערגיין דאָס גרויסע וואַסער!

פּנחס האָט געוואָרפן אַ בליק פון פאַראַכטונג אויף דעם קריגסמאַן, וואָס דערוועגט זיך צו צווייפלען אין גאָטס גערעכטע הבטחות. ער האָט געוואָלט שטום מאַכן די צונג, וואָס איז גרייט געווען צו לעסטערן. אָבער גדיאל האָט ווידער גערעדט:

— איך האָב געהערט, אַז רחב, די האַרינטע פון ערשטן גאַסטהויז אין יריחו וואַרט אויף אונדזער נצחון. זאָג מיר פּנחס, האָב איך דעם אמת געהערט?

פּנחס האָט אין צעטומלעניש אַרויסגעלאָזט אַ ברומעניש, וואָס איז געווען אַ צייכן פון צושטימונג.

— ווי וואויל איז צו דעם חייל פון ישראל! — האָט גדיאל לוסטיק אויסגערופן און מיט אַ האַנט־פּאַך דערנענטערט צו זיך כלב׳ן — געהערט האָב איך אויך, אַז איר לייב איז שיין, איר שוים איז הייס און אירע ליפּן זענען ווי וויין. מידע קריגסלייט געפינען רו אויף דער שוים פון פרייל עכע שפּילפרויען.

און ער האָט מיט די פויסטן זיך געשטויסן אויף דער ברוסטשילד.

— וואָס פאַר אַ וואַרעמע נעסט וועט רחב זיין פאַר דעם ערשטן קריגסמאַן פון ישראל!

— לעסטער נישט! — האָט ביי כלב׳ן זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי און ער האָט אַ צעפלאַמטער אָפּגעמאָסטן גדיאל׳ן. אויס באַוואָרעניש האָט ער באַלד דערשטיקט אין זיך דעם כעס. ער האָט געוואוסט וועגן גדיאל׳ס לוסט צו ריידן פרעך וועגן שיינע פרויען אין פרעמדע לענדער, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין שפּאַט־רייד אויף רחב׳ן.

— דו ביזט נאָך נישט אַריינגעקומען אין לאַנד און שוין רעדסטו פון

לוסט און שמאַך — האָט ער געזאָגט — פּאַרוואָס וואַרט נישט דער, וואָס רימט זיך, ביז ער וועט דורכברעכן די ערשטע מויער פון יריחו?

גדיאל׳ס אויגן האָבן געלאַכט.

— אַזוי ווי דו זאָגסט, כלב. איך וועל וואַרטן ביז מיר וועלן דורכברעכן די מויערן פון יריחו.

ער איז געשטאַנען אַן אויסגעשטרעקטער, די הענט אויפגעהויבן צו דער זון. די הויט אויף זיינע קינבאַקן איז געווען שטייף אָנגעצויגן ווי באַלענס. ער איז אין יענער רגע געווען ענלעך צו אַ פלאַמענדיקן כנענישן געץ, אויסגעגאָסן פון בראָנדז. ער האָט אַרומגענומען כלב׳ן.

— מיר קומען אַריין אין אַ לאַנד פון זיסע פרוכטן און שיינע יונגפרויען. און עס וואַרט אויף אונדז אַ נצחון. וויפיל נאָך זאָל באַגערן אַן אומדערשראָ־קענער מאַן פון ישראל? איך האָב געהערט, אַז די שיינע רחב איז אין האַלבן עלטער פון מיר און דיר, כלב. און כ׳בין שטאָלץ וואָס דו ווילסט נישט צונעמען די האַרינטע פון יריחו פאַר זיך אַליין.

כלב האָט געוואָלט בלייבן קיל אַקעגן דעם מאַן, וואָס זיין צונג איז פאַר־סמט און זיינע מחשבות פאַרדאַרבן. אָבער ס׳איז אים שווער געווען צו דער־שטיקן זיין פאַרוואורף.

— צי מעג אַ מאַן פון ישראל זיין לוסטיק פאַר דער צייט? — האָט ער געזאָגט — די מלחמה וועט זיין אַ לאַנגע, גדיאל. מיר וועלן טרעטן איבער די געפאַלענע און שפּרייזן איבער די חורבות ביז מיר וועלן אָנקומען צום טויער פון נצחון. געדענק דעם אָנזאָג, אַז ריין און הייליק מוזן זיין די עלטסטע פון חייל. אַצינד קום. יהושוע רופט. ער שטייט שוין ביים ארון פון בונד.

זיי זענען נאָכגעגאַנגען דעם רוף פון דעם קריגספירער. ביי כלב׳ן און פנחס׳ן האָט געפלאַמט אַ באַגער צו הערן יהושוע׳ס באַפעלן. אָבער אין גדיאל׳ס האַרץ האָט אויפגעוואַכט אַ פרייד וואָס ער גייט אַריין אין אַ לאַנד פון ווידער־שפעניקע כנענים און פון שיינע, אונטערטעניקע פרויען.

ב

עס איז געווען אין האַלבן טאָג, ווען דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן אַריבערצוגיין דעם ירדן. די כהנים מיט דעם ארון פון בונד פאַראויס און די מחנה, געטרייסט פון די געטלעכע הבטחות, געשטאַרקט פון יהושוע׳ס אומדער־שראָקענקייט, האָט נאָכגעצויגן. די וואַסערן זענען געווען אויפגעווירן, וואָרום דער ירדן איז געווען פול איבער זיינע ברעגן אַלע טעג פון שניט. און ווי נאָר די ערשטע אין די פאָדערשטע רייען האָבן איינגעטונקען די פיס, האָבן זיי פון

פרייד אונטערגעטאַנצט און איינגענעצט די קעפּ אונטער די שטראָמען, וואָס האָבן אַראָפּגעריזלט פון בײדע זייטן בערג. דאָס ליכט פון דער זון האָט זיך געשפּיגלט אין דער אויבערפלאַך, אָבער די וועלן זענען געווען ווי אייז. די הויפּטלייט האָבן געלאַכט זעענדיק ווי די אומזיכערע שטייען ביז די קניען אין וואַסער און ציטערן און האָבן זיי באַפוילן צו שפּרינגען, כדי אָנצואוואַרעמען זייערע לייבער. די מוטיקע האָבן געפאָלגט און די קוויינקלדיקע האָבן געצויגן אויף צוריק. אָבער דער וועג איז געווען פאַרשפּאַרט פון דעם המון, וואָס האָט צעשאָטענערהייט זיך אַרונטערגעלאָזט הינטער זיי.

די וועלן זענען העכער אויפגעשוואָלן און די מחנה איז שוין געשטאַנען ביז צו די גאַרטלען אין וואַסער. צוערשט די פוסגייערס, דערנאָך די רייטערס און אַלע מענער פון ישראל מיט זייערע הויזגעזינדן, די זקנים, די ווייבער און קינדער. און וואָס טיפער דאָס פאָלק איז אַריין אין וואַסער, איז גרעסער געוואָרן די בהלה, וואָרום די פאָדערשטע זענען פאַרשוואָנקען געוואָרן ביז צו די ריפּן און דערנאָך ביז צו די אַקסלען און אַ גרויסער פחד איז זיי באַפאַלן אויס אַנגסט, אַז די מעכטיקע וואַסער־שטראָמען וועלן זיי פאַרגיסן און אַראָפּשלעפּן צום תהום. די מענער פון ישראל האָבן פאַרגעסן די געטלעכע הבטחה, אַז דער טייך וועט זיי נישט איינשלינגען און זייערע לייבער וועלן נישט דערטרונקען ווערן, ווייל אַ יבשה וועט דער אַלמעכטיקער פאַר זיי אויסשפּרייטן צווישן ביידע ברעגן. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו די טרעגערס פון דעם ארון פון בונד, וועלכע זענען געבליבן שטיין פאַרגליווערטע אינמיטן טייך. און פלוצים זענען אויך ביי די עלטסטע פון די שבטים איינגעפאַלן די הערצער. די לוסטיקע האָבן געשוויגן. ביי די לאַכעדיקע זענען די ליפּן שטום געוואָרן. די צעטומלטע פּירשטן האָבן געזוכט די אויגן פון יהושוע׳ן. די צערודערטע הויפּט־לייט האָבן געוואָלט הערן דאָס קול פון דעם קריגסהאַר. וואו איז ער, דער טרייסטער, וועלכער וויל שטאַרקן די שוואַכע מיט ניסים און וועקן די מוטיקע מיט וואונדערצייכנס?

איבער די קעפּ פון דעם דערשראָקענעם פאָלק האָט יהושוע זיך געדרוימט אַ וועג דורך די כוואַליעס. ער אַליין איז געווען איינגעטונקען ביז איבערן פּאַנצער און מיט די מעכטיקע הענט ווי מיט רודערס האָט ער געשניטן די קאַלטע שטראָמען, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרגאָסן זיין נאַקן. פינקלדיקע טראָפּנס האָבן אַראָפּגערונען פון דער באָרד. די אויגן זענען געווען געווענדט צו די הויכן און דאָס צעטומלטע האַרץ האָט געפרעגט: גאָט פון ישראל! מיט בלינדן בטחון האָב איך אַריינגעטריבן די גאַנצע עדה אין דעם ירדן. אָבער צי האָסטו מיר דען באַפוילן אַריינצונאַרן דאָס פאָלק אין דעם גרויסן טייך, אַז אונטערגיין זאָל עס אין דעם דאָזיקן אָפּגרונט? שטעל אָפּ די פלייצעניש,

גאָט, און פאַרצאַם דעם מוראדיקן פלוס! אַ יבשה, אַלמעכטיקער, שפּרייט אויס פאַר זייערע פיס, אַז דורכגיין זאָלן די, וואָס גלויבן אין דיינע וואונדער, ווי אויף אַ טרוקענעם לאַנד!

אָבער גאָט דער אַלמעכטיקער, דער אייביקער היטער פון ישראל, וואָס זיינע מעשים זענען פון זיינע קינדער פאַרהוילן ביי איטלעכער פּרוּאוואונג, איז געווען טויב צו דעם פאַרצווייפלטן געבעט פון זיין קנעכט. וואָרום דאָס וואַסער האָט זיך העכער אויפגעהויבן און זיך געשוימט און איז אויפגעגאַנגען אַזוי ווי סטויגן פאַרגליווערט, און ווי אייזיקע בערג פאַרפרוירן. נישט פון די טיפענישן נאָר פון הימל איז די פאַרפלייצונג געקומען אַזוי ווי אַ מבול פון פאַרטיליקונג. ווער האָט אָנגעצונדן דעם גרימצאָרן פון באַשעפער? צי האָט דער אַלמעכטי־קער אין יענער רגע צעבראָכן זיין שטול פון כבוד און צעשמעטערט אויף שטיקער זיין קרוין?

ווינטן, געטריבן פון אַ האַסטיקן געוויטער האָבן געבלאָזן פון די בערג און דאָס געוויטער האָט געזאָטן אַזוי ווי אַ שפּריי פון פייער, וואָס פאַלט אויף אַ פלאַמיקן ראָד און אַזוי האָט געזאָטן יהושוע׳ס האַרץ: גאָט פון רחמים, דערבאַרעם זיך אויף דער פאַרלוירענער עדה! האַר פון לייטזעליקייט, האָב איינזען מיט דעם אומגליקלעכן פאָלק!

און ווי ביי דעם פאַרצווייפלטן קריגסהאַר זענען אַלע תפילות געוואָרן פאַרטויבט אין דעם שטורעם, אַלע באַגערן פאַרלייקנט פון באַשעפער און ער, דער אומדערשראָקענער צווישן די שטערבלעכע איז געוואָרן שוואַך — האָט כלב פּלוצים זיך אויפגעהויבן איבערן וואַסער און זיך אויסגעצויגן איבער דער אויבערפלאַך ווי אַן אָדלער אונטער די וואָלקנס. מיט זיינע אויסגעשפּרייטע הענט האָט ער געשטויסן די וועלן ווי פרישע, אומגעריכטע כוחות וואָלטן אין אים אויפגעגאַנגען און ער איז האַסטיק צוגעשוואומען צו אַ באַרג־ברעג. דאָרט האָט ער אָפּגעבונדן אַ שיפל מיט אַ צעבראָכענעם רודער און אריינשפּרינגענדיק אינעווייניק, אויסגערופן:

— אַ מאַן פון ישראל קאָן צוימען אַ געוויטער און אָפּשטעלן אַ שטורעם. די שטאַרקסטע ווינטן, וואָס יאָגן פון די בערג אַרום, זענען נישט מער ווי דאָס געזאַנג פון אַ פויגל אין די אויערן פון אַ שלאַכטמאַן ביי יהושוע׳ן.

און ער האָט געשטויסן דאָס שיפל איבער די וויגנדיקע כוואַליעס פאָראויס. אַ ווילדע פרייד האָט געברענט אין זיינע אויגן. איבערן וואַסער האָבן זיך גע־טראָגן געשרייען פון יאוש און קולות פון געבעט, אָבער כלב איז געווען פריי פון פּחד. אַן אויסטערלישע העזה האָט אים דורכגענומען גלייך דער שטורעם וואָלט פאַר אים געווען אַ בענטשונג און די פלייצונג אַ ברכה פון גאָט. ער האָט דערזען אין שיפל ליגן אַ גרוי געוואַנד און עס אַרויפגעצויגן ווי אַ מאַסט אויף

דעם האַלבן שטאַנג. ער האָט געשניטן דאָס וואַסער מיט דעם אימפּעט פון אַן אויסגעפּרואווטן ים־פאָרער וואָס ווייסט, אַז קיינער קאָן אים נישט אַריבעריאָגן.

— זאָל דער שטורעם מיך בעסער טרייבן ביז צום אַנדערן ברעג טייך איידער איך זאָל אומקומען אונטער די זודיקע כוואַליעס! — האָט ער געשריען צום ווינט — אויב גאָט, דער אַלמעכטיקער, האָט אונדז פאַרלאָזן אויפן וואַסער, וועל איך אים זוכן אויף דער טריקעניש. אויב אָבער שטאַרבן מוז איך שטאַרבן, זאָל איך דערטרונקען ווערן אין ירדן און נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די כנענים!

אָבער כלב האָט נישט געהאַט קיין באַגער צו שטאַרבן. דער שטורעם האָט אויפגעקאָכט זיין בלוט אַקעגן די מעכטיקע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געהויבן ווי פאַלנדיקע ווענט איבער אים. ער איז געווען אָנגעגורט מיט גבורה און אַרויסגעלאָזט געשרייען פון נצחון, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין באַזיגן אַן אומגעזעענעם שונא.

— איך בין כלב בן יפונה, דער ערשטער אויסשפּירער פון יריחו! גאָט פון ישראל, הערשער פון יבשה און וואַסער, האַר פון שטורעם און געוויטער! דערפיר מיך נאָך דאָס איינע מאָל צום ברעג פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד!

ער האָט געקוקט אויף צוריק, איבער די קעפּ פון דעם פאַרצווייפלטן פאָלק. דאָס וואַסער האָט געשפּריצט אין פּנים אַריין, פאַרגאָסן דעם שטערן, די אויערן. אָבער דורך די פאַרוואַשענע אויגן האָט ער פּלוצים דערזען ווי אַ קריגסמאַן פון הויכן וואוקס מיט שטאַרקע אָרעמס, אַן פאַנצער, אַן לייבגאַרטל ציט זיך אויס איבערן וואַסער און שווימט הינטער אים. ער האָט אַ שטויס געטון דאָס שיפל פאָראויס צום מזרח־באַרג און האַסטיקער געשניטן מיט דעם רודער דאָס וואַסער. אַ באַגער צו באַשיצן זיין לעבן פון אַן אומגעריכטער געפאַר האָט אויפגעוואַכט און ער האָט געוואוסט, אַז ער ווערט נאָכגעיאָגט. פון וועלכן ברעג איז אַריינגעשפּרונגען דער דאָזיקער כנעני?

אַ חרטה פאַרוואָס ער האָט זיך דערווייטערט פון דער מחנה האָט אויף אַ רגע אָפּגעשוואַכט זיין גבורה. ס'איז אים איינגעפאַלן אַז דערפאַר ווייל ער איז געוואָרן ווידערשפּעניק צום קריגסהאַר, איז ער אַצינד פאַרלאָזן פון גאָט. ער האָט זיך אומגעקוקט, אָבער דאָס שוימיקע וואַסער, געמישט מיט אַ נעפּל האָט פאַרשטעלט זיין נאָכיאָגער. מיטאַמאָל איז זיין שיפל אויפגעהויבן געוואָרן פון די אויפגעשוואָלענע כוואַליעס און זיך געטראָגן הויך און דערנאָך ווידער זיך אַרונטערגעלאָזט. דער שטורעם האָט דאָס שיפל געוואָרפן ווי אַ דין שפּענדעלע און אַזוי ווי אַ שפּענדעלע איז דאָס געהילץ שיעור נישט צעבראָכן געוואָרן. כלב האָט געהאַט איין פאַרלאַנג: טרייבן דאָס שיפל צום ערשטן ברעג, און אויב באַשערט איז אים צו ראַנגלען זיך מיט דעם כנעני פאַר זיין לעבן, וועט

ער מלחמה האַלטן מיט די נאַקעטע אָרעמס. ער וועט מלחמה פירן אויפן ברעג און ער וועט קריגן האַלטן אויף די כוואַליעס. און ווי פלינק ער האָט געשניטן מיט זיין רודער, זענען די שוימיקע וועלען געוועזן פלינקער פון אים. אין יענער רגע האָט זיין שיפל האַסטיק זיך אַ הויב געטון מיט אַזאַ שוואונג, אַז כלב האָט שוין געזען ווי דער אָפּגרונט וועט אים איינשלינגען. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון גאַרטל די קורצע שווערד און אַריינגעשטעקט צווישן די ציין. און ווי נאָר דאָס שיפל האָט אים אַרויסגעשליידערט, האָט ער אויסגעצויגן זיין גוף איבער דער וואַסערפלאַך און אָנגעהויבן שווימען. ער איז געווען אַן אומדערשראָקענער שווימער און די כוואַליעס האָבן אים געטראָגן מיטן שטראָם. ער האָט געשפּירט ווי זיין נאָכיאָגער טראָגט זיך הינטער אים. צום ערשטן מאָל איז ער באַפאַלן געוואָרן פון פאַרצווייפלונג ווען זיין צעבראָכן שיפל איז איינגעשלונגען געוואָרן אין תהום.

ער, וואָס מיט איין רגע פריער האָט ער געשאָלטן אַלע אָפּגעטער פון כנען און אַפילו נישט פאַרפעלט אַרויסצולאָזן אַ צאָרנדיק געשריי קעגן דעם אַלמעכטיקן אַליין, ער האָט פלוצים דערפילט אַ דערלייכטערונג. ער איז געשוואומען מיט זיכערקייט פאָראויס. די כוואַליעס האָבן אומאויפהערלעך אים געוואָרפן אַרויף און אַראָפּ, אָבער אין יענעם אויגנבליק פון סכנה האָט אַ גליקזעליקייט אים דורכגענומען. עס איז שווער געווען צו זען דעם ברעג, ווייל דער שפּריי פון וואַסער האָט אים פאַרוואַשן די אויגן. זיין האַרץ איז אָבער נישט צעגאַנגען. די כוואַליעס זענען פאַר אים געווען ווי פליגלען. ער האָט געוואוסט, אַז דער שווימער הינטער אים וועט אים נישט דעריאָגן. ער, כלב, וועט דער ערשטער דערגרייכן צום ברעג. און ווי ער האָט שוין געהאַט דערזען אַ העלע שטרעקע זאַמד און דאָס טרוקענע לאַנד איז געווען ווי מיט דער האַנט אויסצושטרעקן, איז נעבן אים אויסגעוואַקסן דער שווימער, גרויס און מעכטיק ווי אַ ריז. דאָס אומדערמידלעכע געיעג איז געוואָרן האַסטיקער. ביידע זענען געשוואומען אין דער ריכטונג צום מוראדיקן באַרג־ברעג. ווער וועט ווער קומען אַריבעריאָגן?

— דער כנעני וויל מיך פאַנגען! — האָט דאָס האַרץ ביי כלב'ן געשריען — כ'בין אין אַ געיעג אויף לעבן און טויט. נאָך גוט וואָס איך האַלט די שווערד צווישן מיינע ציין. זי איז מיין איינציק וואָפן!

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אונטערן וואַסער און מיט אַ פלינקן באַוועג געוואָלט אַריינשטעכן די שווערד אין דעם שווערן גוף פון דעם שווימענדיקן ריז. אָבער דער ריז האָט אים אויסגעמיטן, וויקלדיק און געשיקט זיך דערוויי־טערט פון זיין באַפאַלער און נישט געקוקט אויף אים מיט די אויגן פון אַ

צאַרנדיקן וואָלף. דעם פאַרבליפּטן כלב האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיינע אויגן לאַכן.

ער האָט זיך געיאָגט פייל אויסן בויגן, אָבער דער נאָכיאָגער איז נישט געבליבן הינטערשטעליק. ער האָט זיך געגליטשט איבערן וואַסער ווי אַ וואַלפיש. ווער וועט באַטרעטן דעם ברעג פריער? דער ערשטער וועט זיין דער זיגער! געשטויסן פון די אויפגעשוימטע כוואַליעס האָבןביידע דערגרייכט דעם ברעג, אָבער כלב האָט דער ערשטער אַרויפגעשטעלט די פיס אויפן זאַמד. ער איז נאָך געווען בכוח אויפצוהויבן אַ גרויסן שטיין. ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו שפּאַלטן דעם קאָפּ פון זיין שונא נאָך איידער יענער האָט באַוויזן אָנצושפּאַרן צום לאַנד.

פּלוצים האָט דער ריז אויסגערופן מיט אַ קול פון צעטומלטער פרייד:

— כלב! כלב!

כלב, אַ פאַרציטערטער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם שטיין.

— גדיאל! — האָט ער אויסגעשריען — אַזוי ווי עס לעבט דער אייביקער גאָט פון ישראל! עס איז ער, גדיאל!

דער שלאַכטמאַן האָט אַ רגע געלאָזט רינען דאָס וואַסער פון זיין לייב. ביידע האָבן זיך צעלאַכט. דערנאָך האָט כלב אַ פאַרגאַפטער אויסגעשטרעקט די האַנט צום ירדן.

— קוק!

זיי האָבן געקוקט הינטער זיך און נישט געגלויבט וואָס זייערע אויגן האָבן געזען. אַזוי ווי אויף אַ צייכן פון הימל, אַזוי ווי אויף אַ געטלעכן ווינק האָט דער שטורעם פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט. די ווינטן האָבן זיך איינגעשטילט, די כוואַליעס זענען איינגעלאָפן און דער וואונדערצייכן, וואָס אַ גאַנץ פאָלק האָט געוואַרט דערויף, איז געקומען. די דערשראָקענע און פאַרצווייפלטע, די אָראָפּגעזונקענע און האַלב דערטרונקענע, וואָס האָבן אָקאָרשט געזען זייער אונטערגאַנג, זענען געווען עדות ווי דער גאַנצער טייך איז אויסגערונען. אויפגעציטערט האָט די ערד. די פעלזן האָבן זיך אַ וואַקל געטון און די בערג אויף ביידע ברעגן האָבן זיך גערוקט הינטערוויילעכץ.

און די וואַסערן, וואָס האָבן אַראָפּגענידערט פון אויבן, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין איין הויפן, ווייט פון דער שטאָט אָדם וואָס נעבן צרתן. און די וואַסערן, וואָס זענען אַריינגעפלאָסן אין דעם ים פון די פליינע, זענען אינגאַנצן פאַרשניטן געוואָרן. און די כהנים, די טרעגערס פון ארון פון בונד, וואָס זענען געשטאַנען פעסט אויף דער טריקעניש אינמיטן טייך, האָבן געוואַרט ביז דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן.

קאפיטל זיבעצן

א

עס איז געווען אין דעם צענטן טאָג פון ערשטן חודש, ווען דאָס וואונדער איז געשען און דאָס גאַנצע פאָלק איז געשטאַנען אויף יענער זייט ירדן, אויסער די טרעגערס פון ארון וואָס זענען נאָך געבליבן אינמיטן דער טריקעניש פון טייך. האָט יהושע גערופן צוועלף מענער צו איין מאַן פון איטלעכן שבט און זיי געהייסן צוריק אריינגיין אינמיטן טייך, אַז איטלעכער זאָל נעמען אַ שטיין אויף זיין אַקסל לויט דער צאָל שבטים פון די קינדער פון ישראל, כדי דאָס זאָל זיין אַ צייכן און אַ דערמאָנונג ביזן סוף פון אַלע דורות. טאָמער וועלן זייערע קינדער שפּעטער פרעגן: וואָס זענען אייך די דאָזיקע שטיינער? זאָלן זיי ענטפערן: דערפאַר ווייל די וואַסערן פון ירדן זענען פאַרשניטן געוואָרן פאַר דעם ארון פון גאָטס בונד ווען אַ גאַנץ פאָלק איז אריבערגעגאַנגען דעם ירדן, וועלן די דאָזיקע שטיינער זיין אַ געדענקונג צו די קינדער פון ישראל ביז אייביק.

די צוועלף מענער האָבן געטון ווי יהושע האָט באַפוילן און אריבערגע־טראָגן די שטיינער, לויט דער צאָל שבטים, צו זייער נאַכטלאַגער און זיי דאָרט אַוועקגעלייגט. דערנאָך האָט דער קריגסהאַר באַפוילן די ארון־טרעגערס אַרויפ־צוגיין פון ירדן. ווי נאָר זייערע פוסטריט האָבן זיך אויפגעהויבן אויף דער יבשה אַזוי האָבן די וואַסערן זיך צוריקגעקערט צו זייערע שטראָמען און גע־שוימט איבער די ברעגן ווי אַלע טעג פון יאָר.

אין יענעם טאָג האָט גאָט געגרויסט יהושע'ן פאַר די אויגן פון ישראל. די קינדער פון ראובן און די קינדער פון גד און דער האַלבער שבט מנשה זענען אריבערגעגאַנגען מיט זייער וואָפן פאַראויס פאַרן פאָלק אַזוי ווי דער געטלעכער מאַן משה — פאַר יהושע'ן — האָט זיי אָנגעזאָגט. פערציק טויזנט פון דעם באַוואָפנטן חייל זענען געגאַנגען צו די פליינען פון יריחו. און די קריגסלייט האָבן מורא געהאַט פאַר יהושע'ן אַזוי ווי זיי האָבן פריער געפאָרכט פאַר משה'ן אַלע טעג פון זיין לעבן.

דאָס פֿאָלק האָט גערוט ביים מזרח־עק הינטער יריחו און יהושע האָט גענומען די צוועלף שטיינער און זיי אויפגעשטעלט אין אַ הויפן אויף דעם אָרט, וואָס מען האָט שפּעטער גערופן ג ל ג ל.

די עדה אין לאַגער האָט צוגעגרייט אַ מאָלצייט ווי פֿאַר אַ גרויסן פייער־טאָג. די כהנים האָבן אָנגעטון די פּראַכט־קליידער און די הויפּטלייט זייערע וואָפנקליידער און זיך געזעצט פֿאַראויס פֿאַרן פֿאָלק, ווארום עס איז געווען זייער טאָג פון נצחון און זייער טאָג פון פעסט. די פֿאַסטוכער האָבן איינגע־זאַמלט די בהמות און די שאָף פון דעם איינגענומענעם שטיק לאַנד און מען האָט געשאָכטן יענע בהמות, וואָס זענען באַקלויט מיט קלויען און עס איז נישט פֿאַרווערט געווען זיי צו עסן: אָקסן און הירשן, דאַמהירשן, ציגן און שטיינבעק, גאַזעלן און באַרגשעפּסן. די געשלאַכטעטע בהמות זענען געוואָרפן געוואָרן אויף בּרענענדיקע שייטערס און די געשמאַקע ריחות פון די געבראָטענע פליישן זענען געווען אָנגענעם פאַר די גומענס פון דער גאַנצער עדה פון ישראל.

ווען די רויכן פון די פייערן זענען אויפגעגאַנגען צום הימל, האָבן די מלכים פון דעם אמורי, וואָס אויף דער מערב־זייט פון ירדן און די מלכים פון דעם כנעני, וואָס האָבן רעגירט לענג אוים דעם ים, זיך דערוואוסט אַז דאָס פֿאָלק ישראל איז אַריבערגעגאַנגען דעם גרויסן טייך. און ווי זיי האָבן געהערט, אַז גאָט האָט פֿאַר זיי אויסגעטריקנט די וואַסערן און אויסגעשפּרייט אַ יבשה פאַר זייערע פיס, איז אַ גרויס פחד זיי באַפאַלן. זייערע הערצער זענען צע־גאַנגען און קיין אָטעם איז אין זיי נישט געבליבן אוים שרעק פאַר די שלאַכט־מענער פון ישראל.

אין יענע טעג האָט יהושע באַפוילן די עלטסטע פון ישראל צו באַשניידן אַלע מאַנספּאַרשוינען אין דער מחנה, אַזוי ווי ס'איז געווען דער געטלעבער אָנזאָג. ווארום דער פריערדיקער דור, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און איז געווען גע'מל'ט, איז אויסגעשטאָרבן אונטערוועגס, נאָר די קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין מדבר, זענען נישט געווען באַשניטן. די עלטסטע האָבן אויסגעשליפט שטיינערנע מעסערס און גע'מל'ט די קינדער פון ישראל אין גבעת הערלות, אויף דעם בערגל פון פאָרהויטן. און נאָכדעם ווי דאָס פֿאָלק איז געבליבן אין לאַגער ביז עס איז געזונט געוואָרן, האָט יהושע געהערט דאָס געטלעכע קול: היינט האָב איך אָראָפּגעקייקלט פון אייך די חרפּה פון מצרים! דעריבער רופט מען יענעם אָרט גלגל, וואָס איז קייקלונג, ביז אויפן היינטיקן טאָג.

און אויפן פערצנטן טאָג פון יענעם חודש האָט דאָס פֿאָלק געמאַכט דעם קרבן פּסח אין די פליינען פון יריחו און צומאָרגנס האָבן די קינדער פון ישראל געגעסן פון דער תבואה פון לאַנד, מצות און געברענטע זאַנגען. און קיינער

אין דער מחנה האָט מער נישט געוואוסט פון קיין מן, ווייל די זאַטע ערד פון דעם געבענטשטן לאַנד האָט געשפּייזט דאָס גאַנצע פאָלק.

ביים סוף פון פעסטטאָג האָט יהושע זיך אָפּגעשיידט פון דער עדה און איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַ באַרג, וואָס אַקעגן די מויערן פון יריחו. אַ פאַר־ווירטער האָט ער געקוקט אויף דער מעכטיקער פעסטונגשטאָט און זיין האַרץ איז געווען פול מיט אַנגסט. ער האָט געזען, אַז יריחו איז פאַרשלאָסן און פאַר־זיגלט פאַר זיין חייל און אַז אַ לאַנגער באַלאַגערונג וועלן אירע מויערן נישט פאַלן. אין דער אויפגעוואַכטער אומזיכערקייט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, גרייט תפילה צו טון, ערשט אַ נעפּל האָט זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגן און אַרויס פון דעם נעפּל האָט זיך באַוויזן אַ מאַן, מוראדיק אין געשטאַלט, ווי ער שטייט אַקעגן אים מיט אַן אַרויסגעצויגענער שווערד אין האַנט. האָט יהושע געפרעגט: ביזטו מיט אונדז אָדער מיט אונדזערע פיינט? האָט דער מאַן געענטפערט: איך בין דער חייל־פירער פון גאָט! איז יהושע געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד און האָט זיך געבוקט: וואָס וויל מיין האַר ריידן צו זיין קנעכט? און דער חייל־פירער פון גאָט האָט געזאָגט: צי אַראָפּ דעם שוך פון דיין פוס, וואָרום דאָס אָרט וואָס דו שטייסט אויף אים, איז הייליק. האָט יהושע אים געפאָלגט און ער האָט תפילה געטון ביז די זון איז פאַרגאַנגען.

ב

און ווי יריחו איז געווען פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט פאַר די קריגסמענער פון ישראל, נישט אַריין און נישט אַרויס, האָבן די אומגעדולדיקע הויפּטלייט געהייסן גראָבן אין די ערדוואַלן אַנטקעגן די מויערן אונטערצוואייען די באַלאַ־גערונג פון שטאָט. אָבער יהושע האָט אָפּגעשטעלט די גרעבערס, ווייל די זיכערקייט איז ווידער געווען אין אים און ער האָט געקענט זען ווי די פעסטונג־שטאָט איז שוין אין זיינע הענט. ס'איז געווען די הבטחה פון אייביקן גאָט פון ישראל, אַז דער יאָכשטאַנג פון זיין געפּייניקט פאָלק איז שוין צעבראָכן און דאָס וואוינאָרט פון פאַרדאָרבנקייט וועט פאַרלענדט ווערן פאַר דעם חייל פון גיבורים. ער האָט באַפוילן צו פאַרשיטן די גריבער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אויסהוילן אַרום די הויכע ווענט. ער האָט צעטיילט די פערציק טויזנט באַוואָפנ־טע קריגסלייט אין קרייזן, איטלעכער קרייז אין אַ האַלבראָד, אַז זיי זאָלן קענען איינקלעמען יריחו ווי אין אַ צוואַנג. יהושע האָט געשיקט ברענגען די אייזערנע שטורים־הערנער, וואָס די אַנטלאָפענע כנענים האָבן איבערגעלאָזט ביי די מויערן פון בית חגלה, די שווערדן־טרעגערס זענען געשטעלט געוואָרן צו דרום אינ־איינעם מיט די בויגן־שפּאַנערס און מיט די טרעגערס פון די בראַנד־העלצער.

און צו צפון זענען געווען אויסגעשטעלט די שפּיזן־וואַרפֿערס, די שטיינער־שלײַדערערס, און הינטער זיי די פֿערד און די לאַסט־חיות.

פֿאַראויס פֿאַר די מעכטיקע מויערן זענען געשטאַנען די כּהנים מיט די שופֿרות ווי אַ הייליקע עדה. זיי זענען געווען העכער פֿון די אויפֿזעערס איבער די שטויס־הערנער, וואָס האָבן געלויערט אַנטקעגן די הויכע טורעמס. יהושע האָט די אײַזערנע שטויס־הערנער אויסגעשטעלט ווי אַ פּאַנצער פֿאַר די גיבורים און ווי אַ ברוסטשילד פֿאַר די אומדערשראָקענע.

פֿון דעם שפּיץ פֿון אַ רויטן פֿעלז האָט דער קריגספֿירער אַראָפּגעקוקט אַצינד אויף זײַן חיל. ער איז געווען אײַנגעהילט אין אַ דעקטוך פֿון שאָפֿן־פֿעל. זײַנע הענט פֿאַרלייגט אויף די לענדן, די ברוינע קינבאַקן פֿאַרשפּיצט און אין די אויגן האָבן געשטראַלט קוואַלן פֿרייד. און ווי ער האָט געקוקט אַראָפּ אויף זײַן פֿאַרוואָגלט פֿאָלק, האָט זײַן האַרץ געפֿלאַטערט און רייד פֿון גליקזעליקייט זענען געווען אויף זײַנע ליפּן: דאָס דאָזיקע ברייטע לאַנד, פֿאַר אײַך איז עס אָנגעגרייט צו אַרבן! די ירושה פֿון אײַערע אבות קומט איר אָפּנעמען! צי איז דען פֿאַראַן אַזאַ שטאַרק חיל, וואָס וועט פֿאַרהאַלטן מײַנע שלאַכטמענער און וועט פֿאַרצוימען דעם וועג פֿאַר מײַנע גיבורים? ברעכט דורך די מויערן און די פֿעסטונגען וועלן אונטער אײַערע בראַנדהעלצער פֿאַרצערט ווערן ווי שטרוי אין פֿײַער!

געשטאַרקט פֿון דער אייגענער גבורה האָט ער ווידער אַראָפּגעקוקט אויף דעם לאַגער און געמורמלט:

— איר, די אָרעמע, פֿון שטורעמס געטריבענע. איר, די באַפֿאַלענע און געיאָגטע, פֿאַר אײַך וועל איך אויסלייגן טרעפּן פֿון מירמלשטיין. און איך וועל באַפּוצן די טורעם־שפּיצן מיט רובינען און כ׳וועל אויפֿשטעלן פּראַכט־געצעלטן אויף די גאַסן, ווען איר וועט אַרײַנגיין אין דער דאָזיקער פֿאַרמשפּטער שטאָט!

אין דער נידערונג, הינטער די ערדוואַלן איז אויפֿגעגאַנגען אַ גערודער. פֿאַר אַ הויפֿן מעכטיקע שטיינער, אײַנגעטונקען אין וואַפּנע ווי אַ ציגלפֿלאַסטער, האָבן שווערדנציערס צווישן זיך געפּאָכטן, בויגן־שפּאַנערס האָבן אַרויסגעשאָסן פֿײַלן און שטיינער־שלײַדערערס האָבן אָנגעצויגן די שטריק־נעצן. די שפּיל־מלחמה איז געפֿירט געוואָרן אונטער די וואַכזאַמע אויגן פֿון די הויפּטלײַט, וועלכע האָבן געטריבן די היציקע פֿעכטערס: האַלט וואַרעם אײַער וואָפֿן, ביז דער קריגסהאַר וועט באַפֿעלן: גייט אַרויף אויף יריחו!

יהושע האָט גענומען זײַן שווערד, וואָס האָט געשטעקט אין אַ פֿעלז־שפּאַלט און איז אַראָפּגעגאַנגען צו די ערדוואַלן. אַקעגן איז געקומען כּלב, באַוואָפֿנט און באַפּאַנצערט. זײַן באָרד, אַרײַנגעוואַקסן אין די באַקנביינער, האָט געפֿינקלט אַנטקעגן דער זון. דער קריגסהאַר האָט דערקענט אַז דער הויפּטמאַן

קומט צו אים מיט אַ באַגער און זיך אָפּגעשטעלט. כלב האָט געפרעגט צי איז נישט בעסער, אַז אַ פּאָר אויסשפּירערס זאָלן אַריינגיין טיפער אין לאַנד און אויסקוקן דעם גאַנצן אויסשפּרייט, די נידערונג און דאָס געבערג, אַז דאָס חייל זאָל פריער אַרויפגיין אויפן פיינט הינטן אַרום דורך בית חגלה און עמק קציץ און בית ערבה, טאָמער וועט די מלחמה אַזוי אַרום אָפּגיין מיט ווייניקער בלוט?

יהושוע, ער וואָס האָט זיך פאַרשוואוירן נישט צו פאַרזייען די ערד מיט די טויטע לייבער פון זיין חייל און געהאַט אויף זיין האַנטפלאַך די פּליינען און דאָס באַרג־לאַנד, ער האָט זיך צוגעהאָרכט צו די רייד פון זיין הויפּטמאַן און געזאָגט:

— דאָס טויער פון כנען איז יריחו, און ברעכן ווען מיר עס דורכברעכן!

כלב איז אַוועק, אָבער נאָכן האַלבן טאָג האָט יהושוע אים אויפגעזוכט אין לאַגער און געהייסן אויסקלייבן צוויי אומדערשראָקענע מענער און אינאיינעם מיט אים זאָלן זיי אַרומגיין אַ טאָג מיט אַ נאַכט איבער דעם אָפענעם לאַנד. די דריי שליחים, איבערגעטון אין קליידער אַזוי ווי די באַוואוינערס פון לאַנד, האָבן זיך געשטעלט פאַר יהושוע'ן. און נאָכדעם ווי דער קריגספירער האָט זיי אַרויסגעשיקט פון לאַגער, האָט ער געבעטן ביים אַלמעכטיקן: גאָט פון ישראל, בענטש די ערד אונטער זייערע פיס און דעם הימל איבער זייערע קעפּ, אַז זיי זאָלן דורכגיין די אומבאַקאַנטע וועגן און צוריקקומען אין דער מחנה אין פרידן.

די שליחים זענען געגאַנגען אונטער דער גליענדיקער זון און אַריין אין דעם הינטערלאַנד, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צמרים און בית אל און ווייטער אַראָפּ ביז צו די טאָלן, וואָס אַרום עוים און פרה און עפרה. ביים אַראָפּלאָז צום שיידוועג הינטער גבעון האָט כלב זיי געהייסן ציען ווייטער ביז רמה און אַליין איז ער פאַרשוואונדן אין דעם אויסהויל פון אַ באַרג, אַזוי ווי אַ שלאַנג וואָס גליטשט זיך אַריין אין איר נאָרע.

ווען ער איז אַרויסגעקומען פון יענער זייט באַרג־דורכהאַק, האָט די אויסגייענדיקע זון זיך אַראָפּגעלאָזט אין מערב. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אויסגעשפּרייט פעטע לאַנדשטיקער מיט תבואה־פעלדער און וויינגאָרטנס. בלויע וואַסער־שטראָמען זענען אַראָפּגערונען פון די רויטע פעלזן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעהויבן ווי פלאַמענדיקע טורעמס. דער אויסשפּרייט פון גרינע היגלען איז געווען באַדעקט מיט אָליוון־וועלדער, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעקאָלערט ביז צופוסנס אַ שמאָלן טייך. כלב איז געווען מיד פון וועג, אָבער די מידקייט האָט נישט געקענט אויסלעשן זיין התפעלות, ווען ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף דעם געבענטשטן לאַנד.

ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ פעלז און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער. אין ליכט פון שקיעה איז ער געבליבן שטיין ווי אָדם פאַר דער

ערשטער בושה. ער האָט געוואַשן זיין לייב אונטער די קאַלטע שטראָמען און דערנאָך זיך אָנגעטון און געגעסן די מאָגערע שפּייזן, וואָס ער האָט מיטגענומען אין אַ זעקל. צו מזרח, אין אַ טאָל האָט ער דערזען אַ נידעריקע שטאָט מיט גרויע הייזער. די ערשטע פֿאַקעלן האָבן דאָרט שוין געברענט פֿאַר די שוועלן. ער האָט געהאַט אַ באַגער אַראָפּצוגיין פֿון פֿעלז און זיך געקווייקלט. ער האָט געזאָגט: איך וועל איבערוואַרטן די נאַכט. ווען די זון איז אויסגעגאַנגען, האָבן מידע ווינטן געבלאָזן פֿון מערב און די לופֿט איז געוואָרן אָנגעטרונקען מיט דופּטיקע ריחות.

כלב האָט געקוקט אויף דעם אויסשפּרייט איבערביידע זייטן ירדן און געוואוסט, אַז איבער דער טריקעניש זענען דורכגעגאַנגען די חיילות פֿון אַלע פֿעלקער אין כנען. דאָ האָבן זיי געפֿירט צווישן זיך מלחמות. שלאַכטמענער זענען אומגעקומען און איינוואוינערס זענען פֿאַרלענדט געוואָרן. אַצינד זענען יענע וועגן געוואָרן אַ דורכגאַנג פֿאַר הענדלער־קאַראַוואַנען. אין דער נידערונג זענען געשטאַנען אָרעמע הייזער, געצעלטן פֿון וואַנדער־שבטים און סטאַדעס שאָף האָבן דאָרט זיך געפּאַשעט. ווי גרויס קען זיין דער ווידערשטאַנד פֿון אַ פֿאָלק, וואָס זיצט אין אַזוינע רו־ערטער? — האָט כלב געפֿרעגט — דאָ רויכערן נישט קיין מזבחות און פֿאַלשע כהנים וואַרפֿן נישט קיין לעבעדיקע קרבנות אין די מיילער פֿון ברענענדיקע געצן. מען זעט נישט קיין שטערנזעערס און קיין צויבערלייט. ווי פֿרידלעך וועט זיין דאָס דאָזיקע אָרט פֿאַר מיין פֿאָלק? ער האָט געקוקט צו די שטערן, אָבער זיינע אויגן האָבן באַגערט שלאָף. דער מידער גוף האָט געבענקט נאָך רו. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן פֿעלז און איז באַלד איינגעשלאָפֿן.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען סוף נאַכט, אָבער די באַרג־שפּיצן האָבן נישט צוגעלאָזט דעם פֿריען זונאויפֿגאַנג. ער האָט געוואַרט ביז העלע שטרייפֿן האָבן באַדעקט דעם הימל־אויסבויג און דאָס ליכט פֿון טאָג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דעם אויסשפּרייט. דערנאָך איז ער אַראָפּ פֿון פֿעלז און זיך געלאָזט צו דער נידעריקער שטאָט.

ג

ער איז געטרעטן אויף דעם רויטן זאַמד, געוואַשן פֿון פֿרישן מאָרגנטוי. די ערד איז געווען שטייניק, אָבער ער איז געגאַנגען ווי אויף ווייכן גראָז. זיין האַרץ האָט געפֿלאַטערט ווי ביי אַ וואָגלער, וואָס שפּרייזט אַנטקעגן אומגע־ריכטע געשעענישן. ער האָט זיך געשטאַרקט און דערפֿילט אַ הונגער, אָבער די שרעק צו עפּענען פֿרעמדע טירן האָט גובר געווען דעם באַגער צו עסן. ער האָט

פלינק זיך געטראָגן צו די גרויע הייזער און איז פאַרביי אַ גרינע אַזיערע, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אַזוי ווי אַ ים־בוכטע. דאָרט האָט אַ הייפל פישער־לייט געפלאָכטן נעצן און נעבן אַן אָפענער בויד איז געשטאַנען אַ פייערפאַן מיט געבראָטענע פיש. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי באַגריסט אין פרידן. די פאַרטונעע פישערלייט האָבן נישט אויפגעהויבן די אויגן אויף דעם פרעמדן און געשוויגן. פּלוצים איז פון דער בויד אַרויסגעקומען אַ הינקענדיקער מאַן מיט טונקעלע געדרייטע לאָקן ווי שלאַנגען. ער האָט גייציק אָפּגעמאָסטן כלב'ן פונעם נאַקן ביז צו די קנעכלען און זיך אויסגעדרייט צו די פישערלייט.

— נאָך איינער איז געקומען פונעם ברעג פון גרויסן ים. איז ער אַן אָרעמער וואַנדערער אָדער אַ שליח פון דעם מדבר־פאָלק, וואָס רוט ביים ירדן?

און ער האָט ווידער אָנגעשטעלט די אויגן אויף דעם צעטומלטן כלב. זיינע נאָזלעכער האָבן געשניפּט ווי ביי אַ לוסטיקער רויב־חיה.

— ביזט מיד און הונגעריק, פרעמדער — האָט ער געזאָגט — און דו טראָגסט אָרעמע קליידער. אָבער דורך בייטן די הויט ווערט נישט פון אַ וואָלף אַ פוקס. און אַ מאַן פון ירדן־ברעג קאָן זיך נישט פאַרשטעלן פאַר איינעם, וואָס קומט פון מדבר. ווער ביזטו פרעמדער? דער ווינט פון מערב בלאָזט אייך אַהער ווי דער ים בלאָזט אַהער דעם ריח פון זאַלץ. אויב דיין בייטל איז פול, זעץ זיך ביי דער פייערפאַן. אַ געבראָטענער פיש אין פרימאָרגן וועט זעטיקן דיין הונגער.

כלב האָט געעפנט דעם בייטל אַרום זיין בויך־באַנד און אים דערלאַנגט אַ מטבע. דער פישערמאַן האָט אים געגעבן אַ פיש מיט ברויט. נאָכן אָפּעסן האָט כלב געלויבט דעם באַשעפער פאַר דעם ערשטן מאָלצייט און זיך געגרייט אין וועג אַריין. דער הינקענדיקער פישערמאַן האָט נישט אַראָפּגענומען פון אים די אויגן.

— דו פרעמדער — האָט ער געזאָגט — האָסט זיך נישט געקענט פאַר־שטעלן פאַר אַ הענדלער און נישט פאַר קיין פּריסטער. דיין פּנים איז ערלעך. פון וואַנען קומסטו? ביזטו אַ פאַסטוך, וואָס האָט פאַרלוירן די שאָף?

דעם פישערמאַנס שאַרפע אויגן האָבן מער נישט געשראָקן כלב'ן. אויף זיינע ליפּן זענען שוין געווען ווערטער פון ליגן.

— איך קום פון עפרה — האָט ער געענטפערט — און איך זוך אַרום מיין קרוב, וואָס איז געוואָרן אַ יורש פון אַ גרויס פאַרמעגן, אָבער ער ווייסט נישט דערפון. ער וואַנדערט איבער דער וועלט און קיינער האָט אים נישט דערציילט, אַז אין זיין שטאָט וואַרט אויף אים רייכטום. אפשר האָסטו אים געזען, פישערמאַן?

— הלוואי וואָלט איך געווען דער יורש — האָט יענער לוסטיק זיך

צעלאַכט — די גוטער וואַלטן מיך באַפרייט פון שלעפּן די נעצן און בראָטן די פיש פאַר די ים־לייט. ווילסט אַריבערשווימען דאָס וואַסער און אָנקומען אין בצרה? דער פאַרלוירענער יורש וואָלט אוודאי צווישן די רייכע הענד־לערס פון איילן און געווירצן. זיי זוכן שטענדיק שיק־יונגען און זיי זעצן אַרויף אויף זייערע קעמלען אַלע פאַרבלאָנדזשעטע אַרומשלעפּערס.

כלב איז גרייט געווען צו זען דאָס לאַנד אויף יענער זייט וואַסער. ער האָט געקוקט אויף די קליינע שיפלעך, וואָס האָבן זיך געהוידעט איבער דער וואַסער־פלאַך.

— דו דאַרפסט נאָר אויסקלייבן איינס פון די שיפלעך — האָט דער פישערמאַן געזאָגט — די פוילענצער שלאָפן דאָרט גאַנצע טעג און קיינער האָט נישט קיין נוצן דערפון. ווילסט, אַז אַ פישערמאַן זאָל דיך פירן אַהין?

— איך וועל אַליין פירן דאָס שיפל — האָט כלב אַנטשלאָסן געזאָגט.

— דו קענסט איינגעשלונגען ווערן פון די כוואַליעס און דאָס האַלץ פון דער שיף קען נאָך פאַרברענט ווערן פון דער פלאַמענדיקער זון. אָ, די הייסע זון! זי איז אַזוי דאַרשטיק, אַז זי קאָן אויסטרינקען דעם גאַנצן ים!

— דו טאָרסט נישט שפּעטן פון דער זון! — האָט כלב שטרענג געזאָגט — היט זיך פון איר נקמה! זי האָט גענוג פייער צו פאַרברענען די וועלט, אויב דער אַלמעכטיקער אין הימל זאָל אַזוי באַפעלן.

ער האָט שוין חרטה געהאַט אויף די צאָרנדיקע ווערטער, וואָס האָבן אים געקענט אויסגעבן צו דעם געצנדינער. ער האָט געוואָלט זאָגן פאַלשע רייד, וואָס זאָלן פאַרטרייבן דעם פאַרדאַכט ביים פרעמדן. אָבער אין יענער רגע האָט ער דערהערט דעם אויפשאַל פון אַ טראָמפּייט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און געזען ווי די טירן פון די נידעריקע הייזער עפענען זיך און מענער אין האָריקע לייבגאַרטלען און פרויען אין לייכטע דעקטיכער לויפן אַרויס און טראָגן זיך צום פעלזנבאַרג, וואָס פון יענער זייט שטאָט. ער האָט זיך דערנעענטערט צום לויפנדיקן המון און געוואָלט וויסן וואוהין אַלע איילן זיך. ער איז באַלד אַריינ־געשלעפּט געוואָרן אין געדרענג און איז געטראָגן געוואָרן מיטן שטראָם אַזוי ווי אַ שפּענדל אויף דער אויבערפלאַך פון ים. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער מענגע און איז געשטויסן געוואָרן פון עלנבויגנס און פויסטן. פּלוצים האָט ער האַסטיק זיך אָפּגעשטעלט ווי זיין לייב וואָלט אָנגעגאָסן געוואָרן מיט גבורה. ער האָט אויסגעשפּרייט צוויי שטאַרקע אָרעמס און פאַרהאַלטנדיק אַ פּאָר דורכ־לויפערס, האָט ער געפרעגט וואוהין זיי איילן זיך.

— פרעמדער — האָבן זיי זיך געוואונדערט — צי ווייסטו דען נישט, אַז היינט איז דער טאָג ווען די פּריסטערס גייען מקריב זיין די ערשטע דריי נייַ־

געבוירענע צום בעל? פארהאלט אונדז נישט. לאז דורך אדער קום מיט אונדז. צי ווילסטו דען מיר זאלן פארשפעטיקן דעם הייליקן פייערטאג?

ער האט זיך געטראגן אינאיינעם מיט זיי און אינגיכן איז פאר זיינע אויגן ארויסגעשוואומען דער פעלזנבארג ווי א מעכטיקער טורעם, וואס די געטלעכע האנט האט אויסגעהאקט אינמיטן דער ווילדערניש. א המון איז געשטאנען צופוס'נס. די טרעפן צום בארג־שפיץ זענען געווען באדעקט מיט טייערע טעפי־כער אזוי ווי די שוועלן פאר א פאלאץ. דריי וועגענער געשפאנט אין אקסן, אנגעלאדן מיט קרבנות פאר דעם הונגעריקן געץ, זענען צוגעפארן צום פעלזנ־בארג. אויף איין וואגן זענען געווען קליידער פון זייד, וועבארבעט און טייערע לייווענטן פון מצרים. די דאזיקע געוואנדן האבן רייכע אדללייט אויסגעטון פון זייערע לייבער, כדי צו ווייזן זייער הכנעה צום פארשווענדערישן אפגאט. עס זענען דארט געלעגן קרוינען מיט געווירצן, זעלטענע פייגל, יאגד־הינט, ציגן מיט געפארבטע הערנער און אן אקס מיט ווייסע פיס. אויפן צווייטן וואגן זענען געשטאנען די דענקמעלער און אפבילדער פון אלע אפגעטער אין כנען, און פריילעכע יונגפרויען, אנטבלויזט פונעם נאקן ביז צו די פיס־פינגער, האבן פארשייט געטאנצט ארום די שטיינערנע געצן.

אויפן דריטן וואגן זענען געזעסן דריי מאמעס, האלדזנדיק און קושנדיק צום לעצטן מאל זייערע ערשט געבוירענע זין, וואס דער עלטסטער פריסטער האט פארלאנגט פאר די פלאמענדיקע ארעמס פון דעם גרויזאמען מולך. די מאמעס האבן געבראכט די קרבנות מיט פארבלוטיקטע הערצער און געקוקט ארויף צום גליענדיקן הימל, בעטנדיק רחמנות. אבער דער שטומער הימל האט נישט געוויזן קיין בארמהארציקייט צו די אומגליקלעכע פרויען.

כלב, תמיד דערוויטערט פון אומווירדיקע פלעצער, איז אצינד אין גע־דרענג צוגעשטופט געווארן צו די שטיינערנע שוועלן פון בארג. און ווי ער האט מיט עקל באטראכט די טומלדיקע געצענדינערס און פריסטערס, וועלכע האבן אויפגעשפילט אויף זייערע פלייטן און טרומייטן צו פארטויבן דאס געוויין פון די מאמעס, האט ער דערזען ווי אויפן שפיץ בארג זעצט זיך אוועק דער עלטסטער פריסטער נעבן דעם פלאקערדיקן מזבח. זיין שטול, אזוי ווי א טראן, איז געווען איבערגעצויגן מיט געהאמערטן גאלד. איבער אים איז געהאנגען א חופה פון פורפור און זייד, אויף זיין קאפ א רויטע הויב, באצירט מיט איידלשטיינער ווי א קרוין. ער האט געהאלטן א בראנדזענע שווערד און מיט זיין שטייף, גרויזאם פנים האט ער אליין אויסגעזען ווי א פארגליווערטער געץ.

ווען די שאלנדיקע טרומייטן האבן אנגעזאגט, אז דער עלטסטער פריסטער גייט ארייננווארפן די לעבעדיקע קינדער אין דעם פייערדיקן בויך פון בעל, האבן די מאמעס אויסגעבראכן אין א געוויין און שטארקער צוגעדריקט די

עופהלעך צו זייערע הערצער. אָבער די פריידיקע קולות פון המון האָבן פאַר־שטומט זייער געיאָמער. כלב האָט אויפגעציטערט. געטריבן פון אַ ווידערווילן צו אַנטלויפן פון דער שרפה פון גאָטס לעבעדיקע באַשעפעניש, האָט ער מיט די פויסטן זיך דורכגערייניקט אַ וועג אין געדרענג ביז ער האָט זיך דערוויי־טערט פון דעם אָרט פון לעסטערונג. ער איז שוין געווען אויפן וועג צוריק צום ברעג פון וואַסער, ווי ער האָט דערשפּירט אַ האַנט אויף זיין אַקסל. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען אַ האַלב נאַקעטן מאַן, באַוואַקסן ווי נמרוד, גע־וויקסיק ווי אַ חיות־פעכטער.

אַ דערשראָקענער האָט ער אויסגערופן:

— איינער פון די ענקים!

און ער האָט געוואָלט אַנטרינען פון דעם אָרט. אָבער דער ריז האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— פאַרוואָס שרעקסטו זיך? האָסט געהערט פון אַ וואַנדערער, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אַלע געסט אין רחב׳ס גאַסטהויז?

— גומר!

גומר האָט אַרויפגעלייגט אַ האַריקע האַנט אויף כלב׳ס ליפּן.

— מיין נאָמען אַזוי ווי מיין שטאַם איז פאַרבאָטן. קום.

כלב האָט אים קיינמאָל נישט געזען אין בלוט און פלייש, אָבער ער האָט אים דערקענט, ווייל ער איז געשטאַנען פאַר אים אַזוי לעבעדיק ווי רחב האָט פאַר אים אויסגעמאָלן דעם דאָזיקן ווידערשפּעניקן ריז. דאָס בלוט האָט אין אים אויפגעזאָטן, ווען גומר האָט דערמאָנט רחב׳ס נאָמען, אָבער ער האָט איר געשטאַלט באַלד פאַרטריבן פון זיין מחשבה. גומר האָט געהאַט אַ פעל אַרום די לענדן. זיין רויטער גוף איז געווען ווי אַ באַוואַקסענער פעלז און די באַלענס אויף די אָרעמס ווי קיזלשטיינער. ער האָט געהאַט אַנגעצויגענע אָדערן אויפן האַלדז ווי וויקלשטריק און די באָרד אַרום די קינבאַקן איז געווען ווי אַ געפלעכט פון דערנער. ער האָט אַ שלעפּ געטון כלב׳ן און אין איילעניש אים געפירט הינטער זיך ביז מען האָט דעם המון מער נישט אַרויסגעזען. זיינע אויגן האָבן סודותדיק געבליצט. כלב האָט נישט געדאַרפט זיך אויסגעבן ווער ער איז און פונוואַנען ער קומט, וואָרום גומר האָט געוואוסט אַלע פאַרבאָרגענישן פון זיין האַרץ.

— גיי נישט אַריין טיפער אין לאַנד — האָט ער געזאָגט — דו וועסט צוקומען צו שטעט, אָבער די טויערן וועלן זיין פאַרשלאָסן. וועסט אָנקלאַפּן אין טירן פון הייזער, אָבער זיי וועלן זיך נישט עפענען. אַ גרויסע בהלה איז באַפאַלן די באַוואוינערס פון לאַנד און די קריגספירערס אַליין זענען פאַרציטערט.

— פאַר וועמען?

— פּאַר יהושוע דיין קריגסהאַר. זיין שטאַרק חייל וועט זיך אַראָפּלאָזן ווי אַ הייזשעריק אויף דעם לאַנד. ביז היינט האָבן זיי נישט געגלויבט, אַז אַ מחנה שקלאַפּן קען בייקומען שטאַרקע פעלקער. און דו וואָגלער, ווער ביזטו? זיין קריגסמאַן אָדער קנעכט?

כלב האָט געשוויגן. ער האָט אַ פאַרווירטער געקוקט אויף אים און גע־טראַכט: ער, גומר, וואָס זיין נאָמען טאָר נישט דערמאָנט ווערן אויף קיינעמס ליפּן, טראָגט זיך מיט דעם ווינט אין די געבערג און אין דער נידערונג. דער פאַרלויפער פון ישראל איז ער. אַן אַנשפּאַר פאַר אונדזער חייל פון אינעווייניק, אַ זייל וואָס אויף אים וועלן זיך אָנלענען די זיגערס פון יריחו.

ער האָט געפרעגט:

— די כנענים, וואָס זאָגן זיי וועגן יהושוע מיין קריגסהאַר?

גומר האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אים איינגערוימט:

— זיי זאָגן, אַז אין די פעלדן פון זיין מאַנטל האַלט ער מלחמה און פרידן.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנטפלאַך אויף כלב׳ס נאַקן. זיינע אויגן האָבן געברענט ווי שטורקאַצן.

— און נאָך זאָגן זיי: יהושוע׳ס גאָט וועט פאַראויסגיין פאַר אייער חייל. ער וועט אָנטון קליידער פון מלחמה און זיך איינוויקלען אין אַ דעקטוך פון צאָרן.

מיט שטומע צייכנס האָט גומר אים געהייסן נאָכגיין. זיי זענען אַריין אין אַן ערד־אויסהויל און ווי טיף זיי זענען אַרונטער פון דער אויבערפלאַך, אַזוי טונקל איז געוואָרן אין אויסהויל. זיי זענען געקראָכן אויף ברוכשטיקער פון חורבות און דערנאָך געבליבן שטיין אויף האַרטער ערד ווי אויף אַ שטיינ־פלאַסטער. אין דער פינסטער האָבן גומר׳ס אויסגעשפּרייטע הענט אָנגעטאַפּט די באַלקנס און ווי אַ בלינדער, וואָס קען זיין וועג אין דער פאַרלאָשענער וועלט, האָט ער זיך איינגעבויגן און מיטגעשלעפּט כלב׳ן.ביידע זענען ווי מוילוואורפן ווידער געקראָכן צווישן שטיינער אין דער חורבה אַזוי לאַנג, ביז שטראַלן ליכט זענען געפאַלן אויף זייערע פּנימער. זיי זענען געשטאַנען ביי אַן אַרויסגאַנג. אין דער עפענונג, וואָס איז געווען פאַרגאָסן מיט ליכט, איז געלעגן אַ בייטל מיט געטריקנטע טייטלען. דערנעבן האָבן זיי דערזען אַ קרוג וואַסער. זיי האָבן זיך צוגעזעצט מיט די רוקנס ביי אַן אָפּגעקרישלטער וואַנט. כלב האָט אַראָפּגע־וואָרפן די קליידער און געוואַשן די פיס. גומר האָט אַ הונגעריקער געשלונגען די טייטלען. וואָלטן די צוויי מענער, וואָס האָבן אין דער באַהעלטעניש אויס־געזען ווי אומגליקלעכע בעטלערס, זיך געטראָפן אין דעם הויז פון די אויסדער־ווייִלטע, וואָלטן קנעכט געוואַשן זייערע לייבער און דינסטן וואָלטן געזאַלבט זייערע בערד.

אָבער ביידע גיבורים, וואָס האָבן פאַרגעסן פון די תענוגים פון דער וועלט,

זענען געוואָרן פריילעך פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש. און גומר האָט דערציילט אַלץ, וואָס עס איז געשען אין יריחו נאָכדעם ווי קעניג צוען איז אומגעקומען. אין דער בהלה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דער פעסטונגשטאָט, האָבן די פּריסטערס גערופן דאָס פאָלק אין גרויסן טעמפּל אַנצוזאָגן, אַז נישט די באַטריגערס האָבן געטויט דעם גרויזאַמען הערשער, נאָר אַ געטלעכע קראַפט האָט אַרויפגענומען דעם מלך אין הימל אַריין, נאָכדעם ווי דער מעכטיקער ב ע ל אַליין האָט אים איינגעקלעמט אין זיינע אָרעמס. דאָס פאָלק האָט גע־גלויבט, אַז בעל האָט באַוויזן אַ גרעסערן נס ווי דער גאָט פון ישראל, וואָס וועגן אים ווערט דערציילט אין די אַלטע פּאַרמעטן, אַז ער האָט געוויזן וואונדערצייכנס מיט נח'ן און משה'ן. פון גרויס פרייד האָט דער המון אָפּגעגעבן דעם טעמפּל דאָס צירונג. די פּריסטערס, די דינערס פון די געצן, האָבן זיך געפרייט מיט דעם טייערן פּרייז, וואָס די אומוויסנדיקע מענער און פרויען צאָלן פאַר אַ נס, וואָס איז קיינמאָל נישט געשען. בערג מיט גאָלד האָבן זיי אָנגע־זאַמלט אין זייערע קאַמערן.

דריי פייערטעג זענען אויסגערופן געוואָרן אויף די מערק און גאַסן פון יריחו. הונדערטער לאָגלען וויין זענען אַריינגעגאָסן געוואָרן אין די הייליקע טייכן און מיט דעם בלוט פון די פרישע קרבנות האָט מען אויסגעשמירט די גרונטפעסטן פון די טעמפּלען. ווען די דריי פייערטעג זענען אַריבער, איז די רוישיקע שטאָט געוואָרן שטיל ווי אַ פעלד מיט קברים. די באַזויפענע מאַנסלייט זענען נישט אַרויס פון די הייזער און ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל אַרבעטן. די פרוכטן זענען נישט אַראָפּגענומען געוואָרן פון די פייגנביימער. פאַרלאָזן זענען געוואָרן די וויינשטאָקן און די תבואה איז נישט געשניטן געוואָרן. אין שטאָט האָבן די הענדלערס אָפּגעשטעלט די קאַראַוואַנען און אויפן ים האָבן די שיפן נישט אויפגעהויבן די אַנקערס, ווייל עס האָבן אויסגעפעלט ים־לייט זיי צו פירן.

און נאָך האָט גומר דערציילט: אין דער גרויסער פאַרבלענדעניש איז איין אומדערשראָקענע פרוי אויפגעשטאַנען קעגן די רויבערס פון פאָלק. רחב, די שיינע גאַסטביטערין פון יריחו. זי איז אַרויס אויף די מערק און געוואָרנט, אַז די פּריסטערס האָבן אויסגעליידיקט דאָס רייכטום פון דער קרוינשטאָט, אַז שיפן מיט אָנגערויבטע סחורות זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין ווייטע שטעט און דאָרט האָט מען געצאָלט דעם העכסטן לוין, ווי ס'איז דער שטייגער, צו צאָלן פאַר שווערע גנבות. די בייטלען מיט גאָלדשטיקער האָבן צוגענומען דער עלטסטער כהן, דער ריכטער און זייערע אונטערגעקויפטע. אָבער רחב, די שיינע און ערלעכע, וואָס העכער פון אַלע פּערל אין דער וועלט איז איר ווערט, זי וואָס שפּרייט אויס איר האַנטפלאַך צום אָרעמאַן און אירע

הענט שטרעקט זי אויס צום געיאָגטן, זי האָט זיך אָנגעטון אין קליידער פון פײַנלײַנען און פּורפּור און איז ווידער אַוועק צום טויער פון פּאַלאַץ. זי האָט פאַרזאַמלט אַ המון און אויסגעגעבן פאַר זיי דעם סוד, אַז די מערדער פון דעם קעניג צוען האָבן באַשווינדלט דאָס פאָלק איידער די שטאָט וועט פאַלן פאַר די אויגן פון די באַלאַגערערס, ווי ים־רויבערס האָבן זיי אויסגעפּלינדערט די שאַצקאַמערן איידער עס קומט דער טאָג פון אונטערגאַנג.

אַ גרויס אומגליק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף יריחו. די פירשטן האָבן רחב׳ן געוואָלט אונטערקויפן. די שלאַכטמענער האָבן באַגערט צו טיילן איר געלעגער, אָבער זי האָט אַלעמען פאַרטריבן מיט חרפּה. דאָס אָפּגענאַרטע פאָלק האָט געוואָלט צערייסן די באַטריגערס, וואָרום עס איז נישט געווען אַזאַ כוח אונטער דער זון, וואָס זאָל קאָנען צוימען דעם צאָרן פון דעם אויפגערעגטן המון. יענעם טאָג איז דאָס חייל פון ישראל אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן און די דער־שראָקענע קריגסלייט האָבן צונויפגעזאַמלט די אויפגערעגטע באַוואוינערס און פון די העכסטע טורעמס האָבן זיי געוואָרנט: צי ווילט איר אומקומען אין אַ ברידער־קריג אָדער די פאַרלענדונג פון דעם שונא ווילט איר? לאָמיר באַפעס־טיקן אונדזער שטאָט, אַז מיר זאָלן נישט פאַלן אין שאַנד פאַר דער שווערד פון ישראל! און דאָס פאַרציטערטע פאָלק איז אַוועק אויפריכטן די מויערן און שטאַרקן די פעסטונגען.

און גומר האָט דערציילט פאַר כלב׳ן, אַז די בהלה אין יריחו וועט באַלד זיך איינשטילן, וואָרום די קריגסלייט וועלן וואַשן מיט זייער בלוט אירע מויערן. און ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט וועגן דער בראַך פון דער פעסטונגשטאָט ביז די זון איז געווען הויך אין הימל. דערנאָך האָט ער כלב׳ן אונטערגעאײַלט אַרויסצוגיין פון דעם לאַנד איידער די נאַכט פאַלט צו און אים געוואָרנט, ער זאָל זיך נישט אַ קער טון פון רעכטס ביז לינקס.

— ווען איך וועל דיך ווידער טרעפן, וועלן מיר שטיין אין דער ברענענ־דיקער שטאָט — האָט ער געזאָגט — איך וועל אין בינדשטריק דיר אָקעגנטראָגן דעם נייעם הערשער פון כנען.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין קווינקלניש, דערנאָך געדריקט כלב׳ס אָרעמס און ווידער געזאָגט:

— איך וועל אויף דער מויער אָנשטעכן זיין קאָפּ.

און ער האָט אין איילעניש פאַרלאָזט דעם ערד־אויסהויל.

כלב איז דורכגעגאַנגען ברייטע לאַנדשטיקער. פון בטחון וואָס גומר׳ס רייד האָבן אים פאַרשאַפט, האָט ער פאַרגעסן די וואָרנונג פון דעם גיבור. ער האָט נישט אויסגעמיטן די אָפענע וועגן און געטראָפן די שניטערס אויף די פעלדער און געזען ביי די שוועלן פון שטיבער די עלטסטע פון פאָטערהייזער.

ער האָט זיך נישט באַהאַלטן אין היילן אָדער אין די שפּאַלטן פון בערג. ער איז נאָכגעגאַנגען קאַראַוואַנען־טרייבערס און גערעדט מיט די הענדלערס פון איילן און זיידענע געוואַנדן. ווען ער איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט אונטער אַ פייגנבוים און זיך געקוויקט מיט די שמעקעדיקע ריחות פון דעם בליענדיקן לאַנד. גראָד דענסטמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער אומדערשראָקענער רחב און ס'איז אים באַפאַלן אַ מורא, אַז די ווידערשפּעניקע פרוי ווערט געפּייניקט פון די קריגסלייט אין יריחו. צי וועל איך נישט פאַרשפּעטיקן אַרויסצוראַטעווען די דאָזיקע טויב פון די נעגל פון די רויבפייגל? — האָט ער געפרעגט. אין זיין קווינקלניש האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און זיך געטרייסט: ער, דער גאָט פון מאַכט, וואָס ער הויבט אויף די וועלען פון ים און טריקנט אויס טייכן; ער, וואָס די וואָלקנס זענען שטויב פאַר זיינע פיס און זיין אָטעם קאָן צעמאָלן די בערג, ער, דער אַלמעכטיקער וועט אויך באַשיצן די פרוי, וואָס האָט פאַרהיטן דאָס לעבן פון די אויסשפּירערס פון ישראל!

ביים זונאונטערגאַנג איז ער צוריקגעקומען אין לאַגער און זיך דערוואוסט, אַז די צוויי אויסקוקערס פאַר אים זענען אים פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט זיך געוואַשן, אָנגעטון די וואָפנקליידער און איז אַוועק צום געצעלט פון יהושוע צו דערציילן וואָס ער האָט געהערט פון די ליפּן פון די פישערלייט און הענדלערס און פון דעם ריז גומר, וועלכער מעסט אויס דאָס לאַנד און ער זעט אַלעמען און קיינער זעט אים נישט. כלב האָט אָנטפּלעקט אַלץ, אָבער דאָס וואָס ער האָט זיך דערוואוסט וועגן רחב'ן און אירע טואונגען, האָט ער פאַרשוויגן. ער האָט גערעדט מיט בטחון, אָבער זיינע רייד וועגן די סודות וואָס גומר האָט אויסגעגעבן, זענען נישט געווען פריי פון שרעק. דער קעניג צוען איז טויט, האָט ער געזאָגט, אָבער די קריגסמענער זענען גרייט צו שטאַרבן אויף די מויערן. די שטאָט האָט גענוג וואַסער אין די ציסטערנעס אויף זיבן טעג און אויך דאָס שפּייז וועט קלעקן אויף אַזוי לאַנג פאַר דעם חייל און פאַר די באַוואוינערס. אַלע כנענים זענען באַוואָפנט, די שייערן מיט כלי זין זענען אויסגעליידיקט און אַפילו צו די שקלאַפן האָבן די הויפטלייט אויסגעטיילט געווער. די מוטיקע קנעכט זענען געוואָרן שווערדן־שלייפערס און שטריק־פלעכטערס. די גאָלדשמידן האָבן פאַרריכט די אַלטע שליידער־מאַשינען. עס איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל מיט דעם בלויזן אָטעם איינוואַרפן די מויערן פון יריחו, האָט כלב געזאָגט, די שטאָט איז באַשיצט פון די טורעמס צו צפון און פון די פעסטונגען צו מזרח. געטרעפלטע פעלזנשטיינער, אויסגעהאַקט ווי לייטערס, זענען צוגעשטעלט צו די שויץ־ווענט. פעסער מיט ברען־אייל און קעסלען מיט גליענדיקע שטיינער און גיפטיקע פיילן זענען אָנגעזאַמלט אויף די ־עבער, אַרונטערצושליידערן אויף דעם חייל פון ישראל. די כנענים לויפן אַרום צאָרנ־

דיקע איבער די גאַסן פון יריחו. די הויפּטלייט האָבן זיך באַפּעסטיקט אויף די טורעמס אָנצוהויבן די מלחמה, נאָך איידער די באַלאַגערערס וועלן אָפּשניידן די וועגן פון דעם הינטערלאַנד. מיין האַר יהושוע, — האָט זיין הארץ געפּרעגט — צי האָבן מיר אָנגעשעפּט גענוג כוח איינצונעמען די מוראַדיקע שטאָט?

יהושוע האָט דערזען שרעק אין כלב'ס אויגן. דער קריגספּירער איז געשטאַנען אונטער דעם אויסגייענדיקן ליכט פון באַשאַף. אַקעגן דער צאַנקענדיקער זון האָט די באָרד אָרום זיינע באַקנביינער געגליט אַזוי ווי דאָס פייער פון שקיעה און זיינע אויגן האָבן אויפגעבליצט. ער איז גרייט געווען צו טרייסטן דעם צעטומלטן כלב: ווי אַן אָדלער וועט ישראל שוועבן איבער יריחו און אויסשפּרייטן די פליגל אויף אירע טורעמס. באַצווינגען וועט מיין חייל די שטאָט און איינגעמען די פעסטונגען, וואָרום די הערצער פון די גיבורים אין כנען וועלן אין יענעם טאָג זיין ווי דאָס הארץ פון אַ פרוי אין ווייען.

ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם פאַרווירטן הויפּטמאַן מיט אַ שווערן, שטרענגן בליק.

— גורט אָן, כלב — האָט ער דערנאָך געזאָגט — אין זיבן טעג אָרום וועט די מוראַדיקע שטאָט זיין שטויב פאַר אונדזערע פיס.

קאַפּיטל אַכצן

א

דאָס חייל פון ישראל האָט זיך נישט געאײַלט אַרויסצוגיין אין מלחמה אויף יריחו, אָבער די עלטסטע פון די שבטים האָבן אָנגעזאָגט, אַז די שטאָט איז אָפן פאַר פאַרלענדונג און די הויפּטלייט האָבן באַפוילן: ברעכט דורך און מאַכט חרוב! גייט אַריין און פאַרוויסט! ווייל פאַרטיליקן האָבן זיי געוואָלט דאָס הויז פון יעקב און פאַרשניידן דעם איבערבלייב פון ישראל, נאָך איידער אונדזערע פיס האָבן באַטרעטן דאָס לאַנד פון אונדזערע אבות.

די אומדערשראָקענע עלטסטע, די אייפערדיקע פירשטן, די אומגעדולדיקע אויפזעערס איבער הונדערט און די אויפזעערס איבער טויזנט זענען געטריבן געוואָרן צו דער שלאַכט גלייך מעכטיקע כוחות וואָלטן אומגעריכט אין זיי אויפגעוואַכט און גלייך ווי דער אָטעם פון גאָט אַליין וואָלט אויף זיי אַ בלאָז געטון. אָבער נישט פריער ווי די שופרות וועלן, אויף יהושוע'ס צייכן, אויפשאַלן מיט דעם גרויסן געשאַל, האָט די שלאַכט געזאָלט אויפפלאַקערן. יהושוע איז געריטן אויף זיין לויף־פערד אַרום דער מחנה. זיין האַרט פנים איז געווען אַ דורכגעברענטער דאָרן. זיינע אויגן האָבן געפלאַקערט ווי צוויי פייערקוילן. די צונג האָט באַפוילן און דאָס קול האָט געדונערט ווי די גרונטפעסטן פון דער וועלט וואָלטן געלעגן ביי זיינע פיס. גאַנץ כנען האָט זיך אויסגעשפּרייט הינטער די הויכע מויערן און דעם קעניגס שטאָט איז געווען פאַרלאָזן פון די געטרייע. אַ רוף, וואָס איז געקומען פון די העכסטע הויכן, האָט געשאַלט אין יהושוע'ס אויערן: פאַר דעם קריגסהאַר איבער ישראל'ס חייל האָב איך דיך אויסדערוויילט, אַז דו זאָלסט פאַרוויסטן יריחו און זאָלסט אָפּצאָלן פאַר דעם בלוט פון מיינע קינדער, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף זייערע וואָגלענישן פון מצרים ביז אַהער.

אויפן צווייטן פרימאָרגן האָט יהושוע איינגעזאַמלט די עלטסטע פון די שבטים און באַפוילן, זיי זאָלן אַרומפירן דאָס באַוואָפנטע חייל אַרום די מויערן

יעדן טאָג, פון זונאויפגאַנג ביזן האַלבן טאָג. און דער ארון פון בונד זאָל גיין פאָראויס און זיבן כהנים זאָלן טראָגן פאַר זיי זיבן האָרנס פון ווידערס, אַז אַ נייער גייסט זאָל רוען אויף די שלאַכטמענער און אַז זייערע אָרעמס זאָלן אָנגעגאָסן ווערן מיט דער גבורה פון לייבן, וואָרום דער כוח וואָס איז שטאַרקער פון דער מאַכט פון אַלע רעגירערס וועט אין זיי אויפוואַכן: צו מלחמה און צו נצחון!

די עלטסטע האָבן געפאָלגט. די הויפּטלייט זענען אַרויס צום חיל און די בוימייסטערס זענען אַוועק אויפצוריכטן די מויערן. די שמידן און די יונגען מיט די בראַנדהעלצער האָבן אויף וועגענער, געשפּאַנטע אין אָקסן, צוגעפירט צו די ווענט די אייזערנע שטוים־הערנער, די שטריק־לייטערס און די שטאַנגען מיט די שטיינער־שלײדערערס. גדיאל האָט באַפוילן אָנצושפּאַרן צו צוויי שטוים־הערנער ביי איטלעכן טויער און צו צוויי שטיינער־שלײדערערס ביי יעדן טורעם. און צופוסנס די מויער־שוועלן פון דער פאַרזיגלטער שטאָט האָט ער אַריינגעשטעלט פייער־שפּריצערס טיף אין די אויסגעגראָבענע אויסהוילן און זיי צוגעדעקט מיט פלאַנצן און גרינע וואַסער־רורען, ווי אַ שוץ קעגן אַ רעגן פון קאָכעדיקע אייל, וואָס די באַלאַגערטע כנענים וועלן אין זייער פאַרצווייפלונג אַראָפּגיסן.

ווען ס'איז געקומען דער דריטער טאָג פון דער באַלאַגערונג, האָט דאָס חיל וואָס האָט געוואַרט אויף דער גרויסער שאַלונג אָנצוהויבן די שלאַכט, געגעסן פעטע שפּייזן און געטרונקען שוימיקע זיסע געטראַנקען. דאָס חיל האָט די שפּייזן און געטראַנקען געקויפט אין די גאַסטהייזער, וואָס רירעוודיקע הענדלערס האָבן אויפגעשטעלט הינטער דעם לאַגער. זינט פעלקער האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן איבער לענדער, זענען אייגנטימער פון טרינקשטיבער און גאַסטהייזער פון אַרומיקע שטעט זיי נאָכגעגאַנגען מיט ברויט און פלייש, מיט פרוכטן און וויין און זיי געשפּייזט. און עס זענען געווען אויך הינטערליסטיקע הענדלערס, וואָס האָבן געברענגט יונגע פרויען פאַר דעם פאַרגעניגן פון מאַנסלייט. אין האַלבן טאָג איז פאַרן אַריינגאַנג פון איין גאַסטהויז, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ הויכער געצעלט מיט עפענונגען, געווען אַ גרויס געדרענג. די קריגסמענער האָבן איבערגעלאָזט זייערע פאָנען און די צייכנס פון זייערע פאָטערהייזער, נאָכדעם ווי די הויפּטלייט האָבן זיי אַרויסגעשיקט פון דער מחנה. זיי האָבן געטראָגן וואָפנקלײדער פון פאַרשידענע פאַרבן און געווען ענלעך צו קאָלירטע טויבן, וואָס זענען אָנגעפלויגן פון צעשטערטע נעסטן און פול געמאַכט די לופט מיט זייערע ברומענישן.

אין דער ענגשאַפט האָבן די טומלדיקע קריגסמענער זיך געשטופּט דורך די עפענונגען פון גאַסטהויז, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס צוריקגעקומען אויסגע־

הונגערטע נאָך אַ לאַנגער מלחמה. דאָס גרעסטע געררודער האָבן אויפגעהויבן די שלאַכטלייט צווישן די געפאַנגענע קנעכט, וואָרום פאַר זיי זענען נישט געווען גענוג די שפּייזן און געטראַנקען. זיי האָבן אויך פאַרלאַנגט פרויען, אַזוי ווי ס'איז דער שטייגער פון פרעמדע קריגסלייט: לוסטווייבער און יונגפרויען צו די, וואָס וועלן מיט אייפער אַרויסגיין שלאָגן דעם פיינט.

ווי נאָר די באַגערן פון די פרעמדע שלאַכטלייט זענען דערגאַנגען צו גדיאל'ס אויערן, איז ער אַ דערצאָרנטער אַריינגעשפּרונגען אין דעם צונויפגעטריקטן המון. ער האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף די מענער, וואָס די תאווה פון גוף איז געווען ביי זיי גרעסער איידער די לוסט צו מלחמה. דאָס ליכט פון דער זון האָט געגליט אויף זייערע קיווערס און ברוסטשילדן און ביי טייל איז דאָס בלוט פון די געבראָטענע פליישן נאָך געררונען פון זייערע ליפּן. ער האָט געשריען:

— פאַרוואָס שעמען זיך נישט די, וואָס פון זייערע מיילער רינט נאָך דאָס פעטס פון פרישע קעלבער? איך האָב געקלעטערט אויף הויכע בערג און מיין גומען האָט נישט פאַרזוכט קיין שפּייז. איך בין דורכגעגאַנגען טונקעלע הייבן און געפאַסט. אַ שטיין איז געווען אַ קישן ביי מיין צוקאָפּנס און אַ זומפּ איז געווען מיין בעט, אָבער כ'האָב פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקט מיין פּיין. ווען איך האָב געטיילט מיין נאַכטלעגער מיט עקדישן, האָב איך זיך נישט באַקלאָגט. אין אָפּענעם מדבר האָט מיין גוף געברענט אונטער דער גליענדיקער זון, ראָבן זענען געפלויגן איבער מיין קאָפּ, אָבער איך האָב געשוויגן אין מיין נויט. און איר, ווילדע לוסטיונגען, פלייש פון קעלבער פרעסט איר און וויין פון טרויבן זויפט איר, אָבער דעם הונגער פון אייערע תאווהדיקע לייבער נאָך פרויען קאָנט איר נישט צוימען! טאָ הערט מיך אויס, איר מוטוויליקע! אַזוי ווי דער הימל איז אַן עדות צווישן מיר און אייך, אַז צעשינדן וועל איך אייערע זינדיקע גופים, אויב צורירן זיך וועט איינער פון אייך צו אַ פרוי, איידער די שלאַכט וועט זיין אַריבער!

און ער האָט מיט זיין לאַנגן מעסטשטאָק אין זיין האַנט געשמיסן איבער זייערע קעפּ ביז זיי זענען אין גרויס בהלה צוריקגעלאָפן אין לאַגער אַריין.

ב

אויפן פערטן טאָג פאַר זונאונטערגאַנג איז כלב אַ דערשראָקענער געקומען צו יהושוע'ן און דערציילט, אַז אַ הייפל ווידערשפּעניקע זענען אַרויס העצן דאָס פאָלק קעגן די נשיאים פון דער עדה, קעגן די כהנים און קעגן די האַרבע געזעצן פון ישראל. און נישט קיין פּראָסטע פון המון זענען זיי געווען, האָט כלב

געזאָגט, נאָר הויפּטלייט פון שבטים, האַרן און עלטסטע פון פאָטערהייזער. זיי האָבן פאַרזאַמלט הינטער דעם אוהל מועד די מיט ביטערע הערצער און יענע מיט דערשלאָגענע געמיטער און גערעדט צו זיי הינטערליסטיקע רייד, וואָס טריפן אַזוי ווי האָניק: „גענוג פאַר יהושוע׳ן און זיינע משרתים צו געוועלטיקן איבער אונדז! דאָס גאַנצע פאָלק איז הייליק און דער אַלמעכטיקער איז צווישן אונדז. פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַרויסגעהויבן איבער גאָטס קהל? צי זענען מיר דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן וועג פון יסורים ביז אַהער, אַז די ווינציקע זאָלן טרעטן איבער פיל אַזוי ווי מען טרעט איבער ווערים?" און ווי נאָר די רייד פון לעסטערונג האָבן אָנגעצונדן דעם צאָרן ביי די דערשלאָגענע און פאַרביטערטע, איז אַרויסגעקומען איינער אַ לץ מיט דעם פּנים פון אַ פאָרכטיקן אָבער מיט דער צונג פון אַ לעסטערער. ער האָט געהאַט פרומע ליפּן אָבער אַ האַרץ פון אַ נידערטרעכטיקן יונג. האָט דער לץ, וואָס זיין נאָמען איז צפניה, דערציילט וועגן אַ באַרויבטער אַלמנה מיט צוויי יתומות, וואָס האָט אין מדבר פון מואב פאַרמאָגט אַ שטיק פעלד מיט אַן אָקס און אַן אייזל. האָט די אַלמנה געוואָלט אַקערן, האָט מען איר געוואָרנט: „זאָלסט נישט אַקערן מיט די צוויי חיות צוזאַמען!" איז זי געקומען זייען, האָט מען איר געזאָגט: „צי ווייסטו דען נישט, אַז דיין פעלד טאָרסטו נישט פאַרזייען געמישט?" איז זי געקומען שניידן און זאַמלען די תבואה אין גאַרבן, האָט מען איר דערמאָנט: „לאָז איבער ל ק ט, ש כ ח ה און פ י אָ ה!" איז זי געגאַנגען מאַכן אַ שייער. האָט מען זי אָפּגעשטעלט: „האָסט פאַרגעסן צו געבן תרומה. דעם ערשטן מעשר און דעם צווייטן מעשר". האָט די אָרעמע פרוי גענומען אויף זיך אַלע האַרבע דינים און נאָכגעגעבן. וואָס האָט דען די עלנטע געקענט טון?

דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען, פאַרקויפט דאָס פעלד און זיך איינגעשאַפט צוויי שעפּסן, כדי אָפּצושערן די וואָל פאַר אַ וואַרעם קלייד אויף איר לייב און כדי צו געניסן ווען זיי וועלן זיך קעלבן. איז געקומען די צייט און די שעפּסן האָבן געבוירן, האָט זיך באַוויזן דער עלטסטער כהן: „גיב מיר די ערשטלינגען, ווייל אַזוי שטייט געשריבן אין דער תורה: איטלעכן בכור זאָלסטו הייליקן צו גאָט!" האָט די אָרעמע פרוי ווידער אויסגעפאָלגט דעם דין. און ווי ס׳איז געקומען דער טאָג פון שערן, האָט זי זיי אָפּגעשוירן. האָט ווידער זיך באַוויזן דער עלטסטער כהן און געזאָגט: „די ערשטע שערונג פון דיין שאָף זאָלסטו מיר געבן!" האָט די פרוי זיך באַקלאָגט: „איך האָב מער נישט קיין כוח אויסצוהאַלטן פון דעם דאָזיקן מאַן, וועל איך די שעפּסן שעכטן און איך און מיינע טעכטער וועלן זיי אויפעסן". און ווייבאַלד זי האָט זיי געשאָכטן, האָט דער כהן ווידער געמאָנט: „גיב מיר דעם זרוע, די באַקן און דעם מאָגן. אַזוי ווי עס זאָגט דער דין." האָט זי פאַרבראָכן די הענט: „אפילו נאָכן שעכטן

זיי, קען איך פון זיין האַנט נישט אַנטרינען. זאָלן זיי אַ חרם זיין אויף מיר!״ האָט דער כהן אַ דערפרייטער צו איר געזאָגט: „וויבאַלד אַזוי, זענען זיי אײַנגאַנצן מײַנע, ווײַל אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איטלעכער חרם אין ישראל זאָל צו דיר געהערן!״ און דער כהן האָט צוגענומען די געשאָכטענע שעפּסן און איז אַוועקגעגאַנגען. האָבן די באַרויבטע פרוי מיט אירע טעכטער אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין.

און זייער געוויין איז געווען אַזוי הילכיק, אַז עס האָט געקענט הימלען שפּאַלטן. אָבער דאָס האַרץ פון דעם כהן גדול איז געווען האַרט ווי אַ שטיין און ער האָט נישט געהערט. און דער דין זאָגט דאָך: „זאָלסט נישט באַרויבן קיין אלמנה און יתומים!״ אָבער דער כהן האָט באַרויבט די אלמנה און נישט געשאָנעוועט די יתומה און דער הינטערליסטיקער צפניה האָט געזאָגט צו דער עדה: „אָ, איר קהל פון ישראל, עדה פון גאָט! צי גלויבט איר דען, אַז דער אַלמעכטיקער אַליין האָט אַזוינע גרויזאַמע דינים באַשאַפן און געהייסן די כהנים דאָס אַרויפצוצווינגען אויפן פאָלק?״

און כלב האָט ווייטער דערציילט פאַר יהושוע׳ן ווי דער ווידערשפּעניקער צפניה און אַלע אַרום אים האָבן גערופן דעם המון אויפצושטיין קעגן די פירערס פון ישראל און אָנהויבן לעסטערן די געזעצן פון גאָט, נאָך איידער זיי גייען אַריין אין לאַנד כנען.

דערהערנדיק די דאָזיקע רייד, איז יהושוע אַריין אין גרויס גרימצאָרן און אויסגערופן:

— אָנגעהיצט זענען זייערע לייבער פון ווײַן, און זייער בלוט איז שיכור! קום, איידער זיי וועלן אַליין זיך פאַרמשפּטן צום אונטערגאַנג!

און ער האָט געהייסן כלב זאָל אים פירן צו דעם הייפל ווידערשפּעניקע. עס איז געווען די צייט פון שקיעה און דער קריגסהאַר איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט איבער דעם זאַמדיקן וועג, וואָס האָט געפירט צום אוהל מועד. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן הימל־אויסבויג און דער אַלמעכטיקער אַליין האָט אין זיין גנאָד אויסגעשפּרייט דעם שאָטן פון דעם לויטערן מאָן, וועלכער האָט אין אָפענעם פלאַכלאַנד זיך אַרויסגעהויבן הויך ווי אַ זייל און אומבויגזאַם ווי אַ פעלז. ער האָט געשפּרייזט אין געאייל. אין זיין צעפלאַטערטער באָרד האָבן אויפגעהעלט טראָפּנס ליכט פונעם אויסגייענדיקן טאָג. זיינע אויגן האָבן געבליצט ווי ביי אַן אָדלער און אויף די ברייטע שלייפן האָבן, ווי אויף משה׳ס שטערן, געגלאַנצט ליכטיקע שטראַלן. ווען ער איז צוגעקומען צו די געצעלטן פון דער ווידערשפּעניקער עדה, זענען די לעסטערערס נישט אַנטלאָפן. און צפניה, דער וואָס זיינע ליפּן האָבן געלעסטערט די געזעצן פון ישראל, איז דער ערשטער אַרויסגעשפּרונגען און אויסגערופן צום קריגספירער:

— זאָג אונדז, האַר יהושוע! פאַרוואָס לעבן די רשעים ביי די פעלקער אין וואוילטאָג און זיי עלטערן זיך אין שפע? אין זייערע הייזער הערשט פרידן און זייערע קינדער ברענגען זיי אויף אָן אַנגסט? די אָקסן אין זייערע שטאַלן פרוכפּערן זיך און די קעלבער קעלבן זיך און זייערע הויזגעזינדן פרייען זיך אין די פייערטעג מיט פויקן און האַרפעס, ווייל זיי זאָגן: די בענטשונג פון דער ערד איז פאַר אונדז באַשאַפן, לאָמיר געניסן פון דעם גוטס!

דאָס קול פון דעם ווידערשפּעניקן צפניה איז געוואָרן צאַרנדיקער:

— ווער האָט אויף אונדז געוואָרפן די קללה פון אַזאַ יאָך? צי זענען מיר דען אַ פאָלק אַזוי נידעריק געשלאָגן, אַז דיינע הייליקע וועכטערס, די כהנים מוזן אייביק האַלטן איבער אונדז די רוט? מיר פאַלן אונטער דער מי און זיי באָדן זיך אין תאווה. מיר שניידן די תבואה, אָבער זיי לײדיקן אויס די שייערן. אונדזערע רוקנס בויגן זיך ווי די האָרבן פון קעמלען אונטער דער לאַסט, אָבער זייערע לייבער ווערן פעט. אין יעדן פאַרמעגן האָבן זיי אַ חלק און אונדזער האָב און גאָב געהערט צו זיי. אויב אָן עדה געהייליקט פאַר גאָט זענען מיר, ווער האָט זיי געמאַכט פאַר האַרן צו געוועלטיקן איבער אונדז? צי איז דאָס דער שכר פאַר אַלע יסורים אויף אונדזערע לאַנגע וואַגלענישן? אַ באַלוינונג פאַר אונדזערע פאַרפרוירענע לייבער אין דער קעלט ביינאַכט און פאַר אונדזערע ברענענדיקע גופים אונטער דער זון בייטאָג?

און צפניה האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו יהושוע'ן און געזאָגט:

— ווי שטרוי פאַרן ווינט און ווי אַ שפּריי פאַרן שטורעם איז אונדזער דור געוועזן איבער דעם לאַנגן וועג. און אַצינד, ביי דער שוועל פון דעם לאַנד, וואוהין דו האָסט אונדז געבראַכט, זענען מיר נישט פריי פון די בינדשטריק. אויב פאַר אַ האַר איבער דעם פאָלק האָט דער אַלמעכטיקער דיך אויסדערוויילט, יהושוע, נעם אַראָפּ דעם יאָכשטאַנג פון אונדזערע אַקסלען, פאַרטרייב די בייזע כהנים פון אונדזערע טירן, איידער די דערצאָרנטע עדה וועט אויפשטיין אויף זיי און זיי פאַרטיליקן. איך רוף דעם הימל פאַר אַן עדות, אַז דער אַלמעכטיקער וועט נישט לאָזן פאַלן אַ האָר פון אונדזערע קעפּ פאַר זייער בלוט!

ווען כלב האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, האָט אין אים אויפגעפלאַמט אַזאַ צאָרן, אַז ער איז מיט געבײלטע פויסטן אַ שפּרינג געטון קעגן דעם לעסטערער. ער איז גרייט געוועזן צו צערייסן דעם ווידערשפּעניקן צפניה, וואָרום עס איז נאָך ביז יענעם טאָג נישט אויפגעשטאַנען אַ מאַן אין דער עדה, וואָס זאָל זיך דערוועגן צו וואַרפן חרפה אויף דעם אויסדערוויילטן יהושוע פאַר די אויגן פון גאַנץ קהל און צווייפלען אין די טואונגען פון זיינע שליחים.

— אומרייינער! — האָט כלב אויסגערופן — דיין צונג איז פאַרסמט.

פראוו נישט אויס דעם גנאָד פון דעם אַלמעכטיקן. וואָרום די ערד קען איינ־זינקען אונטער דיר און דיך פאַרשלינגען אין תהום!

ער האָט געוואָרפן אַ בליק פון פאַראַכטונג אויף צפניה'ן און זיך אַ קער געטון צו יהושוע, דעם מאַן וואָס משה אַליין האָט אָנגעלענט אויף אים די הענט.

— ווילן זיי זיך אָפּקערן, לאָמיר זיי פאַרלאָזן! — האָט ער געזאָגט — ווילן זיי אַנטלויפן, לאָמיר זיי פאַרטרייבן! וואָרום אָפּשוואַכן וועלן זיי די שטאַרקע אין אונדזער מחנה!

ער האָט דערזען ווי איינער הינטער צפניה'ן האַלט אַן איילבירטצווייג אין זיין האַנט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט דעם ווידערשפּעניקן צו קרוינען. האָט ער אַרויסגעריסן דעם צווייג און געשריען:

— אַ דערנער־קרוין אויף דעם קאָפּ פון דעם לעסטערער!

און ער האָט אין זיין אייפער געוואָרט, אַז יהושוע זאָל באַלד גרויזאַם באַשטראָפן דעם מאַן, וואָס זיין מויל פאַרזייט האָס און זיין באַגער איז צו צעשפּליטערן דאָס פאָלק אין דעם דאָזיקן טאָג, ווען עס מוז שטיין איינִיק הינטער דעם קריגסהאַר.

אָבער יהושוע האָט נישט געזען די פייער־פונקען, וואָס האָבן געשפּריצט פון כלב'ס אויגן. זיין אייגענעם כעס האָט ער דערשטיקט און געקוקט מיט אַ געלאַסענעם בליק אויף דער פאַרביטערטער עדה. דער דאָזיקער ווידערשפּעניקער מאַן צפניה — האָט ער געטראַכט — ער האָט אַ פלאַמענדיקע צונג. ער קאָן אָנצינדן אַ שרפה און פונאַנדערבלאָזן אַ העליש פייער. אָבער צי קאָן מען לעשן פייער מיט פייער? ער, וועלכער האָט געלערנט פון משה'ן די מחשבות אין די הערצער פון די צופרידענע און אומגליקלעכע, האָט געוואוסט, אַז ווען אַן אומגליק באַדראָט דאָס פאָלק, זאָגט נישט דער פירער: איך וועל באַשיצן דאָס הויז פון דעם שרהה און איך וועל צעשטערן די קאַמער פון דעם רשע. אין טאָג פון בראַך ווערט געשווינט דעם בייזווייליקער און ס'ווערט נישט אָנגערירט דער מאַן פון בונט. אויסגעשמידט ווי אייזן און אויסגעגאָסן ווי אַ פעלז מוז די גאַנצע עדה שטיין הינטער אים אין טאָג פון דער גרויסער פּרוּוואונג.

ער האָט מיט אַ צייכן אָפּגעשטעלט כלב'ן, וועלכער האָט געהאַלטן די האַנט אויף זיין שווערד און זיך דערנענטערט צו צפניה'ן.

— ווי גרויס איז דיין געזעמל פון די דערצאָרנטע? — האָט ער געפרעגט.

צפניה האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צום המון, וואָס האָט געלאַגערט אַרום דעם אוהל מועד.

— איך קען איינזאַמלען די עלטסטע פון ישראל לויט זייערע משפחות און לויט זייערע פאָטערהייזער — האָט דער ווידערשפּעניקער היציק געענטפערט — און די הויפּטן פון די שבטים, איטלעכער ביי זיין פאָן. און די פירשטן, וואָס

האָבן נישט קיין חלק אין דעם רייכטום, וועלן גיין הינטער מיר, ווייל צום בונט פון די גערעכטע וועל איך זיי רופן.

— אַ בונט אַקעגן וועמען?

— אַקעגן די, וואָס ברענגען דעם שלאַכטאָפּפער און זאָגן: ס'איז נישט גענוג. אַקעגן די, וואָס ברענגען דעם שפּייזאָפּפער און זאָגן: ס'איז ווינציק. און זיי אַלע גייען דערנאָך אַרויס צום פאָלק און נעמען אַוועק דאָס שעפעלע פון דעם אָרעמאַן.

יהושוע'ס פּנים האָט אויפגעפלאַמט און ער האָט אויסגעשריען:

— אַ בונט קעגן דער כהונה, אַזוי ווי עס האָט געטון קורח און זיין עדה!

און ס'איז געוואָרן אַ גרויס גערודער צווישן דעם המון, וואָס האָט אַ צונויפגעדרענגטער געגאַפט אויף דעם אומדערשראָקענעם צפניה. דער מאַן פון בונט האָט זיך געשטעלט אַקעגן דעם קריגסהאַר אויג אויף אויג און געמאָנט פאַר זיך די מאַכט פון יענע, וועלכע האָבן געדינט דעם משכן פון גאָט. און ווי דאָס געמורמל צווישן קהל איז געוואָרן העכער און די חרפה גרעסער, האָט פון הינטער דעם אוהל מועד זיך געטראָגן דער ראַשיקער אַנלויף פון אַ רייטער. גדיאל אויף זיין פערד, מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד איז אַריין צווישן דער עדה. זיינע בליציקע אויגן האָבן אָפּגעמאָסטן דעם המון און ער האָט גערופן צו יהושוע'ן:

— באַפעל מיין האַר, און איך וועל פאַרלענדן די, וואָס טרעטן אַרויס קעגן די באַגלויבטע! זאָג, און איך וועל זיי פאַרשניידן פאַר די אויגן פון די, וואָס זענען געהאַרכזאַם צו דעם אָפּנאַרער! פאַרטרייב פון זיך די בארמהאַרציקייט, מיין האַר! עס איז זייער באַטרוג אָדער אונדזער נצחון! צי באַשטראָפט דען נישט אַ קריגספירער מיט טויט די מענער פון בונט, אין טאָג פון מלחמה מיט דעם פיינט? ווער זענען די דאָזיקע אומגליקלעכע צו וואַרפן חרפה אויפן קאָפּ פון מיין קריגסהאַר?

יהושוע האָט אויפגעהויבן אַ האַנט צו צוימען דעם געטרייען שליח פון זיין חייל. מיט זיין קאַלטן בליק האָט ער געלאָשן דעם פלאַקער אין גדיאל'ס אויגן. נישט דער שטאָלץ פון דעם קריגספירער איז פאַרשוועכט, נאָר דער גלויבן פון פאָלק אין זיינע פירערס האָט זיך אַ טרייסל געטון. צפניה האָט שוין פאַרזייט די זריעה פון שלעכטס און ער, יהושוע, מוז אויסרייסן די קערנער איידער ווילדע געוויקסן וועלן אַרויסשפּראָצן. נישט בארמהאַרציקייט נאָר האַס האָט אין יענער רגע געפונען אָרט אין זיין האַרץ. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטן אָרעם צו דעם אומענדלעכן לאַנד־אויסשפּרייט אין דער נידערונג, וואָס האָט געגליט אונטער דער זון.

— צפניה — האָט ער געזאָגט — אַט דער גאַנצער פלאַקערדיקער מדבר וועט נישט קענען אויסברענען דיין אומריינקייט!

זיין האַס האָט געמוזט זיין גרויס און זיין אייפער צו גאָט נאָך גרעסער, ווייל זיין ברענענדיקע צונג האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן די וואָרנונג, וואָס איז געווען מוראדיקער פון אַ קללה.

— צי ווילסט דו און דיין עדה, אַזוי ווי קורח און זיין געזעמל, איינגע־שלונגען ווערן אין פייערדיקן אָפּגרונט פון דער ערד?

און ווי יהושע האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט ער באַלד חרטה געהאַט אויף די האַרבע רייד, ווייל זיינע אויגן זענען פלוצים פאַרטונקלט געוואָרן. אין דעם בלענדנדיקן ליכט פון טאָג האָט ער, ווי דורך אַ נעפּל, דערזען די לעס־טערערס אין מדבר, קורח און דתן און אבירם און די צוויי הונדערט און פופציק מאַן הינטער זיי ווי זיי שטייען און האָרכן די קללה פון דעם דערצאָרנטן משה. און ווי נאָר די פלוך איז געפאַלן אויף זייערע קעפּ, האָט די ערד זיך אויפגע־שפאָלטן אונטער זייערע פיס און איינגעשלונגען זיי און זייערע הייזער און זייערע קינדער און זייערע פאַרמעגנס. אויך קורח האָט פאַרלאַנגט די מאַכט פון דער כהונה, אָבער די מוראדיקע שטראָף איז געווען אַ דערמאָנונג צו אַלע קינדער פון ישראל, אַז אַ פרעמדער מאַן, וואָס איז נישט פון דעם זאָמען פון אהרון, טאָר נישט גענענען צו רייכערן ווייררויך פאַר גאָט. און צומאָרגנס, ווען דער המון האָט געמורמלט אַקעגן משה און אהרון: „איר האָט געטויט דאָס פאָלק פון גאָט". האָט אַ מגפה אויסגעבראָכן אין דער עדה פון ישראל און פאַר־טיליקט פיל אין צאָל, און עס האָט אויסגעזען ווי דער אונטערגאַנג פון פאָלק איז געקומען. אַ פאַרציטערטער האָט יהושע אויפגעוואַכט פון דער אומהיימ־לעכער זעאונג. ס'איז אויסגערונען דער נעפּל און פון זיין האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסן: „שטאַרק מיך, אַלמעכטיקער גאָט! אַזוי ווי משה פאַר מיר שטיי איך פאַר אַ ווידערשפעניק געזעמל. אָבער פאַרטיליק נישט דאָס הייפל זינדיקע און ברענג נישט קיין מגפה אויף די אומשולדיקע, וואָרום אומוויסנדיק זענען די דאָזיקע מענער פון לוסט".

אין וואַקלעניש איז ער געשטאַנען פאַר דער עדה, אַליין קעגן גאָט, איינ־זאַם אַקעגן די ווידערשפעניקע. דער געמורמל, וואָס האָט פריער גערוישט אַזוי ווי ים־וועלן, האָט זיך איינגעשטילט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אוהל מועד ערשט אַ בלויער וואָלקן האָט פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג און אין דעם לויטערן אויסשפרייט האָט ער געקענט זען ווי דער אומגעזעענער גאָט פון ישראל, וואָס הימל און ערד זענען די ווערק פון זיינע הענט, באַווייזט זיין פראַכט. אַ געשטאַרקטער האָט ער אויסגערופן:

— הערט, איר ווידערשפעניקע! איר זייט אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן צו

אַרבן פֿעלקער גרעסערע און שטאַרקערע פֿון אײַך. שטעט גרויסע און באַפֿעס־טיקטע ביז צום הימל וועט איר מוזן אײַננעמען און ווי גיבורים וועט איר זיך שלאָגן מיט די ריזן פֿון כנען. אָבער זאָגט נישט אין אײַערע הערצער: מיט אונדזער אײגענער גבורה וועלן מיר באַצווינגען דעם שטאַרקן פֿײַנט, ווײַל יהוה, אײַער דערבאַרעמדיקער גאָט, גײט פֿאַראויס פֿאַר אײַך, מיט פֿײַערזײַלן וואָס פֿאַרצערן. ער וועט זײ פֿאַרטרײַבן און זײ אומברענגען פֿאַר אײַך, אָבער נישט פֿאַר אײַער רעכטפֿאַרטיקײט וועט אײַך געגעבן ווערן דאָס דאָזיקע לאַנד, נאָר ווײַל דער דערבאַרעמדיקער, וואָס זײַן כּוח פֿולט אָן הימל און ערד, וועט מקיים זײַן די שבועה וואָס ער האָט געגעבן צו אײַערע אבות, אײַנצוזאַמלען זײַן פֿאַרוואָגלט פֿאָלק אין דעם לאַנד. און איר, צי ווילט איר אָפּצאָלן פֿאַר זײַן דערבאַרעמדיקײט מיט לעסטערונג, און פֿאַר זײַן גנאָד מיט שמאַך?

אַ שטילקײט, וואָס הויבט זיך אַרויס פֿון יענע טיפֿענישן, וואו עס רוט דער אַלצווײסנדיקער און אומעטום פֿאַראַנענער, איז געהאָנגען איבער די קעפּ פֿון דער עדה, ווען יהושע האָט ווידער געזאָגט:

— געדענקט און פֿאַרגעסט נישט ווי איר האָט אונדז דערצערנט און גע־לעסטערט גאָט, פֿון דעם טאָג וואָס איר זײַט אַרויסגעגאַנגען פֿון לאַנד מצרים. ווי האָרנשלאַנגען האָט איר געברענט די טריט פֿון משה׳ן, אונדזער האַר, איבער דעם לאַנגן וועג פֿון פּײַן און אַ האַרטנעקיג פֿאָלק זײַט איר געבליבן ביז אויפֿן הײַנטיקן טאָג. בלויז פֿאַר דער זינד בײַם באַרג חורב האָט דער אַלמעכטיקער אײַך געוואָלט אָפּמעקן פֿון אונטערן הימל, אָבער דער געטלעכער מאַן, וואָס איז אַראָפּגעקומען פֿון באַרג מיט די לוחות פֿון בונד און דערזען אײַך אויף די קניען פֿאַר דעם געגאָסענעם קאַלב פֿון גאָלד, ער, וואָס איז געווען אַלײן מיט גאָט, האָט מתפּלל געווען פֿאַר אײַך, אַז איר זאָלט נישט פֿאַרשניטן ווערן. וואָרום די געזעצן פֿון לעבן, וואָס גאָט אַלײן האָט געשריבן מיט זײַנע פֿינגער, האָט משה אַראָפּגעברענגט אויף זײַנע אָרעמס. היט די דאָזיקע געזעצן, אַז איר זאָלט נישט פֿאַרלענדט ווערן נאָך אײדער איר וועט אַרבן דאָס לאַנד.

אַ פֿאָרכטיקײט איז באַפֿאַלן דאָס דערשראָקענע געזעמל. און דער המון האָט זיך צעוויגט אַזוי ווי כוואַליעס זאַנגען צעבלאָזן פֿון ווינט. און צפֿניה וואָס זײַנע ליפּן האָבן אָקאָרשט געהעצט קעגן די נשיאים פֿון ישׂראל, איז פֿאַר־שטומט געוואָרן אונטער יהושע׳ס רײד. ווי הערנער פֿון אַ ווילדער האָט דער קריגסהאָר אַרויסגעצויגן פֿון אים די ביטערקײט און דעם האַס און די לוסט אויפֿצוהויבן אַ בונט. פֿון פּחד איז די אויסגעשפּרײטע עדה גרײט געווען צו פֿאַלן אויף די פּנימער פֿאַר יהושע׳ן, ווי זײ וואָלטן אין יענער רגע דערהערט דאָס ווידערקול פֿון דעם געטלעכן מאַן משה און ווי די זעאונג פֿון שדי וואָלט פֿאַר זײ זיך אַנטפּלעקט. און דאָס קול פֿון יהושע, וואָס האָט געזאָלט

שעלטן און נישט בענטשן, שטראָפן און נישט פאַרגעבן, איז פּלוצים געוואָרן ווייך.

— מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט קעגן אייך, אַז איר זייט אויפגעשטאַנען קעגן מיר? — האָט ער געפרעגט — איבער דעם לאַנגן וועג פון וואַגלעניש, צי האָב איך דען אַוועקגעשיקט אלמנות מיט ליידיקן? און די אָרעמס פון יתומים, צי האָב איך דען געדריקט? צי האָב איך אויסגעטון אַ בגד פון אַן אָרעמאַן און אים געלאָזט אַ נאַקעטן? און צי האָב איך פאַרמיטן אַ טרונק וואַסער פון דעם פאַרשמאַכטן, און ברויט פון דעם הונגעריקן, וואָס איר האָט אויפגעהויבן די פויסטן קעגן מיינע געהייליקטע, די זין פון אהרון? נישט קעגן די כהנים, נאָר קעגן דעם חייל פון גאָט אַליין האָט איר אויפגעהויבן אַ בונט. דעריבער וועל איך היינט נישט בעטן נאָר וואָרענען: גענוג אייך מיט די תרעומות קעגן מיינע אויסדערוויילטע! רירט נישט אָן מיינע געזאַלבטע, וואָרום אויך מיין צאָרן קאָן אין אַ קללה פאַרוואַנדלט ווערן!

זיין אָרעם איז געווען אויסגעשטרעקט און זיינע אויגן האָבן אויפגעשטראַלט, ווען ער האָט געקוקט אויף דעם צוריקגעצויגענעם המון. אויסגעשמידט ווי אייזן איז דאָס פאָלק ווידער געשטאַנען הינטער אים. די ווידערשפּעניקע זענען געווען באַזיגט און די דערצערנטע האָבן זיך געבויגן געהאָרכזאַמע. אַ צעפּטער וועט אויפשטיין פון ישראל און וועט צעהאַקן די ווינקלען פון יריחו און וועט צעברעכן די פעסטונגען פון כנען. צוריק אין דער מחנה, איר צעלאָזענע און פאַרשייטע זין, אַז קיינער זאָל נישט פעלן צווישן די באַלאַגערערס אַרום דער פאַרזיגלטער שטאָט!

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די אויסגעשפּרייטע געצעלטן, וואָס וועלן נאָכן נצחון ווי טייטלביימער זיין אויסגעשטעלט ביי די טייכן, און ווי צעדערן, וואָס גאָט אַליין האָט געפלאַנצט, וועלן זיי זיין אויסגעשטרעקט ביי די וואַסערן. זיינע ליפּן האָבן געפּליסטערט אַ געבעט:

— גאָט פון ישראל! בענטש די ליינען פון זייערע געצעלטן, בענטש די באַדעקנס איבער זייערע קעפּ, וואָרום געפאַנגען פון זייערע גלוסטונגען זענען די דאָזיקע אומגליקלעכע מענער געווען.

און רופנדיק הינטער זיך כלב'ן און גדיאל'ן, איז ער אַוועק צו די ביידלעך פון די הויפּטלייט.

קאַפּיטל ניינצן

א

אויפן זעקסטן טאָג פון דער באַלאַגערונג פון יריחו איז אַ הילכיקער רעש ווי אַ דונערײַ אויפגעגאַנגען פון דעם מזרחדיקן שטאָט־מויער. די שטערן זענען שוין געווען אָנגעצונדן, ווען די שלאַכטמענער פון ישראל האָבן אָנגעהויבן דעם אָנגריף אויף דער קרוינשטאָט פון כנען. יריחו איז געווען די נידעריקסטע פון אַלע שטעט אויף דער ערד. זי איז געלעגן נידעריקער פון דעם ים־פלאַך אין דעם גרויסן אויסהויל, ביים טאָל פון ירדן, אָבער זי איז געווען באַשיצט פון די ערדוואַלן ביי די גרונטפעסטן און פון די מויערן און טורעמס, וואָס זענען געווען געשטרעקט צו די הימלען. די פעסטונגשטאָט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום אָפענעם לאַנד אָן צוימען, אָן גרעניצן און אויך צו די בערג פון מואב און גלעד, איז אַלע טעג פון יאָר געווען אַ בליענדיק וואוינאָרט — אַ פירשטין צווישן פעלקער, אַ האַרינטע צווישן לענדער. אָבער אין יענער מוראדיקער נאַכט איז זי געלעגן ווי אַ פינסטערער תהום, פאַרלאָזן פון גאָט, פאַרמשפט צו אונטער־גאַנג פאַר דעם חייל פון ישראל.

פערציק טויזנט מלחמה־לייט האָבן אַרומגערינגלט די מויערן, פון אַ שווערדן־ציער און אַ שפּיזן־טרעגער ביז אַ פײַלן־וואַרפער און פלאַמען־שלײַ־דערער. די כהנים מיט די זיבן שופרות זענען, אויף יהושוע׳ס אָנזאָג, אַרומגע־גאַנגען די ווענט רונד אַרום און דער ארון פון בונד האָט געצויגן נאָך זיי. פאַר דעם הינטער־חייל זענען געשטאַנען די הויפּטלייט, באַוואָפנט פון דעם נאַקן ביז די קנעכלען. אונטער זייער אויפזיכט האָבן די האַלב־נאַקעטע, געפאַנגענע ריזן פון די כותים געטראָגן קעסלען מיט אייל און בעקנס מיט שוועבל. געוויק־סיקע שמידן האָבן אויפגעשטעלט ברען־אויוונס און האַנטווערקערס האָבן באַ־פעסטיקט הילצערנע שטאַנגען און געפלאָכטן שטריק־נעצן. זיי האָבן אָנגעלייגט הויפנס שטיינער, הויך ווי טורעמס און אָנגעשאָטן היגלען מיט זאַמד און אָנ־געשלאָגן הענג־ברעטער. צוויי הונדערט פון די שלעגער־יונגען ביי די אײַזערנע שטוים־הערנער האָבן אַרויפגעצויגן קייטן ווי תליות.

עס איז נאָך אַזאַ איינזאַמלונג נישט געווען אויף יענער זייט ירדן, זינט דעם באַשאַף פון דער וועלט און עס איז נאָך אַזאַ קריגער־פאָלק נישט אויפגעשטאַנען צו שטורעמען אַן איינציקע שטאָט, וואָס האָט ווי אַ מעכטיק טויער פאַרשלאָסן דאָס ברייטע לאַנד. הינטער יריחו זענען געווען אויסגעשפּרייט נאָך גרויסע שטעט אין דעם געבערג און אין דער נידערונג. צו מערב און צו צפון פון ירדן און ביים ברעג פון גרויסן ים האָבן זיך געצויגן לויער־ערטער פון דעם פיינט. עס איז געלעגן ע י און ג ב ע ו ן, מ ק ד ה און ל ב נ ה און י ר מ ו ת מיט אירע טעכטערשטעט. זייערע האַרטנעקיגע מלכים האָבן געשוואוירן מלחמה צו האַלטן מיט ישראל ביי די מויערן פון זייערע שטעט. און זיי האָבן נישט געוואוסט פון דעם אָנזאָג פון יהושוע׳ן צו זיינע הויפּטלייט: וואַרפט האָגלשטיינער פון די בערג און זיי וועלן פאַרטיליקט ווערן. ציט אויס די שווערדן אויף זייערע שפּייכלערס און זיי וועלן אויסגעליידיקט ווערן. שלײַדערט בראַנדהעלצער אויף זייערע וואַסערן און זיי וועלן אויסגעטריקנט ווערן. ווי אַ לייב פון די געוועלדן פון ירדן איז ישראל אויפגעגאַנגען צו באַשיצן דאָס איבערבלייב פון פאָלק קעגן די, וואָס האָבן אויפן וועג פון מצרים ביז אַהער געוואָלט אָפּמעקן פון אונטערן הימל דאָס הויז פון יעקב.

אין שאָטן פון דער נאַכט האָט אויף דער פאָדערשטער מויער גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. די באַלאַגערערס האָבן אַרויפגעצויגן די ברייטע שטריקלייטערס ווי טרעפּ צו די טורעמס. גדיאל, דער ערשטער הויפּטמאַן, וואָס האָט געטריבן אָן רחמנות די קריגסלייט און די שקלאַפן, האָט אַליין אָפּגעשפּעט פון די ווייכע געפלעכטן און געזאָגט, אַז די כנענים וועלן ווי שפּינוועבס צערייסן די בינדשטיק, ווי נאָר דאָס חייל וועט אָנהויבן אַרויפצוקלעטערן. די שטריקפלעכטערס, וואָס האָבן זיך געטונקען אין שוויים, האָבן מיטגעלאַכט מיט דעם הויפּטמאַן און מיט מער אימפּעט געפלאָכטן די לייטערס. אין דער טיפער חשכות פון דער נאַכט האָבן די באַלאַגערערס גיך באַפעסטיקט די שליידער־מאַשינען, אויפגעהויבן די שטוים־הערנער און צוגעבונדן די גראָב־שטאַנגען. דאָס, וואָס האָט נישט געטאָרט געטון ווערן אונטערן ליכט פון דער זון, איז אין געאייל געטון געוואָרן ווען די וועלט איז געווען אויסגעלאָשן. די מלחמה־לייט האָבן אָנגעשעפּט פרישע כוחות. פון אַ שווערדן־ציער ביז אַ טרעגער פון בראַנדהעלצער, ביי אַלעמען זענען די אָרעמס אָנגעגאָסן געוואָרן מיט גבורה און זייער בלוט האָט אויפגעזאָטן. זיי האָבן געוואוסט אַז צומאָרגנס וועט די גרויסע שאַלונג רופן צו דער שלאַכט, אָבער דאָס פייער, וואָס וועט דורכברעכן די ווענט, מוז אָנגעצונדן ווערן נאָך איידער עס לעשן זיך די שטערן.

כלב איז געשטאַנען אויף אַ הויב־שטאַנג מיט אויסגעשטרעקטע הענט און באַפוילן מיט די שפּיזן־וואַרפערס. ער האָט זיי אויסגעשטעלט הינטער די יונגען מיט די בראַנדהעלצער. יהושוע אַליין האָט אים דאָרט אַוועקגעשטעלט, אָבער

זײַן באַגער איז געװען צו שטײן נאָענט צו די אײזערנע שטױס־הערנער, אַז ער זאָל מיט די אײגענע הענט לעכערן די ערשטע שפּאַלטן אין דעם מױער. אױב װענט מוזן דורכגעבראָכן װערן אַרײַנצוקומען אין רחבֿ׳ס שטאָט װײַל ער דורכברעכן די ערשטע װאַנט. כּלבֿ האָט אַלײן נישט באַגריפֿן פֿאַרװאָס באַהאַלטענע לוסטן, װאָס ער האָט געמײנט אַז זײ זענען שױן לאַנג דערשטיקט, האָבן װידער אױפֿגעװאַכט אין אים אין דער דאָזיקער מוראדיקער נאַכט. אין דער אומהײמלעכער דערװאַרטונג אױף מלחמה פֿון לעבן און טױט איז פֿון זײַנע אױגן נישט אָפּגעטראָטן די זעאונג פֿון רחבֿ׳ן. איר געשטאַלט האָט זיך באַװיזן, אָבער אָן דעם פֿאַרפֿירערישן שמײכל. זי האָט אױפֿגעטױכט מיט אַ לױטערער אומשולד. איר שײנקײט איז געװען פֿרײַ פֿון יענער פֿאַרשײַטקײט װאָס האָט געשװעבט אױף אירע ליפּן, װען ער האָט זי דערזען בײַ דער ערשטער באַגעגעניש אין איר גאַסטהױז. ער איז גרײט געװען צו לױבן גאָט דערפֿאַר, װאָס ער װײַזט זי פֿאַר אים אין איר רײנקײט אַזױ װי אַ האַר װײַזט זײַן גנעדיקע מתּנה צו זײַן קנעכט. אױף די האַרטע באַקנבײנער פֿון דעם אומבװיגזאַמען כּלבֿ האָט פּלוצים אױפֿגעלױכטן אַ צאַרטער שמײכל. אַן אױפֿגעמונטערטער האָט ער געמורמלט: „כ׳דערזע זי אַצינד, אָ גאָט, װײַל דו װילסט נישט אַז איך זאָל פֿאַרגעסן די פֿרױ, װאָס האָט פֿאַר מיר אַנטפּלעקט די סודות פֿון יריחו״.

און װי זײַנע ליפּן האָבן אַזױ געפּליסטערט די לױב־װערטער אױף דער אױסגעדוכטער זעאונג, האָט ער פּלוצים דערהערט אַ הילכיק געלעכטער און באַלד האָט אַ העלער פֿלאַקער אַ שײַן געטון פֿאַר זײַנע אױגן. ער האָט זיך אַ װאַקל געטון. אַ הױפּטמאַן מיט אַ ברענענדיקן פֿאַקל אין האַנט איז פֿאַרבײַגעריטן און לאַכנדיק האָט ער מיט גרינגשעצונג געקוקט אױף דעם צערודערטן קריגסמאַן, װעלכער פּרעפּלט צו זיך אַלײן. כּלבֿ האָט אױפֿגעציטערט, גלײַך װי אַ הױכער טורעם װאָלט זיך אָפּגעגליטשט פֿון אונטער זײַנע פֿיס. דער בטחון, װאָס האָט ערשט מיט אַ רגע צוריק אים געשטאַרקט, איז אױסגערונען. ער איז אַראָפּ פֿון דעם הױכן הױב־שטאַנג און אַן אומזיכערער געזאָגט:

— אױב די דאָזיקע זעאונג איז געקומען פֿון גאָט, זענען מײַנע אױגן געװען קלאָר. אױב אָבער מײַן פֿאַלשע לוסט האָט אַרױסגערופֿן די געשטאַלט פֿון רחבֿ, בין איך פֿאַרדאָרבן. װי אַזױ קאָן איך אַנטלױפֿן פֿון די פֿאַרפֿירערישע זעאונגען? צי האָט דער אַלמעכטיקער מיך געשלאָגן מיט בלינדקײט אין דער הײַנטיקער נאַכט פֿון פּרואװאונג, אַז איך זאָל נישט זען קלאָר דאָס, װאָס יעדער רעכטפֿאַרטיקער מעג זען? גערעכטער גאָט, גיב מיר צו װיסן דורך אַ פֿאַרשטענדלעכן צײכן, װאָס עס איז װאָר און װאָס פֿאַלש.

אָבער גאָטס כּװנות, װאָס זענען פֿאַרבאָרגן פֿאַר זײַנע קינדער, האָבן אין יענער נאַכט געלױכטן אין די פֿאַקעלן און פֿלאַם־װאַרפֿערס, װאָס האָבן געשײַנט ליכטיקער פֿון פֿײַערזײַלן צופֿוסנס די מױערן. עס איז נישט געװען די צײַט צו־

טראַכטן וועגן רחב'ן און ער האָט אין זיין צווייפל געוואָלט אויסמעקן איר אָפּבילד פון זיין זכרון. אָבער דאָס האַרץ איז געווען שטאַרקער פון מוח. איר געשטאַלט איז ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט זי געזען אין דער גלאַנציקער שאַרף פון זיין אַרויסגעצויגענער שווערד. זי האָט זיך געשפּיגלט אין דעם קופּער פון דעם פּאַנצער אויף זיין ברוסט. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנטרינונג פון איר דמיון. פּלוצים האָט ער זי דערזען אַרויסקומען פון דער ווייטער טונקלקייט ווי אַ דורכגעלויכטענער מלאך, אָנגעטון אין בלויע, דורכזיכטיקע געוואַנדן און כלב האָט אַ צעמישטער זיך צעלאַכט פון גרויס גליק. אין יענער רגע האָט די זאָרגלאָזיקייט פון דער וועלט אַראָפּגעשטראַלט פון דעם קריגסמאַנס האַרט פּנים.

ב

ער האָט אויפגעוואַכט ווי פון אַ חלום און מיט גיכע שפּרייזן **אַוועק צום** פּאַרזיגעלטן טויער ביי דער מזרח־וואַנט. די באַלאַגערערס האָבן שוין געהאַט אַרויפגעצויגן די לעצטע שטריק־לייטערס. די הויכע וואַנט איז געווען ווי באַדעקט מיט איין ריזיקער געפלאָכטענער נעץ. די שפּרינגערס זענען געווען גרייט מיט אימפּעט אַרויפצולויפן צו די הויכע גזימסן. די עלטסטע הינטער זיי האָבן איינגעריבן זייערע פּאַנצערס מיט פעטן אייל, אַז די געטראָפענע פיילן זאָלן אָפּשפּרינגען פון זייערע לייבער. די האַלב־נאַקעטע יונגען מיט די בראַנדהעלצער האָבן אונטערן שיין פון פייער אַרויסגעלאָזט ווילדע געשרייען. זיי זענען געווען אומדערשראָקן. אין פרימאָרגן האָבן זיי געטרונקען דעם זאַפט פון שוואַרצע הערבן, וואָס פאַרקילט דאָס בלוט קעגן דעם גיפט פון פיילן. אויף די הענג־ברעטער זענען די טונקלהויטיקע פעכטערס פון צווישן די געפאַנגענע קריגערס געשטאַנען אויסגעשטרעקטע מיט זייערע וואורף־שפּיזן און קורצע שווערדן. די שליידער־מאַשינען זענען געווען אָנגעפּולט מיט שטיינער. די קופּערנע שטוים־הערנער האָבן געוואַרט אַז די שווערע קייטן זאָלן זיך אָפּרייסן און זיי אַרויפוואַרפן אויף די מויערן.

כלב האָט געקוקט הינטער זיך אַריבער די ערדוואַלן און דערזען יהושע'ן. אויף אַן אויפגעהויבענעם ברעטער־שטאַנג, אַנטקעגן דעם פאַרהעמערטן מזרח־טויער איז געשטאַנען דער קריגספירער. ער איז געווען אַליין, מיט זיין קיווער און פּאַנצער און שווערד. ער האָט געקוקט אַרויף צו די גזימסן און טורעמס און דאָס וואָס זיינע אויגן האָבן דערבליקט, האָט דערפרייט זיין האַרץ. יעדע שלאַכטווערט געגרייט דורך די פעלדהאַרן, אָבער עס זענען די קריגסלייט, וועלכע געווינען די מלחמה. פערציק טויזנט פון זיין חייל האָט ער געשטעלט אַרום די מויערן, פערציק טויזנט אויפגעזאָטענע הערצער, פערציק טויזנט פּאָר אָרעמס

מיט וואָפן. און אַלע וואַרטן אויף זיין באַפעל: שאַלט און גייט אַרויף! ברעכט דורך די מויער און באַצווינגט!

כלב האָט זיך שוין געהאַט דערנענטערט הינטער דער ברעטער־שטאַנג ווי יהושוע האָט מיט אַ האַנט־צייכן אים אָנגעוויזן דעם לייטער צופוסנס. כלב איז אין גאַייל אַרויפגעשפּרונגען אויף די שטאַפּלען.

— פאַרוואָס האָבן זיי זיך פאַרזוימט? — האָט יהושוע געפרעגט און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון די מויערן־גזימסן.

— ווער? — האָט כלב געפרעגט.

— גדיאל מיט צוויי בויגנשפּאַנערס האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף אַ הינ־טער־מויער. זיי ווילן אויסשפּירן וויפיל פייל־שלידערערס פון די כנענים עס באַוואַכן די טורעמס. צי ציילן זיי דען אויבן יעדן טויער־היטער און וועכטער?

כלב האָט אויפגעהויבן די אויגן, ערשט ער האָט דערזען ווי אויף די טונ־קעלע גזימסן פון די מויערן קריכן אַרוים ווי שאָטנס די קריגסמענער פון כנען. און באַלד איז אויסגעוואַקסן אַ שוואַרצע מחנה אַזוי ווי נאַכט־פייגל, אָנגעפלוי־גענע פון די בערג אַרום. און ווי ער האָט לאַנג געקוקט אין דער פינסטערניש, אַזוי האָט ער געקענט קלאָר אונטערשיידן דאָס וואָפן אין זייערע הענט, וואורף־שפּיזן, שטיינער־שלידערערס, פייל־בויגנס און ס'איז אים איינגעפאַלן: אַ גאַנצע אומה שטייט הינטער זיי. די פאַרצווייפלטע כנענים וועלן אָנקומען אויף טראָגוואָגנס און אויף מויל־אייזלען און אויף יאָגקעמלען. אַן אומרואיקער האָט ער זיך אויסגעדרייט צום קריגספירער און געזאָגט:

— אַ גרויסע מחנה לויערט אויף די שפּיצן־מויערן. אויב כ'זאָל ציילן לויט זייער צאָל אויבן, איז קיין איינציקער קריגסמאַן נישט געבליבן אונטן אין שטאָט.

— זייער חייל איז צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אונדזער — האָט יהושוע גע־זאָגט — אָבער ווי פייגל אין אַ שטייג וועלן זיי אַריינפאַלן אין אונדזערע הענט.

יהושוע'ס בטחון, וואָס האָט כלב'ן געדאַרפט שטאַרקן, האָט אַרויסגערופן. פאַרכט. ער האָט געוואָלט פרעגן: ווי אַזוי קאָנען ווינציקע באַצווינגען פיל? און ווי אַזוי קאָנען בויגנציערס פון אויבן פאַלן פון דעם וואָפן פון קריגסלייט פון אונטן? אָבער יהושוע, וואָס ער האָט געקענט לייענען דעם סוד פון כלב'ס האַרץ, האָט אָנגענומען זיין אָרעם:

— קוק ווידער אַרויף, כלב — האָט ער געזאָגט — לאַנגע רייען גיבורים. האָבן זיך איינגעזאַמלט אויף די טורעמס. זייערע שפּיזן זענען אויסגעשטרעקט, זייערע בויגנס אָנגעשפּאַנט. אָבער ווי געליימטע וועלן זיי בלייבן אויף זייערע ערטער, ביז אונטערגיין וועלן זיי אונטער די איינגעבראָכענע ווענט. מיר שטייען צווישן דעם ירדן און זייער מחנה און זיי זענען איינגעקלעמט אין אַ גליענדי־קער צוואַנג, נישט אַריין, נישט אַרוים. זעסט די צפון־מויער? אונדזערע

בראַנדהעלצער האָבן שוין דורכגעברענט לעבער אין אירע שוועלן. דאָרט וועסטו אָנגרייפן מיט דיינע שפּיזן־וואַרפעדס, און אויף די דרום־מויער וועט באַפאַלן גדיאל מיט זיינע לייטער־שפּרינגערס. און דאָס גאַנצע חייל הינטער איידַ וועט שטורעמען די ווענט, וואָס וועלן צעקרישלט ווערן אונטער די שטוים־הערנער און די שטיינער וועלן זיך צעפאַלן ווי שפּענער.

— ווען? — האָט כלב אַן אויפגעהייטערטער געפרעגט.

— נישט פריער ווי איך וועל באַפעלן די כהנים: שאַלט אין די שופרות!

יהושוע׳ס רייד זענען גענוג געווען, אַז כלב׳ס בלוט זאָל אויפפלאַקערן. די דערוואַרטונג, אַז די שופרות וועלן אויפשאַלן האָבן ווידער אויפגעוועקט אין אים אומגעריכטע כוחות. אַלע קלעפּ, וואָס זיין גוף וועט אַריינעמען, אַלע בלו־טיקע וואונדן וואָס וועלן ברענען זיין לייב, וועלן זיין ווי באַלזאַם, ווען ער וועט צוזען ווי דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיך אויפהויבן פון שטויב און שטורעמען די ווענט פון דער פאַרזיגלטער שטאָט, וואוהין ער האָט אַמאָל זיך אַריינגעגנבעט ווי אַ רויבער אין דער נאַכט. צוויי מאָל הונדערט טויזנט גיבורים פון כנען זענען אַרומגערינגלט פון פערציק טויזנט פון דעם חייל פון ישראל. ווער האָט געהערט פון אַ פאָלק מיט אַזאַ העזה? און ווער האָט געזען אַזאַ איינזאַמלונג אָן שרעק און אַזאַ עדה, אָנגעגורט מיט גבורה? אַ פאַרכטיקער האָט ער גע־קוקט אַרום זיך: ווי מוראדיק איז דאָס דאָזיקע שלאַכטאָרט אין דער היינ־טיקער נאַכט!

פון דער טונקלקייט האָבן פּלוצים אַרויסגעשלייכט דריי געשטאַלטן און זיך געגליטשט אַזוי ווי שלאַנגען אַרוים פון אַ נעסט. כלב האָט אַרויסגעצויגן די שווערד, גרייט אַרויפצושפּרינגען אויף זיי, ערשט ער האָט דערזען גדיאל׳ן מיט זיינע צוויי באַגלייטערס. דער אומדערשראָקענער הויפּטמאַן, וואָס האָט זיך נישט געבויגן פאַר פייער און נישט געפאָרכט פאַר וואַסער, האָט אַצינד אַ פאַר־ציטערטער זיך געשטעלט פאַר זיין קריגסהאַר.

יהושוע האָט געפרעגט:

— וואָס האָסטו געזען, גדיאל?

— מויערן ווי אייזערנע רינגען, טורעמס ווי קופּערנע שלעסער און שטאַר־קע קריגסמענער אין אַזאַ צאָל, אַז עס קאָן צודעקן דאָס פּנים פון דער ערד.

— דו ביזט דערשראָקן, גדיאל.

— מיין צונג וועט זיין פאַלש, מיין האַר יהושוע, אויב פאַרלייקענען וועל איך מיין שרעק. איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי פיל מלחמה־לייט נישט געזען אויף איין אָרט. אונדזער חייל וועט זיין אַזוי ווי אַ בלאָז פון שטויב אין זייערע אויגן.

דער פּחד אין גדיאל׳ס קול האָט נישט אויסגעלאָשן די פרייד, וואָס האָט

געשטראַלט אין יהושוע'ס אויגן. ער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף זיין געטרייען שלאַכטמאַן ווי אַ באַרמהאַרציקער פאָטער קוקט אויף זיין פאַרלוירענעם זון.

— מער ווי הונדערט טויזנט מאַן זענען אויסגעשטעלט קעגן אונדז — האָט גדיאל ווידער געזאָגט — צי זאָל איך דען נישט גלויבן וואָס מיינע אויגן האָבן געזען?

יהושוע האָט מיט ליבשאַפט אַרומגענומען גדיאל'ן.

— הונדערט טויזנט און מער האָסטו געזען — האָט ער געזאָגט — אָבער פאַרוואָס האָסטו פאַרגעסן, אַז צווישן זיי איז נישטאָ נאָך איינער אַזאַ ווי גדיאל?

ביי די רייד איז די פאַרכט אויסגעראָנען פון גדיאל'ס בליקן און ער האָט מיט שטומער הכנעה אַרויפגעקוקט צו זיין האַר. כלב, אַליין אַ געשטאַרקטער האָט זיך צוגעבויגן צו אים און איינגערוימט:

— און דו האָסט פאַרגעסן, אַז עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ מאַן ווי יהושוע צווישן זיי.

ביידע הויפטלייט האָבן זיך איבערגעקוקט און שטיל זיך צעלאַכט און זייערע לאַך־רייד האָבן אָנגעשטעקט זייער האַר יהושוע, וועלכער איז אַליין זיך פאַרגאַנגען אין אַ פאַרשטיקט געלעכטער. און דאָס געלעכטער איז געוואָרן שטאַרקער און הילכיקער ביז די דונערנדיקע קולות פון די דריי קריגסמענער האָבן זיך געקייקלט אַראָפּ צו דער מחנה, צופוסנס די מויערן. קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט. הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט צום ברעטער־שטאַנג, וואו די דריי אויסדערוויילטע שלאַכטמענער האָבן זיך געטרייסלט פון ווילדן געלעכטער, און מען האָט זיך געוואונדערט: די קריגסהאַרן אויבן, זענען זיי זיכער, אַז דער נצחון איז אונדזערער?

און ווי די פאַרגליווערטע מחנה, אָן אָטעם, האָט געקוקט אַרויף צו די לאַכעדיקע קריגסלייט, האָט פּלוצים אַ מוראַדיקער קראַך זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַ שפּיץ מויער. פלאַמען־וואַרפערס האָבן אויפגעלויכטן ווי פליענדיקע שטערן און אַ האָגל פון שטיינער איז געפאַלן אויף די באַלאַגערערס. און באַלד האָבן קאַכעדיקע שטראָמען אייל זיך אַראָפּגעגאָסן אויף די קעפּ פון דעם חייל. די ערשטע זענען אַרונטערגעפאַלן די קלעטערערס אויף די שטריק־לייטערס. הינטער זיי האָבן באַהאַלטן די קעפּ אין דער ערד די שפּיז־וואַרפערס. אין דער בהלה זענען די קולות פון די אָפּגעבריטע פאַרטויבט געוואָרן און די געשרייען פון די געשלאָגענע זענען פאַרשטומט געוואָרן. דאָס דערשראָקענע חייל איז אָפּגעשפּרונגען פון די מויערן און די כהנים מיט דעם ארון פון בונד זענען אין געאייל אָפּגעטראָטן.

ווי יהושוע האָט דאָס דערזען, איז זיין לייב פאַרציטערט געוואָרן. נאָך איין רגע פון שטילשווייגן און די ערשטע פאַרלענדונג צופוסנס יריחו וועט

נישט אויסגעמיטן ווערן! יהושוע האָט נישט געזען די אָפּגעבריטע לייבער פון זיינע קריגערס. ער האָט נישט געהערט די זיפצן פון די געפייניקטע. די חרפה פון די כהנים איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן. און דער כוח פון ווידער־שטאַנד, וואָס איז דער כוח פון אייפער און דער כוח פון גבורה, האָט געשריען אין זיין בלוט: איר כהנים, די קינדער פון כהנים וואָס איר זייט אויסדערוויילט צו שטיין פאַרן העכסטן הייליקטום! איר, וואָס טראָגט פאַרויס דעם ארון פון בונד! איר, וואָס מיין פאָלק ווערט געשטאַרקט דורך אייך אין צייטן פון פורעניות, צי זייט איר אַצינד אַליין נידעריקע פּחדנים געוואָרן? צי וועט איר דערלאָזן, אַז די געצנדינערס פון כנען זאָלן דערנידעריקן אייער כבוד פאַר די אויגן פון ישראל?

ער האָט אַ שטויס געטון כלב'ן און גדיאל'ן, וואָס האָבן צעטומלטע גע־וואַרט אויף זיין באַפעל:

— צינדט אָן! אַלע בראַנדהעלצער זאָלן פאַלן אויף דער פאַרזיגל־טער שטאָט!

די צוויי הויפּטלייט זענען אַריינגעשפּרונגען אין דער מחנה און געטריבן די קלעטערערס צו די שטריק־לייטערס און געשטויסן די פייער־שליידערס צו די ווענט:

— צינדט אָן! אַ פלאַקער זאָל אויפגיין אויף יריחו!

און די בראַנדהעלצער און צינדפאַקעלן זענען געפאַלן ווי פלאַקערדיקע שטיינער פון הימל אויף די מעכטיקע ווענט און אַריינגענומען די פאַרמשפּטע שטאָט אין אַ צוואַנג פון פייער. און ס'איז נישט געווען קיין אַנטרינונג פון דער שרפה פון אויבן און קיין רעטונג פון אונטן.

ג

אַ גאַנצע נאַכט האָבן געזאָטן די פלאַמען און עס האָבן געפלאַקערט די פייערדיקע צינגער. אין הימל זענען די שטערן אויפגעלייזט געוואָרן אין דער שרפה און ווי קאַלטע פונקען אַראָפּגעשפּריצט צו דער ערד. זיילן פייער פון אויבן און זיילן רויך פון אונטן און עס האָבן געברענט די פיר עקן וועלט, וואָרום עס איז געקומען דער אָנזאָג אויף דעם אונטערגאַנג פון דער פאַרהע־מערטער שטאָט.

צעריסענע וואָלקנס, איינגעטונקען ווי אין טייכן בלוט, האָבן געבלאַנדזשעט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט און אַרויפגעטראָגן אויף די בערג דעם אָנזאָג פון צאָרן און אַרונטערגעלאָזט אין די טאָלן די וואָרנונג פון פאַרלענדונג. דער אַלמעכטיקער אַליין האָט אַראָפּגענידערט און זיך געשטעלט פאַראויס פון דער

מחנה פון ישראל. און ער האָט אָנגעטון קליידער פון נקמה און זיך איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון צאָרן. וועלדער און וויינשטאָקן זענען אויפגעגעסן געוואָרן אין אַ העלישן פייער. פרוכטבאַרע ערד און טרוקענע מדבריות זענען פאַרצערט געוואָרן אין פלאַקער און טייכן און ימען זענען אויסגעטריקנט געוואָרן. וואָס איז דענסטמאָל געשען צו די גרויזאַמע געצן פון כנען? האָבן זיי אַליין צע־שמאָלצן די קופּערנע שילדן און פאַנצערס אויף זייערע פעסטונגען, אָדער זענען זיי, אין טאָג פון פאַרמעסט, געווען צו שוואַך מציל צו זיין דאָס ריזן־פאָלק פון דער פעסט פון פאַרטיליקונג?

ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען איבער די הויכקייטן און בלייכע נעפּלען האָבן זיך אויסגעשפּרייט פון די טיפענישן, זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די פלאַמען איבער די חרובע ווענט און עס זענען איינגעזונקען די פייערצינגער אויף די צעבראָכענע טורעמס. און ווען די הויפטלייט האָבן געזען ווי די וואָלקנס רויך טראָגן זיך צום הימל און רינען אויס אין דער גרויקייט פון באַ־גינען, זענען זיי געשפּרונגען פון פרייד און געשריען: יריחו איז געפאַלן! אירע הערשער וועלן באַלד קניען פאַר אונדז! אָבער פאַר יהושוע'ן איז די שטאָט נישט געווען אונטערגעגאַנגען, בלויז שפּאַלטן אין די מויערן זענען אויפגעבראָכן געוואָרן. דאָס גאַנצע חייל וועט ערשט מוזן שטורעמען יריחו כדי אויפצופּראַלן די טויערן פון לאַנד. דאָס ערשטע ליכט פון טאָג האָט זיך אַרויס־געהויבן פון באַשאַף און ער האָט, אַרויפקוקנדיק צו די שפּיצן ווענט, געזען ווי פון די אָפּגעברענטע גזימסן אַנטלויפן די לעצטע כנענים. זיי שפּרינגען איבער זייערע חללים און זינקען אַראָפּ אויף יענער זייט מויער ווי אין אַן אָפּגרונט.

ער האָט צונויפגערופן ביים אַריינגאַנג פון זיין געצעלט די עלטסטע און פירשטן, איטלעכן לויט זיין שבט און איטלעכן לויט זיין פאַן און געזאָגט:

— דער פיינט איז געשלאָגן מיט דעם ערשטן שלאַק, אָבער יריחו שטייט נאָך פאַרשלאָסן. נאָך איידער די זון וועט אויפגיין, זאָלט איר אַרומפירן דאָס גאַנצע חייל זיבן מאָל אַרום די מויערן. און ביים זיבעטן מאָל וועל איך אַליין באַפעלן: שאַלט! דענסטמאָל וועט איר אַרויפגיין שטורעמען די שטאָט און זי איינגעמען.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דעם אומזעבאַרן אין די הויכן. דער אַלצוויסנדיקער און אומעטום פאַראַנענער איז מער נישט געווען פאַרהוילן. זיין קראַפט איז געווען אין דעם אויסשפּרייט אַרום, אין דעם פייער און אין דעם אַש. יהושוע האָט געקוקט אויף די רויכן. זיינע נאָזלעכער האָבן איינגעזאַפּט די בראַנד־ריחות פון די אָפּגעברענטע ווענט, וואָס זענען פאַר אים געווען אַזוי אָנגענעם ווי די דופטן פון ווייַרויך אַרום מזבח. זיין קול איז געווען שטרענג.

— אין אייערע הענט האָט דער אַלמעכטיקער געגעבן די שטאָט — האָט

ער געזאָגט — און איר טאָרט היינט נישט פאַרשעמען דעם נצחון. ווען די כהנים וועלן אויפבלאָזן אין די שופרות, זאָלן די באַוואָפנטע גיבורים גיין פאַר־אויס און דאָס הינטער־חיל נאָך זיי. און אייערע הערצער זאָלן נישט איינ־פאַלן! איר וועט דורכגיין פייערזיילן און נישט אָפּטרעטן, אַזוי ווי איר זייט דורכגעגאַנגען די וואַסערן פון ירדן און זיך נישט אָפּגעשטעלט. געדענקט, דאָס וואָס איז פאַרבאָטן פאַר דעם פאָלק איז אויך גילטיק פאַר די פירשטן און פאַר די עלטסטע אין דער עדה! די דאָזיקע פאַרשאָלטענע שטאָט וועט זיין אַ חרם צו גאָט, אירע הייזער און אַלץ וואָס אונטער זייערע דעכער! און איר טאָרט נישט אָנרירן דאָס זילבער און דאָס גאָלד און די קופּערנע כלים! און פאַר־טיליקן זאָלט איר אַלע, וואָס וועלן אייך אַקעגן גיין מיט דער שווערד, וויל דאָס איבערבלייב פון דעם הויז פון יעקב ווילן זיי פאַרלענדן! נאָר איין פרוי, וואָס רחב איז איר נאָמען, זאָל בלייבן לעבן. זי און אַלע, וואָס אין איר הויז, זאָלט איר פאַרהיטן פון טויט, וויל זי האָט אויסבאַהאַלטן די שלוחים פון ישראל.

יהושוע האָט אַריבערגעטראָגן זיינע בליקן צו דעם חיל, וואָס אַרום די מויערן. דער באַגינען האָט אויפגעהעלט ווי אַ ווייסע קרוין איבער זיין קאָפּ, ווען ער האָט אַ צעפּלאָמטער אויסגערופן:

— היינט איז געקומען דער סוף צו דעם עלנט פון מיין פאָלק. גענוג! נישט קיין פאַריתומטע סטאַדע, אויסגעשטעלט צו בייזע וועלף, שטייט פאַר מיר, נאָר אַ מעכטיקע מחנה, אויסדערוויילט פון צווישן אַלע דורות פאַר אונדז! פאַרשוואונדן איז דאָס פאָלק פון פחדנים, אויסגערונען איז די עדה פון דערשראָקענע!

די שאַלונג האָט נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען. און ווי דאָס פאָלק האָט דערהערט דעם אויפבלאָז פון די שופרות, האָט די ערד אונטער זייערע פיס אַ ציטער געטון און דאָס חיל איז אַרויפגעגאַנגען שטורעמען יריחו. אַ מעכטיק געזאַנג האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע העלדזער ווען דאָס געלויף האָט זיך אָנגעהויבן. ווי געפירט פון דער געטלעכער האַנט האָבן די מלחמה־לייט פאַרנו־מען זייערע ערטער. די שלעגער־יונגען האָבן אַרויפגעקלעטערט צו די שטוים־הערנער. די שווערדנציערס האָבן געיאָגט פאַראויס. די שפּיזן־וואַרפערס זענען פאַרלאָפן דעם וועג און מיט אָנגעשפּאַנטע בויגנס זענען די פיילן־שיסערס געווען הינטער זייערע טריט. צופוסנס פון דער מחנה, ביי די ערדוואַלן זענען געווען פאַרזאַמלט די שטיינער־שליידערערס, די טרעגער מיט די בראַנדהעלצער, די רייטערס אויף פערד און די טרייבערס פון די שלעפּ־חיות.

נאָך דעם ערשטן אָנגריף זענען דורכגעבראָכן געוואָרן גרויסע לעכער אין דער צעבויגענער מזרח־וואַנט. דאָס חיל האָט געוואַרט אויף דעם ווידערשטאַנד פון שונא, אָבער די קריגסלייט פון כנען זענען אויסגערונען פון דעם שלאַכט־

אַרט. די מחנה איז געווען שיכור פון פרייד, אָבער די הויפּטלייט האָבן גע־
שפּירט, אַז דער פּיינט לויערט אויף יענער זייט וואַנט און די כהנים זענען באַ־
פוילן געוואָרן ווידער צו בלאָזן אין די האָרנס. און ווי הויך עס איז געווען די שאַ־
לונג פון שופרות, אַזוי הילכיק איז געווען דאָס געזאַנג פון די קריגסלייט.
פּלוצים זענען פון די וואַנט־לעכער אַרויסגעשפּרונגען כנענים מיט פּלאַמען־
וואַרפערס און באַלד האָבן איבער זייערע קעפּ, אויף דער שפּיץ מויער זיך באַ־
וויזן די ריזן, באַוואָפנט פון די נאַקנס ביז צו די קנעכלען און עס האָבן אָנגע־
הויבן האָגלען אויף דער מחנה פון ישראל אָנגעגליטע פייַלן, קורצע וואורף־
שפּיזן און אַ רעגן פון בליי איז געפאַלן פון די טורעמס. די פלינקע קלעטערערס
האָבן זיך געהויבן צו די גזימסן, אָבער זייערע פינגער זענען אָפּגעשניטן גע־
וואָרן פון דעם שונאס שווערדן און זיי זענען צוריקגעפאַלן. עס זענען אָנגעלאָפן
די מויער־שפּרינגערס און אַריינגעשטאָכן די צעבויגענע מעסערס ווי סערפּן אין
די וואַנט־שפּאַלטן, אָבער די אייזערנע שפּיצן זענען אָפּגעבראָכן געוואָרן.

כלב, מער פאַרבליפט ווי דערצאָרנט, האָט געגעבן צייכנס צו די אויף־
זעערס איבער די שטורעם־הערנער, זיי זאָלן צעקרישלען די שוואַכע מויער. און
גדיאל האָט אַרויסגערופן די געפאַנגענע קריגסלייט פון די כותים, וואָס זענען
געווען הינטער דעם חייל. ער האָט זיי געטריבן צו די פאָדערשטע רייען ווייל
זיי, אַליין באַרמלאָזע שלאַכטמענער, זענען געווען געניט אין די גרויזאַמע
קריגס־פירונגען פון די כנענים.

זיי זענען אָנגעקומען אויף פערד מיט אָפּגעשווירענע גריוועס און
ווײדלען און געהאַט גלעקער צווישן די אויערן. רייטנדיק אָנטבלויזטע,
האָבן זיי געהאַט אָנגעהאָנגען אויף די נאַקנס פלאַכע קופּערנע קיוועס
ווי איבערגעדרייטע שיסלען. זייערע קעפּ זענען געווען נאַקעט ווי קניען. איט־
לעכער האָט אין איין האַנט געהאַט אַ קורצן פייל־בויגן און אין דער צווייטער
האַנט אַ לאַנגע וואורף־שפּיז. הינטער זיי זענען נאָכגעלאָפן פוסגייערס מיט
הילצערנע שטאַנגען, מיט העק און שפּיציקע מעסערס. די דאָזיקע כותים האָבן
געקוקט מיט קנאה אויף די קריגסלייט פון ישראל, וואָס זייערע לייבער זענען
געווען באַלאָדן מיט שווערן וואָפן, אָבער זייערע אייגענע פיס זענען געווען
גרינג ווי ביי פייגל און זייערע אָרעמס האָבן געפּאָכעט ווי פליגלען, ווען זיי
האָבן זיך געוואָרפן מיט די טונקעלע אָפּגעדעקטע גופים אויף די געלעכערטע
ווענט. פאַרטויבט פון דער שאַלונג פון די שופרות, האָבן זיי נישט געהערט די
באַפעלן פון די הויפּטלייט. אָבער גדיאל האָט אָנגעקוואָלן פון זייער אכזריות.
מיט די העק האָבן זיי אָראָפּגעריסן די קעפּ פון די כנענים, וואָס זענען אַרויס־
געשפּרונגען פון די וואַנט־לעכער. זיי האָבן געלאַכט פון טויט און נישט מורא
געהאַט פאַר אונטערגאַנג, אַפילו ווען זיי אַליין זענען געפאַלן ווי סנאָפּעס

אונטער די שניט־מעסערס פון שונא. זיי האָבן געוואָרט אויפֿן זאַקרויב, נישט פאַרשטאַנען דעם ווידערשטאַנד פון די געשלאָגענע און געשריען:

— די כנענים! זיי וועלן גיכער זיך שיידן מיט זייער בלוט איידער מיט זייער גאָלד!

פון די קייטן אויף די ברעטער־שטאַנגען האָבן זיך אָפּגעריסן די שטומ־ערנער און געפאַלן ווי האַמערס אויף דער פאָדערשטער מויער, איינמאָל, אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל. אַ ברוכשטיק נאָך אַ ברוכשטיק האָט געקראַכט און שטיינער האָבן זיך געקרישלט ווי שפּענער. פון די אָנגעשפּאַנטע בויגנס זענען געפלויגן פיילן אויף די טורעמס, וואָס האָבן זיך שוין געטרייסלט. דאָס חיל האָט אַרומגערינגלט די פיר מויערן ווי אין אַ ריזיק ראָד. עס זענען גע־שטאַנען גרייט די קעסלען מיט אייל, די בעקנס מיט שוועבל. עס זענען אָנגע־צונדן געוואָרן די ברען־אויוונס. די אויסגעשפּרייטע מחנה איז געטריבן געוואָרן צו די קלאַפּ־טויערן צופֿוסנס די פעלזן־גראָטן, צו די גרונטפעסטן און צו אַלע עפענונגען. עס איז געווען דער לעצטער אָנגריף אויף די צעטרייסלטע ווענט.

כלב און גדיאל האָבן דערזען יהושוע׳ן. ער איז געווען אַליין. ער איז אָנ־געריטן פון הינטער די ערדוואַלן. זיינע בליקן האָבן גערוט אויף דעם אויס־שפּרייט און זיינע אָרעמס זענען גרייט געווען אַרומצונעמען דאָס אומענדלעכע לאַנד. די הויפּטלייט האָבן זיך געוואונדערט דערזעענדיק דעם קריגסהאַר ווי ער רייט אַזוי רואיק הינטער דעם שלאַכטאָרט. ער איז געווען איינגעהילט אין אַ לאַנגן שוואַרצן מאַנטל, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צום קאָפּ מיט אַ זיל־בערנעם הוט, באַזעצט מיט בלויע איידלשטיינער. די ברייטע פאַלדן זענען אַרונ־טערגעפאַלן ביז צום פערדס קניען. עס האָט געפעלט זיין פאַנצער און די שפּיז. דער גלי פון די ערשטע זונשטראַלן האָט געגלימערט אויף די שפּיצן באָרד. כלב האָט פון התפעלות אַ מורמל געטון צו גדיאל׳ן: „אויסגעצירט ווי אַ זיגער, וואָס רייט אַריין אין אַ פאַרנומענער שטאָט!" און ער איז אַקעגן גע־גאַנגען דעם קריגספירער.

יהושוע האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום שלאַכטאָרט און גערעדט צו די הויפּטלייט:

— נאָר אַ וואַנט טיילט אָפּ ישראל פון יריחו. אָבער די וואַנט טרייסלט זיך שוין ווי אַ בוים, וואָס זיינע וואָרצלען זענען אונטערגעהאַקט. צעברעכט די וואַנט און גייט אַריבער אויף אירע חורבות!

זיין פערד האָט הירזשענדיק זיך געדרייט אין אַ קרייז, איינמאָל און נאָכ־אַמאָל. זיינע אויגן זענען ווידער געווענדט צו דער מויער.

— קוקט פאַראויס און זעט דאָס וואונדער — האָט ער געזאָגט — דער פיינט איז נישט אַריבערגעשפּרונגען די אייגענע שוועל, נאָר געבליבן הינ־

טער די צוימען. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל אונדזערע בראַנדהעלצער האָבן פאַרברענט די ציסטערנעס פון וואַסער און פאַרצערט די שפּייכלערס פון תבואה הינטער זייערע טורעמס. דעם גרעסטן פחד האָט זייער חייל פאַר דעם אומקום פון הונגער און דאָרשט, אָבער אייפערדיקע פעכטערס זענען זיי. וואָלטן די כנענים יאָ אַרויסגעשפּרונגען, דענטסמאָל וואָלטן זיי מיט דער וואַנט געשיצט די שטאָט אַזוי ווי אַ שלאַכטמאַן באַשיצט מיט דעם פּאַנצער זיין לייב.

אין דער מהומה האָט זיך געהערט דאָס דונערן פון די שטויס־הערנער און דאָס קלינגערייַ פון די שווערדן. און יהושוע האָט גערעדט דאָס, וואָס טאָר נישט געזאָגט ווערן אין די אויערן פון פאָלק, נאָר די ערשטע געטרייע, וואָס באַגראָבן די סודות אין זייערע הערצער, מעגן אַזוינע רייד הערן.

— מיין שרעק איז נאָר, אַז די ווייכהאַרציקע אין מיין מחנה וועלן דורכלאָזן דעם פיינט אַזוי ווי רויך דורך אַ נעץ. דעריבער גייט אַרויס און וואָרנט פאַר מיר די עלטסטע איבער הונדערט און די עלטסטע איבער טויזנט: כ'באַשווער אייך ביים אַלמעכטיקן גאָט, אַז אויף די שפּיצן פון די שפּיזן הענגט אייער לעבן! דאָס איבערבלייב פון הויז פון ישראל וועלן די כנענים פאַרלענדן, אויב שוינען וועט איר זייערע קעפּ! און צו די בויגנציערס זאָגט: ווען איר וועט אַריינקומען אין שטאָט, שליידערט די פיילן אין די בייכער פון די פערד און צילט זיי אין די רעדער פון די רייטוואָגנס, וועלן אויך די רייטערס פאַלן פאַר אייך! און צו די שפּיזן־וואַרפערס לאָזט הערן: אייערע שפּיזן זענען ווי ריטער, וואָס מוזן אָפּשינדן די הויט פון די גרויזאַמע ריזן, איידער זיי וועלן אייך פאַרשניידן! דאָס איז אייער לעצטע שלאַכט, מענער פון ישראל!

ווי ער האָט באַפוילן, אַזוי איז געשען. דערנאָך האָט יהושוע אַ צייכן געגעבן צו די כהנים פאַראויס און די האָרנס פון ווידערס האָבן אַרויסגעלאָזט די מעכטיקע שאַלונג. כלב און גדיאל האָבן צעשפּרייט דאָס חייל צום לעצטן אָנגריף אויף דער מזרח־מויער. אין דעם גרויסן געלויף איז די מחנה איינגעהילט געוואָרן אין אַ וואָלקן שטויב. פון הינטער דער וואַנט איז פּלוצים אויפגעגאַנגען אַ געדיכטער בראַנד־רויך ווי אַ געלער נעפּל, וואָס האָט זיך גערעדלט און געקנוילט דורך די אויפגעריסענע לעכער. אַרויס פון דעם רויך זענען געשפּרונגען כנענים מיט פּאַנצערס און שפּיזן, וואָס האָבן אויפגעגליט אַנטקעגן די זון־שטראַלן. זייערע געשרייען פון אַנגסט האָבן פאַרטויבט די לופט, ווען זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די אָנגרייפערס.

כלב'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די ערשטע רייען אין דער מחנה פון ישראל האָבן זיך געבראָכן. און גדיאל, אויס באַוואָרעניש אַז די פאָדערשטע קריגסלייט זאָלן נישט אָפּטרעטן, האָט אַרויסגעלאָזט אַ צאָרנדיק געשריי:

— בויגט נישט איין אייערע קניען, איר קריכענדיקע פּראָשן! זיי זענען די לעצטע שלאַנגען, וואָס אונדזערע פלאַמען־וואַרפערס האָבן אויסגערויכערט.

הינטער זיי וואַרטן די פעטע רינדער און די דערשראָקענע ווייבער, וואָס וועלן באַלד זיין אין אייערע הענט. איילט זיך! אין זייערע טעפּ קאָכן זיי שוין געשמאַקע געקעכצן פאַר אייך. פאָראויס, איר פּחדנים, ווייל מיינע געדערים דרייען זיך שוין איבער פון הונגער!

די כנענים זענען אַריינגעשפּרונגען אין דער מחנה פון ישראל ווי אין אַ תהום. זייערע אויסגעשטרעקטע שפּיזן האָבן געפלאַקערט אַקעגן דער זון, אָבער זיי זענען באַלד געפאַלן אונטער די פיילן פון די בויגנציערס. זייערע אויסגעשרייען פאַרן טויט האָבן געקלונגען ווי באַגייסטערטע תפילה־שפּרוכן און נישט ווי דער געיאָמער פאַרן אונטערגאַנג.

אין דעם פאַרצווייפלטן געלויף דורך די אויסהוילן און לעכער האָבן די כנענים מיטגעריסן שטיקער ווענט. אָבער די געבראָכענע מויער האָט זיך נאָך געהאַלטן ווי אַ צעטרייסלטער בוים אין שטורעם. זיי האָבן נישט אַרויסגעלאָזט דאָס וואָפן פון די הענט, אָבער זיי זענען געווען אוממעכטיק צו פעכטן אונטער דעם מוראדיקן האָגל פון פיילן. די, וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם טויט, זענען געטריבן געוואָרן צו די ערדוואַלן, וואו די כותים האָבן זיי אַרומגערינגלט און געבונדן מיט שטריק. געציילטע האָבן זיך אַרויסגעריסן און זענען אַנטלאָפן צו די בערג פון מואב, אָבער די הויפּטלייט האָבן געלאַכט פון די פאַרמשפּטע צו אומקום, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי וועלן אויסגיין אין דעם אָפענעם מדבר.

צווישן די כהנים מיט די שופרות פאַר די פאָדערשטע בויגנשפּאַנערס האָבן זיך באַוויזן די טרעגערס פון דעם ארון פון בונד. דאָס חייל, מיט נצחון־אויסגעשרייען אויף די ליפּן, האָט אָפּגעשטעלט דאָס הייליקטום און יענע מיט וואונדן אויף די הענט האָבן געוואָלט באַשפּריצן די ראַנדן פון ארון מיט דעם בלוט פון זייערע פינגער, ווי אַ וואונטש לעבעדיקערהייט אַריינצוקומען אין יריחו. ווי נאָר כלב האָט דערזען דעם געצנדינערישן מנהג ביי זיינע קריגסלייט, האָט ער געפלאַמט פון צאָרן און מיט זיין שפּיז געקלאַפּט איבער די קעפּ פון די לעםטערערס. ער איז געווען מיד און פאַרשטויבט און זיין נאַקן איז געווען באַדעקט מיט בלוט־פלעקן. אָבער דער אויפגעוואַכטער אייפער אויף די, וועלכע פאַרזינדיקן זיך אין דער לעצטער רגע, ווען זיי מוזן בלייבן ריין פאַר גאָט, האָט אין אים אָנגעגאָסן פרישע כוחות. די פאַרשעמטע קריגסלייט זענען צוריקגעלאָפן אין גרויס בהלה. אומגעריכט איז נעבן כלב'ן אויסגעוואַקסן דער צעהיצטער גדיאל אוןביידע האָבן געטריבן די הינטערשטעליקע.

— הינטער אונדז, איר קריכענדיקע טשערעפּאַכעס! אויף דער מויער!

— מיט די לעצטע פיילן! מיט די שפּיזן! מיט די פלאַמען־וואַרפערס!

דאָס חייל, איינגעהילט אין געדיכטן שטויב, האָט זיך געוויקלט אין אַ קנויל, און פון דעם קנויל האָבן זיך אַרויסגעשיילט די פעכטערס פון ישראל לויט זייערע מינים. די לופט, וואָס האָט אויפגעגליט אין דעם יונגן פרימאָרגן,

האָט איינגעזאַפּט קולות פון געבעט און פון קללות, געשרייען פון יאוש און פון נצחון.

פּלוצים איז די מחנה פאַרטויבט געוואָרן פון אַ מעכטיקער דונערײַ ווי אַלע כוחות פון שטורעם אונטערן הימל וואָלטן זיך אויפגעהויבן צום לעצטן אָנגריף. די שופרות האָבן נישט אויפגעהערט צו שאַלן און אין דער קאַוואַלעריי פון די שטויס־הערנער, אין דער קלינגערײַ פון די שווערדן און שפּיזן, אין דער זשור־מערײַ פון די פײַלן ביים שיין פון די צינדהעלצער איז אויפגעגאַנגען אַזאַ מוראדיקער רעש גלײַך די ערד וואָלט זיך געשפּאָלטן און די בערג וואָלטן אויפגעריסן געוואָרן. און דער רעש איז געווען הילכיקער פון דעם געוויטער איבער סדום ועמורה, וואָס זענען פאַרטיליקט געוואָרן אונטערן רעגן פון שוועבל און פייער.

אַזוי זענען איינגעפאַלן די מויערן פון יריחו און צוגעדעקט אין שטויב די פאַרמשפּטע שטאָט.

קאַפיטל צוואַנציק

א

— גאָט פון ישראל, ברענג אַראָפ אַ קללה אויף דער דאָזיקער שטאָט, אַ פלוך אויף אירע קריגערס און אויף אירע באַוואוינערס! שיק אויף זיי אַראָפ אַ פעסט, וואָס זאָל זיי פאַרצערן, וואָרום דאָס איבערבלייב פון ישראל האָבן זיי געוואָלט פאַרלענדן, ווען דיין אומה האָט געזוכט אַן אָרט אַנידערצולייגן דעם מידן קאָפ נאָך דעם לאַנגן וואָגל. פאָטער אין הימל, נעם נקמה פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון דיינע קנעכט! מעק אָפ פון דער אויבערפלאַך די וואוינערטער, פאַרשטום דאָס געזאַנג פון די פייגל און זאָל איבער זייערע דעכער נאָר פליען דער שוואַרצאָדלער און דער האַביך, דער ראָב און דער פאַלקפויגל. וויש אָפ די טעמפלען, רייס אויס די לעצטע שטיינער און לעש אויס דעם לעצטן אָטעם פון לעבן! און זאָלן אונטערגיין די, וועלכע האָבן פאַרזייט אירע פעלדער און די, וועלכע האָבן געפלאַנצט אירע ווייַנשטאָקן. פון דעם אָרט פון פאַרוויסטונג בעט איך ביי דיר גאָט פון ישראל, אַז עס זאָל אויף דער דאָזיקער שטאָט נישט פאַלן דאָס ליכט פון אויבן, נאָר אַן אייביקע פינסטערניש זאָל הויערן אויף אירע חורבות! פאַרשאָלטן זאָל זיין פאַר גאָט דער מאַן, וואָס וועט אויפשטיין און אָפבויען די שטאָט יריחו! מיט דעם לעבן פון זיין בכור זאָל ער לייגן איר גרונטפעסט און מיט דעם יונגסטן זון זאָל ער אַריינשטעלן אירע טירן!

יהושוע׳ס קללה אויף דער געפאַלענער שטאָט איז געקומען פון דער הויך. דער קריגספירער איז געשטאַנען אויף אַ הויפן ברוכוואַרג הינטער די צעבראָכענע טורעמס. צופוסנס איז געלעגן די פאַרוויסטע יריחו און אַרום אים זענען געשטאַנען די הויפטלייט, די פירשטן און די עלטסטע פון די פאָטערהייזער. די זון איז שוין געווען הויך אין הימל און גליענדיקע שטראַלן זענען געפאַלן דאָ אויף אַ נאָכהענגענדיקער שטיק וואַנט און דאָרט אויף אַן אָפגעריסענעם שטיין־אָפבילד פון אַ געץ. די הייזער זענען געלעגן אין שטויב. די פאַרשמאַכטע איינ־

וואוינער זענען געזעסן פאַר די צעבראָכענע שוועלן, נאָר דער גרויסער טעמפל מלך קרתא אינמיטן מאַרק, פאַרגעסן פון הימל, פאַרלאָזן פון די פריסטערס, האָט ווי אַ שטומער עדות אַראָפּגעקוקט מיט חרפה אויף דער פאַראומגליקטער שטאָט. די בראָנדזענע קופּאָלן איבערן געוועלבטן דאַך האָבן געגליט ווי אָנגעצונדענע שפּיגלען, אָבער די אָנגעהויפטע בערג מיט שוואַרצער ערד, די אַרויסגעריסענע ביישטידלעך, די אויסגעהאַקטע טירן האָבן געיאָמערט אויפן אונטערגאַנג פון דער קרוינשטאָט.

יהושוע האָט געקוקט אויף די איינגעזונקענע וואוינערטער, וואָס זענען ערשט נעכטן געווען הייזער פון לוסט און געטראַכט: אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד איז די קרוינשטאָט פון כנען און נישטאָ ווער עס זאָל זי אויפריכטן. אַזוי ווי עס האָט פאָרגעזאָגט גאָט דער האַר, אַז די שטאָט וואָס פלעגט אַרויס מיט טויזנט, וועט בלייבן ביי הונדערט און די שטאָט וואָס פלעגט אַרויס מיט הונדערט, וועט בלייבן ביי צען. און די וואָס פלעגט אַרויס מיט צען, וועט ליגן פאַרלאָזן, אויסגעשטעלט צו דער שווערד און צו די רויבפייגל.

ווען דאָס חייל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די פיר עקן שטאָט, האָבן די טירן פון די אויבערשטע הייזער זיך געעפנט און אונטערטעניקע האַרן מיט צווייגלעך איילבירטן אין די הענט זענען אַרויסגעקומען בעטן שלום. אין זייערע אויגן איז נישט געווען קיין שפּור פון פיינטשאַפט, אָבער הינטער זיי זענען פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען די לעצטע פאַרבלוטיקטע וואָפנטרעגערס, גרייט זיך צו וואַרפן אויף די זיגערס. זיי זענען צוריק געטריבן געוואָרן. אַ רעגן פון פיילן האָט זיי דערשלאָגן אויפן אָרט.

אין דער אונטערשטער שטאָט, אַריבער די איינגעזונקענע הייזער האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ האַלב־רונדיקע גאַס, אויסגעשטעלט ווי אַ גאַלעריע. די בנינים מיט אַרונטערגעריסענע דעכער זענען געווען געבויט פון רויטע פעלזן און ווייסן מירמלשטיין. די אַרומיקע גאָרטנס האָבן אויסגעזען ווי גרינע וויינשטאָקן, נאָר וואָס פאַרלאָזן פון זייערע גערטנערס. אויף די אָפענע מערק זענען אַרומגעקראָכן פאַרבלאָנדזשעטע שאָף און געגריזשעט די קלעטער־פלאַנצן אויף די חרובע צאַמען. די ציסטערנעס זענען געבליבן אויסגעטריקנט פון וואַסער, די שפּייכלערס אויסגעליידיקט פון קערנער.

עס איז אָנגעריטן כלב אויף אַ ווייסן לויף־פערד, וואָס ער האָט צוגענומען ביי אַ מדבר־רייטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם קיילעכדיקן פּלאַץ הינטערן גרויסן געצנהויז. עס זענען דאָרט געבליבן טורעמס מיט זיילן, פאַרשפּיצט מיט בראָנדזענע גיסרערן און זילבערנע קייטן, וואָס זענען געהאָנגען אַזוי ווי האַלדזשנורן אויף די נאַקנס פון שיינע פרויען. פון די הויכע ווענט האָט נאָך געבלענדט דער גלי פון רויטן קופּער און דער שיין פון בלויען מירמל־

שטיין. די שטאָט איז געווען פאַרוויסט, אָבער כלב האָט באַוואונדערט איר גרויסקייט. ווען ער איז צוריקגעקומען און מדבר נאָכן אויסשפּירן די שטאָט, האָט יריחו׳ס מאַכט אים באַצוואונגען מיט איר פּראַכט. ער האָט פריער זיך נישט דערוועגט אַרויסצוזאָגן זיין התפעלות אויף איר שיינקייט. אַצינד שטייענ־דיק פאַר די חרובע בנינים, איז ער מיטאַמאָל באַהערשט געוואָרן פון פּאַרכט און באַרמהאַרציקייט, ווייל ער האָט נישט באַנומען דעם אומגלייכן פאַרמעסט. אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק האָט דאָ געפאַכטן. ישראל קעגן כנען. ווער האָט געקענט גלייבן אין דעם נצחון פון ווינציקע קעגן פיל?

און ווי ער האָט געקוקט אויף די רויטע לאַנדשטיקער הינטער די איינגע־פאַלענע ווענט, האָט ער פלוצים זיך דערמאָנט אָן רחב׳ן און זיין גוף האָט אויפגעציטערט. די מויער פון איר גאַסטהויז איז געווען אין דעם אַנדערן עק שטאָט און ער האָט געוואָרט אויף דעם באַפעל פון יהושוע׳ן אַרויסצופירן די רעכטפאַרטיקע פרוי און איר הויזגעזינד. זיין בלוט האָט אויפגעזאָטן און זיין האַרץ האָט אויפגעשטורעמט, ווען איר געשטאַלט האָט ווידער אויפגעוואַכט פאַר אים אין דער חרובער שטאָט.

אין צווייטן עק שטאָט האָט גדיאל אַרויסגערופן דעם שטאָטהאַר און זיינע ראַטגעבערס און באַפוילן צו באַגראָבן זייערע טויטע און איבערגעבן אין גע־פאַנגענשאַפט די לעבעדיקע פעכטערס, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין הויז פון די עלטסטע. די געפאַנגענע זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַ גרויסן לאַגער און מען האָט זיי נישט געבונדן אין קייטן. אַלע אינאַיינעם, די אונטערטעניקע און די ווידערשפּעניקע זענען געשטויסן געוואָרן אַרויס פון שטאָט, צום טאָל הינטער די ערדוואַלן.

די געפאַלענע אין דער מחנה פון ישראל זענען איינגעזאַמלט געוואָרן הינטער די פעסטונגען, איידער מען האָט זיי צו קבורה געברענגט. דער לאַגער האָט אויסגעזען ווי אַ טומלדיקער יאַריד. אין געדרענג האָבן די געפאַנגענע געוואַרט, אַז די זיגערס זאָלן זיי שענקען שפּייז און וואַסער. שקלאַפן מיט רויב אויף די הענט זענען אַרומגעלאָפן און אָנגעבאָטן אַ טויב פאַר אַ האָרן און אַ הענגל וויינטרויבן פאַר אַ פּאָר קופּערנע רינגען. די הויפּטלייט האָבן אַרויסגע־פירט פון די הייזער דאָס גאָלד און זילבער, די קופּערנע און אייזערנע כלים פאַר דעם שאַץ פון גאָט, אַזוי ווי יהושע האָט באַפוילן. אָבער די גייציקע האָבן פאַרגעסן דעם אָנזאָג פון חרם און באַהאַלטן דאָס רויב פאַר זיך. און צווישן זיי איז אַרויסגעקומען איינער ע כ ן, דער זון פון כרמי פון שבט יהודה און אויס־געשריגן: לאָמיר צונעמען דאָס שפע פון לאַנד! האָבן זיי אים געפאָלגט און געפעלשט אַ פעלשונג אין דעם חרם. און זיי האָבן אַרויסגעפירט פון באַהאַל־טענע שטאַלן פעטע אָקסן און באַרג־ציגן, און אַלערליי אומריינע פייגל לויט

זייערע מינים: דעם נאַכטשפּאַרבער און דעם שטאָקאייל, דעם פישפרעסער און דעם פעליקאַן, דעם שטאָרך און דעם בושל. דערנאָך האָבן זיי אויפגעריסן די אונטערערדישע שייערן און אָנגעשטאָפּט זעק מיט געבראָטענע זאַנגען, גע־רויכערטע פיש און זעלטענע פּרוכטן פון דעם רייכן דרום־לאַנד, וואָס זייער טעם איז געווען געשמאַקער פון דעם ווייַרויך אין די געצנהייזער. און דאָס גאָלד און זילבער האָבן זיי אַוועקגעשלעפּט אין פּאַרזיגלטע קאַסטנס. דאָס אַלץ האָבן זיי געטון אַן דעם וויסן פון די פירשטן און פון די עלטסטע פון די שבטים און הינטער די אויגן פון יהושוע׳ן.

צווישן די זיגערס און די געפאַנגענע זענען פאַרטויבט געוואָרן די זיפצן פון די פאַרקריפּלטע זקנים און דאָס געוויין פון די פאַרשמאַכטע קינדער. און הינטער זיי האָבן וואַכמייסטערס מיט בייטשן געטריבן האַלב־אָנטבלויזטע פרויען, וואָס זענען געקומען בעטן שפּייז פון דער הינטערשטאָט. ביי טייל זענען די לייבער געווען ברוין ווי רייפע טייטלען, ביי אַנדערע גרין ווי איילבירטן אָדער געל ווי זונבלומען. אַזעלכע פרויען האָט מען אין כנען אָפּגעקויפט ביי ים־פאָרערס אָדער אַראָפּגענבעט פון קאַראַוואַנען, אָדער אַרויסגעפירט פון די הייזער פון פאַרגעניגן. זיי האָבן אַצינד געקושט די פיס פון די קריגסלייט און געבעטלט ברויט, אַ קרוג ווייַן און אַ שטיק געוואַנד צו פאַרדעקן די לענדן. אָבער די זיגערס, אָנשטאָט צו טיילן נדבות זענען זיי אַרוים פּלינדערן די רייכע הייזער, ווי ס׳איז דער שטייגער פון יענע, וואָס פאַרנעמען אַ שטאָט און וואַרפן אַן חרפּה אויף די איינוואוינערס. זיי האָבן ביי די מאַמעס אַראָפּגעריסן אָרעמ־בענדער און האַלדזשנורן, און ביי די טעכטער האָבן זיי אַראָפּגעצויגן די איי־דעלע לייַנענטיכער פון זייערע בוזימס און אַרויסגעשלעפּט די זילבערנע קאַמען פון זייערע האָר. ווען די באַרויבטע טאַטעס און מענער האָבן מער נישט געהאַט קיין ווערטזאַכן, האָבן די לוסטיקע און פרעכע קריגסלייט געמאָנט:

— אַצינד אייערע ווייבער!

— אייערע טעכטער!

און זייערע קולות זענען אויפגעגאַנגען ווי אַ ווילדע שאַלונג:

— ווייַן צו לעשן דעם דאָרשט פון גומען!

— פרויען צו שטילן דעם הונגער פון לייב!

זיי האָבן שוין געהאַלטן אין אַריינרייסן זיך דורך די עפענונגען פון די אויפגעבראָכענע טירן, אָבער די פאַרשעמטע מענער האָבן פאַרצוימט פאַר זיי דעם וועג און מיט צעשפּרייטע הענט געוואָלט אָפּהאַלטן די באַפאַלערס, אַז זיי זאָלן נישט פאַרשוועכן די ריינקייט אין זייערע חרובע הייזער. דאָס, וואָס איז געשען פאַר יענע שוועלן, איז נישט געווען פאַרהוילן פאַר די אויגן פון כלב׳ן. ווי אַ רייטער אויף אַן אָדלער איז ער אָנגעפלויגן אויף זיין לויף־פערד.

— גענוג, אייך! — האָט ער געשריען — ווי לאַנג וועט איר לעסטערן די, וועלכע שטייען פאַר אייך אויף די קניען?

זיין פּנים האָט געפלאַמט און זיין קול האָט געדונערט:

— צי האָט איר חרוב געמאַכט די דאָזיקע שטאָט נאָר כדי צו זעטיקן אייער לוסט מיט די טעכטער פאַר די אויגן פון זייערע מאַמעס?

די צעהיצטע קריגסלייט זענען געשטאַנען צעטומלטע בלויז איין אויגנבליק און דערנאָך אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן, אַז כלב׳ס בליקן זאָלן זיי נישט דורכבורענען ווי גליענדיקע ריטער. פּלוצים איז צווישן זיי אַריינגעשפּרונגען גדיאל. ער איז געזעסן הויך אין זאָטל פון זיין ברוין פערד. זיין גוף האָט אויסגעזען מעכטיקער אונטער די שווערע וואָפנקליידער. דער שטערן און די באַקנביינער זענען געווען באַדעקט מיט שטויב. פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער הונגער פון אַ וואָלף. זינט דער באַלאַגערונג פון יריחו האָט ער געהאַלטן די קריגסלייט אונטער זיין צוימער. לויט זיין ווילן האָבן זיי געשלאַכט, לויט זיין ווילן האָבן זיי געטרויערט. האָט ער געוואָלט, האָבן זיי געשאַלט. האָט ער באַגערט, האָבן זיי געשוויגן. אַצינד האָט ער זיך אָנגענומען פאַר די, וואָס כלב האָט געוואָלט באַרויבן פון די ערדישע באַגערן.

— לאָז זיי! — האָט ער גערופן צו כלב׳ן און אויסגעשטרעקט אַ נאַקעטע שווערד — צי זענען דען די דאָזיקע אומדערשראָקענע דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן וועג, אַז דו זאָלסט אויסרייסן ביי זיי די געזונטע לוסט, וואָס ברענט אין די לייבער פון אַלע שטאַרקע מענער? די טויטע וועלן נישט אויפשטיין און די לעבעדיקע לעכצן נאָך פאַרגעניגן. צי ווילסטו אַריינשטעכן רינגען אין זייערע קינבאַקן און אַריינקלאַפּן נעגל אין זייערע אויערן, און זיי צושמידן ווי שקלאַפן צו די קלעצער?

די ליפּן האָבן ביי אים געבלעזלט מיט שוים און די ציין האָבן געקריצט, ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די צעטומלטע שלאַכטמענער.

— האָרכט נישט וואָס עס זאָגן אייך די אָפּגעהיטענע, איר קריגערס פון ישראל! — האָט ער געשריען — אייערע אָקסלען וועלן באַלד זיין ווי היל־צערנע שטאַנגען און אייערע לענדן וועלן ווערן פאַרגליווערט און אייער בלוט וועט זיך לעשן ווי ביי זקנים. אייערע הויפּטלייט אַליין וועלן ווערן פעט און רייך. זיי וועלן זיך באַזעצן אין פרעמדע הייזער און פונאַנדערטיילן די פרוכטן־ביימער איינער צום אַנדערן. צי זענען מיר דען ווי די כהנים, געהייליקט צו גאָט, אַז מיר זאָלן אָפּטויטן אין זיך די הייסע לוסטן? ניין! אַ מלחמה האָבן מיר געפאָכטן און געוואונען. דער ריח פון בלוט און דער אייטער פון די וואונדן האָט אונדז אומריין געמאַכט. לאָמיר היינט, אין אונדזער קוויטיקייט, געניסן פון אַלץ וואָס איז פאַרבאָטן פאַר די ריינע און אָפּגעהיטענע! ווי זיגערס זענט

איר היינט דאָ אַריינגעקומען און ווי פּאַר זיגערס ליגט די שטאָט צו אייערע פּיס. נעמט אייער באַלוינונג, קריגסמענער פון ישראל!

ב

ווי די אויפגעמונטערטע קריגסלייט האָבן אַרויסגעלאָזט פריידגעשרייען און געהויבן די הענט צו גדיאל'ן, האָט צווישן זיי אין געאייל זיך געריימט אַ וועג אַ דאַרער זקן, געקליידט אין געלע ליינען. זיינע אויגן זענען געווען איינגעזונקען און טיפע קנייטשן זענען געווען איינגעקאַרבט אונטער זיי. די ווייסע באָרד איז געווען באַשפּריצט מיט זאָמד און אויפן ברוינעם שטערן זענען געשטאַנען גרויסע טראָפּנס שוויס. ער האָט פאַרביילט אַ פּאָר ציטערדיקע פויסטן און געוואָרנט.

— פאַראומרייניקט נישט אייער כבוד, קריגערס פון ישראל! איך האָב אייך היינט געזען אין אייער רום און גבורה. און איך האָב אויפגעהויבן די הענט צום פאָטער אין הימל און געזאָגט: די דאָזיקע גיבורים האָסטו אוועקגעשטעלט אויף אַלע טעג צו שיצן דאָס פאָלק! און איר, צי איז אייך דען ווינציק היינט די ערשטע באַלוינונג? גלוסטיקע שפּייזן האָט איר געגעסן, מיט געבראָטענע פליישן האָט איר אָנגעשטאָפּט אייערע בייכער און מיט קרוגן ווין האָט איר אָנגעגאָסן אייערע העלדזער. בלייבט טויב צו די פאַרפירערישע רייד, וואָס וועלן אייך טרייבן צום אָפּגרונט!

פון אויפרעגונג האָט דער זקן זיך צעהוסט און די פאַלדן אויף די גערונצלטע באַקן האָבן אויפגעגליט. ער האָט געוואָרפן אַ צאָרנדיקן בליק אויף גדיאל'ן. ער האָט אַרויפגעלייגט פינף פינגער אויף זיין מויל, אָפּגעווישט די ליפּן און געזאָגט:

— זעט, איר האָט צעטראָטן די שטאָלצע שטאָט, וואָס איז געווען די פירשטין צווישן פעלקער און די האַרינטע צווישן לענדער. פאַרוואַנדלט נישט אירע חורבות אין אַ מאַרק פון זנות!

גדיאל האָט אַ שטויס געטון זיין פערד פאָראויס און אָפּגעמאָסטן דעם אויסגעצערטן זקן, וועלכער האָט זיך דערוועגט צו וואַרפן חרפּה אויף זיינע שלאַכטמענער.

— ווער איז ער? — האָט ער געפרעגט — און פונוואַנען קומט ער?

אַ יונג פון זיינע באַדינערס האָט זיך אַרויסגערוקט און געזאָגט:

— יהויקים, איינער פון די אַלטע כהנים, וואָס זיצן הינטער דעם ארון פון בונד, איז ער.

— פון יענע, וואָס האָבן מער נישט קיין כוח צו בלאָזן אין האָרן? אַ טיגער מיט אָפּגעשניטענע נעגל?

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ווילדן געלעכטער און גערופן הינטער זיך די קריגסלייט:

— קומט צו די שטאַרקע כהנים און לאָמיר זיי פרעגן וואָס עס מעגן די זיגערס און וואָס זיי טאָרן נישט אין אַ פאַרנומענער שטאָט.

די אויפגערעגטע וואָפּנטרעגערס האָבן לויפנדיק זיך געשטופּט צו דער עדה כהנים, וואָס האָבן גערוט איןביידלעך, צופוסנס דער לעצטער פעסטונג. אין געלויף האָבן זייערע קולות טויב געמאַכט די לופט. גדיאל איז מיט אימפּעט געריטן פאָראויס, די קריגסלייט הינטער אים, און ווי נאָר ער איז צוגעקומען צום איינגאַנג פון דעם ערשטןביידל, האָט ער אויסגערופן:

— איר זייט כהנים פון ישראל און איר ווייסט וואָס עס געשעט נאָך אַ שלאַכט אין אַ פאַרנומענער שטאָט. עס איז נישטאָ אַזאַ כוח אונטער דער זון, וואָס זאָל אָפּהאַלטן געזונטע מענער צו נעמען געפאַנגענע פרויען. דאָס, וואָס איר וועט הײַנט זען מיט אײַערע אויגן, געשעט אין אַלע מלחמות ביי אַלע פעלקער. ווי לאַנג וועלן מײַנע מידע שלאַכטמענער וואַרטן? כהנים פון ישראל, גיט זיי אײַער ברכה צו גניסן די פאַרבאָטענע פרוכט. דער הויפּטמאַן פון חיל באַפעלט אײַך!

זײַנע אויגן האָבן געברענט. ער איז באַצוואונגען געווען פון אַן אומגעצווימטער לוסט און אין זײַן קול האָט געקלונגען אַזאַ שפּאָט, אַז עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין ווי נאָך אַזאַ לעצטערונג קומט פון איינעם, וועלכער שטייט פאַרכטיק און אונטערטעניק פאַר יהושוע'ן. איידער די צערודערטע כהנים האָבן באַנומען דעם זין פון זײַנע פרעכע רייד, האָט כלב זיך אַרויסגערוקט פאָראויס, גרייט צו שטרייטן דעם שטרייט צווישן זיי און גדיאל'ן.

— דער הויפּטמאַן פון חיל באַפעלט! — האָט ער מיט פאַראַכטונג געזאָגט — דער הויפּטמאַן פּסקענט! דער הויפּטמאַן הייסט זײַנע קריגערס נעמען געפאַנגענע פרויען! נעמען הייסט ער? שענדן הייסט ער זיי! מיר אַלע האָבן געזען ווי אונדזערע וואָפּנטרעגערס זענען ווי רויבערייונגען באַפאַלן די געשלאָגענע איינוואוינערס און אויסגעפּלינדערט זייערע הייזער. און זיי האָבן פאַרגעסן דעם פאַרזאָג פון חרם. באַלד וועלן די פירשטן און די עלטסטע פון די שבטים קומען און נעמען דאָס, וואָס די רויבערייונגען האָבן איבערגעלאָזט. און נישט די באַזיגטע נאָר די זיגערס וועלן ווידער פאַרוואַנדלען דאָס אומגליקלעכע וואוינאָרט אין אַ שטאָט פון רויב. אויף דעם באַפעל פון אַ הויפּטמאַן פון חיל וועט דאָס פאָלק ווערן פאַרדאַרבן און זײַן לעבן וועט ווערן הפקר און די ערד וועט נאָכאַמאָל זיך ווייקן אין בלוט.

צווישן כלב'ן און גדיאל'ן איז אויסגעוואַקסן דער אויסגעצערטער זקן. ער איז געוואָרן קלענער אין וואוקס און ווינציקער אין מאָס צווישן די צוויי רייטערס, וואָס האָבן ווי מעכטיקע לייבן זיך ארויסגעהויבן פון די זאָטלען. אָבער זיינע מידע אויגן האָבן פלוצים אויפגעגליט אַזוי ווי אַ פלאַקער, וואָס וויל זיך נישט פאַרלעשן.

— די ערד וועט זיך ווייקן אין בלוט, ווייל ס'איז נישטאָ קיין פאַסטוך פאַר דער סטאַדע! — האָט ער געשריען — נישטאָ קיין לערער און קיין וועג־ווייזער פאַר דעם פאָלק. יהושוע, אונדזער קריגסהאַר, איז מיד נאָכן נצחון און ווער זאָל אַצינד פירן די דאָזיקע צעטומלטע עדה? די הויפטלייט, וואָס לעסטערן? די עלטסטע פון די שבטים, וואָס פאַרשווענכן? לאָמיר ארויסגיין און זען וואָס עס איז געוואָרן פון דעם חייל פון גיבורים! מעכטיקע מויערן האָבן זיי איינגעוואָרפן, אַ פעסטונגשטאָט האָבן זיי איינגענומען און זיי ווייסן נישט וואָס צו טון מיט דעם נצחון. הלוואי זאָל מיין צונג ליגן זאָגן, אָבער הימל און ערד זענען עדות, אַז ס'איז נאָענט דער טאָג, ווען דאָס דאָזיקע חייל וועט ארויסרייטן אינאייגעם מיט די רויבעריונגען פון כנען צו פאַרוויסטן דאָס לאַנד און צו פאַרלענדן דאָס פאָלק. און קיינער הויבט נישט אויף דאָס קול און קיינער וואָרנט נישט אויף דעם אומגליק. אַזוי פיל כהנים הינטער דעם אוהל מועד, אַזוי פיל לערנערס מיט קלוגע קעפּ און פאַרשטענדיקע הערצער! זייערע ליפּן טריפן מיט חכמה. אַלע פאַרכטן זיי פאַר גאָט, אָבער זיי האָרכן די באַפעלן פון די קריגסלייט!

און דער זקן יהויקים האָט אַ צעפלאַמטער זיך געטרייסלט. ארום די צו־זאַמענגעקוועטשטע ליפּן האָבן זיך איינגעשניטן צוויי שאַרפע קאַרבן ווי האַלבע בויגנס. זיין קול איז געוואָרן העכער און קיינער האָט אים נישט אָפּגעשטעלט.

— די כהנים, די לערערס פון פאָלק זיצן אָפּגעשלאָסענע אין זייערע געצעלטן און זיי זעען נישט ווי אָפּגעשיידט זיי זענען פון דער וועלט. די וועלט שטייט באַזונדער און דער ארון פון בונד שטייט באַזונדער. צוויי הערשערס רעגירן מיט דעם פאָלק, די ריינע און געהייליקטע אין די כהונה־קליידער, און די שלאַכטמענער אין די וואָפנקליידער. און איינער קער זיך נישט אָן מיט דעם אַנדערן!

און דער אַלטער כהן האָט זיך אַ קער געטון צום המון מיט אויסגעשפּריי־טע הענט:

— אַזוי ווי כ'האָב געזאָגט: צוויי רעגירן מיט אייך, צוויי הערשן איבער אייך, מענער פון ישראל, און איר שווייגט! פאַרוואָס רופט איר נישט ארויס די כהנים און די לוויים, אַז זיי זאָלן שטאַרקן אייערע הערצער און קרעפטיקן אייער ווילן? און זיי, די געאַכפּערטע, פאַרוואָס קומען זיי נישט ארויס צו דעם

פירער פון דער מחנה צו זאָגן אים דעם ווילן פון די ערלעכע? הער, גדיאל, פון שבט בנימין! אין נאָמען פון די אָנגעזעענע און אויסדערוויילטע, אין נאָמען פון די היטערס פון הייליקן ארון, זענען מיר גוזר אויף דיר, אַז דו זאָלסט אוועקנעמען דיינע הענט פון דעם דאָזיקן חייל!

און ווי ער האָט זיך אַזוי געהיצט און געוואָרפן זיינע צאָרנדיקע רייד אויף די קעפּ פון די אָנגעזעענע און געאַכפּערטע, האָבן אַלע געשוויגן. כלב האָט געוואַרט ביז דער כעס ביים זקן האָט זיך געלאָשן און זיין געמיט האָט זיך געקילט. דערנאָך האָט ער אָפּגעמאָסטן גדיאל'ן מיט אַ בליק פון גרינגשעצונג און געזאָגט צום רעכטפאַרטיקן מאַן:

— יהויקים הכהן, דו האָסט אַרויסגערעדט ווערטער, וואָס זענען ווערט געווען צו הערן. דיינע רייד קאָנען אָנצינדן דאָס בלוט ביי אַלע פּאַרכטיקע. אָבער איך וואונדער זיך אויף דיר, וואָס דו האָסט אויסגעגאָסן דיין ביטערן צאָרן אויף דעם דאָזיקן גדיאל פון שבט בנימין. צי ווייסטו דען נישט ווער עס איז דער דאָזיקער מאַן פון לוסט?

— ווער ער איז? — האָט יהויקים אויסגערופן — אַ קריגסהאַר אין ישראל איז ער! אַ קיווער אַזוי ווי אַ שטראַלנדיקע קרוין האָט מען אויף זיין קאָפּ אַרויפגעזעצט!

האָט כלב זיך אַראָפּגעבויגן פון זיין זאָטל און ריידנדיק שטיל, האָבן זיינע ליפּן אָנגערירט דאָס אויער פון דעם זקן:

— דערפון קענסטו לערנען, יהויקים הכהן, אַז נישט די קרוין אויפן קאָפּ זאָל מען שעצן, נאָר דעם קאָפּ, וואָס איז אין דער קרוין איינגעראַמט.

דערהערנדיק די רייד זענען עטלעכע קריגסלייט הינטער אים געבליבן ווי צוגענאָגלט צו די ערטער, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז באַלד וועט גדיאל זיך אַרויפוואַרפן אויף כלב'ן און אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט וועט אויסברעכן צווישן ביידע הויפּטלייט. פאַרלוירענע האָבן זיי זיך געשראָקן, אַז דאָס וואָס איז נאָך ביז יענעם טאָג נישט געהערט און נישט געזען געוואָרן אין דער מחנה פון ישראל, וועט היינט געשען.

אָבער אומגעריכט פאַר יעדן איינעם האָט גדיאל אויסגעבראָכן אין אַ ווילדן, אומגעצוימטן געלעכטער. ער האָט געלאַכט מיט אַזאַ קראַפט, אַז יעדער אבר פון זיין פעלזיק־אויסגעגאָסענעם גוף האָט זיך געטרייסלט, און אַזוי לאַכנ־דיק און טרייסלענדיק זיך האָט ער מיט אַ האַנט־צייכן אָנגעוויזן די רייטערס און פוסגייערס, זיי זאָלן זיך לאָזן הינטער אים. ער האָט אַ צי געטון דאָס צוימל אויף דעם פערדס נאַקן און די רייט־חיה איז אונטערגעשפּרונגען פון אָרט און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ געדיכטן וואָלקן שטויב.

און דאָס, וואָס ס'איז געשען אינדרויסן פאַר דער מחנה, איז אויך נישט

געוועז פֿאַרבאָרגן פֿאַר די אויגן פֿון יהושוע׳ן. אָבער ער האָט דאָס אָרט נישט פֿאַרלאָזט. ער איז ווידער געשטאַנען אויף אַ הויפֿן ברוכוואַרג, הינטערן לעצטן טורעם. די פֿירשטן און הויפּטלייט זענען מיט אים נישט געווען. אַליין, זאַט פֿון נצחון, איבערגעוועלטיקט מיט דער גבורה פֿון זיין חייל האָט ער געקוקט אויף דער באַצוואונגענער שטאָט. וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט געהאַט דער קליינער שטרייט צווישן די קריגסמענער אַנטקעגן דעם גרויסן געפֿעכט, וואָס וועט ערשט אויפֿפֿלאַקערן אין דעם גרויסן, אָפֿענעם לאַנד?

ווי אַ דערבאַרעמדיקער פֿאָטער האָט ער געקוקט אויף זיינע צעקריגטע זין און געוואַרט זיי זאָלן צוימען דעם כעס און אויסלאָדן די ביטערקייט פֿון זייערע הערצער. וואָרום אין יענער רגע איז געווען איין מאַן, וואָס האָט געקענט אַרויסנעמען די צעטומלטע פֿון דער פֿאַרגליווערטקייט, פֿאַרטרייבן דעם פּחד פֿון די צערודערטע און אויסלעשן די אומזיסטע שנאה — ער, דער קריגספֿירער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען און פֿאַראויסגעגאַנגען פֿאַר דעם פֿאַרביטערטן פֿאָלק פֿון מצרים ביז אַהער. זיינע אויגן האָבן געוואַנדערט צווישן די הייפֿלעך קריגסלייט אויף די חרובע גאַסן און ער האָט דערזען ווי פּנחס בן אלעזר קומט אַרויס פֿון אַ געזעמל און שפּרייזט מיט איילנדיקע טריט צום דערצאָרנטן כלב כדי אים צו באַרואיקן.

יהושוע איז אַראָפּ פֿון דעם הויפֿן ברוכוואַרג און איז אים נאָכגעגאַנגען. און ווי די צוויי מענער, וואָס האָבן אויפֿגעפּראַלט יריחו פֿאַר דעם חייל פֿון ישראל, האָבן זיך באַגעגנט, האָט יהושוע צו זיי געזאָגט:

— גייט אַריין אין הויז פֿון רחב און פֿירט אַרויס די פֿרוי און אַלע, וואָס געהערן צו איר. אַזוי ווי איר האָט איר געשוואוירן אין טאָג פֿון אייער רעטונג.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

א

רחב׳ס גאַסטהויז איז געווען פאַרשלאָסן און פאַרריגלט. אַ טונקלקייט האָט געהויערט צווישן די ווענט פון דעם געביי, ווען זי איז אַראָפּגעקומען פונעם דאַך־שטיבל און זיך געשטעלט פאַר דער איינזאַמער קאַמער פון איר עלטער־פאָטער עזמות. זי איז געווען פאַרווירט. פון פאָרכט האָבן קאַלטע אַנגסטן באַדעקט איר לייב, וואָרום עס איז נאָך ביז יענעם טאָג אַזאַ וואונדערצייכן נישט געשען. יריחו איז געלעגן אין שטויב, אָבער רחב׳ס הויז אין דער פאָדערשטער מויער איז געבליבן שטיין ווי אַ מעכטיקער זייל, נישט פאַרגעסן פון די געטער, נישט פאַרלענדט פון די קריגסמענער. אויס ערפורכט האָט זי געוואָלט אַריינגיין אין דער קאַמער, וואו עס זענען געהאָנגען די וואָפּנקליידער פון איר טויטן זיידן, דעם שלאַכט־גיבור פון גבעון און צום ערשטן מאָל תפילה טון צום אומגעזעענעם גאָט, וועלכער האָט זי אַרויסגעהויבן ווי אַ לעבעדיק געשאַנק פון דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז פאַרצערט אין פייער. אין איר פאַראומערט האַרץ האָט אויפגעוואַכט דער באַגער צו זען די שליחים פון ישראל, וואָס פאַר זיי האָט זי געעפנט די פעסטונגען און זיי זענען ווי אויסלייזערס היינט אַריינגעקומען אין שטאָט. וואו זענען זיי, די וועלכע האָבן געשוואוירן צו שוינען איר לעבן?

איינגעהילט אין גרויע ליינענטיכער איז זי געשטאַנען אויפן אונטערשטן שטאָק. איר פאָטער, איר מוטער און אירע ברידער און אַלע פון איר הויזגעזינד זענען געבליבן פאַרשלאָסן אין דער אויבערשטער קאַמער. אַ וואַקלדיקע איז זי אַראָפּגעגאַנגען פון די דרייסיק טרעפּ און אַצינד האָט זי זיך דערנענטערט צום פענסטער, וואָס איז געווען ווי אַ שמאָלער אויסהאַק אין אַ תפיסה־וואַנט. זי האָט געעפנט אַ שפּאַלט פון דעם לאָדן און אַ שטראַל זון איז געפאַלן אויף אירע צעשאָטענע פלעכטן האָר. זי איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט און מיט

שטאַרע אויגן אַרויסגעקוקט אויף דער פאַרוויסטער שטאָט, פאַרזייט מיט הרוגים. אירע בלייבן ליפּן האָבן געמורמלט:

— טויט, אַלע זייט איר טויט. קיינער וועט מער נישט צוטראָגן קיין שפּייז צו אייערע מיילער. קיינער וועט נישט אַנטרינקען אייערע פאַרחלשטע העלדזער. וואָס האָבן צו אייך געטון די פירשטן פון ישראל? איר האָט געהאַט ברויט און פלייש, ווייַן און געשלאָגענעם בוימאייל. אייערע שייערן זענען געווען פול מיט תבואות און אייערע שטאַלן מיט די שענסטע רייט־פערד. אָבער צו שטאָלץ זייט איר געווען זיך צו שטעלן אויף די קניען פאַר די גערעכטע זיגערס און אייערע פאַרדאַרבענע וואווינערטער.

שטייענדיק אין דער טונקלקייט, פאַר דעם אַראָפּגעלאָזטן לאָדן האָט רחב מיטאַמאָל זיך דערפילט אונטערטעניק אַזוי ווי איינע פון יענע זינדיקע פרויען, וועלכע קומען אין טעמפּל פון תנית צו אָפּפערן אַ קרבן און זיי וואַרטן מיט פאַראומערטע הערצער אויף דעם פריסטער. זי האָט אַריבערגעקוקט צו דער פאַר־זיגלטער קאַמער און עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז דאָס פוסטע גאַסטהויז, וואָס איז אַלע טעג געווען פול מיט געאַכפּערטע לייט, טומלדיקע הענדלערס און פריילעכע קאַראַוואַנען־טרייבערס, איז אַצינד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייליק־טום, וואו פון יעדן ווינקל אַרויס הויערט אַ שטומע פאַרכט, וואָס פאַר איר ווערט איטלעכעם באַשעפעניש אין גאַנס פורעם אויפגעלייזט. זי האָט אויפגעריגלט די קאַמער־טיר און איז אַריבערגעטראָטן די שוועל. זי איז ווידער געשטאַנען פאַר דער וואַנט, באַהאַנגען מיט די קריגסקליידער פון דעם באַפרייער פון די שקלאַפן. אירע אויגן האָבן גערוט אויף די פאַנצערס, לייבגאַרטלען און פירשט־לעכע מאַנטלען, וואָס דער גיבור האָט געטראָגן אין די טעג פון זיינע נצחונות. ווידער איז זי, אין איר צעטומלעניש, געקומען צו די שאָטנס פון איר העלדישן זיידן שעפּן טרייסט. זי איז גרייט געווען צוצודריקן צום האַרצן דעם ערשטן פאַנצער, וואָס האָט באַשיצט דעם אומדערשראָקענעם עזמות קעגן פיילן אין די שלאַכטן און קעגן שטורעמווינטן אין מדבר.

זי האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס, אָבער איר גוף האָט אויפגעציטערט ווי זי וואָלט איינגעשרומפּן פאַר דער הייליקייט פון יענעם אָרט. נישט דאָס ערשטע מאָל איז זי געשטאַנען דאָ אַליין, אָבער אויסגעדוכט האָט זיך איר אַז ערשט היינט האָט זי דערשפּירט די פאַרכט, וואָס האָט געהויערט צווישן דער סטעליע און דעם שטיינערנעם דיל. און ווי הייליק און פאַרכטיק די קאַמער איז געווען, אַזוי נידעריק איז זי אַליין געוואָרן אין אירע אייגענע אויגן. זי האָט געפילט די שפלות אין אַלע אירע גלידער. זי איז נישט געווען אָנגעטון אין קיין פּראַכטקליידער. איר לייב איז נישט געווען געשמירט מיט קיין זאַלבן. אויף איר נאַקן האָט זי נישט געהאַט קיין האַלדזשנור און קיין איידלשטיינער.

אזוי פֿראָסט, אײַנגעוויקלט אין לײַנענטיכער, אַ באָרוועסע מיט צעלאָזענע האָר איז זי גרייט געווען אויסצוגיסן איר האַרץ פֿאַר דעם שאָטן פֿון דעם מאַן, וואָס האָט געהאַט דעם מוראדיקן כּוח אַראָפּצוואַרפֿן מאַכטהאָבערס און צע־טרעטן קרוינען. זי האָט געקוקט אויף אירע באָרוועסע פֿיס און פֿלוצים האָט אַ ביטער געלעכטער זיך אַרויסגעריסן פֿון איר האַלדז. זי האָט זיך דערמאָנט ווי אײַטעל און נישטיק עס מוזן אויסזען פֿרויען, וועלכע פּוצן זיך כּדי וואוילצו־געפֿעלן אין די אויגן פֿון לוסטיקע מאַנסבילן. זי האָט געפֿליסטערט:

— זע, שטאַרקער עזמות, וואָס עס איז געוואָרן פֿון דער צאַרטער רחב. אַליין שטיי איך אַצינד אין דער חרובער שטאָט, אָבער אומדערשראָקן בין איך געבליבן. די גאַסן זענען רויט פֿון דעם בלוט פֿון די געפֿאַלענע. אויף די טרעפּן פֿון קעניגס פּאַלאַץ טיילן זיך די זיגערס מיט דעם זאַקרויב פֿון מלחמה. די טורעמס זענען אײַנגעבראָכן, די טעמפּלען ליגן צעשמעטערט און אויף די פּעס־טונגען איז אַ שטיין אויף אַ שטיין נישט געבליבן. ווער קאָן פֿאַרשטענדיק מאַכן מײַן האַרץ צום וואונדער פֿון הימל? וואָס איז געשען, אַז מײַן גאַסט־הויז אויף דער מויער איז נישט אָנגערירט געוואָרן? וואָס האָב איך אַזוינס געטון צו פֿאַרדינען אַזוי פֿיל גנאָד פֿון דעם אומגעזעענעם גאָט פֿון ישראל? די, וועלכע האָבן נעכטן זיך גערימט, זענען היינט פֿאַרלענדט. נישטאָ מער דער ערשטער קריגסהאַר, אַנטלאָפֿן זענען די וועכטערס און איך אַליין וואַרט אויף די באַפֿרײַערס, וועלכע האָבן געשוואוירן צו פֿאַרשוינען מײַן לעבן און דאָס לעבן פֿון מײַן הויזגעזינד. וועלן זיי זיך באַווײַזן? גיב מיר אַ צייכן, עלטער־פֿאָטער עזמות, אַז זיי וועלן קומען און מיך אַרויסנעמען פֿון דעם דאָזיקן הויז, וואָס איז פֿאַר מיר אַ געפֿענקעניש געוואָרן.

אירע צאַרטע נאָזפֿליגל האָבן אַ פֿלאַטער געטון. זי האָט אָנגערירט מיט די פֿינגער אַ קופּערנעם ברוסטשילד. אירע אויגן זענען פֿייכט געוואָרן.

— איך וועל פֿאַרלאָזן דאָס פֿאַרשאָלטענע אָרט און מיטנעמען מיט זיך דעם גייסט פֿון דעם הויז, וואָס האָט צוגעזען אַזוי פֿיל פֿרייד און פּײַן, אַזוי פֿיל גליק און ביטערקייט. איך וועל רופֿן הינטער זיך די רויבפֿייגל, וואָס טרינקען אַצינד דאָס בלוט פֿון די שלאַכטמענער. איך וועל בלאָזן אין אַ האָרן און זיי וועלן מיר נאָכפֿליען. איך וועל אַוועק אין דעם מדבר און זיי וועלן זיך אויפֿהויבן ווי אָדלערס איבער מײַן קאָפּ און פֿלאַטערן אין די וואָלקנס. אָבער איין געבעט האָב איך צו דיר, עזמות. זע, אַז די אויסקוקערס פֿון ישראל זאָלן נישט פֿאַרבײַגיין מײַן טיר, אַזוי ווי זיי האָבן מיר געשוואוירן.

אַ מידע און דערשעפּטע, מיט אַ געבראָכענעם אָטעם, האָט זי זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף די קניען און געקושט דעם זוים פֿון דעם שאַרלאַך־רויטן מאַנטל אויף דער וואַנט. דאָס בלוט איז אָנגעלאָפֿן אין אירע שלייפֿן, איר האַרץ האָט אויפֿגעשטורעמט. איר שטים איז געוואָרן העכער:

— אַנדערע האָבן נקמה גענומען פאַר דיר, עזמות מיין גיבור! די שטראָף האָט נישט אויסגעמיטן דיינע פיינט און פון פאַרלענדונג זענען זיי נישט פאַרהיטן געוואָרן. געפאַלן איז יריחו, אונטערגעגאַנגען איז די שטאָלצע שטאָט. וואו זענען אַהינגעקומען די מוטיקע, וואָס פלעגן אין טאָג פון נויט לויפן שיצן די מויערן? דער רייכסטער מאַרק אין דער וועלט איז די פריילעכע יריחו געווען. אַדלליט זענען געקומען געניסן פון איר פראַכט, הענדלערס פון פרעמדע פעלקער האָבן דאָ אָנגעטראָגן זייערע סחורות און בוימיינסטערס פון דעם באַרגלאַנד אין צפון זענען געקומען אהער אויפריכטן די פאַלאַצן. לערן מיך עזמות, דו וואָס ביזט געווען דער רעכטפאַרטיקער צווישן די גרויזאַמע. זאָל איך וויינען אויף איר אומגליק, אָדער זאָל איך אַרוים אין אַ טאַנץ אויף די לוסטיקע גאַסן, וואָס ליגן היינט אין קויט?

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געבליבן ליגן אויף די קניען אַ פאַרשטומטע. אין דער אומהיימלעכער טונקלקייט האָט זי נישט געזען ווי דורך דער האַלב אָפענער קאַמער־טיר האָט אַריינגעשלייכט דער הויפטמאַן רקם. אַ הינקענדיקער האָט דער כנעני זיך אָנגעלענט אָן דעם בײשטידל. זיינע פאַרשטויבטע קריגסקליידער זענען געווען צעריסן. פון זיין אייטערדיקער קני האָט געטריפט בלוט און די רעכטע קינבאַק איז געווען צעשטאָכן. פון דעם רימען אַרום די לענדן זענען אַראָפגעהאַנגען צוויי קורצע שווערדן. אין דעם שאָטנדיקן ליכט איז זיין קופער־ברוין פנים געבליבן פאַרטונקלט, נאָר די פייערלעך אין די צוויי אויגן האָבן געפלעמלט ווי ברענענדיקע קנויטן.

ער האָט נאָר וואָס געהערט אירע רייד פון פאַראַכטונג צו די געטער פון כנען און איר פרייד אויף דער פאַרלענדטער שטאָט. אַצינד האָט זי געשוויגן אין איר פאַרגליווערטקייט. יענע שטילקייט, יענע שווייגעניש האָט אויפגעוועקט אין אים אַ שנאה צו דער פרוי, וואָס האָט נעכטן באַטריגט און היינט וואַרט זי אויף באַלוינונג. זיינע אויגן זענען אָנגעלאָפן מיט בלוט. ער איז אַריין אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז ער איז גרייט געווען אַראָפצוכאַפן אַ שפיז פון דער וואַנט און אַריינשטעכן אין האַרצן פון דער פאַרשייטער, וואָס קניט אַצינד ווי אַ געפאַלענע ק ד ש ה. מיט אַ נאַכט פריער איז ער געשטאַנען אויפן העכסטן טורעם פון דער פעסטונג, אויף יענעם טורעם, וואָס עס האָט אויסגעבויט קעניג צוען ווי אַ פענסטער צום מדבר און אַ שוצוואַנט קעגן די שונאים. צוען איז טויט און די הויפטלייט זענען אומגעקומען אין פייער. און יחציאל זיין אונטערטעניקער, דער וואָס האָט אַליין אָנגעטון די קרוין פון דעם טויטן מלך, וואו איז ער אַהינגעקומען? אויף דעם איינזאַמען טורעם האָט ער, רקם ווי אַ פאַרלאָזענער קריגסהאַר אַרויסגעשיקט באַפעלן צום איבערבלייב פון חייל, אַז מיט זייערע נאַקעטע לייבער זאָלן זיי פאַרטיידיקן די פאַלענדיקע ווענט. אָבער ווען די מויערן זענען איינגעפאַלן, איז ער ווי אַ קויטיקער שאַקאַל אַרויסגע־

קראַכן פון אונטער די חורבות צו זוכן אַ באַהעלטעניש אין רחב׳ס הויז. און אַט האָט ער זי דערזען אין איר געפאַלנקייט. ער האָט געהערט ווי איר מויל לעסטערט די קרוינשטאָט, די דערטרונקענע אין בלוט.

נישט לייכט איז אים אָנגעקומען צו קילן זיין בלוט. אַליין איז ער געבליבן שטיין פאַרזונקען אין זיין שטומקייט אַזוי לאַנג, ביז עס איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ ווילדע לוסט, וואָס וואַכט אויף ביי די באַזיגטע ווען זיי פאַרלירן די וועלט. ער האָט אַ געשריי געטון:

— אויף די פיס, רחב!

זי האָט אויפגעצאַפּלט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו עפענען די ליפּן ווי ער האָט אויסגערופן:

— גענוג דיר צו מורמלען צו די טויבע געטער! שטיי אויף רחב, איידער מען וועט אונדז אַרויספירן ווי קנעכט אין געפאַנגענשאַפט. לאָמיך דיך אַריינעמען אין מיינע אָרעמס צום לעצטן מאָל!

און ער האָט אויסגעשפּרייט די הענט און מיט הינקענדיקע טריט זיך דערנענטערט צו איר. זי איז געוועז אויף די פיס. איר האַרץ איז איינגעפאַלן. זי האָט דערזען ווי פון דער וואונד אויף זיין קני רינט אַ שנירל בלוט. זי האָט אַראָפּגעריסן אַ שטיק ליינענטוך פון איר לייב אָפּצואווישן דאָס בלוט. אָבער ער האָט מיט אַ צייכן געוואָרנט, אַז ער וויל נישט איר הילף. זיין לייבגאַרטל איז געווען צעפליקט. די קורץ־אַנגעוואַקסענע באָרד באַדעקט מיט קויט. אַ קייט מיט זילבערנע רינגען, גרויסע ווי רעדער, איז געהאַנגען אויף זיין רויטן נאַקן. און ווי ער האָט געשלעפּט זיינע פיס פאַראויס, האָבן די צוויי קורצע שווערדן אויפן רימען זיך אונטערגעוויגט. די דערשראָקענע רחב האָט זיך גערוקט הינטערווייליעכץ.

ער האָט מיט דער האַנטפלאַך אַ וויש געטון דעם שוויים פון שטערן. ער האָט געקוקט אויף איר ווי אַ לעמפּערט מיט אויפגעבלאָזענע נאָזלעכער, איידער ער וואַרפט זיך צו פאַרצוקן דעם קרבן.

— אַנטלויף נישט, רחב — האָט ער געזאָגט — דו ביזט געבוירן געוואָרן צו געבן פאַרגעניגן דעם ערשטן שלאַכטמאַן פון יריחו, וואָס האָט אומגעוואָרפן אַ טראָן צוליב דיר.

זיינע אויסגעשטרעקטע הענט זענען געבליבן אוממעכטיק הענגען אין דער לופט. ער האָט שווער געאָטעמט.

— ציִ איז דען דיין פלייש נישט אַזוי ווי דאָס פלייש פון אַ שפּילווייב — האָט ער געפרעגט, — צו זעטיקן די לוסט פון דעם מאַן און צו לעשן דאָס פייער אין זיין בלוט? דערווייטער זיך נישט, רחב. רעד צו מיר! איך בין קראַנק. אָדער אפשר ווילסטו, אַז איך זאָל אויסגיין ביי דיינע פיס?

זי האָט אין געאייל זיך אַראָפּגעבויגן צו זיין קני.

— לאָז מיך פאַרבינדן דיין וואונד מיט אַ וויקלבאַנד, רקם — האָט זי געזאָגט. —

— ניין — האָט ער געברומט — זאָל די וואונד אייטערן. דיינע לענדן זענען צאַרט, רחב און דיין הויט איז ווייך ווי וואָל. און איך האָב איין פאַרלאַנג: נאָכדעם ווי איך וועל נעמען דאָס, וואָס עס קומט דעם שלאַכטמאַן און זיך זעטיקן מיט דיין לייב, וועל איך אַריינשטעכן די שווערד אין דיין אינגעווייד, און דיין בלוט זאָל זיך אַרויסגיסן ווי געדיכטער ווייַן אויף דער ערד. זאָל זיך ווייקן אין בלוט די דאָזיקע קויטיקע קאַמער, וואָס דו האָסט פאַר דיין קליינעם טעמפּל געמאַכט.

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין גוף און מיט אומהיימלעכע בליצן אין די אויגן געקוקט אין די פיר ווינקלען.

— וואו זענען אַנטרינען די היטערס פון שטאָט? — האָט ער געפרעגט — וואו ליגן באַהאַלטן די ריכטערס, וואָס האָבן געפעלשט? די פּריסטערס, וואָס האָבן גערויבט? און דער שטאָטהאַר, וואָס האָט שטענדיק געציטערט פון פחד פאַר די מעכטיקע? האָסטו זייער געביין געזען? זיי האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין הויפּטמאַן אויף דער מויער און קיין קריגסהאַר איבער דעם חייל, איידער זיי זענען ווי ווערים זיך צעקראָכן אונטערן מיסט.

ער איז געשטאַנען נעבן איר אַזוי נאָענט, אַז זיין שווערער, הייסער אָטעם האָט צעבלאָזן אירע האָר.

— און דו, רחב, האָסט געגעבן צייכנס צו די פרעמדע רויבעריונגען. האָסט אַריינגערופן אין שטאָט די פּלינדערערס פון דעם שאָף, און צו די אומברענגערס פון אונדזערע שטאַרקע קריגסלייט האָסטו די פעסטונגען געוויזן. אָבער איין זאַך האָסטו פאַרגעסן, רחב: איבערצולאָזן אַ געטרייען וועכטער, וואָס זאָל שיצן דיין קאָפּ אין טאָג פון יריחו'ס אונטערגאַנג.

און ער האָט מיט אַן אומגעריכטער קראַפט אַרויסגעכאַפּט אַ שווערד פון דער שייד און זיך געיאָגט נאָך איר. ער איז געלאָפן אַז אַפּגעשוואַכטער און זי האָט אים אויסגעמיטן. זיין פּוס האָט געהינקען און אין זיין וואַקלעניש האָט ער געמוזט זיך אַנלענען אָן דער וואַנט אָדער אָן די זיילן, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם באַלקן. די אויגן האָבן געברענט פון ווילדער נקמה, אָבער ער איז געווען אומבאַהאָלפן אין זיין צאָרן. ער האָט אויסגעשטרעקט די שווערד צו דער וואַנט און זי אַריינגעשטאָכן אין דעם שאַרלאַך־רויטן מאַנטל פון דעם שלאַכטמאַן עזמות.

דערזעענדיק די פאַרשוועכונג האָט רחב אויפגעצאַפּלט. זי האָט האַסטיק אַראָפּגעכאַפּט אַ קופּערנע שפּיז פון דער וואַנט און צוגעשטעלט דאָס וואָפן צו זיין האַרץ. זי האָט מער זיך נישט געשראָקן פאַר אים, ווייל ער איז שוין גע־

זונקען אין זיין אָנמאַכט. זיין קורצע שווערד איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און ער האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס איבער דער וואַנט נישט אומצופאַלן.

ב

פון יענער זייט וואַנט האָט אַ קלינגעריי פון שווערדן זיך פאַרטראָגן, אָבער רחב האָט דאָס געוויש קוים געהערט. איר האַרץ איז מיטאַמאָל פאַר־טויבט געוואָרן און זי האָט דערפילט אַ באַגער צו פאַלן אויף די קניען און בעטן פאַרגעבונג ביי דעם טויטן עזמות פאַר דער לעסטערונג, וואָס דער גע־שלאָגענער רקם איז ערשט באַגאַנגען. אויף איין אויגנבליק האָט אַ שטילקייט פאַרזונקען אַלץ אַרום ווי די פיר ווינקלען פון דער וועלט וואָלטן פאַרגליווערט געוואָרן. און רחב איז געשטאַנען אַ צוגעשמידטע, באַצוואונגען פון אַ גליקזע־ליקייט, ווי זי וואָלט געטראָגן געוואָרן צו די העכסטע הויכן — ביז זי איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער גליקזעליגער רו דורך דעם געוויש ביים טויער. די טיר האָט אויפגעפּראַלט און כלב און פנחס האָבן זיך באַוויזן אויף דער שוועל. דער איבערגעשראָקענער רקם האָט אין פאַרצווייפלונג אַרויסגעצויגן זיין צווייטע שווערד און זי אַ שליידער געטון אויף כלב'ן. זי איז געפאַלן מיטן שפּיץ אויף דער טיר און דורכגעשטאָכן דאָס געהילץ מיט אַזאַ קראַפט, אַז די נאַקעטע קלינג האָט לאַנג זיך געוויגט אין דער לופט.

— כ'האָב זיי דערקענט! — האָט רקם געשריען — די אויסשפּירערס פון ישראל! צו דער מאַלצייט אין דיין גאָרטן האָסטו, רחב, זיי געברענגט. פאַר הענדלערס פון אַ ווייט לאַנד האָסטו זיי פאַרגעשטעלט און האָסט זיי אויסגע־זעצט צווישן די אַדלייט פון שטאָט. אַצינד זענען זיי געקומען דיך באַלוינען פאַר דיין באַטרוג!

ער האָט זיך אַ קער געטון צו כלב'ן און פנחס'ן.

— און איר, פאַראומגליקערס פון יריחו, אַ גרויס קבר גראָבט איר אין דעם אָפענעם לאַנד. אייער שטראָפצייט איז נאָענט. פון יריחו'ס אונטערגאַנג וועט כנען אָנשעפּן פרישע גבורה. אַלע מלכים אין דעם געבערג און אין דער נידערונג שמידן נייע שפּיזן און שווערדן אַרויסצוגיין אין מלחמה אויף אייך! און די צאָל פון זייערע רייטוואָגנס איז גרעסער פון דער צאָל גלי־פליגן, וואָס האָבן אייך געביסן אין מדבר. פאַרנעמט זיך פונדאַנען, איידער די לייבער פון אייערע קריגסלייט וועלן צעמאָלן ווערן אונטער זייערע רעדער.

און ער האָט, פאַלנדיק אויף די קניען, צעפליקט אויף זיך דעם לייבגאַרטל און מיט די נעגל צעקראַצט די פאַרבלוטיקטע וואונדן און געוויינט אויפן קול. כלב האָט אים אויפגעהויבן פון דער ערד און פנחס האָט אַריינגערופן די וועכ־

טערס, וואָס האָבן אים געבונדן און אים אַרויסגעפירט צום לאַגער פון די געפאַנגענע. און ווי פּנחס האָט געזען ווי כלב דערנענטערט זיך צו רחב'ן, האָט ער געוואָרפן אויף אים אַ פלאַמענדיקן בליק און איז גיך אַרויס פון דער קאַמער.

— דו האָסט נישט פאַרזוימט צו קומען — האָט רחב מיט שטילן ציטער אַרויסגערעדט.

— אַזוי ווי איך האָב דיר געשוואוירן — האָט כלב געזאָגט.

זי איז געשטאַנען אַנטקעגן אים אַ פאַרבליפטע. איר האַרץ האָט ווידער אויפגעצאַפּלט מיט יענעם פלאַטער ווי דענטסמאָל, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען אויף איר שוועל. זי האָט נישט געקענט צוימען דעם באַגער צו באַהעפטן זיך מיט דעם אומדערשראָקענעם מאַן, וועלכער האָט נישט געבראָכן די שבועה און געקומען צו איר אין טאָג פון נצחון. אויס דאַנקבאַרקייט איז זי גרייט געווען ווי אַ דינסט אויף די קניען צו בעטן ביי אים באַרמהאַרציקייט פאַר אַלע אירע זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען מיט אייגענעם ווילן און קעגן איר ווילן.

אָבער דער, וואָס איז געווען אומדערשראָקן אין אירע אויגן, האָט זי נישט געוואָלט זען אויף די קניען. אַ ברענענדיקער פאַרלאַנג האָט אין אים אויפגעוואַכט צו האַלטן זי אין זיינע אָרעמס, אָבער די האַרטנעקיקייט, דער כוח פון אויסדרויער האָט אים געהאָלפן בייקומען די אויגנבליקלעכע שוואַכקייט און דערשטיקן די לוסט. זיין בלוט האָט געזאָטן, אָבער זיין קול איז געווען קיל.

— קום אַרויס, רחב, וואָרום דו ביזט פריי. דו און דיין פאָטערס הויזגעזינד.

— וואוהין וועסטו מיך פירן? — האָט זי געפרעגט און געקוקט אויף אים מיט פאַרווירטע אויגן — איך בין פריי געוואָרן אין אַ פאַרוויסטער שטאָט. זע!

און זי האָט אים צוגעפירט צו דער אָפענער טיר און מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט אים געוויזן די חורבות, וואָס אויף זיי האָט די שיינע קרוינשטאָט ערשט נעכטן געררויטשט. אַלץ איז געווען פאַרגליווערט ווי דער אָטעם פון טויט וואָלט געהויערט אויף די גאַסן און מערק. און כלב, שטייענדיק הינטער איר, האָט דערפילט אַ היץ אין מוח. ער האָט נישט געהערט אירע רייד, נאָר געשפּירט דעם איידעלן דופט פון איר נאַקן אונטער דעם פראַסטן לייגענטוך. ווי שיין זי איז געווען אין דעם גרויען געוואַנד! ער האָט געוואָלט אויסשטרעקן די הענט און מיט די פינגער גלעטן אירע לענדן. זיינע נאָזלעכער האָבן געציטערט און ער האָט דערשטיקט אין זיך אַ זיפץ, וואָס האָט זיך געריסן פון די טיפענישן. אין יענער רגע איז ער געווען אַזוי שוואַך, ווי דער לעצטער כוח פון ווידערשטאַנד וואָלט אין אים זיך אויסגעלאָשן.

רחב האָט זיך אויסגעדרייט און שווייגנדיק געקוקט אויף אים. און ווי

זיי זענען געשטאַנען איינער אַקעגן אַנדערן, האָבן זיך דערנענטערט זייערע הערצער, אָבער עס האָבן זיך נישט דערנענטערט זייערע לייבער. אַ קעלט, וואָס קומט פון פאָרכט פאַר פאַרבאָטענער לוסט, האָט זיי צעשיידט.

— אַ מדבר — האָט זי שטיל געזאָגט — פון יריחו איז אַ מדבר געוואָרן. איז עס אמת, אַז אין דעם גרויסן מדבר ריידן די אָפּגעשיידטע וועגן דער ריינקייט פון דער וועלט און זיי אַליין פירן דאָרט אַ לויטערן לעבן? זאָג מיר, כלב. דו האָסט אויסגעוואַנדערט אַזוי פיל מדבריות.

— דער מדבר איז דאָס גרויסע, אָפענע לאַנד אָן צוימען — האָט ער געענטפערט — די וויסטעניש, וואָס שפּרייט זיך אומענדלעך, וואַשט אונדזערע לייבער און אונדזערע נשמות. עס איז אמת, אַז נאָר אין דעם גליענדיקן מדבר בלייבט דער מענטש ריין.

— פיר מיך אין מדבר אַריין — האָט זי זיך געבעטן — נעם מיך אַרויס פון דער פאַראומגליקטער שטאָט. איך האָב דאָ געהאַט מער מאַכט ווי אַלע פרויען אין פּאַלאַץ, אָבער די מאַכט האָט מיר קיינמאָל קיין גליק נישט פאַרשאַפט און איך האָב מקנא געווען מיין אָרעמע דינסט חגית, וואָס איז געשטאָרבן פון פּחד בעת די שלאַכטן. פיר מיך אַוועק אין דעם ריינעם מדבר, כלב. איך בין מיד צו קוקן אויף דער שטאָט פון טויט.

אַ גערירטער האָט ער אָנגענומען איר האַנט און געזאָגט:

— שרעק זיך נישט, רחב. דו האָסט צוגעזען דעם אונטערגאַנג פון דער שטאָט, וואָס איז געווען פאַרמשפט צום טויט. דאָס קעניגרייך אין יריחו איז צעבראָכן געוואָרן ווי אַ ליימענע קרוג. טאָג און נאַכט האָבן די איינוואוינערס געלויבט די לעסטערונגען און אומווירדיקייטן פון זייערע פּריסטערס. דעם באַשעפער פון הימל און ערד האָבן זיי נישט געקענט און פאַר די שטיינערנע געצן זענען זיי געלעגן אויף די קניען. אומפאַרשעמטע האָבן זייערע ריכטערס פאַרלייקנט די בענטשונג פון גאָט און געלויבט די פאַרדאָרבנקייט. הער מיך אויס, רחב! ביז היינט האָסטו געוואוינט אין אַ קבר און געמיינט, אַז דו לעבסט אין אַ פּאַלאַץ. דאָס דאָזיקע גאַסטהויז דיינס, דאָס רייכע וואוינאָרט איז אַלע טעג געווען פול מיט שימל און טויט, אָבער דו האָסט געגלויבט, אַז דו אָטעמסט איין די דופטן פון שמעקעדיקע רויזן. אַ מורא באַפאַלט מיך, ווען כ'דערמאָן זיך ווי דיינע עקלדיקע געסט זענען געקראָכן צו דיר און געוואָלט דיך פאַראומרייניקן. אַ רחב, צי האָסטו דען זיך נישט דערוואוסט, אַז יריחו איז צעפוילט פון זינד, צעפרעסן פון פאַרדאָרבנקייט אין יענער נאַכט, ווען דו האָסט פאַרבעטן אין דיין גאָרטן די געאַכפּערטע מענער און מיר זענען אַוועק אויסקוקן די פעסטונגען? דער ריכטער און דער צינזהאַר, דער הויפּטמאַן און דער שטאָטהאַר און דער העכסטער פּריסטער, צי האָבן זיי אַלע נישט אויסגעשפּיגן דעם סם פון זייערע הערצער, ווען זיי האָבן געשפּעט פון זייער אָפּגאָט

און זייער הערשער, פון דעם האר און דעם קנעכט? אזא קויטיגע הייל, אזא אפגרונט פון אומריינקייט האבן געמוזט אונטערגיין ווען דער טאג פון רעכנ־שאפט איז געקומען. דער אייביקער גאט פון ישראל האט די שטאט פאר־ווּיסט! שטארק זיך, רחב. ביז היינט ביזטו אין געפאנגנשאפט געווען און אצינד ביזטו פריי, ווייל דער אלמעכטיקער אליין האט צעבראכן דיין יאכשטאנג.

ביי די דאזיקע רייד האט אויפגעוואכט אין איר א פאראכטונג צו איר אייגן הויז און א ווידערווילן צו דער וועלט, אין וועלכער זי האט ביז היינט געלעבט. זי האט זיך געפילט אזוי שוואך, אז דאס גליק, וואס כלב האט אוועקגע־לייגט צו אירע פיס, איז געווען א צו שווערע לאסט פאר איר אויפצוהויבן.

— וואוהין זאל איך גיין, כלב? איך בין אזוי מיד, אז איך וויל זיך אויס־ציען אינמיטן דער חרובער שטאט און שטארבן. איך בין אזוי שוואך, אז מיינע פיס וועלן מיך נישט טראגן ביז צום גליענדיקן מדבר, וואו דאס לעבן איז ריין און דער מענטש איז לויטער, אויב דו זאלסט מיך וועלן פירן אהינצו.

זי האט א דערשעפטע זיך אראפגעלאזט פאר אים אויף די קניען. ער האט זי אנגענומען ביי די אָרעמס.

— הויב זיך אויף, רחב. דו, וואס האסט אויסגעמיטן דעם טויט אין דער ברענענדיקער שטאט, וועסט ווייטער לעבן. צי האב איך דען נישט אפגעהיטן די שבועה און בין געקומען דיך ארויסנעמען פון דער שטאט פון אומקום?

זי האט ארומגעכאפט זיינע פיס און זיך צעוויינט.

— העלף מיר, כלב. ווי א זינדיקע דינסט וויל איך זיך בוקן פאר דעם גאט פון ישראל, ווארום אלץ וואס דו האסט אין זיין נאמען פאראויסגעזאגט, איז געשען. אלע ווארנונגען, וואס מיט זיי האסטו מיך אפגעשראקן, זענען געווען וואר. פון מיין מויער האב איך מיט פחד צוגעזען אלע זיינע מוראדיקע וואונדערצייכנס. אצינד וויל איך זיין פארכטיק צו אים, אבער צי וועט ער מיין געבעט אננעמען? איך וויל אויסגיסן מיין הארץ פאר דעם, וואס זיצט אין די הויכקייטן, אבער צי וועט ער אויסהערן די תפילה פון א פרוי, וואס איז אין אלעמענס אויגן א פאר־שייטע געווען?

דערהערנדיק די רייד, האט כלב א באגייסטערטער אויסגערופן:

— רחב, דו ביזט געווארן פארכטיק צום אלמעכטיקן, לויטער צום באַ־שעפער! ווי אזוי האב איך דאס ביז אצינד נישט געזען? וואך אויף, רחב, ווארום איך פיר דיך ארויס פון דער שטאט פון אומקום. רייד נישט פון טויט, ווארום איך ברענג דיר א לעבן פון גליק. ווי נאר די מלחמות אין כנען וועלן זיך ענדיקן, וועל איך גיין צו יהושוע'ן מיין האר, אז ער זאל מיר פארטיילן מיין נחלה, וואס צוגעזאגט האט ער מיר צו געבן צווישן דעם שבט יהודה. איך וועל קריגן דעם גרויסן בארג מיט דער שטאט ארבע און כ'וועל ארויפגיין איינ־צונעמען די שטאט דביר, וואס איז באוואוינט פון ריזן. מיט מיינע שטארקע

שלאַכטמענער וועל איך שטורעמען יענע שטאָט און אַ צוזאָג וועל איך געבן: ווער עס וועט שלאָגן דביר און זי באַצוואונגען, אים וועל איך מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב געבן! שטיי אויף רחב, ווייל איך וועל דיך מער נישט פאַרלאָזן! וואו איך וועל גיין, וועסטו מיטגיין. שטאַרק זיך, ווייל עס וואַרט אויף דיר אַ וועלט פון גליקזעליגער פרייד. איך וועל פאַר דיר עפענען נייע שטעט, וואו די פיס פון אַלע מלכים אין מזרח האָבן נישט באַטרעטן.

ער איז געווען באַרוישט, אָבער רחב האָט נישט באַנומען זיינע באַגייסטערטע רייד. ער האָט איר דערציילט וועגן זיין ברודער עתניאל, וואָס איז אַזוי שטאַרק ווי ער, וואָרום פון אַ הויז פון גיבורים קומען זיי אַרויס. אין דער צערודערונג פון פרייד האָט ער איר אויסגעזאָגט דעם סוד פון זיין הויזגעזינד און פון זיין ווייב, וואָס פון איר איז ער אָפּגעשיידט אויפן באַפעל פון זיין קריגסהאַר, ווייל עס איז נישט דער שטייגער פון אַ פירשט און אַ שלאַכטמאַן אין ישראל צו באַהעפטן זיך מיט אַ פרוי אין טעג פון מלחמה. זיין פנים האָט געפלאַמט פון בושה, ווען ער האָט זי געזען אַ דערנידעריקטע אויף די קניען. און ווייסנדיק, אַז די העלדישע פרוי האָט מורא געקראָגן פאַרן טויט, איז ער גרייט געווען איינצושטעלן די ערע פון אַ קריגסמאַן כדי זי נישט צו לאָזן שטאַרבן. קוקנדיק ווי זי ציטערט פון שרעק, האָט ער איר געגעבן הבטחות וואָס ער וועט נישט קאָנען דערפילן און איר פאַרזיכערט אַ העכערע באַלוינונג, וואָס ער וועט איר נישט קאָנען ברענגען. פלוצים האָט רחב האַסטיק זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. אירע מידע, טריבע אויגן האָבן אויפגעגליט. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע מידע הענט און געפליסטערט:

— פיר מיך וואוהין דו באַגערסט, כלב, ווייל איך בין צעטומלט. עפן פאַר מיר דיין וועלט פון גליקזעליגער פרייד, אויב איך בין ווערט דאָרט אַריינצוקומען.

און ווי כלב האָט זי געוואָלט אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס, האָט די קופערנע טיר מיט אַ רעש אויפגעפראַלט און ס'איז אַריינגעשפרונגען גדיאל מיט אַ געזעמל וועכטערס הינטער אים. זיי זענען אַריין מיט אַזאַ אימפעט, אַז זיי האָבן שיער נישט אומגעוואָרפן די, וועלכע זענען זיי געשטאַנען אין וועג. דער לוסטיקער הויפּטמאַן איז אַ צערודערטער געבליבן שטיין קעגנאיבער כלב'ן.

— די לעצטע נעסט אין יריחו! — האָט ער אויסגערופן — און וועמען האָב איך דאָ געטראָפן? כלב, דעם געטרייען ביים קריגספירער! כלב, דעם באַליבטן ביי יהושוע'ן!

זיינע אויגן האָבן געברענט און זיין טונקל, פאַרשטויבט פנים איז געוואָרן פרעך ווען ער האָט דערזען רחב'ן. ער האָט אַרויפגערוקט דעם קופערנעם קיווער העכער איבערן שטערן און פריילעך זיך צעלאַכט.

— זעט, זעט, רחב די שיינע! די הערשערין אין דער טויטער שטאָט! די

פרוי, וואָס צו אירע פיס האָבן פירשטן זייערע שווערדן געלייגט. ווער וואָלט זי דען דערקענט? ווי אַ דינסט אין אַ פּראָסטן געוואַנד שטייט זי אַצינד פאַר איר האַר, דעם זיגער. פאַרוואָס וואַרטסטו, כלב? פיר זי אַריין אין לאַגער פון די געפאַנגענע!

און ווי נאָר ער האָט געגעבן אַ צייכן צו די וועכטערס, זיי זאָלן זי אַרויס־שלעפּן פון דער קאַמער, האָט דער אויפגעבראַכטער כלב אַקעגן געאײלט מיט צוויי אויפגעהויבענע פויסטן און זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ מויער צווישן איר און דעם געזעמל.

— טרעט אָפּ, אומווירדיקע! — האָט ער אַ געשריי געטון — טויטן וועל איך דעם ערשטן, וואָס וועט זיך דערוועגן זי אָנצורירן!

כלב׳ס אויגן, וואָס זענען אַצינד געווען קאַלט און גרויזאַם, האָבן אָפּגע־מאָסטן גדיאל׳ן מיט אַזאַ שנאה, אַז דער הויפּטמאַן האָט זיך גערוקט הינטער־ווילעכץ אינאיינעם מיט זיינע וועכטערס. אין יענער רגע פון צעטומלטקייט האָט די דערשראָקענע רחב זיך געוואָרפן צו כלב׳ס פיס מיט אַ געוויין.

— טו זיי נישט קיין שלעכטס צוליב מיר, כלב. הרגע נישט די באַצווינ־גערס אין טאָג פון זייער זיג.

ביידע קריגסמענער האָבן זיך איבערגעקוקט. אין זייערע בליקן איז געווען פאַראַכטונג קעגן שנאה, עקל קעגן רשעות. פּלוצים האָט גדיאל אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער.

— די אומדערשראָקענע רחב! — האָט ער געזאָגט און אויפגעהויבן אַ האַנט צו די וועכטערס — זעט ווי די שטאַרקסטע צווישן פרויען האָט זיך דער־נידעריקט! קוקט נאָר ווי זי האָט פאַרדאַרבן איר שיינקייט! כ׳וואָלט עס נישט געגלויבט, אַז אַ לוסטווייב קען חרוב מאַכן מיט די אייגענע הענט איר איידעלן קערפּער. גייט אַרויס אין שטאָט און דערציילט ווי איר האָט געזען רחב׳ן אין איר געפאַלנקייט.

ער איז שוין געווען אויף דער שוועל מיט זיין געזעמל, אָבער כלב איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ צאָרן, אַז ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים לייבגאַרטל און אַריינקוקנדיק טיף אין זיינע אויגן, האָט ער אים געטרייסלט מיט אַזאַ קראַפט, אַז גדיאל האָט געמוזט האַסטיק אונטערשפּרינגען צו באַפרייען זיך פון זיינע בייניקע הענט. ער האָט נאָך געוואָרפן אַ בליק אויף כלב׳ן ווי אויף אַ דולן מענטש און איז אַרויסגעלאָפן.

ג

כלב האָט אַרויסגעפירט רחב׳ן איבער די חרובע גאַסן. די זון האָט גע־פלייצט איר ליכט אויף די פאַרלאָשענע שייטערס, וואו גייציקע קריגסלייט

זענען אַרומגעקראָכן, גענישטערט מיט זייער וואָפן און געהאַפּט צו געפינען באַ־גראָבענע צירונגשטיקער און טייערע חפצים. וואָפנטרעגערס האָבן מיט בייטשן געטריבן די לעצטע געפאַנגענע באַרג אַראָפּ צום לאַגער און די שקלאַפן, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון די קייטן, האָבן צוגעזאָגט צו פירן זייערע באַ־צווינגערס צו די געהיימע עפענונגען, אונטער די איינגעפאַלענע מויערן, דאָרט וואו די דערשראָקענע צינזהאַרן האָבן באַהאַלטן גאָלדשטיקער און זילבערשטיקער אויף אַ טאָג פון נויט.

ווייט אונטערן הימל־אויסבויג, אויף יענער זייט פון די שוואַרצע הויפנס, פונוואַנען עס זענען אויפגעגאַנגען שיטערע רויכן, האָבן זיך אַרויסגעהויבן די גאָרטנס פון די מאַנדלביימער און ווײַנשטאָקן, וואָס האָבן געבלאָזן מיט דופטיקע ריחות איבער דער שטאָט פון אַש און שטויב. אונטער דעם בלענדעדיקן ליכט פון טאָג האָבן די ווייסע, אָפּגעשיידטע הייזער אויף די היגלען צו מזרח־זייט אויסגעזען ווי אַ סטאַדע ציגן, וואָס לאָזט זיך אָקאָרשט אַראָפּ פון באַרג.

כלב׳ס האַרץ, וואָס האָט ערשט זיך געפרייט אויף דעם אונטערגאַנג, האָט אַצינד אַ פלאַטער געטון מיט טרויער קוקנדיק אויף דער פאַראומערטער רחב. ער האָט געזאָגט:

— דו ביזט פריי, רחב. אַנטלויף פון דער דאָזיקער שטאָט אויב דיין נשמה איז אַזוי באַטריבט.

אַ דערשראָקענע האָט זי אָנגעכאַפּט זיין האַנט.

— ניין, פאַרלאָז מיך נישט. ווער, אויסער דיר, וועט מיך שיצן אין מיין איינזאַמקייט?

איר שרעק איז געווען אומזיסט, וואָרום אין זיין האַרץ איז נישט געווען אַזאַ באַגער זי צו פאַרלאָזן. ער האָט צוגעזאָגט באַלד אַרויסצופירן פון הויז דאָס גאַנצע הויזגעזינד, איר פאָטער און מוטער און אירע ברידער. שטייענדיק צו־פוסנס די חורבות האָט ער געוואָלט זי אויפמונטערן און מיט אַן אויסגעשטרעק־טער האַנט אָנגעוויזן אויף דעם קליינעם טעמפּל פון ת נ י ת, אין דעם נידער־ריקסטן טייל שטאָט, וואָס האָט אויסגעמיטן דעם אומקום. די גליענדיקע זון־שטראַלן האָבן באַגילדט די בראָנזענע קופּאָלן און פאַרגאָסן מיט ליכט די זיילן פון פּאָרפיר, די הויכע אַרקאַדן און די טעראַסן פון מירמלשטיין. דאָרט האָט ווידער אויפגעוואַכט לעבן און כלב, אוים רחמנות צו רחב׳ן, האָט פאַרגעסן אָן דעם פאַרבאָט נישט צו האַלטן די אויגן אויף דעם געצנהויז.

אַ פויגל האָט אַרויסגעפלאַטערט פון אַן אָפענער נעסט. די רעדער פון אַ פלינקן רייטוואָגן האָבן אָנגעטראָגן אַ לייכט געריויש פאַר דעם הויף־טויער. קיין פּריסטער האָט מען דאָרט נישט געזען, אָבער געלט־טוישערס און הענדלערס מיט טייערע כלים אויף די הענט זענען איינער נאָכן אַנדערן אויסגעוואַקסן ווי

דויבפייגל פון אונטער די שוואַרצע הויפנס, זיי האָבן אָפּגעשטעלט איטלעכן מאַן אין וואָפנקליידער און אָנגעבאָטן מציאות פון גאָלד און זילבער. פּלוצים האָט אויפגעשאַלט דאָס שפּיל פון פון צימבאַלן און טאַמבאַרינען און אַ טשאַטע יונגע לוסטפרויען, די לעצטע קדשות זענען אַרום אויף די פּאָדערשטע טרעפּן פון טעמפּל אויסצוטאַנצן דעם טאַנץ פון הכנעה פאַר די זיגערס.

פון הינטערן טעמפּל איז האַסטיק אָנגעפאָרן אַ רייטוואָגן. דער אָנטרייבער, מעכטיק ווי אַ ריז, האָט געהאַט אַ צעפּלאַטערטע באָרד. ער האָט מיט אימפּעט געיאָגט די פערד, וואָס זענען ווי צערייצטע לייבן געשפּרונגען פאָראויס. כלב האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ פאַרציטערטער אויסגערופן צו רחב'ן:

— זע, גומר!

גומר, אין וואָפנקליידער, האָט אָפּגעשטעלט דעם רייטוואָגן פאַר אַ ברוינעם טורעם, נעבן דעם טעמפּל פון תנית. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ פאַרגלי־ווערטן בליק גלייך ער וואָלט קיינעם דאָ נישט דערקענט. ער האָט פלינק אַראָפּ־געשלעפּט אַ רויטן שלייער הינטער זיך און האָט דאָס געוואַנד אַ וואָרף געטון אויף די שטיינער. דערנאָך האָט ער אויפן שפּיץ פון זיין וואָרף־שפּיז אויפגע־הויבן אַ טויטן קאָפּ מיט אַ בלוטיקן פלעק אויפן שטערן. עס איז געווען דער קאָפּ פון יחציאל, דעם לעצטן הערשער פון יריחו, וואָס דער ריז האָט געוויזן צו די אונטערטעניקע איינוואוינערס, איידער ער איז געגאַנגען אים אויפהענגען אויפן טורעם.

דער קאָפּ איז געווען אויפגעשוואָלן. אין די געשלאָסענע אויגן איז געווען די פאַרגליווערטע מנוחה פון אייביקן שלאָף. דאָס ברייטע פּנים, אויפגעבלאָזן, אָן פאַלבן, איז געווען פריי פון פּיין און די הויט אויף די באַקנביינער אַזוי ווייס ווי באַשאָטן מיט דעם שטויב פון מירמלשטיין. אַ רינג ווי אַ גאָלדענע רייף האָט געשטעקט אין איין אויער. די דינע ליכט־שטראַלן, וואָס זענען אָפּגעשפּרונגען פון דער זון, האָבן געפלאַטערט אין די האַרטע קנוילן האָר.

גומר'ס אויגן האָבן געלאַכט לאַנג נאָכדעם ווי דער אָנגעלאָפענער המון האָט מיט פּחד געקוקט אויף דעם קאָפּ פון זייער קריגספירער. ער האָט אָפּגע־מאָסטן דעם המון, וואָס איז געשטאַנען פאַרגליווערט אין זיין חרפה, די ליפּן פאַרשטומט און די אויגן צו דער ערד. צי פון פרייד אויס נקמה, צי פון פאַר־אַכטונג צו דער אומהיימלעכער שטילקייט אַרום, אָבער גומר האָט האַסטיק אויס־געשטרעקט דעם צווייטן אָרעם און אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן געברום אַזוי ווי דאָס געשריי פון אַ לייב. דערנאָך איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון רייטוואָגן. אויף זיין באַפעל האָבן צוויי וועכטערס צוגעשטעלט אַ הויכן לייטער צום טורעם. אַ זיפצעניש האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ סך העלדזער, ווען גומר, מיט דעם טויטן קאָפּ אויף דער שפּיז, האָט אַרויפגעקלעטערט צום שפּיץ טורעם.

דער לייטער האָט זיך געטרייסלט אונטערן געוויכט פון זיין לייב. די האָ־

ריקע, אָפּגעברענטע פּיס, וואָס האָבן געטראָגן דעם מעכטיקן גוף, זענען געווען איינגעוויקלט אין לעדערנע רימענס און דאָס רויטע פליייש איבער די קניען איז געווען אָנגעצויגן מיט באַלעגנס ביז צום פּלאַצן. דער לאַנגער לייבגאַרטל האָט צוגעדעקט די לענדן מיט די נאָכהענגענדיקע שווערדן. די פאַלדן פון קאַרק האָבן אַרויסגעשטאַרצט איבערן פּאַנצער אַזוי ווי די לעפּצן פון אַן אָקס. פון זיין שטערן איז דער שווייס אַראָפּגערונען אויף דער באָרד. ער האָט געטראָגן אַ קייט אויפן האַלדז און אַ קורצער מאַנטל פון ציגנהאָר איז געווען פאַרוואָרפן אַרום די אָרעמס. ווען ער האָט דערגרייכט די העכסטע לייטער־טרעפּ, האָט ער אויסגעשטרעקט די אויפגעהויבענע שפּיז און אַראָפּקוקנדיק צום המון אויסגערופן:

— איידער איך גיי אויפהענגען דעם קויטיקן קאָפּ, וויל איך וואָרענען די לעצטע ווידערשפּעטיקע צווישן אייך: גדענקט, צעטראָטן ווי די ווערים זייט איר היינט געוואָרן! אָבער איר, די צעטראָטענע זייט אויך פריי ווי די פייגל, וואָרום די זיגערס פון ישראל האָבן פון אייך אָפּגעבונדן די קייטן. הויבט אויף די אויגן און זעט! דער דאָזיקער קריגספירער, וואָס זיין קאָפּ האַלט איך פאַר אייך אַצינד, איז אין די ווינציקע טעג פון זיין הערשאַפט געווען ערגער פון אַלע געצנדינער, וואָס האָבן געוועלטיקט אין יריחו פאַר אים. ער האָט אייך געשפּייזט מיט ברויט פון יסורים און מיט וויין פון טרערן, אָבער אַליין האָט ער געטרונקען אייער בלוט עמערוויז. אייערע פאַרמעגנס האָט ער דורך צינזן באַרויבט. אייערע ווייבער האָט ער פאַר דינסטן געמאַכט און אייערע טעכטער האָט ער פאַראומרייניקט. דערנענטערט זיך, איר מיט די היציקע קעפּ און פלינקע פּיס! קומט אַרויס, אַז איך זאָל אייך קענען בעסער אָנקוקן. אויב דרייסטע און אומדערשראָקענע געפינען זיך צווישן אייך, זאָלן זיי זיך אַצינד שטעלן פאַר מיר. רופט אַהער יענע, וועלכע האָבן באַהאַלטן די לעצטע שווערדן און וואורף־שפּיזן אין די היילן. איך וויל הערן: קענען וועמען ווילן זיי אַרויסגיין אין אַ נייער מלחמה?

אַראָפּקוקנדיק פון דער הויך, פונעם שפּיץ לייטער, האָט ער געזען ווי דער המון צופוסנס דעם טורעם איז איינגעשרומפּן געוואָרן. און געוואוסט האָט ער, אַז נישט חרטה, נאָר אַ דערשטיקטן צאָרן האָט ער פונדאַסניי אויפגעוועקט ביי די רעשטלעך פון די געשלאָגענע. אויף איין רגע האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט דערהערט אַ שלוכצעריי ווי אַ שטיל געיאָמער. ער האָט געזען ווי אָרעמס הויבן זיך און געביילטע פויסטן שטרעקן זיך אויס. זיין בלוט האָט אויפגעשטורעמט פון די אייגענע רייד.

— מיט אַ גרויסן שלאַק זייט איר געשלאָגן געוואָרן, אָבער ווי ווינציק איר האָט געלערנט פון אייער מפּלה און ווי אומווויסנדיק איר זייט געבליבן נאָך די אַלע געשעענישן, וואָס האָבן געטראָפן צו די פעלקער אַרום. צי האָט איר נישט געהערט, אַז ווי אַ פּאָלק פון שקלאַפן זענען די קינדער פון ישראל אַרויסגעגאַנגען פון מצרים? און ווי נאָר זיי האָבן זיך געלאָזט וואַנדערן איבער

דעם גרויסן מדבר צוריקצוקומען צום לאַנד פון זייערע עלטערן, זענען רויבער־פעלקער ווי האַרנשלאַנגען זיי באַפאַלן? אָבער די מלחמות האָבן זיי נישט אָפּגעהאַלטן און די איבערפאַלן האָבן נישט פאַרצוימט זייער וועג. און איך, אַ זון פון איינעם פון די דאָזיקע שקלאַפן, אַזוי פיל יאָרן פאַרשטויסן פון מענטשן, פאַרלייקנט פון פאַלשע געטער, האָב זיך דערוואוסט אַז צוויי מאָל האָט דער אַלמעכטיקער גאָט פון ישראל אויסגעטריקנט פאַר זיי טיפע וואַסערן, איינמאָל דעם ים סוף און אַ צווייט מאָל דעם ירדן, אַז זיי זאָלן ווי איבער אַ גלאַטער יבשה אַרויפגיין אין דעם דאָזיקן לאַנד. ווי אַזוי האָט איר נישט געהערט, אַז ביי די מלכים פון דעם אמורי אויף דער זייט ירדן, און ביי די מלכים פון כנעני וואָס לענג אויס דעם גרויסן ים, זענען די הערצער צעגאַנגען פון פחד און קיין אָטעם איז אין זיי מער נישט געבליבן אויס פאָרכט פאַר דער גבורה פון ישראל? איר פאַרפירטע און אומגליקלעכע! ווי אַזוי האָבן אייערע קריגספירערס אייך נישט דערציילט, אַז די פעלקער פון עמלק, פון מדין און פון מואב זענען אין דעם אָפענעם מדבר געשלאָגן געוואָרן דורך זייער שווערד? און צי האָט איר פאַרלוירן אייערע קלאָרע מוחות און פאַרשטענדיקע הערצער, וואָס איר גלויבט, אַז דאָס וואָס איז נישט געלונגען יענע פעלקער, וועט אייך זיך איינגעבן? זאָלן לויז ווערן אייערע צינגער, איר אַלע וואָס איר זייט, אין אייער אומגליק, גרייט פון גאַנץ כנען איין גרויסן קבר צו מאַכן!

ער האָט אויף קיין ענטפער נישט געוואַרט. פון דער אומהיימלעכער שטילקייט אַרויס איז געקומען דער ענטפער פון אונטערטעניקייט און געהאַרכזאַמקייט.

— פאַראומגליקט זייט איר געוואָרן. אייערע זין און טעכטער וועלן אין געפאַנגענשאַפט גיין, ווייל אייערע ריכטערס האָבן געפעלשט, אייערע פּריסטערס האָבן גערויבט און אייערע פעלדהאַרן האָבן זיך גערימט קעגן גאָט. דער, וואָס זייט אומרעכט, מוז שניידן אומגליק. איילט זיך נישט צוריקצוגיין אין אייערע חרובע הייזער. בלייבט שטיין און קוקט ווי איך וועל אויפהענגען דעם דאָזיקן פאַרהאַסטן קאָפּ ווי אַ צייכן פון חרפה אויף דער שטאָט פון טויט!

און ווי ער האָט אַריינגעהאַקט דאָס אייזערנע פלעקל אין דעם שטערן פון דעם טויטן קאָפּ אויפן טורעם, האָט דער המון צופּוסנס זיך אַ וויג געטון אַהין און אַהער און אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיק ברומעניש, איינמאָל פאַרצווייפלט ווי אַ פאַרמשפּטער, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט זיך צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג און אַ צווייט מאָל מיט דערלייכטערונג, ווי אַ דערשלאָגענער וואָס האָט שלום געמאַכט מיט דעם פאַראומגליקער. גומר האָט אַראָפּגעקוקט צום המון און זיינע בליקן האָבן דורכגעשטאָכן די דערצאָרנטע מענער און פרויען. דאָס איז גענוג געווען, אַז דאָס גערוויש זאָל אָפּשטאַרבן. ער האָט געזען די לעצטע זין פון יריחו אין זייער אַנגסט און ירידה און געוואוסט, אַז זייער צעקאָכט בלוט

וועט אפּקילן. בלויז איין רגע איז ער דורכגענומען געוואָרן פון אַ טיפער טעמפּ־קייט. דערנאָך האָט אַ געשריי זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז.

— צעגייט אייך! אַצינד וועט איר קענען שטאַרבן מיט דער ערנהאַפּ־טיקייט, וואָס מען האָט אייך פאַרלייקנט ביים לעבן.

ער איז אַראָפּ פון דער לעצטער טרעפּ און זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם אַקעגן דעם צערודערטן המון, וואָס איז אין גרויס בהלה זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. געבליבן זענען כלב און רחב, אַזוי צעטומלט, אַזוי פאַרווירט, אַז קיין וואָרט איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון זייערע ליפּן.

— גומר! — האָט רחב אַן אויפגעוואַכטע אויסגערופן — דו לעבסט! ווי אַזוי האָב איך דיך דורך אַלע טעג נישט געפונען אין שטאָט?

דער ריז האָט געקוקט אויף איר אַן שטוינונג, אָן פרייד. דאָס פייער אין זיינע אויגן, די אָנגעצויגענע באַלענס אויף זיינע אָרעמס זענען ווידער געווען אַ שוץ פאַר רחב׳ן. דער מאַן, וואָס איז אַלע טעג פאַר איר געווען אַ רעטעניש, האָט היינט זיך אַרויסגעשיילט פון דעם נעפּל. זיין געשטאַלט איז געוואָרן אַזוי העל ווי דאָס ליכט פון דער זון. ער איז געווען ערדיש און גלוסטיק ווי אַלע שטערבלעכע, אַכזריותדיק און ווייכהאַרציק. ער האָט געהאַט די האַרטנעקי־קייט פון אַ בופלאָקס און די צאַרטקייט פון אַ הירש. ווען זיין פלאַמענדיקע צונג האָט גערעדט צום המון, איז ער געווען גרויזאַם מיט זיין נקמה און באַרמ־האַרציק מיט זיינע שטראָף־רייד. אַזוינע פייערדיקע רייד האָט אויך גערעדט כלב, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען אין יריחו. און רחב האָט זיך געפרעגט: די דאָזיקע עברים, וועלכער כוח הויבט זיי אויף איבער דעם ערדישן לעבן און שטעלט זיי אַוועק נעבן די געטער? פונוואַנען שעפּן זיי די קראַפט צו פלוכן און צו בענטשן? צו שטראָפן און צו טרייסטן?

זי האָט נישט אַראָפּגענומען פון אים די בליקן פון באַוואונדערונג, אָבער ער האָט זי ערשט איצט דערזען, און ווי ער וואָלט פּלוצים באַנייט זיינע אי־בערגעריסענע רייד, האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום אָנגעשטאָכענעם קאָפּ אויפן טורעם און געזאָגט:

— איך האָב דעם רוצח געזען אַנטלויפן פון די ברענענדיקע ווענט און כ׳האָב אים נאָכגעיאָגט. דאָרט, וואו ער האָט אָפּגעזוכט זיין באַהעלטעניש, האָט ער געפונען דעם טויט.

דערנאָך האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון הינטערן לייבגאַרטל אַ פאַרבלו־טיקט טוך און זיך אַ קער געטון צו כלב׳ן און רחב׳ן:

— כ׳האָב זיין קאָפּ אָפּגערייניקט פון בלוט — האָט ער געזאָגט — און מיט מיין שווערד האָב איך אויסגעשניטן די צונג, וואָס האָט באַפוילן צו גיסן שוועבל אויף דעם חייל פון ישראל.

ביז צום מאַרק האָט גומר זיי צוגעפירט און זיך געזעצט אויף אַ שטיין

ביי די צוים־שטאַנגען, וואָס הינטערן שקלאַפן־לאַגער. ער האָט דערציילט, אַז ער איז אָנגעקומען פון בית ערבה ווען די שטאָט האָט געברענט. אונטערן שיין פון די פלאַקערדיקע מויערן האָט ער אויפגעזוכט די פאַרהוילענע פעסטונג נעבן די ערדוואַלן. ער האָט גערופן הינטער זיך אַ פּאָר שלאַכטמענער און אויסגעשאָכטן דאָס רעשטל חייל. דערנאָך האָבן זיי די פעסטונג חרוב געמאַכט ביז צו די גרונטפעסטן. ביים סוף פון דער הריגה איז נישט געבליבן קיין איינציקער כנעני. די, וואָס זענען נישט אומגעקומען פון דער שווערד, זענען פאַרצערט געוואָרן אין פייער.

רחב׳ס אויגן זענען געווען צוגעשמידט צום טורעם. זי איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע ווי דער לעצטער פאַדעם מיט דער חרובער וועלט וואָלט איבערגעריסן געוואָרן. דאָס דאָזיקע אָרט איז איר אַלעמאָל געווען אייגן. דורך אָט די טויערן איז זי געווען אַן אַריינגייערין. האָט זי געוואָלט, איז זי אַריינגעגאַנגען. האָט זי באַגערט, האָט זי די טויערן פאַרלאָזט. פּלוצים האָט זי דערפילט אַ ציטערניש אין אַלע גלידער און באַלד איז איר בלוט ווידער געווען פאַרקילט. זי אַליין האָט נישט באַנומען פאַרוואָס איר האַרץ האָט נישט אויפגעצאַפּלט, ווען זי האָט געזען ווי גומר האָט זיך אויפגעהויבן און אַ שווייגנדיקער זיך געלאָזט גיין צום לאַגער פון די קריגסלייט.

ד

כלב האָט אַ פאַרווירטער געקוקט אויף רחב׳ן נעבן זיך. אין יענעם אויגנבליק איז זי אין זיינע אויגן געוואָרן שענער אין איר שוואַכקייט — אַ צאַרטע פלאַנץ אין אַ שטורעמדיקן געוויטער. אַ ווינטל, וואָס האָט אַ בלאָז געטון פון אַפּענעם לאַנד, האָט צוגעפּרעסט די דינע ליינענטיכער צו איר לייב און ענגער אָפּגעצויגן דעם רייפן, גוט געפורעמטן קערפּער. ער האָט לייכט אָנגענומען איר האַנט כדי וואָס גיכער זי אַרויסצופירן פון דעם אָרט פון פאַרוויסטונג און דערהערט הינטער זיך האַסטיקע טריט פון אַ רייט־פערד. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען אָנרייטן יהושוע׳ן. דער קריגספירער אין וואָפנקליידער, פונעם נאַקן ביז צו די קנעכלעך, איז געזעסן אין זאָטל אַן אויסגעשטרעקטער. ער איז געווען מעכטיקער פון אַ פעלדהאַר און העכער פון אַ שופט. שטיקער זון האָבן זיך געשפּיגלט אין זיין קיווער און פאַנצער. פאַרביירייטנדיק האָט אַ פליגל פון זיין מאַנטל אַ פלאַטער געטון און אָנגעיאָגט אַ ווינט אויף כלב׳ס פנים.

— שטיי אָפּ פון רחב׳ן — האָט ער געזאָגט — אַ חרם פאַר די מענער פון ישראל איז די דאָזיקע שטאָט און אַלע איינוואוינערס אין איר!

אַ פאַרציטערטער האָט כלב געקוקט אויף יהושוע׳ן, דערהערנדיק די דאָזיקע



ויוציאו את רחב ואת אביה ואת אמה ואת אחיה ואת כל אשר לה... — און זיי האָבן אַרויס־
געפירט רחב׳ן, און איר פאָטער און איר מוטער און אירע ברידער, און אַלע וואָס האָבן
געהערט צו איר...

רייד. בושה און צאַרן האָבן באַדעקט זיין פּנים און אַ ווידערשפּעניקייט, וואָס האָט ביז צו יענעם טאָג נישט אויפגעוואַכט קעגן זיין האַר, האָט אָצינד אויפגעזאָטן זיין בלוט. ער איז גרייט געווען אַריינצולויפן אין דער מחנה און פאַר דער גאַנצער עדה פון ישראל דערציילן פון דעם חסד, וואָס די העלדישע פרוי האָט געטון צו אים ווען ער איז געקומען אויסקוקן די שטאָט און ווי זי האָט פאַרפירט די הערשערס, אָפּגענאַרט דעם מלך און איינגעשטעלט איר אייגן לעבן פאַר דעם נצחון פון ישראל. אָבער יהושוע׳ס קול האָט פאַרטויבט זיינע טראַכטונגען.

— כלב בן יפונה, צי האָב איך דיר נישט אָנגעזאָגט: גיי אַריין אין הויז פון רחב און פיר אַרויס פון דאָרט די פרוי און אַלע וואָס געהערן צו איר אַזוי ווי דו האָסט איר פאַרשוואוירן אין טאָג פון דיין רעטונג?

— אַזוי האָסטו אָנגעזאָגט, יהושוע מיין האַר! — האָט כלב זיך איינגעבויגן.

— גיי צוריק צו איר הויז און פיר אַרויס דאָס גאַנצע הויזגעזינד, איר פאָטער און מוטער, און אירע ברידער און אַלע, וואָס האָבן דאָרט שוץ געפונען. דערנאָך זאָלסטו זיך אומקערן אין לאַגער.

יהושוע האָט לאַנג געקוקט אויף דעם צעטומלטן כלב מיט אַ שווערן, שטרענגן בליק.

— פאַרלאָז די דאָזיקע פרוי — האָט ער געזאָגט — וואָרום נישט צו דיר וועט זי געהערן.

כלב איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער ווי אַ דונער וואָלט אים דערשלאָגן. אויף איין אויגנבליק זענען זיינע אויערן געוואָרן טויב און זיינע אויגן בלינד. אין זיין מוח האָבן הילכיק אויפגעשאַלט די ווערטער: „פאַרלאָז די דאָזיקע פרוי, וואָרום נישט צו דיר וועט זי געהערן". אַזאַ פאַרלאַנג אויף די ליפּן פון דעם קריגספירער איז אים קיינמאָל נישט געקומען אויפן זינען. צוויי מאָל איז ער אַריינגעקומען אין דער דאָזיקער בלוטיקער שטאָט. ער איז דורכגעלאָפן פייערזיילן און אַריבערגעשוואומען שטורעמדיקע וואַסערן נאָר מיט איין באַגער — צו באַהעפטן זיך מיט רחב׳ן. פּלוצים איז געקומען דער גרויזאַמער פאַרבאָט: שטיי אָפּ פון רחב׳ן!

ווי מוראדיק זענען געווען די דאָזיקע ווערטער: שטיי אָפּ פון רחב׳ן! נישט צו דיר וועט זי געהערן! דער אָנזאָג איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז ער האָט נישט באַנומען דעם זין פון דער וואָרנונג. אויב שיידן מוז ער זיך מיט רחב׳ן, צוליב וואָס איז ער דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן וועג פון פּיין? צוליב וואָס האָט זיין ליבע געברענט בייטאָג אין דעם גליענדיקן מדבר און געפיבערט

ביינאכט פון קעלט אונטער דעם אָפענעם הימל? צוליב וואָס האָבן זיינע פיס געטרעטן אויף עקדישן און שטעכיקע געוויקסן, און זיינע פויסטן האָבן צוריקגעהאַלטן די ווידערשפּעניקע קעגן זיין האַר? צוליב וואָס איז ער געווען דער לעצטער גלויביקער צווישן די צוויפלערס און דער ערשטער מוטיקער אין דער שלאַכט? אָ, ווי פּחדנותדיק ער איז געשטאַנען דענסטמאָל, ווען רחב האָט געעפנט פאַר אים אירע צאַרטע, וואַרעמע אָרעמס און ער האָט אויס בושה זי אָפּגעשטויסן. נאָר אַ וואַנזיניקער האָט געקאָנט טראַכטן, אַז גבורה ליגט אין דער שווערד און חרפּה אין דער ליבשאַפט צו דער באַגערטער פרוי. דאָ, וואו ער שטייט היינט צופוסנס די הויפנס אַש, אין דער אונטערגעגאַנגענער שטאָט, צי איז דען פאַראַן אונטער דער זון אַ שענער ווערק פון גאָטס הענט, אויסער רחב'ן? די דאָזיקע אומדערשראָקענע פרוי איז ווערט צו טראָגן אַ קרוין לויט איר אָפּשטאַם און זי פאַרדינט געליבט צו ווערן פאַר איר העלדישקייט. ווער וועט איר געבן די באַלוינונג פאַר איר פאַרשטענדיק האַרץ?

אין זיין צערודערטקייט האָבן זיינע ליפּן קוים געמורמלט: אָ, אומגליקלעכער וואָס איך בין! כ'האָב זי געהאַט אין מיין באַזיץ, אָבער כ'האָב מורא געהאַט פאַר דעם צאָרנדיקן גאָט. פאַרוואָס האָט מיין אייפער באַזיגט מיינע באַגערן? ווער האָט מיך בלינד געמאַכט אין יענעם טאָג, ווען זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר איר פרישן, בליענדיק לייב? איך האָב זיך צוגעהערט צו דער פאַלשער וואָרענונג: שטיי אָפּ! ריר נישט אָן איר צאַרטן גוף! ווער האָט מיך געצוואונגען ביייצוקומען די לוסטן, וואָס פון זיי מעג געניסן יעדער פּראָסטער שלאַכטמאַן? צי באַלוינט דען דער אַלמעכטיקער זיינע געטרייע מיט דער שטראָף, אַז זיי זאָלן ברענען זייערע לייבער, אויסטריקענען דאָס בלוט אין זייערע אָדערן און פאַרצערט ווערן פון זייערע תאוה'ס? אָ, באַשעפער פון דער וועלט! אויב זינדיק זענען מיינע מחשבות אין דער דאָזיקער שעה פון פרורוואונג, שטראָף מיך מיט די יסורים פון גוף, ברען אויס דעם מאַרך פון מיינעביינער, אָבער לאָז מיך ווערן ווידערשפּעניק צו מיין קריגסהאַר דאָס איינציקע מאָל! פאַרווער מיר נישט צו דערנענטערן זיך צו דער דאָזיקער פרוי. זאָל אויף מיר פלאַטערן דער דופט פון איר אָטעם, לאָז מיך מיטנעמען דעם באַריר פון איר צאַרט לייב, וואָס וועט מיך אָפּפרישן ווי לויטער קוואַל־וואַסער אין מיין געלויף צו די שלאַכטן אין כנען.

ער האָט קיין העזה נישט געהאַט אַרויסצורײדן הויך די לעסטערנדיקע רייד, אָבער זיינע פאַרצווייפלטע טראַכטונגען זענען סיי ווי דערהערט געוואָרן, ווייל אויף יהושוע'ס צייכן האָבן צוויי וועכטערס גיך דערוויטערט רחב'ן פון דעם אָרט. כלב האָט געזען ווי זי ווערט אָפּגעפירט צום אַריינגאַנג פון יהושוע'ס



וישבע יהושוע בעת ההיא לאמור: ארור האיש לפני ה׳ אשר יקום ובנה את העיר הזאת יריחו... — און יהושוע האָט באַשוואוירן אין יענער צייט אַזוי צו זאָגן: פאַרשאָלטן פאַר גאָט זאָל זיין דער מאַן, וואָס וועט אויפשטיין און אויפבויען די דאָזיקע שטאָט יריחו...

געצעלט און ער איז אַ פאַר׳יאוש׳טער געפאַלן אויף די קניען. ער האָט אויפגע־ריסן דעם טוניק אונטער זיין פאַנצער און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין זאַמד, ווי ער וואָלט איינגעזונקען אין אַ שלומער.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געלעגן מיטן פּנים אַרויף, אנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון. די שקיעה־פייערן האָבן פאַרגאָסן דאָס אָפענע לאַנד אין מערב. דער הימל איבערן אויסשפּרייט האָט געגליט ווי אַ פלאַקערדיקער ים, אָבער פאַר כלב׳ס אויגן איז געשטאַנען אַ שוואַרצער נעפּל ווי ער וואָלט געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט. ער האָט צוגעלייגט די פינגער צו די אויגן־דעקלעך און פון דעם נעפּל האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ געשטאַלט, איינגעהילט אין אַ ווייסן דעקטוך. עס איז געווען דער אַלטער כהן יהויקים, וועלכער האָט זיך דערנענטערט צו אים. דער געבויגענער, אויסגעצערטער גוף ביים זקן איז אַצינד געווען אויסגעגלייכט. זיינע מידע אויגן האָבן געשטראַלט און אויף דעם פאַרמעטענעם פּנים האָט געלויכטן אַזאַ לויטערקייט ווי ער וואָלט ערשט אַרויס פון אַ פרישן וואַסער־קוואַל.

— הויב זיך אויף פון דעם חרובן אָרט, כלב און גיי נאָך דיין קריגסהאַר יהושוע — האָט יהויקים געזאָגט — ווי אַזוי קאָן דען פעלן אין דער מלחמה אויף כנען דער, וואָס האָט אַראָפּגענומען די ריגלען פון יריחו פאַר די קריגס־מענער פון ישראל? פאַרלאָז די טויטע שטאָט, כלב. אין דעם לאַנד פון געבערג וועסטו און דיין הויזגעזינד אַרבן דיין נחלה. און בלייבן וועט רחב צווישן ישראל אויף אַלע טעג, אָבער נישט דיר וועט זי געהערן. צי האָבן דען פון שטענדיק אָן די אויסדערוויילטע פון ישראל זיך נישט באַהאָפטן מיט טעכטער פון פרעמדע פעלקער? אברהם האָט גענומען הגר׳ן און משה איז געקומען צו צפורה׳ן. און ווער קאָן פאַרהיטן יהושוע׳ן פון דערקענען רחב׳ן, אַז פון אירע לענדן זאָלן אַרויסגיין די געזאַלבטע פון ישראל?

דער זקן האָט זיך דערווייטערט און זיין שאָטן אונטער דעם פלאַמענדיקן הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַן אומענדלעך דעקטוך איבער דעם זאַמדיקן שליאַך. כלב האָט געקוקט צו דער אויסגייענדיקער זון. דאָס ליכט פון דער וועלט האָט זיך געלאָשן און אַזוי האָט זיך געלאָשן זיין האָפענונג אויף טרייסט. אונ־טער דעם ברענענדיקן הימל־דעק האָט זיך אַרויסגעהויבן די לעצטע וואַנט. יריחו איז געלעגן אין שטויב, אָבער רחב׳ס הויז אין דער פאַדערשטער מויער האָט זיך געשטרעקט ווי אַ טורעם, געשווינט פון אַלמעכטיקן, געשיצט פון גיבורים. ער האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס, אָבער זיין גוף איז געבליבן צוגעשמידט צו דער ערד, ווי ער וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן פון פאַרכט פאַר דעם פלאַקערדיקן באַשאַף ביים סוף פון טאָג.

רחב איז געווען אָפּגעשיידט פון אים. אַזוי ווי אַ צאַרטע טויב פון איר נעסט איז זי גרויזאַם אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיינע אָרעמס. עס האָבן זיך געהאַט דערנענטערט זייערע הערצער, אָבער עס זענען געבליבן דערווייטערט זייערע לייבער. דער פּחד צו בלייבן ווידערשפּעניק צו זיין האַר יהושוע האָט ווידער אויפגעציטערט אין אים יעדן אבר. אין זיין יאוש האָט ער דערשפּירט זיין אייגענע שפלות.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דרום־זייט. ווייטע טענער ווי באַרוישנדיקע האַרפן־קלאַנגען האָבן זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן. פון דעם לאַגער פון די וואָפּנטרעגערס איז אויפגעגאַנגען דער רעש פון קלינגענדיקן כלי זין. לויפֿיונגען מיט בראַנדהעלצער האָבן אָנגעצונדן ראַד־פייערן און פאַקעלן האָבן אויפגעלויכטן פאַר די געצעלטן, וואו פלינקע שקלאַפן האָבן געגרייט דעם מאָלצייט פון נצחון פאַרן חייל.

אַ וואַקלדיקער האָט כלב זיך געשטעלט אויף די פיס. ער האָט געוואָרפן הינטער זיך דעם לעצטן בליק אויף דער פאַרלענדטער שטאָט. דערנאָך האָט ער מיט אויסגעשפּרייטע הענט זיך געטראָגן פאַראויס צו דער מחנה, וואו עס זענען געווען איינגעזאַמלט די שלאַכטמענער פון ישראל.

אויסצוגן פון דער קריטיק וועגן שמואל איזבאַנס ראָמאַן „די קעניגין איזבל"

א. גלאַנץ־לעיעלעס („טאָג־מאָרגן־זשורנאַל") :

...שמואל איזבאַנס לשון אין דעם ראָמאַן פליסט שיין און קרעפטיק. ער קען קינסטלעריש שילדערן און ס'פעלן אים נישט אוים קיין ווערטער סיי פאַר דעם גאַנצן בילד, סיי פאַר אַלע דעטאַלן. יידיש אונטער זיין פעדער קלינגט נישט בלויז רייך, נאָר אויך קולטורעל און מאָדערן. גלייכצייטיק איז די שפּראַך גאָר היפּש סטיליזירט. דער ראָמאַניסט האָט געוואָלט איבערגעבן די לעקסיק פון דער עפּאָכע אַזוי, אַז יידיש זאָל דערמאָנען דעם זאַץ־בוי און דעם וואָרט־קלונג פון דער תנכישער עפּאָכע.

איזבאַן האָט גאָר באַזונדערס דעם עפּיזאָד פון נבות היזרעאלי איבערגעגעבן מיט פייערלעכקייט, מיט קינסטלערישער פאַרטיפונג און דראַמאַטישער געשפּאַנטקייט.

יעקב באַטאַשאַנסקי („די צוקונפט") :

...שמואל איזבאַן, דער ראָמאַניסט, וועלכער צייכנט זיך אוים מיט קראַפט, טעמפּעראַמענט און מיט אַ קלאָר שאַרפער שפּראַך, האָט אין זיין נייעסטן ווערק „די קעניגין איזבל" זיך פאַרמאָסטן צו שילדערן מלכות ישראל אין משך פון כמעט איר גאַנצער עקזיסטענץ.

געבוים איז דער ראָמאַן זייער בריה'ש. איזבאַן באַהערשט די טעכניק פון אַ ראָמאַן ווי גאָר ווייניקע צווישן אונדזערע שרייבער. דאָס בעסטע און שענסטע אין איזבאַנס ראָמאַן איז בלי שום ספק די שפּראַך. זי פאַרמאָגט האַרטקייט און שטאָלענע פעסטקייט ווען ער רעדט וועגן קריג. זי פאַרמאָגט פייער ווען די נביאים שטראָפן און זי פאַרמאָגט צאַרטקייט און פאַרפירערישקייט, ווען מ'רעדט וועגן ליבע און זינד.

ש. איזבאַנס „די קעניגין איזבל" איז אַ ווערק, וואָס וועט פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין דער היסטאָרישער יידישער ליטעראַטור, אַ ווערק וואָס וואַרפט אַ געהעריג און אייגנאַרטיק ליכט אויף אַ וויכטיקער תקופה אין דער יידישער געשיכטע און וואָס פאַרמאָגט אַן אויסגעהאַלטענעם סטיל און אַ רייכע שפּראַך און האָט דעם קאָליר פון דער געשילדערטער עפּאָכע.

ש. איזבאַן

דר. שלמה ביקל („טאָג-מאָרגן-זשורנאַל”):

...עס איז ממש צו באַוואונדערן וואָס גראַד אויף יידיש איז שמואל איזבאַנען געלונגען צו דערציילן אונדז דעם סיפור המעשה אין אַ שפּראַך, וואָס אָטעמט ביבליש און אירע באַשרייבונגען פון געשטאַלטן און דער עיקרשט, אין דעם פּאַטאָס פון אירע דיאַלאָגן.

איך וויל אונטערשטרייכן, אַז איזבאַן פאַרמאָגט קינסטלערישע קראַפט ביים מאָלן מאַסן-סצענעס, אַ חוץ די מאַרק-בילדער ביים אָנהויב פון ראָמאַן און אַ חוץ די שלאַכט-סצענעס ביי אפק און רמות גלעד, איז איזבאַנען אויך געלונגען צו געשטאַלטיקן דאָס געריכט און די ריכטער, וואָס האָבן אין יזרעאל זיך גע־זעצט משפּטן נבות'ן לויט דעם באַפעל פון דער קעניגין — און דערנאָך דעם שוידערלעכן ספּעקטאַקל פון נבות'ס פאַרשטייניקונג.

איך האַלט, אַז ס'וועט זיין יושרדיק אָנצואווייזן, אַז דער ראָמאַניסט האָט זיך געראַנגלט מיט אַ שטאָף וואָס אין תוך קען ער סטאַיען נישט אויף איינעם, נאָר אויף עטלעכע ראָמאַנען. און מען מוז ממש באַוואונדערן ווי אַזוי איזבאַן האָט אויף די אָן ערך אַכט הונדערט זייטן פון זיין יידישן סיפור (אין דער העברעאישער איבערזעצונג זענען עס בלויז קנאַפּע פינף הונדערט זייטן) געקאָנט שאַפן אַ בנין פון אַ סיפור המעשה מיט אַ סך פּלאַנירטער אָרדענונג און מיט כמעט נישט קיין ענגשאַפט אין רוים צווישן צענדליקער געשטאַלטן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש („די פּרעסע” ב. איירעס):

...אויף דער מאָגערער תנך-סכעמע האָט שמואל איזבאַן אויסגעבויט אַ טורעמדיקן בנין, וואָס דערהויבט זיך פון די פּשוטע המון-קעלערן און הענדלער־גאַסן ביז צו די זאַלן פון קעניגלעכן פּאַלאַץ. אין איזבאַנס ראָמאַן איז פאַראַן דער מענטש פון אַלע צייטן, אָבער אין דער ספּעציפישער אַטמאָספערע פון יענער היסטאָרישער תקופה. פון יעדן זייטל בלענדט מיט אַלטערטימלעכן שטייגער־קאָלאָריט און מיט אַלט-אָריענטאַלישן לעבנס-געמעל.

דאָס שענסטע פון ראָמאַן איז דאָס וואָס ער איז געשריבן אין שליסל פון תנכישן לשון. איזבאַנס תנכישער יידיש פאַרכאַפּט ממש. זיין אַרכאַאיש לשון, פליסט מיט דער פרישקייט פון אַ קוואַל און ס'איז זאַפטיק און איינפאַלעריש. מען באַקומט אַפט דעם איינדרוק, אַז די העלדן פון יענער ווייטער ביבל-צייט האָבן גערעדט און געדענקט, זיך געקריגט און געליבט אויף איזבאַנס תנכישן יידיש. דאָס איז זייער אַ סך. ס'איז אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר אַ שרייבער, וואָס האָט, חוץ דעם, אַנדערע שרייבערישע דערגרייכונגען.

אליהו טראַצקי („אונזער קיום” פּאַריז:

...אין „די קעניגין איזבל” האָט איזבאַן מייסטערהאַפט דערגרייכט די מדרגה פון קינסטלערישער כשוף-מאַכעריי. ס'איז בפירוש שווער פון דעם ווערק זיך אָפּצורייסן.

שמואל איזבאַנס פּאַליטרע איז בולט, שאַרף און פאַרבנרייך. ער שילדערט זיינע היסטאָרישע געשטאַלטן מיט אַזאַ ליכטיקייט און איבערצייגנדיקער זיכער־קייט ווי זיי וואָלטן געשטאַנען פאַר אים ווי לעבעדיקע מאָדעלן. זייער אייג־דרוקספול שווילט זיך אַרויס פון שמואל איזבאַנס היסטאָרישן לייוונט די דע־מאָנישע געשטאַלט פון דער מלכה איזבל, אַט יענע פאַרקערפּערונג פון סעקסועלער מאַכט מיט רעליגיעזער טומאה.

איזבל׳ס קעניגרייך איז בלי ספק איינע פון די וואונדערלעכסטע שילדע־רונגען, וואָס שייך אַרכיטעקטאָנישן אויפבוי, פאָרם און סטיל. שמואל איזבאַן האָט מיט זיין נייעם הויך־קינסטלערישן ראָמאַן אַריינגעשריבן אין זיין אייגענער ליטעראַרישער ביאָגראַפיע איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען.

משה שענדעריי („די אידישע צייטונג") בוענאָס איירעס:

...דורך די 9 טיילן פון דעם איזבל־ראָמאַן גייען דורך מענטשן און פעלקער, יידן, אַרמים, פעניציער, קריגספירער, נביאים, הייליקע טענצערינס, שקלאַפן־הענדלערס, א. אַ. וו. עס איז אַ שפע מיט סיטואַציעס, מיט דראַמאַטישע פּאַסי־רונגען, מיט כאַראַקטערן, וואָס שמואל איזבאַן מאָלט מיט זיין געבענטשטן טאַ־לאַנט און שטעלט זיי אויף ווי לעבעדיקע געשטאַלטן אין זייער צייט און אין זייער סביבה.

עס איז אַ מין תחית המתים פון אַ תקופה, אַ מין ליטעראַרישע אַרכעאָ־לאָגיע, וואָס שטעלט צוריק אויסגעגראָבענע האַלב־פאַרגעסענע דורות און פּאַ־סירונגען. די דראַמאַטישע קאַפּיטלעך, עפּיזאָדן, סצענעס, מייסטערהאַפט באַשריבן, מאַכן דעם איזבל־ראָמאַן פון שמואל איזבאַן פאַר אַ גרויס יידיש ווערק.

פנחס שטיינוואַקס („אַמעריקאַנער"):

...מען דאַרף זיין אַן ערשטראַנגיקער קינסטלער אויף לעבעדיק צו מאַכן אַ היסטאָרישע עפּאָכע פון יאָרטויזנטער צוריק, צו מאָלן געשטאַלטן פון גאָר אַלטע דורות און בעיקר, צו שילדערן מענטשן און אַקציע אין אַ שווערן גע־ראַנגל. גאַנץ באַזונדערס איז שווער צו שילדערן מלחמה און אַרויסברענגען די גאַנצע רויקייט פון קריג, אַן באַפּוצונג — בפרט אַ מלחמה, וואָס האָט געהאַט אַ יידישן ציל — די אידייע פון ה׳ אחד.

אונדזער שריפטשטעלער שמואל איזבאַן געהערט צו דער מדרגה פון קינסט־לער, וועלכע קאָנען אויף אַ דראַמאַטישן אופן איבערגעבן סצענעס, וואָס שיילן אַרויס בולט די היסטאָרישע תקופה אין אַזאַ קינסטלערישער עכטקייט, וואָס באַווירקט דעם לעזער, וואָס האַלט אים צוגעשמידט צו די שילדערונגען, פון וועלכע ער קען זיך נישט אָפּרייסן. מען דאַרף פאַרמאָגן אַ קינסטלערישן לאַנגן אָטעם אויף צו פאַרמעסטן זיך אויף אַ היסטאָרישן ראָמאַן, וואָס זאָל אַרומ־נעמען אַ מלחמה־תקופה. נאָר גרויסע קינסטלער קאָנען זיך אונטערנאַרטלען צו אַזאַ פאַרמעסט.

דעם שרייבער שמואל איזבאַן און דעם פאַרלאַג „יידבוך" — אַ ישר כוח פאַר מזכה זיין דעם יידישן לייענער מיט אַזאַ ווערטפולן ווערק.

ביכער פון שמואל איזבאַן:

מאַסן (ראָמאַן)

נאָכן שטורעם (דערציילונגען)

קוועך 1914—1918 (ראָמאַן)

אויף רושטאַוואַניעס (דערציילונגען)

צווישן הונדערט טויערן (דערציילונגען)

אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ים׳ען (די געשיכטע פון א רייזע אויף מעפּילים־שיפן)

פאַמיליע קאַרפּ (ארץ־ישראל־ראָמאַן, 2 בענדער)

די שטאָט פון צאָרן (ניו־יאָרקער דערציילונגען)

די קעניגין איזבל (ראָמאַן, 2 טיילן)

יריחו (ראָמאַן)

אין העברעאישער איבערזעצונג:

בבית הדין (דערציילונגען)

בית קאַרפּ (ראָמאַן)

המלכה איזבל (ראָמאַן)

9 סיפּורים מניו־יורק (דערציילונגען)

אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)
3) י. י. טרונק — כעלעמער חכמים (אויספאַרקויפט)
4) שלמה סיימאַן — אַמאָליקע יידן (אויספאַרקויפט)
5) פּראָפ׳ ליבמאַן הערש — אויף דער גרענעץ פון צייטן
6) יצחק פערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד (אויספאַרקויפט)
7) י. י. טרונק — דער פרייליכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)
8) ש. סיימאַן — תוך־יידישקייט
9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
(פרעמירט דורך דעם ל. בימקאָ־פאָנד)
10) אַברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן
11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען
12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)
13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע
14) יצחק פערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן (אויספאַרקויפט)
17) יעקב פאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)
18) שלמה סיימאַן — וואַרצלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)
19) מנחם באָריישאָ — עסייען (אויספאַרקויפט)
20) משה דלוזשנאָווסקי — דערציילונגען און דראַמען
21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורך דער ז. גזשיוואַטש־פרעמיע)

22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראטן (אויספארקויפט)
23) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — יידישער אומקום אין פראנקרייך
24) דוד איגנאטאוו — אפגעריסענע בלעטער
25) חיים גוטמאן (דער לעבעדיקער) — פאמפאדור
26) נח גאלדבערג — אויף צעווארפענע וועגן
27) י. ה. פישמאן — פריער און שפעטער
28) ל. לאסאוויק — א חתונה אויפן בארג לבנון
29) משה דלוזשנאווסקי — ווי א בוים אין פעלד (ראמאן) (אויספארקויפט)
30) ב. שעפנער — א בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט
31) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — לאדוש אין מיין זכרון
32-33) אברהם זאק — אויף שליאכן פון הפקר (צוויי טיילן)
(פרעמירט דורך דעם לואיס־לאמעד־פאנד)
34) סטעפאן צווייג — די וועלט פון נעכטן (אויספארקויפט)
35) וויליאם נאטאנסאן — קולטור־קוואלן
36) ב. ריוואקין — יידישע דיכטער אין אמעריקע
37) יצחק פערלאוו — פלארא אינגבער
38-39) שמואל איזבאן — די קעניגין איזבל (2 בענד)
40) שלמה סיימאן — צווייגן
41) מ. אקערמאן — פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
42) מרדכי וו. בערנשטיין — דאס איז געווען נוסח אשכנז
(פרעמירט דורך דעם יוסף העקמאן־פאנד)
43) שלמה ראזענבערג — די כוזרים
44) אנטאלאגיע פון דער וועלט־ליטעראטור
(איבערגעזעצט און צוזאמענגעשטעלט פון י. איסאקסאן)
45) י. י. טרונק — משיח־געוויטער
(ארויסגעגעבן צוזאמען מיט דעם „ציקא“־פארלאג)
46) יוסף ראלניק־בוך (אויספארקויפט)
47) אברהם ווייץ — די לעצטע געטא
48) ק. קצנלסון — דער קריזיס פון מאדערנעם העברעאיש
(ארויסגעגעבן צוזאמען מיט דעם „ציקא“־פארלאג)
49) גריגארי אראנסאן — רוסיש־יידישע אינטעליגענץ
50) שלמה סיימאן — אויף אייגענע דרכים

51) ח. ש. קאַזדאַן — מענטשן פון גייסט און מוט
52) משה דלוזשנאָווסקי — ווינט־מילן
53) ישעיה טרונק — שטודיעס אין יידישער געשיכטע אין פוילן
54) נח גאָלדבערג — ווילדגראָז
55) פ. וואַלד — געשטאַלטן פון יידישן פאָלק
56) מנוחה ראַם — ווינטן
57) יעקב פאַט — חנהקע (די טאָכטער פון דער לערערין שיינע)
58) משה דלוזשנאָווסקי — טירן און פענצטער
59) שמואל איזבאַן — יריחו

אין גיכן דערשיינט:

60) פ. וואַלד — ארגענטינע (1טער באַנד)

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 87 - 9566 — BUENOS AIRES

S. ISBAN

JERICO

NOVELA HISTORICA

EDITORIAL "I D B U J"
de la Asociación Pro-Escuelas Láicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1966